STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10999

HIDROTSENTRAL

Marietta Sergeevna Shaginian

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-10999-1

9780657109998T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

Moses A. Wei
3 Ireland Road
Newton Centre, Mass.

מאריעטע ·שאגיניאן

הידראָצענטראל

ראָמאן

יידיש — ל. רעזניק

מעלוכע־פארלאג פאר די נאציאָ־
נאלע מינדערהײַטן אינ אוסר״ר

כארקאָוו 1933 קיִעוו

פאראנטוואָרטלעכער רעדאקטער — מ.
קאמענשטיין. ליטרעדאקטער — דער ניס-
טער. טעכנישער רעדאקטער—כ. ליומקיס.
הילע און סופּער-הילע — אי. פלעש-
טשינסקי. קאָרעקטער— כ. ליומקיס.

אלוקר. פֿאָליגר. פאררייניקונג,
3-טע דרוקעריי, בערדיטשעוו
באשט. 2516 2000 עקז. 29 דר. בויגנ
אוקרליט נומ. 2638 שטאָטליט נומ. 582
1933 יאָר.

מאריעטע שאגיניאנ

מאריעטע שאגיניאנ געהער צו יענעמ קרײַז שרײַבערס, וואָס די שאפונג זייערע וואקסט אויס פונ דער סאָציאַלער פראקטיק, פונעמ דירעקטנ אָנטייל אינעמ קאמפ אונ אינ דער בויונג פונעמ ארבעטער־קלאס. דאָס איז יענער סימענ, וואָס באשטימט איר ליטעראריש־פאָליטישע פאָזיציע. דאָס איז דאָס הארצ, דער טאָכ פונ איר שעפערישנ מעטאָד.

ליטערארישנ רוישטאָפ קאָנ מענ „פארגרייטנ״. פראָפעסיאָנאלנ זאָגנ טאקע אזוי: „מ׳ר־פאָרנ מאכנ פארגרייטונגענ״. מע קאָנ פארגרייטנ ליטערארישנ רוישטאָפ מיט די מעטאָדנ פונ א פארגרייט־אָרגאניזאציע—דורכ רײַזעס אונ צומ סעזאָנ, צופאסנדיק, לעמאָשל, א ליטערארישע רײַזע צו א קוראָרט־וואָיאזש. אזוי ווערט געבוירנ דער ראָמאנ אפ איינ טאָג. ער גיט א בלישטשע, ווי א פאלנדיקער שטערנ, אינ א זשורנאל, אונ אז ס׳גיט זיכ איינ, באווײַזט ער זיכ עפשער א צווייט מאָל ערגעצ אינ א פארלאג, קעדיי צו פארשווינדנ דערנאָכ אפ אייביק.

עס לעבט נאָכ דאָס נאיווע גלויבנ אינ דער „מאגיע פונ וואָרט״, דאָס גלויבנ, אז א קינסטלעריש ווערק קאָנ אנטשטיינ אינ סיידער פונ טעכנאָלאָגישנ פראָצעס: פונ ליטעראריש איבערקאָכנ דעמ אפ גיכ פארגרייטנ רוישטאָפ.

עמעסע קונסט אָבער קומט אינ לעבנ מיט אנ אנדער וועג. זי אנטשטייט פונ דער געזעלשאפטלעכער סאָציאלער פראקטיק פונעמ שרײַבער, פונ אָרגאנישער אומופהערלעכער פראקטיק, פונ זײַנ אָנטייל אינעמ קאמפ אונ אינ דער שאפונג פונ זײַנ אייגענעמ קלאס. די „סאָנימ״, „די „מוטער״, „קלימ סאמגינס לעבנ״ וואָלטנ ניט אָנגעשריבנ געוואָרנ, ווענ דער אווטער זאָל ניט געווענ צוגייג צומ שאפנ זיי מיט אנ אומגעהײַערער פראקטישער דערפארונג פונ א געזעלשאפטלעכנ טוער אונ פונ א רעוואָליוציאָנער. דאָס בילד פונעמ מאָסקווער אופשטאנד, דאָס שטארקסטע בילד אינ „קלימ סאמגינס לעבנ״, וואָלט ניט געווענ באשאפנ געוואָרנ, ווענ דער שרײַבער וואָלט אלייג ניט געווענ קיינ קעמפער פונ דער רוסישער רעוואָליוציע.

דער אינטעליגענט האָט זיכ אויסגעקלעפט טשעכאָווס געשטאלט לויטנ מוסטער פונ זײַנ אייגענעמ אומעטיקנ אויסזענ. אונ מיר האָבנ גאָר פארגעסנ, אז טשעכאָוו האָט געארבעט אינ דער זעמסטווע: ער האָט, אלס א דאָקטער אונ א מיטגליד פונעמ סאניטארנ ראט, אינעמ יאָר פונ כאָלערע אָנ קיינ שומ לוינ פארוואלטעט מ׳ט א באצירק. ער

האָט געהאט אונטער זײַנ רעשוס פינפ און צוואנציק דערפער, פיר פאבריקנ און א מאָנאסטיר. אינ מעשעכ פונ עטלעכע כאראָשימ איז ער ניט אראָפגעקראָכנ פונ וואָגנ. ער האָט געקעמפט מיט דער כאָלערע אפנ ראיאָנ, פלעג צונעמענ קראנקע בא זיכ אינדערהיימ און האָט געפונענ צײַט אפ באשעפטיקנ זיכ מיט ליטעראטור. טשעכאָווס געזעלשאפטלעכע פראקטיק איז געווענ די פרווו־לאבאָראטאָריע פונ שרײַבער: דאָ האָט ער געפונענ א ריי געשטאלטנ, סיוזשעט־סיטואציעס, באפליגלטע ווערטער.

דער אומרו און דאָס פארטראכטקײַט פונ דער ארכאישער יאסנע פאָליאנע, די קאָמפליצירטע צווישנ־באציִונגענ מיטנ פויערטומ אינ דער עפּאָכע, וואָס נאָכ דער רעפאָרמ, די ווירטשאפטלעכע זאָרגנ פונ א גרויסער פריצישער פאמיליע האָבנ אונטערגעזאָגט ל. טאָלסטויענ א ריי געניאלע זײַטלעכ.

און, לעסאָפּ, די גרויסע פיגור, וואָס הייבט זיכ אופ איבער אלע צײַטנ, די פיגור פונ געטענ, פונ אָט דעמ געניאלנ שעפער, געלערנטנ און מעלוכע־טוער.

מאריעטע שאגיניאנ ווייסט פונ אזא פרייד, וואָס זייער ווייניק מענטשנ זײַנענ צו הײַנטיקנ טאָג מיט איר באקאנט. זי האָט אינ מעשעכ פונ א ריי יאָרנ שטודירט געטענ לויטנ אָריגינאל. די באריִרונג מיטנ גרויסנ דיכטער איז געוואָרנ איר טאָגטעגלעכע באדערפעניש. ניט נאָר זי קאָנ אימ אויסגעצייכנט, נאָר זי האָט נאָכ ניט לאנג פאר דער מילכאָמע מיט א רײַזע־זאק אפ די פּלייצעס באזוכט וויימאר, ווו ס'האָט אמאָל, באמ הויפ פונעמ הערצאָג קארל־אווגוסט, געלעבט און נעארבעט דער גרויסער דיכטער. מאריעטע שאגיניאנ האָט אָנגעשריבנ א בוכ „די רײַזע קיינ וויימאר", וואָס איז איינס פונ די סאמע באדײַטנדיקע ווערק וועגנ דער דײַטשישער קולטור.

און ס'איז ניט קיינ צופעליקײַט, וואָס אינ די טעג פונ וואָלפגאנג געטעס הונדערטיאָריקנ יובילײ שטעלט זיכ מאריעטע שאגיניאנ אָפּ גראָדע אפ דער פאו'בינדונג צווישנ דער שאפונג פונעמ דיכטער און זײַנ פראקטישער טעטיקײַט. זי ווײַזט אָנ אפ דער סאמע ענגער פארבינדונג, וואָס איז פאראנ צווישנ דעמ „סאָציאלנ טונ",—ווי עס דריקט זיכ אויס מאריעטע שאגיניאנ,—צווישנ דינענ דעמ אייגענעמ קלאס און דער פּאָעזיע פונעמ גרויסנ געטע. דער מיניסטער פונעמ הערצאָג קארל־אווגוסט, דער דיכטער געטע, איז צופוס אויסגעגאנגענ גארצ, האָט באזוכט די פארוואָרפענע בארג־קאריערנ אינ אילמענאו, האָט זיכ אראָפגעלאָזט אינ די שאכטעס, האָט געפירט שמועסנ מיט ספעציאליסטנ פונ דער בארג־אינדוסטריע—ער האָט זיכ געשטעלט פאר אנ אופגאבע ארויסצורופנ צומ לעבנ די רײַכע מיט ארצ און שטיינ געגנט.

אָפּשאצנדיק אָט די פילארטיקע פראקטישע טעטיקײַט פונעמ גרויסנ דיכטער, פרעגט מאריעטע שאגיניאנ: „וואָס־זשע איז איבערגעבליבנ פונ אימ אלס א קינסטלער צווישנ אָט די אלע מעלוכע־זאָרגנ?" „ווו איז געווענ געטע דער שרײַבער?" און זי ענטפערט אפ אָט דער פראגע:

„מיר ווייסן, אז געטע איז ניט נאָר ניס אומגעקומען, נאָר אז גראָדע אָט דער שול פון פראקטיק האָט ער צו פארדאנקען פאר זײַנע ווײַטערדיקע פילוואָגיקע ווערק, ווי צווי „פאוסטן", צוויי „ווילהעלם מײַסטער", „קרויוועשאפט לויט אן אויסוואל", „ווירקלעכ־קײַט און אויסטראכטעניש", „טאסאָ", „אינפיגעניען". דורך אָט דער שול האָט ער פארטיפט אין זיך דאָס, וואָס ער האָט געדארפט זאָגן דער מענטשהײַט, דורך איר האָט ער פאר־פולקומט, וויאזוי צו זאָגן".

פאר מאריעטע שאגיניאן איז פרינציפיעל ניט אָנעמבאר דער געשטאלט פון א „קאַ־בינעט־שרײַבער", פון א בוך־מענטש, וואָס לעבט מיט אן אָפגעשפיגלטער שײַן פון קונסט, פון אן אייגנטימער פון פרעמדער יערושע: „איך האָב באקומען א געבענטשטע יערושע—פון פרעמדע דיכטערס בלאָנדזשענדע טרוימען". איר איז פײַנטלעך א געשטאלט פון א שרײַבער, וואָס איז „ארויסגעטראָגן פון יענער זײַט קלאמערן", „וואָס איז באפרײַט פון אלע איבעריקע פליכטן פון זײַן קלאס".

פארן אווטער פון „הידראָצענטראל" איז די פראגע „וויאזוי שרײַבסטו" ענג פאר־בונדן מיט דער צווייטער פראגע: „וואָס טוסטו". מאריעטע שאגיניאן ווייסט: „אָנעם אר־בעט־פראָצעס, אָן מענטשלעכער צווישנבאציִונג איז ניט מעגלעך צו באנעמען די וועלט". „באנעמען די וועלט, ניט אָנטיילנעמענדיק אינעם שאפן זי, איז אוממעגלעך" (מ. שאגיניאן „טאָגבוכער").

אָט דאָס וויסן האָט מאריעטע שאגיניאן געקויפט פאר א טײַערן פרײַז. ביז דער רעוואָלוציע איז בא דער שרײַבערן געווען א דויערנדיקער ראָמאן מיט די גאָטזוכערס („א שיק־מיידל בא מערעזשקאָווסקין",—זאָגט מאריעטע שאגיניאן מיט איראָניע וועגן איר ווײַטער פארגאנגענהײַט). זי האָט אָפגעגעבן איר גאָב אויך דער רעליגיע, וואָס איז, פארשטייט זיך, געווען זייער ראפינירט און איז, פארשטייט זיך, געווען פרײַ פון יעטווידער קלויסטע־רײַ. נאָר גראָדע וועגן אָט דער ראפינירטקײַט האָט לענין געזאָגט: „אפילע די סאמע ראפי־נירטע, אפילע די סאמע גוטוויליקע פארטיידיקונג אָדער באַרעכטיקונג פון דער אידייע גאָט—איז א באַרעכטיקונג פון רעאקציע" (ב. XVII ז. 85, רוס. אויסג.). איר וועלט־אָנשויונג איז א לאנגע צײַט געווען באהערשט דורך דער אידעאליסטישער פילאָסאָפיע, וואָס האָט באשטעטיקט די „אויסערדערפארנקײַט פונעם ריינעם דענקען", די אילוזאָריש־קײַט פון דער מאטעריעלער וועלט:

Вверху иного бытия
Звездосчитые убранства...
И, вздрогнув, вспоминаю я
Об иллюзорности проетранства.

„אָריענטאליא", „אייגענער גוירל", א ריי דערציילונגען, פובליציסטישע ארויסטרע־טונגען, וואָס זײַנען דאטירט מיט די יאָרן 1908—1917, זײַנען אנטשטאנען אונטערן צייכן.

פון סימבאָליזם. און אינ „פערעמענאַ“, א בוכ, וואָס איז אָנגעשריבנ שוינ אינ 1923 יאָר, א בוכ — א שאַרפנ (עס פילט זיכ אינ אים בוילעט דאָס אָפּזאָגנ זיכ פונ דער פאַרגאַנגענהייט און א קער צו דער רעוואָליוציע), דערקענענ מיר פונדעסטוועגנ די ווירקונג פונ אַנדריי ביעלי: א ריי זײַטלעכ פונ „פערעמענאַ“ — אַגעוו, ניט די בעסטע — איז אָנגעשריבנ מיט א ריטמישער פּראָזע, וואָס מע קאָנ זי קוים לײַדנ אפילע בא אזא גרויסנ מײַסטער, ווי דער מעכאַבער פונ „פּעטערבורג“. אינ „פערעמענאַ“ איז מאַריעטע שאַגיניאַנ שטאַרקער פונ אַלצ דאָרט, ווו זי איז גריוועער איר פאַרגאַנגענהײַט, ווו זי טרעט אַרויס ווי א רעאַליסט, ווי א סאַטיריקער.

איר אַרבעט אינ דער סאָוועטישער פּרעסע, — און אָנגעהויבנ האָט זיכ אָט די אַרבעט זייער פרי, אינ די ערשטע יאָרנ פונ דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, — איז געוואָרנ יענע צוגרייטונג־שול, וואָס האָט אינ א באַדײַטנדיקער מאָס מיטגעהאָלפנ מאַריעטע שאַגיניאַנ זי זאָל צערײַסנ דעמ פעלערהאַפטנ קרײַז אינטעליגענטישע שטימונגענ, איבערלעבונגענ. דאָס הייסט ניט, אז די צײַטונג איז געווענ דער איינציקער פאַקטער, וואָס האָט געווירקט אַפ דער וועלטאַנשויונג פונ דער שרײַבערנ. נאָר דער פּראָפעסיאָנעלער זשורנאַליזמ האָט אינ א געוויסער מאָס באַשטימט יענע אונטערשייד־צייכנס, וועלכע מיר געפינענ אינ דער שעפערישער איבערבוירונג פונ מאַריעטע שאַגיניאַנ. איר פיליאָריקע אַרבעט אינ דער צײַטונג פלעג אַרויסרופנ א גוטמוטיקנ שמייכל בא די קריטיקער — עסטעטנ („קינסטלערישער רעפּאָרטאַזש“) און איבערגעטריבענע ליבגעזאַנגענ פונ די „לינקע“ (דאָס קעגנשטעלנ די סקיצע — דער גרויסער קינסטלערישער פאָרמ). סײַ די ערשטע און סײַ די צווייטע האָבנ ניט פאַרשטאַנענ די ראָליע פונעמ קינסטלערישנ רעפּאָרטאַזש אינ דער שעפערישער סיסטעמ פונ מאַריעטע שאַגיניאַנ. די צײַטונג איז געווענ יענע לאַבאָראַטאָריע, אינ וועלכער ס׳זײַנענ דערלערנט געוואָרנ קאָמפּליצירטע דערשײַנונגענ, וואָס זײַנענ פאָרגעקומענ אינ דער נײַער, פאַרנ „קאַבינעט־שרײַבער“ אומבאַוווסטער וועלט. דורכ דער צײַטונג זײַנענ אײַנגעשטעלט געוואָרנ באַציִונגענ מיט מענטשנ „פונ יענעמ ברעג“. דורכ דער צײַטונג איז געגאַנגענ דער פּראָצעס פונ „לעכאַטכילעדיקער אָנזאַמלונג“, וואָס האָט דערנאָכ געגעבנ מאַריעטע שאַגיניאַנ א מעגלעכקײַט צו שאַפנ „הידראָצענטראַל“.

עפנט אופ דעמ בוכ „סאָוועטישער טראַנסקאַווקאַז“. אינ איר פאָרוואָרט רופט אָנ מאַריעטע שאַגיניאַנ דידאָזיקע סקיצעס — „א סעריע געשעפטלעכע שפּאַצירנ איבער טראַנסקאַווקאַז, ווו די נאַטור און די ווירטשאַפט ווערנ באַטראַכט ווי איינ גאַנצע זאַכ“.

שוינ אינ אָט דעמ פאָרוואָרט איז פאַראַנ עפּעס פונעמ גרויסנ לערער: אינ די אויגנ פונ וואָלפגאַנג געטע האָט זיכ די נאַטור אויכ פאָרגעשטעלט ניט ווי אַנ איזאָלירטע סטיכיִע, נאָר ווי א טייל פונעמ געזעלשאַפטלעכנ קאָמפּלעקס. און פּונקט ווי די רײַזע אַפ גאַרצ האָט מענ ווייניקער פונ אַלצ געקאָנט אָנרופנ שפּאַציר, אזוי קאָנ מענ אויכ ניט אָנווענדנ צומ בוכ „סאָוועטישער טראַנסקאַווקאַז“ אָט די, פולע מיט רויִקײַט און אָבסערווירונג, דעפיניציע.

דידאָזיקע סקיצעס האָבנ געהאט הינטער זיכ א ריזיקע ארבעט אפ שטודירנ די געגנט, אירווירטשאפט און עקאָנאָמיק. אינ די „טאָגביכער" איז אָפּגעשפּיגלט בלויז א קלייגער טייל פונ אָט דער ארבעט. צענדליקער העפטנ, פארשריבענע מיט א דינעמ, געדיכטנ, נאָר בוילעטנ קסאוו, הונדערטער זייטנ, פארשריבענע מיט אויסצוגנ, מיט מאטעמאטישע אויסרעכענונגענ דערציילנ וועגנ יענער פאָרשערישער מי, וואָס איז אוועקגעלייגט געוואָרנ אינ יעסאָד פונ אָט דעמ וווּנדערבארנ בוכ, וואָס איז העל, ווי א שעמאכאנער צייג.

וועגנ איר ארבעט אינ זאנגעזור, אינ די קאטארעד שאכטעס, דערציילט מאריעטע שאגיניאנ אזוי:

„איכ בינ ארייננ אינ דער שטאָלניע אינ נעצ און אינ בלאָטע, בינ צוגעקומענ ביז דער שאכטע און גענומענ זיכ אראָפּלאָזנ. א סאזשענ צוואנציק איז געווענ נישקאָשע, כאָטש ס'איז שווער געווענ צו אָטעמענ, נאָר אפ דער זעקס און צוואנציקסטער סאזשענ איז מיר געוואָרנ ניט גוט... קוימ־קוימ דערקליבנ זיכ ארופצו, קוימ־קוימ איבערגעכאפּט דעמ אָטעמ".

נאָר אפילע אזא צושטאנד האָט אפ קיינ איינ רעגע ניט איבערגעריסנ די פּראָפעסיאָנעלע געוווינהייט צו באאָבאכטנ, צו אנאליזירנ.

„איכ האָב באמערקט צוויי אומגעלומפערטקייטנ מיטאמאָל. זיי האָבנ געמאכט צוויי זאבויענ, פונויבנ און פונונטנ. צוערשט האָט מענ געמאכט דעמ אייבערשטנ, און איצט האָט מענ גענומענ מאכנ דעמ אונטערשטנ. ווענ ס'זאָל געווענ זיינ פארקערט, וואָלט זיכ אפנ וועג ניט באקומענ אזא געפערלעכע לופט־גרוב".

אנ אָנגעשטרענגטע, אויסמאטערנדיקע מי, וואָס איז ווייט ניט ענלעכ אפ קיינ שפּאציר.

„היינט איז א טאָג פונ מאליאריע. כ'האָב איינגענומענ כינע. ביידע באלעבאטימ מיינע האָבנ מיכ עקזאמענירט אפ שאכטיאָר. כ'האָב דעמ עקזאמענ אויסגעהאלטנ, כאָטש ניט אפ אלע פראגעס האָב איכ געקאָנט ענטפערנ".

די ארבעט אינ דער צייטונג איז פאר מאריעטע שאגיניאנ געווענ אנ אייגנארטיקער אוניווערסיטעט. דער ראפינירטער אינטעליגענט, איידער ער הייבט אָנ גלויבנ אינ דער נייער וועלט, וואָס בויט זיכ, דארפ זי פריִער דורכקאָנטראָלירנ, באנעמענ זי. אויב זומער 1917 איז מאריעטע שאגיניאנ געפאָרנ קיינ טראנסקאווקאז ווי א גאסט—א דיכטערנ, איז קומט זי צו פאָרנ אהער שפּעטער מיט א פינפ יאָר ווי א ווּיסנדאָרשטיקע זשורנאליסטנ. דער ווייטערדיקער שטאפל—נאָכ שפּעטער מיט דריי יאָר—איז שוינ א שטאפל, וואָס פירט צו פובליציסטיק, „ליידנשאפטלעכער און מיט א זיכערער פעסטגעשטעלטער אופגאבע". וועגנ דעמדאָזיקנ פעריאָד זאָגט מאריעטע שאגיניאנ:

„שוינ ניט קיינ דאָרשט נאָכ וויסנ ביכלאל, נאָר אופגאבעס פונ א פארטייִשנ אָרגאנ, וועלכע זיינענ געבונדנ מיט דער פראגע פונ אסיגנירנ קרעדיטנ, ברענגענ מיכ

קיין זאנגעזור און אין קאראבאך. און דידאָזיקע אופגאבעס, אויסגעפילטע פאר דער צײַטונג, קאָנען זיך ניט פארענדיקן בלויז אין די ראמען פון ליטעראטור. מיר האָט זיך, מיט דער הילף פונעם כ׳ מוסאבעקאָוו, אײַנגעגעבן אויסצוקעמפן צוויי מאָטאָרן, וואָס זײַנען גוואלדיק נייטיק פאר די קאפאנער גראָבנס און וואָס פאר זיי האָט זיך אָן קיין שום רעזולטאט געשלאָגן דער ארמענישער סאָוונארכאָז מיטן אזערבײַדזשאנער סאָוונארכאָז אין מעשעך פון דרײַ יאָר".

די זאך גייט, פארשטייט זיך, ניט אינעם קאמף פאר קרעדיטן, ניט אינעם זוכן צוויי מאָטאָרן און אפילע ניט אינעם אקטיוון אָנטייל פונעם שרײַבער אינעם קאמף צווישן די סאָוונארכאָזן פון ארמעניע און אזערבײַדזשאן. די זאך גייט אין דעם, וואָס דער שרײַבער האָט זיך אונטערגעוואָרפן צו די לויפנדיקע באדערפענישן פון דער בויונג. דאָס וואָלט געקאָנט ווערן א פארײנפאכונג, א ווולגאריזאציע, מיט וואָס ס׳האָט ניט איין מאָל געזינדיקט סײַ דער „לעפ" און סײַ דער ליטפראָנט. אָבער אָן אָט דער אָרגאנישער טאָגטעגלעכער ארבעט וואָלט אפילע ניט שײַעך געווען צו ריידן וועגן שעפערישער אָנזאמלונג, אָן אָט דער ארבעט וואָלט ניט מעגלעך געווען „הידראָצענטראל", וואָס איז בא הײַנטיקן טאָג דער שפיץ אין דער שאפונג פון מאריעטע שאגיניאן.

זיצנדיק אין מעשעך פון א גאנצן ווינטער אין ארמעניע און קומענדיק דערנאָך אפ לאנג צו פאָרן אהין אין מעשעך פון דרײַ יאָר, האָט זי געארבעט אפ דער גרעסטער בויונג פון ארמעניע אינעם פארוואָרפענעם לאָריער אויעזד—אפ דער בויונג פון דזאָראגעסער הידראָצענטראל.

„דער לעכאטכילעדיקער באשלוס צו באזעצן זיך אין אן ארבעטער־באראק,—זאָגט מאריעטע שאגיניאן,—קעדיי צו זען אלץ מיט די אייגענע אויגן און באשרײַבן, איז א נאַיווקײַט. די בויונג ציט אײַך אליין ארײַן אין דער ארבעט. די גרויסע זאך פונעם שרײַבער שמעקט עפּעס מיט פאראזיטישקײַט, בייס מענטשן ארבעטן ארום דיר, קעמפן, שלאָגן זיך, און דו גייסט ארום און קוקסט זיך נאָר אײַן".

דער בוך „סאָוועטישער טראנסקאווקאז" איז בענעגייע צו „הידראָצענטראל" דאָסזעלבע, וואָס דער פראט—צום אלגעמיינעם. אין „הידראָצענטראל" געפינען מיר שוין ניט נאָר דאָס בילד, ניט נאָר דעם געשטאלט פון אונדזער בויונג, נאָר אויך א באשטימטן סינטעז, א פאראלגעמיינערונג, צו וועלכע דער אווטער איז געקומען דורך דירעקטן אָנטייל זײַנעם אין דער בויונג, דורכן שטודירן דעם ריזיקן קאָנקרעטן מאטעריאל.

דער פאטאָס פון „הידראָצענטראל" איז אין דער מײַלע פון סאָציאליסטישער ארבעט, אין איר פּרינציפּיעלן אונטערשייד פון דער ארבעט אין די קאפיטאליסטישע לענדער. בא אונדז באזירט זיך די ארבעט ניט אפן אויסשעפן די פערזענלעכקײַט, נאָר אפן אומופהערלעכן אנטפלעקן נײַע שעפערישע קרעפטן פון דער פערזענלעכקײַט, אפן וווקס אירן. דער שרײַבער—דער אינטעליגענט האָט ניט צופעליק אופגעהויבן גראָדע אָט די

טעמע: די פּערזענלעכקייט אין דער סאָציאַליסטישער בויונג. די אידייע פֿונעם ראָמאַן איז אַרײַנגעלייגט געוואָרן אין די לעפּצן פֿון אַ געלן באָכער — אַ פֿילאָסאָף, אַ וואַנדערנדיקן כאָכעם, וואָס איז מאַקסימאַל פֿרײַ פֿונעם דרוק פֿון דער מאַטעריעלער נויטווענדיקייט.

...„אַף יעדער פֿאַבריק, אַף יעדער בויונג, אַף יעדער אונטערנעמונג פּראָדוצירט מען אָדער מע באַאַרבעט, אָדער מע בויט עפּעס אַ זאַך פּלוס אַ נײַע געזעלשאַפֿט, אַ זאַך פּלוס אַ פּראָפּאַריין, פּלוס אַ בראָניע פֿון מינדעריעריקע, פּלוס קלוב־אַרבעט, פּלוס אַ פּראָדוציר־באַראַטונג”...

און די מענטשן אין „הידראָצענטראַל” קאָן מען דערקענען טאַקע לויט אָט דעם סימען: אין וואָסער אַ מאָס האָבן זיי אין פּראָצעס פֿון סאָציאַליסטישער מי דערוואָרבן אָט די נײַע מײַלע, אין וואָסער אַ מאָס זײַנען זיי געוואָרן מענטשן פֿון דער נײַער געזעלשאַפֿט.

„הידראָצענטראַל” איז ווײַט פֿון ווי ס'ניט איז אידעאַליזירן אונדזער בויונג. די גרויסע כעסרוינעס אין איינער פֿון די פֿריִיקע בויונגען אונדזערע זײַנען ניט אַדורכגעגאַנגען פֿאַר־בײַ דעם שאַרפֿן אויג פֿון דער שרײַבערן. דער כאַאָס, די רוטינע, די פּלאַנלאָזיקייט, דאָס ניט קאָנען בויען — דאָס אַלץ איז ווי געהעריק אָפּגעשפּיגלט געוואָרן אַף די זײַטלעך פֿון „הידראָצענטראַל”. נאָר הינטער דעם אַלעמען האָט מאַריעטע שאַגיניאַן דערזען דעם גרויסן עמעס פֿון אונדזער בויונג, און זי איז אימשטאַנד געווען אויפֿצוהייבן אָט דעם עמעס איבער איינצלנע דורכפֿאַלן און מאַפּאָלעס, זי איז אימשטאַנד געווען צו מאַכן אָט דעם עמעס פֿאַר דער אַקס פֿון איר ווערק.

די „טעקסטיל־דערציילונגען” און „הידראָצענטראַל” — דאָס זײַנען די צווייִ עקסטע פּונקטן, וואָס באַשטימען דעם וועג, וועלכן די שרײַבערן האָט דורכגעמאַכט שוין אין אונדזער רעוואָליוציאָנערער ווירקלעכקייט. די דערציילונג „וויִאַזוי איך בין געוואָרן אַן אינסטרוקטאָרן פֿון וועבערײַ” דעקט אויף די ערשטע פּאָזיציע, פֿון וועלכער די שרײַבערן איז אוועק אַנטקעגן דער רעוואָליוציע.

פֿאַר אַלעקסאַנדר בלאָקן איז די רעוואָליוציע געווען אַ „שטראָף”. מאַריעטע שאַגיניאַן האָט, פּונקט ווי בלאָק, אויפֿגענומען די רעוואָליוציע אין פּלאַן פֿון מאָראַל. אין יענע יאָרן איז די רעוואָליוציע פֿאַר איר געווען פֿריִער פֿון אַלץ אַן „אויסלייזונג”, דורך וועלכער עס דאַרפֿן דורכגיין „אַלע פֿאַרמעגלעכע און קלוגע”.

„מיר האָבן אויפֿגענומען די אָקטיאַבער־איבערקערעניש ווי אַ מאָראַלישע איבערקערעניש”, — זאָגט זי וועגן זיך און וועגן אירע מיטדענקער. אין יענע יאָרן האָט מאַריעטע שאַגיניאַן געהאַט אירע באַזונדערע כעזשבוינעס מיט דער רעוואָליוציע, כעזשבוינעס, וואָס האָבן לאַכלוטן ניט געהאַט צו טון ניט מיט קלאַסן־סאָלידאַריטעט, ניט מיטן אָנערקענען דעם געמיינזאַמען קאַמף. „איך בין ניט קיין מאַרקסיסטקע, און איך הייב ניט אָן צו פֿאַרשטיין גאָרניט אין מאַרקס סיסטעם”, — האָט וועגן זיך דעמאָלט געזאָגט די שרײַבערן.

דער באַוווּסטזײַנ, אַז זי איז אײנס מיטנ אַרבעטער־קלאַס, דער באַוווּסטזײַנ וועגנ דער געמײנזאַמקײַט פונ די צילנ איז געקומענ אַסאַכ שפּעטער, אינ רעזולטאַט פונ אַ דויערנדיקער מיטאַרבעטערשאַפט, אינ רעזולטאַט פונ אַ דויערנדיקנ איבערבויענ זיכ. דאָס איז געווענ אַ קאָמפּליצירטער פּראָצעס, אינ וועלכנ מע קאָנ געפינענ אויכ עלעמענטנ פונ סמענאָוועכאָװשטשינע אונ רעצידיווו פונ אידעאַליזמ. שאַגיניאַנס ביכער — „ענדערונג", „פּאַסירונגענ פונ אַ דאַמע פונ דער געזעלשאַפט", „קיק" האָבנ אַפּ אַ פאַרשיידענעמ אויפנ אונ מיט אַ פאַרשיידענער קינסטלערישער הײכ אָפּגעשפּיגלט דעמ שפּעטערישנ וועג פונ דער שרײַבערנ.

אויב מיט 10 יאָר צוריק האָט זיכ די שרײַבערנ קעגנגעשטעלט, אַלס אַ פּערזענלעכקײַט, דער רעוואָליוציע, איז הײַנט, דערוויסנדיק זיכ וועגנ די שעדיקער פונ דער אינדפּאַרטיי, שרײַבט מאַריעטע שאַגיניאַנ:

„מיר דאַרפנ איצט אָוועקוואַרפנ צו אַלדע רוכעס די ליטעראַטור אונ נעמענ זיכ פאַר פּינקטלעכער וויסנשאַפט, קעדיי צו פאַרבײַטנ די שעדיקערס אונ די רײַסערס: קײנ אַנדער אויסוועג זע איכ ניט. אויב איכ וועל נאָכ „הידראָצענטראַל" ניט שטאַרבנ, וועל איכ, נאָכנ פאַרענדיקנ זי, אָוועקגײנ דינענ אינעמ פּלאַנ־סעקטער".

צומ גליק, האָט דער מעכאַבער בעשאָלעמ פאַרענדיקט „הידראָצענטראַל", אונ די שעדיקערס האָט מענ געמאַכט אויס שעדלעכ, אָנ דעמ, אַז די שרײַבערנ זאָל דאַרפנ דינענ אינ פּלאַנ־סעקטער.

נאָר אָט די אַלע אַרויסזאָגונגענ פאַרצײכענענ דעמ קאָלאָסאַלנ וועג, וועלכנ מאַריעטע שאַגיניאַנ האָט דורכגעמאַכט פונ דעמ מיסטישנ אָפּנעמענ די רעוואָליוציע ווי אַנ „אויסלײזונג" ביזנ אָנערקענענ די בלוטיקע פאַרינטערעסירטקײַט אינעמ זיג פונ דעמ פּראָלעטאַריאַט. די זאַכ פונעמ פּראָלעטאַריאַט ווערט איצט אויפגענומענ דורכ דעמ שרײַבער ווי זײַנ אײגענע זאַכ, וואָס קײנער קאָנ זי שוינ בײַ אימ ניט צונעמענ. אונ אינ דעמ איז דער קוואַל פונ זײַנ באַגײַסטערונג, אינ דעמ איז דער אומגעהײַער גרויסער מאַטעריאַל פאַר זײַנ שאַפונג.

מאַריעטע שאַגיניאַנ איז ניט נאָר אַ קינסטלער, נאָר אויכ אַ פּובליציסט. ניט נאָר אַ פּובליציסט, נאָר אויכ אַ ליטעראַטור־קריטיקער. זי האָט אָנגעשריבנ אַ רײ שאַרפע קריטישע אַרטיקלענ, אונ איר קלײנ אַרטיקעלע וועגנ בלאָקנ האָט אויפגעטאָנ אַסאַכ מערער אַפּ צו פאַרשטײנ זײַנ שאַפונג, אײדער די צענדליקער דרוקבויגנס, וואָס זײַנענ אָנגעשריבנ געוואָרנ דורכ די נעכטיקע פרײַנט פונעמ דיכטער.

די לעצטע יאָרנ האָט מאַריעטע שאַגיניאַנ געאַרבעט זײער פיל ניט נאָר אַפּ שטודירנ נײַעמ מאַטעריאַל, נאָר אַפּ אײַנײגענענ די פּראָלעטאַרישע וועלטאַנשויונג. אונ זי האָט עס געטאָנ, ווי שטענדיק, מיט דער גרעסטער געוויסנהײַט. עמעס, זי איז דערבײַ ניט שטענדיק פרײַ געווענ פונ באַזונדערע פּעלערהאַפטע אַרויסזאָגונגענ, וואָס פונ

זיי זײַנענ אויכ ניט פרײַ די ניט לאנג דערשינענע „טאָגיכער”. צי האָבנ אָבער נאָכ אזאכ קאָלעגעס אירע דורכנעשטודירט אינ אָריגינאל העגעלנ, געארבעט מיט א בלײַער אינ דער האנט אפ מארקסנ, לענינענ, ענגעלסנ אונ סטאלינענ? צו האָט בא פיל פונ זיי געקלעקט מוט זיכ אוועקצוזעצנ אפ דער לערנ־באנק פונ דער פלאנ־אקאדעמיע, ווי דאָס האָט געטאָנ מאריעטע שאגיניאנ, קעדיי אינ מעשעכ פונ דרײַ יאָר שטודירנ די טעאָריע פונ אונדזער ווירטשאפט?

מאריעטע שאגיניאנ איז א קינסטלער פונ גרויסער פרינציפּיעלקײַט, פונ גרויסנ געוויסנ. איר איבערגייג אינ דעמ לאגער פונעמ פּראָלעטאריאט איז געווענ פארבונדנ מיט א ריזיקער קריטישער ארבעט, מיטנ איבערשאצנ די אייגענע פארגאנגענהײַט, מיטנ איבערשאצנ יענע קולטור־יערושע, וואָס די שרײַבערנ האָט פארמאָגט. אונ איבערשאצנ האָט מענ געדארפט זייער פיל, מ'האָט געדארפט אָפּווארפנ דאָס אומנוצלעכע אונ איבערלאָזנ דאָס סאמע ווערטפולע.

אונ אינ רעזולטאט פונ אָט דער ארבעט האָט זיכ באקומענ יענער הויכווערטיקער געשמעלצ, פונ וועלכנ ס'איז אויסגעגאָסנ געוואָרנ דער „סאָוועטישער טראנסקאווקאז”, „הידראָצענטראל” אונ א ריי פובליציסטישע ווערק פונ די לעצטע יאָרנ.

דער פּראָלעטארישער שרײַבער קענ אונ האָט ליב מאריעטע שאגיניאנ. ער שפּירט מיט אויפמערקזאמקײַט נאָכ איר קינסטלערישער אונ אידייִשער אנטוויקלונג אונ ווארט אפ נײַע געשטאלטנ אונ נײַע ווערק, באגײַסטערטע דורכנ העראָישנ קאמפ פונעמ פּראָלעטאריאט.

(פונ א. סטארטשאקאָווס ארטיקל
„דער שרײַבער אונ זײַנ זאכ”)

הידראָצענטראל

נאָכ דעמ, ווי ס'וועט איבערגייג. די פּאָליטישע מאכט אינ די הענט פונעמ פּראָלעטאריאט... וועט די קראפט פונעמ ביישפּיל דאָס ערשטע מאָל באקומענ די מעגלעכקייט ארויסצוווייזנ איר מאסנ־ווירקונג.

לעניג

1־טע אופלאגע,
רוסיש, ב. XV, ז 211.

מײַן שװעסטער
ל י נ ע ב

קאפיטל I

די ארבעט־בירזשע

1

א הילצערנער פאסאד פונ א באראק־טיפ מיט אָפטע פענצטער פונ דינעמ גלאָז, וואָס דערלאנגענ קימאט ביזנ טראָטואר, גיט די מעגלעכקײַט צו זענ דאָס לעבנ פונעמ אנשטאלט—פונקט אזא לעבנ, ווי טויזנט אנדערע ענלעכע צו דעמ. ווי לעבעדיקע אָנטיילנעמערס, אויסדריקלעכע אונ שטארק געהויבענע, שטייענ די טישנ מיטנ פאק איניאָנימ, מיטנ פיאָלעטענעמ אויסגאָס פונ טינט, מיטנ פודל פונעמ טומלדיקנ טעלעפאָנ. דורכגעזועסענע שטולנ, שאפעס אָנ קיינ שומ אינטימקײַט,—צוטרעטלעכע, קויטיקע, ברייט צעעפנטע, אונ דער רייעכ אינעווייניק, דער רייעכ פונ שטויב, וואָס מע ווישט אָפ מיט א נאס שמאטקעלע, אָזאָנ פונ אנ אויסגעוואשענעמ אונ ניט־אויסגעטריקנטנ האנטעכ, פארדעמפטקײַט פונ א צוגענוצטנ מאלבעש, וואָס איז מיד פונ זיצנ, פונ קערפער, פונ שווייס.

דער פארזאָרגטער צוגאָב צו די טישנ, די מענטשנ, אָט די הײַנטצײַטיקע צענטאוורענ, זײַנענ אזוי פעסט זיכ צונויפגעוואָקסנ מיט זייער ארומ, אז סײַ זיצנדיק, סײַ באוועגנדיק זיכ שפארנ זיי זיכ אָנ, דוכט זיכ, אפ די פיר פיס פונ זייערע וואנצנדיקע שטולנ, באפוצטע מיט פליגנ־פינטלעכ.

אינ דעמדאָזיקנ אנשטאלט אָבער האָט זיכ אויסער אלעמענ נאָכ געהערט א באזונדער אומרויִקער רייעכ פונ מענטשנ־פלייש, וואָס איז געקומענ פונ דער זײַט אונ האָט זיכ ארײַנגעגאָסנ פונ גאס. די ארבעט־בירזשע איז אנ אָרט אנ אויסערגעוויינלעכס, ווענ מע פארמאָגט פאנטאזיע כאָטש אפ א פיאטאקל. מענטשנ פונ בײדע געשלעכטנ, פונ אלעמ עלטער—מאשינעס אומבאוווסט אפ וואָס באשטימטע, אינסטרומענטנ פאר טויזנטער געשעפטנ, טעמפּע אונ שארפע, נײַע אונ צוגענוצטע, ענערגיע, וואָס איז ניט פארוואנדלט אינ קיינ ארבעט, וואָס זשאווערט פונ ליגעניש. געווינשאפטנ, צוגאנגענ, רעגילעסנ, מעטאָדנ, דערפארונג

אונ פערזענלעכע דערפינדערישקײַט האָבנ זיכ צונויפגעקליבנ דאָ בא דער וואנט, ווו ס'זײַנען ארויסגעהאנגענ די בויגנס מיט די פאמיליעס פונ די מאזלדיקע. אונ אפילע דאָרט, ווו ס'איז ניטאָ ניט קיינ דערפארונג, ניט קיינ געוווינהײַטנ, קוקט מיט הונגעריקע שווארצאפלענ מענטשישע קראפט, וואָס ווערט געמאָסטנ מיט קילאָגראַמאָמעטערס אונ וואָס האָט ניט ווייניקער ווערט פונ דער, וואָס מע קריגט ארויס פונ וואסער, דאמפ, קוילנ.

דער פרישטשעוואטער פארוואלטער האָט א דלובע געטאָנ אינ דער נאָז (ער האָט דאָרט געהאט א כרישטש) אונ פאָרזיכטיק, ארויסשטעקנדיק זיכ פונ פענצטערל, האָט ער מיט א זשעסט פונ אנ אופזעער, וואָס ווארפט שפײַז אינ שטײַג פונ א טיגער, ארויסגעהאנגענ א נײַעמ בויגנ: ס'פאָדערנ זיכ סטאטיסטיקער. ס'האָט זיכ געפאָדערט בא א פופצנ אנערעכ, — אונ אלע פאמיליעס זײַנענ געווענ פונ פרויענ, די אנשטאלטנ האָבנ געפאָדערט דאפקע נאָר פרויענ. דער אוילעמ האָט זיכ א לאָז געטאָנ צומ פענצטער אונ זיכ צעליארעמט. פענעמער מיט פלעקנ פונ אופגעבראכטקײַט, — אָוואלנ פונ געלע מאליאריע־קראנקע, אײַנגעפאלענע באקנ, זיכ אָנשטויסנדיקע נידעריקע שטערנס, פינצטערע אונ מילדע אויגנלעכער,—דאָס אלצ האָט זיכ ווי א בלאסע זעונג א פארדרייט, געטאָנ באמ פענצטער אונ האָט פארשארפט דעמ פארוואלטער דאָס געווײַנלעכע איבל־געפיל. אנ אלטער קויטיק־גרויער מאנ, אינ א פידזשאקל בא די קאנטנ מיט א טאשמעלע, האָט אומרויִק אונ אלע ווײַלע ווידער ארופגערוקט אפ דער נאָז פארצײַטיקע פענסנע, ווי א דוהע—אפאָנעמ, פונ א פרעמדער נאָז. ער איז געווענ דער נאָענטסטער צומ פענצטערל. זײַנע הענט האָבנ זיכ געטרייסלט, זײַנע ליפנ האָב געציטערט, זײַנ פארדראָס האָט געדראָט אפילע זײַנע קליינע, שלעכט צוגעניי טע קנעפלעכ. מיט דער געוווינשאפט צו בורטשענ, ניט ווארטנדיק אפ קיינעמס רעפליקע, האָט ער געדערט געשמאקלעכ מיטנ אָנצאָניקנ מויל, מיט יענער בארייטווילקײַט פונ דער עלטער, וואָס איז שטענדיק זייער דעטאליזירט:

— שרײַבט אָנ: נאכט־ארבעט... הארעלעכ מײַנע, פינפ אונ דרײַסיק יאָר סטאזש אפ סטאטיסטיק, געדרוקטע ארבעטנ האָב איכ. שוינ דעמ דריטנ כוידעש, אז איכ גיי אהער — ווײַבערײַ, ווידער ווײַבערײַ! וואָס פאר א קוואליפיקאציע האָבנ זיי דענ? צונויפלייגנ אונ אראָפנעמענ...

— דערפאר זײַנענ זיי אינ צונויפלייגנ שטארק, פעטער,— האָט זיכ א ווערטל געטאָנ דער פארוואלטער, — אינ צונויפלייגנ ביסטו זיי ניט קיינ קאָנקורענט!

קיינער אָבער האָט קיינ שמייכל ניט געטאָנ פונ דעמ וויץ. עמעצער האָט זיכ מיט א שטארקנ שטויס ארײַנגעריסנ אינעמ כאַאָס פונ עלנ־בויגנס, עמעצנ צוגעקוועטשט, עמעצנ אראָפּגעוואָרפנ דאָס היטל אינ א זײַט — ווי א וויכער איז דורכגעגאנגענ דורכנ אוילעמ א מענטש. אונ זייער א הויכע, קימאט א באָכערישע שטימ מיט א ניואנס פונ זינגענ־דיקער דעקלאמאציע איז אימ פארלאָפנ אפ פארפריִער, איידער ער איז נאָכ צוגעגאנגענ צומ פענצטערל.

— א כארפּע, א כארפּע, — האָט א זאָג געטאָנ די שטימ פּראָסט אונ איבערצײַגנדיק. אזוי אויכ זאָגנ די דײַטשקעס צו די קינדער, וואָס זיי דערציִענ:

Schande, Schande!

דער צוגווינט, וואָס איז געוואָרנ פונעמ דאָזיקנ שטורעמדיקנ דורכ־שפּארנ זיכ דורכנ אוילעמ, די יונגע שטימ, די אינטאָנאציע, די אומ־געוויינלעכקײַט פונ די ווערטער אליינ — דאָס אלצ איז געקומענ מיט־אמאָל, ווי ס'קומט עפּעס א פּאסירונג פּונקט דאנ, ווענ מע ריכט זיכ ניט אפּ איר. דער פּארוואלטער האָט פארגעסנ אינ דער גאָז, באמ אלטנ מאנ זײַנענ פארשטארט געוואָרנ די פינגער, וואָס האָבנ געקלאמערט די פּענסנע.

מיט די אקסל באוועגנדיק, איז צומ פענצטערל צוגעגאנגענ א מענטש פונ א אומגעוויינלעכנ אויסזענ, זייער א גרויסער, מיט א פעסטער אונ שטארקער פלינקײַט פונ א סיבירישנ קאָטער, אונ געגאנגענ איז ער עפּעס ווונדערלעכ ווייכ. לאנגע פיס פונ א צירקאטש, א פּאָנעמ אנ אופמערקזאמס, אָבער אָנ אָנשטרענגונג, קליינע אויגנ אונ גרויסע קײַ־לעכיקע ברילנ מיט צעבראָכענע גלעזער, א פײַנע ארישע נאָז איבער דינע ליפּנ פונ אנ אזיִאט. ער האָט געטראָגנ אונ ס'איז געלעגנ ווי אויסגעגאָסנ אפ אימ עפּעס אזוינס, וואָס איז געקויפט געוועזנ אינ נאר־קאָמשמאטע — אזוי האָבנ די אָרטיקע אײַנוווינער גערופנ די מארק־בעבעכעס, — א סורדוט פונ א אמאזאָנקע, אײַנגעצויגנ אינ טאליע אונ אופגעבלאָזנ אפ די קליבעס. די הענט זײַנע האָט ער געהאלטנ אינ די קעשענעס — א זשעסט פונ א רעדנער, וואָס רעדט גייענדיק. פלינקע פיס אָנעמ מינדסטנ סימענ פונ שטיוול האָבנ קימאט באלאנסירט מיט אויסגעטראָטענע קאלאָשנ, אופהייבנדיק זיי מיט די שפּיצ פינגער, ווי טאנצנדיקע מוסולמענערנס אינ שאלווארנ הייבנ אופ אפ פּאפּיראָס־פּודלענ די צארטע ראנדנ פונ די טשוויאקעס. צוגייענדיק צומ סאמע פענצ־

טער, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און א הייב געטאָן דעם קין. ער האָט פונדאנען א קוק געטאָן אפּ דעם גאנצן אוילעם מיט דעם דורכשניט פון זײַן אייגענעם נאָר־וואָס זיך דורכגעלייגטן וועג. צוגעווינט צו דורכפאלן, פארהיפּנאָטיזירט פון דער וואָכעדיקײַט, צעפּרעסן פון אלעם געוויינלעכן, איז געשטאנען א קופּקע געדולדיקע מענטשן, דערשראָקן פון דעם מוז באלד אופצונעמען עפּעס אומגעוויינלעכס. די נאקנס, — ער האָט זיי דערקענט, ער האָט זיי געדענקט, ער האָט זיי נאָר־וואָס צערוקט — די נאקנס האָבן זיך געשטופּט, ווי די שמאלץ־ווײַדלען פון שאָף, פארשטעלט פון פרעגנדיקע און אפּ לאנג פארמאטערטע פּענעמער־פּאסאדן.

— א כארפּע, — האָט דער געלער איבערגעכאזוערט פּײַערלעך, — איר פארשטייט גאָרנישט אין אײַער זאך, איר פארשטייט נישט דעמדאָזיקן אוילעמס מערקווירדיקע פּערזענלעכקײַטן, פאר וועלכן איר דערלויבט זיך אײַערע מארק־וויצן. איר מאכט זיך גרויס אפּ אײַער שטול, מיינענדיק אז איר באגליקט, אז מענטשן הענגען אָפּ פון אײַך, און ס׳קלעקט בא, אײַך ניט די פּײַנקײַט צו פארשטיין, אז מיר האָבן זיך פארזאמלט צו געבן און ניט צו באקומען, געבן, אָפּפערן, באגליקן, פארווארפן מיט געשאנקען. אָט האָט איר דעם אלטן אין דער גאָלדענער פּענסנע. זײַן האנט איז אפּ קלעק־פּאפּיר — לערנט אויס די האנט! ער נעצט קיינמאָל ניט אין שפּײַעכץ די פינגער. ער נעמט אָן א בלאט פארן ראנד און קערט זי, איבער און גלעט זי אויס. ער איז הונגעריק, נאָר ניט ווי איר. ווען ער קײַעט מיט די ליפּן, טראכט ער וועגן דעם איבערגעלייענטן, און ניט וועגן ברויט. ער שטרעבט צו א שאפקעלע, וואָס זאָל זײַן מיט א שליסל און מיט פּאָלעצעס. פּאפּירלעך אײַנגעוויקלט אינעם איניען, א מעקער אפּ אָפּמעקן, א מעסערל אפּ שאָבן, טינט רויטער, טינט שווארצער. דערדאָזיקער מענטש הייבט אופּ די פּען צו דער נאָז און נעמט אראָפּ פון דער פּען א הערעלע. ער איז א מוזיקאנט אין זײַן זאך, אן אָרגאניזאטער, א דיריזשאָר פון פּאפּירלעך, ער פּאָדערט זײַן פּאָרציע ארבעט, זי קנאקט בא אים אין די פינגער, — און איר דערוועגט זיך ווערטלען זיך וועגן צונויפלייגן פרײַלנס, וואָס פּאקן אָן דאָס טיש־קעסטל מיט שמוציקע ליפּן־פּאָמאדקעס און מיט וויקל־פּאפּיר פון קאראמעלקעס „דעזי". אָדער אָט נעמט דידאָזיקע גרויע פרוי. איר מופּטע, — איך בעט אנטשולדיקן, — איז ניט נאָכן סעזאָן. נאָר די מופּטע פארבײַט א פּאָרטפעל, אין דער מופּטע ליגן באהאלטן העפטן, צענדליקער העפטן, געדראקעטער שריפט, א מאסע אנאלפאבעטישקײַט, — איצט האָט זי

זיי ניט אינ דער מופטע, אונ דער פרוי איז אומעטיק אָנ זיי. פאר די אויגנ איז איר פוסט באמ לאָמפ, באנאכט רעדט זי פונ שלאָפ, — איר ווייסט, וואָט הייסט אזויגס בלייבנ אָנ ארבעט פאר אנ אלטנ, געניטנ, געבוירענעמ פעדאגאָג? אָדער, צומ סאָפ, אָט דער יונגערמאנ, — רוקט זיכ צו, יונגערמאנ, — איכ בינ איבערצייגט — א שאָפער. זיינע נעגל זיינענ שווארצ פונ בענזינ, אונ די פלייצע—וויס פונ שטויב. ער קענ די מאשינ פונויבנ ביז אראָפ. אָפרייסנ אימ פונ דער מאשינ — איז ווי ארויסדליבנ א טשערעפאכע פונעמ פאנצער, אראָפציִענ פונעמ קערנדל דאָס הייטל. א שאָפער—מ'דארפ דאָס פארשטיינ. אז ער טוט א קוועטש די סירענע, בורעט בא אימ אינ בויכ. ווענ ער פאָרט ליידיק, זאָגט ער צומ פארבייגייער: „זעצ זיכ, איכ וועל אונטערפירנ" — דאָט פיזיאָלאָגישע געפיל פונ א מאשינ צו וועלנ אָנגעלאָדנ ווערנ — דאָס איז פראָפעסיאָנעלע געווינהייט, ריזיקע טרענירונג. אונ איר שאפט זיכ פונעמ פענצטערל, ניט זעענדיק, אז פאר אייכ איז דאָ טויזנטער קילאָוואט שאָ, איר שושקעט זיכ מיטנ אָרטקאָמ, איר רופט ארויס אָפערעטנ־פרינצעסנס, וואָס גייענ אפ ארבעט ווי בוטאפאָרישע קייסאָרימלעכ אפ דער מילכאָמע,— איז טאקע א כארפע, א כארפע, דער רועכ זאָל אייכ נעמענ, — אפנ צענטנ יאָר פונ דער רעוואָליוציע.

ער איז אנשוויגנ געוואָרנ מיטאמאָל, פונקט אזויווי ער האָט מיטאמאָל אָנגעהויבנ. צוערשט איז געווענ שטיל. אלעמענ האָט געדוכט, אז די רעדע פליסט פונ עפעס א זייט אונ איז ווי ניט קיינ מוז פאר די צוהערער. יעדערער האָט געהאלטנ, אז זי באציט זיכ צו זיינ שאָכנ. דאָס איז איבער דער שלעכטער רעגילעס צו מעסטנ זיכ אליינ מיט ניט קיינ הויכער מאָס אונ צו רעכענענ די צו גרויסע אינטעליגענטישקייט פונעמ געזאָגטנ פאר א זאכ, וואָס איז ניט פארנ אייגענעמ סייכל. נאָר פלוצלינג האָט אינ דער אָנגעקומענער שטילקייט זיכ אלצ איבערגעביטנ, ווי ס'וואָלט דורכגעגאנגענ א רעגנ. פונ טיפ פונ דער נעשאָמע איז אופגעשטאנענ א ליכטיקע אומרויִקע דאָרשט, א מאָדנע קלעמענדיקע בענקעניש. א פויער אינ פרילינג, אז ס'איז ניטאָ מיט וואָס צו זייענ, פילט אזוינס. א בענקעניש נאָכ ניט־אויסגענוצטער קראפט אינ זיכ אונ ארומ זיכ.

3

דערווייל איז דער געלער מאיעסטעטיש אָפגעגאנגענ. מ'האָט אימ נאָכגעזאָגט „טשודאק", אונ דער אלטער, די פרוי מיט דער מופטע, דער

שאָפער האָבנ אימ באַגלייט מיט פאַרלאָרענע בליקנ. ער איז געגאַנגענ אפ דער בירזשע אַלע טאָג אונ האָט דורכגעקוקט די צעטלענ פונ אַרכיוואַריוסנ, פידלער, פאַבריקמאַכערס, קלוב־אַרבעטער. אינ קעשענע האָט ער געהאַט א דיפּלאָמ פונ א דאָקטער פילאָזאָפיע.

דער הונגער האָט אימ געפּייַניקט. נאָר אַפילע איצט האָט ער געטרוימט וועגנ עסנ, ווי אימ ווילט זיכ. דער רעסטאָראַנ פונ אַרבקאָאָפּ האָט אימ ניט געצויגנ. די קלייניגקע קאַוויאַרניעס, וווּ דער באַלעבאָס שנייַדט אָנ א טעלער קוואַדראַטנעמ ביסקוויט, אָדער א ראָגאַל, שטעלנדיק דאָס אפנ טיש לעבנ א טיי־גלאָז פונ ציגל־קאָליר, אונ די נאַרדיסטנ אינ דער טיפ דאָרט סקריפּענ מיט די ביינדלעכ, וואָס זיי וואַרפנ אונטער הייַפּלעכווייַז פונ אונטנ אַרופ, — דאָס אַלצ האָט אימ ניט געצויגנ. ער האָט געטראַכט פונ שטילע סאַמאָוואַרנ אינ קאָרידאָר פונ אַנשטאַלטנ, וועגנ א פּרוי מיט א קאָשעק בולקעס, צוגעדעקט מיט מאַרליע, — דער רייעכ פונ טיי אינ אַנשטאַלטישע גלעזער, אַביסל מיט א נאָכרייעכ פונ טאַבאַק, האָט געפּייַניקט זייַנ פאַנטאַזיע באַטאָג אונ באַנאַכט. אַמאָל האָט ער געטרוימט וועגנ פּאַפּיראָס־פּאַפּיר, אינ וועלכנ די מאַשינּיסטקעס פּאַרוויקלענ זייער אָנבייַסנ — ברויט באַשמירט מיט פּוטער, מיט א שטיקעלע קאַלטנ צונג, אָדער פּראָסט מיט א האַרט איי, באַפּעפּערט אונ באַטאַמט מיט זאַלצ. ער האָט זיכ אויסגעאַרבעט א באַדינגלעכנ רעפלעקס אפ „א האָרעפּאַשנעמ אָנבייַסנ אינ דער צייַט פונ איבערייַס אינ דער אַרבעט".

בעשאַס דעמ געלנ האָבנ געטראָגנ זייַנע לאַנגע פיס, האָט נאָכ אימ זיכ געיאָגט א קלייניגקער מענטש, מאַכנדיק דרייַ שפּאַנ אַנשטאָט יענעמס איינעמ. ער האָט זיכ געיאָגט נאָכ אימ פונ דער בירזשע אָנ. א לאַנגע אַרמענישע נאָז, א שווערער, אפ הינטנ זיכ אַראָפּהענגענדיקער קאָפּ, ווי אַנ אַרבוז, א סאַמעטנ רעקל אונ אפ דעמ שפּורנ פונ דער האָר־אומפלייט פונ די צו לאַנגע קרייַזלדיקע האָר — אַזא איז געווענ דער מענטש, וואָס האָט זיכ ענדלעכ אייַנגעקלאַמערט אינ דעמ געלנס אַרבל.

— אַנטשולדיקט (אַנטשולדיקט האָט זיכ ניט ער, נאָר דער געלער, העפלעכקייַט איז געווענ זייַנ ערשטע אייגנשאַפט אונ האָט צו אימ געפּאַסט ווי אַנ אויפשריפט, וואָס איז אויסגעשניטנ אונ אויפגעקלעפּט פונונטנ). אַנטשולדיקט? (פרעגנדיק).

— איכ בינ אויכ אַנ אַרבעטלאָזער, — האָט א בורטשע געטאָנ דאָס סאַמעטענע רעקל, — איר זייַט מיר געפעלנ. וווּ וווינט איר?

— אינערגעצ ניט, אויב ניט רעכענענ דעמ טיר.

דער מיליטערישער אנשטאלט פונ אלטע ברעטער אונ רויטע ציגל, וואָס דער אויספירקאָמ האָט אינ אייַלעניש צוגעגרייט אינ דעמ איינציקנ שטאָטישנ סקווער אפ צו מיליטאריזירנ די אָרטיקע ליבהאָבער, איז ניט איבעריק פּאָפּוליער געווענ, אונ ס׳האָבנ גענעכטיקט אינ אימ פארוואָרלאָזטע, אנטלאָפענע פונ די קינדער־הייַזער.

— איכ לאד אייַכ איינ צו זיכ אינ מייַנ ווילע, — האָט פייַערלעכ געזאָגט דאָס סאמעטענע רעקל: — וווינענ, שלאָפנ, ארבעטנ, עסנ קארטאָפל. גנוני, א לעפ־קינסטלער.

די ווילע איז ניט געווענ קיינ פיקציע. אינ דער פערסישער טייל שטאָט, ווו די אָנקעפּיקע הייַזלעכ, ארומגעריסענע ווי די קעלניעס בא די דראָזשקעס, האָבנ געסטארטשעט מיט די קוואָרעסדיקע קוואדראטנע סקעלעטנ אונ ווו אינ דער לופטנ האָט געזונגענ דער קאלעכ, וואָס ס׳האָט אופגעהויבנ דער טרוקענער ווינט, האָט ער זיכ באזעצט אָנ אנ אָרדער אינ פיר ווענט, האָט איבערגעצויגנ פונויבנ א ברעזענט אונ פלעג שנייַדנ פונ אימ בא די זייַטנ שטיקלעכווייַז פאר בילדער, וואָס ער האָט געגרייט פאר מעווינימ.

פונ דאָרט האָט מענ געקאָנט זענ די גאנצע שטאָט. ניט פונויבנ אפ אראָפ, — ווייַל די פערסישע טייל איז געלעגנ נידעריקער, — נאָר פונונטנ ארופ, ווי אנ ארופגעשווומענעמ גופ פונ א דערטרונקענעמ. די שטאָט האָט אופגעוואקסט אפ ארופ צו מיט אומבאשרייַבלעכער דייַטלעכקייַט פונ קאָנטורנ, ווי אינ מוזייענ פונ קארטאָגראפיע אפ אלטע שטאָטישע פלענער. א פלאכדאכיקע, מיט א קאָליר פונ פארגעלטע גראוויורעס, אונטער די גראדע שטראלנ פונ דער זונ, האָט זיכ די שטאָט געפּאָרט מיט דעמ שאָטנ, אונ דער שווארצער שאָטנ איז געוואָרנ א בויערישער טייל פונ פייזאזש, פארטיפערנדיק די געוועלבנ, צופארבנדיק די זייַלנ, אונטערשטרייַכנדיק די קארניזנ, פארשווארצנדיק די קאנטנ פונ די הייַזער. אינערגעץ איז ניטאָ אזא שאָטנ, ווי אינ דעמ אראראטישנ טאָל. אפנ האָריזאָנט איבערנ שטאָט איז אופגעשווומענ מאסיס מיט זייַנע צוויי קעפּ, אָנשפּארנדיק זיכ אינ הימל, — אנ ארכאיזמ פונ עפּעס א רייַזע פונ דיומאָנ־דיורוויל, א דייַטלעכע פּיראמידע פונ א פארלאָשענעמ ווולקאנ, מיט קייַלעכיקע וואָלקנס באמ צופוסנס. וואסער פונ צעשטערטע אריקנ האָט ערגעץ געשלאָגנ פונ צווישנ די טויטע הייַזלעכ, — א דינ־פּאָדעמדיקער פּולס פונ א גויסעס. דער אומגעוויינלעכ פריער פרילינג איז אריינ אהער מיטנ קלינגענ פונ דער זונ, וואָס פּלאצט ווי גלאָז, מיטנ קלינגענ פונ

קאַליזשעס, וואָס פירן צו צו נאַכט, מיט מיליאַרדן ווײַסע און ראָזע באַבעלעך פון אַבריקאָס־ און פערשקע־קאָלירן, וואָס זײַנען פאַרורטיילט געוואָרן צום אומקום און האָבן מעשוגע־דול זיך געשאָטן פון אַלע שטאָטישע הייכן, פון אומעטום, וווּ ס׳זײַנען פאַראַן סעדער. אויך זײַנען מענטשן אומגעגאַנגען אין שטאָט, — מענטשן פון דיומאָן־דיורווילס אַ רײַזע. זייערע קרעפּטיקע, קנופּיק־פאַרצויגענע נעזער מיט פאַרקאַטשעטע נאָזלעכער, ווי די הויזן בײַ אַ פראַנט, שווערע קעפּ, שטערנס פאַרוקטע אונטערן שיפּוי פון שאַפּנהיטלען האָבן געריידט וועגן כעטיטרישער ראַסע און האָבן דערמאָנט די רעליעפן פון עגיפּטער. די הויזן זײַנען בײַ זיי אַראָפּגעהאַנגען פונונטן, ווי אַן עק פון אַ קענגורו. די אייזלען האָבן געשלעפּט מאַסע, הוידענדיק זיך אונטער דער צווייענדיקער בוכהאַלטעריע פון דעם קורדזשין. אַן אַרמענער איז געגאַנגען און האָט געטראָגן אַ ריטל, — אַזוי קען מען אויך טראָגן אַ קרוין, — און די פאָלע פון דעם לאַנגן קליידל, וואָס דער בויך האָט עס פאַרהויבן פונפאָרנט, האָט פײַערלעך פאַרקערט דעם ערשטן שטויב, — וואָלקאַנישן שטויב, די עפּידערמע פון פאָנעם, וואָס אורעלטער פון איר איז ניטאָ אין דער געאָגראַפיע.

דער לעפּ־קינסטלער האָט זיצנדיק אויף די ציפּקעס צעבלאָזן קוילן אין אַ קרומפוסיקער מאַנגאַלקע. דער געלער איז געזעסן פאַרלייגט אַ פוס איבער אַ פוס, מיד ווי אַ גאַסט, און זיך געקוויקט מיט דער אופשווימענדיקער שטאָט. ער האָט ניט געוואָלט עסן קיין קאַרטאָפל, ער האָט קיין אַפּעטיט ניט געהאַט. אין אָ דער פאָזע פון אַ טרוימער האָט דער געלער, זיצנדיק אויפן שטיין, אַזויווי אין אַ הוידלשטול, און אַ ראָזער פון זונפאַרגאַנג, אויסגעזען ווי אַן עקסטאַטישער געשפּענסט.

— איך קען קיין עסטעטיק ניט געדאַכטן, — האָט געגוואַלדעוועט דער לעפּאָוועץ, — איך בין אַהער געקומען צו אָרגאַניזירן אַ לעפּ. אָבער וואָס איז דאָ פאַר אַ שטאָט, וואָס איז דאָ פאַר אַ שטאָט, וואָס איז דאָ פאַר אַ שטאָט? סעמינאַריסטן האָבן געמאַכט אַ אוניווערסיטעט, און זיי דערציִען עס די יוגנט. אונדזערן אַ קאָמיוגיסט רופן זיי קאָמסאָמאָליסט. „אכּבר״ איז מיר פאַרלאָפן דעם וועג, דאָ זײַנען אַלע פאַרשריבן אין „אכּבר״, און איך בין געבליבן אין דער ווילע.

— איר מאָלט אויף ברעזענט?

דער לעפּאָוועץ איז אופגעשטאַנען פון דער ערד און האָט אָפּגעטרייסלט די קני. זײַנע אַרמענישע, איינס לעבן אַנדערן נאָענט שטייענדיק כעטיטישע אויגן האָבן זיך אײַנגעקלאַמערט אין דעם געלנס שאַרפע

שווארצאפּלען, וואָס האָבנ זיכ געבאהאלטנ אונטער צעבראָכענע גלעזער. יאָ, אימ מעג ־מענ דערציילנ. דער לעפ האָט זיכ באהאלטנ אינ שטיבל, האָט דאָרט עפּעס א שאָרכ געטאָנ, ווי א שטשור, איז ארויסגעלאָפנ מיט א שטיקל ברעזענט אונ עס צעוויקלט. ער איז געווענ בלאס.

— אָט דאָס מאָל איכ.

אפנ ברעזענט, וואָס ער האָט צעוויקלט אונ אונטערגעטראָגנ דעמ געלנ, איז ניט צו זענ געווענ גאָרניט, אָבער טאקע לאכלוטנ גאָרניט, — קיינ אָס, קיינ שפּרינקעלע ניט.

אונ דאָ האָט דער געלער טאקע געטאָנ דאָס, וואָס דאָס סאמעטנ רעקל האָט זיכ געריכט אפ אימ. ער האָט ארויסגענומענ די הענט פונ די קעשענעס, זיכ אײַנגעהויקערט, אנ אײַנגעלאדענער אפ אינטימקײַט, — ער האָט ניט ארופגעצויגנ אפ זיכ קיינ מינע פונ פארשטיינ, אונ זײַנע פרעגנדיקע גלעזער האָבנ א גלאנצנדיקנ קוק געטאָנ אפנ קינסטלער.

— אָט אזוי מאָל איכ, — דעמ לעפס שטימ איז געווענ הייזעריק. — די אלטע אויסדריקלעכקײַט איז געשטאָרבנ. איכ זוכ, איכ לייג אוועק פארב, כ׳זע — ס׳איז ערגער ווי גאָרנישט. דעמאָלט וואש איכ זי אָפּ. ביז איצט האָב איכ נאָכ ניט געפונענ, וואָס ס׳איז בעסער פונ גאָרנישט.

— יאָ, — האָט געזאָגט דער געלער.

— אינ מאָסקווע האָב איכ געהאט א שרײַבער, א כאווער, — האָט זיכ פארכלינעט דער קינסטלער, — ער האָט ניט פארלאָרנ די אינערציע אינ דער ארבעט, ער האָט געשריבנ אלצ מיט א סיידער, ווי מע פאָרט אפ א שאָסע, ניט פארשפּאָרנדיק קיינ וועג. שקלאָווסקי האָט אימ געזאָגט: „אײַכ איז שווערער פונ מיר. אויב מיר געפעלט ניט א פראזע, מעק איכ זי אויס, אונ איר דארפט אָנשרײַבנ נאָכאמאָל“. פּאָשעט אויסמעקנ — גלענצנד. איכ וויל אזא פאָרמ, ווי דער אָנדראָטיקער טעלעגראפ. אָנ טראנסמיסיעס. הערסט בעטכאָווענענ — פאסנ, פאסנ, פאסנ — פארשיידענע ארפּעד־זשיעס, ווארִיאציעס, די טעמע גיט זיכ איבער אינ א צווייטער טאָנאלי־טעט, צי ערגעצ אנדערש. צוליב־וואָס דער טראנסמיסיע־פאס אינ דער פאָרמ? זאָל דער צוהערער אליינ איבערגיינ, זאָל ער שפּרינגענ, זאָל ער אליינ פארבינדנ, אָנ טראנסמיסיעס! אָט דאָס איז מײַנ פּראָבלעמ.

דער געלער האָט געהערט, אײַנקוקנדיק זיכ אינעמ שטיקל ברעזענט.

— דער מאטעריאל דיקטירט אליינ די פאָרמ. איכ ליג אינ בעט, די קאָלדרע האָט זיכ צונויפגעדרייט, אינ דער קאָלדרע — א מאָרדע פונ

א פוקס. פריִער האָב איכ אזוי געארבעט, נאָר פונ א באשטימטער צײַט אָנ געפינ איכ זיכ אינ א שרעקלעכנ צושטאנד. ס׳קאָנ זײַנ, אז פונ עלטער. עמעצער האָט געזאָגט, — פונ עלטער פארלירנ ניט קיינ מענטשנ זייער באגאבטקײַט, נאָר זיי הייבנ אָנ פאָדערנ פונ זיכ מער, אונ דערפאר איז—סטאָפּ מאשינע. איכ קאָנ איצט גאָרנישט ניט טונ, — אלצ פאסקודסטווע, ערגער ווי גאָרנישט, פוסטער ווי גאָרנישט.

— פארוואָס־זשע ערגער?

ער האָט געפרעגט ניט אזויווי ׳מע זאָגט, טרייסטנדיק יענעמ: „פארוואָס-זשע איז דאָס ערגער, טײַערינקער?״ די פראגע האָט געריכטעט דעמ געדאנק. דער לעפ האָט זיכ אָפּגערופנ: מ׳זאָל נאָר א טראכט טונ, וואָלט קלאָר געוואָרנ, פארוואָס ערגער. צומ בײַשפּיל, אויב א פונט ראָזשינקעס קאָסט א פערטעלע, אונ א זאק צוואנציק קאָפּיקעס, איז ניט גוט, ס׳טויג ניט. ער האָט געליטנ העלישע צאָרעס פונ די אויבערהויצאָעס פונ דער פאָרמ, פונ איר ניט־עקאָנאָמישקײַט, ניט־בארעכטיקטקײַט. „גאָרנישט״ איז אויסדריקלעכער, ווי די פאָרמ, וואָס איז אָנגעשאָטנ אפ דער זאכ, ווי זאמד. ס׳האָט זיכ אימ אויסגעוויזנ: ווערטער, פארבנ, קלאנגענ פלעגנ געדראָלנ אונ געשוואָלנ ווערנ, ווי נאָר ער האָט זיכ געווענדעט צו זיי, פלעגנ פארצויגנ ווערנ מיט א פליווקע שמאלצ, אזויווי א זופּ, וואָס מ׳האָט אראָפּגענומענ פונ פײַער. ס׳האָט אימ געשטערט דער סינטאקסיס, געשטערט די גראמאטיק, ס׳האָבנ אימ געשטערט די גאמעס, געשטערט דער ספּעקטער, אונ לעאָנארדעס קלאסישע פּאליטרע איז ער גרייט געווענ געבנ אָפּלעקנ א הונט, ווענ א הונט וואָלט נאָר געקאָנט אויסלעקנ דאָס געדעכעניש, ווי א טעלער. דערדאָזיקער קאמפּ, — אנ אכבראָוועצ וואָלט געוויס געזאָגט: מאטערנישנ פונ א ניט־דערלערנטנ, — האָט ארויסגערופנ באמ געלנ א שטיל פארשטענדעניש.

— איכ וועל אײַכ דערקלערנ, — האָט געענטפערט דער געלער, — מיר זײַנענ איצט אריבער אינ אנ אנדער סיסטעמ פונ פארבינדונגענ. א גרונטלעכער איבערבראָכ. דאָס צווייטע מאָל פאר דער געשיכטע פונ דער מענטשהײַט. דאָס ערשטע מאָל — פונ דעמ היִעראָגליפ צומ בוכשטאב, אונ איצט ווידעראמאָל פונעמ בוכשטאב צומ היִעראָגליפ.

— ?

— דער קינעמאטאָגראפ, ראדיאָ־מוזיק, דאָס ראדיאָ־רעדנ — טראכט זיכ אריינ, וואָס דאָס איז אזוינס. דאָס איבערגעבנ פאָרמעס פונ מענטשנ צו מענטשנ אינ דער פאָרמ פונ א פּראָצעס. די זאכ שטארבט. אינעמ סאָוועטישנ

פילם „דער פארעטער“ געפינט זיך דער העלד הינטער א שפאניער ווענטל בא א פראָסטיטוטקע. אויסנווייניק א קראַנט. פונעם קראַנט גיסט זיך אויס דאָס וואסער. וואָס איז דאָס אזוינס, אָט דער קראַנט? אן אנאלאָגיע, א היעראָגליף. אינ קינאָ, אינ ראדיאָ הייבנ שוינ אָנ מענטשנ צוגיינ צו דעמ. דער מענטש לעבט איבער מיט די אויגנ דעמ היעראָגליף, מיט די אויערנ דאָס לייענענ.

נאָר דער קינסטלער האָט ניט געזענ דעמ „פארעטער“, אונ דער געלער האָט פאמעלעכנ אימ דערקלערט די פּאָשעטע סימוואָלנ פונ קינע־מאטאָגראפ, די שפיל אינ פּראָצעס, אינ אנאלאָגיע, די נאָכ האמעטנע, ווי דער אוראלטער פאלאָס, דאָס איבערגעבנ דעמ געשלעכטלעכנ אקט מיט דעמ קלינגענ פונ א גראפינ, מיט א קראַנט.

— דאָס איז שרעקלעכ! אלצ וויל ווערנ האנדלונג, ניט קיינ זאכ...

די זאכ, וואָס רופט זיך קארטאָפל, האָט אויכ גערופנ צו האנדלונג. די מאָנגאָלקע איז פארלאָשנ געוואָרנ. דער קינסטלער האָט א שפרונג געגעבנ פונ הימל אפ דער ערד.

— זאָגט, איכ בעט אייַכ, — ער האָט געשלעפט די קארטאָפל מיט א צווענגל פונ די קוילנ אונ האָט זיי געוואָרפנ גלייַכ אפנ שטיינ, — איר האָט דאָרט אפ דער בירזשע געלייענט דאָס צעטל פונ פאריקמאכערס? איז ווער זייַנט איר אזוינער, דער רועכ זאָל אייַכ נעמענ? זאָגט, איכ בעט אייַכ.

3

דער מענטש, וואָס האָט באנוצט דאָס וואָרט „הער“, א העפלעכער, ווי די אלטמאָדישע זקיינימ אפ פענסיע, איז געווענ א בלוט־געמיש פונ אנ ארמענער מיט א דייַטשקע, ארנאָ ארעוויאנ, אנ ארבעטלאָזער. ער האָט שוינ געהאט צעריסנ אונ אָפּגעטראָגנ די דייַטשישע קאָסטיומענ, אונ די דייַטשישע געווינשאפטנ האָבנ זיכ שוינ אָפּגעטראָגנ אונ אָפּגע־ריסנ פונ אימ, ווי קנעפּלעכ, אונ ער פלעג זעלטנ־ווענ זיכ נאָכאמאָל א כאפ טונ מיט דער האנט פאר דעמ ליידיקנ אָרט. זעקס כאדאָשימ ארבעטלאָזיקייַט אינעמ לאנד, וווהינ ער איז געקומענ פרייַוויליק, — דאָס האָט אימ געמאכט גוואלדיק באאָבאכטעריש. ער האָט קיינמאָל ניט גערעדט וועגנ זיכ.

— א פאריקמאכער צי וואָס סע ניט איז — איכ זוכ ארבעט. אנעוו, גיט מיר ניט קיינ קארטאָפל. עמעס, איכ בינ הונגעריק, נאָר כ'וואָלט געוואָלט שליסנ מיט אייַכ אנ אָפּמאכ.

— אַן אָפּמאַך?

— איך וועל אײַך צאָלן פֿאַר דער קאַרטאָפֿל מיט אַרבעט.

— צו וועלכע רוכעס דאַרף איך אײַער אַרבעט?

— הערט, איר האָט אַ ווילע, איך וואָלט אײַך געקענט מאַכן אַ דאַך. איך קען אויסגעצייכנט מאַכן דעכער. מאַסקים?

מענטשן זאָגן געוויינלעך אין אַזוינע פֿאַלן: „הערט אויף, כ׳בעט אײַך, עסט געזונט, און אויב די הענט אײַערע קענען ניט רוען, איז טוט אײַך געזונטערהייט וואָס איר ווילט, נאָר אָן אָפּמאַכן“. דער קינסטלער האָט זיך פֿאַרהאַקט, ער האָט שיר טאַקע דאָס ניט געזאָגט. דער געלער האָט אים אָפּגעהאַלטן מיט אַ האַנט־באַוועגונג.

— די זאַך איז אין דעם, וואָס איך האָב זייער ליב עסן פֿאַרדינט ברויט.

— גוט.

ער האָט געענטפֿערט פֿריִער איידער ער האָט געוואָלט, און דערפֿאַר איז ער אינקאַס געוואָרן. די קאַרטאָפֿל, וואָס איז געלעגן אויפֿן שטויביקן שטיין, די גרויע זאַלץ אינעם פּאַפּירל — אַלץ איז געוואָרן רעאַל. דער מאָדנער גאַסט האָט דער ערשטער אויסגעצויגן די האַנט. אַ גרויסע, אין גאָלדענע הערלעך און זומער־שפּרענקעלעך, האָט די דאָזיקע האַנט איבעראַשט דעם קינסטלער מיט איר וווּנדערלעכער צאַרטקייט. ער האָט אויפֿגעהויבן אַ קאַרטאָפֿל, קורצזיכטיק זיך פֿאַרזשמורעט און מיט צוויי פֿינגער, ווי בלומען־בלעטלעך, גענומען שיילן די שאָלעכץ, אָנגעביסן און דערנאָך ערשט צוגעזאַלצן די אינעווייניקסטע מעליקייט. דער רועך זאָל אים נעמען, ווי ער האָט דאָס געגעסן!

„אָט זײַנט איר געקומען, ווי אַ גאַסט, איר האָט מיך געמאַכט פֿאַר אַן אַרבעטגעבער, דערהאַרגעט מײַן געשאַנק, און איר זײַנט צופֿרידן, ווײַל איר זײַנט אומאָפּהענגיק. איך וואָלט עס ניט געקאָנט, איך קאָן זיך ניט אַרײַנרוקן און פֿאַרנעמען אַן אָרט. אַך, ס׳אַרא עגאָיִסט איר זײַנט!“

ער האָט עס ניט געזאָגט. ער האָט עס נאָר געטראַכט, קוקנדיק אויפֿ דער רוִיקער האַנט. עפּעס איז געווען אין איר אַזאַ וווּנדערלעך צוציִענדיקס, וואָס רופֿט אַרויס באַהאַלטענע קינע.

זיי האָבן זיך געלייגט שלאָפֿן. די שטערן, האָט זיך געדוכט, זײַנען אָנגעשאָטן אויבן אויפֿן ברעזענט. דער קלייניקער האָט זיך געדרייט. ער האָט געטראַכט פֿון פֿרויען, ס׳האָבן אים געביסן ערד־פֿליי. דער געלער איז אַנשוויגן געוואָרן און איז אײַנגעשלאָפֿן מיטאַמאָל.

אינדערפרי האָט זיכ עפּעס אָנגעהויבנ א מינ אומזיניקע ווירקלעכ־קײַט. פּארקאטשעט די קורצע הויזנ, איז דער געלער ארויס אפ דער ארבעט. ער האָט אויסגעזוכט א שטויביקנ יאר מיט טרוקענע קוסטעס אונ האָט גענומענ וואלגערנ א קוסט נאָכ א קוסט, אזויווי קעגליעס. מיט א מעסערל האָט ער אָנגעשניטנ, דערנאָכ א קלאפּ געטאָנ איבערנ שניט, דערנאָכ פּארבויגנ אינ דער צווייטער זײַט. די דארע צווײַגעלעכ האָבנ געקרעכצט, פונ געלנ האָט געגאָסנ דער שווייס, די פּאכוועס האָבנ גע־שווינדלט מיט פײַכטע פלעקנ, די ברילנ האָט ער אראָפּגענומענ, אונ די אָפּגענאקעטע אויגנ אפנ פּאָנעמ האָבנ, ווי שטענדיק, אויסגעזענ, ווי מ׳וואָלט זיי געכאפּט ניט אפ זייער אָרט. די אויגנ זײַנענ געווענ קליי־נינקע, גרוי־בלויע. אז די קוסטעס זײַנענ אינ גלײַכע בערעמקעס געבראכט געוואָרנ צו דער ווילע, האָט זיכ אָנגעהויבנ דאָס צוגרייטנ א קאשע פונ ערד, זאמד, שטיינברוכ אונ ליימ. ס׳האָט נאָר געפעלט פייגל־שפּײַעכצ. אנ עמעסע נעסט, א נעסט פונ א בושעל. די פּאלדנ פונ זײַנ פּידזשאק, וואָס פונ א אמעריקאנער רײַטערנ, זײַנענ אומגעפלויגנ איבער די קליי־בעס. די לאנגע פּיס אינ די קאלאָשנ האָבנ געוועקט צו דערינערונג וועגנ א שנאָבל אונ פליגלענ.

— די וואלד־באארבעטונג־פּארטיע...

דער קינסטלער האָט זיכ אופגעכאפּט, אונ אינ דער ערשטער מינוט האָט ער ניט פארשטאנענ. דער געלער האָט דערציילט, אז די וואלד־באארבעטונג־פּארטיע — וואָס דאָס הייסט, האָט מענ זיכ באדארפט אָנשטויסנ — האָט אימ אויסגעלערנט מאכנ געצעלטנ. ס׳איז גאָר־גאָר א פּאָשעטע זאכ. ערגעצ לעבנ דער פּערסישער גרענעצ זײַנענ זיי גע־שלאָפנ אינ אזעלכע געצעלטנ, אונ דער טראָפּישער רעגנ איז אָפּגע־שפּרונגענ פונעמ דאכ. מ׳דארפ דאָס אײַנטראמבעווענ, אָט נאָר אביסל שטיינברוכ... דער געלער האָט אפ די דיבקעס געטאָנ זײַנ זאכ. דעמ שטיינ האָט ער געהאלטנ מיט דער לינקער האנט, מיט דער רעכטער האָט ער אימ געברעקלט, דערנאָכ האָט ער צוגעדעקט מיטנ ברעזענט אונ האָט געמעלויצעט פונויבנ.

— שטייט! — האָט א ריטשע געטאָנ דער קינסטלער, — איינ פראגע. וויפל קארטאָפליעס רעכנט איר עס פארדינענ?

דער געלער האָט א רעכנ געטאָנ אפנ קאָפּ אונ האָט זיכ פארשטענ־דיקט מיטנ מאָגנ.

— צענ שטיק פינקטלעכ.

— אויב אזוי... — דער קינסטלער האָט אנטשלאָסנ פארקאטשעט די ארבל, — גיי איכ פאר א לערנ־ייִנגל צו אייַכ פאר דרייַ קארטאָפליעס.

4

צו מיטאָג איז די פארהעלטנסמעסיקע ווערט פונ א קארטאָפל אויסגעוואקסנ אומגעהייַער. דער קינסטלער האָט אופגעגעסנ דרייַ שטיק. דער געלער — זיבנ. ביידע זייַנענ געבליבנ הונגעריק איבער אקשאָנעס. רויכערנ איז ניט געווענ וואָס, האָבנ זיי געזויגנ שטרויעלעכ, וואָס דער שטויב אונ דער ווינט האָבנ זיי אהער פארטראָגנ. פּלוצלינג איז פונעמ געסל ארויס אנ אלטיטשקע. פארבאָרגענע סיבעס האָבנ זי גע־בראכט אהער אינ דעמ טויבנ קווארטאל. די טשוואקעס האָבנ מיט א שאָרכ געוואָרפנ אפ פונפאָרנט דעמ בלויענ קאָלענקאָר פונעמ קליידל. די הענט האָבנ ארויסגעהאנגענ פונ די ארבל, וואָס האָבנ געהאט דעמ קאָליר פונ קאָפע־זשבורינינע. די פינגער האָבנ אויסגעזענ, ווי וואָרצלענ פונ א בוימ, וואָס זייַנענ ארויסגעקראָכנ פונ באָדנ ארויס. א טרוקענע, ווי א קאָרטש, מיט א פארבונדענעמ מויל, האָט זי זיכ אָפּגעשטעלט פארנ שטיבל, ווו זיי זייַנענ געלעגנ אפ די שטיינער, אונ האָט געקוקט אפ זיי א מינוט פינפ, ווי מיט ניט־זעענדיקע אויגנ, ביז זיי האָבנ זי אוועקגעטריבנ.

— דידאָזיקע באביצעס, נאנעס, ווינענ אינ מייַסעלעכ, וואָס מע דערציילט זיי אינ די פאָרשטעט, — האָט געזאָגט דער קינסטלער. — די מיזרעכדיקע מייַסעלעכ הייבנ זיכ שטענדיק אזוי אָנ: אמאָל איז גע־ווענ אינ א פאָרשטאָט א ווילער באָכער, ער האָט פארבעטנ צו זיכ א דורכגייער, דער דורכגייער איז אָנגעקומענ צו אימ פאר אנ ארבעטער. ער האָט אימ מעקאנע געווענ אונ האָט זיכ אייַנגעבעטנ פאר אנ ארבעטער צו דעמ ארבעטער. דאָס אלצ קלינגט ווי א פאָלקס־מייַסעלע, וואָס „גוס“ רעקאָמענדירט זיי ניט. מיר מיט אייַכ זייַנענ ארויסגעשפרונגענ פונעמ נאטוראליזמ.

דער געלער האָט מיט א נויג פונעמ קאָפּ עס באשטעטיקט.

— קעדיי אויסצוהאלטנ דעמ סטיל, דארפנ מיר זיכ איצט דערציילנ איינער דעמ צווייטנ א געשיכטע אונ זי ארייַנפירנ אינעמ טעקסט אונ־טערנ קעפּל: „די דערציילונג פונעמ קינסטלער“, „די דערציילונג פונעמ אומבאקאנטנ“.

— איכ האָב דאָס ניט ליב, — דער געלער האָט איבערגעקאָכט די זיבנ

קאַרטאָפל, ווי א באָא קאָכט איבער א ווערעמל. ער איז געלעגנ אפ דער פרייליכער זונ מיטנ בויכ ארופ, צוגויפגעלייגט די גרויסע, שטארקע הענט אפ דעמ קאָלירטנ זשילעט, — ארויספירנ אימ פונ אָט דעמ צושטאנד איז געווענ אומעגלעכ. דערפאר דער קינסטלער אָבער, ווי אלע נעוורוטיקער, האָט ליגנדיק דערפילט אנ אופברויז פונ ענערגיע. זיינ פולס האָט זיכ פארגיכערט, די פיאטעס האָבנ אימ געביסנ. ער האָט געשמעקט זיינע אייגענע וואָנצעס, ס׳האָט געשמעקט פונ זיי טאַ־בעק. דער רייעכ איז שוינ פאר אימ געווענ א היסטאָרישער. ער האָט מיט פארגעניגנ אָנגעהויבנ דערציילנ.

די דערציילונג פונעמ קינסטלער לעפ.

„מ׳רופט מיכ ארשאק, איכ בינ געבוירנ אינ באקו. מײַנ ערשטע דע־רינערונג איז — סורדוטנ. ס׳איז א פראנצויזישע סוויטקע, וואָס דארפ „צודעקנ אלצ״. אינ צימער זיינענ געשטאנענ עטלעכע היפּצערנע מאַ־נעקענעס אונ ס׳זיינענ געהאנגענ אפ זיי סורדוטנ — מײַנ פאָטער איז געווענ א שנײַדער. איכ האָב פונ קינדוויַיז אָנ באנומענ די פאָרמ פונ דער ראסע. איינער א שנײַדער א טיורק האָט אויכ גענייט סורדוטנ, נאָר זײַנע האָבנ געהאט א הויכע טאליע אונ שמאָלע אקסל. זײַנע סורדוטנ זײַנענ געשטאנענ אופגעסטארטשעט, מײַנ פאָטערס סורדוטנ האָבנ זיכ געבלאָזנ. פונוויַיטנס האָבנ זיי זיכ געדאכט, ווי א פארזאמלונג פונ ראָבנ. פונונטנ בא די לאָפּעטקעס האָבנ זיי געצויגנ, די טאליע — א נידעריקע, די ברוסט — אויסגעקײַלעכיקט, נאָר דער קאָלנער האָט געקוועטשט אפ דער ברוסט. די ארבל האָבנ געהאט גאלאָכישע מאנקעטנ, זיי האָבנ ארויסגעקוקט, ווי די מײַלער פונ הארמאטנ. מײַנ פאָטערס קליִענטנ — לערערס פונ גימנאזיע — האָבנ ליב געהאט דאפקע אָט די מאָדע, אונ דערצו נאָכ א הארטע שליאפּע אונ שטיוולעטנ אָפגעפוצטע. בא זיי האָט דאָס געהייסנ „זיכ גוט אָנטונ״. זייערע שטימענ, האָט זיכ מיר גערוכט, זײַנענ געווענ סקריפּענדיקע, די פיס קורצע, ווי בא קראָענ, דער קינ צופיל אראָפּ־געלאָזנ. פארנ באשטעלנ דעמ מאלבעש פלעגנ זיי אויסקלײַבנ געוואנט. א שטיק צוואנציק מוסטערנ פלעגנ זיי אָפּווארפנ: „הנא, ס׳איז דענ סכוירע״. — דער פאָטער פלעג דערבײַ שווײַגנ. דערנאָכ האָבנ זיי א צוויי־דרײַ מוסטערנ געליבט, האָבנ זיי באטראכט אפ דער שײַנ, דער באשטעלער האָט געפרעגט וויפל קאָסט, אונ איכ האָב זיכ שטענדיק

געכידעשט אַף דעם פאָטערס גלײַכגילט. ער פלעג אָנרופן א ציפער א געוויינלעכע, זײַן שטים—א לאנגווײַליקע. דענסטמאָל, אינמיטן ריידן, פלעג דער באשטעלער פלוצלינג ארויסשלעפן עפעס פונעם פאַרבראַקעוועטן, פלעג דערעכאגעוו א פרעג טון אַף דער פרײַז, און דער פאָטער פלעג געוואלדיק אופגערעגט ווערן. גראָד אָט דעמדאָזיקן פאַרבראַקעוועטן מוסטער, האָט זיך ארויסגעוויזן, האָט מען נייטיק געהאט, דאפקע דער גראָד איז געווען געפעלן. אָפריידנדיק וועגן פאסאָן און פון דער מאָס, פלעג דער באשטעלער פרעגן:

„— און וויפל וועסטו נעמען פאר דער ארבעט?

„דער פאָטער פלעג ענטפערן:

„— בא אײַך — גאָרנישט, אַף מײַן וואָרט, גאָרנישט.

„דער באשטעלער פלעג פאָרלייגן פינף רובל, דער פאָטער פלעג אזש רויט ווערן.

„— פינף רובל פאר אזא ארבעט!

„מ'פלעג זיך אויסגלײַכן פאר אכט. דידאָזיקע מעכאניק פלעג מיך ווונדערן. כ'האָב ניט פארשטאנען, וואָס די דערוואקסענע ווילן, איך האָב אלץ געהאלטן פאר א גענארערײַ. אז די מאמע פלעג מיר אויסרייניקן די נאָז, פלעג איך רעווען און פאָדערן דאָס אויסגערייניקטע צוריק. דער לערער פון קירכע־געשיכטע, אז ער האָט זיך דאָס דערוווסט, האָט ער מיך אָנגערופן אינדיווידואליסט.

„באקו איז א ווילע שטאָט. יעדער באקוער איז איבערצײַגט, אז ס'איז א ווילע שטאָט. מיר פלעגן גיין אַפן מארק אײַנקויפן. פאָרויס—דער פאָטער, ווי א טרובאטש, נאָך אים דער ברודער מיט א קאָשעק, נאָכן ברודער איך, נאָך א ברודער און א שוועסטער. אַפן מארק זײַנען מיר געפעלן געווען די פלייש־טילן[1] מיט די לאפעס אראָפ. מע פלעג שנײַדן פון זיי שטיקער, ווי דער פאָטער פלעג שנײַדן זײַן מאטעריע — פון דער זײַט, היפשע שטיקער, ס'זאָל בלײַבן וואָס ווינציקער אָפשניצלעך. צום פלייש פלעג מען געבן א צולאָג שמאלץ. אז ס'פלעג ניט סטײַען צו דער וואָג, פלעג מען דערלייגן שטיקלעך פונעם טיש, און דידאָזיקע שטיקלעך, אז מ'פלעג צעשנײַדן, פלעגן זיי טרעשטשען אונטערן מעסער, און מ'פלעג זיי ארופוואַרפן אַף דער סכוירע. איך האָב באמערקט, אז די טילן פארהיטן די ראסע, ווי א קאָסטיום א קערפער. אן אָקס האָט געהאלטן אויסגעצויגן די לאפעס אנדערש פון א שאָפ־באָק. אלץ האָט

[1] טיל—Туша

איבערגעגעבן דעם כאראקטער פונעם גאנג, אפילע די מאָגערע, איַינ־געפאלענע ערטער.

„איינמאָל האָט זיך געטראָפן אזא זאך. אין באקו איז געקומען א פערס, א דערפינדער פון א מין שמירעכץ פאר אלע קראנקהיַיטן. דידאָזיקע פאנאצייע האָט מען פארקויפט אין וויַיסע פושקעלעך, אף די פושקעס — א פּאָרטרעט פון א בעקאָוועדיקן פערס מיט א באָרד און מיט פולע באקן, א רעשימע פון די קראנקהיַיטן, וואָס דאָס שמירעכץ העלפט זיי, און אן אופשריפט: „איך נעם אָפּ צוריק". א פושקע האָט געקאָסט פינף רובל. איינע א שכיינע האָט עס געקויפט צו געלזוכט, די צווייטע — צו שלאָפלאָזיקיַיט. מ'האָט דאָס געקויפט צו כאָלערע, צו שיקרעס, ווי א מיטל צו כאסענע האָבן, צו רעוומאטיזם, און, ווי איך געדענק, האָט דאָס שמירעכץ אויסגעצייכנט געווירקט. דעמדאָזיקן שמירעכץ האָב איך צו פארדאנקען די שטארקסטע איבערלעבונג פון מיַין קינדהיַיט.

„גאנצפרי האָט זיך אָפּגעשטעלט פאר אונדזער שטוב א דראָזשקע. א קליינוווקסיקער מענטש, ענלעך אף מיַין פאָטער, נאָר ברייטער אין די אקסל, האָט גענומען זיך צעצאָלן. די מאמע האָט א קוק געטאָן אין פענצטער און האָט אָנגעהויבן שריַיען: „דער פעטער מיכאק". מיר זיַינען ארויסגעשפרונגען פון שטוב, ווי הינטלעך, נאָר דער פעטער האָט אָונטערגעשטעקט יעדערן אונטערן נאָז א געלבלעכע האנט מיט טונקעלע נעגל, א בורטשע געטאָן: „ניטאָ קיין צייַט, ניטאָ קיין צייַט" און א מאך געטאָן צו דער דראָזשקע. די דראָזשקע איז אָפּגעפאָרן, און ס'האָבן אָנגעהויבן צוגיין צו אונדזער שטוב אמבאלן. דער שווארצער וויַיסט וויפל! די אמבאלן האָבן געטראָגן זעק צו אונדז אין שטוב. איך בין געשטאנען און האָבן געציילט די זעק. די מאמע איז פארשטיינערט געוואָרן. דער פעטער מיכאק האָט גערדאקעט מיט א שטיפטל אף א פאפירל. אז ער האָט אָפּגעלאָזט דעם לעצטן טרעגער, האָט ער זיך אופגעהויבן מאיעסטעטיש אין די צימערן.

„מיר האָבן זיך געריכט, אז די זעק וועלן אויסשיטן פאר אונדז א לעגענדארישע רייַכקיַיט, און דער פעטער מיכאק איז דער קישעפמאכער פון „אלאדינס לאָמפּ". נאָר ער איז אוועקגעגאנגען אין קיך און האָט זיך פארינטערעסירט מיט די קעסלען. און אין די זעק, האָט זיך ארויסגעוויזן, זיַינען געווען הונדערטער און טויזנטער וויַיסע פושקעלעך. אף מאָרגן האָט דער פעטער אָנגעהויבן קאָכן אין קיך. אין א וואָך ארום האָבן צום פערס אָנגעהויבן אָנקומען צוויק גאנצע פארטיעסוויַיז

„אָפּגעגעבענע פּושקעס". אַלץ ווי געהעריק. א פּושקע, א פּאָרטרעט, אַנ אופשריפט—שמירעכצ. דער פּערס האָט געצאָלט. די פּושקעס זייַנען אַלץ צוגעקומענ. דער פּערס האָט געצאָלט. די פּושקעס—ווידער צוגעקומענ. אז ס'האָט שוינ איבערגעשטיגנ איבער טויזנט, האָט דער פּאַר־צווייפלטער פּערס געלאָזט זייַנע טשעמאָדאנעס אונ איז אנטלאָפנ פונ האָטעל קייַנ פּערסיע. דער פּעטער האָט פארדינט באַ דעם געשעפט דרייַ מיט א האלבנ טויזנטער. אזוי זייַנענ געשענ אינ באַקו אראבישע מייַסע־לעכ. א הונדערטער פונ די דרייַ מיט א האלבנ טויזנט איז אָנגעקומענ מיר אפּ „בילדונג": איכ בינ אוועקגעפאָרנ קיינ מאָסקווע צו קרויווים. אונ דערנאָכ — לערע, פארדינסט, מילכאָמע, רעוואָליוציע, פוטוריזמ. איצט דערציילט איר וועגנ זיכ".

5

— איכ בינ ניט קייַנ מייַסטער אפּ דערציילנ, — האָט נאָכאמאָל איבערגעכאזוערט דער געלער, — אויב איר ווילט זייער, איז ביטע, פאַר־גיט פראגנ. אפּ די שטייגער איז שוינ, דאכט זיכ, קאלט. עפשער אופּ־שטיינ?

— ס'הייבט זיכ גאָרניט אָנ! דערציילט, וויאזוי איר זייַנט געוואָרנ א פאריקמאכער.

אונטערנ געלנס ברילנ האָבנ זיכ א ריר געטאָנ די ווייעס.

די דערציילונג פונעמ געלנ, וויאזוי ער איז געוואָרנ א פאריקמאכער

„איכ האָב ניט געהאט קיינ געלט, איכ בינ געגאנגענ צופוס. אינ זאנגעזור איז שרעקלעכ צו גיינ צופוס, באזונדערס לעבנ דער פּערסי־שער גרענעצ. מע באראבעוועט ניט נאָר די זאכנ, די פערד, די אָקסנ אונ דעמ וואָגנ, גאָ־ מע דערהארגעט נאָכ דעמ מענטשנ אויכ — צוליב זיכערקייַט, ער זאָל ניט פּלוידערנ. די באנדיטנ פירנ זיכ ווי הייליקע. אז זיי ראבעווענ אביסל אָנ, גיבנ זיי אָנ א מעלדונג, אז זיי האָבנ כאראָטע אונ זיי ווילנ ווערנ סאָוועטישע בירגער. זיי בעטנ מ'זאָל זיי ארויסגעבנ ערד, פי, אינווענטאר אפ זיכ אייַנצואָרדענענ. אז זיי אָר־דענענ זיכ אייַנ, צאָלנ זיי שטייַערנ, ווערנ דיק אונ גייענ אינ לייענ־

שטיבל. די נאַכט איז געווען אַ לעוואָנעדיקע. כ'האָבֿ זיך צוגעזעצט אין די קוסטעס אָפּרוען. פֿלוצלינג זע איך: מײַן שאָטן פֿאַלט פּונקט אַפֿן וועג. איז מיר ניט געפֿעלן געוואָרן. כ'האָבֿ זיך געוואָלט אָפּרוקן אַביסעלע טיפֿער, נאָר דאָ האָט מײַן שאָטן געמאַכט אַזאַ באַוועגונג, וואָס ניט איך האָבֿ זי גאָר געמאַכט. זי האָט אויפֿגעהויבן אַ האַנט און זי אַראָפּגעלאָזט. איך קוק ווײַטער: דער שאָטן האָט זיך אַ שאָקל געטאָן און איז פֿאַרשוווּנדן. און אַזויווי איך קוק פֿאָרויס, אַזוי דערהער איך הינטער מיר אַ שטים:

„— אַנטשולדיקט, וווּהין גייט איר?

„ס'זיצט אַ מענטש אין פֿויערשן אָנטאָן, מיט אַ זאַק אויף די קני', נאָך אים קריכט אַ צווייטער, אויך מיט אַ זאַק. די רייד און דאָס פּאָנעם ניט קיין פֿויערשע. איך ענטפֿער מיט אַ פֿראַגע אויף אַ פֿראַגע. זיי האָבן זיך אַ קווענקל געטאָן: שווערע צײַטן, אַלע דאַרפֿן לעבן, און מע זאָגט, אַז דאָ ניט ווײַט וועט מען בויען אַ זאַוואָד, גייען זיי אַהינצו אַרבעטן פֿאַר פֿאַבריקמאַכערס, אַלע אינסטרומענטן האָבן זיי מיט זיך. זיי קלינגען אין זאַק, — טאָזן, גאָלמעסערס, שמירעכצן, קעמעלעך, נאָר קיין רעקאָמענדאַציע ניטאָ. איז אָט, אויב איר, ליבער מענטש, זײַט פֿון יענעם קאַנט, אָדער איר קענט דאָרט עמעצן...

— ע, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ רוער!

דער קינסטלער איז אויפֿגעשפּרונגען און האָט איבערגעריסן דעם געלן. פֿלוצלינג איז פֿון געסל אַרויסגעגאַנגען די פֿריִערדיקע אַלטינקע. די טשוויאַקעס האָבן מיט אַ שאָרך געוואָרפֿן אויף פֿונפֿאָרנט דעם בלויען קאָלענקאָר פֿונעם קליידל, די הענט אַרויסגעהאַנגען פֿון די אַרבל, וואָס האָבן געהאַט דעם קאָליר פֿון קאַפֿע־זשבורינינע, די פֿינגער האָבן אויסגעזען ווי וואָרצלען פֿון ביימער, וואָס זײַנען אַרויסגעקראָכן פֿון באָדן אַרויס. זי איז געגאַנגען גלײַך צו זיי, אַ טרוקענע, ווי אַ קאָרטש, מיט אַ פֿאַרבונדענעם מויל, און אירע אויגן, ווײַס פֿון עלטער, האָבן ווי זייערע פֿענעמער געזוכט, און אַז זיי האָבן געפֿונען, האָבן זיי זיך צעלאַכט אין אַ שמייכל. די אַלטע איז אַרײַנגעקראָכן מיט דער האַנט אין קליידל און האָט אַרויסגעשלעפּט אַ געלבלעכן בויגן צונויפֿגעלייגט אין פֿירן, דער בויגן האָט זיך שטאַרק געטרייסלט בײַ איר אין האַנט. צוויי מאָל איז זי דורכגעגאַנגען דעם פֿאַרשאָלטענעם קוואַרטאַל, זוכנדיק דעם מענטשן, וואָס זי האָט געדאַרפֿט. און דאָס מאָל, מײַנע ליבע, וועט איר זיך שוין ניט אויסדרייען פֿון איר, — די אַלטע איז מיד

געוועג, ווי א פארמאטערטע פליג. אפג געלג בויגג איז מיט קונציקג ארמענישג שריפט געוועג אָנגעשריבג:

„איך פראווע די זילבערנע כאסענע, א וועטשערע אוג מוזיק ביז אינדערפרי. זאָל קיינ איינער פוג דער מישפּאָכע גנוני ניט בלייבג הונגעריק איג דעם טאָג. קום אוג זעצ זיך בא מיינ טיש, ארשאק דער זוג פוג גארעגינ"...

דאָס קסאוו איז, פארשטייט זיך, געוועג ווינציקער געקינצלט, נאָר די בארימטע גאדלעס פונעם באלעבאָס האָט ארויסגעטאנצט פוג די בוכשטאבג, אוג דער קינסטלער האָט אינ זיי דערקענט דעם, וואָס האָט אימ איינגעלאדג, — דאָס פּאָנעם — א דרייעק, א שפּיצעכיק בערדל, געלע צאפּג־אויגג, איינגעפאלענע צו די שלייפג, א צוגעפלאטשטער שטערג פוג א פראָצענטניק פול מיט בראָדיוועקעס אוג א צו ברייטער פּידזשאק אפּ די אקסלעג, וואָס זיינעג שמאָל, ווי א גאָרטנ-סטראשידלע.

— אָט איז אייך דער סאָף פוג דעמ אראבישג מייסעלע, — האָט ער זיך צעלאכט אוג האָט א וואָרפ געטאָנ דעם בויגג צום געלג.

— שטייט אופ גיך, אָנ טיינעס, איר מוזט עפּעס קריגג אנדערש אנשטאָט די קאלאָשג, ווייל היינט איז שעכערעזאדעס צווייטע נאכט: מירג מיט אייך טאנצג, עסג, טרינקעג, זיך אָנרויכערג — איר ווייסט ווו? אפּ דער זילבערנער כאסענע בא דעמ זוג פוג דעמזעלבג מיכאק, וועגג וועלכג איך האָב נאָר־וואָס דערציילט.

קאפיטל II.

א וועטשערע מיט א פארקניפ

1

פונ גאנצפרי אָנ זײַנענ די שוויגער, די שוועסטער, די קוואטערנ אונ א פאָר צענדליק אלטינקע שכיינעס אָנגעפלויגנ אינ דעמ ווײַנשענקער גנונים הויפל ארײַנ, קעדיי צו העלפנ זײַנ ווײַב. די וויכטיקסטע קיבודימ זײַנענ געווענ צוגעגרייט נאָכ פונ נעכטנ. אפ דער הילצערנער געדעקטער וועראנדע, וואָס גייט ארויס אינ הויפ מיט אָפגעטעסעטע קאָלאָנקעס אונ מיט א צעקארבטנ קארניז, האָבנ ריזיקע קעסלענ פונ געווײַסטנ מעש, שווערע, ווי רינגענ פונ גראנאטנ, געהיט דעמ פילאוו, וואָס איז געווענ געל פונעמ שאפראנ אונ האָט געשפארט פונ די קעסלענ, אונ א צעקאָכט יונג פריילינג־שעפעלע, וואָס די קאָפיטקעס זײַנע אונ די רויטע פלעקנ בלוט האָט מענ געקאָנט זענ טיפ אינ הויפ בא די רעטיראדנ. דער אוראלטער זאָקנ, דער טויבער שוימער, האָט געטראָגנ פונ קעלער איגפירנ צונויפגעלייגטע, מיט וואסער באשפריצטע בויגנס לאוואש. „זי״, פארקאטשעט די ארבל איבערנ עלנבויגנ, האָט ארויסגענומענ פונ בלעכענע פושקעס מיט ראָפע מארינאד, אונ די הויט אירע האָט געברענט אונ איז אביסל געשוואָלנ געוואָרנ פונ א ביס. דער טעמפלעכער שווערער רייעכ פונ דער האָניקדיקער פאכלאווע, וואָס איז פעט געווענ פונ אלערליי אָנפילעכצנ אונ פונ שמאלצ, האָט זיכ געשפרייט איבער די קיכ־טישנ. פונ דעמדאָזיקנ רייעכ האָט בא די פרויענ וויי געטאָנ דער קאָפ, די אויגנ זײַנענ געקראָכנ פונ שטערנ ארויס אונ די צינגער זײַנענ געשוואָלנ געוואָרנ. אינ צוויי פיצעלעכ צימערנ האָבנ דעמ ווײַנשענקערס טעכטער זיכ געײַלט צונויפרוקנ די טישנ, אָפטרייסלענ דעמ שטויב פונ די וואנט-פאָטאָגראפיעס אונ איבערוואשנ די אומענדלעכ גרויסע ארמיי גלעזער.

אפ יענער זײַט וואנט האָט געקוועטשט מיט די אקסלענ דער קווארטיראנט, דאָקטער פעטראָסיאנ, רײַסנדיק דאָס אויער־לעפעלע, —

דאָקטער פעטראָסיאַנס באַליבטסטער און שטענדיקער זשעסט, וואָס האָט אים ענלעכ געמאַכט אַפ א מאַלפּע. ער האָט פאַרנומען א פּאָנדצימער באַם ווײַנשענקער אין שטוב און געצאָלט פאַר דעמ פיר רובל. ס'איז געווען נאַטירלעכ, ווי א פונט טאַבעק, אַז דידאָזיקע מענטשן האָבן אים פײַנט געהאַט, — און אין שוצקאָלירן סינע האָט ער אָפּגעלאַכט, געריסן דאָס אויער־לעפּעלע, סקעפּטיש געצוקט מיט די אַקסלען אין דער ריכטונג פון דער שכײַנעסדיקער וואַנט. זײַן פּאַציִענט, וואָס האָט געדולדיק זיכ אָנגעלענט מיט זײַן גאַנצן גוף אַפן אָנלען פונעמ שטול און אַרויסגעשטעלט די ציין, האָט נאָכגעדרייט מיט די רויטע אויגן נאָכ דעמ דאָקטער פעטראָסיאַנס פאַראַכטנדיקע זשעסטן, וואָס האָבן אָפּגעריסן זײַנע הענט פון דער אַרבעט. נאָר אָט האָט זיכ אין טיר אַרײַנגעשטופּט די ראָזעווע נאַזיק, א צעפּאַטלטע, ווי דער בעזעמ, מיט וועלכן זי האָט זיכ אומגעטראָגן א גאַנצן טאָג איבער די צימערן.

— וואָס איז?

דער דאָקטער פעטראָס האָט ניט באַוויזן זיכ אָנצוכאַפּן פאַרן לעפּעלע.

— מיר בעטן אײַכ זייער, דאָקטער פעטראָס, מײַריק און אײַריק, איר זאָלט אומבאַדינגט, אומבאַדינגט הײַנט אינאָוונט... אַנטשולדיקט, וואָס איכ האָב געשטערט! אַכ, אַפ מײַן וואָרט, איכ האָב גאָרניט באַמערקט.

דעמ פּאַציִענטס רויטע אויגן האָבן א שווימ געטאָן נאָכן פאַרטעכל, וואָס איז פאַרשווונדן געוואָרן אין טיר. דער דאָקטער פעטראָסיאַן האָט ניט באַוויזן איבערצופּײַטן זײַנע פּאָזיציעס. און האָט, א פאַרלאָרענער און אַן איבערגעבעטענער, געריבן דעמ קוועקזילבער אַפן גלאָז מיט פאַרשפּעטיקטער כאַראָטע אין האַרצן. אין געדאַנק האָט ער אויסגעקליבן א טאָרט פאַר דער מישפּאָכע גנוני.

צו פאַרנאַכט זײַנען די פענצטער, די טישן אין קאָרידאָר, די טישן אַפ די באַלקאָנעס און די דילן, ווו מ'האָט נאָר געקאָנט, — געווען פאַרשטעלט מיט מײַכאָלימ, צוגעדעקט ביז דער נייטיקער מינוט מיט סאַלפעטקעס, פּאַפּירן און האַנטעכער. אַפ צוויי לאַנגע צונויפגערוקטע טישן איז געשטאַנען צוגעגרייט די פּרעליודיע צו דער וועטשערע — די טיי־סערווירונג. דעמ עכטן גאַסט האָט מען דאָ אין כעזשבן ניט גענומען. צו דער פּרעליודיע זײַנען געקומען נאָר דאַמעס און גראַטולירער, וואָס זײַנען אַפ דער וועטשערע ניט געבליבן. דאָ זײַנען געווען צענדליקער טאָרטן,

ציגעלעכ פאכלאווע, מאנדל־קאָנפעטנ, אײַנגעמאכצנ, וואָס אפ צאָפנ זעט מענ ניט אזוינע — פונ באקלאזשאנעס, ראָזעס, אײַווע, קאווענע־שאָלעכצ, ניס.

און צו פארנאכט צו, קריגנדיק אפנ פלאצ, ווי „נארקאָמשמאַטע“ — דער אמעריקאנער באלצדאָקע האָט קופעסווײַז פארהאנדלט זײַנ גוטס און ווי זשעדנע הענטלעכ פונ פראנטיכעס האָבנ דאָרט געפּיקט די אָפּגעצופּטע, אפ יענער זײַט יאמ צונויפגעקליבענע מאלבושימ פונ קלייטמעשאָרסימ, מיליאָרדערנ, אקטיאָרנ פונ כאליווּד און טשיקאגער קרעמער, — קריגנדיק, זאָג איכ, א פּאָר לאנגע, אומענטשלעכ שמאָלע ספּאָרט־טופליעס, האָבנ ארנאָ ארעוויאנ און דער קינסטלער לעפּ זיכ לאנגזאמ געלאָזט גיינ אפ דער סודע־וועטשערע.

די שטאָט האָט מארשירט פארבײַ זיי מיט אָוונטיקע פײַערנ פונ וויטרינעס. שנײַדנדיקע שטימענ פונ צײַטונג־פארקויפער האָבנ אויסגעשריגנ וועגנ דער אָוונט־אויסגאבע. די בארג־הייכנ האָבנ געדריקט די לופט, ווי א האלדז, — אינדערפרי האָט די זונ אויסגעזויגנ טויזנטער קאליזשעס, און איצט איז געווענ קאלט, און די פינגער פונ די פיס האָבנ געפרוירנ. די שטערנ האָבנ זיכ ארויסגעקײַקלט אפנ הימל, ווי ביליארד־באנקעס. אינ דערדאָזיקער שטאָט האָט אלצ געלעבט „אפ דער לופט“. ווער ס'האָט דאָ אינ שטאָט פארבראכט א כוידעש, פלעג בלײַבנ אפ א יאָר, ווער ס'איז געבליבנ אפ א יאָר — פלעג שוינ ניט אוועקפאָרנ ביזנ טויט, פלעג צעלאָזנ ווערנ אינ איר אומפארגעסלעכער לויטערקײַט. א מענטש האָט זיכ דאָ געפילט, ווי א שטיק מעבל, וואָס מ'האָט עס ארויסגעטראָגנ אפ דער לופט, מ'האָט עס אויסגעקלאפּט פונ שטויב און דערנאָכ האָט מענ געלאָזט שטיינ אפ זיכ לופטערנ.

פארשיקערט פונ דער לופט, זײַנענ מאנצבלענ געגאנגענ פארבײַ מיט א הינטיש גענגל, צעבלאָזנדיק די וואָנצעס מיט א שמייכל. זייערע פענעמער האָבנ, ווי פּאָסט־מארקעס מיט צענדליקער שטעמפּלענ, געעפנט פאר א קלוגנ צושויער די גאנצע פילארטיקײַט פונ דער פארגאנגענהײַט, דעמ דורכגעמאכטנ גרויסנ וועג פונ נאָמאדנ, פעלקער־איבערוואנדערונג, ראסנ־טראנזיט: בא אייניקע האָט דער שארפער פארבויג פונ די נאָזלעכער אפ ארופ, ענלעכ אפ א טויטנ שלייפ, די נאָז, וואָס אראָפּגעצויגנ אראָפּ, דער שווערער קארק פונעמ בראָכיצעפאל, דערמאנט די הערשאפט פונ די היקסאָסנ, א עגיפּטישנ בארעליעפ, די כעטיטישע ראסע.

בא אנדערע — א פארשלאָפענער באקביינ, צוגעשפּרונגענ צומ סאמע אויג, אונ א קינדערש מויל פונ א טײַוועניק א מאָנגאָל. די דריטע — יענע זײַנענ געוועג די מינדערהײַט — האָבנ געטראָגנ זייער ארישנ פּראָפיל איינזאמ אונ אײַנגעשלאָסנ, מיט דער כאראקטער־שוואכקײַט פונ אלטע באָכורימ. פרויענ אונ מיידלעכ, אויכ שיקערע פונ לופט, האָבנ שפּאצירט געאָרעמט, זייערע באוועגונגענ — אויסגערעכנט, אונ די ליפּנ אָנגעגאָסנ מיט בלוט. זייער שווערע שיינקײַט, די צײַטיקע ברוסטנ פונ פּופּצניאָריקע, די ראָבנ־האָר איבער די מאטע באקנ זײַנענ געווענ ווינציקער כאראקטעריסטיש. זיי האָבנ געשאָטנ מיטאמאָל אסאכ גאָרגלדיקע ווערטער.

דער קינסטלער לעפּ האָט זיכ אָנגעבלאָזנ: אינ א ארמענישנ האמויכ האָט ער זיכ געפילט ניט גוט. אז די עלעקטרישע שײַנ איז אפ אימ געפאלנ אונ האָט פארשארפט זײַנ אָנבליק, — האָבנ די טונקעלע קרײַזלענ אָנ א הויט אויסגעגעבנ מיט זייער טויטער אומאָרדענונג ניט איינ גרויע האָר, אונ דאָס פּאָנעמ האָט אויסגעוויזנ צעגראָבנ פונ קנייטשנ. דער געלער האָט געשפּאנט רויק אז ווירדיק. די מאָגערקײַט האָט געקעמפט אינ אימ מיט דער געפאקטקײַט פונ א היפּש־גרויסנ מענטשנ. זײַנ ווײַס־ראָזער האלדז איז ארויסגעטראָטנ פונ קעלנערל מיט איירא־פּיישער זיכערקײַט. אונ ווענ אויכ אפ אימ איז געפאלנ די שײַנ, האָבנ צוויי מענטשנ, וואָס זײַנענ געגאנגענ אנטקעגנ, פלוצלינג א ציטער געטאָנ ביידע מיטאמאָל אונ האָבנ עפּעס מיט א בליצשנעלער שרעק א שטויס געטאָנ איינער דעמ אנדערנ מיט די עלנבויגנס. ווענ דער קינסטלער וואָלט געווענ זענ דעמדאָזיקנ שטויס, וואָלט ער עפּשער זיכ פארטראכט אונ וואָלט אויכ צוגעקוקט די פּאָרזעצונג: די צוויי מענטשנ האָבנ, ניט צופרידנדיק זיכ, אָנגערוקט די היטלענ איבער די סאמע נעז אונ האָבנ זיכ א דריי אָפּ געטאָנ פונעמ געלנ אינעמ ערשטנ געסל ארײַנ. דאָס אלצ האָט געדויערט נאָר איינ רעגע. נאָר אפילע דאָרט האָבנ זיי זיכ ניט בארויקט. זייערע שטיוול, אונטערגעשלאָגנ מיט צוועקעס, האָבנ גענומענ קלאפּנ איבער די שטיינער מיט אזא שנעלקײַט, אז דער גערויש פונ זייער האסטיקנ אנטלויפנ האָט זיכ געהערט פונ אלע קלאנגענ פונ דער אָוונטיקער גאס.

2

די מישפּאָכע גנוני האָט באגעגנט די געסט אינ פּאָדער־צימער. די מידקײַט פונ די פרויענ פאר די צוויי טעג איז געווענ צו באמערקנ

אינ דער רויטקייט פונ זייערע הענט אונ אינ די געשוואָלענע וויִעס. דאָס ניט־אָפגענוצטע באַלעבאָסטעס זיידנס האָט געשורשעט. פונ דעמ האַלדז האָט געשמעקט זייפ. אַזוי פלעג זיכ איבערכאַזערנ אינ די פייערלעכע טעג פונ יאָר צו יאָר.

דערפאַר זיינענ די געסט פאַרבייגעשוועמענ לאַנגזאַמ, ווי זיי וואָלטנ געבוירנ געוואָרנ אינ זייערע אויסגעפוצטע מאַלבושימ,— פאַר זיי איז עס געווענ אַנ אָפרו־טאָג.

צומ ערשטנ זיינענ געקומענ זקיינעס — ווייטע קרויווימ. די פאַרמעטענע פענעמלעכ מיט די אויסגעטריקנטע ליפנ האָבנ מיט פאַרשטאַנדיקייט געשמייכלט. יעדער קלייניקייט פונעמ טאָג, אַפילע קנייטשנ פונ אַ סאַלפעטקע אַפ דעמ טישטעכ — אַלצ האָבנ זיי איבערגעלעבט רעטראָספּעקטיוו, ווי אַנ אומענדלעכע אַנפילאַדע צימערנ, וואָס ציט זיכ אינ דער פאַרגאַנגענהייט אַריינ: זיי האָבנ זיכ דערינערט. זייערע געפאַרבטע לאַנגע לאָקנ זיינענ אַראָפגעהאַנגענ רעכטס אונ לינקס פונ אונטער אַ שיינעמ פאַרצייטיקנ קאָפ־באַדעקנס — אַ טולענע פאַטאַ וואַטראָנעסדיק פאַרוואָרפנ פונעמ קאָפ אַפ דער פלייצע אַראָפ, אַ גרויסאַרטיקע רייפ בידעריק אָנגערוקט אַפנ שטערנ, ענלעכ אַפ אַ קאָקאָשניק. פאָרזיכטיק פאַרנ שפּיגל האָבנ זיי מיט ביידע הענט פריִער אַראָפגענומענ דעמדאָזיקנ קאָפ־באַדעקנס, דערנאָכ האָבנ שוינ די זקיינעס מיט טרוקענע הענטלעכ פאַריכט אַפ זיכ די שוואַרצע זיידענע קאָפטעס, גענומענ פאַר אַ באַק די שטוב־באַלעבאָסטע אונ איר אונטערגעשטעלט זייערע דינע, קאַמ באַסלינעטע ליפעלעכ:

— נו, דזשאַנ...

די קליינע מיטגלידער פונ דער מישפּאָכע האָבנ זיי געגעבנ צערטלעכע סטוסאַקעס. אונ די זקיינעס, אויספילנדיק לייטיש — אונ ווי מיטאָמאָל געפינענדיק אַ שליסל צו דער מוזיק פונ דעמ גרויסנ טאָג — אַלע צערעמאָניעס, וואָס דער מינעג האָט איינגעשטעלט, האָבנ זיכ אויסגעזעצט באַ די ווענט אונ גענומענ זיכ איבערוואַרפנ מיט שמייכלענ איינע מיט דער צווייטער, זיכ איבערוואַרפנ מיט געשפּרעכ פונ פאַרקאָסעטע אויגנ, מיט אַ ווונק מיטנ קינ, מיט אַנ אָנווייזנדיקער באַוועגונג פונ אַ ברעמעלע,— זיי האָבנ פאַרשטאַנענ איינס דאָס אַנדערע, ווי פויגלענ אינ אַ שטייגל. די באַלעבאָסטע איז געשוועמענ פונ איינער צו דער צווייטער. דונערנדיק מיט די נייַע שטיוול, איז פונ צימער צו צימער אַרומגעלאָפנ, אויסגעראַטשעט די שוואַרצע אויגנ, דעמ ווייַנשענקער גנוניס

אויפגערעגטער יוירעש. ער איז אַלט געווען פינף יאָר. ער האָט זיך ניט געוואָלט לייגן שלאָפן. א מיידעלע אביסל עלטער, א נישט איבעריק געליבטע אין שטוב, איז פארשעמט אים נאָכגעגאנגען און האָט זיך באַמיט אים איינעמען. אירע הענט זיינען געווען צענומענע אזויווי זי וואָלט געוואָלט כאפן א הון.

נאָך די זקיינעס איז אומגעריכט און ניט צו דער צייט געקומען א יונגערמאַן, א קאָמוניסט. אז ער איז א קאָמוניסט, דאָס האָבן געוווּסט אבסאָליוט אלע אין שטוב. פאָרשטעלנדיק אים, האָט די באַלעבאָסטע געהאַלטן די ליפּן אָפּ א באַזונדער אויפן: אזוי באַווייזן געווייסע גאַדלאָנים א רעוואָלווער, צוגעבנדיק דערביי, אז ער איז ניט אָנגעלאָדן.

דער קאָמוניסט האָט געדינט אין פאָלקאָמהאנדל. זיין פּרענטש איז געווען א נייינקער, די פּיס—קרומלעכע, אין ברוינע קאַ־מאַשן. איער א יונג פּאָנעם, אָן פּרעטענזיעס, מיט א שטעמפּל פון א אומקלאָרן סטיל, און ווי אין דער שפּיל „גיב איבער ווייטער", א באַקומענער און ווייטער געטראָגענער, אן אומפארשטענדלעכער עפּשער פאַר אים אליין, נאָר א שטארק אָפּגעהיטער, געוויינלעכער אויסדרוק פון א פּארטייער: „מיר האָבן אן אופּטראָג, שטערט אונדז ניט". אָט דערדאָזיקער אויסדרוק, וואָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן פאַר צענטריט, האָט קאַטעגאָריש געקעמפּט ערגעץ אין זיינע ליפּן און אין דער נאָז מיטן נאַציאָנאַלן כעטיטישן קנופּ און האָט אים באַזיגט מיט דעם עסקיז פונעם אוניווערסאַלן סטיל. ער האָט א זוך געטאָן מיט די אויגן נאָזיקן און, ניט געפינענדיק זי, האָט ער ארויסגענומען פון קעשענע א פּאַפּיראָסן־פּודעלע. די באַלעבאַטים האָבן געוווּסט צוליב וואָס ער קומט, און די אָנשטענדיקייט האָט געפאָדערט, אז נאָזיק זאָל שטאָלץ זיך איבערנעמען אינעם צווייטן צימער, זיצנדיק צווישן וואַנט און קאָמאָד, און צו דעם מאַנצבל זאָל ארויסגיין א מאַנצבל. נאָר אזויווי קיין מאַנצבלען זיינען נאָך ניט געווען, האָט די באַלעבאָסטע כניפעדיק א קלאַפּ געטאָן אין ווענטל צום דאָקטער פּעטראָסיאַן.

דערדאָזיקער קלאַפּ איז דעם דאָקטער פּעטראָסיאַן געווען א קלאַפּ אין הארצן. שוין א האַלבע שאָ האָט ער געטאַנצט מיט אומגעדולד ארום דער לעצטער פּאַציענטקע, הינטער איר פּלייצע געמאַכט זשעסטן פון א דערוואַרגער און היפּנאָטיזירט זי מיט אויסגעגלאָצטע אויגן פון סינע. די פּאַציענטקע, א שטארק הויכע זקיינע, א גלייכע, ווי א טאָפּאָל,

מיט א קוואדראטנ פּאָנעמ, אינ רייַכנ נאציאָנאַלנ אָנטונ פונ א קאַ־ ראַבאַכישער ארמענערנ: אלטער שעמאַכאנישער זייַד, בלוי אונ רויט, אויסגענייטע ארבל, אנ אטלאַסענער ווייַסער באַנד אפנ מויל. איר זונ, א קליינינקער, ענלעכ אפּ א קאַטשקע, האָט זיכ פאַרוקט אונטער דער עטאַזשערקע. ער האָט זי געפירט מיט א געהיטקייַט, ווי א קאַסטנ מיט געשיר, אזש פונ סאַמע סטעפאנאַקערט. די אלטע איז געקומענ צו פאָרנ זיכ אריַינשטעלנ ציינ, אָבער ווי נאָר דער דאָקטער פעטראָ־ סיאַנ האָט, אויסקוועטשנדיק א זיסינקנ שמייכל, זיכ צוגערוקט צו איר אונ מיט צוויי פינגער אָנגענומענ פאַרנ מוילבאַנד, האָט די אלטע גע־ מאַכט „כי״, — א געלעכטערל פונ שעמעוודיקייַט — אונ מיט דער דלאָ־ ניע פאַרצאַמט דאָס מויל.

„הינטישע זינ, — האָט פארצווייפלט געטראַכט דער דאָקטער פעטראָ־ סיאַנ וועגנ די באָלשעוויקעס, — פונ די מוסולמענערנס רייַסנ זיי אראָפּ די טשאַדרע, אונ פונ אונדזער אלטער גוואַרדיע, דער רוּעכ זאָל זיי נעמענ, טראַכטנ זיי אפילע ניט אראָפּצונעמענ דעמ באַנדאַזש״.

— מאַמאַשע (אָט א בעהיימע), מייַריק, מיר זייַנענ דאָכ צוויי אלטע לייַט, וואָס איז דאָרטנ אזוינס, ס׳איז דאָכ דאָס מויל... (ניט אונ־ טערנ קליידל, אלטע מעכאַשייפע!).

נאָר די אלטע האָט ווידעראַמאָל קאָנוווּלסיוו געמאַכט „כי״, אָנגע־ צויגנ דעמ מוילבאַנד, אונ די גרויסע געלע וויִעס, ענלעכ אפנ שנאָבל פונ א אינדיק, האָבנ געצאַפּלט איבער די פאַרגליווערטע אויגנ.

דער דאָקטער פעטראָסיאַנ, פאַרשוויצט פונ אָנשטרענגונג, האָט א מאַכ געטאָנ מיט דער האַנט צומ קאַטשקעדיקנ מענטשנ: מאָרגנ, מאָרגנ. אז ער איז ענדלעכ אריַינגעקומענ צו די שכיינימ, זייַנענ דאָרט שוינ געווענ א פולע געסט. דער פראָסאָפּעטער דאָקטער פעטראָסיאַנ האָט ניט באַוויזנ צו קויפנ קייַנ טאָרט, נאָר ער האָט אימ שוינ אזויפיל מאָל געקויפט אינ די געדאַנקענ, אויסגעקליבנ דעמ קאָליר, דעמ רייעכ, די גרייס, אז איצט, אריַינגייענדיק מיט א זייַט אינ טיר אונ גלעטנדיק די וואָנצעס מיט ביידע פינגער, ווי שטענדיק, — א זשעסט, נאָכ וועלכנ עס פלעג קומענ א פאַרנויג פאַר אלעמענ, — האָט ער זיכ דערפילט פונ צעשטרייטקייַט, ווי א מענטש, וואָס האָט צוגעשיקט א טאָרט אונ וואָס האָט די רעכט אפ גרויס אויפמערקזאַמקייַט צו זיכ. פונדעסטוועגנ, איז זייַנ אריַינקומענ דורכגעגאַנגענ אומבאַמערקט, אונ אפילע באַמ טיי־טיש איז קיינ אָרט פאַר אימ ניט געווענ. די פאַרהאָרעוועטע נאַזיק האָט

דורכגעשלײַכט מיט א גלאָז פארבײַ אים, מיט צעשטעלטע קליינע עלנבויגנס, ווי זשאבעס. די גלאָז איז געווען באשטימט פאר דעם רויטנאָזיקן אלטע מאנ, וואָס האָט געהאלטנ אָנגעשפארט דעם קינ אינ ברוסט, אזויווי ער וואָלט אײַנגעהאלטנ אנ אומופהערלעכנ גרעבצ. דאָס איז געווענ דער עלטסטער פאָרזיצער פונ סודעס, אנ אָרטיקער מעקלער, א הי־געבוירענער. אז די צווייטע גלאָז האָט אויכ דורכגעשלײַכט פארבײַ אים, האָט דער דאָקטער פעטראָסיאנ א ברומ געטאָנ „אהא" אונ האָט זיכ גענומענ פארנ אויער־לעפל.

3

דער קינסטלער אונ דער געלער האָבנ זיכ אביסל אומגעדרייט איבער דער שטאָט, קעדיי פארשפעטיקנ די טיי, אונ זײַנענ ארײַנגעגאנגענ צומ ווײַנשענקער גנוני צוזאמענ מיט אנ אוילעמ אנדערע סאָלידע געסט. פונעמ באלקאָנ האָבנ זיכ שוינ אײַלײַק געטראָגנ אינ צימער ארײַנ אײַנגעדעקטע טעלער מיט פארבײַסנ. דרײַ מענטשנ מיט זעק האָבנ שוינ, שטייענדיק בא די טרעפ, צעבונדנ זייערע זעק אונ ניט־געײַלט ארויסגענומענ פונ דאָרטנ אינסטרומענטנ — א שיינע אלטע טארע באלייגט מיט מיטלפערל; א קיאמאנטשע, וואָס איר בײַכל איז ארגעפּגעהאָנגענ פונ א פאָשעטנ הילצערנ קלעצל אונ האָט נאָר געווארט אפנ סמיטשעק, אז ס'זאָל אָנהייבנ ציטערנ פונ געוויינ; א פײַקל — דאָס האָט גענומענ אינ די הענט א גרויער אָנבערדיקער פערס, א צעפרעסענער פונ שטופּלענ. ער האָט זיכ געזשמורעט. די מוזיקאנטנ האָבנ זיכ פארנויגט פאר דער באלעבאָסטע מיט א לאנגנ פארנויג אונ זיי זײַנענ ארײַנגעגאנגענ אינ די צימערנ. דער קינסטלער האָט אפילע ניט באוויזנ פאָרצושטעלנ דעמ געלנ. אפ גנוניס סודעס פלעג יעדער פארבעטענער מיטנעמענ מיט זיכ אנ איבעריקנ מענטשנ אונ פלעג אימ געוויינלעכ אינ צימער ארײַנפירנ מיט א שמייכל פונ איינעמ, וואָס ווייסט א סעקרעט: — „אזוי, טוט נאָר א קוק אונ טרעפט נאָר, ווער דאָס איז?" דער געלער איז אפ אזא מינ אויפנ דורכגעגאנגענ מיט צוויי פראָפעסאָרנ פונ אוניווערסיטעט. די פראָפעסאָרנ האָבנ געוואָלט אָנקוקנ נאציאָנאלע טענצ אונ הערנ סאזאנדארנ. דער ווײַנשענקער גנוני פלעג מעכאבעד זײַנ מיט די בעסטע סאזאנדאריסטנ אינ שטאָט. אָט באזעצט מענ שוינ די מוזיקאנטנ — דרײַ שווײַגנדיקע אונ אפ זשעסטנ שפּאָרעוודיקע מענטשנ — בא א

באזונדער טישל, נאזיק האָט זיי אונטערגעטראָגנ צו גלעזער בראָנפנ אונ אנידערגעלייגט אונטער די פיס א קערבל מיט זיסקײַטנ, וואָס איז געבליבנ פונ דער טיי, אונ די סאזאנדאריסטנ — באטראכטנדיק אונ באווילנדיק דעמ אוילעמ אונ שווײַגנדיק, — לייגנ די פינגער אפנ שטויביקנ קערפער פונ די אינסטרומענטנ, וואָס שמעקנ מיט שווייס פונ מענטש אונ מיט פעל פונ כײַע.

פונ איבער די טישנ האָט זיכ אופגעהויבנ אונ זיכ צעשוומענ א זשומערײַ. יעדערער האָט פרייליכ געלאָזט הערנ זײַנ שטימ אונ האָט פארגרעסערט דעמ אומזינ, — די אוווערטיורע פונ די אינסטרומענטנ, וואָס מע שטעלט אָנ, די פרייליכע קאקאָפאָניע אָנ פאלשע טענער פאר דעמ ווי ס׳עפנט זיכ דער פאָרהאנג: — נעמט, כ׳בעט אײַכ, — אדאנק אײַכ, — וואָס, איר ווייסט ניט? — בעעמעס טאקע, — וואָס רעדט איר, וואָס רעדט איר? — אזוי האָבנ געשעפטשעט מענטשישע שטימענ, וואָס האָבנ אָנגעשטעלט זייערע העלדזער. מ׳האָט אומגעוואָרפנ קעלישעקלעכ, מ׳האָט אראָפגעכאפט מיט דער האנט פונעמ טעלער א גוואלדיק לאנגע גרינע ציבעלע, באשפריצט מיט וואסער, מ׳האָט געקליבנ א טאָמאדא — אונ מ׳האָט אויסגעקליבנ דעמ רויטנאָזיקנ מענטשנ, וואָס האָט אלע מינוט אײַנגעשפארט דעמ קינ אינ דער ברוסט, פונקט ווי ער וואָלט אײַנגעהאלטנ א באהאלטענעמ גרעבצ. די פרויענ זײַנענ זיכ צונויפגעקומענ צו איינ עק טיש אונ האָבנ נײַגיריק געמאָסטנ מיט די אויגנ די אָפגעטער — די מאנצבילשע זײַט. די פינגער זייערע זײַנענ געווענ אָנגעניזשעט מיט רינגענ. אינ די אויערנ, אונטער די לאָקאָנעס, וואָס מ׳האָט זיכ געמאכט בא די פאריקמאכערס, האָבנ געפינקלט שטיינער. די פולע אקסלענ זײַנענ געווענ צוגעפודערט.

— שטיל — האָט אויסגערופנ דער טאָמאדא, אויסקלאפנדיק אפ א גלאָז פארלאמענטארישע שטילקײַט — דער ערשטער טאָסט!

דער באלעבאָס, דער ווײַנשענקער גנוני, איז אופגעשטאנענ, אונ ווי נאָר דער קינסטלער האָט דערזעג דעמ באקאנטנ דרײַעק מיטנ שפיצעכיקנ בערדל, מיט די צאפנ־אויגנ, אײַנגעפאלענע בא די שלייפנ, אונ דעמ נידעריקנ צוגעפלעטשטנ שטערנ פונ א פראָצענטניק פול מיט בראָדיווקעס, האָט ער דערפילט, ווי ס׳באשלאָגנ אימ אנגסטנ. אומקוקנדיק זיכ אפנ געלנ, האָט ער אימ געוואָלט וואָרענענ: „האלט מיכ צו אונ לאָז מיכ ניט טרינקענ", — נאָר דער געלער איז שוינ געזעסנ ביט לעבנ אימ. דער געלער האָט גערעדט מיט א שאָכנ, א מענטשנ

מיט אַ נידעריקן שטערן, ווי אַ מאַלפּע, און לעבן דעם קינסטלער איז, פליוכענדיק אַף אים מיט אַ גאַנצן מאַבל שמייכלעך, געזעסן אַן עמעסע שיינהייט — ער ווייסט ניט, ווען האָט זי זיך אַרײַנגעשטופּט. אַ רוסישע פרוי, אַ דיקע, אַ שטאַלטנע, ברייטער און היפּשער פון אים קימאַט צוויי מאָל. ס'איז ניט געווען אַף איר קיין איין שטיקל צירונג. אַ העל־בלוי וואָלן קלייד מיט אַ הויכן קאָלנער און מיט לאַנגע אַרבל, אַ קליין דין־שפּינוועבסן טיכעלע מיט עטוואָס אָנגעריסענע האַפט־שפּיצן איז געלעגן אויסגעשפּרייט אַף איר אַ קני. די באַקן — ראָזעווע, אין פּאַסמעס ברוינע האָר. פליישיקע פּאַריסענע נאָזלעכער, — אַזוי מאַכט מען הילצערנע פערדלעך, — האָבן צעשפּאַרט די נאָז. נאָר די פרוי האָט געלאַכט, און די נאָזלעכער האָבן געלאַכט צוזאַמען מיט איר, און איבער די נאָזלעכער, פון אונטער דער פאַרפלאָנטערטער טשאָפּרינע, האָבן געפינקלט, צעשפּאַרנדיק דעם שטערן, אויך אויסגעקערעוועטע אַף אַרופּצו, צעעפנטע, אומזיניק פריילעכע, ווילדע פון פרייד, גרוי־גרינע קעצענע אויגן.

— ווער איז דאָס? — האָט געפרעגט דער קינסטלער באַם שאָכן.

יענער האָט געענטפערט שטילערהייט און האָט געקאָסעט מיט די אויגן אַפן מענטשן מיטן נידעריקן שטערן:

— דער בלאָנדער אין שטיוול, — דער, וואָס רעדט מיט אײַער פרײַנט, — דאָס איז דער נאַטשקאַנץ פון הידראָבוי, און די ראָזעווע — דאָס איז זײַן ווײַב.

די לאַכערן האָט דערהערט און האָט זיך באַלד מיטן גאַנצן קערפּער אויסגעדרייט צום קינסטלער.

— קלאַווודיאַ איוואַנאָוונאַ מאַלקאָ.

— איך זאָג און איך באַשטעטיק, — האָט הייזעריק געשריגן, אָפּשטעלנדיק זיך אַף יעדער וואָרט, דער ווײַנשענקער גנוני, — איר אַלע, פאַרזאַמלטע, כאָשעווע און הויך־געשעצטע...

ער האָט איינס נאָכן אַנדערן אויסגערעכנט די פאַרדינסטן פון זײַן פרוי, די פאַרדינסטן זײַנע אייגענע און מיט וואָס פאַר אַ געלט ער האָט אָנגעהויבן, צו וואָס ער איז געקומען, וואָס ער האָט מאַקרעוו געווען פאַר דער רעוואָליוציע, — ס'טוט אים ניט באַנק, גאָט איז זײַן איידעס, און ס'האָט אים קיינמאָל ניט באַנק געטאָן. הייזעריק, מיט גרויסער אָנשטרענגונג זײַנען געבוירן געוואָרן ווערטער, און ס'האָט זיך געפילט, אַ דער ווײַנשענקער גנוני וויל אין דעם טאָג זיך אַליין

צעפעגענ מיט בײדע הענט, ווי אנ אלטע פושקע מיט קאָוויאר, אונ ער מאטערט זיכ אינ גוואלדיקער אָנשטרענגונג.

ווידער האָט אָנגעכאפט דעמ קינסטלער די באקאנטע שאָפלדיקײט.

ער איז געווענ קראנק. פונ דער יוגנט, פונ קינדווײז אָנ האָט אימ געשווידערט זײנ נאציאָנאלער טיפ. ער האָט אימ געפילט ניט מיט די אויגנ: די הענט, די בײנער, די אָרעמס, די אינגעווײדנ,—אלצ האָט אינ אימ אָפגעשפיגלט די קלאָציקע פאָרמע פונעמ כעטיט, אופגעבראכט זי פונ אינעווײניק, פונ זיכ, ביז די עקל־צענטערנ פונעמ מארכ. ס'האָט אימ געעקלט פונ דערדאָזיקער פאָרמע, ער האָט זי ניט געוואָלט, ער האָט זיכ ניט געוואָלט.

אונ קלאָמערנדיק זיכ מיט פארצווײפלונג אָנ דעמ כײנ פונ זײנ שכײנע, האָט דער קינסטלער געקאָסעט די האָריקע, נאָענט זיצנדיקע אויגנ אפ קלאוודיא איוואנאָוונע. אלצ, וואָס אינ איר, האָט אימ געצויגנ: איר גרײס, דער כײנ פונ א גרויסער פרוי פאר א קלײניקנ מאנצבל, די באשײדנקײט אונ פאָשעטקײט פונ דער העל־בלויער מאטעריע, וואָס איז אביסעלע אָפגעקראָכנ אפנ אקסל, אפילע די פערדיקע באָזולעכלעכ. זי האָט ארופגעלײגט א פוס אפ א פוס, אונ דאָס הויכע קליב־בײנדל האָט אימ דערצײלט וועגנ א לאנגפוסיקנ קערפער. דאָס איז געווענ א כײע פונ א פרעמדער ראסע,—א כײשע גלוסט האָט אימ ארומגעכאפט.

— די באדינגונגענ פונ ארבעט זײנענ זײער שווערע,—האָט אינ דער צײט גערעדט דער נאטשקאנצ, קײענדיק א שטיק הערינג. דער געלער האָט אימ געהערט אופמערקזאמ, אנידערלײגנדיק לעבנ טעלער זײנ גרויסע רויִקע האנט מיט די גאָלדענע הערעלעכ. ער האָט קימאט ניט געגעסנ אונ ניט געטרונקענ, ער האָט אפילע קײנ קוק ניט געטאָנ אפ קלאוודיא איוואנאָוונע. זײנ שארפער שווארצאפל האָט נאָר אײנמאָל פונ דער זײט א לאָפ געטאָנ ארומ טיש, קעדײ זיכ אָפצושטעלנ אפ דעמ סוטולעוואטנ אלטיטשקנ, וואָס האָט געהאלטנ אפ דער גרויסער נאָז, ווי א לאָפעטע, א ניט־פעסטע גאָלדענע פענסנע אונ האָט זי געהאלטנ אינ אײנ פארפעסטיקנ מיט די הענט. דער אלטינקער האָט, לאנגזאמ צושאָקלענדיק מיט די ליפנ, אויסגעקליבנ געריכטנ. זײנ גאָפל האָט זײער אופמערקזאמ געשטורכעט אינ די בלעכענע פושקעס, א שמײכל פונ קימאט אומזיניקנ פארגעניגנ איז ניט אראָפ פונ זײנע ליפנ. אפנ הוילנ שארבנ, וואָס האָט געגלאנצט אונטערנ לאָמפ, זײנענ

געלעגן איינזאמע ווײַסע הערעלעך. צײַטנווײַז דערהערנדיק עפּעס, פלעג דער אלטינקער מיטאמאָל ארויסלאָזן אן אָפּגעריסענעם געלעכטער, פלעג זיך א וואָרפּ טון אפן אָנלען פון שטול און באשפּריצן די שכיינים מיט זײַן אָנצאָניקן מויל, ווי פון א פולווערי־זאטער: כע־כע־כע־כע!

— דעהײַנע?—האָט געפרעגט דער געלער.

— איך ווייס אפילע ניט, וויאזוי אײַך צו זאָגן,—דער נאטשקאנצ האָט געזיגן א מארינירט גרעזעלע,—צום בײַשפּיל, דער קאָאָפּעראטיוו—זשוליקעס, בעסטיעס, אמאָל איז דאָס ניטאָ און אמאָל יענץ ניטאָ. די דעכער און די באראקן רינען. קולטורעלע פארגעניגנס—סײַדן אָט, אז דו קומסט אהער אפ א פּאָר טעג. אזוי איינמאָל אין א האלב יאָר. קלאוואָטשקע שפּריגגט. און קיין מענטשן זײַנען בא מיר ניטאָ. אָט פיר איך דעם פּעטער... פּעטער איוואנ גאווריליאָוויטש, הערט אוף, איך בעט אײַך, צו זשליאָקען. דער אלטינקער מיט דער גאָלדענער פּענסנע האָט א ציטער געטאָן און האָט געשווינד איבערגעקערט א קעלישעקל איבן מויל.

— איר רעכנט, אז ער וועט זיך ספּראווען?

— נ־נו, פּאָרט אן אייגענער מענטש, מ׳קען זיך כאָטש פארלאָזן.

— צוואנציק טויזנט באאמטע אפן ביודזשעט פון איין געוועזענער גובערניע. איז דאָס ניט צופיל?

אין זייער שמועס האָט זיך ארײַנגעריסן א שטים. צוויי מענטשן באם טיש אקעגן האָבן שטארק זיך געקריגט. איינער א שטאָטישער אלטגעזעסענער אין א סורדוט מיט לאנגע פּאָלעס פון אלטן שניט, ריין געגאָלט, דער האלדזטוך אין א באנט ארויסגעבונדן, און פון די קאנטן האָט קאם־קאם געשמעקט מיט קארדאמאן,—דער אלטער האלדזטוך איז, אפּאָנעם, געלעגן אָפּגעהיט פאר באזונדערע פײַערלעכע פאלן. פײַנע אָנשטענדיקײַט פון א בירגער האָט געשײַנט אין יעדער קנייטש אפ זײַן רויטלעכן פּאָנעם פון א סקלעראָטיקער. דער אנדערער איז געווען דער שאָכן פּעטראָסיאן. די באליידיקונג, וואָס ער האָט באקומען בא דער טיי, איז געוואקסן מיט יעדער מינוט, און פּלוצלינג האָט זי זיך ארויסגעריסן, ווי רויך פון א ארויסגעשטעלטער טרויב. ער האָט פּײַנט געהאט די אבאָריגענער מיט דער סינע פון א באצווינגער. עמעס, ער איז געקומען אהערצו מיט טויזנטער אנדערע פון אלע הויפּטשטעט פון דער וועלט, ווו ס׳האָבן זיך נאָר באזעצט ארמענער,—פון ווין, ווענעציע, פּילאַדעלפיע, טשיקאגאָ, קאלקוטע, פּאריזש, בוענאָס־אײַרעס. ער האָט

פארנומענע פּאָנדישנ ווינשעטעכ, צוגענומענע פּאציִענטנ, אָנגעפּילט די הויכשולנ, די שפּיטאָלנ, די מאגאזינעס, די גאסנ, די רעסטאָראנענ, פארשפּרייט אומעטומ די הערשאפט פונעמ אָנגעקומענעמ. נאָר צי דענ איז די שטאָט מאסיס געזעצלעכ ניט די שטאָט פונ יעדער ארמענער? אונ אויב איר דאָ, אלטע פּראָווינציִאלנ,—יאָ, לעפּישע פּראָווינציִאלנ...

— נאָר דאָכ, צוואנציק טויזנט באאמטע אפּ אנ אָרעמ פויערש לאנד,— האָט ווידער איבערגעכאזוערט דער אָנשטענדיקער אלטינקער אונ ארויס־געשלעפּט פונ ערגעצ פונ א וויַטער הינטערשטער קעשענע א ריינ, נאָר געלבלעכ פונ אלטקייַט, ריזיק נאָזטיכל אונ פּלוצלינג זיכ אויסגעשנייַצט אינ אימ אזוי הויכ, אז אלע באמ טיש האָבנ א ציטער געטאָנ, ווי פונ א שאָס.

4

די בארימטע זאנגינער פיש, וואָס האָבנ אינ מעל אויסגעראטשעט זייערע גלעזערנע אויגנ, זייַנענ שוינ לאנג פארגעסנ געוואָרנ,—אזויפיל גלעזער האָט מענ אריַינגעגאָסנ נאָכ זיי, אזויפיל טאָסטנ, לעכערלעכע אונ שטיפערישע, וויינענדיקע, רירנדיקע, צעצויגענע האָט מענ אופגעהויבנ נאָכ זיי. פונ דער טיפ ערגעצ שרייַט די באלעבאָסטע,—אונ נאזיק, ארויס־שלעפּנדיק איר שווייסיק הענטל פונעמ קאָמוניסטס קרעפּטיקע פינגער, שמייכלט צו אימ מיט די שווארצע אייגעלעכ, לויפנדיקע, ווי א פייגלש שנאָבעלע, וואָס קוקט ארויס פונ א נעסטל, אונ אנטלויפט זיכ אָפּגעבנ אינ דער מאמעס רעשוס,—באלד וועט מענ ברענגענ צומ טיש דאָס געריכט פונעמ יונגנ שעפעלע. די מוזיקאנטנ, צעווארעמט פונ וויַינ אונ פונ מענטשישע שטימענ, האָבנ זיכ אליינ גענומענ איבערשטייַגנ. דער טאריסט רייַסט מיטנ ביינדל די סטרונעס פונ זייַנ טויבנ־טארע אונ זשמורעט די גרויע־ברע־מענ,—ווויל, וווּנדערלעכ ברומט די טארע אונטער דער אלטער האנט. ס׳ווערט צעריסנ פונ געוויינ די קיאמאנטשע, איר בויכ רודערט זיכ, ווי דער בויכ פונ א טראָגעדיק וויַבל, אָדער ווי א טאנצנדיקער בויכ פונ א נעגערנ, הינ אונ צוריק, בעייס ס׳פּליט איבער די סטרונעס דער מעשוגע־נער סמיטשעק פונעמ קיאמאנטשיסט. דער געשטופּלטער אָנבערדיקער פּערס איז ווי מעשוגע געוואָרנ פונעמ פּייַקל. זייַנע אויגנ האָבנ זיכ ווי ארויסגעריסנ פונ די אָרביטעס, ניטאָ קיינ אויגנ, ליידיקע לעכער קרעכצנ, גיסנדיק טייַנעגדיקנ זאפט,—אייגנטלעכ, דאָס רינט ניט פונ די לעכער, דאָס רינט די שטימ פונעמ געשטופּלטנ פּערס, פונ זייַנ דינעמ, ווי א

טרײַבל אויסגעצויגענעם מויל,—וויאַזוי ער זינגט, קענ איצט אָפּשאַצנ נאָר ער אַלײנ. ניטאָ קײנ באַלוינונג פאַר אַזאַ זינגער. די זיפצנ טונעם טרויער סאַאַדי באַוועגנ זײַנ נעשאָמע מיט צאַרטקײַט אָנ אַ שיר. דער פּערס האָט צוגעדריקט צו זיכ דאָס פּײַקל. ער באַזינגט די ווײַסקײַט פונ בריסטנ, דאָס ברומענ פונ איר שטימ, דעמ שפּינוועבס פונ אירע האָר, דעמ אויפגאַנג פונ אירע לאַנגע אויגנ,—אַ־אַכ, דער זינגער וואָלט דאָס פּײַקל צעבראָכנ פונ עקסטאַז.

— פו, וואָס איז דאָס פאַר אַ מוזיק, — האָט זיכ ניט אײַנגעהאַלטנ אונ אַ געשרײ געטאָנ קלאַוואָטשקע.— וואָס איז דאָס פאַר אַ ניאַווקענ אַזאַ, קײנע אויערנ קאָנענ דאָס אַזוינס ניט פאַרנעמענ! מײַנ מאַנ, זאַכאַר פּעטראָוויטש, איז אַ היגער, ער איז דאָ געבוירנ געוואָרנ, ער רעדט אַפילע אויסגעצײכנט אַרמעניש. איכ קענ פאַר קײנ פאַל זיכ ניט צוגעוווינענ. אָט איז אינ מאָסקווע געווענ אַ קאָנצערט פונ מיזרעכדיקער מוזיק, נו־נו, האָט מענ זיכ עס אָנגעלאַכט. אײנער האָט געזונגענ: „איי־איי־אײנער אַ קעמל! צוי־י־ווײטער אַ קעמל! די־י־דריטער אַ קעמל!”

— וואָס רעדסטו, קלאַוואָטשקע, איכ האָב דיר דאָכ געזאָגט, אַז דאָס איז אַ קאַריקאַטור, אַ קאַטאָוועס,—האָט אַ געשרײ געטאָנ דער נאַטשקאַנצ.

— קײנ קאַטאָוועס, אַז ס'איז ווי צווײ טראָפּנס וואַסער! אוי, איכ וועל עס ניט אויסהאַלטנ!

קלאַוואָטשקע האָט זיכ געקאַטשעט פונ געלעכטער.

אַ בײזע פרײד האָט געפּײַניקט דעמ קינסטלער. שוינ לאַנג האָט ער אויסגעלײדיקט די צווײטע פלאַש פונ שטאַרקסטנ, היימיש צוגעגרייטנ בראָנפנ פונ אָזשענע־יאַגעדעס. קלאַוואָטשקעס געלעכטער האָט אימ אויסגעוויזנ ווי אַ גלאָק, וואָס זינגט אַ האַזקאָרע דעמ פאַרשאָלטענעמ מיזרעכ. אַ מיצווע אָפּ אימ, אַ מיצווע אָפּ אימ!... מיט אַ גראָב גאַסנוואָרט, מיט אַ זשעסט, וואָס ער האָט אינ די געדאַנקענ געמאַכט מיטנ ציניזמ פונ אַ שיקער, האָט דער קינסטלער שוינ באַשלאָסנ באַ זיכ צו נעמענ אָט דידאָזיקע פרוי, נעמענ אינ איר די גאַנצע אַרישע ראַסע, אַרײַנגײנ אינ דערדאָזיקער פרעמדער פאָרמע, זיכ איבעראַנדערשנ אינ איר. די אויפגעריסענע נאָזלעכער, האָט זיכ אימ אויסגעוויזנ, דאָס איז מעשוגאַס פונ דיאָניסנ, וואָס איז צעטאָפּטשעט מיט די פיס פונ אַ וואַרוואַר אינ ווילדנ טאַנצ.

דערווײַל האָט די באַלעבאָסטע אונ די טעכטער אָפּדערגיכ אָפּגערײניקט אײנ ווינקל פונ צימער פאַר טענצ. זײ האָבנ געטראָגנ שטולנ אונ

טישלעכ, מיט די פיס אָפּגעשארט די צעשאָטענע פּאפּירלעכ. ווי נאָר ס׳האָט זיכ באפרײַט א קרײַז, אזוי איז פונ טיש אופגעשטאנענ מיט אויסגעצויגענע הענט דעמ ווײַנשענקער גנוניס שוויגער.

די אלטע איז ארויס די ערשטע צו די טענצ. נידעריק אראָפּגעלאָזט די נאָכ שיינע וויִעס, פארקלעמט די ליפּנ, שמייכלענדיק נאָר מיטנ פארבויג פונ דער באק אונ מיט א ווינקעלע פונ מויל, איז די אלטע לאנגזאם געשווומענ אונטער דער מוזיק, אמאָל ארויסשטעלנדיק די פיאטע, אמאָל אָנטרעטנדיק אפ איר. אונ דער קאָפּ אירער מיטנ אומבאוועגלעכנ פּאָנעמ האָט זיכ אמאָל אפ צוריק פארוואָרפנ אונ אמאָל זיכ פארבויגנ איִנ א זײַט. וואָס ווײַטער, אלצ אויסדריקלעכער זײַנענ געוואָרנ אירע לאנגזאמע באוועגונגענ. דער פארבויג פונעמ קאָפּ האָט זי שוינ א־נגאנצנ ווי אראָפּגעצויגנ. דעמ קינ האָט זי פארוואָרפנ מיט זקיינישער מאטקײַט, די פינגער פונ די אויסגעצויגענע הענט האָבנ געשפּילט, אונ באמ טיש האָט מענ אָפּגעשטעלט דאָס עסנ אונ מ׳האָט א קלאפּ געטאָנ געמאָסטנ צומ טאקט מיט די דלאָניעס. דער טאָמאדא אליינ איז ארויסגעשפּרונגענ דער צווייטער. ער איז ארויסגעשווומענ פאר דער אלטער מיט א פּאָנעמ אזא מאיעסטעטיש אומבאוועגלעכס, ווי בא איר. ער האָט צוגעדריקט די פויסטנ צו דער ברוסט, אונ סאָפּענדיק, צוזעצנדיק זיכ, האָט ער ארויסגעוואָרפנ אמאָל איינ פוס, אמאָל די צווייטע. די מוזיק האָט זיכ געריסנ אלצ ווילדער, זײַנ צוזעצנ זיכ איז אלצ אָפטער געוואָרנ. אָט האָט ער ארויסגעשטעקט דעמ אָפּצאס, גלײַכ ער וואָלט געקוקט אפ אימ, אונ אָט האָט ער אימ ארונטערגענומענ, אונ אָט מיטנ גאנצנ קערפּער, אָט נאָר מיט דער פּלייצע אונ אָט נאָר מיט דער ברוסט איז ער געגאנגענ אפ דער אלטער, וואָס האָט זיכ מאט געדרייט. דאָס איז געווענ א טאנצ פונ ליבע, דער צניִעסדיקסטער פונ אלע טענצ אפ דער וועלט, אָנ באריִרונג, אָנ א בליק, אָנ שפּיל פונעמ פּאָנעמ, — די גאנצע קראפט פונ אויסדריקלעכקײַט איז געווענ איִנ די פּאָרויס אָפּגעוואָרפענע הענט. אז זי האָט זיכ פארמאטערט, האָט די אלט־זקע אנ אָכקע געטאָנ אונ זיכ אָפּגעשטעלט. מ׳האָט איר אָנגעהויבנ שרײַענ: „בראוואָ, בראוואָ”. מ׳האָט זי גענומענ אונטער די הענט, אונ דער באלעבאָס אליינ האָט מיט קאָוועד זי אָפּגעפירט, א רויטע אונ א שמייכלענדיקע, אפנ פריִערדיקנ אָרט. דערווײַל האָט דער טאָמאדא אלצ צוגעקלאפּט מיט די אָפּצאסנ, אָט ארויסשטויסנדיק די הענט פּאָרויס אונ אָט צודריקנדיק זיי צו דער ברוסט. זײַנ פארפלאמטע פּאָטיליצע אונ די רויטע נאָז האָבנ געגלאנצט פונ שווייס. ער

איז געווענ ענלעכ אפ א ריזיקנ האָנ, וואָס האָרעוועט איבער זײַנ געליבטער אינ דערוואַרטונג אפ ליבע־צאפּל. איצט איז דעמ באַלעבאָס טאָכטער נאָזיק אופגעשטאַנענ אונ אַרײַנגעטראָטנ אינ קרײַז.

די אַרמענישע מיידלעכ האָבנ זיכ געלערנט אינ שול פונ ריטמאָ־פּלאַסטיק אונ כאָרעאָגראַפיע. זיי האָבנ שוינ פאַרלוירנ די אומשולדיקײַט פונ זשעסט. נאָזיק, אינ א לײַכט קליידעלע, אינ זעקעלעכ „וויקטאָריא" מיט א רײַכער שוואַרצער טשאָפּרינע האָר, איבערגעבונדנ פונוגטנ מיט א העל־רויטער סטענגע, האָט געמאַכט א מאַטנ זשעסט, גלײַכ זי וואָלט געטראָטנ איבער שערבלעכ פונ א מוזייִשער עטרוסקער וואַזע. די אופגעהויבענע האַנט אַראָפּ מיט די צענומענע פינגערלעכ האָט טעאַטראַל אויסגערופנ: „ניינ, ניינ, ביטע, גייט ניט צו צו מיר!" דאָס אַקסעלע האָט באַוועגנדיק גערעדט: „נו, איז וואָס, וואָס איז מײַנ דײַגע". דאָס איז געווענ א שפּיל פונ א דרעסירט כײַעלע. אונ וואָס שטאָלצער ס׳האָט געקוקט אפנ טעכטערל דער ווײַנשענקער, וואָס האָט פאַרנ לערנענ געצאָלט געלט, אַלצ לאַנגווײַליקער זײַנענ געוואָרנ די פּראָפעסאָרנ. פאַר זיי האָט דער באַלעבאָס אוועקגעשטעלט אונטער דער שוץ פונ א פּרוכט־וואַזע א פלעשעלע פינ־שאַמפּאַנ. די פּראָפעסאָרנ האָבנ געסמאַקעוועט אונ מיט לאַנגווײַל זיכ אָפּגעקערעוועט פונ נאָזיקנ.

— צוויי כאַדאָש׳מ באַקומענ מיר ניט קיינ געהאַלט,— האָט גערעדט דער גאַטשקאַנצ. ער איז געווענ אינ גאָרער היספּײַלעס פונ דעמ געלט.— ווענ איר וואָלט וויסנ די אַלע אינטריגעס! מ׳שרײַט: „בויונג, בויונג"— אַנטשולדיקט, איר זײַט ניט קיינ קאָמוניסט? אונ וואָס קאָנ מענ דענ טונ, אַז הײַנט גיט מענ געלט, מאָרגנ גיט מענ ניט קיינ געלט, הײַנט עלעקטריפיקאַציע אונ מאָרגנ עלעקטריפיפאַסקודסטווע! איוואַנ גאַוורילאָוויטש, וואָס האָב איכ דיר געזאָגט? גאָט איז מיט דיר, ווּעסט דאָכ דעמ קאָפּ פאַרלירנ!

דער אַלטער אינ דער גאָלדענער פּענסנע האָט גערעדט צו זיכ אַליינ אונ, טרייסלענדיק די אַקסל מיט א דריבנע, אומופהערלעכ געלעכטערל, האָט ער געטרונקענ אָנ אָפּשטעל אַלצ, וואָס פאַר אימ איז געשטאַנענ. ביר, בראָנפנ, רויטנ, ווײַסנ, דאַמענ־מוסקאַט, טיש־עסיק. דער ציטער פונ זײַנע פינגער, וואָס האָבנ געכאַפּט דאָס קעלישעקל, האָט אַרויסגערופנ א קאָנפוזנ שמייכל בא זײַנע שכיינימ.

— זיכ אָנגעזשליאָקעט אַזוי, אַז מע פילט זיכ שלעכט זיצנ לעבנ אימ. נאָר אָפּשטעלנ דעמ אַלטנ, דערצו האָט מענ זיכ ניט דערטראַכט. גיי אַרויס פונ טיש, איוואַנ גאַוורילאָוויטש.

צווייטן—א פרעמד לאַנד. באַם פעטער מיכאַק איז דער סעקרעט אַפן ערשטן אָרט — סעקרעט און פירמע, דער פּרינציפּ פון א האַנדלס־מענטשן. דער פעטער מיכאַק אַרבעט שרעקלעך, אײַלט זיך שרעקלעך. טוט נאָר א קוק אַף זײַן פענסטע, אַף זײַן שפּרינגען, אַף זײַן מאַשינען, אַף זײַנע וואָנצעס,—ווי קען גאָר א פּאַשעטער מענטש אָפּשטעלן דעם פעטער מיכאַק—ניטאָ קיין צײַט, ניטאָ קיין צײַט. מיט זיבן־מײַליקע שפּאַנען אײַלט זיך דער פעטער מיכאַק... וויאַזוי הייסט די פירמע? סאָציאַליזם? די גאַראַנטיע איז דאָ. אויב איר באַשטעלט באַ אים סאָציאַליזם און צאָלט אים געהאַלט, און גיט אים א מאַשין,—וועט ער אײַך אויסקלעפּן דעם סאָציאַליזם, אויסקלעפּן פאַר דער צײַט, און וועט אײַך אומקערן, ווי דער באַקוועער פּערס, פּושקעלעך, פּושקעלעך, פּושקעלעך, איידער איר וועט נאָך באַווײַזן צו דערשמעקן, באַצאָלנדיק די רעכענונג, וואָס טוט זיך דאָ. אָ, פעטער מיכאַק! זײַנע פּרויען—איר זעט זײַנע פּרויען? באַם סאָציאַליזם און באַ וואָס איר ווילט וואַקסן דען ניט זייערע שמאַלץ־ווײַדלען, שאָקלענדיק זיך מאָנומענטאַל, אַזוי ווי ס'פריער געווען? צי זייערע אויגן, גלאַנצנדיק פון שמאַלץ, גרעבצן דען ניט אָפּ מיט געהיימע געדאַנקען וועגן פעטן לעבן? צי קוועלט ניט אַרויס פון זיי, ווי עמאַנאַציע פון ראַדי, די קינע, דינע פינגער קינע, א דין ניי־נאָדעלע קינע, א דין־שלאַנגיש גיפטעלע קינע,—אָ, וואָס פאַר א צעמענט פאַר דער צוקונפט־געבײַדע עס שטעלט אײַך צו דער פעטער מיכאַק!

פונקט דאָ, ווען די צוהערערס פאַרטויבטע מאַרכן פון ווײַן האָבן אומקלאָר פאַרשטאַנען די ניט־פּאַסיקײַט פון אַרשאַקס רעדע, און פריער פון אַלעמען האָבן מיט א דונער אָפּגערוקט זייערע שטולן די אופגעשטאַנענע פּראָפעסאָרן, האָט דער אָראַטער פּלוצלינג איבערגעלעבט די פאַרוואַנדלונג נומער צוויי און—האָט זיך פאַרהאַקט!

די פאַרוואַנדלונג נומער צוויי האָט זיך גענומען פון צוויי אייגלעך, צוויי שוואַרצע און אויפמערקזאַמסטע אייגלעך פונעם אַכט־יאָריקן מיידעלע, די נישט־איבעריק באַליבטע אין שטוב. אוועקגעלייגט דאָס קינעלע אַפן ראַנד פון טיש, האָט זי פאַרוואָרפן דאָס קעפּל, געעפנט אַביסל דאָס מויל און געהערט אים מיט דער גאַנצער ערנסטקײַט פון איר סוידעסדיקן קינדערשן וועזן, וואָס האָט צונויפגעזאַמלט אַלע אירע שוואַכע קויכעס און געדאַנקען אַף איין זאַך: זי זאָל ניט אַנשלאָפן ווערן און ניט אוועקגעטריבן ווערן פון די אומגעהערט אינטערעסאַנטע און אומפאַרשטענדלעכע פאַר איר איניאָנים פון די דערוואָק־

סענע מענטשנ. אונ ניט דערפאר, וואָס דאָסדאָזיקע מיידעלע איז געווענ
זייער א שיינס. פארקערט, זי איז געווענ א מיִעסינקע. די גלאטע האָר
אָנ א גלאנצ, פארקעמט אינ א צעפל, האָבנ אָפּגעדעקט א לעפּיש גרויסנ
טונקעלנ אויער, די נאָז איז בא איר געווענ א לאנגע, אנ ארמענישע,
אונ די אייגעלעכ זײַנענ געזעסנ נאָענט באמ נאָז־רוקנ,—נאָר דידאָזיקע
אלע דײַטלעכע סימאָנימ פונ כעטיטישקײַט אינ דער מיניאטיור האָבנ
אינ קינדערשנ אויסזענ איבערראשט מיט זייער רירנדיקײַט, וואָס כאפּט
בא דער נעשאָמע, מיט וייער זעלטנקײַט. אזוי רירנ, מינאסטאמ, שטעכ־
כאזיירימלעכ, ליבינקע פארזעענישלעכ, געבוירענע בא א גרויסנ שטעכ־
כאזער. דער קינסטלער האָט מיטאמאָל צוגעדעקט די וויִעס מיט די
הענט, ווי ער וואָלט זיכ געוואָלט צעוויינענ. אנ אומדערטרעגלעכער
ראכמאָנעס האָט אימ אָנגעכאפּט באמ הארצנ. ער האָט זיכ פאָרגעשטעלט:
דאָס מיידעלע שטארבט דאָ באלד, זי וועט שטארבנ,—נאָכ דעמ, וואָס
ער האָט דאָ געזאָגט, טאָר זי ניט לעבנ אונ אויסוואקסנ! דאָס טאמע
פײַנטלעכסטע איז איצט אינ איר, אינעמ קינדערשנ אויסזענ, אימ גע־
וואָרנ דאָס סאמע טײַערסטע: צודריקנ זי צומ הארצנ, באוואָרענענ, אײַנ־
היטנ, זי זאָל נאָר לעבנ, זי זאָל לעבנ.

— אָ שטאמ, שטאמ!—האָט שטיל א געשריי געטאָנ דער קינסטלער
פונ אונטער דער דלאָניע. נאָר קיינער האָט שוינ ניט געהערט אונ
אימ ניט פארשטאנענ. אנ אומבאשרײַבלעכער געפילדער, ווי אפ א היינ־
טישער אויסשטעלונג, איז איצט געשטאנענ אינ צימער.

— א געמיינהײַט, וואָס איז דאָס... א גראָבקײַט—האָבנ געהאווקעט
די פּראָפעסאָרנ מיט א באס,—נאָר פונ אנ ארמענער קענ מענ אזעלכס
הערנ!

— די קאָמוניסטנ קוקנ אנדערש אפ דער נאציִאָנאלער פראגע, —
האָט מיט א דינ אונ פעסט קאָל גערעדט דער פארטייער, וואָס איז
אויכ אופגעשטאנענ פונעמ אָרט:—לענינ אינ זײַנ בריוו פונ 21־טנ יאָר...
מער וויכקײַט, פאָרזיכטיקײַט, נאָכגיביקײַט, צוציִענ דאָס קליינבירגערטומ
אונ די אינטעליגענטנ—אָט וואָס לענינ האָט רעקאָמענדירט. מע טאָר ניט
אזוי, כאווער.

אזוי, אזוי גאָר, אכ, דו,—האָט זיכ געשטיקט דער ווײַנשענקער, צע־
כראסטענדיק דעמ פּידזשאק פאר די לאצנ.—אפ דער זילבערנער כאסענע
וועגנ א פעטער, וועגנ אנ אייגענעמ פעטער! זיכ אָנגעגעסנ, אָנגעטרונ־
קענ. אונ איכ האָב דאָכ אימ, ווי א לײַבלעכנ קאָרעוו! זאָגט, איכ בעט

אײַכ, טוט מיר צוליב, צי שטייט נאָכ די ערד אינדערלופטנ, צי איז נאָכ גאנצ די וועלט נאָכ דעם אלעמענ?

נאָר מער פונ אלעמענ האָט געשריגנ אונ געוואָרפנ מיטנ קאָפּ דער ביז מעשוגאס דערפירטער דאָקטער פּעטראָסיאַנ:

— קיינ עמעסע ארמענער טרינקענ זיכ אזוי ניט אָנ, דאָס איז א רוסישער פּויער טרינקט זיכ אזוי אָנ, דאָס האָט איר זיכ אויסגעלערנט בא די רוסנ. ארמענער זיצנ בא א גלאָז ווײַנ א נאכט אונ צוויי נעכט, זינגענ, טאנצנ, האלטנ רעדעס, קיינ שום גראָבקײַט ניט, וואלגערנ זיכ ניט אינ די גאסנ, ברעכנ ניט, מייקענע ניט, שלוקערצנ ניט. דאָס איז רוסישער סטיל מאכנ סקאנדאלנ. אָט צו וואָס איר האָט דערפירט אנ ארמענישע שטאָט. מיר, אָנגעקומענע מענטשנ, זײַנענ איבעראשט, פּאָשעט איבעראשט.

נאָר דאָ אינמיטנ דעם טומל אונ געפּילדער איז דער געלער (שוינ לאנג האָט ער איינס נאָכנ אנדערנ, ניט גראָב, אָבער אויכ ניט איבעריק צערטלעכ אָפּגעריסנ פונ זיכ קלאוואָטשקעס קלאמערדיקע פינגערלעכ) מיט ראשע טריט פלוצלינג צוגעגאנגענ צו דעם אומבאוועגלעכנ אלטיטשקנ אינ דער גאָלדענער פּענסנע, האָט אימ א טאפּ געטאָנ דעם קאָפּ אונ האָט א געשריי געטאָנ:

— אָבער טוט נאָר א קוק, ער איז דאָכ געשטאָרבנ!

קאפּיטל III

פרימאָרגנ

1

— נו, איז וויאַזוי, קינדער, פונ וואָס הייבט זיכ אָנ דער פרימאָרגנ?

א שוויַיגנ. נאָר איינ הילכיק קעלעכל האָט אויסגעשאָסנ:

— פונ די הייַזער.

דאָס קומט פאָר אינ קלאַס. אגעוו, צי קאָנ מענ דאָס אָנרופנ קלאַס? ס׳בלאָזט אינעם שפּאַלט פונ אונטער דער טיר, ווי ס׳וואָלט געקאָנט דורכגיינ אנ אלטער שטשור מיטנ גאנצנ געזינדל. ס׳בלאָזט פונ די פענצ־טער, פונ די שפּאַלטנ אינ די ווענט, פונ די שפּאַלטנ אינעם דיל. אפ יענער זייַט פענצטער טראָגט זיכ א מאַרט־ווינט. די וואָלקנס אינ הימל ליגנ ווי רינגעלעכ, פּונקט ווי וואָלוועלער קרעמ פונ זייפ־וואָרצל פאר קאָנדיטערישע טרייַבלעכ. אונ בא די טישלעכ מיט אראָפּגעהאנגענע פיס אינ אויסגעטראָטענע טשוויאַקעס, קאַלאָשנ, שיכלעכ האָבנ דרייַ־צענדליק קינדער פונביידע געשלעכטנ זיכ אייַנגעזויגנ מיט די אויגנ אינ דער נייַער „אָנפירערנ”. די אלטע האָבנ זיי מעשאַלייעכ געווענ. די אלטע פלעגט כליפּענ אפ די לימודימ. ס׳פלעגט זי באַלייטנ אינ שול די מאַמע. די אויערנ פלעגט זי פארלייגנ מיט וואַט, דערנאָכ פלעגט זי פארשטעקנ די אויערנ מיט די פינגער, געשריגנ העכער פונ אלעמענ אינ קלאַס, אונ אינ לערער־צימער פלעגט זי מאַכנ היסטעריקעס: זי האָט זיכ געווערט קעגנ די קינדער. נאָר איצט, אז די אלטע איז אוועק, איז איבערגעבליבנ אינ קלאַס אירע א פּאַרטיע. די דאָזיקע פּאַרטיע האָט מיט שאַרפע אויגנ נאָכגעקוקט נאָכ דער נייַער אונ זיכ געגרייט אופּצוכאַפּנ אירע טויזנט לעכערלעכע זייַטנ, אונ מיט טרעפיקער שאַרפזיכטיקייַט האָבנ זיי שוינ באַמערקט: איר מופּטע!

די אָנפירערנ איז געווענ א באַיאָרטע, א קוואַדראַט פּאָנעמ פונ שאָטלאַנדישנ טיפּ מיט א קוואַדראַטנ גרויסנ שטערנ. די הענט אירע האָבנ געשמעקט מיט רויכ, וואָס האָט זיכ ניט אָפּגעוואַשנ מיט קיינ

וואסער, מיט קיינ זייפ—פונ לאנגיאָריקנ פאָרענ זיכ באמ אײַזערנעמ אייוועלע. אָנגעטאָנ איז זי געווענ אָנ שומ פרעטענזיעס, נאָר ניט שלעכט. אונ די מופטע פונ אלטנ פליוש, א גוואלדיק גרויסע, האָט מיט־אמאָל פארכידעשט די קינדער. דער פליוש אפ דער מופטע איז אזוי אָפגענוצט געווענ, אז ס׳איז שוינ קיינ הערעלע ניט געבליבנ. ס׳האָבנ זיכ נאָר געגעלט די גראָבע זעלטענע פאָדעמ, וואָס זײַנענ געווענ אויס־געטריפעט פונ דער צײַט. דער אונטערשלאק איז ארויסגעהאנגענ פונ דער מופטע שטיקלעכווײַז, פארנייט, אָבער פאָרט מיט שטיקלעכ פרענדזנ. די מופטע איז געווענ אָנגעשטאָפט, אונ די אָנפירערנ האָט זי אוועקגעלייגט לעבנ זיכ מיט אזא פאָרזיכטיקײַט, גלײַכ ווי דאָרטנ וואָלטנ געווענ קאָסטבאר־קײַטנ. די אָפאָזיציע האָט אָנגעהויבנ טרעפנ: „א לעבעדיקער קאָטער, זי טראָגט אימ מיט זיכ”, „אנ ערשטגעבוירנ קינד”, „ווארעמע געשטריק־טע מאטקעס”, „טיי מיט א סאמאָוואר אונ בולקעס”. נאָר דאָ זײַנענ די סוואָרעס מיטאמאָל איבערגעריסנ געוואָרנ, אונ די אָפאָזיציע איז ניט־ווילנדיק געגומענ געוואָרנ פארנ קאָלנער דורכ דעמ אומגעריכטנ אָנהייב פונעמ לימעד:

— פונ וואָס הייבט זיכ אָנ אינ אונדזער לאנד דער פרימאָרגנ?

צעעפנט די מײַלער, האָבנ די קינדער גענומענ זיכ אָנשטויסנ, ביז דער קלייגינקער מענטש איז אופגעשטאנענ פונ אָרט אונ האָט אויסגעשאָסנ:

— פונ די הײַזער.

איינ זאָק זײַנער, צוגעשפיליעט צומ גומענעמ זאָקנבענדל מיט אנ ענגלישער שפילקע, האָט געהאלטנ אינ איינ אָפרײַסנ זיכ אונ האָט זיכ אראָפגעגליטשט צומ שוכ. דאָס פיסל איז געווענ רויט, אינגאנצנ אינ סיניאקעס אונ אינ דראפנ פונ אָנצאָליקע אוואנטיורעס. פאר דעמ יאטל—דעמ סאמע קלענסטנ אינ קלאס—איז די זאכ געווענ קלאָרער פונ קלאָר. שווערער פונ אלעמענ קומט אויס אינ שטאָט די הײַזער, שטייענ זיי אופ פריער פונ אלעמענ. הײַזער איז געווענ זייער ווינציק, אפ אכט שולנ נאָר איינ הויז פונ דרײַ צימערנ. פונ גאנצפרי פלעגט דאָס הויז זיכ אָנהייבנ פוצנ, אויסווישנ די פענצטער. נאָר דערקלערנ דאָס מיט ווערטער, בעייס דער גאנצער קלאס קוקט אפ דיר, איז גאָרניט אזוי גרינג. דאָס יינגל האָט זיכ באגרענעצט מיט דעמ קורצנ אונ רעטעניש־דיקנ: „פונ די הײַזער!” דערנאָכ האָט ער צוגעגעבנ פאר די מיידעלעכ נאָכ איינ וואָרט אפ צו דערקלערנ אונ האָט אימ פארקײַלעכדיקט מיט א נעפלדיקנ זשעסט אינדערלופטנ: „פונ דרויסנ”.

און האָט זיכ אנידערגעזעצט אפנ אָרט.

די אָנפירערנ האָט צוגעוואַרט נאָכ אביסל און האָט צונויפגעקליבנ די ניט־זיכערע ענטפערס. די מיידעלעכ: „פונ וואַשנ זיכ און אָנטונ זיכ", „פונ א גוט מאָרגנ", „פונ דעמ ערשטנ לימעד", „פונ דעמ לאַרכ־פּייגעלע", „פונ זונ־אופגאַנג". די ייִנגעלעכ: „פונ די פורלעכ", פונ „ברויט פּאַרקויפנ", „פונ וואָקזאַל"—דאָס לעצטע האָט אפּאָנעמ באַטײַט דעמ וואָקזאַל־זייגער, אפ וועלכנ מע פלעגט אָנשטעלנ אַלע זייגערס אינ שטאָט. נאָר דאָ האָט א שאָכנ א שעפּטשע געטאָנ: „נאָר דאָרט איז דאָכ מאָסקווער צײַט, און בא אונדז איז אונדזער אייגענע". און דער פּאָר־שטייער פונעמ וואָקזאַל האָט גענומענ זײַנ ענטפער אפ צוריק. די אָנפירערנ איז געזעסנ אָנ סאָפּעק א צערודערטע. זי האָט פאַרטראַכט א פּרווו אפ איר אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט און ריזיקע,—די אַלטע הענט אירע זײַנעג עטוואָס קאַלט געוואָרנ. דאָרט אינדערהיימ זײַנענ גע־לעגנ די לערנביכער, רעקאָמענדירט פונ „גוס", און עס האָט זי געשוי־דערט פונ זיי. דידאָזיקע שרײַענדיקע ביכלעכ מיט מאַטעריאַל אָנ איבּ־האַלט האָבנ גאָרנישט געגעבנ די קינדער: ניט קיינ וויסנ, ניט קיינ שטימונג, ניט קיינ בילדער, ניט קיינ געפיל. זיי האָבנ ניט געקאָנט וועקנ דעמ געדאַנק, זיי האָבנ קאַליע געמאַכט די קינדערשע שפּראַכ, אי די מוטער־שפּראַכ, אי די רוסישע. אינ פאָלקאָמבילד זײַנענ אירע אָנשויונגען געווענ באַוווּסט און זיי האָבנ זי געבראַכט צו געצוווּנגענער אַרבעטלאָזיקײַט. ס'האָט לאַנגווײַליק צו איר גערעדט א דיקער מענטש, ניט קוקנדיק אפ איר, און האָט צוגעקלאַפּט מיטנ שטיפטל איבערנ טיש:

— מע טאָר דאָכ ניט, סאָפּקאָלסאָפּ, כאַווער. מיר באַקומענ די־רעקטיוונ. דער גאַנצער פאַרבאַנד לערנט אינ לערנביכער, דאָרט זיצנ די עמעסע קעפּ, און איר זײַנט אַנ אַלטע באַאַמטע, א פּאַר־רעוואָליוציאָ־נערער פּעדאַגאָג. מע האָט אײַכ געשיקט אפ קורסנ, צוליב וואָס האָט איר זיכ איבערגעגרייט? אײַער קריטיק האָט פאַר אונדז קיינ ווערט. און צומ סאָפּ,—ער האָט פּלוצלינג אופגעלעבט, ווײַל ער האָט פּלוצלינג זיכ דערמאַנט א זעלבסטפאַרשטענדלעכנ באַווײַז,—קיינמאָל האָבנ נאָכ קינ־דער זיכ ניט געלערנט מיט אַזאַ פאַרגעניגנ, ווי אינ אונדזערע שולנ. וואָס דערווײַזט עס? ווענ די לערנביכער וואָלטנ געווענ, ווי איר דריקט זיכ אויס...

— ס'איז ניט מאַכמעס די לערנביכלעכ,—האָט זי דענסטמאָל געענט־פערט אינ פולער פאַרצווייפלונג,—מע לערנט זיכ דערפאַר, ווײַל מיר

שאפנ די לימודים, לעכאָלאפּאָכעס, אפ צאָפנ. דאָרט ארבעטנ די לערער, ווי ארטיסטנ, פונ לימעד צו לימעד. אונ ענדלעכ איז דאָרט אײַנגעפירט דער לאבאָראטאָרישער מעטאָד, דער דאלטאָנ־פּלאנ, געזעלשאפטלעכע ארבעט, די קינדער פארגיט מענ ניט אהיימ צו כאזערנ, מע גייט דורכ אלצ אינ קלאס. אונ בא אונדז האלט מענ די קינדער פיר שאָ אינ שול, אויסטונ זיכ איז ניטאָ ווו, צוגעוווינענ צו אקוראטקײַט ניטאָ ווו, קיינ שאפקעלעכ פאר קאלאָשנ ניטאָ, קיינ אויוונס ניטאָ, אונ אינ פיר שאָ ארומ, מע באווײַזט נאָכ ניט צו ענדיקנ, הייבט זיכ שוינ אופ פונ דעמ צווייטנ אומבײַט אנ ערדציטערניש אינ קאָרידאָר, — וואָס גיבנ מיר זיי אינ די פיר שאָ?

— גענוג, כאווער! — דער דיקלעכער מענטש איז אופגעשטאנענ, צעבלאָזנדיק די וואָנצעס. דאָס ערשטע מאָל טורעפט זיכ אזוינס אינ זײַנ אנשטאלט. דאָס פעלנ פונ אזוינע פרעצעדענטנ האָט אימ געמאכט נאָכ הילפלאָזער, — אונ די אלטע לערערנ האָט אָנגעהויבנ וואנדערנ צווישנ דער ארבעט־בירזשע אונ צווישנ דעמ צימער, וואָס זי האָט געטיילט מיט איר פלימעניצע. זי האָט זיכ ארויסגעכאפּט מיט רייד פונ צעהיצטקײַט. ס'האָט זיכ איר גאָרניט געוואָלט פארלירנ די שטעלע, פארשעמט ווערנ פאר א רעפאָרמאטער. נאָר אזוי קומט שוינ פאָר מיט א מענטשנ: א זשעסט, וואָס האָט זיכ ארויסגעריסנ אומגערנ, ווערט מיטאמאָל, — ווי א זעגל אָנגעבלאָזנ מיט ווינט, — זײַנ באוועגלעכע ענערגיע. אָנ ארבעט, האָט זי טאָג אונ נאכט געזאמלט געדאנקענ אונ קויכעס צומ שלאכט. בא די סטראטעגנ, — אפ צו באצווינגענ די גאנצע וועלט. בא איר, בא דער אלטער לערערנ אנוש מאלכאזיאנ, — דער ערשטער „לאבאָראטאָרישער" לימעד פאר דער דריטער גרופּע... אונ הײַנט, ארײַנגייענדיק פארנ לימעד אינ לערער־צימער, האָט זי שוינ געוווּסט, אז שטערונגענ זײַנענ דאָ אסאכ.

אָט וואָס ס'האָט באטײַט איר עטוואָס ציטעריקע, נאָר הויכע אונ פאר די קינדער אומגעוויינלעכע פראגע: „פונ וואָס הייבט זיכ אָנ בא אונדז אינ לאנד דער פרימאָרגנ".

2

צוגעוואָרט פונקט אזויפיל צײַט, וויפל מע דארפ אפ אויסצושעפּנ די „ענטפערפייִקײַט" פונעמ קלאס, האָט זי אינ די געדאנקענ באטראכט אונ ווי אָפּגעוויגנ דידאָזיקע ענטפערס. זיי זײַנענ געווענ פונקט אזוי־

נע, ווי זיי האָבנ געקאָנט זײַנ. קיינ איינער האָט ניט געענטפערט: דער פרימאָרגנ הייבט זיכ אָנ פונ א הודאָק אפ דער פאבריק, פונ א פאסטעכ־פײַפל, ווײַל קיינ פאבריקנ איז אינ שטאָט ניט געווענ, די פאבריקנ זײַנענ געשטאנענ נאָר־וואָס אויסגעבויטע, נײַינקע, זעלטענע, ווי צייג בא א זויג־קינד אינ מויל, אינ א דעקאָראטיווער גרופּקע אפ יענער זײַט שטאָטישנ וואָקזאל, אונ די ערד האָט געשיקט אהערצו די קינדער פונ „ארויסגערוקטע”, ד. ה. די, וואָס האָבנ זיכ שוינ פונ אָרעמקײַט ארויסגערוקט צומ קליינהאנדל אונ צו סאָד־אייגנטימער. זי האָט דאָ געהאט פאר זיכ א רעאלע אונ נישט קיינ אויסגעטראכטע סאָציאלע סטיכיע. ס'איז אנגענעמ געווענ אָנצוהייבנ פונ פינקטלעכ באשטימענ דעמ פאקט: „מיר האָבנ דערווײַל ניט קיינ פּראָלעטאריאט, אונדזער פויערטומ איז דערווײַל אָרעמ אונ קאָנ ניט לערנענ די קינדער אינ שטאָט. אָט די־דאָזיקע דארפנ מיר לערנענ, די זײַנענ אינ אונדזערע הענט, אונ מע דארפ, אז זיי וועלנ אויסוואקסנ, זאָלנ זיי אָנהייבנ ציִענ יענע אונ זאָלנ מיט זיכ ניט פארצאמענ דעמ וועג פאר זיי.

— קינדער!—האָט זי אָנגעהויבנ הילכיק אונ האָט זיכ צוגערירט צו דער מופּטע. דידאָזיקע סוידעסדיקע מופּטע איז מיטאמאָל פלוצלינג לעבעדיק געוואָרנ, אונ די קינדער האָבנ זיכ אָנגעשטעלט אפ איר אונ האָבנ געוואָרט,—אָט שטעלט זיכ פאָר, דאָס איז אונדזער ערד. זי קערעוועט זיכ אויס צו דער זונ, אונ אפ דער זײַט, וווּ בא אונדז איז געווענ נאכט, קומט אָנ דער טאָג. די זונ הייבט אָנ פארכאפּנ די זײַט, פריִער אלע סאמע העכסטע פּונקטנ, דערנאָכ דאָס, וואָס אביסל נידעריקער אונ נאָכ נידעריקער. נו־זשע, קינדער, אויב דאָס איז בא אונדז ארמעניע, איז פונ וואָס הייבט אָנ די זונ?

פונ מאסיס!—האָט א געשריי געטאָנ דאָסזעלבע קליינ ייִנגעלע, וואָס האָט פריִער געשריגנ „פונ די הײַזער”.

די אָנפירערנ האָט א שמייכל געטאָנ צו אימ. ער איז איר בעפיירעש געפעלנ געוואָרנ.

— פונ מאסיס. ריכטיק, ייִנגעלע. נאָר מאסיס איז דאָכ ניט אינ אונדזער לאנד, דו ווייסט ניט—מאסיס איז אינ אנ אנדער לאנד, אינ טערקײַ, אונ בא אונדז איז אויכ דאָ הויכע בערג—אלאגעז אונ אנדערע בערג, נידעריקערע. אָט לאָמיר זיכ דורכשפּאצירנ צוזאמענ מיט דער זונ איבער גאנצ ארמעניע אונ מיר וועלנ א קוק טונ, וויאזוי אונ פונ וואָס ס'הייבט זיכ אָנ דער פרימאָרגנ אינ יעדנ אָרט.

זי האָט אַלץ געהאַלטנ די מופּטע פאַר זיכ, נאָר זי האָט גאָרניט ניט ארויסגענומענ פונ איר. נאָר אינ די פארבאָרגענע טיפענישנ פונ דער מופטע האָט א גליטש געטאָנ איר אייגענע האנט, אונ אינ דער מאָס, וואָס איז נייטיק געווענ, האָט זי צוגעגעבנ דער מופטע די נייטיקע קאָנטורנ. דאָ ערשט האָט זיכ בארעכטיקט די אלטע מופטע מיט דעמ געל־ברוינעמ אָפּגעקראָכענעמ פליוש. די אָנפירערנ האָט גערעדט, אונ צוזאמענ מיט די ליפּנ האָבנ זיכ אפנ טיש באוועגט געלע כוואליעס, וואָס האָבנ אמאָל זיכ אויסגעגלײַכט אונ אמאָל זיכ אופגעהויקערט, אונ מיט דער לינקער האנט האָט די דערציילערנ זיכ צוגעהאָלפנ, אָנווײַזנדיק אפ די קאָנטורנ פונ דער מופטע.

—אָט האָט די זונ אינ דער סאמע הייכ א לעק געטאָנ די בארג־שפּיצנ. דאָרט ליגט נאָכ דער שניי. ס׳איז וווילער שניי. ער טרינקט אָנ ארמעניע מיט וואסער. ער שפּײַזט די טײַכנ. ארמעניע איז דאָכ א לאנד א טרוקנס, וואסער איז ווינציק, אונ אָנ וואסער קאָנ ניט אויסוואקסנ קיינ ברויט, קאָנ ניט זײַנ קיינ גראָזנ, וועט ניט זײַנ מיט וואָס צו האָדעווענ זיכ אונ דאָס פי. די זונ איז אראָפּ נידעריקער צו די בארג־זײַטנ. דאָ איז שוינ ניטאָ קיינ ביימער, ניטאָ אויכ קיינ ווינונגענ, נאָר זומער איז דאָ געדיכט גוט גראָז, אונ דערפאר טרײַבנ ארויס אהער די וואנדערער זייער פי. דידאָזיקע בארג־זײַטנ רופנ זיכ טאקע פאשעס, יאיליאקעס. אפנ גאנצנ לאנגנ זומער קומט אהער דער וואנדערער, ניט אליינ, נאָר מיט דער מישפּאָכע. פאר צענדליקער ווערסט, אפילע פאר הונדערטער ברענגט ער צו טרײַבנ אהער דאָס מאָגערע, פארנ ווינטער אָפּגעצערטע פי, פארנעמט אנ אָרט, וואָס רעכנט זיכ יאָרנלאנג פאר זײַנ אָרט. אינ ארבעס ברענגט ער צו פירנ מאלבושימ, געפּעס. זײַנ מישפּאָכע לעבט אונטער דער ארבע, אָדער אינ א געצעלט. אונ אזוי פארברענגט ער דעמ זומער, ביז ס׳קומט דער כוידעש אווגוסט, אונ מיט אימ די ערשטע קאלטע נעכט. דאָסדאָזיקע אָרט הייסט, קינדער, די פאשע־זאָנע, אונ מענטשנ פארנעמענ זיכ דאָ מיט פיצוכט. נידעריקער אביסל ליגנ זייערע דערפער, וווהינ זיי קערנ זיכ אומ אפ ווינטער.

דאָ האָט די מופטע זיכ א רודער געטאָנ, ווי א לעבעדיקע, אונ די האנט האָט פונ איר ארויסגעשלעפּט א פּודעלע—ניט קיינ פּודעלע. אז די קינדער, שטופּנדיק איינס דאָס אנדערע, האָבנ זיכ צונויפגעשפּארט ארומ טישל, האָט אנוש מאלכאזיאנ שוינ צענומענ אפ דעמ א מאָדעל פונ א פּויערש ערד־שטיבל: צוויי סטופּעס אינ דער ערד־לאָכ, א טיר צווישנ

זיי, אינעווייניק א ערדענע פייַער־שטעל און א לאָך אין סטעליע פאַרן רויך. הינטער א ווענטל — אן אָרט פאַרן פֿי. איינס נאָכן אנדערן האָט זי ארויסגענומען פון דער מופטע זאכן — שפּילעכלעך: א שפּינדל, א דעמבן וויגעלע אפֿ אויסשלאָגן פוטער, געפלאָכטענע טעלערס, לעדערנע סאנדאלן.

— הויך ווינען די פּיצוכטלער. ווייַט איז צו זיי, און פון זיי איז ווייַט צו אנדערע מענטשן. זיי האָבן ניט קיין געלט אפֿ צו קויפן זיך שטאָטישע סכוירעס. איז אָט אלץ, וואָס זיי דאַרפן, מאכן זיי זיך אליין. נאָר די זון לויפט אראָפּ, אראָפּ פון די פּיצוכטלער, אהין, ווו ס'איז וואַרעמער און ווו ס'איז שוין פאַראן ביימער. דאָס איז די זאָנע פון סעדער. דאָ וואקסן געשמאקע און נוצלעכע זאכן: ווייַנטרויבן, פערשקעס, אבריקאָסן, בארן, מילגרוימען, וואָלעכשע ניס, פייַגנביימער, אייַווע און אסאך אנדערע. די אייַנוווינער דאָ לוינט שוין ניט צו האלטן קיין פֿי, עס האָט דאָ ניט וואָס צו עסן. טרייַבן עס אפֿ די פּאַשעס איז ווייַט, און די ערד דאַרף מען פאַר פרוכטביימער און פאַר ווייַנגערטנער. דאָ האָבן די מענטשן סעדער, אסאך סעדער, און יעדערער באַארבעט זייַן סאָד, גראָבט איבער, באַגיסט, היילט, אויב די ביימער ווערן קראַנק, רייניקט פון הוסן, פון זשוקעס. האַרבסט איז בא יעדערן דאָ פרוכטן, מערער איידער ער דאַרף פאַר זיך אליין צום עסן. די מויסרעס פירט ער אוועק אין שטאָט און פאַרקויפט; ער לערנט זיך טריקענען פרוכטן, מאכן פון ווייַנטרויבן ווייַן און בראָנפן. פאַרן פאַרקויפטן באַקומט ער געלט, און וויבאלד ער האָט געלט, קאָן ער קויפן אין שטאָט אלץ, וואָס ער דאַרף: מאַלבושים, געפעס, אינסטרומענטן. דאָ זייַנען די מענטשן רייַכער און וויסן מערער. זיי האָבן מערער געזען, ווי די פּיצוכטלער. זיי גיבן אָפּ זייערע קינדער זיך לערנען. נאָר די זון לויפט נאָך נידעריקער, און אָט קומט זי אָן ביז א פלאכן אָרט. דאָ, קינדער, איז א סאָף צו די בערג. אפֿן פלאכן אָרט זייַנען דורכגעפירט אייַזנבאַנען, ס'ליגן שטעט, און די ערד געבירט די נאָך נייטיקערע זאכן: זי געבירט בוימוואָל, וואָס מע מאכט פון איר בוימוואָל־מאַטעריע, רייַז, ווייץ, גערשטן, טאבעק און אנדערע פלאנצן. דאָס איז די ערדארבעטערשע זאָנע. און איצט גאנצפרי שטייט אופֿ דער פויער און רייניקט די אינסטרומענטן, וואָס זייַנען פאַרזשאַווערט געוואָרן פאַרן ווינטער, ער גרייט צו דעם אקער און די באָראָנע, ער גרייט צו זוימען פאַרן פעלד. דידאָזיקע פויערים האָבן אויך מויסרעס, זיי זייען אפֿ צו פאַרקויפן, זיי דאַרפן שטאָטישע סכוירעס. פונוואַנען־זשע קריגט די שטאָט

די אלע סכוירעס? די שטאָט, קעדיי מענטשנ זאָלנ קאָנענ אינ איר לעבנ און זיכ שפּײַזנ, דארפ אסאך ברויט, פּוטער, גרינסנ, פלייש, און דערפאר דארפ זי געבנ די פּויערימ און די גערטנערס אינסטרומענטנ, געפעס, מאטעריע. ווענ ס'ניט איז וועל איכ אײַכ דערציילנ, פונוואנענ דאָס אלצ נעמט זיכ און ווי מיר הייבנ אָנ צוביסלעכ בויענ פאבריקנ. און איצט, קינדער, נאָכ צוויי ווערטער וועגנ דער זונס א פרײַנט און א כאווער. אינ דער צײַט, וואָס זי איז געלאָפנ פונויבנ אראָפּ, איז ער אויכ מיט איר געלאָפנ פונויבנ אראָפּ. דערדאָזיקער זונס פרײַנט און כאווער—איז דאָס וואסער.

דאָ האָט די לערערנ איבערגעכאפּט דעמ אָטעמ. שוינ לאנג האָט אינ קאָרידאָר געקלונגענ דאָס גלעקל. די לאנגע פיגור פונ איר קאָלעגע סאטעניק מעלקאָנאָווא האָט אופגערעגט זיכ אומגעדרייט פאר דער טיר פונ דעמ קלאס, צוגעבויגנ צומ שליסל־לעכל דעמ קאָפּ, וואָס איז געשוירנ לויט דער מאָדע, מיט דער הויקער־נאָז און מיט גוואלדיק לאנגע צאצקעס אפ די אויערנ. סאטעניק מעלקאָנאָוועס פיבערדיקע אויגנ, וואָס האָבנ שטענדיק געהאט טונקעלע קרײַזנ, האָבנ געגלאנצט פונ נײַגיריקײַט. נאָר אינ דער שליסל־לאָכ האָט זי גאָרנישט ניט געהערט, אויסער אנ אומקלאָר הודענ פונ שטימענ.

די מופטע איז ווי א פארמאטערטע כײַע געלעגנ אפנ טישל פאר דער לערערנ. די טיפענישנ אירע זײַנענ געווענ אויסגעליידיקט, די פרענדזנ זײַנענ לעבנסלאָז ארויסגעפאלנ, און די קינדער, צונויפגעשפּארט ווי פריער, האָבנ זיכ ניט געוואָלט צעגיינ און האָבנ געצויגנ צו איר זייערע טאפּערלעכ־הענטלעכ. יעדערער האָט געוואָלט זיכ צורירנ צו איר און זיכ דערוויסנ, צי איז ניטאָ נאָכ עפּעס אינ איר.

— פונ מאָרגעדיקנ טאָג אָנ, קינדער, וועט דער גאנצער קלאס געטיילט זײַנ אפ זאָנעס. צו צוויי פארטעס, רעכענענדיק פונ דער וואנט. איר ווייסט, וואָס דארפ טונ יעדער זאָנע? פארפירנ בא זיכ מיט אלגעמיינע קויכעס א קאָלעקטיווע ווירטשאפט. איכ וועל אײַכ געבנ ביכלעכ, געמעלנ, פּאפּיר, פּאפּ, בלײַשטיפטנ, און מער דארפט איר גאָרנישט ניט פרעגנ, ביז איר וועט ניט אָפּמאכנ אלצ, וואָס מע דארפ. די פּאשע־זאָנע דארפ צוגרייטנ אָט אזא מאָדעל פונ א שטוב, ווי בא מיר, א בײַדל, דערנאָכ אויסשנײַדנ און פארפארבנ די טשערעדע—שעפּעלעכ, ציגנ, קי, בופלאקסנ, מויל־אייזלענ, פערד. די ווירטשאפט דארפ האָבנ איר קאָנטאָר־בוכ מיט א גענויענ צעטל, פונ וואָס די ווירטשאפט באשטייט.

די פּיצוכטלער האָבן פון סימכע אָנגעהויבן טאנצן. זיי איז אָנגעקומען דאָס סאַמע אינטערעסאַנטסטע. נאָר די פיר פאָדערשטע פּארטעס האָבן אָנגעהויבן הויך צו פּראָטעסטירן. די ביימער האָט מען געדארפט מאָלן אין העפט, ניט אויסשניידן, מע האָט געדארפט אויסכאזערן די נעמען, און די היַיזלעך ניט צונויפקלעפּן, און לייענען האָט מען געדארפט אסאך מערער. אזוי איז קלאָר געוואָרן פון דער לערערנס גענויער דערקלערונג. די פיר פארטעס האָבן קאַטעגאָריש ניט מאַסקים געווען אפ אזא אומגערעכטיקייט. זיי האָבן געמאָלדן, אז זיי ווילן ניט די צוויי אנדערע זאָנעס און זיי שטייען צו צו די פּיצוכטלער. נאָר די פּיצוכטלער האָבן פעסט צוגעהאלטן די מאָדעל פונעם שטיבל. זאָלן די פאָדערשטע פארטעס זיך פארנעמען מיט זייער ארבעט, בא זיי אין דער זאָנע איז שוין געווען מענטשן אָן זיי.

אנוש מאלכאזיאן האָט געהערט און האָט געצאפּלט פון פארגעניגן. אפ איר פּאָנעם, אגעוו, האָט זיך גאָרנישט ניט אָפּגעשפּיגלט.

— איר האָט זיך פארגעסן, קינדער, אז וועגן די ערשטע צוויי זאָנעס איז נאָך ניט געענדיקט! בא זיי וועט זיַין א מאשין, א טראקטער,—אז איר וועט זיך צולערנען, וועל איך אייַך געבן זי צונויפקלעפּן. זיי וועלן פאָרן אין שטאָט. געדענקט, איך בין די שטאָט. אָט אפ דעם טיש,—זי האָט ווידער אוועקגעלייגט די האנט אפ דער מופּטע,—אָרדן איך אייַן א שטאָט מיט אלע שטאָטישע זאכן. בא מיר וועט דאָ זיַין א מארק, א פאבריק וועט זיַין, א מיל וועט זיַין...

— און א קינאָ?

— און א קינאָ און א אפּטייק. נו, ווער ס'וויל פון די צוויי פאָדערשטע זאָנעס איבערגיין צו די פּיצוכטלער, זאָל ער איבערגיין. באַשליסט.

דער כיישעק צו פאָרן אין שטאָט האָט געזיגט, און נאָר איין קליין יינגעלע מיטן אראָפּגעפאלענעם זאָק אפן שוך איז אנטשלאָסן אופגעשטאנען און איז אוועק צו די פּיצוכטלער. די שטאָטישע היַיזער זיַינען נימעס געוואָרן. ער האָט געוואָלט אָנמאָלן א פערד און האָט זיך אונטערגענומען צו פירן אינעם קאָנטאָר־בוך די פערדישע איניאָנים. דערווייסנדיק זיך, אז מע רופט אים סוריק, האָט די לערערן געגעבן איר האסקאָמע, און אפ דעם גרויסן גריפעל־טאָוול איז אָנגעשריבן געוואָרן:

„סורען גייט איבער פון דער ערדארבעטערישער זאָנע צו דער פאשע־זאָנע".

און ארבעט איז נאָך געווען אזוי פיל! די קינדער האָבן באשלאָסן פאר יעדער זאָנע אויסצוקלײַבן א קאָלירטן צייכן, מע זאָל די ערשטע צײַט זיך ניט פארפלאָנטערן.

און דאָס גלעקל אין קאָרידאָר האָט שוין אופגעהערט צו קלינגען. די האפסאָקע האָט זיך געענדיקט, און סאטעניק מעלקאָנאָווא איז מיט אן אויסגעצויגענעם פּאָנעם אוועקגעגאנגען אין איר גרופּע, צעציטערנדיק מיט פארדראָס דאָס קורצינקע ביז די קני און דאָס שמאָלע קליידעלע פון טריקאָ. באגעגענענדיק אין קאָרידאָר אן אנדער לערערן, האָט זי א צוק געטאָן מיט די אקסלען: „די מעשוגענע מאלכאזיאן טוט מיט די קינדער, וואָס ס'פאלט איר ארײַן אין קאָפּ. זי איז שוין איינמאָל ארויסגעפלויגן פון דער שטעלע, איצט וועט זי דאָ פארפירן אירע שטיק, און אלע גרופּעס וועלן אָנהייבן בונטעווען, זיי וועלן ניט לאָזן ארבעטן. לאבאָראטאָרישער מעטאָד, טאָמער ווייסט איר! אלע ווייסן אויסגעצייכנט דעם לאבאָראטאָרישן מעטאָד, זי איז דאָך ניט געפאָרן ווײַטער פון טיפליס, איז וואָס פאר א נײַס קאָן זי באווײַזן?" די כאווערטע האָט געענטפערט: „מיר וועלן זען".

בא מאלכאזיאן איז נאָך געלעגן צוגעגרייט א דערציילונג וועגן וואסער, נאָר זי האָט פארשטאנען, אז הײַנט איז אפילע ניטאָ וואָס צו טראכטן וועגן איר. די קינדער האָבן געפאָדערט פּראָטים וועגן די זאָנעס. דאן האָט זי צעטיילט די גרופּעס אירע נאָטיצן, אויסשניטן, צײַטונג- און זשורנאל-ארטיקלען, פאָטאָגראפיעס, סטאטיסטישע באריכטן, אלץ, וואָס זי האָט צונויפגעזאמלט, אויסגעזוכט, אראָפּגעשריבן, אראָפּגעמאָלט אין מעשעך פון דער לאנגער ארבעטלאָזיקײַט, און זי האָט באוויזן, וויאזוי זיך צו באנוצן מיט דעמדאָזיקן מאטעריאל. מע האָט אויסגעקליבן סעקרעטארן, סטאטיסטיקער און פארוואלטערס פון דער ווירטשאפט.

שטיל און יאָנטעוודיק האָט זי זיך אומגעקערט אהיים. איר מופּטע איז קימאט געווען אויסגעליידיקט, די הענט זײַנען געלעגן אין איר און האָבן מיט קראמפּ געדריקט איינע די צווייטע. ארײַנגעגאנגען אין הויפל, האָט זי דערזען דאָס געוויינלעכע בילד פון צעוואָרפענער און באליידיקנדיק-ענגער מענטשלעכער וווינונג: פונונטן אַ דרײַ שטריק, אָנגעצויגן ווי ראדיוסן פונעם באלקאָן, האָט זיך געהוידעט פריש אויסגעוואשן וועש. די גראָבע פרוי פון א קאָמוניסט האָט געשריגן אפ דעם נאפּט-פארקויפער, וואָס איז געשטאנען מיט זײַנע בידאָנעס און

מיט א קווערטל. דער טשאד פונ א מאַנגאַלקע צוזאמענ מיטנ בלויענ רויכ האָט זיכ געהויבנ צומ הימל, פארשפרייטנדיק א געשמאקנ רייעכ פונ געבראָטנ פלייש. די קינדער — פינפ זייַנענ זיי געווענ — האָבנ זיכ ארומגעיאָגט מיט געשרייענ איבערנ הויפ, אונ די אויסגעגאָסענע בלוילעכע פאָמינעס, פרידנדיק אפ די שטיינער, האָבנ צו דעמ אלעמענ צוגעמישט זייער נודנעמ רייעכ פונ פוילע אויסדעמפונגענ. מע האָט געדארפט דורכ דעמ אלעמענ דורכגיינ, זיכ דערקלייַבנ צו די סטרימקע הילצערנע טרעפ אונ לאנג זיכ קאראבקענ אפנ צווייטנ שטאָק, ווו די לערערנ מאלכאזיאנ האָט געוווינט אינ איינ צימערל מיט איר פלימעניצע, אָדער, קעדיי צו זייַנ פינקטלעכער, האָט זי געהאט א ווינקל בא איר פלימעניצע, אנ איגסטרוקטער פונ צעקא, כאווערטע מארדזשיק מאלכאזיאנ.

3

נאָכ אפ דער טיר האָט זי דערזענ, אז איר פלימעניצע שטייט אומבאוועגלעכ אינמיטנ צימער, די האנט, צונויפגעדריקט אינ א פויסטל, ארויפגעהאנגענ אפנ קלייד. בא דער מומעס טריט האָט זי אזויווי אָפּגעטריבנ פונ זיכ א טיפע פארטראכטקייַט אונ האָט אופגעהויבנ דעמ קאָפ. צוויי פאָר אויגנ האָבנ זיכ באגעגנט.ביידע פרויענ, וואָס האָבנ זיכ פארשטאנענ איינע די אנדערע פונעמ ערשטנ קוק, האָבנ באלד באמערקט, אז יעדערע פונ זיי איז אופגערעגט אונ אז בא יעדערער איז אפ דער נעשאָמע פאראנ אסאכ וואָס צו דערציילנ דער צווייטער. נאָר די מומע איז געווענ עקספאנסיווער פונ דער פלימעניצע אונ, לויט א שווייַגנדיקנ אָפמאכ, האָט איר שטענדיק געהערט דאָס ערשטע וואָרט. ארויפנעמענדיק אינעמ ווינקל די קאלאָשנ, האָט זי שוינ גערעדט:

— מארדזשאנא, כ׳האָב ערשט דורכגעפירט א פרוווּ־לימעד.

— אפ דייַנ פּאָנעמ דערקענ איכ, מומע, אז גוט.

די לערערנ האָט א שמייכל געטאָנ, האָט אופגעהאנגענ אפנ העקל איר מאנטל, אונ ערשט נאָכדעמ, מיט פרישער פייַכטקייַט אינ די אויגנ אונ אינ נאָז, צו וועלכער זי האָט איצט צוגעטראָגנ דאָס נאָזטיכל, א פרישס פונ קעלט, — איז זי צוגעגאנגענ צו דער פלימעניצע אונ הארציק געקוקט אפ איר.

— דו האָסט שוינ געגעסנ וואַרמעס? זעצ זיכ צומ טיש, וועל איכ דיר אלצ געגוי דערציילנ.

מאַרדושיק האָט זיך געזעצט צום טיש, נאָר ניט די מומע, ניט זי האָבן זיך ניט צוגערירט צום עסן. אַ צעהיצטע איז די מומע איבערגעשפרונגען פון איין זאַך צו דער אַנדערער. די גרימאַסן פון די קאָלעגעס אין לערער־צימער בײַ איר אַרײַנקומען, דאָס יינגל מיטן אַראָפּגעלאָזענעם זעקל, סאַטעניק מעלקאָנאָוועס בייזע שמייכלעך בײַם געזעגענען זיך, דער אויסגעצייכנטער לימעד וועגן וואַסער, וואָס זי האָט ניט באַוויזן דורכצופירן, די דרײַ זאָנעס,—דאָס אַלץ האָט זיך צונויפגעגאָסן אין איין שטורמישער דערציילונג, באַפּוצט מיט באַוועגונגען פון אירע זשעסטיקולירנדיקע הענט, וואָס זײַנען ענלעך געווען אויף טרוקענע צווײַגלעך, וועלכע ווערן פאַרברענט אינעם וואַקסנדיקן פלאַם פון אַ סרייצע. ווען איצט וואָלט אומבאַמערקט אַרײַנגעקוקט עמעצער פון דער לערערן מאַלכאַזיאַנס ניט־פאַרגינענדיקע קאָלעגעס, וואָלט זי געווען צופרידן און וואָלט אוועקגעלאָפן זיך אַ שושקע טון מיט וועמען מע דאַרף, מאַכנדיק דערבײַ גרויסע אויגן: „ס׳אַראַ פאַרגלויבטקייט אין זיך, מײַנע טײַערינקע! ווי זי האַלט עס פון זיך, וואָס פאַר אַ צירעס זי מאַכט! נו, אַ לערערן, אַן עמעסע קאָמעדיאַנטקע, און וועגן אונדז זאָלט איר הערן, וועגן אונדז! אַ מאַרק־הענדלערן גראַגערט ניט אַזוי פיל, ווי די דאָזיקע שווײַגערן האָט זיך עס צעגראַגערט”.

נאָר קיין בייזע איידעס זײַנען אין צימער ניט געווען, און מאַרדזשאַנע האָט געהערט און פאַרשטאַנען ניט דאָס, וואָס בײַ דער מומע האָט זיך געגליטשט פונעם צונג, נאָר דאָס, מיט וואָס די מומע איז געווען פאַרכאַפּט, וואָס זי האָט ערשט דורכגעפירט אינעם טאָג פון איר ניצאָכן, נאָך לאַנג־באַדאָשעמדיקער צוגרייטונג, און פון וואָס ס׳האָט איצט, ווי אָפּגעאַרבעטער דאַמפּ, געשלאָגן איר אויפגעוועקטע ענערגיע אין שטראָמען ניט־באַטראַכטע ווערטער.

— כאַפּ נאָך ניט, מומעלע, זיי וועלן דיר נאָך אונטערשטעלן פיסלעך.

יאָ, די לערערן האָט דאָס געוווּסט. נאָר ווען אונטערן פוס איז דאָ אַ טרײַבקראַפט, ווען דו ווייסט, אַז דו האָסט זיך גוט אוועקגעשטעלט, און ס׳פירט דיך איצט, ס׳פירט דיך פונקט אַהין, וווהין מע דאַרף,— מיר וועלן זיך נאָר אַ ראַנגל טון, מײַן ליבינקע, פאַר אַ זאַך, וואָס איז קעדײַ! זי האָט גענומען דעם גאָפּל און אַ מעסערל, האָט אונטערגעהויבן דעם טיפן טעלער, וואָס אונטער אים איז געלעגן נעכטיקע קאַלטע הון, און האָט געפרעגט בײַ מאַרדזשיקן:

— מיר וועלן אָנהייבן, א?

א מינוט צוויי האָבן זיי געגעסן אין טיפן שוויַיגן, און מארדושיקס פארטראכטקיַיט, וואָס איז געלעגן אף אירע שיינע ברעמען, ווי עפּעס א שטילער וואָלקן, האָט זיך נאָך אַלץ ניט אויסגעלאָדן מיט קיין איין וואָרט פון דערקלערונג. זי האָט גוט צעקיַיט דאָס עסן, געשלונגען קליינע שטיקלעך און האָט קימאט ניט געקוקט אף דעם, וואָס זי עסט. אירע פינגער האָבן צוגעטראָגן צום מויל קליינע שטיקלעך ברויט, און די מומע האָט געזען, אַז אין די פינגער איז ניטאָ דער פארגעניגן פון עסן, ער איז ניטאָ אויך אין די ליפּן, און אַז מארדושיק איז גאָרניט הונגעריק, ריכטיקער, זי איז שרעקלעך זאט — אויב ניט פון ברויט, איז פון עפּעס אזוינס, וואָס שטייט בא איר ווי א קנויל אין האלדז. אָבער ניט אזא איז דאָס מיידל מארדושיק, מע זאָל איר פארגעבן פראגן.

די לערערן האָט אָנגעצונדן די גאז־מאשינקע, האָט אוועקגעשטעלט דעם טשיַינִיק און צונויפגעקליבן דאָס אומריינע געפעס, אויסקוקנדיק, וואָס איז אף די פּאָליצעס געבליבן ניט אויסגעוואשן פון אינדערפרי. זייער צימער איז געווען א זאך פון שטענדיקער און אלגעמיינער קינע. צוויי קליינע פענצטערלעך זיַינען ארויסגעגאנגען אף א פלאכן דאך, געמאכט און געדעקט מיט זאמד און מיט אספאלט. דאָרט זיַינען געשטאנען צוויי קעסטלעך גרינס און ווינטערדיקע טעפּ מיט וואזאָנעס ארויסגעשטעלט אף דער זון. גלייַך צו זיי אין צימער האָבן אריַינגעשיַינט די צוויי שניי־שפּיצן פונעם בארג אראראט, וואָס איז היַינט געווען פארהילט אין שטיקער נעפּל. וועלכע האָבן אָנגעזאָגט ווינט און שטורעם. רייַן אויסגעוויַיסט איז געווען דער צימער. דער מאלער האָט אנומלטן געפרעגט בא זיי, וויאזוי זאָל ער שמירן, פּראָסט צי מיט א מאָטיווועלע, און דערזעענדיק דאָס פּאָנעם פון מארדושיקן, וואָס האָט אים ניט געענטפערט אף זיַין פראגע, האָט ער מיטאמאָל בא זיך באשלאָסן מאכן מיט א מאָטיווועלע, און האָט געמאכט: אונטער דער סטעליע, ארומגארטלענדיק דעם צימער, איז געגאנגען א גאָלדענער מוסטער, ענלעך אף אן עק פון א פּאווע. די פארב, עמעס, איז גיך אָפּגעקראָכן, נאָר פונדעסטוועגן איז געבליבן א ראָזע שיַין אונטער דער סטעליע, דאָרט ווו בא אנדערע מענטשן קלייַבט זיך אָן שפּינוועבס און סאזשע. די מומע איז געשלאָפן אפן בעט, די פּלימעניצע — אף א שיינער טאַכטע באדעקט מיט „מוטאקעס" — לאנגע קאטשעלקעס־קישעלעך פון געפּאסע־רוועטן רויטן זיַיד. יאָ, א ווילינקער צימער בא זיי, מע דארף זאָגן דעם

עמעס. די מומע האָט א טראכט געטאָן, און די פלימעניצע האָט ארויס־געזאָגט,—און ווידער זײַנען זייערע געדאנקען צונויפגעפאלן:

— מומע אנוש, דו וועסט איצט בלײַבן אליין אין צימער. כ'האָב אינדערפרי זיך דערוווּסט אין צעקא. מע שיקט מיך אין קרײַז.

מארדזשיק האָט ניט געזאָגט, אז צו דעמדאָזיקן איבערפירן זי אין קרײַז האָט זי זיך אליין דערשלאָגן. די מומע האָט עס שטארק כוי־שעד געווען. דעם עמעס זאָגנדיק, האָט מען קיין בעסערן אויסוועג איצט ניט געקאָנט צוטראכטן. מיט א הארץ, וואָס האָט געקוקט אף מענטשלעכע ליידן פון דער הייך פון איר פרוויִשן עלטער, וואָס האָט שוין לאנג אָפּגעלעבט א לעבן, האָט אנוש מאלכאזיאן זיך פאָרגעשטעלט איר פלימעניצעס לאגע גאָר פון אן אנדער זײַט, ווי דאָס וואָלט גע־טאָן א פרוי אביסל א ייִנגערע. ס'האָט זיך איר אויסגעוויזן, אז די זעלבסטליבע אין דערדאָזיקער גאנצער געשיכטע—דאָס איז דעריקער. מארדזשיק איז קרענקלעך שטאָלץ, מע האָט איר א קלאַפּ געטאָן איבער דער זעלבסטליבע, באליידיקט, און איצט דארף מען, אז די וווּנד זאָל פארהיילט ווערן.

— דערדאָזיקער כאַם וועט אמאָל כאראָטע האָבן, מארדזשיק, אָט וועסטו זען!

עפּעס איז ווי א בליץ איבערגעפלויגן איבער דעם מיידלס פּאָנעם. מע האָט אזוי ניט געדארפט ריידן.

— אנטשולדיק מיר, טײַערע. אין קרײַז, פארשטייט זיך, וועסט האָבן מער ארבעט איידער דאָ. אזוינע, ווי איך מיט דיר, האָבן ניט אין שטאָט וואָס צו טון, כ'האָב דאָס געזאָגט און איך כאזער דאָס אי־בער. אָט איז בא מיר די קינדער. דו מיינסט, או איך זע ניט, מיט וואָס וועט זיך ענדיקן מײַן ארבעט? אפילע אז מע וועט מיך ניט אופרעסן,—וועמעס זײַנען זיי דען, דידאָזיקע קינדער? דו געדענקסט, האָסט אליין געזאָגט: „זיי וואקסן אויס און פארצוימען דעם וועג פאר די עמעסדיקע?" קליינבירגער, אלע זײַנען דאָ קליינבירגער,—די פּאר־טייער ניט בעסער פון די קרעמער. און דאָרט אין קרײַז וועסטו אופ־הייבן נײַע ערד. אלעמאָל, ווען פלעגסט פאָרן אין דאָרף, פלעגסטו זיך אומקערן אזא פרישע, א מונטערע, אז ס'איז א פארגעניגן געווען צו קוקן אף דיר. ניין, אפן וואָרט, איך בין דיר מעקאנע.

„אגעוו, וואָס פאר א ווולגארקײַטן רייד איך דאָס פאר איר,—האָט זי איבערגעריסן אירע אייגענע געדאנקען, און עפּעס האָט הייס א

פלאַטער געטאָן אינעווײניק: די קינדער מײַנע באַלײַיקט, די קינדער זײַנען דאָרט פאַרט װוּילע. מע קאָן זײ אַרױסרײַסן פון קלײנבירגערלעכקײַט". װי ס'פלעג זיך שטענדיק טרעפן מיט איר אין אַזױנע מינוטן, האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר איר מופּטע, װאָס האָט זיך געװאַלגערט ניט אױף אַן אָרט, און האָט זיך געזעצט מיט דער מופּטע צו זיך אױפן בעט.

— דו װײסט, מאַרדזשיק, אַ מאָדנער מענטש איז געװען דער, װאָס דערנסטמאָל אױף דער בירזשע! — און דאָס מאָל האָט די אַלטע לערערן גערעדט פון דער טיף פון איר נעשאָמע און אָן שום הינטערגעדאַנק — דו געדענקסט, איך האָב דיר דערצײלט: אַ געלער, אין צעבראָכענע ברילן? מאָדנע, אױפן װאָרט, אַז איך טו אַ קוק אױף דער מופּטע, דערמאָן איך זיך אין אים. װוּנדערלעך האָט ער געזאָגט װעגן מײַן מופּטע. אַ ניט־געװײנלעכער מענטש אַזאַ, אָט מיט װעמען דו װאָלסט זיך געדאַרפט באַקענען, מאַרדזשיק.

זײ זײַנען בײדע איצט געלעגן און האָבן גערוט, — אײנע מיט איר מופּטע אױפן בעט, די צװײטע מיט דער פּלײצע צו איר, אױף דער טאַכטע. די לערערן האָט שױן פאַרגעסן אין דער פּלימעניצעס צאָרעס. מיט אַ גליקלעכן שמײכל האָט זי זיך איבערגעכאַזערט דעם אינטערעסאַנטן לימעד װעגן װאַסער: װיאַזױ דאָס װאַסער לױפט פון װײַבן און װיאַזױ די מענטשן באַנוצן זיך מיט איר. פריער נאָר אױף טרינקען, זײ טרינקען אַלײן, און דאָס פּי פויען זײ, דערנאָך פאַר סעדער, גערטנער, פעלדער. נאָר סעדער, גערטנער, פעלדער קאָנען אַלײן ניט צוגײן צום טײַך, מע דאַרף, אַז די װאַסער זאָל צוגײן צו זײ, און מענטשן האָבן זיך אױסגעלערנט מאַכן קאַנאַלן. װיאַזױ מע מאַכט קאַנאַלן, הרעבליעס, שליוזן; װיאַזױ דער מענטש רעגולירט דעם דורכגאַנג פון װאַסער דורך די שליוזן; װיאַזױ דער דאָרפישער „װאַסערהיטער", דער מיראַב, צעטײלט די װאַסער גלײַך אױף גלײַך, װיפל װעמען מע דאַרף, איבער קלײנע קאַנאַװקעלעך, אַריקן... נאָר די מענטשן, צעטײלנדיק די ערד, קאָנען בעשומױפן ניט צעטײלן די װאַסער. אײנעם דערגיט ניט דער מיראַב, דעם אַנדערן גיט ער איבער. די מיראַבן האָבן אָנגעהױבן, װי גאַלאָכים, נעמען שטילערהײט פאַר דער װאַסער מאַטאָנעלעך: װער ס'גיט מערער, דעם פירט ער אָפּ מער װאַסער... דערצײלן, װיאַזױ פאַרצײַטן זײַנען פאָרגעקומען טױט־געשלעגן צװישן דערפער, װיאַזױ נאָך ביז איצט האַרגענען פױערים אײנער דעם אַנדערן

פאר וואסער. אונ דאָס וואסער רינט אונ לערנט: מע טאָר מיכ ניט טײלנ, איכ בינ צונויפגעגאָסנ, אײניק, זײט איר אויכ צונויפגעגאָסנ, דאנ וועל איכ אלעמענ גלײַכ אָנטרינקענ. אונ דאנ, קינדער, האָט די גאנצע אונטערשטע זאָנע זיכ אָרגאניזירט אינ א קאָלווירט. איצט זײַנענ שוינ ניטאָ די פריִערדיקע מיראבנ: מע האָט אָפּגעגעבנ דעמ מיראב אינ מוזײ ארײַנ... אונ נאָכדעמ ווײַטער, נאָכ וועגנ וואסער,—וויִאזוי מענטשנ האָבנ פארטראכט אויסצונוצנ איר קראפט, מאכנ, אז זי זאָל זײ דינענ מיט איר באוועגונג, אונ צוליב דעמ איז ניטאָ קײנ בעסערס פונ די ארמענישע טײַכלעכ, ווײַל דאָ זײַנענ שטארקע טײַכלעכ, זײ שטראָמענ פונ הויכע בערג אראָפּ... אונ דאָ קומט א קלײנע דערצײלונג וועגנ א מיל, אונ מע קאָנ אפילע מאכנ א מאָדל פונ א מיל, זי אוועקשטעלנ אינ שול-הויפ אפ א קאנאווע... א ראָד, א טורבינע, דער הויפּט-פּרינציפּ... דערנאָכ אנ עקסקורסיע אפ דער הידראָסטאנציע, א פאָרשטעלונג וועגנ עלעקטריע.

אכ, קנאפּלעכ אונ ניט קלאָר האָט אנוש מאלכאזיאנ אלײנ געוווּסט וועגנ עלעקטרישער ענערגיע אונ וועגנ דעמ, וויִאזוי עס בויענ זיכ סטאנציעס. דאָס איז געווענ איר סאמע שוואכסט אָרט. זיפצנדיק האָט זי זיכ דערמאנט, וויִאזוי זי האָט אומעטומ געזוכט ביכער אונ ניט געפונענ אזוינע. וויִאזוי זי האָט געפרעגט בא ספּעצנ, אונ די ספּעצנ האָבנ ניט געקאָנט ענטפערנ. זײ האָבנ ניט געפונענ קײנ פּאָשעטע אונ בילדערישע ווערטער,—דאָס, וואָס זי אונ די קינדער דארפנ.

— מארדזשיק, אינ וועלכנ קרײַז פאָרסטו?

נאָר די פּלימעניצע האָט גאָרנישט ניט געענטפערט אונ האָט זיכ אפילע קײנ ריר ניט געטאָנ. אפּאָנעמ, אנשלאָפנ געוואָרנ. מיט די הענט, מיט די פיס אונ מיט זיכ אינגאנצנ האָט זי זיכ ארונטערגעקליבנ אונטער א געארבעט שאלעכל, וואָס איז געלעגנ אויסגעצויגנ איבער איר, ווי א פאנצער.

4

אינעמ זעלבנ פרימאָרגנ איז קלאווּדיִא איוואנאָוונא מאלקאָ ארויסגעגאנגענ פונ שטוב אפ אויסצופילנ איר מאנס, דעמ נאטשקאנצס, אנ אופטראָג.

קלאווּדיִא איוואנאָוונא איז געגאנגענ מיט א דריבנע גענגל, צוטופּענדיק מיט די אָפּצאסלעכ. צו איר גרויסנ קערפּער האָט זײער

געפּאסט אלץ, וואָס דריבנע,— דאָס דריבנע שפּאנעלע, דאָס קליינע, קינצ־לעכע כיינ־פּינטעלע אָנגעקלעפּט בא די ליפּנ, די דריבנע צייג אינ מויל, די קוטשערלעכ ביז די סאמע ברעמענ אונ באזונדערס אָט די צוויי אָפּענע לעכעלעכ פונ די נאָזלעכער, וואָס האָבנ פּאריסנ די נאָז אַפ ארופצו, ווי בא הילצערנע פערדלעכ. אפילע ווענ זי איז געווענ איינע אליינ, פלעגט קלאווּדיא איוואנאָווּנא צונויפזשמורענ אירע גרינע אויגנ אינ א שטענדיק שמייכעלע אונ געלעכטערל, אזויווי אומזיכטיקע הענט וואָלטנ זי געקיצלט אונטער די פּאכוועס. באוועגנדיק מיט אירע פרעכטיקע אקסלענ אונ פליוכענדיק זיכ, ווי א פיש, אינ די קיצלדיקע שמייכעלעכ, וואָס זי האָט ניט געקאָנט אײַנהאלטנ, האָט זי געקלאפּט איבערנ ברוק אונ דערבײַ באמערקט, וויאזוי זײַנע אָנגעטאָנ די פרויענ, וואָס גייענ פאר איר, אונ וואָס איז ארויסגעשטעלט אינ די פענצטער. אינ די גאסנ זײַנענ אירע געדאנקענ געווענ שטענדיק איינע אונ דיזעלבע: „אָט ווענ איכ האָב אזא מאנטל", אָדער „אָט ווענ איכ האָב אזא מאנצבל". די טליִענדיקנ גרינע אויגנ האָבנ אלץ אויסגעפּרוווט אַפ זיכ, דערנע־ענטערט, ארָאָפּגענומענ, אויסגערעכנט. דער מאנ האָט פארדינט אזוי ווינציק, די הויסאָפּעס זײַנע—אַפ געציילטע רובלענ. קלאווּדיא איוואנאָוו־נא האָט ניט געהאט ניט קיינ טײַערע קליידער, ניט קיינ געשמאק, ניט קיינ שנײַדערנ. זי האָט זיכ פארפיומירט מיט פיִאלקע פונ רוסישער אויסארבעטונג, וואָס האָט דערמאנט וואלעריִאנקע געמישט מיט כינע־זישער טיי. אונ פונדעסטוועגנ, אז זי פלעגט דורכגיינ, שפּאלטנדיק מיט איר גרויסנ קערפּער די לופט אונ גלאנצנדיק אינ די האָר מיטנ קע־מעלע, וואָס מיט די דריבנע שטיינדעלעכ,—קיינ הוט האָט קלאווּדיא איוואנאָווּנא ניט געטראָגנ ניט ווינטער, ניט זומער,—איז פונ איר גע־גאנגענ א ווארעמער ווינט, אנ אומגעווייִנלעכ שמעקנדיקער ווארעמער ווינט, וואָס האָט געגלעט, באפלאטערט אונ איבערגעלאָפּנ איבער די וואָס זי האָט באגעגנט. אײַנורענדיק זיכ פונ דעם אנגענעמענ ווינטל, האָבנ די מאנצבלנ זיכ אומגעקוקט נאָכ איר, גאסנ־הינט האָבנ זיכ אָפּ־געשטעלט אונ האָבנ באשמעקט די שפּורנ פונ אירע אָפּצאסלעכ. לאכנ־דיק האָט קלאווּדיא איוואנאָווּנא אָנגעבויגנ דעם קאָפּ, ווי זי וואָלט זיכ געקליבנ א לאכ טונ אינ דער דלאָניע, אזויווי א שטוב־מיידל: „אכ, זײַנענ דאָס ארמענערלעכ, שרעקלעכ אמינע קאָמישע"...

די שטאָט, באגאָסנ מיט ווינט אונ מיט שטויב, האָט געשפּאנט ארופ מיט דעם אָרעמענ גאנג פונ די פלאכע געבײַדעס. ס'האָט זיכ

אויסגעוויזנ, אז זי האָט ניט קיינ שוצ פארנ ווינט און פארנ שטויב, און די פלאכע גרויע געבײַדעס, וואָס דער בארג־ארופ האָט זיי ארויסגעשפּארט ביזנ סאמע הימל, האָבנ ווי פוכירנ געפּלאצט פונ דער שיטערער מידבּערדיקער לופט, וואָס האָט אָנ אופהער אינ זיי ארומגעשפּאצירט. הוידענדיק זיכ אינעמ מאנטל, מיט די פאסמעס ברוינע האָר אפנ ווינט, איז קלאודיא איוואנאָװנא ארופ אפנ מארק און איז אימ דורכגעגאנגענ, זוכנדיק ערטער ווו ס'איז טרוקענער. פונדאנענ זײַנענ זיכ צעגאנגענ איבּערנ שטאָט אינ געפלאָכטענע קאָשעקעס זאכנ פונ טאָגטעגלעכנ געברויכ, און נאָר דאָ האָט מענ געקאָנט דערזענ דאָס לאנד פּאָנעמ צו פּאָנעמ. אפ די דיבקעס מיט מאלפּיש אראָפּגעהאנגענע געזעסנ, בא הויכע קערב און קריגעלעכ, זײַנענ ווי ליימענע פיגורקעס געזעסנ די פויערימ, און די ברוינע הויט אפ זייערע באקנ, וואָס האָט אָנגעצויגנ די באקנ־ביינער, האָט געגלאנצט. מיט טיפע לעכער האָבנ געפינקלט די רויטע פונ רויכ, פארהאָרעוועטע אויגנ: זייערע אויסדרוקנ האָבנ זיכ אויסגעבאהאלטנ פונ באאָבּאכטער. און נאָר די הענט,—די גאנצע ראסע, אלע סוידעס, אלע שוואכע מעגלעכקײַטנ פונ דער פויערשער ווירטשאפט, נאָכ מער, די גאנצע עקאָנאָמיק פונעמ לאנד האָט מענ געקאָנט איבּערלייענענ אינ די הענט, אינ זייער שריפט, געבּלימלטע. ווי טרוקענע בלעטער. די הענט זײַנענ געהאנגענ ווי בײַטשנ. צורירנדיק זיכ און אָפּלאָזנדיק סכוירע, זײַנענ זיי געווענ ניט־פלינק. ציטערנדיק, האָט די האנט פארגאָסנ דעמ מאצונ, און די פינגער האָבנ אָנ עקל ארומגענומענ באמ האלדז פונ קריגל די איבּערגעבּליבּענע פליסיקײַט. די האנט האָט ניט געקאָנט אָנעמענ קיינ זאכנ קרעפטיק און ניט געקאָנט אוועקשטעלנ זיי פעסט. די האנט האָט זיכ ניט געהאלטנ אומאָפּהענגיק. זי האָט זיכ געצויגנ צו אײַכ מיט דער דלאָניע ארופ, מיט אויסדריקלעכ צעשפּרײַזטע פינגער. און דערדאָזיקער פײַנלעכער זשעסט האָט גערעדט מער פונ ווערטער, וואָס מע זאָגט אפ אנ אומבּאקאנטער שפּראכ: „וואָס קענ איכ דענ? זעסט,—גאָרנישט ניט. הויל, ווי א פלאָקנ, זיצ איכ אזא, ווי איכ בינ, און דאָס איז מײַנ גאנצע רײַכקײַט". שטילע, הונגעריקע הינער, גלײַכגילטיק צומ טויט, צונויפגעבּונדנ אײַנײנעמ פּאר די פיסלעכ, זײַנענ געהאנגענ באמ פארקויפער, וואָס איז געשטאנענ און ניט צוגעגאנגענ צומ קוינע. און די הינערשע נעזלעכ, וואָס זײַנענ מיט א שיטער הײַטל אראָפּגעלאָפּנ צומ שנאָבל, האָבנ אויסגעזענ, ווי די פאָרזעצונג

פונ דידאָזיקע ברוינע הענט, וואָס זייַנענ מיט א שיטער הייַטל אראָפּגעלאָזנ צו די נעגל. די זעק מיט גערשטנ, די קאָליזשעס אייזל־האשטאָנע, דער נודנער רייעכ פונ פיש פונעמ געדעקטנ מארק,—אלצ איז געווענ אָרעמ אונ מעיושעוודיק אומבאווענלעכ. קיינע הינט זייַנענ דאָ ניט ארומגעלאָפנ, קיינע גאנאָווימלעכ דאָ ניט געווענ, נאָר די אמבאלנ, ארמענער אונ פערסנ מיט הילצערנע טראָג־ברעטלעכ אפנ רוקנ זייַנענ געשטאנענ אינ רעדלעכ אונ האָבנ געכאפּט דעמ קוינע אונ כאפּנדיק האָבנ זיי באוויזנ די צו לאנגע הענט אונ דאָס אָפּגעריבנ היטעלע אונ האָבנ ארופגעוואָרפנ אפנ רוקנ די פּילפודיקע מאסע. דעמ זאק האָט מענ אייַנגעבונדנ, דער אמבאל האָט פּראָפעסיאָנעל צערוקט די פיס, א קראקע געטאָנ, ווי ער וואָלט ארייַנגעטריבנ אינ זיכ די שווערקייַט אונ אייַנגעקנאָטנ, זי זאָל געדיכטער ווערנ,—אונ אָט איז ער שוינ אוועק מיט א געמאָסטנ גענגל, אָטעמענדיק שווער אונ אָפּט,—פאר א פערטעלע אָדער פאר א פערציקער איבערצושנייַדנ די גאנצע שטאָט.

די פערסנ האָבנ אָפּגעטראָטנ דעמ וועג דער רוסישער פרוי. זייערע לאנגע אויגנ זייַנענ געוואָרנ מאט, דורכ דער בראָנדזע האָט זיכ דורכגעשלאָגנ א פארויטלטקייַט: א ווילע רוסישע פרוי. גוטע סכוירע, יאקשי. די פערסנ זייַנענ ניט גראָב געווענ. זייער זשעדנעקייַט האָט ניט באליידיקט. „מע וואָלט זיכ געדארפט דערוויסנ, וויאזוי ליבנ זיי", האָט מיט נייַגירי̇קייַט א׳ טראכט געטאָנ קלאוודיא איוואנאָוונא, אונ צולעשנדיק די אויגנ, איז זי באלד מיט א מיידלש גענגל דורכגעגאנגענ פארבייַ. ס׳האָט זיכ איר מיטאמאָל דערמאָנט אָנ א שומ פארבינדונג דעמ געלנס זיכערע פּלייצע, זייַנע גרויסע הענט אפנ טיש, וואָס האָבנ ניט געברעקלט אומזיסט קיינ ברויט אונ האָבנ זיכ ניט געטומלט,—פונ קאָפּ גייט ניט ארויס דער געלער בא קלאוודיא איוואנאָוונא!

אונ דער געלער האָט אינ דערזעלבער צייַט פארענדיקט דעמ דאכ בא דעמ לעפּ־קינסטלער אונ, ענדיקנדיק, איז ער אראָפּגעשפּרונגענ מיט דער עלאסטישקייַט פונ א גרויסנ קאָטער. די שמאָלע ספּאָרט־טופליעס האָבנ אימ צוגעגעבנ דעמ אויסזענ פונ א אקראָבאט. ער האָט זיכ געקליבנ גיינ אפ דער בירזשע.

דער קינסטלער איז געזעסנ אפ דער קלאָץ א צעפּאטלטער, מיט זעקעלעכ אונטער די אויגנ, האָט פארשלאָפנ געקראצט די קריזשעס אונ זיכ געפּייַניקט מיט דערינערונגענ. ער האָט זיכ פארענטפערט פאר די געלאסנ־רויקע צעבראָכענעברילנ פונעמ גאסט.

— נו, איז זאָל זײַנ שווײַנערײַ און אָפּגעלאָזנקײַט, — האָט ער גערעדט מיט א שטימ, וואָס האָט אינ אימ אַלײנ געוועקט ראַכמאָנעס, — אָבער די נאַציע, די נאַציע. גוט איז אײַך, אײַך האָט א דײַטשקע מיט דײַטשישער מילכ אָנגעפּאָמפּעט. אז איכ קענ פּאָרט דעמ טיפּ ניט פאַרטראָגנ! אז איכ האָב פּאָרט ליב אַרישע נעזער, הויכע קליבעס האָב איכ ליב... איבעריקנס, בינ איכ מאַסקימ: כ'האָב אָנגעכאַמעט. וואָס האָט זי אײַך געזאָגט וועגנ מיר?

— ווער — זי?

— זי, די רוסישע פרוי, קלאַוואָטשקע.

דער געלער האָט א צוק געטאָנ מיט די אַקסלנ.

— איר פאַראַכט מיכ! — האָט טרויעריק געזאָגט דער לעפּ. — איכ זע, איר האָט מיר געמאַכט א דאַכ און מיר פאַרטונקלט מײַנ צימער. דאָס איז גאָרנישט. אָבער פאַרוואָס פאַראַכט איר מיכ? איר פאַרשטײט ניט קײנ פאָרמעס. קלאַוואָטשקע, — זי איז אַבסאָליוט ניט דאָס, וואָס אײַך דאַכט זיכ. מע האָט זי אויסגעקלעפּט פונ טײג און מיט א שפּילקע דורכגעשטאָכנ די נאָזלעכער. דידאָזיקע נאָזלעכער זײַנענ א פּלײט. די גאַנצע וועלט גײט אַרומ א ווינט אינ קלאַוואָטשקענ. פאַרשטאָפּט איר די נאָזלעכער מיט די פינגער, בלאָזט אינ איר, — א פײַפל, ערנ־וואָרט, א פײַפל. ניט שלעכט געזאָגט, הא? נײנ, אונדזערע נעזער זינגענ ניט, מײַנ פרײַנט, זײ אַקערנ די ערד.

— בא סיפיליטיקער זינגענ די נעזער נאָכ בעסער, — האָט אָנ הומאָר געזאָגט דער געלער. ער האָט זיכ צוגעזעצט צו אַרשאַקנ און אימ אַנידערגעלײגט די האַנט אפנ אַקסל. — דעמ צימער האָב איכ אײַך ניט פאַרטונקלט, אפ צו אַרבעטנ וועט איר זיכ אויסקלײַבנ אַנ אַנדערנ. און וואָס איז שײַעכ דער נאַציע, איז ניט ריכטיק, קײנ שומ נאַציעס זע איכ ניט. וואָס איז אַזוינס נאַציע?

— איר רעדט נאַרישקײַטנ.

— וואָס איז אַזוינס נאַציע? ווער קענ פאַרשטײנ אַנ אומבאַוועגלעכע מאַשינ? ס'וואַלגערט זיכ א ראָד, איר קוקט אפ איר און איר זײַט אויפגעבראַכט: „אַנ אומזינ!" אײנער א זאָאָלאָג האָט אָנגעשריבנ א ביכל פאַר קינדער וועגנ פײגלשע נעזער: „וועמעס נאָז איז בעסער", — דאָרטנ זײַנענ נעזער פונ אַלע מעגלעכע פאַסאָנענ: ווי א נאָדל, ווי א לאָפּעטע, ווי העקלעכ, ווי זעקלעכ, — די פײגלענ נעמענ דערקלערנ, אפ וואָס זײ דאַרפנ זײ, דידאָזיקע נעזער. צוועקמעסיקײַט, פרײַנט אַרשאַק,

אָט. זוכט די פּאָרמע אינ טאַט. לאָזט די ראָד זיכ דרייענ. איר זײַט אנ ארמענער, איר זײַט א קינסטלער. איר זיצט דאָ אינ די פיר ווענט אונ שנײַדט ברעזענט, אונ איכ בינ אויסגעגאנגענ פאר זעקס כאדאָשימ דאָס גאנצע לאנד. כ'האָב געזענ די רעדער אינ טעטיקײַט, וויאַזוי זיי גייענ איבער די בערג, אונ נאָכ מיט א פודיקער מאסע אפנ וואקנ, וויאַזוי זיי שפּרינגענ פונ דער ארבע צומ בופלאקס אפנ יאָכ אונ זיצנ אפ די דיבקעס מיט דער פלייצע צומ וועג אונ מיטנ פּאָנעמ צו דער ארבע — דאָס איז דאָכ גראַציע, שיינקײַט! א דײַטש קענ ניט אזוינס. בא א דײַטש איז דער געזעס א גראָבער, דאָס פלייש איז בא אימ א שווערס, אסאַכ וואַסער אינ גופ. לאנגע פיס זײַנענ ניט שטענדיק שיינ. גיט אנ ארמענער ארבעט, וועקט אופ זײַנע הענט, — עגיפּטישנ געדולד, עגיפּטישע פײַנקײַט וועט זיכ ארויסבאקומענ, איכ בינ אײַכ אָרעוו.

— פאר וועמענ זײַנט איר דאָס אָרעוו?

אינ דער עפענונג פונעמ ליימענעמ פּלויטל איז שמייכלענדיק געשטאַנענ קלאַוואָטשקע. זי איז געווענ אנטציקט, וואָס זי האָט ענדלעכ זיי געפונענ אונ וואָס דער געלער איז אויכ דאָ. די קעצענע אייגלעכ זײַנענ נײַגיריק ארומגעלאָפנ איבערנ שטויביקנ הויפל, איבער דעמ ערדענעמ דאכ אונ איבער דעמ שטריק אפנ הויפ מיט די פלודערנ אינ א פּאסעקל, וואָס זײַנענ אפ אימ געהאנגענ. דער קינסטלער האָט א געשריי געטאָנ פונ שרעק, איז אונטערגעשפּרונגענ ווי א האָז, א כאפּ געטאָנ די אומגליקלעכע פלודערנ אונ בליצ שנעל אנטלאָפנ אינ שטוב ארײַנ.

— כא־כא־כא, — האָט קלאַוואָטשקע געלאכט, פאַרוואָרפנדיק דעמ קאָפּ, — אָט אנ אָריגינאל, וואָס שעמט איר זיכ? אנ אָריגינאל — א מענטש. וואָס איז דאָרטנ, כ'האָב קיינ פלודערנ ניט געזענ?

דער געלער האָט גאלאנט זיכ פארנויגט פאר איר, האָט זיכ אָפּגערוקט אונ איר געמאכט א וועג. ער האָט אָנגעוויזנ אפ דער קלאָץ מיט א זשעסט, מיט וועלכנ ער וואָלט צוגערוקט א ווייכנ פאָטעל. ארײַנגיינ איז ניט געווענ ווויהינ. דער ווינט האָט געשטויבט אונ געשטאָכנ די באקנ. נאָר געסט האָט מענ געמוזט אופנעמענ אינ דרויסנ.

— איכ פארשטיי ניט אקוראט, — האָט געזאָגט דער געלער.

אינ קלאַוואָטשקענ האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ א מאָדנע פרייד, וואָס האָט זיכ ניט געלאָזט צוימענ. קלאַוואָטשקע האָט צעבלאָזנ די אופגערי־

סענע נאָזלעכער. אָט שטייט ער פאר איר, דערדאָזיקער גרויסער, רויקער, גאלאנטער מענטש מיט די צעבראָכענע ברילנ־גלעזער און מיט געלע קרײַזלדיקע האָר איבער דעם קײַלעכדיקנ שטערנ; זי זעט ווי־זעראמאָל זײַנ גלענצנדנ פעסטנ קינ, זײַנע קרעפטיק צונויפגעלייגטע שיינע ליפנ און דידאָזיקע הענט זײַנע — קלאוואָטשקע האָט זיי געזענ אינ כאָלעמ, ערנ וואָרט.

מיט דעמ צאפל פונ א דערפרייטער כײַע האָט זי ארויסגעכאפט פונ קעשענע א צונויפגעלייגט צעטעלע און האָט באלד פארלייגט די האנט הינטערנ רוקנ.

— וואָס פארשטייט איר ניט?

— וויאזוי האָט איר אונדז געקענט געפינענ?

— איכ וואָלט אפילע מיט פארבונדענע אויגנ געפונענ! ער האָט דאָכ מיר נעכטנ אָנגעצייכנט א פלאנ, איר האָט ניט געזענ, — זי האָט א וווּנק געטאָנ אינ דער זײַט פונעמ שטיבל, — ער האָט באשריבנ וווהינ גייז, וויפל שפאנ, ווו פארקערעווענ, ווו זיכ אויסקערעווענ. ער האָט זיכ פאָרגעשטעלט פאר א בארימטנ קינסטלער, ער האָט צוגעזאָגט שרײַבנ פונ מיר א פאָרטרעט. ער מאָלט? זאָגט מיר דעמ עמעס!

— דער כאווער ארשאק גנוני איז א גרויסער קינסטלער, — האָט ערנסט געענטפערט דער געלער.

נאָר דער קינסטלער איז שוינ ארויסגעגאנגענ פונ שטיבל, א צוגעקעמטער, א יונג געוואָרענער. זײַנע אויגנ האָבנ געשײַנט: ער האָט זיכ גאָרניט געריכט, ער האָט זיכ ניט געגלויבט.

— קלאוודיא איוואנאָוונא, קלאוואָטשקע, כ׳וועל אײַכ בארימט מאכנ אפ דער גאנצער וועלט, כ׳וועל אײַכ אָנמאָלנ אזוי, אז איר וועט פונעמ לײַוונט ארויפשפרינגענ.

— נו, און איכ גיי אפ דער בירזשע...

נאָר דאָ האָט קלאוואָטשקע איבערגעריסנ דעמ לעפס פלוידערײַ, זיכ א וואָרפ געטאָנ אינ דער זײַט פונעמ געלנ און פלוצלינג אויסגעצויגנ פונ הינטער דער פלייצע די האנט מיטנ צעטעלע.

— וווהינ־זשע לויפט איר? איר לאָזט ניט אויסריידנ. א גאנצע שאָ גיי איכ איבער די שטיינער, רײַס די טופליעס, און איר — ווילט גאָר אוועקגיינ? מײַנ מאנ האָט אײַכ אָנגעשריבנ א צעטעלע, אָט נאט אײַכ, לייענט, און אויב איר וועט נאָר פרווונ אוועקגיינ, וועל איכ אויכ אוועקגיינ. ס׳ארא העפלעכקײַט — א דאמע קומט צו גיינ צו גאסט, און זיי!..

דער געלער האָט צעוויקלט דאָס צעטעלע. ער האָט עס איבערגעלייענט צוויי מאָל. דער נאטשקאנצ פונ הידראָבוי, דערמאנענדיק דעמ נעכטיקנ געשפרעכ, בעט אימ טונ א געפעליקײַט אונ אָנעמענ דאָס אָרט פונ א ארכיווארִיוס, אנ אָרט, פארשטייט זיכ, א קליינינקס, געהאלט גראָשנס, נאָר אויב דער פאווער, — אפ וויפל ער האָט פארשטאנענ, אנ ארבעטלאָזער, — אינטערעסירט זיכ מיט „עלעקטראָפי־פאסקודסטווע", — ארויספאָרנ דארפ מענ נאָכ הײַנט, פארנ וועג אונ הויצאָעס... די נייטיקײַט צו גיינ הײַנט אפ דער בירזשע איז גליקלעכ אָפגעפאלנ. מע האָט זיכ נאָר באדארפט פארפאקעווענ. דערופ האָט דער געלער באדארפט פינפ מינוט.

— דער מאנ האָט געהייסנ פרעגנ, וויִאזוי רופט מענ אײַכ, — אכ, איז, הייסט עס, זײַנט איר מאסקים? אינ אזא לאָכ פאר זעכציק רובל? איכ בינ שרעקלעכ צופרידנ, וואָס איר זײַנט מאסקים. ווי אָריגינעל! קיינ נאָמענ, פאמיליע ווייסט מענ ניט, אונ מע נעמט אימ אפ א שטעלע. נאָכ האָט דער מאנ געהייסנ פרעגנ, צי זײַנט איר פארשריבנ אינ פאריינ.

— ער איז א פאריקמאכער, — האָט געזאָגט דער לעפ.

בעשאס דער געלער האָט געלייענט דאָס צעטעלע אונ קלאוואָטשקע האָט זיכ געדרייט, האָט דער קינסטלער אוועקגעשטעלט א זעלבסט־געמאכטנ מאָלבערט, האָט אָנגעצויגנ א לײַוונט, איז ארומגעגאנגענ ארומ קלאוואָטשקענ אונ זיכ צוגעקוקט צו איר מיט די שארפע אויגנ פונ א פראָפעסיאָנאל. ער האָט געפילט א קילקײַט אונ א שטעכעניש אינ די פינגער — אָנזאָגער פונ ארבעט. א גרויסער אומגעדולד האָט אימ באהערשט. שפאנענדיק הינ אונ צוריק, אָנגעבויגנ דעמ קאָפ, פארקוקנדיק פונ דער זײַט, פונ פאָרנט, פונ הינטנ, האָט ער זיכ ווי געצילט אינ קלאוואָטשקענ. ער האָט ניט אויסגעהאלטנ, ארויסגעכאפט דאָס קעמל מיט די שטיינדלעכ, אפילע א געשריי געטאָנ: „ס'ארא פאסקודסטווע!" אונ א וואָרפ געטאָנ אפ די שטיינער.

— אײַ, — איז אינקאס געוואָרנ קלאוואָטשקע, — מע קאַנ דאָכ אזוי צעברעכנ. אָבער וואָס איז עס פאר א פאריקמאכער, אז מע לאדט אימ גאָר אײַנ אפ א קאָנטאָר־שטעלע. אונ וואָס הייסט עס? ער גייט ערגעצ אוועק אונ האָט אפילע ניט געענטפערט. שולדיק זײַט איר מיט אײַערע נארישקײַטנ!

— קלאוואָטשקע, זעצט זיכ, מאכט מעשוגענע אויגנ, די נאָזלעכער, די נאָזלעכער פאָרויס! דעמ געלנ טשעפעט ניט, דער געלער איז פאר אײַכ אבסאָליוט א ניט־דערגרייכיקער טרוימ.

— נאָ דיר אַזאַ מײַן נאַרישקײַט!

— אַ ניט־דערגרייכיקער, זאָג איך אײַך, טרוים. אַ מיִפּ, אַן אילוזיע. איר ווענדט אָפּ מיר די אויפֿמערקזאַמקײַט, איך בין אַ מיזרעכדיקער מאַנצבל... די ליפּן, די ליפּן באַלעקט ניט! וואָס איז דאָס דאָרט נאָך פּאַר אַ שמאָכטע בײַ אײַך, מיט וואָס האָט איר זיך עס אָנגעשמירט, מיט טינט, צי וואָס?

— אַ קיין־פֿינטעלע, — האָט ניט־זיכער געמאָלדן קלאַוודיאַ איוואַנאָוונאַ.

דער געלער איז דאָך אַוועק. עמעס, אין אַ וואָך אַרום וועט זי פֿאָרן צום מאַן, וועט זי אים זען. נאָר אַ זיסע אויפֿרעגונג, ענלעך אויף אַ נאַר־קאָז, איז דורכגעגאַנגען, ווי די וואַרעמקײַט פֿון דער זון, וואָס פֿאַרגייט הינ־טער אַ כמאַרע... איבעריקנס, האָט די עמעסע זון ערשט איצט אַרויס־געקוקט, פֿאַרגאָסן דאָס הויפֿל, דאָס טאָטערש שטיבל, קלאַוואָטשקען, אירע ברוינע, שטייענדיק אויפֿגעקעמטע האָר און דאָס סאַמעטן רעקל פֿון דעם קינסטלער, און צוזאַמען מיט דער זון האָט אומגעריכט זיך אומגעקערט דער געלער. ער איז אַפֿילע אַזויווי געקומען צו לויפֿן מיט אַ מאָדנער אײַליקײַט. לויפֿן — דאָס האָט ניט געפּאַסט פֿאַר אים. ער האָט זיך ערגעץ אַ רוק געטאָן הינטער אַ וואַנט. דער קינסטלער האָט אַ ווונק געטאָן צו קלאַוואָטשקען און האָט זיך אַ קראַץ געטאָן מיט דער קויל די באַק.

— אויפֿן זייגער געקומען אַ קוק טון.

— אויפֿן זייגער?

הינטערן הויפֿל אויף אַן אויסגעגלײַכט שטיקל פּלאַץ איז געשטאַנען אין דער ערד אַן איינזאַם שטעקל, און דער שאָטן פֿון דעם האָט זיך געדרוקט איבער דעם אָנגעצייכנטן קרײַז אַרנאָ אַרעוויאַן האָט געמאַכט אַ זון־זייגער, ווײַל קיין אַנדער זייגער איז בײַ זיי ניט געווען. ער האָט אַ קוק געטאָן, אַ געשריי געטאָן דעם קינסטלער „אַ פֿערטל אויף צוועלף" און ווידער אַוועק, און איצטיקס מאָל שוין אויף זיך ניט אומצוקערן.

5

אומפֿאַרשטענדלעכע געפֿילן האָבן געמאַטערט קלאַוואָטשקען. דער זון־זייגער איז איר גאָר דערגאַנגען. ס׳אַרע אומאָפּהענגיקער! פֿון אַ שטעקל געמאַכט אַ זייגער.

— דאָכ, דערקלערט מיר, פארוואָס עפעס א פאבריקמאכער?

דער קינסטלער האָט זיכ אײַנגעקוקט, אָפגעטראָטנ, געסאָפעט. ווי שטענדיק בא דער ארבעט, האָט די שרעקלעכע קאָנצענטרירטקײַט אימ געשטערט זיכ נעמענ צו דער ארבעט, אונ ער איז געצוווּנגענ געווענ אָפציִענ זי אינ א צענדליק איבעריקע באוועגונגענ אונ זיפצנ, פונקט ווי מע לאָזט ארויס פונ א מאשינ דעמ צו קאָנדענסירטנ דאמפ, אונ אָט איז ענדלעכ א ווייכער שטויס פונ אײַנגערעגולירטער ענערגיע. די פינגער האָבנ א וואָרפ געטאָנ די קויל אונ א כאפ געטאָנ דאָס פענדזל. מיט דער לינקער האנט האָט דער קינסטלער געזוכט דאָס נייטיקע שטיקל פונ דער צעבראָכענער פאליטרע. די אויגנ האָבנ אָנגענומענ א שרעקלעכנ אויסדרוק, די ליפנ האָבנ באפוילנ: ציצ, קיינ פיפס ניט, איצט זיצ רויִק!

אינ א פערטל שאָ ארומ איז קלאוואָטשקע, וואָס איז ארײַנגעצויגנ געוואָרנ אינ קרײַז פונ זײַנ אָנשטרענגונג, אָפגעשוואכט געוואָרנ אונ א קליינינקנ געגעצ געטאָנ. זי האָט קיינ געדולד ניט געהאט, — וואָס אזוינס האָט דאָרט אָנגעמאָלט דער קינסטלער? אינ זײַנ מילדער געוואָרענעמ אונ נאָכ אלצ בלאסנ פאָנעמ האָט קלאוואָטשקע דערזענ: ער איז גליקלעכ אונ צופרידנ. איצט האָט מענ שוינ געקאָנט אביסל ריידנ. ניט אָפווישנדיק די קליינע טראָפּנס שווייס אונ דערפילנדיק מיטאמאָל א פארשטארקטע הארצ־קלאפעניש, איז דער קינסטלער אזויווי צוגעלאָפנ צומ סטארט. די ערשטע שאפונג־כוואליע, א ריזיק איבערגעלעבטער אופברויז, האָט זיכ אויסגעלאָזנ, נאָר דערפאר אָבער האָט ער שוינ געוווּסט, אז די זאכ איז דאָ, אז ס'איז שוינ אוועקגעלייגט אנ אָנהייב. איצט זײַנענ זײַנע באוועגונגענ געוואָרנ פרײַער, ער האָט שוינ קיינ מוירע ניט געהאט פאר דורכלאָזנ, פאר פארלירנ. „איכ ארבעט, איכ ארבעט, — האָט א שווינדל געטאָנ בא אימ אינ קאָפ, — אייגנטלעכ, איז דאָכ נאָר דאָס פאראנ אפ דער וועלט, — ווי לאנג ס'איז שוינ מיט מיר אזוינס ניט פאָרגעקומענ. א דאנק גאָט, א דאנק גאָט!"

— נו, קלאוואָטשקע, איר קענט זיכ א ריר טונ. וואָס זײַנט איר אזוינס, איז נאָכ ניט באוווּסט. איכ ווייס נאָר, אז בא אײַכ זײַנענ אופגעריסענע נאָזלעכער, א קערפער פונ א גריכישער געטנ, גאָלדענער שניט, אונ ס'קאָנ זײַנ, אז אלצ וועט ארויסקומענ פארקערט. ערשט אז מיר פאָרנ שוינ, קלאוואָטשקע, דערוויסנ מיר זיכ, וואָס פאר א נאראָנימ מיר זײַנענ. אָט די גאנצע טענדענציע אונ אלצ איבעריקס איז ווי־

פּעדערנ אינ א ווײדל. ס׳געבירט ניט דער ווײדל, ס׳געבירט, פּארדאָנע מוא, דאָס, וואָס אונטערנ ווײדל.

— איכ וועל ניט זיצנ בלײַבנ, אויב איר וועט אזוינע גראָבקײַטנ פּלוידערנ! פאר וועמענ האלט איר מיכ? — האָט זיכ פּלוצלינג אָנגעהויבנ קאָכנ קלאוודיאַ איוואנאָוונא און איז געדיכט, אפּדערעמעסנ רויט געוואָרנ פונ זעלבסטליבע. — איר זײַנט געוויס געווינט צו אלערליי נאטורשטשיצעס, אָט וועל איכ מײַנ מאנ, זאכאר פּעטראָוויטשנ, דערציילנ, וועט ער אײַכ דערקלערנ דעמ אונטערשייד.

זי האָט אפילע געמאכט א פּרווו אופצושטיינ, כאָטש אפ דער קלאָצ, אונטער דער זונ איז איצט געווענ באקוועמ און היימלעכ. נאָר דער קינסטלער האָט זיכ האסטיק א וואָרפ געטאָנ צו איר און האָט זי אײַנגעהאלטנ מיט די עלנבויגנס. זי האָט נאָר אביסל געמאכט אָנשטעלנ, געדרייט מיט די אקסלענ, דערנאָכ האָט די נײַגיריקײַט גוווער געווענ. ס׳האָט זיכ איר פארוואָלט דערוויסנ, וויפל פארדינט ער. גאָרנישט ניט? אזוי גאָר! הייסט עס, אז דער געלער האָט געלײַגט, אז ער איז א גרויסער קינסטלער. אכ, אָט דער געלער, א מאָדנער מאנצבל. אָנגעטאָנ שלעכט, דעמ פּידזשאק, אפּאָנעמ, אפ דער אמעריקאנקע געקויפט, די ברילנ צעבראָכנ, א האלב קערבל קאָסט ארײַנשטעלנ א נײַ גלאָז, — א מענטש האָט אפילע ניט קיינ האלב קערבל, ס׳איז א בזויענ זיכ באַווײַזנ מיט אימ אינ גאס.

— איר זײַט פארקנאקט אינעמ געלנ, קלאוודיאַ איוואנאָוונא, אָט וואָס די מײַסע איז.

— איכ?! אינעמ געלנ!? — זי האָט אנ אָכקע געטאָנ פונ אופגעבראכטקײַט און האָט באלד זיכ א טרייסל געטאָנ מיט א דריבנעמ פּערלדיקנ געלעכטערל, ווי זי וואָלט א ריס געטאָנ דאָס שטריקל, און די קארעלנ האָבנ זיכ צעשאָטנ.

דער געלעכטער האָט אימ אופגעגעבנ נײַע געדאנקענ, דאָס פּענדזל האָט אָנגעהויבנ טאנצנ אינ דער האנט. און ווידער שרעקלעכע אויגנ, א שווערלעכ סאָפּענ, ווידער א שפּאנ צומ לײַוונט, א שפּאנ צוריק און דידאָזיקע שעפערישע זיכ־איבערטראָגנדיקע בליקנ פונ דער נאטור צומ בילד, פונעמ בילד צו דער נאטור, א מענטשלעכע קאמער־אָבסקורע, אינגאנצנ אנ אופגערודערטער, צעשויבערטער, אנ אויסגעצויגענער מאגנעטיזמ פונ טרעפלעכנ זשעסט. שטילער, שטילער, — ער האָט באשוואָרנ און געבעטנ מיט די אויגנ. ריכטיקער, ער האָט ניט געווענדעט אפ איר

קיין שום אויפֿמערקזאַמקייט. זײַן סאָפּען האָט אויפֿגערעגט קלאַוואַטשקען — גלײַך מע קען זיך ניט אײַנהאַלטן און סאָפּען שטילער אַביסל, פֿאַר זיך! זי האָט פּלוצלינג זיך דערמאָנט די ווײַטע פֿאַרגאַנגענהייט, אַכט יאָר, צען יאָר צוריק, איר ערשטן טראָגן און איר ערשטן אַבאָרט. אין געבויר־הויז, וווּהין מע האָט זי געבראַכט אויסוואַרטן, איז געשטאַנען אַ פֿרוי אין אַ העמד. זי האָט זיך געהאַלטן מיט די הענט פֿאַרן אײַזערן ווענטל פֿון בעט און האָט זיך עפּעס מאָדנע אויסגעצויגן מיטן גאַנצן קערפּער. דאָס העמד איז געווען פֿאַרגאָסן מיט גרינבלעכער פֿליסיקייט, דער בויך בײַ דער פֿרוי האָט געהאַלטן אין איין באַוועגן זיך. זי האָט — דערקלערט די סאַניטאַרקע, — זי וויל זיך ניט זעצן, יעדערער אַף זײַן שטייגער. דער פּרויס מאָגער פּנים האָט געגלאַנצט פֿון שוויס, די האָר זײַנען געווען פֿאַרפּלאָנטערט און נאַס אַפֿן שטערן, דער אויסדרוק פֿון פּנים — אַן אַרבעט־אויסדרוק, אָט ווי מע זאָגט איצט: אַ האָרעפּאַשנער, און זי האָט, אויסבויגנדיק זיך מיטן גאַנצן גוף, געשעפּטשעט און קאָנצענטרירט געסאָפּעט. די אויגן אירע האָבן זיך אַ גליטש געטאָן איבער קלאַוואַטשקען, און מע האָט געזען, אַז זיי קוקן פֿאַרבײַ און ווי עפּעס אין זיך, אין דער טיף פֿון דער אַרבעט, וואָס זי טוט. אָט ווען קלאַוואַטשקע וואָלט געקענט דענקען און פֿאַראַלגעמיינערן, וואָלט זי זיך פֿאַרטראַכט איבער דערדאָזיקער ענלעכקייט. פֿאַר איר אָבער איז געווען פֿאַרשטענדלעך נאָר דאָס אויסערלעכע.

„סאָפּעט ווי אַ געווינערן!“

דערווײַל דער און עפּעס פֿאַרדראָסיק איז געוואָרן קלאַוואַטשקען, אָט ווי דעמאָלט אַף דער פֿרוי, דער געווינערן. אָט האָט זי זיך נאָך קיין איינמאָל ניט דערפֿירט (ווי אַ בליץ האָבן זיך דערמאָנט די גרינגע וואַסערן אַפֿן העמד, די אָנשטרענגונג פֿונעם אַרבעטנדיקן קערפּער, ס'אַרא שמוץ!), קיין איינמאָל ניט, קיין איינמאָל ניט געקומען ביז צום האָבן. נאָר דרײַ אַבאָרטן, און די פֿיגור איז געבליבן, און דאָס געזונט, — געזונט וויפֿל איר ווילט. און נאַראָנים האָרעווען, ברעכן אויס דאָס איינגעווייד און... — דאָ איז דער קינסטלער אינגאַנצן בלאַס געוואָרן און האָט אָנגעשטעלט קאָסע אויגן אַף איר. דער לעצטער סאָד פֿון דער זאַך, אַ קאַם באַמערקטער אויסדרוק, דער טאָכ פֿון דערדאָזיקער מאַשינקע מיט לעכעלעך, די מוזיק פֿון דער פֿלייט, קלאַוואַטשקעס נעשאָמע, די אידייע, דער אינהאַלט, דער נאָמען פֿונעם בילד, דער הויך פֿונעם לעצטן סאָד פֿון דער זאַך, די אײַנשטעלונג אַפֿן ציל, אָדער אַף דער סיבע, — אַלציינס

כאַפּט עס דער רוּעכ, אַלציינס, אַבי נאָר כאַפּנ עס, אַריבערטראָגנ, אָפּרײַסנ דעמ קאָפּ! אַנ אופגעשויבערטער, ווי אַ האָנ, קימאַט שפּרינגענדיק, האָט דער קינסטלער צערייצט אַ בליק געטאָנ אפנ אויסדרוק, וואָס האָט אַ שווינדל געטאָנ אינ קלאַוואָטשקענ, אונ מיט רעציכע האָט אָנגעהויבנ לויפנ דאָס פּענדזל איבערנ לײַוונט, אונ מורעשקעס האָבנ אָנגעהויבנ לויפנ איבער זײַנ רוקנביינ.

— אַכ, מאַמע געטרײַע, — האָט ער אַ קוויטשע געטאָנ מיטאַמאָל אפ אַ דינ קאָל, אפּ אַ סאַמע ווולגאַרנ אופנ. — גענוג! ניט איבערטרײַבנ! — ער האָט אַ וואָרפ געטאָנ דאָס פּענדזל, אַ כאַפּ געטאָנ פונעמ מאָלבערט דאָס בילד אונ אַנטלאָפנ אינ שטיבל. אַז ער האָט זיכ אומגעקערט, איז דער אויסזענ באַ אימ געווענ אַנ אויסגעווייקטער, אַ צעפּאַרעטער, די הענט האָט ער אויסגעווישט מיט אַ שמאַטקעלע, מיט שפּיגינאַר, די אויגנ האָבנ געשײַנט מיט זייער געוויינלעכנ שטענדיקנ גלאַנצ, אונ ווי אַ פּאַיאַצ האָט ער אָנגעהויבנ טומלענ אַרומ קלאַוואָטשקענ, וואָס איז אופגעשטאַנענ פונ קלאָצ:

— וואָס וועל איכ פונ אײַכ אָנמאָלנ, מײַנ שיינהײַט, וואָס וועל איכ אָנמאָלנ? אַ פּאַראַזיט וועט איר באַ מיר זײַנ, קלאַוואָטשקע, אָט וואָס!

— אַ פּאַראַזיט?

— יאָ, יאָ! אַנ אויסגעצייכנטער פּאַראַזיט! אַכ, קלאַוואָטשקע! אַזאַ, אינ ווענענ אַ נאַר אַ מענטש לייגט אַרײַנ די גאַנצע זײַנע, אפּ ווענענ ער מאַטעט אויס די זוימענ... נאָר ווידער, אַנטשולדיקט, דאָס קאָנ מענ ניט דערקלערנ. אפנ בילד וועט איר זײַנ וווּנדערלעכ שיינ. כ׳וועל עס פירנ אפ דער אויסשטעלונג! מאָרגנ אינ דערזעלבער צײַט, איר זײַנט מאַסקימ?

קלאַוואָטשקעס גרינע אויגנ האָבנ דאָס ערשטע מאָל אַ בליצ געטאָנ מיט באַוווּסטזיניקער שלעכטקײַט.

„נו, געדענק־זשע, איכ וועל דיר באַווײַזנ אַ פּאַראַזיט", — אַזוי האָט זי לאַנגזאַמ געטראַכט פאַר זיכ, אַרויסגייענדיק מיט אַ דריבנע גאַנגעלע פונעמ טויטנ קוואַרטאַל אפנ מאַרק־פּלאַצ, אונ ווענ עמעצער, אַנ אופמערקזאַמער, וואָלט איצט איר אַ קוק געטאָנ אינעמ אַראָפּגעלאָזענעמ פּאָנעמ, וואָלט ער אַ ציטער געטאָנ. ניט־באַוווּסט פאַרוואָס וואָלט אימ געוואָרנ אַביסל שרעקלעכ אונ ניט־היימלעכ.

קאפיטל IV

די אײַזנבאן

1

אין וואָלקנס שטויב זײַנען צוגעפֿאָרן צום וואָקזאל דראָזשקעס, פֿאעטאָנעס און געשעפֿטלעך־ערנסטע קאָמיסאריאטישע מאשינעס. אזוי אָפֿט פֿאָרן דאָ איינע און דיזעלבע מענטשן מיט איינע און דיזעלבע פֿאָרטפֿעלן, אז די טרעגערס האָבן זיי שוין געקענט אלעמען אין פאָנעם. דער וועג צווישן די הויפטשטעט פֿון ארמעניע און גרוזיע, קימאט דער איינציקער אײַזנבאן־וועג אינעם גאנצן לאנד, האָט דערמאנט מיט דעם אָנצאָליקן אָפפֿאָרן און אומקערן זיך, מיט דעם ארומשמײַען פֿון אלערליי סאָרטן מענטשן, וואָס פֿלעגן זיך באגיין אָן טשעמאָדאנעס און פֿלעגן אראָפשפרינגען פֿון די וואגאָן־טרעפלעך אײַליק און צעשטרייט, ווי זיי וואָלטן אראָפגעגאנגען פֿון די טרעפלעך פֿון זייער וווינונג, — דערדאָזיקער וועג האָט טיילווײַז דערמאנט דעם אײַזנבאן־פארקער פֿון פֿאָרטפֿעלן און קאָמאנדירונגען צווישן מאָסקווע און פיטער[1]. צײַטנווײַז פֿלעגט עמעצער א נײַער, נאָך א פֿרישער פֿון רוסישע אײַנדרוקן, זידלען דעם אומדערטרעגלעכן צוג: „וואָס איז דאָס? בא אײַך איז קיין אָנשטענדיקע וואגאָנעס ניטאָ?“ — אָדער ער פֿלעגט א צוק טון מיט די אקסלען אף דעם קאָנדוקטערס ניט האָבן קיין אָפשײַ צו דער באנאכטיקער צײַט, ווײַל דער קאָנדוקטער פֿלעגט ארײַנגיין אין וועלכן וואגאָן ער האָט געוואָלט און האָט געריסן וועלכע זאכן ער האָט געוואָלט — ס'האָט געמעגט זײַן א פֿוס צי א האנט פֿון א שלאָפֿנדיקן פאסאזשיר, און האָט אזויווי ארײַנגעטראָגן מיט זיך די אומבאדינגלעכע שלאָפלאָזיקײַט, די שטענדיקע געשעפֿטלעכקײַט פֿון א מענטשן, וואָס פֿילט אויס אין דער דינסט־צײַט זײַן דינסט־פֿליכט. דערפֿאר, קאָן זײַן, זײַנען צוגעוווינט געוואָרן די אלע, וואָס פֿאָרן פֿון איין הויפטשטאָט אין דער אנדערער, צו פֿארברענגען די נאכט אזויווי אין גאנג און אפֿילע צו פֿארזיצן זיך ביז שפעטער צײַט אין בופֿעט — אן אָפגעצוימט

---

1 לענינגראד

ווינקל פון א האַרטן וואַגאָן מיט הילצערנע טישלעך פון א ביר־שענק צי פון א ווײַנקעלער. אונטער דעם גערויש און דעם טרייסלען פון די אָפּגענוצטע וואַגאָנעס איבער די אָפּגענוצטע רעלסן האָט זיך דאָ, אין דער קאַרגער שײַן פון די רויטלעכע לעמפּלעך, געהוידעט דער גראָבער בופעטשיק, א גרוזינער, בא דעם בופעט־טיש, וואָס איז ניט־רײַך באַפּוצט מיט באַיאָרטע האַרטע הינער, מיט קעז, מיט גרינס און מיט אַלערליי פּוטער־בולקעס. די באַזוכער האָבן זיך ווינציק אינטערעסירט מיט עסן; ס'האָט זיך אָן אויפהער געדרייט דער גרײַצער באַם אָפּיציאַנט אין די הענט און עס האָט זיך געשטיקט פון פאַרע דער סאַמאָוואַר, א גראָבער, ווי דער בופעטשיק. און פאַרבײַ זײַנען מיט געהײַל און מיט פײַפערײַ פון דעם באַנאַכטיקן ווינט, מיט קריצערײַ פון וואַגאָנעס, דורכגעפלויגן ליידיקע סטאַנציעס, ווי פּילקעס אונטערגעוואָרפענע צום הימל. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די סטאַנציעס האָבן גאָרנישט ניט אונטער די פיס: ניט קיין ערד, ניט קיין מענטשן, ניט קיין שטייגער, און ווי פאַליעס, וואָס הייבן אויף די סטאַנציעס איבער דער פוסטקייט, האָבן זיך פאַרבײַ געטראָגן סטויפּעס.

באַם אַרײַנזעצן זיך האָט דאָס לעבן זיך צונויפגעשטופּט בא די האַרטע אָנגעפּלאַצקאַרטנע וואַגאָנעס, ווו פאַר ערטער האָט מען זיך געשלאָגן. אין אָט דעם טאָג האָט, ווי געוויינלעך, זיך אַהין א וואָרף געטאָן, שטיקנדיק איינער דעם אַנדערן, א כוואַליע פּאַסאַזשירן, פּראָסטערע, וואָס פאָרן מיט קינדער, מיט ווײַבער, מיט קערב, מיט דעם צווייהויקערדיקן וווּרשט פונעם קורדזשין אַף די אַקסל, מיט זעק, מיט בלעכענע בידאָנעס און מיט אַלע איבעריקע בעבעכעס. דעם איינציקן ווייכן וואַגאָן האָט אָפּגעהיט דער קאָנדוקטער, און פּאַסאַזשירן זײַנען אַהין געגאַנגען, ווי גרויסע פיש, ניט געדיכט, אָן האַרמידער. דאָס מאָל, אַגעוו, איז פאָרגעקומען א קליינינקער איבערשלאָג איבער א הילצערנער דאַמען־קאַרטאָנקע, וואָס האָט זיך אַף א קליינער צײַט געשטעלט אין דער ברייט, און ביז דער טרעגער האָט זי דורכגעשלעפּט אין טיר, און דער קאָנדוקטער, שטעלנדיק זיך אַפן טרעפּל, האָט מער צוליב אָנשטעל אים אונטערגעיאָגט מיט דער דלאָניע, האָבן עטלעכע מענטשן פּאַסאַזשירן געשאַפן א שטופּעניש, אָן אומגעוויינלעכע פאַר דעם ווייכן וואַגאָן. דאָ זײַנען פּונקט געווען די, וואָס פאָרן אָפט און צוליב געשעפט. אַלע זײַנען זיי געווען באַקאַנט איינער מיטן אַנדערן און האָבן שוין אַפילו באַוויזן נימעס צו ווערן איינער דעם אַנדערן, באַגעגענענ־

דיק זיכ אפ אלערליי זיצונגענ. צוויי, דרייַ היטלענ פונ אינזשענערנ, א קעפקע, נאָכ א קעפקע, א הארטער הוט. אז דער לעצטער אינעמ דאָזיקנ רעדל, באשיצנדיק א יונגינקע פרוי מיט א טשעמאָדאנ, האָט איר געהאָלפנ זיכ אופהייבנ אונ איז אליינ אריַינגעשפרונגענ, — איז איַיליק צוגעגאנגענ צומ ווייכנ וואגאָנ נאָכ א פאסאזשירקע. אינ די הענט בא איר גאנצע צוויי זאכנ, אפנ אויסזענ ניט זייער קיינ גרינגע. דאָס קורצע קליידל האָט אָפגעדעקט הויכע, מענעריש אופגענייטע שטיוועלעכ. דאָס פאלטאָכל אפנ מיידל האָט זיכ אינ גאנג צעעפנט, אונ די לאנגע קאשנע אינ פאסעקלעכ האָט זיכ צעלאָזנ אונ קימאט דערלאנגט ביז צו דער ערד. זי האָט זיכ שוינ געקליבנ ארופשפרינגענ אונ מיטנ קינ דערלאנגענ דעמ קאָנדוקטער איר בילעט, וואָס זי האָט געהאלטנ אינ מויל, ערשט, אופהייבנדיק די אויגנ, האָט זי דערזענ אפ דער וואגאָנפלאטפאָרמע דאָס פאָרל, די יונגינקע פרוי אונ דעמ מאנצבל, וואָס האָט זי גענומענ אונטער די הענט אונ וועלכער האָט זיכ מיט קיינ זאכ באזונדערס ניט אויסגעטיילט. אינ דערזעלבער רעגע (ריכטיקער, א פערטל רעגע, קעדיי פינקטלעכער צו זייַנ) האָט דאָס מיידל זיכ א ריס געטאָנ אי פונ דעמ קאָנדוקטער, אי פונ דעמ צוג. נאָר דער צווייטער קלונג, וואָס האָט פויל זיכ צעהילכט אינדערלופטנ, האָט זי געצוווּנגענ זיכ א וואָרפ טונ צומ וויַיטסטנ וואגאָנ, פלאָנטערנדיק די פיס אינ דער קאשנע אונ אראָפלאָזנדיק די אקסל אונטער דער שווערקייַט פונ די זאכנ. זי האָט באוויזנ ארופצושפרינגענ אפ דעמ טרעפל. זי האָט צוגעדריקט דעמ קאָפ צו דער טשוהוּנענער פארענטש אונ מיט א פארכאפטנ אָטעמ האָט זי געשלעפט אירע ביידע זאכנ אפ ארופ, אפ דער פלאטפאָרמע, זי האָט שוינ פארלוירנ די האָפענונג זיי ארופשלעפנ, ערשט האָט עמעצנס האנט זי אופגענומענ פונויבנ אונ האָט איר געהאָלפנ ארופגיינ.

— א דאנק איַיכ, — האָט דאָס מיידל געזאָגט, האָט פארצויגנ די קאשנע ארומ האלדז אונ ארויסגענומענ דעמ בילעט פונעמ מויל. מער האָט זי גאָרנישט ניט געזאָגט, אונ אינ איר פאָנעמ האָט מענ געזענ, אז עקספאנסיווקייַט איז ניט אינ איר כאראקטער, אונ אז דאָסדאָזיקע מאָדנע איַילעניש אונ דאָס לויפנ פונ איינ וואגאָנ אינעמ אנדערנ בינדט זיכ אינגאנצנ ניט מיט איר אויסערלעכקייַט, אונ אז איצט וועסטו זיכ פונ איר ניט דערווארטנ קיינ איינעמ ניט פונ די נאטירלעכע אויסגעשרייענ, ווי צומ בייַשפיל „ס׳ארא שרעק, שיר ניט פארשפעטיקט”, „קאמ צוגעלאָפנ” אונ דאָס גלייַכנ.

אין דעם הארטן וואגאָן, וואָס איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט אָנפּלאצקארטנעם אוילעם, איז געווען ענג. ניט קוקנדיק האָט זי זיך אוועקגעזעצט אינעם ערשטן פרייַען ווינקל, מיט די פיס האָט זי צוגעקוועטשט אירע זאכן, און פּלוצלינג, מיט הייסער פארב אין פּאָנעם, האָט זי אזויווי אן אָכקע געטאָן פאר זיך און האָט קרעפטיק פארביסן די אונטערשטע ליפּ. אזוי כרעפּט זיך מיט א מענטשן, אז ער דערמאנט זיך פּלוצלינג עפּעס, וואָס איז זייער א כארפּע און ער וויל זיך אוועקמאכן פון דער דערינערונג, אזויווי מע מאכט זיך אוועק פון ווייטעק, שאָקלענדיק אינדערלופטן מיט א צעקלאפּטן פינגער. פארטרייַבנדיק די דערינערונג, האָט דאָס מיידל אזש א וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ, אזש די הענט צו די אויערן אופגעהויבן, ווי זי וואָלט זיך געקליבן אָנעמען מיט די הענט פאר די באקן. נאָר דאָ איז זי פּלוצלינג געקומען צו זיך, און דער פריערדיקער אויסזען, מיט וועלכן זי איז געשטאנען אפ דער פּלאטפאָרמע, האָט זיך אומגעקערט אפ איר פּאָנעם. אפ די אלע גיכע באוועגונגען פון איר אינעווייניקסטן וועזן האָט מיט אינטערעס געקוקט דער געלער. ער איז געזעסן לעבן איר אין זייַן דאמען־פּידזשאקל, נאָך אלץ אין דיזעלבע ספּאָרט־טופליעס, פארוואָרפן א פוס אפ א פוס און רויִק זיך אָנגעשפּארט מיט דער פּלייצע אין דעם הארטן ווענטל פונעם דיוואן, בײדע הענט געוויינלעך אין די קעשענעס. זייַנע צעבראָכענע גלעזער האָבן טריב געגלאנצט אונטער די קאָסע שטראלן פון דער זון, האָבן זיך אראָפּגעלאָזן און אופגעהויבן צוזאמען מיטן הוידען זיך פון דעם וואגאָן. אז דאָס מיידל האָט אראָפּגעלאָזט אירע אופגעהויבענע הענט, האָט זיך באהערשט און א וואָרף געטאָן א בליק אפ די שכיינים, האָט ער פאר זיך באמערקט: „שיינע ברעמען". דערווייַל האָט דאָס מיידל אופמערקזאם זיך אומגעקוקט ארום זיך. א מישפּאָכע דזשולפּינער טיורקען איז געזעסן פאר איר. צוויי מוסולמענערנס, אָפּגעדעקט די שמוציקע ציצענע טשאדרעס, האָבן געהאלטן אפ די קני און בא די צעעפנטע בריסטן קינדער, און ס'איז פון זיי געגאנגען דער רייעך פון שאָפּן־שמאלץ. זייערע אייַנגעמידטע פיס, צענומען אין די קני, מיט דעם שטארק ברייטן, צווישן די קני אראָפּהענגענדיקן קליידל, זייערע אויסגעדרייטע פיאטעס און אויסגעטראָגענע שלעפּ־שיך אָן קנאפּל האָבן זיי ענלעך געמאכט צו די הייליקע בילדלעך פון גאָטס מוטער. אפילע די אויסגעמאטערטע מייַלער האָבן די מוסולמענערנס צעעפנט — א סימוואָל פון אויסגעזויגטקייַט און אויסגעטריקנטקייַט. לעבן זיי, אופגעהויבן

אפן טערקישן שטייגער איין פוס אפן באנק און דעם צווייטן אראָפּגעלאָזן, האָט אן אלטער טיורק געקוקט פאר זיך פון אונטער זייַן שאָפּנהיטל. זייַנע אויגן פארטרוימט, פונקט ווי בא דעם ארמענישן פויער, וואָס האָט זיך צוגעמאָסטעט פונונטן צווישן די בענק אָפּ צוויי פעסט אייַנגעבונדענע זעק. ווייַטער, פון דער צווייטער אָפּטיילונג, איז געגאנגען א רייעך פון ציבעלע און ווייַן. די טיר פון דער אָפּטיילונג האָט א קלאפּ געטאָן, און דאָס מיידל האָט אזוי אומגעריכט א ציטער געטאָן, אז דער געלער האָט זיך אופגעהערט צו הוידען. א בלאָנדער מענטש אין א ברוינעם סוועטער איז פייַפנדיק פארבייַגעגאנגען. ער האָט ניט געקוקט אפּ קיינעם ניט, נאָר דאָס צוגעזשמורעטע אויג אפן געשטופּלטן פּאָנעם האָט באלד אָפּגעשטעמפּלט אין זיקאָרן יעדע קלייניקייַט: די זעק אונטערן פויער, די צוויי פארדעכטיקע צעבלאָזענע קורדזשינעס אפּ דער פּאָלעצע, די קערב מיט אייער, וועלכע האָבן שוין צו בוילעט ארויסגעקוקט פון דעם היי — דאָס איז געווען אן אגענט פון „געפּעו" פאר קאמפּ מיט פּערסישער קאָנטראבאנדע. אז ער איז דורכגעגאנגען, האָט דאָס מיידל ארויסגענומען איר בילעט, דערנאָך האָט זי זיך באשלאָסן און האָט אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ צום נאָענטסטן שאָכן. דאָס מאָל האָט זי דערזען דעם געלן, כאָטש די זון האָט איר געשלאָגן אין די אויגן. זייַנע צעבראָכענע ברילן און דאָס אופמערקזאמע פּאָנעם מיט דער גוטמוטיקער נאָז האָבן אומקלאָר איר עפּעס דערמאנט. צונויפגערוקט די ברעמען, האָט דאָס מיידל אים דערלאנגט איר בילעט.

— איך וויל זיך בייַטן מיט עמעצן, ווער ס׳פאָרט ביז דערדאָזיקער סטאנציע. בא מיר איז א ווייך אָרט. נאָר איבער געוויסע סיבעס דארף איך בלייַבן אינעם הארטן וואגאָן.

דער געלער האָט גענומען דעם בילעט, און דאָס מיידל האָט געזען, ווי ער האָט קורצזיכטיק אים צוגעטראָגן צו די צעבראָכענע גלעזער. דערנאָך איז ער אופגעשטאנען פונעם אָרט, פארלייגט דאָס אָרט מיט א קליין פּעקל און, קיין וואָרט ניט געזאָגט, אוועקגעגאנגען אין דער שכיינישער אָפּטיילונג. דאָס מיידל האָט געזען און דערנאָך געהערט, ווי ער האָט — די לינקע האנט אין קעשענע, די רעכטע מיטן בילעט אופגעהויבן, — מיט קאָמישער העפלעכקייַט זיך געווענדעט מיטן פאָרשלאג זיך צו בייַטן. זייַן שטים האָט זיך דערווייַטערט און דערווייַטערט. אָט האָט זי אָנגעהויבן זיך דערנענטערן. אין די איבערגעבאזערטע פראגעס האָט געקלונגען עפּעס א מין הומאָר. אז ער האָט זיך אומגעקערט, האָט

ער א קוועטש געטאָנ מיט די אקסל, ארויסגענומענ מיט דער לינקער האַנט פונ קעשענע עפּעס א מינ בײַטעלע אופגענייט פונ א צעראַטענער העפּט־הילע און האָט אראָפּגעלאָזט אהינ די פינגער. דאָס מיידל האָט אומ געדולדיק געקוקט אפ זײַנ גרויסער דריקער האַנט, וואָס האָט צפּגעשלאָגנ מיט גאָלד אינ די שטראַלנ פונ דער זונ. די ארבל, צו קורצע, האָבנ אָפּ־געדעקט א מילכ־ווײַסנ אָרעמ, ווי בא א פרוי. ער האָט ענדלעכ ארויס־געקריגנ זײַנ אייגענעמ בילעט און האָט שווײַגנדיק אימ איבערגעגעבנ דער שכיינע. דער בילעט איז געווענ פונקט ביז צו דער נייטיקער סטאַנציע.

— איז וואָס־זשע?

פאַרכידעשט האָט זי געקוקט, ווי ער האָט אופגעהויבנ זײַנ פעקל און זיכ אויסגעצויגנ, קעדיי צו דערלאַנגענ דאָס היטל — די פעלדעלעכ פונ זײַנ מאָדנעמ פידזשאַק אינ טאַליע האָבנ קאָמיש זיכ צענומענ, זיכ פאַרהויבנ, און זי האָט דערזענ די אָפּגעקראַכענע מעטאַלענע ספּראַזשקע פונהינטנ אפ די הויזנ. „עפּעס א פאַרזעעניש", האָט א שווינדל געטאָנ בא איר אינ די געדאַנקענ.

— דער קאָנטראָל וועט באַלד דורכגיינ, — האָט העפלעכ איר דער־קלערט דער געלער, דערלאַנגענדיק זאָס היטל. און ער האָט זיכ געלאָזט צומ ארויסגאַנג.

2

מיט דער פלינקײַט פונ א אקראָבאַט האָט ער דורכגעמאַכט דעמ וועג, וואָס ס'איז ערשט דורכגעגאַנגענ אינ א פאַרקערטער ריכטונג דער אגענט. דער צוג האָט דערמאַנט א וואָרשט אָנגעפילט מיט מענ־טשישנ פלייש. איינער נאָכנ אנדערנ האָבנ די וואַגאָנעס צעוויקלט זייער געפילעכטס, און דאָס לעבנ פונעמ גאַנצנ לאַנד, פאַרוואַנדלט אינ פאַרש, איז דורכגעגאַנגענ פאַר אימ. ווענ אָט איצט, אויסנוצנדיק די געלעגנ־הײַט און דאָס געצוווּנגענע ליידיק זיצנ, וואָלט עמעצנס א געדולדיקע האַנט צעגעבנ אנקעטעס אלע פאָרנדיקע און וואָלט זיי דערנאָכ צונויפ־געזאַמלט, און ווענ די, וואָס קענענ שרײַבנ, וואָלטנ נאָכנ אָנמידנ די בלײַשטיפטנ פאַר זיכ אליינ באַדינט אויכ די, וואָס הויקערנ זיכ לאַנג, זוכנדיק די ווערטער, וועלכע גיבנ איבער מיט אָנשטרענגונג דעמ געדאַנק, — דענסטמאָל, יאָ, דענסטמאָל וואָלט דער סטאַטיסטיקער עפּשער גרינג און פראָסט געכאַפּט די עקאָנאָמישע געזעצמעסיקײַטנ, די סיבע

פון די מענטשישע צופֿלוסן און אָפּפֿלוסן פֿון הויפּטשטאָט צו הויפּטשטאָט,
דעם רעכטן איקער פֿון דעם, וואָס ס'טוט זיך אינעם דאָזיקן לאַנד, און
מעגלעך אויך דאָס, וואָס ס'טוט זיך ניט אינעם לאַנד. — מיט איין וואָרט,
קיין געדולדיקע האַנט און קיין אַנקעטעס איז ניט געווען, און קיינער
האָט קיין סיבע ניט געהאַט אַן איבעריק מאָל אויסצוזידלען זיך מיטן
וואָרט „ביוראָקראַטיזם“. נאָר דעם געלנס שאַרפֿע שוואַרצאַפּלען אין
זײַנע גרוי־בלויע אויגן האָבן אָנגעשטאָכן אַפֿן שפּילקעלע פֿון זײַן
אויפֿמערקזאַמקייט אַלץ, וואָס ס'האָט זיך געריבעט אין דעם וואַגאָן־וווּרשט,
און אויך דער אַגענט, וואָס האָט דורכגעשניטן דעמזעלבן וועג, האָט
פֿאַרגעדענקט וואָס ער האָט געדאַרפֿט פֿאַרגעדענקען.

די אָרעמקייט האָט געביטן איר אָרט ניט איינציקווײַז: מוסולמענישע
מישפּאָכעס פֿון גרענעץ־פּאַס האָבן פֿון הונגער און אַרבעטלאָזיקייט זיך
איבערגערוקט קיין אַזערבײַדזשאַן; פֿויערים פֿון די סאַמע פֿאַרוואָרפֿנסטע
ערטער אין אַרמעניע, אַז זיי האָבן אויפֿגעגעסן דעם גאַנצן גערשטן און
זיך דערוואַרט אויף אַ וועג, זײַנען זיי זיך צעקראָכן איבער די ערטער,
ווו מע דאַרף אַרבעט־הענט. זייערע קרענקלעכע פּלייצעס, זייערע בופֿ־
לאַקסענע סאַנדאַלן, דורך לעכעלעך צוגעבונדענע מיט שטריקלעך צו די
פֿיס, זייערע אַראָפּגעהאַנגענע אַקסלען, ברוינלעכע פּענעמער מיט אַ
ברייטן געזיכט־ביין, אַזוי אַז מע האָט געקאָנט פֿאַרלייגן די האַנט אונ־
טער דעם אויסשטאַרץ פֿון באַק, ווי אונטער דעם האַלדז פֿון אַ פֿיש,
און די שפּאַרבעריש אַראָפּגעלאָזענע אָפּגעצערטע נאָז, וואָס אין איר
קאָנטור האָט ער פֿאָרט פֿאַרהיט אַן אייגנאַרטיקע רויבערישע איידל־
קייט, — דאָס איז געווען אַ באַזונדער טיפּ אַרמענער, אַ באַרג־טיפּ,
וואָס דערנעענטערט זיך צום קורדישן. מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ
זײַנען געזעסן די איבערוואַנדערער אויף די בענק און אויף די זעק,
זיי האָבן געהערט, ווי עפּעס אַ ליבהאָבער האָט פֿאַרזיכטיק און
לאַנגזאַם געבלאָנקעט מיטןביינדל איבער דער גיטאַרע, און פֿון
ניט האָבן וואָס צו טון האָבן זיי זיך געקוקט אויף די הענט: אַמאָל
אויפֿגעהויבן אַרויף מיט דער דלאָניע, וואָס מיט קראַצן און מיט אָנגע־
שוואָלענע טונקעלע פֿאַרשטאָכענע ערטער, און אַמאָל אויסגעקערעוועט מיט
דער אויבערשטער זײַט מיט די לאַנגע נעגל, ווי מאַנדלען — אַן אייגנ־
שאַפֿט פֿון אַ אוראַלטער ראַסע.

די אָנגעשטעלטע מיט זייערע פֿרויען האָבן צעלייגט אויף די בענק־
לעך קאָלירטע קאָלדרעס, אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף זיי קישנס, און אויף די טיש־

לעכ פאר זיי האָבן זיכ געהוידעט מעשענע טשייַניקעס אָדער פּראָסטע קענדלעכ מיט דראָט אָנשטאָט א הענטל. איבער די פלאצקארטנע וואַגאָנעס איז דורכגעלאָפן אינ א ווײַסן פארטעכ דעם בופעטשיקס געהילפ מיט אָנגערוקטע, באמ נאָזרוקן צונויפגעוואקסענע ברעמען. ער האָט זשאָנגלירט מיט גלעזלעכ טיי, האָט וואטראָניש זיי צעוואָרפן פונעם טאצ איבער די טישלעכ און האָט אינ זיי אָפּגעטוקט א צינערנע לעפל מיט דער געהעריקער צאָל צוקער. ס'האָבן ארומגעשפאצירט אויסגעמאָגערטע בירגער מיט פארקאטשעטע הויזן אפן מאניר פונעם ענגלישן קעניג. די אויסגעמאָגערטע בירגער האָבן אפ אויסנווייניק געוווסט אלע סטאנציעס, זיי האָבן אפילע ניט געדארפט קיין קוק טון אינ פענצטער קעדיי אָנצורופן דעם נאָמען, און זייער וועג איז געווען ניט קיין ווײַטער: זיי האָבן זיכ אָפּגעשטעלט אינ עטשמיאדזינ, אינ סארדאראבאד, אינ אולו־כאנלו, האָבן א מאכ געטאָן מיטן קליינעם טשעמאָדאנדל און זײַנען פארשווונדן געוואָרן אינ די טיפענישן פונעם וואָקזאל. דאָס זײַנען געווען מעקלערס, רײַזנדיקע ווײַנהענדלער, פּאָדראטשיקעס, לעבנסלוסטיקע פּריוואטניקעס. דאָס לאנד האָט זיי ארײַנגעצויגן אינ די ערטער, ווו די אָדערן פונעם בידושעט האָבן זיכ צעצויגן און ווו ס'איז געגאנגען א גרויסע בויונג.

דער געלער איז אלצ געגאנגען און געגאנגען, וועלנדיק טרעפן, ווו זײַנען זײַנע קינפטיקע כאוויירימ מיטארבעטער און ווער פּאָרט צוזאמען מיט אימ אפ הידראָבוי. נאָר אָט איז ער ארײַנגעפאלן אינ א וואגאָן, וואָס האָט געזשומעט ווי א בינשטאָק, ווו דער קאָנדוקטער האָט לאכנדיק זיכ צוגעהערט צו זײַן וואגאָן־געפילעכטס, פארינטערעסירט און ניט אָן אָפּשײַ ארײַנשטעקנדיק דעמ קאָפּ אינ טיר. דער געלער האָט א ברומ געטאָן: אנטשולדיקט, נאָר ער האָט אייגנטלעכ מיטן זעלבן דערפּאָלג דאָס געקאָנט טון פאר א הילצערנער קלאָצ. זיכ דורכגעשטופּט מיט א זײַט און דורכגעטראָגן זײַן פלינקן קערפּער דורכ דער ענגשאפט פון מענטשלעכער געדיכטעניש, האָט ער באלד טאקע א הייב געטאָן די ברעמען און פאר זיכ געזאָגט „א"!

יאָ, דאָס איז דאָס, דאָס זײַנען געווען די אומפארמײַדלעכע איבערן גאנצן שטעכ פונעם פארבאנד גליקלעכע פייגלען פון די אײַזנבאנען, וואָס זייערע רעגולערע איבערפליִען כעוורעסווײַז, וואָס זייער פרייִלעכער טומל און באשעפטיקטקײַט, זייערע הענט, פארנומענע מיט בלעטלעכ, מיט ביכלעכ, בראָשורקעס, מיט בלאָקנאָטיקעס, דער געפילדער מיטן

איבערכאזורנ אײנע אונ דיזעלבע ווערטער—פארכאפט פונ דער מעכטיקער אײנהײַטלעכקײַט פונ דער אָ טעמע,—זײַנענ אופגעשטאנענ, דאַכט זיכ, ווי אנ אופגעזאָטענער פערפּענדיקוליאר צו דער מאָנאָטאָנער באַוועגונג פונ די רעדער, פּונקט ווי א טײַכ, וואָס לויפט אינ זײַנ בעט, ווארפט זיכ פלוצלינג אריבער גלײַכ ארופ איבער א ריזיקער דאמבע. דאָס איז געווענ א דעלעגאציע, אײנע פונ די אָנצאָליקע, וואָס פאָרט אפ א צוזאמענפאָר, אויכ אײנעמ פונ די אָנצאָליקע, אינ סאמע צענטער פונעמ פארבאנד. דער געלער האָט זיכ דערמאנט עמעצנס אנ איבערגעלײענטע פּיליפּיקע קעגנ דער שעפע פונ צוזאמענפאָרנ, אונטערגעשריבנ פונ א פאָלקאָמ (סעמאשקאָ, האָט ער זיכ דערמאנט), אונ ער האָט פּראָטעסטירנדיק צונויפגעלײגט די ליפּנ צו א שמײכל: דער פּראָטעסט האָט זיכ באַצויגנ ניט צומ צוזאמענפאָר,— צו דער צײַטונגס־פּיליפּיקע. אפ די דעלעגאטנ האָט געלוינט א קוק צו טונ. א דאָרפישנ האָט מענ באַלד געקאָנט דערקענענ אינ דער אומגעווײנלעכער רײנקײַט אונ נײַקײַט פונ די קלײדער, אינ דער פײַערלעכקײַט אונ אפילע אינ דער גלײַכקײַט, מיט וועלכער ער האָט זיכ געהאלטנ לעבנ די איבעריקע. אונ זײַנע האָר, אונטערגעשוירענע אונ אויסגעוואשענע, האָבנ געגלאנצט לײַטיש אונ פרײלעכ. א שטאָטישער, פארקערט, האָט ארויסגעשטעלט דאָס צעכראסטעטע, אָפּגעריבענע טאָגטעגלעכע אָנטונ מיט לאטעס, אפילע מיט ניט־אָפּגערײניקטע פלעקנ. ער האָט געפירט מיט זיכ די פּראָפעסיאָנעלע שמוצ אפ די הענט, דעמ זשארגאָנ פונעמ אנשטאלט, אונ זײַנ פרײד איז געווענ צו באמערקנ נאָר אינ דער עטוואָס גײַציקער, אגעוו ניט באַלײדיקנדיקער גײַווע,—ער האָט אפ זיכ גענומענ די האשגאָכע איבערנ דאָרפישנ. אינעמ לאנד, ווו דער געשרײ וועגנ אלגעמײנער בילדונג האָט ווי א ווידערקאָל זיכ באַגעגנט מיטנ קרעכצ „גיט א שול“, ווו ס'קלעקט ניט קײנ לערער אונ לערנביכער, זײַנענ די צוזאמענפאָרנ געווענ א ריזיקע שול פאר דעמ דערוואקסענעמ, א פילטער, וואָס זויגט ארײַנ, ארבעט איבער אונ ווארפט ארויס די באַפעלקערונג אפ די ערטער מיט הונדערטער נײַע געוווינהײַטנ, יעדיעס, מיט דער אײנהײַטלעכקײַט פונעמ באקומענעמ מעטאָד, מיט א פרײלעכער אָנלאָדונג צו מי, מיט א פארברײטערטנ האָריזאָנט אונ מיט אנ אומדערמידלעכנ באַגער צו טײלנ זיכ מיט דעמ אלעמענ...

דער געלער איז געגאנגענ ווײַטער, צעברויזט פונ די פאקטנ פונ זײַנ וואגאָנ־שפּאציר. נאָר אז ער איז ארופגעקומענ אפ א נײַער פּלאטפאָרמע

און, הוידענדיק מיט די זײַטנ, בריאזגענדיק, קלאפנדיק מיטנ אײַזנ, איז פאר אימ אויסגעוואקסנ א נײַער וואגאָנ, אויסגעפארבט אינ געלער פארב, — דער ווייכער, — האָבנ זײַנע געדאנקענ זיכ פלוצלינג אומגעקערט צומ שווײַגנדיקנ מיידל מיט די שיינע ברעמענ. פאר וועמענ צי פאר וואָס איז זי אנטלאָפנ פונעמ ווייכנ וואגאָנ?

3

דאָ האָט מענ געשוויגנ, ס׳איז געווענ פארהעלטנסמעסיק שטיל. דורכ די אָפענע טירנ האָט זיכ ווי בלויע וואָלקנדלעכ געצויגנ דער רויכ פונ פאפיראָסנ. דער מאנצבל, וואָס האָט זיכ מיט קיינ זאכ באזונדערס ניט אויסגעטיילט, איז שוינ לאנג ארײַנ מיט זײַנ יונגינקער באגלייטערנ אינ קופע, ווו צוויי וווקסיקע מענטשנ, שיינ אָנגעטאָנ, האָבנ געטונקענ די נעזער אינ צײַטונג. אופגעהויבנ דעמ קאָפ, האָבנ זיי דערקענט ד׳ ארײַנגעקומענע, אונ ס׳האָט זיכ דערהערט א כאווערישער „א־א״ אונ אפילע „ע־ע״, וואָס בענעגייע צו דעמ ארײַנגעקומענעמס באגלייטערנ, האָט עס געקלונגענ, ווי „אָהאָ־האָ, גוטער־ברודער״. זייער א פײַנינקע, מיט אנ אויסגעצייכנטער פארב פונ פאָנעמ, מיט סאמעט־גלאטע באקנ, א יונגע, א געפאקטינקע, האָט זי ווי א ליאלקעלע זיכ אנידערגעזעצט לעבנ פענצטער, באלד ארויפגענומענ די הענטשקעס, א קוק געטאָנ אפ די בעגל אונ, אָפוואָרפנדיק דעמ באָרט פונ איר בײַטל, האָט זי מיט מאלפישער געשווינדקײַט גענומענ זיכ צופודרענ דעמ קינ מיט א שטיקעלע ראָזנ סאמעט, קוקנדיק מיט שאַפענע אויגנ אינעמ אָפגעוואָרפענעמ שפיגעלע. דער מאנצבל, וואָס האָט זיכ מיט קיינ זאכ באזונדערס ניט אויסגעטיילט, האָט זיכ אנידערגעזעצט לעבנ איר, ארויסגענומענ דעמ פאָרטסיגאר, גענומענ א פאפיראָס אונ דערנאָכ פאָרגעלייגט די שכיינימ.

— קיינ טיפליס?

— קיינ טיפליס. איכ פיר זי צו דער מוטער, — א גרינגינקער נויג אינ דער זײַט פונ דער פרוי, וואָס זי האָט אופגענומענ, ווי אנ אײַנלאדונג.

צושליסנדיק מיטנ פינגער די פלאכע ספריאזשקע פונעמ בײַטל אונ אָנרוקנדיק אפ די אויגנ די קוטשערלעכ פונ די געשוירענע האָר, פאָרזיכטיק, ווי זיי וואָלטנ געווענ קינסטלעכע, האָט זײַנ יונגע באגלייטערנ זיכ אָנגעבויגנ אינ דער זײַט פונ די צוויי, וואָס האָבנ געפרעגט. דאָס ארײַנטרעטנ אירס אינעמ שמועס איז פאָרגעקומענ אזוי ווייכ אונ אומ־

באמערקט, אז אפילע דערמאנענ זיך וואָלט ניט געקענט קיינער פונ די, וואָס זיצנ אינ קופּע, מיט וועלכע ווערטער אונ בא וואָסערע אומשטענדנ האָט זיך ארײַנגעגאָסנ אינ די רייד איר זייער באוועגלעכע אָפענע שטימ, וואָס האָט זיך געבראָכנ פונעמ הוידענ זיך פונ צוג. לעבעדיק, מיט א גרויסער פארלײַכטערונג פאר די מאנצבלען, האָט די שײנינקע פרוי געפירט דעמ שמועס, אונ איר באגלייטער האָט זעלבסטצופרידנ גערויכערט, מיט פארגעניגנ נאָכקוקנדיק נאָך זײַנע אייגענע זשעסטנ פונ א פארברענטנ רויכערער, וואָס האָבנ געטאָפּלט פאר אימ דעמ פארגעניגנ אונ דעמ אָפּרו פונ דעמ פאָרנ. געעפנט אונ פארמאכט דאָס קעסטעלע שוועבעלעך, וואָס האָט טרוקנ געטרישטשעט צווישנ די פינגער, האָט ער מיט דער לינקער האנט ווייך אָפּגעפירט פונ זיך דעמ רויך אונ מיטנ ווײַז־פינגער פונ דער רעכטער האנט, מיט א האנאָעדיקער לאנגזאמקײַט אָפּגעטרייסלט דעמ פּאפּיראָס־אש גלײַך אונטער די פיס. הינטער זײַנ פלייצע איז איבערנ שמוציקנ סאמעט פונעמ דיוואנ געקראָכנ א וואנצ.

אונ אינ דער אויסערלעכקײַט פונ דעמ פּאסאזשיר איז אויך געווענ אזוינס, וואָס האָט דערמאנט א וואנצ אפ סאמעט: דער עטוואָס טרוקענער קאָנטור פונ די אקסלענ אונ פונ דער ברוסט, די מיליטערישע האלטונג, דער שטײַפער קראגנ, וואָס האָט אונטערגעשפּארט די עטוואָס טרוקענע, גלאט אויסגעגאָלטע באקנ; די עטוואָס טרוקענע האָר מיט א טשובּיק, געשוירנ אקוראט אונ גרוילעך בא די שלייפנ, דער אײַנדרוק פונ אָדערדיקײַט, פונ צוגעקליבנקײַט, פונ עפּעס אייראָפּייִשעס, אונ נאָר דער שטערנ — אביסעלע נידעריקער ווי ס'דארפ צו זײַנ, אונ די פיס אינ קאמאשנ, וואָס האָבנ ארויסבאוויזנ א לײַכטע קרומקײַט, אונ דער דאָזיקער רייעך פונ פיס־שווייס, — דער אומדערטרעגלעכער רייעך, וואָס האָט דורכגעזאפּט די גאנצע שטאָט מאסיס. „כ'וואָלט פריִער אָפּגעהאקט אלע ארמענער די פיס ביז די קנעכל אונ זאָלט ארײַנגעשטעלט אינ די הײַזער ראקאָווינעס, אונ דערנאָך ערשט פירט אײַך אײַנ דעמ סאָציאַליזמ", — פלעגט זאָגנ דער קינסטלער ארשאק.

נאָר דער מענטש האָט געוווּסט זײַנ אייגענע פּרײַז. ניט קוקנדיק אפ דער אָפענער טיר אינ קאָרידאָר ארײַנ, האָט ער געזענ, ווי דער אוילעמ פונ אנדערע קופּעס, שפּאצירנדיק איבערנ קאָרידאָר, כאפּט א קוק אהער, גלײַך ווי צופעליק. אנדערע זײַנענ געלאָפנ מיט די אויגנ איבער זײַנ באגלייטערנ אונ אנדערע האָבנ באטראכט אימ אליינ. ניט געדיכט, ווי

ביליארד־פילקעס, האָבן זיי זיך אָפּגעקייַקלט און זיך אָנגעקליבן, זיי האָבן שוין אפילע אביסל פארהאטעט דעם קאָרידאָר, ווען נאָך איין ביקאווע פּאָר איז, ענערגיש דורכשטופנדיק זיך, אריַין אין קופּע. דאָס איז געווען א רירעוודיקער פּארשוין, דער טיפּ פון א סעקרעטאר, און אן אלטער דייַטשישער שרייַבער, א מיטגליד פון א דעלעגאציע. דער רירעוודיקער פּארשוין האָט זיך דורכגעשטופּט מיט א זייַטל, האָט געפירט אין פּארוואטער דעם שרייַבער, און דאָס, וואָס ער וויל דורכשווימען ניט צוליב זיך, נאָר צוליב דעם הילפלאָזן, אפּן בוקסיר געגומענעם מענטשן, דאָס האָט געמאכט זייַן פּרעכקייַט ווי געזעצלעך און ניט אָפּצוהאלטן. דער אָרעמער שרייַבער איז געווען אלט, טויבלעך און ביז גאָר מיד. זייַן אויסלענדישער אָנצוג האָט דערציילט וועגן אָרעמקייַט, וועגן וואנדערונג און וועגן דעם, אז ס׳האָט אים ניט געגליקט אין זייַן פאָטערלאנד. דאָס פּאָנעם פון כאָלערישן טיפּ, מיט זעקלעך אונטער די אויגן, קרענקלעך צערייצט: ער איז מיד געוואָרן פאָרנדיק פון וואָקזאל צו וואָקזאל, פון שטוב צו שטוב, ער איז מיד געוואָרן פון דעם פּעיערישן איבערפלי איבער דערפער, שטעט, אאולן, זאוואָדן, געווערבן, ווו ס׳איז אים אויסגעקומען אויסצוהערן און צו האלטן רעדעס, דריקן די הענט. דער שרייַבער איז געווען פייַן דערצויגן, אייראָפּייש און ער האָט אויסגעוויזן נאָכגיביק. דידאָזיקע נאָכגיביקייַט האָט אין צען מאָל פארגרעסערט און פארגרינגערט אן אנדערנס דערקוטשען, יעדערער האָט געטראכט, אז ער האָט איבערצייַגט און געווירקט, און וואָס מער יעדערער האָט געטראכט, אז ער האָט איבערצייַגט און געווירקט, אלץ מער האָט געזאמלט אין זיך דער שרייַבער פּאראקשנטע, אָפּענטפערנדיקע קראפט פון פּראָטעסט: דאָס איז דער געזעץ פון ווידערשטאנד, וואָס איז איינער און דערזעלבער פאר בריקן און פאר מענטשלעכע באציִונגען.

דאָס רירעוודיקע מענטשל האָט זייער ווינציק זיך געדייַגעט וועגן דער שטימונג פון זייַן פּאטראָן. ער האָט זשוואווע זיך א וואָרף געטאָן מיטן קין אין טיר אריַין, פארכאפּט פון דער אופרעגונג: באקאנטע גרויסע מענטשן פון דער וועלט. אונטערלעקערייַ — איז איינע פון די אמווייניקסטע אייגן־נוציקע פייִקייַטן פון דער מענטשלעכער נעשאָמע. דרייענדיק נערוועז מיטן קין און ווי ער וואָלט זיך אריַינגעריסן מיט אים אין א העכערער פאר אים ספערע, איז דאָס רירעוודיק מענטשל איצט געווען אומענדלעך באפרידיקט און געטרייסט, ווי קליינע

קינדער, וואָס מע האָט זיי אַרײַנגענומען אין דער שפּיל פֿון דערוואַקסענע. דער דיקער דײַטשישער שרײַבער האָט אַ דריק געטאָן די האַנט דעם עטוואָס טרוקענעם מאַנצבל אינעם פֿרענטש, די שכיינים האָבן זיך צונויפֿגערוקט, און דער שרײַבער האָט זיך אַנידערגעזעצט קעגן אים מיט ווידדע און מיט אָפּשײַ צוזאַמען,—אַזוי איז מען געוווינט אין אייראָפּע זיך צו באַציִען צו אָפֿיציִעלע פּערזאָנען.

און פֿון דער טיר, שפּאַרנדיק דאָס רירעוודיקע מענטשל, האָבן זיך שוין אָנגערוקט ווי אַ וואַנט אונטערקוקערס: מיט אָפּשײַ אַ הער צו טון וויִאַזוי און וועגן וואָס וועט מען דאָ ריידן.

4

דער דײַטשישער שרײַבער האָט גערעדט רוסיש, די אויסשפּראַך איז בײַ אים געווען אַ האַרטע און עטוואָס צישענדיקע—אַ סימן פֿון אַ סלאַוו.

דער מענטש אינעם פֿרענטש האָט זיך באַמידט צו ריידן דײַטש, און זײַן פֿאַרדומפּענע אויסשפּראַך אונטער דער נאָז, דער אַקצענט אויף די ענדערונגען אַפֿילו דאָרט, וווּ מ׳האָט זיי ניט געדאַרפֿט, האָבן באַלד אין אים אויסגעגעבן דעם אַזיִאַט.

— Wenigstens, — אונטער דער נאָז, קרעפּטיק אָנגעוואַלגערט אויפֿן לעצטן טראָפּ — ווייניקסטענס, אַמווייניקסטן, צי האָט מען אײַך גוט באַוויזן אונדזער יונג סאָציִאַליסטיש לאַנד?—האָט געפֿרעגט מיטן טאָן פֿון אַ באַלעבאָס, וואָס איז, עמעס אָבער, זייער זעלטן אינדערהיים, דער מענטש אין דעם פֿרענטש,—ווייניקסטענס, אַמווייניקסטן, צי האָט איר געזען אונדזערע פֿאַבריקן, דעם קאָניאַק־זאַוואָד, די נײַע קוואַרטאַלן? צי פֿאָרט איר איצט קיין לענינאַקאַן אָדער אויף הידראָבוי?

די ראָל פֿון אַ באַלעבאָס איז געווען אויסגעשעפּט. דער מענטש אינעם פֿרענטש האָט זיך אָפּגעוואָרפֿן צום סאַמעט און האָט באַלד אָנגעהויבן נערוועז צוקן מיטן שפּיץ אויער, קעמפֿנדיק מיט די דריבנע ביסן פֿון אַ וואַנץ.

דער רירעוודיקער האָט געזאָגט, וואַרגנדיק זיך פֿון פֿרייד מיט די ווערטער, אַז ווידער, זיי זײַנען געפֿאָרן און האָבן געזען, און זיי וועלן נאָך פֿאָרן, אויב מ׳וועט דאַרפֿן. נאָר פּונקט דאָ האָט דעם שרײַבער אויפֿגעריסן דער פֿאַרבאָרגענער אָנגעזאַמלטער דאַמפּ פֿון פּראָטעסט. אומזיסט האָט ער זיך באַמידט אײַנצונעמען דעם ציטער אין די שפּיץ פֿינגער, וואָס האָבן אין די קעשענעס געזוכט אַ נאָטיכל. ריידן האָט ניט

געפּאַסט, ס'איז ניט אָנגענומען, און פונדעסטוועגן האָט ער גערעדט. זײַן האַרט צישענדיק מויל האָט געשפּריצט מיט סלינע, די וואָנצעס האָבן זיך אָנגעשפּיזלט, און ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די סלינע און די וואָנצעס שמעקן מיט עפּעס ניט אונדזערס, נאָר אויסלענדישעס, מינאַסטאַם מיטן רייעך פון אַ צווייטסאָרטיקער בערלינער סיגאַרעטע.

— איך האָב געזען, — האָט דער שרײַבער געזאָגט און האָט באַלד אויפגעהויבן די ברעמען, אַלעמען באַקוקט, גרייטנדיק זיך צו אַ ווידערשטאַנד, — איך האָב געזען זייער אַסאַך. זיך בויענדיקע הײַזער, נײַע פאַבריקן, דאָס שטעלן אַ נײַ געשעפט, דאָס שמעלצן באַזאַלט, וואָס איז בײַ אײַך, אין אײַער לאַנד, נײַ, נאָר בײַ אונדז אין אונדזער לאַנד איז עס שוין אַלט.

— איז ווי־זשע, גענאָסע, איז אײַער...

נאָר דער אויפגעהויבענער פינגער אַרויף האָט איבערגעשלאָגן דעם מענטשן אין פּרענטש.

— איך רעד און איך וויל זאָגן, — האָט אָנגעהויבן דער שרײַבער, ציילנדיק די ווערטער, — איר, יאָ, איר האָט אָנגעהויבן מאַכן זאַכן און האָט אָנגעהויבן אַסאַך רעדן, אַז איר מאַכט זאַכן. נאָר מיר מאַכן שוין זייער לאַנג און זייער גוט זאַכן. מיר שווײַגן, מיר שאַנעווען צײַט. קומענדיק צו פאָרן צו אײַך, זוכן מיר, אייראָפּייער, צו זען ניט קיין זאַכן, נאָר אַ נײַעם פּרינציפּ, פאַר אונדז אַ זייער נײַעם פּרינציפּ, און — אָ, וואָס־זשע קאָן איך זען אין אײַער לאַנד, מײַנע הערן, אויב איר וועט מיר דערלויבן צו זאָגן דעם עמעס? איך האָב געזען אַסאַך, אַסאַך ערטער, אַסאַך, אַסאַך מענטשן, נאָר איך האָב ניט געזען קיין אָפּשײַ צו מענטשן אינערגעץ ניט, אינערגעץ ניט. אויב מיר שטערבן אַרבעטן, הייסט עס אומאָפּשײַ צו מענטשן. איר קלײַבט צונויף מענטשן פון פאַרשיידענע ערטער אַף צו מאַכן זאַכן. און וואָס קומט דערנאָך פאָר? דערנאָך הייבט מען בײַ אײַך אָן דורכאַנאַנד, דורכאַנאַנד, Rings-herum — שטערבן דידאָזיקע אָרעמע מענטשן, פאַרהאַמעווען דידאָזיקע אָרעמע מענטשן, דערצאָרענען דידאָזיקע אָרעמע מענטשן...

— ווער איז דאָס? — האָט שטילערהייט אין קאָרידאָר געפרעגט איינער בײַם אַנדערן.

— אַ סינדיקאַליסט, דאַכט זיך.

און דער שרײַבער, אויפגערעגט און קאַליטשענדיק די שפּראַך, האָט פאָרגעזעצט.

— מיט וואָס שטערן? מיט וואָס פאַרהאַמעווען? מיט וואָס דערצאָרענען? Ja wohl· איך ווייס זייער מיט וואָס. כ׳וועל זאָגן זייער גענוי מיט וואָס. דאָס אָרט פון אַרבעט איז א פראָנט. מענטשן פון אַרבעט זײַנען אין דער געגעבענער צײַט סאָלדאַטן, Soldaten!· דער שעף פון דער אַרבעט איז אין דער געגעבענער צײַט א קאָמאַנדיר. די ערשטע פראַגע: איד האָט פאַרזאַמלט מענטשן, דאַרף מען זיי געבן גוטן פאַרזש, גוטע שפּײַז, אויב ניט, וועט זייער ענערגיע ניט געבן דעם מאַקסימום — און אומעטום האָב איך געזען רעוויזיע, רעוויזיע, רעוויזיע פון קאָאָפּעראַטיוו, וואָרום אומעטום זײַנען געווען כעסרוינעס, כעסרוינעס, כעסרוינעס פונעם קאָאָפּעראַטיוו. בעסער מאַכן פון אָנהייב גוט און נאָכדעם גוט, איידער פריִער שלעכט און נאָכדעם א רעוויזיע. די צווייטע פראַגע: וועמען זאָלן מענטשן פאָלגן? אַסאַך באַלעבאַטים — ניטאָ קיין באַלעבאָס. איין אָרעמער אַרבעטער אַרבעט, ער האָט אַכט, נײַן, צען קאָמאַנדירן: דער אינזשענער — א קאָמאַנדיר, דער דירעקטער — א קאָמאַנדיר, דער אַרבעטער־קאָמיטעט — א קאָמאַנדיר, דער סעקרעטאַר פון קעמערל — א קאָמאַנדיר, אַרבעטער־קאָנטראָל — א קאָמאַנדיר, אַרבעטער־אינספּעקציע — א קאָמאַנדיר, אַרבעט־שוץ — א קאָמאַנדיר, דער קרײַזישער אויספירקאָם — א קאָמאַנדיר, די אַרבעטער־פּרעסע — א קאָמאַנדיר, אָנגעפאָרענע מענטשן — א קאָמאַנדיר. דענסטמאָל וויל דער אַרבעטער אויך זײַן א קאָמאַנדיר, און ער שרײַבט מעסירעס זײַן „געפּער", ער שרײַט און מאַכט זיך העכער פון אַלעמען. איינער שרעקט דעם צווייטן, דער צווייטער שרעקט דעם דריטן, די אַרבעט אין איין זײַט, די אַרבעט אין דער צווייטער, אַלץ גייט זייער שלעכט. צײַט, קרעפטן, געלט גייט מער אַוועק ווי מ׳דאַרף. איך האָב עס געזען. איך האָב עס געהערט. ס׳איז פאַראַן א קלאַל: ווילסט באַפעלן, לערן זיך פאָלגן. בא אײַך ווילן אַלע באַפעלן, און קיינער וויל ניט פאָלגן.

— ביז איצט האָט די אויסלענדישע פּרעסע אונדז באַשולדיקט אין עפּעס אַנדערש, — האָט מיט געפּעליקײַט געזאָגט דער מענטש אינעם פּרענטש. — נאָך אײַערע ווערטער קומט אויס, אַז בא אונדז איז עפּעס אַן אַנאַרכיזם א ווילדער, און גאָרניט קיין דיקטאַטור. די פולסטע פרײַהײַט. ניט אַזוי?

— ניין, אָ, ניין! א דיקטאַטור פון שרעק — יאָ. דאָס איז פאַראַן. איינער דעם אַנדערן שטערט און איינער פאַר דעם אַנדערן האָט מוירע.

אין קאָרידאָר האָט מען זיך שוין לאַנג געשטויסן איינער דעם צווייטן מיט די עלנבויגנס. די ספּעצן האָבן אראָפּגענומען די פענסטע און אין פארלעגנהייט זיי אויסגעווישט — דער אויסלייזנדיקער זשעסט, וואָס ס׳איז ניט באוווּסט, פון וואָסער צייט ער איז איינגעפירט געוואָרן. איינער א געלוואָנציקער, א פולינקער האָט גיפטיק געשעפּטשעט צו זיין שאָכן, וואָס האָט געקוואָלן אין נאָז־טיכל אריין.

— בילאָמס, א? זיך צערעדט, א? מע האָט אים געגעבן עסן, טרינקען, ארומגעפירט... כא־כא! די כראָנאָמעטראזשיסטן האָט ער פאַרגעבן, אפ מיין וואָרט, פארגעסן די כראָנאָמעטראזשיסטן... וואָס? דו ווייסט ניט? אפ וואָלכאָוובוי בא אונדז... א געלעכטער, א קאָמעדיע איז געווען. מ׳האָט צוגעשיקט א פּאָרציע מינדעריעריקע מיט זייגערס און מיט שטיפּטלעך, זיי שטייען איבער דיין נעשאָמע און פארשרייבן: א האלבע מינוט אופגעשטאנען, א מינוט — זיך אופגעהויבן, פערציק רעגעס — א ניס געטאָן, א מינוט — איבערגעקערט, צוויי מינוט — געקוקט... צוליב וואָס, פרעגסטו? איך קען דען וויסן, צוליב וואָס? איך בין א כיראָמאנט? — צוליב וואָס? ווינציק פאנטאזיע בא אונדז אפ אן איבעריקע קאָ... קאָמאנדע־הויך אויסצוטראכטן?

ער האָט א כריוקע געטאָן. אן אנדער אינזשענער, אביסל עלטער, מיט אן עלעגאנטער אופירונג פון א וועג־אינזשענער און מיט זייער א רויט מ׳יל אונטער די פרעכטיקע וואָנצעס, האָט שעפּטשענדיק, מיט דערעכערעץ אונטערגעהאלטן דעם דייטש, ווענדנדיק זיך דערהויפט צו דעם מענטשן אינעם פרענטש:

— אונדזן שטערן זייער אין דער ארבעט די אָנגעפּאָרענע, א טוריזם פין א נייעם טיפּ. דאָס קאָן, פארשטייט זיך, זיין זייער גוט, א אינטערעס ניט צו דער נאטור און צו אלטערטימער, נאָר צו וויסנשאפט. אָבער ט׳איז זייער העזעקדיק פאר דער מעלוכע. מיר זיינען מעכוועוו יעדערן גיבן טראנספּאָרט, צושטעלן א דירע, אראָפּנעמען א נייטיקן מענטשן פון דער פּראָדוקציע, ער זאָל ארומגיין און דערקלערן, און דערנאָך, ווייסט איר, פילט יעדער ארבעטער אין דעם אָנגעפּאָרענעם אן עלטערן, און אומבאדינגט הייבט ער אָן זיך פאר אים צו קלאָגן, און טראכט פיל אויס. די פּראָדוקטיווקייט פון ארבעט פאלט אומבאדינגט אין אזא טאָג. און אזוינע טעג זיינען בא אונדז...

— פערצן אין דער וואָך, — האָט מען א געשריי געטאָן פון קאָרידאָר.

באַ דעם מענטשנ אינעם פּרענטש איז עפּעס דורכגעגאַנגענ איבערנ פּנים, עפּעס אַ טרוקנקייט האָט זיכ אָנגעמערקט באַ דעם מענטשנ אינעם פּרענטש. ער האָט אַ הייב געטאָנ די אויגנ צום פֿענצטער, אַ זוכ געטאָנ מיט די אויגנ אַפֿנ טישל, — די, וואָס קענענ אים נאָענט, וואָלטנ פֿאַרשטאַנענ, אַז ער זוכט אַ זשורנאַל אָדער אַ צײַטונג, אָדער עפּעס אינ דער אויסערלעכער נאַטור, קעדיי צו איבערפֿירנ דעם געשפּרעכ אַפֿ עפּעס אַנדערש: אַ זשעסט אַנ אומבאַדינגט אָבליגאַטאָרישער פֿאַר די ארומיקע. נאָר אינ דעם זשורנאַל האָט זיכ פֿאַרטיפֿט זײַנ יונגינקע, אויפֿריכטיק זיכ לאַנגווײַלנדיקע פֿרוי, אונ אינ פֿענצטער איז איצט דורכגעשוווּמענ דער שנייִקער זאָטל פֿונ באַרג אַראַראַט, באַשײַנט פֿונעם זונ־אונטערגאַנג. אונ ארום אונ ארום האָט די מידבערדיקע ערד, אַנ אויסגעטאָפּטשעטע, מיט פֿאַרלעגערטנ שניי אינ די קנייטשנ, געאָטעמט אינ פֿענצטער אַרײַנ, אַלץ מיט דעמזעלבנ אומרויִקנ רייעכ פֿונ אויפֿוואַכנ, פֿונ פֿרילינגדיקנ שווייס, פֿונ נאָענטנ פֿרילינג, מיט דעם אומרו פֿונ אָנקומענדיקער מאַליאַריע. די פֿויערימ, באַגלייטנדיק דעם צוג מיט די אויגנ, האָבנ אַלץ נאָכגעקוקט, ווי ספֿינקסנ, פֿונ אונטער די אומשטערבלעכע שאָפֿנ־היטלענ. זייער מאָגערע פֿי האָט געשטשיפּעט די ערד מיט ווײַסע יאַסלעס. „אַ פֿוטער־מאַנגל, דאָס פֿי, דאַכט זיכ, פֿאַרפֿאַלנ", — האָט אַ שווינדל געטאָנ גאָר אָנ אַ שום שײַכעס באַם מענטשנ אינעם פּרענטש, — אַ געדאַנק, אַגעוו, ניט פֿונ זײַנ אמת. אים ניט נעגייע.

אונ דער שרײַבער, אויסגערעדט זיכ, האָט זיכ נאָכ אַלץ ניט געקאָנט באַרויִקנ. אונ האָט געמורמלט, איצט שוינ אָבער שטילער אַביסל, וועגנ פֿאַרשיידענע בײַשפּילנ פֿונ ניט־אָפּשײַ צו מענטשנ, אונ דערבײַ שטאַרק אונטערגעשטראָכנ, אַז צו שלאָפֿ האָט מענ באַ אונדז אויכ קיינ אָפּשײַ ניט אונ מע וועקט אינ די צוגנ שלאָפֿנדיקע מענטשנ מיט אַ ריס, מיט אַ קלאַפּ, מיט אַ שמועס אונ אַפּילע מיט שלײַדערנ זאַכנ גלײַכ דיר אַפֿנ קאָפּ...

דאָ, נאָכ אַ באַשטימטער אײַנשטילונג, וואָלט דער שמועס מעגלעכ זיכ אויסגעלאָזט, אונ דער דײַטש וואָלט געבליבנ אַ באַשײַמפּערלעכער זיגער. נאָר צו דער טיר פֿונ קופּע האָט גרינג, מיט אַ העפֿלעכער אַנטשולדיקונג, זיכ דורכגעשטופּט אַ נײַער מענטש. דאָס איז געווענ דער געלער. אַרײַנגעשטעקט די הענט טיפֿ אינ די קעשענעס אונ זשמורענדיק די אויגנ אונטער די גלעזער, — פֿונעם זונ־פֿאַרגאַנג, — האָט ער זיכ פֿאַרנויגט פֿאַרנ שרײַבער אונ האָט אָנגעהויבנ ריידנ צו אים אַפֿ דער

ריינסטער דײַטשישער שפּראַך, אַף דער שפּראַך פון זימעלן און פון דעמ
פּילאָלאָג טשעמבערלען, אַף דער שפּראַך, וואָס איז פול מיט סימוואָלי־
שער קרעפטיקײַט, מיט אײַנגעשטאַנענער קולטור פון געדאַנק, פון
יענעמ הויכן דילעטאַנטיזם, וואָס מיטן זשעסט פון אַ באַלעבאָס באַנוצט
ער זיך מיט אַנאַלאָגיעס, גענומענע פונעמ באַגאַזש פון פּינקטלעכע
וויסנשאַפטן.

— איר האָט געוואָלט זען באַ אונדז אַ נײַעמ פּרינציפּ, ניט ריכ־
טיק? — אַזוי האָט אָנגעהויבן זײַן רעדע דער געלער,— נאָר קעדיי צו
זען אַ נײַעמ פּרינציפּ, דאַרף מען דענקען קאַוזאַל. פאַרוואָס, איבער
וואָס פאַר אַ סיבעס טוט זיך באַ אונדז אָפּ דאָס, וועגן וואָס איר האָט
גערעדט? ווײַל דאָס איז אַ דערשײַנונג פון געזעלשאַפטלעכער וואַרעמ־
קײַט. אַז די מאָלעקולן זײַנען אָנגעוואַרעמט, הייבן זיי אָן זיך באַוועגן,
זיך שטויסן, זיך פאַרברייטערן. מיר אַלע זײַנען איצט מאָלעקולן. מיר
זײַנען אָנגעוואַרעמט פונעמ רעוואָליוציאָנערן אויפרײַס. מיר באַוועגן זיך,
שטויסן זיך, פאַרברייטערן זיך. מעגלעך, אַז דאָס דריקט זיך אויס אויך
אין דעמ, וואָס איר רופט אָן „שטערן איינער דעמ צווייטן”. נאָר ווי
אַנדערש קען מען אויסבויען אַן אַנדער געזעלשאַפט? ווי קען מען גע־
פינען די מאָס? און וואָס איז אַזוינס די מאָס? איר וועט זי דאָך ניט
אויסטראַכטן קינסטלעך אין קאַבינעט, ווי אַ מיליטערישן רעגלאַמענט,
איר וועט זי ניט אָנשרײַבן אַף אַ פּאַפּירל און וועט ניט אַרויסגיין זאָגן:
אַכטונג, כאַווײַרים! אָט איז די מאָס! אָרטקאָם, דײַן זאַך איז דאָס און
דאָס. דירעקטער, דײַן זאַך איז דאָס און דאָס. אַרבעטער, דײַן זאַך אַזוי
און אַזוי. ווער ס'וועט פאַרקריכן ווײַטער, יענעמ — אין קאַרצער. דאָס
איז דאָך פולקאָמ אוממעגלעך, ווײַל מיר, ניט נאָר מיר ווייסן ניט, אָדער
מיר ווייסן זייער ווינציק אונדזער פּראַקטיק, מיר האָבן נאָך אַפילע ניט
דורכגעמאַכט די דאָזיקע פּראַקטיק, זי איז ניט אָנגעזאַמלט. אין דעמ, וואָס
מיר שטויסן זיך, מיר שטערן איינער דעמ צווייטן, אין דעמ דריקט זיך
אויס די באַגעגעניש פון קרעפטן, דער וועג צו גלײַכגעוויכט, דאָס זוכן
די מאָס—אָט דאָס איז דער אָנהייב פון אַ נײַער סיסטעמ. און ווײַטער
נאָך איין באַמערקונג. איר האָט געזאָגט, אַז מיר זײַנען ניט־שפּאָרעוו־
דיק, אַז מיר באַציִען זיך ניט־שפּאָרעוודיק צומ מענטשן און צו דער
פאַרשווענדונג פון זײַנע קויכעס, און אָט דער כאַווער, דער וועג־אינ־
זשענער, האָט אײַך אונטערגעהאַלטן און האָט געבראַכט זייער פּילזאָגנ־
דיקע פאַקטן, ווי אַלע, ווער ס'איז נאָר ניט פויל, פאָרן אָן אַף דער

פּראָדוקציע, שטערנ אַרבעטנ, רײַסנ אָפּ די אַרבעטער. ער האָט אַרויסגעזאָגט זײער אַ ריכטיק וואָרט: „טוריזמ“. ער האָט עס אָנגערופנ טוריזמ. דאָס איז דאָכ ווידער אַ נײַער פּרינציפּ,—דאָס איז אַ נײַער פּרינציפּ פונ אַלגעמײנער לערע. עמעס, מיר פאַרלירנ אַפּ אײנס, נאָר מיר געווינענ אַפּנ צווײטנ. דידאָזיקע מיליאָנענ מאָלעקולנ, וואָס מיר האָבנ אופגעהויבנ, אָנגעוואַרעמט, זײ קענענ זיכ ניט אויסלערנענ אינ שול, קײנ אײנ פאָלקאָמבילד וועט זײ ניט קאָנענ אויסלערנענ. בא אונדז איז אַ ריזיקער ביודזשעט אַפּנ פאָלקאָמבילד, נאָר ער איז קאַטאַסטראָפיש קלײנ אינ פאַרגלײַכ מיט דעמ, וואָס ס'פאָדערט זיכ. אונ אָט איז אַנ אויבערהויצאָע פונ אונדזער ווירטשאַפט,—אַפּ לערע, אַפּ בילדנ אַ מאַסע: מיר לערנענ די מאַסנ אָט מיט אַזאַ מינ אומזיסטיקנ טוריזמ. אונ מיר לערנענ זיכ דורכאַנאַנד פונ זײ, פונ זײער אָנוועזנהײַט, פונ זײער קריטיק, פונ זײער פאָדערדיקײַט. איר האָט געזאָגט, מיר מאַכנ זאַכנ, אונ אײראָפּע מאַכט אויכ זאַכנ, מאַכט זײ בעסער, ביליקער, רײנער, גיכער פונ אונדז. יאָ, נאָר אײראָפּע מאַכט זאַכנ, אונ מיר מאַכנ גאָרניט קײנ זאַכנ! אָט אינ דעמ איז דער גאַנצער טאָכ, אָט דאָסדאָזיקע האָט איר ניט דערזענ, אָט דאָ איז דער נײַער פּרינציפּ, אָט דאָ איז די דערקלערונג!

— ניט קײנ זאַכנ? איז וואָס־זשע מאַכט איר?

— מיר מאַכנ אַ פּלאַנירטע זאַכ, געהערטער הער! דער אונטערשײד? דער אונטערשײד איז אַ ריזיקער, אַ קאָלאָסאַלער. אַפּ יעדער פאַבריק, אַפּ יעדער בויונג, אַפּ יעדער פּראָדוקציע, וואָס איר וועט בא אונדז איצט באַזוכנ, אַרבעט זיכ אויס, אָדער ס'באַאַרבעט זיכ, אָדער ס'בויט זיכ אַ זאַכ פּליוס אַ נײַע געזעלשאַפט, אַ זאַכ פּליוס פּראָפּאַרײנענ, פּליוס בראָנירונג פונ יוגנטלעכע, פּליוס קלוב־אַרבעט, פּליוס פּראָדוציר־באַראַטונג, פּליוס קאָנטראָל, פּליוס דיסקאָנט, פּליוס פּלאַנ! אַ זאַכ פּליוס פּלאַנ — דאָס איז פונויבנ, אַ זאַכ פּליוס קאָנטראָל — דאָס איז פונונטנ. אײַכ דאַכט זיכ, צענדליקער באַלעבאַטימ. נאָר איר האָט אַ טאָעס, — צענדליקער פאַקטערנ, אונ ניט קײנ באַלעבאַטימ. אונ דאָס, וואָס יעדער פאַקטער פאַרברײטערט זיכ אַפּנ צווײטנס כעשבנ, דאָס איז דער קאַמפּ פאַר מאָס, דער קאַמפּ פאַר סיסטעמ, דער קאַמפּ פאַר נײַער געזעלשאַפט, ווײַל אויב מיר וועלנ אָט אַזאַ סעגמענט אָנמאָלנ, אָט אַזאַ שטיקעלע אַנ איבעריקס, אַנ עקל, וואָס פאַרגײט אינ אַ פרעמדנ קרײַז, איז דאָסדאָזיקע עקל — דאָס איז די אויבער־הויצאָע אַפּ לערע. אַדאַנק דעמ בויענ מיר אַ נײַעמ מעכאַניזמ. מיר פאַרצײכענענ דעמ קראַפט־פּונקט,

מיר שטעלן אײַן דעם וועג־צייכן. אָט איז דער נײַער פרינציפּ, וואָס איר האָט געזוכט און ניט געפונען,— א ווירטשאַפט אָן אן אייגנטימער! ניט קיין צענדליקער באַלעבאַטים, נאָר צענדליקער פאַקטערן, און די מענטשן, ווי זייערע פאָרשטייער,— א גרויסאַרטיקע וועלט, און איר האָט זי באַזוכט און ניט דערזען!

— גוט געזאָגט,— האָט געזאָגט דער מענטש אינעם פרענטש, וואָס האָט עפּעס פאַרשטאַנען.

— א קריג פון צוויי אומפּאַרטייִשע,— האָט פינקטלעך פאָרמולירט אינג טיר יענער, וואָס האָט פריִער אפן אויג א זאָג געטאָן אף דעם דײַטש „א סינדיקאַליסט, דאַכט זיך". אויסער זיי האָט די דײַטשישע שפּראַך קיינער ניט געקענט. נאָר די יוגנט אין קאָרידאָר, אונטער דער ווירקונג פונעם געלנס אָנשטעקנדיקער אינטאָנאַציע, פונעם גלאַנץ פון זײַנעברילן, האָט ענגער זיך אָנגעלייגט אף די אַקסלען פון די גלײַכגילטיקע, און די רויטע באַקן, די גלאַנצנדיקע אויגן, די האַלב־געעפנטע מײַלער האָבן אונטערגעגעבן כיישעק. אָט אזוי, דערלאַנג אים, דעק, ווי אונדזערע קאָנען!

דער דײַטש, וואָס איז שוין געווען שטאַרק מיד און וואָס איז פּלוצלינג איבערגעטראָגן געוואָרן דורך דער דײַטשישער רעדע אין א אַטמאָספער פון א גרויסער דריקונג, האָט א שמייכל געטאָן מיטן האַרמאָנישן שמייכל פון א קולטור־מענטשן. ער האָט אופגעהערט דעם קריג, ווי מ'שטעלט אָפּ א וועלאָסיפּעד, אראָפּגעשפּרונגען און ווי אוועקגעגאַנגען גלײַך מיט אים.

— וווהין וועלן מיר איצטער, וואָס וועלן מיר איצט זען, גענאָסע וואָליפיאַן? הידראָבוי? גוט, זייער גוט. איך זאָג אײַך צו (א בויג מיטן פּליכעוואַטן קאָפּ צום געלן צו), איך זאָג אײַך צו, ליבער דאָקטער (אָ, פאַרשטייט זיך, אז דער געלער איז געווען א דאָקטער פילאָזאָפיע!), א קוק טון מיט אײַערע אויגן אף הידראָבוי פליוס נײַע געזעלשאַפט.

5

ער האָט געפונען, הייסט עס, א רײַזע־כאַווער. אַלעמאָל, ווען דער געלער האָט געהאַלטן א רעדע, האָט ער זיך געפילט קרענקלעך,— ווי א הון, וואָס האָט געלייגט אן איי. מער ניט, וואָס ער האָט ניט געקוואָקטשעט, ער האָט נאָר צעלאָזט זײַנע פעדערלעך, און א רויטער, אן אופגערעגטער, איז ער טאַקע ווי א הון דורכגעגאַנגען איבערן קאָרידאָר,

ארויסגעצויגן פונעם קאָלנער דעם ווײַסן האַלדז און אויסקוקנדיק, ווי איז דאָ פֿאַראַן אַן אָרט אַף זיך צוזעצן, געפּינען און זיך אוועקגעזעצט. און, ווי שטענדיק נאָך דעם געלנס רעדעס, האָבן זיך אָנגעקלעפּט אין אים פֿון ערגעץ מיט אים אײַנשטימיקע און באַ אים פֿרעגוערס. דאָס מאָל איז, אַ הוסט טוענדיק, אַרײַן אין קופּע, ווי צופֿעליק, דער בלאָנדער מענטש אינעם ברוינעם סוועטער. ער האָט אַף קיינעם ניט געקוקט. נאָר מיטן צוגעזשמורעטן אויג אַפֿן געשטופּלטן פּאָנעם האָט ער באַלד, ווי מיט אַ בעזעמל, אַ קער געטאָן די קופּע און, נעמענדיק אין זיך אַלץ, וואָס מ'האָט געדאַרפֿט אַרײַננעמען, האָט ער שוין גאָר פֿויגלש פֿאַרצויגן די וויִע.

דער בלאָנדער מענטש האָט זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן דעם געלן, אַ שפּיל געטאָן מיט די דלאָניעלעך, אַ פּײַפֿ געטאָן און ניט־ווילנדיק געפֿרעגט.

— אַן אויסלענדער? אַ דײַטש? דײַטש שפּרעכען?

— ניין, איך בין אַן אַרמענער, — האָט דײַטלעך געענטפֿערט דער געלער.

— ווייניק ענלעך!

— די מוטער איז באַ מיר אַ דײַטשקע.

— אָ, אָ, אָט דאָס מיין איך דאָך. פֿון אינטערעס פֿאָרט איר?

— וואָס הייסט עס?

— פֿון אינטערעס, זאָג איך? נו, לאַנדשאַפֿטן, פֿעלקער, געגנטן. איך אונדזערע ערטער פֿאָרן אַסאַך אַזוי. אַנדערע פֿון זשורנאַלן און צײַטונגען, אַנדערע פֿאַרדינען און פֿאָרן. אָט נאָר מיר, אונדזער ברודער — ער האָט פּלוצלינג אַ קוק געטאָן דעם געלן גלײַך אין די אויגן מיט אַ שאַרפֿן און גלײַכן קוק, — מיר זײַנען געצוווּנגען צו פֿאָרן, די דינסט אונדזערע איז אַזאַ.

— ניין, איך פֿאָר אַף אַן אָרט, אַף אַרבעט.

— אַ גוטע אַרבעט, הייסט עס, הויצאָעס, אין וואָכן, אַ רובל דרײַ הונדערט, מינאַסטאַם?

דער געלער האָט ניט געענטפֿערט.

— אַרבעטלאָזע באַ אונדז איצט! — דער בלאָנדער האָט גלײַך פֿון דער הויזן־קעשענע אַרויסגעשלעפּט אַביסל אַ צעבויגענעם פּאַפּיראָס, מיטן פֿינגער אים אויסגעגלײַכט און פֿאַרויכערט. — איצט באַקומען אַן אָרט איז זייער שווער. פֿרעמדע שפּראַכן, פֿאַרשטייט זיך, איז ניט קיין קלייניקײַט. דאָס איז אַ ספּעציִאַליטעט אַ זעלטענע, זי שפּײַזט גוט.

— נו, מיך האָט זי קיינמאָל ניט געשפּײַזט, און איצט בין איך גאָר אַף אַן אַנדער געביט. און ספּעציאַליטעטן האָב איך שוין אויסגעפּרוווט אַסאַך, אי אַ פאַרבער געווען, אי זוילן אונטערגעניייט, אי קאַלאָשן פאַרגאָסן, אי אַ פאַבריקמאַכער...

— אַ פאַבריקמאַכער אפילו, — האָט עפּעס זייער צעצויגן איבערגעפרעגט דער יונגערמאַן, — נו־זשע, דערציילט, זײַט אַזוי גוט. איר רויכערט ניט? מיט גרויס פאַרגעניגן, נעמט, איך בעט אײַך. נאָר וואַרט צו, איך וועל באַשטעלן טיי. הײַק, ברענג צו צוויי גלעזער מיט לימענע! איר האָט געזאָגט אַ פאַבריקמאַכער? אַ ציקאַווע אַרבעט.

— דער שרײַבער באָמאַרשע האָט אויך אַזוי געטראַכט.

— איך ווייס ניט. אינטערעסאַנט צו אויסהערן פון אײַך, וויאַזוי זײַנט איר דאָס געווען אַ פאַבריקמאַכער.

דער געלער האָט אַביסל פאַרוווּנדערט אַ גלאַנץ געטאָן מיט די צעבראָכענע גלעזער פון די ברילן אַפן פרעגנדיקן. זײַן גוטמוטיקע נאָז האָט זיך פאַרקנייטשט אין אַ שמייכל, ער האָט אַ טראַכט געטאָן פון וואָס אָנצוהייבן, באַקוועם זיך צעזעצט אַפן דיוואַן און —

די רעדער האָבן פּלוצלינג אַ ריס געטאָן מיט דער גאַנצער קראַפט, פון דער אויבערשטער פּאָלעצע האָט זיגזאַגיש אַ פליוך געטאָן אַף די קעפּ אַ שטויביק פּעקל, די גלעזער אַפן טיש האָבן זיך איבערגעקערט, די טיי האָט געדיכט אַ גאָס געטאָן אַראָפּ. דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— וואָס איז דאָס? מ׳האָט פאַרהאַמעוועט אין פולן גאַנג — האָט אַ מורמל געטאָן דער יונגערמאַן, — וואַרט צו אַף מיר, איך וועל זיך דערוויסן! איך וועל אַ לויף טון! — ער איז געשווינד אַוועקגעלאָפן איבערן קאָרידאָר, און דער געלער האָט דערווײַל מיטן אַרבל אויסגעווישט דאָס פענצטער, וואָס איז פאַרשוויצט געוואָרן פון דער טיי־פּאַרע. ס׳איז שוין געווען פינצטער.

מ׳זאָגט, אַז מענטשן וועלן אויסטראַכטן נײַע באַוועגערס — אָן גערויש, פּײַפּ, סאַזשע, דאַמפּ. מ׳זאָגט, אַז ס׳וועט קומען אַ נײַע, גלאַנצרייניע צײַט, ווען דער הימל וועט זיך צעשפּרייטן אַן אויסגעווישטער, ווי אַ שויב פון אַ פענצטער אַף פּייסעך, און די קאָנטורן פון די זאַכן, זייערע פאַרבן וועלן זיך אויסטיילן מיט אַ אומגעזעענער קלאָרקײַט און העלקײַט. איז דאָך אַראָפּ די הונדערטיאָריקע סאַזשע פון די פּעטע קאַטעדראַלע קופּאָלן אונדזערע און פון די באַגילדטע ציילעמלעך אין דער עפּאָכע פון דער הונגעריקער שווערער צײַט, ווען די פאַבריקן

זײַנען געשטאַנען, האָבן ניט געריכערט און ניט פֿאַרויכערט די לופֿט. נאָר מיר, בין איך זיך מוידע, וועט באַנק טון די צײַט פֿון הויכן אָטעמען, די צײַט פֿון סאַזשע און דאַמף. ס'וועלן באַנק טון די ריזיקע קוימענס, וואָס זייערע קאָלאָנאַדעס דערצײלן וועגן אַרבעטער־ראַיאָן, ס'וועלן באַנק טון די רויכיקע אַקוואַרעלן פֿון הימל, באַהויכטע מיט בלוי־קאָליר, און די אומרויִקע שטאָטישע זון־פֿאַרגאַנגען, פֿאַרקויטיקטע מיט סאַזשע. און נאָך מער וועלן באַנק טון די שנײַדנדיקע באַנאַכטישע הודקעס פֿון אַ לאָקאָמאָטיוו, וואָס מאַנעווירט איבער פֿאַרפֿלאָנטערטע קאָליעס און וואָס גיסט אויס זײַן דאַמפּישע נעשאָמע אין אַ ווילדן, פֿאַריבלדיקן וועקנדיקן געשריי שטענדיק מיט אַ ־ אַ, אַ, אַ.

אַזוי אָדער אַזוי אַנערעך האָט געטראַכט דער געלער אויך, צופֿלעטשנדיק די נאָז צום שויב. די דאָזיקע גאַנצע וועלט, וואָס פֿאַרגייט שוין אין דער פֿאַרגאַנגענהײַט פֿון דער טעכניק, איז איצט געלעגן אַף יענער זײַט שויב, וועקנדיק די שוואַרצקײַט מיט שײַן און מיט קלאַנג. דאָס אַרמענישע הויכלאַנד, דער ברייטער סטעפּ שיראַק איז שוין געווען דורכגעגאַנגען, און ער האָט געלאָזט הינטער זיך הונגעריקע מאָגערע סטאַנציעס, מאַליאַריע, דעם הויכן ווינט פֿון קאַלטן לעניגאַקאַן, דעם ווינט פֿון טערקײַ, וואָס אַף איר גרענעץ האָבן, ווי וועלפֿישע טשאַטעס, זיך געשטשירעט אַרומגעריסענע בערג. דאָ איז דער וועג אַרײַנגעטראָטן אין אַ באַרג־שפּאַלט, וואָס איז באַרימט איבערן גאַנצן פֿאַרבאַנד מיט זײַן שיינקײַט און מיט די באַזונדערע שוועריקײַטן, מיט וועלכע מ'האָט אים דורכגעלייגט. די אינזשענערן האָבן אין אָנצאָליקע באַריכטן געשריבן וועגן דער דאָזיקער וועג־שטרעקע: „אַ באַצירק מיט אַ שווערן פּראָפֿיל". שיינע ווערטער האָט די טעכניק! אָבער אינדערעמעסן איז אין דירעקטן באַטײַט פֿון וואָרט דער פּראָפֿיל פֿון דעם דאָזיקן באַרג־שפּאַלט, וואָס איז צעגראָבן פֿונעם טײַך דעבעדאַטשײַ, געווען שיין מיט אַ שווערער שיינקײַט, ווי ס'מאַכט זיך אַמאָל באַ אַ לופֿטיק־שיינער פֿרוי מאַכט שווער דאָס פּאָנעם די נאָז מיט אַ הויקערל. די צעשניטענע בערג האָבן זיך געלייגט רעכטס און לינקס אין בלוטיקע פֿענעצן באַזאַלט. די קליינווינקסיקע ביימעלעך האָבן געמאַכט גרימאַסן אַף די שיפּויִם, דער פֿלאַכער אַרמענישער דאַך איז פֿאַרשווּנדן געוואָרן. אַנשטאָט אים האָט זיך באַוויזן דער דרײַעק און דער דאַך־ציגל.

דער באַן־וועג דאָ, אַ זיג פֿון אינזשענערישן געני, האָט זיך געדרייט און זיך צעפֿלאָכטן ווי אַ שלאַנג, אַרײַנקריכנדיק אין די מײַלער

פון טונעלן, אויפהייבנדיק זיך מיט אקוועדוקן, דורכפליִענדיק א געהאַקטענע בריק. אזא איז געווען דער לאָרי־באמבאקער קריַיז אין ארמעניע, וואָס פארן סאמע אריַינגאנג אין אים איז געבליבן שטעקן דער צוג.

דער געלער האָט געזען, ווי ס'זיַינען אומגעלאָפן שווארצע מענטשלעך, פינטלענדיק מיט די לאמטערנדלעך. אָן אויפהער האָט געקלאפט אונטערן וואגאָן א העמערל, פרוּווונדיק זיַינע ביינער. באם־באק, באם־באק. ער האָט א כאפ געטאָן דאָס היטל און איז ארויס נאָך די איבעריקע פאסאזשירן.

דער צוג איז געשטאנען קימאט אין וואסער, פון הימל האָט געגאָסן. אין די פענעמער, באלויכטענע מיט די לאמטערנדלעך, איז שווער געווען צו דערקענען די נאציאָנאליטעט. אין דעם מונדיר און אין די קנעפלעך, אין די שטיוול און אין דעם רייעך, אין דער האלטונג און אין דער דערפארונג איז בא אלע, וואָס זיַינען דאָ אומגעלאָפן, געווען א פראָפעסיאָנעלע איינהייטלעכקייט. און דער גאנצער וועג, גלאנצנדיק מיט געלע פינטלען דורך דער מארט־פינצטערניש, האָט צעעפנט אין דעמדאָזיקן נאסן נאכטיקן טוי מיט אָפגעריסענע ווערטער, מיט די פיגורן פונעם שמירער, פונעם צונויפשליסער, פון דעם מאשיניסט, אין זייער וואקלענדיקן גאנג, מיט דער הארבער מאשין־האסטאָנע, מיט דעם שוים פון דזעגעכץ, קעראָסין, אָפגעארבעטן דאמף — א באַזונדער איַיזנבאנישע וועלט, א וועלט פון אייביקער שלאָפלאָזיקייט מיט איר גאנצער אומגעוויינלעכער טעטיקייט. עפעס האָט זיך געטראָפן! — די צערודערטע פאסאזשירן האָבן שוין געוווּסט, — ס'האָט זיך געטראָפן א קאטאסטראָפע. פאָרויס איז א פראכט־צוג ארופגעשפרונגען אף א פראכט־צוג, — מע רייניקט אָפ דעם וועג. די באזונדערע וועג־ליַידנשאפטלעכקייט, וואָס כאפט ארום דעם מענטשן, ווען ס'טרעפט זיך עפעס, האָט געוואָרפן די פאסאזשירן אין דער פינצטער פון וואגאָן צו וואגאָן, אָנגעגאָסן זייערע שטימען מיט אומרויִקייט, און אויך דעם געלן האָט זי ארומגעכאפט און אים אוועקגעטראָגן צום וויַיטסטן הארטן וואגאָן. נאָר אומזיסט איז ער ארומגעגאנגען איבער די קאליזשעס אהין און צוריק און אריַינגעקוקט אין די פינצטערע פענצטער, — דאָס מיידל מיט די שיינע ברעמען האָט מען אינערגעץ ניט געזען.

דורכגענומען פון דער קעלט אין זיַין פידזשאקל, האָט דער געלער א באטריבטער פארקרעוועט אף צוריק.

— ס׳איז דער רועכ ווייסט וואָס! באַטראַכט זיכ נאָר! שוינ דאָס אכטע מאָל פארנ כוידעש.—א פריוואטניק מיט פארקאטשעטע הויזנ אפנ מאניר פונ ענגלישנ קעניג, מיט אנ אופגעהויבענעמ קאָלנער איז געשטאנענ אינ א קאליזשע אונ האָט זיכ געקאָכט.—וויאזוי געשעט דאָס?—פונ דער פינצטער איז ארויסגעשווומענ א דריבנע צעשויבערט מענטשל מיט ליפנ, אָפּגעשטאנענע איינע פונ דער אנדערער, ווי א שלעכט צוגעפּאסט דעקל. ער האָט גענומענ דערקלערנ:

— דעמ דעזשורנעמ אפ דער סטאנציע האָט מענ געקלונגענ אינ טעלעפאָנ, מ׳האָט געפרעגט: איר זייט גרייט אופצונעמענ דעמ אכצנטנ נומער? דער דעזשורנער זאָגט: „מיר זייַנענ גרייט״. אונ אליינ איז ער אוועק שלאָפנ!

— ווי געפעלט עס אייַכ? אוועק שלאָפנ!

— דאָס איז נאָכ גאָרנישט,—האָט זיכ ארייַנגעמישט דער שמירער.—דאָס וואָלט נאָכ גאָרנישט געווענ. ווענ דער ווייַזער־ווערכטער איז ניט קיינ נאר, דארפ ער הערנ—ס׳גייט א צוג גלייַכ אפ דעמ רעזערוו־וועג, ווו בא אונדז שטייט דער פערצנטער. דעמ ווייַזער וואָלט ער נאָר באדארפט, נאָר דעמ ווייַזער איבערפירנ. איבערפירנ דעמ ווייַזער, אונ ס׳וואָלט גאָרנישט ניט געשענ.

— איז ווו־זשע געווענ דער ווייַזער־ווערכטער?

— דער ווייַזער־ווערכטער?

— נו, יאָ, וואָס־זשע איז געווענ מיט אימ, פרעגט זיכ?

— אונ דער ווייַזער־ווערכטער... ער איז ניט געווענ אפנ אָרט. דער ווייַזער־ווערכטער איז ניט געווענ אונ ער האָט ניט געהערט.

— א שרעק!—דער פריוואטניק האָט אזש א הייב געטאָנ די קני, בריקענדיק זיכ פונ זייַנ מיט קיינעמ ניט געטיילטער אופגעבראכטקייַט.—רודזוטאק איז דורכגעפאָרנ, געמאכט א רעוויזיע, אונ אָט האָסטו דיר רעזולטאטנ!

די טונקעלע פיגור פונ א קאָנדוקטער האָט זיכ צוגערוקט נעענטער, דעמ קאָנדוקטערס וואָנצעס האָבנ זיכ אָנגעהויבנ באוועגנ, זייַנ בערדל, פאריסנ ארופ, האָט געוויזנ א טיפּישנ רוס.

— וואָס דולסטו נאָכ א קאָפּ, ווייַזער־ווערכטער!—האָט ער ארויסגערעדט בארויקנדיק,—וואָס בעבעסטו, טיפעש: ווייַזער־ווערכטער, ווייַזער־ווערכטער! א מאשיניסט אפנ לאָקאָמאָטיוו איז פאראנ? פאראנ. אויגנ באמ מאשיניסט פאראנ? פאראנ. דער מאשיניסט זעט,— דער סאמאָפאָר

באוויַזט א פארמאכטנ וועג, — איז נעם אונ פארהאמעווע, שטעל אָפּ די מאשינ, אונ ס׳וואָלט גאָרנישט ניט געווענ.

— נו, איז וואָס דער מאשיניסט? — האָט מיט א אומבאשטימטער האָפענונג געפרעגט דער פּריוואטניק.

— דער מאשיניסט ?

— יאָ, פעטער, דער מאשיניסט, פרעג איכ.

— אונ דער מאשיניסט — דער קאָנדוקטער האָט אויסגעשפּיגנ איִנ א זיַיט אונ האָט צעגלעט מיט דער האנט די וואָנצעס, אזוי מיט דער דלאָביע רעכטס אונ מיט דער דלאָניע לינקס, — דער מאשיניסט, ליבער מענטש, איז געווענ שיקער לאָט, אָט האָסטו דיר דעם מאשיניסט.

מ׳קאָנ ניט וויסנ, וואָס פאר אנ אויסגעשריי איז געווענ צוגעגרייט באמ צוהערער. ס׳האָט אימ פארטויבט א פארביַילויפנדיקער, קויל־שווארצער הייצער. זיכ אָפּגעשטעלט, קעדיי צו פארשטעקנ דעם הויז, וואָס איז ארויסגעקראָכנ פונ שטיוול, האָט ער באטראכט דעם קאָנדוקטער פונ די פיס ביזנ קאָפּ מיט א קוק פונ פיַיערלעכער פאראכטונג.

— אונ א מאשיניסט אליינ קאָנ דעמ צוג פארהאמעווענ? קאָנ פארהאמעווענ, פרעג איכ? אפ דעמ איז דאָכ עפּעס א קאָנדוקטערישע בריגאדע — ס׳א געזעצ, די קאָנדוקטערישע בריגאדע דארפ אראָפּ א בארג קוקנ מיט אלע אויגנ. אויב וואָס עפּעס, דארפ די קאָנדוקטערישע בריגאדע זיכ כאפּנ פארנ טאָרמאָז.

— נו, — האָט זיכ איַינגעזויגנ איִנ אימ דער פּריוואטניק, — נו איז וואָס־זשע ?

— איז נא דיר, — האָט זי זיכ אָנגעשטאָפּט, די קאָנדוקטערישע בריגאדע, איִנ אייִנ וואגאָנ אריַינ אונ איִנ אנפּאָפּנ געוואָרנ!

— ווײ, מע קענ דאָכ פונ זינענ אראָפּ! — האָט מיטאמאָל א קוויטש געטאָנ דער פּריוואטניק, פארלירנדיק זיַינ גאנצע אינטעליגענטישקיַיט, — ווײ, וואָס רעדט איר? אונ מיר פאָרנ, עסנ, טרינקענ, לייגנ זיכ שלאָפנ, אונ אינדערהיימ האָבנ מיר א פאמיליע, אונ ס׳קאָנ זיַינ, אז אלעמאָל גייענ אזוי די צוגנ: דער דעזשורנער שלאָפט, די בריגאדע שלאָפט, דער מאשיניסט איז שיקער, דער וויַיזער־וועכטער שפּאצירט ארום.

ער האָט א וואָרפ געטאָנ מיטנ קאָפּ אונ האָט זיכ אָנגעשטויסנ אינעם געלנ.

— ווײ! — האָט זיכ בא אימ ווידער ארויסגעריסנ. — איר האָט געהערט ?

דער געלער האָט אים גענומען אונטער דער האַנט און אים אוועקגעפירט פאַרבײַ דעם באַן־וועג. ס׳האָט אַביסל געפיבערט פון קילקייט און פון איינזאַמקייט, פון דעם, וואָס פון דער פייכטער פינצטערניש זײַנען אויפגעשטאַנען באַגערן, וואָס איז ניט אויסצופירן און ניט צו דערקלערן.

— איך האָב געהערט. דאָס איז אומפאַרמײַדלעך דערווײַל (ער האָט זיך אומגעקוקט, אויפגעהויבן די רעכטע האַנט און מיט אַ ברייטן זשעסט זי צענומען), קאָלומאַן ס׳גייען דאָ בײַ אונדז נאָר דרײַ צוגן און ס׳איז דאָ איין רעזערוו־וועג. האָט צײַט, מיר וועלן צעצענפאַכן די קאָליעס, מיר וועלן אָניזשען צוגן, דער דעזשורנער וועט אַלע פינף מינוט הערן: „נעמט אויף דעם נומער אַזוינעם און אַזוינעם", „נעמט אויף אַן אַנדער נומער", אָט דעמאָלט וועט קיין צײַט ניט זײַן צו שלאָפן, דעמאָלט וועלן בײַ אונדז ניט זײַן קיין קאַטאַסטראָפעס, זיי וועלן פון דער געדעכעניש פאַרשווונדן ווערן.

דער פּריוואַטניק האָט אומרויִק זיך צוגעהערט און צוגעדריקט מיט דער האַנט דעם טײַסטער.

און אײַנגיכן איז אַנשלאָפן געוואָרן דער צוג, און צום טאָג צו איז ער אוועק, און ווי ס׳וואָלט גאָרנישט ניט געשען, האָט דער באַן־וועג אויפגעלעבט מיט זײַן לעבן. ווידער האָט יעדער פּראָדוציר־באַצירק אײַנגעזויגן אַ טייל פּאַסאַזשירן: ס׳איז אַרויסגעשפּרונגען אַ פּאַרטייער אין שטיוול, אַרויסגעקראָכן מיט אַ פּאָרטפעל אַ ווירטשאַפטלער, אײַזנבאַנער מיט אַביסל נאַיִווע פּענעמער און מיט סאַזשע אין נאָז און אויף די פינגער האָבן אַרויסגענומען פון די קעשענעס פּאַקעטלעך אָדער קאָנווערטלעך אַדרעסירט צו די עלטסטע און האָבן זיי אָפּגעטראָגן צוזאַמען מיט אַ פּעקעלע אויפן רוקן, — דאָס שטענדיקע און אומשטערבלעכע „געלעגנהײַט". אינזשענערן און טעכניקער, באַרג־אַרבעטער האָבן דערקענט איינער דעם צווייטן און האָבן זיך געגרוסט. צו זיי האָבן מיט אַ שמייכעלע, — מיטן אָפּגלאַנץ פון גראַנגלען, געוועזענע און קינפטיקע, — זיך צוגעזעצט פּראָפּאַריינ־טוער. דערדאָזיקער אוילעם איז געפאָרן ביז דער סטאַנציע אַלאַווערדי, דאָרט ווו מיט שוואַרצע קרומע ליניעס פון קוימענס, — ווי הערנער פון אַ פּאַרצײַטיקן מאַמאָנט, — אויפן פּאָן פון אָפּגעריסענע, נאָר באַשנייטע בערג האָט זיך אַרויסגעזען אַ קופּערשמעלץ־זאַוואָד.

מיט איין וואָרט, אַלץ איז אַוועק ווי ס׳דאַרף צו זײַן.

און נאָר דער אגענט האָט ניט באוויזן אויסצוהערן, וויִאזוי דער געלער איז געוואָרן א פאריקמאכער, און נאָר דער געלער האָט ניט באוויזן צו דערגיין, פאר וועמען אָדער פארוואָס איז אנטלאָפן פונעם וויכן וואגאָן דאָס מיידל מיט די שיינע ברעמען.

קאפּיטל V

הידראָבוי

1

ערשט צום סאמע אָוונט איז דער פארשפּעטיקטער צוג צוגעגאנגען צו דער סטאנציע. קיינער האָט אפ די אָנגעקומענע ניט געוואַרט, און וואסיע וועליפיאן האָט געמוזט, דרייענדיק מיטן קאָפּ, א מאָל צען אראָפּלויפן צום שעפ פון דער סטאנציע, א שרעק טון דעם טעלעגראפיסט מיט א קרעפטיק צונויפגעשטעלטער און טאקע באלד אפן אָרט צוריק צוגענומענער טעלעגראם, צעקאָכט א רעד טון מיט די שווייַגנדיקע מאָלאָקאנעס. און דער שרייַבער, קנייטשנדיק זיך פון מידקייַט, איז אין יענער צייַט געזעסן מיטן פלעד צענומענעם אפ די קני אין דעם שמוציקן סטאנציע־לאָקאל און האָט פייַנלעך געטראכט וועגן זייַן קאליע מאָגן, וועגן דעם געבראָכענעם רעזשים און וועגן דער נייטיקייַט צו טרינקען א לאקסיר־מיטל.

ניט ווארטנדיק און ניט פרעגנדיק, איז דער געלער דערווייַל געגאנגען איבער דעם טשיגדימער שאָסע. ארופ א בארג און האָט געמאכט געשמאקע און אומנאטירלעך גרויסע שפּאן. ער האָט גענומען די שטרעקע מיט די פיס, ווי גרינגע זיגזאגען פון א מיאטש נעמען די שטרעקע אונטער זיך, באצייכענענדיק מיט עלאסטישע שפּרונגען די אָנרירפונקטן. דער קענטאווערישער פארגעניגן פון באוועגונג, ווי דו וואָלסט געפאָרן אפ זיך אליין, ווי אפ א פערד, איז געווען איינע פון די אנגענעמסטע פאר ארנאָ ארעוויאנען. ניט זעענדיק קיין מענטשן, האָט ער זיך ניט געשעמט צו זייַן מילד, זייַנע ליפן האָבן זיך צונויפגעלייגט אין א קאָמישער און ליבלעכער גרימאסע, די קליינינקע אויגן אונטער די צעבראָכענע גלעזער האָבן געשייַנט מיט מילדער און מיטפילנדיקער פרייד: „שטערנדל,—האָט ער געטראכט, לעפּיש און סענטימעטאל פארווייכערנדיק דאָס וואָרט, און האָט אופגעהויבן די צעבראָכענע גלעזער פון די ברילן ארופ־צו,—ליבע, ליבינקע”...

דער אָוונט האָט געשייַנט מיט טויזנטער שטערן אין הימל, די קאָנטורן פון די בערג זייַנען געוואָרן בוילעטער, די לופט האָט זיך

אָנגעגאָסנ מיט טיפע באנאכטיקע רייכעס. ס'האָט געשמעקט ארומ אונ ארומ אלצ, וואָס באטאָג, צוגעדעקט מיטנ וועג־שטויב, האָט דער פוס־גייער ניט געפילט,—דאָס פוילעכצ אינ יאר, די שוועמלעכ אפ דער בוימ־קאָרע אונ די קאָרע אליינ, נאָר געדיכטער אונ זיסער פונ אלצ האָט געשמעקט די ערד מיט אירע אָרגאנישע אויסדעמפונגענ, מיט הונדערטער טיילעכלעכ, צעריבענע אונטער די פיס אונ באהאלטענע אינ זעמדלעכ, ווי טראָפנדלעכ האָניק צווישנ די פעסטע וועגטלעכ פונעמ וואקס. דאָס אלצ האָט דער געלער געקענט אונ ליב געהאט, האָט עס געפילט מיט דאנק, וויַל ער איז געווענ איינזאמ, אונ די מיט קיינעמ ניט געטיילטע האנאָע פונ דער נאטור האָט ער באקומענ פאר א מאטאָנע צוזאמענ מיט דער איינזאמקייַט.

נאָר באמ צווייטנ מאָל פארקערעוועג זיכ איז זייַנ איינזאמקייַט אייגנטלעכ געוואָרנ א באדינגלעכע. קיינ טויטע וועגנ זייַנענ ניטאָ, אונ דער טשיגדימער שאָסע האָט אינ יענער צייַט געלעבט מיט זייַנ לעבנ. שטילע קאָפיטעס פונ אָקסנ האָבנ געקלאפט אינ דער פינצטער מיט א זשעסט, מיט וועלכנ מע גייט אינ א שפאס אפ די הענט—פאָרזיכטיק מיט אלע פינפ פינגער. זייערע קעפ האָבנ זיכ געוואָרפנ, ווי טונקעלע פלעקנ, פונ אונטער דעמ יאָכ. דער דינער סילועט פונ דער בייַטש, וואָס איז שטייענדיק פארשטעקט אינעמ היי, איז פלוצלינג אופגעקומענ אפ דעמ גרינלעכנ הימל. דער אָנטרייַבער איז געשלאָפנ, מיטנ פאָנעמ פארנורעט אראָפ. זייַנ אָטעמ, דער באנאכטיקער מענטשישער שלאָפ, איז אריַינ אינ דער טיפ פונ דער נאכט־סימפאָניע, ווי א נייטיקער באגלייטער. נאָכ שטארקער איז באפאלנ דער שלאָפ די קייַלעכדיקע טונקעלע הויפנס וועגענער, וואָס זייַנענ צוגעשפארט צוגעשטאנענ צומ בארג־שיפוע. זייער אומבאוועגלעכקייַט האָט זיכ אָנגעגאָסנ מיט הויכנ זינ פונ רו, די האָלאָבליעס זייַנענ געווענ פארוואָרפנ אפ די קעלניעס, דער יאָכ צוגעשפארט צו דער ערד, די רעדער פארזונקענ, אונטערגעשפארט מיט שטיינער. די אויסגעשפאנטע אָקסנ זייַנענ געשלאָפנ אינ דער פאָזע פונ עגיפטישע ספינקסנ, אָדער זיי האָבנ שטיל געקייַעט, צוטוליענדיק זיכ צו די קוסטעס. ס'איז פארבייַגעגאנגענ אנ אומגעריכטער מענטש, אונ מ'האָט ניט געקאָנט זענ, ווער ער איז אונ ווי ער זעט אויס. זייַנ נאָענטקייַט אינ דעמדאָזיקנ באנאכטיקנ כוישעכ האָט דער געלער אופגענומענ פיזיאָלאָגיש,—ווי א הונט פילט א הונט, ניט זעענדיק אונ ניט קוקנדיק. פארגלויבנדיק מערער זייַנע פיס איידער די אויגנ, האָט ארעוויאנ מיט

זיכערקײַט פארקירצט דעם וועג און, אײַנעמענדיק שוין דעם לעצטנ בארג־ארופ צו דעמ שפיצ פונעמ קאניאָנ, האָט ער דעריאָגט א געדונגענע טשיגדימער דראָזשקע. דרײַ פעטע פערד האָבנ זי געפירט אונ האָבנ געקלונגענ מיט די גלעקלעכ. איבער די פאסאזשירנ, וואָס זײַנען געזעסנ אינ ענגשאפט פלייצע צו פלייצע, האָט אומגעשלאנדערט דער הויכ איבערגעצויגענער באלדאכינ, אונ דער קוטשער האָט געשריִענ „ננאָ!” מיט אזא שנײַדנדיקער שטימ, אז אפילע די נאכט ארומ אונ ארומ האָט אופגעהערט צו שמעקנ...

צווישנ די פאסאזשירנ האָט זיכ אויכ געפונענ מארדזשיק, אײַנגעוויקלט אינ קאשנע, מיט צוגעדריקטע עלנבויגנס צו די זײַטנ. דער געלער האָט געזענ אפ דער סטאנציע, ווי זי האָט פארזאָרגט גערעדט מיט א יונגנ באָכער, וויִאזוי דער באָכער האָט אוועקגעטראָגנ אירע זאכנ אונ וויִאזוי זי אלײנ איז, אײַלנדיק נאָכ אימ, מיט גרינגע טריט איבערגעגאנגענ דאָס בריקל. ער איז ארויסגעטראָטנ פונ דער פינצטער אונ האָט אופגעהויבנ די האנט.

— אנ אָרט פאראנ?
— וויהינ דארפסטו?
— ביז הידראָבוי.
— זעצ זיכ.

די דראָזשקע איז געווענ פול, נאָר דער געלער איז ארופגעשפרונגענ אפנ טרעפל, האָט אופגעהויבנ איבערנ קאָפ זײַנ פעקעלע, אונ ניט ווארטנדיק אפ דעמ בורטשענ פונ די פאסאזשירנ, האָט ער זיכ פלינק ארײַנגעשטופט צווישנ דעמ מיידל אונ צווישנ אנ אומגעזעענעמ מענטשנ אינ א ברעזענט. ארײַנלאָזנדיק אימ, האָט מארדזשיק צוגענומענ די האנט, אונ איצט איז ער געזעסנ מיט איר זײַט בא זײַט, אופהייבנדיק די האנט איבער איר אקסל אינ א אומבאקוועמער אונ אָנגעשטרענגטער פאָזע. ס'האָט זיכ אימ געוואָלט, אז זי זאָל אימ דערקענענ אונ אָנהייבנ ריידנ די ערשטע. נאָר מארדזשיק האָט געשוויגנ. דערווײַל האָט דער מענטש אינעמ ברעזענט געפרווט זיכ א ריר טונ. ער האָט ארויסגעשטעקט דעמ קאָפ פונעמ קאפּישאָנ, ער האָט יעדנפאלס שוינ דערקענט דעמ געלנ. ער וואָלט אימ דערקענט צווישנ א מיליאָנ מענטשנ. אינ דער פינצטער איז זײַנ אָנשטרענגונג אָנצוהייבנ ריידנ געבליבנ אומבאמערקט, נאָר דאָס דרייענ זיכ פונ זײַנע עלנבויגנס האָט אופגערעגט די שכײנים. דערדאָזיקער באָכער איז געווענ דאר, זײַנ ברעזענט

אויסגעשמירט אין בענזין, די הענט ניט־פּראָפֿעסיאָנעל גרויס פֿאַרן קערפּער. ווען מע זאָל דערלאַנגען אַהער שײַן, וואָלט אַ דערפֿאַרענער מענטש אין אייניקע אַנדערע סימאָנים — די סאַזשע אין נאָז, די שוואַרצע נעגל, די רויטע און אָפּגעבערנטע הויט אויף די באַקן, — דערקענט אין אים אַ שאָפֿער אָדער אַן אויטאָמעכאַניק.

— כ׳ אַנטשולדיק זיך.

דאָס קלאַסיש־אַמאַראַציש וואָרט [1] איז פֿאַרלאָשן געוואָרן, ווי אַ שלעכט אָנגעצונדן שוועבעלע.

— הער נאָר, דו, שטופּ זיך ניט מיט דײַנע עלנבויגנס, — האָט אַ בורטשע געטאָן פֿונהינטן אַ גראָבער טשיגדימער בירגער — דו פֿאָרסט ניט אַליין.

— כ׳אַנטשולדיק זיך, אָט זיי דאַרפֿן מיך געדענקען. אויף דער בירזשע אײַנעכטן... זיי האָבן געהאַלטן אַ רעדע.

מאַרדזשיק האָט באַלד זיך דערמאַנט דער מומעס ווערטער וועגן אַ קאָמישן מענטשן אויף דער בירזשע. זי האָט אויפֿמערקזאַמער אַ קוק געטאָן אויפֿן שאָכן און האָט באַגעגנט דעם גלאַנץ פֿון זײַנע צעבראָכענע ברילן. ווענדנדיק זיך צום גראָבן בירגער, האָט דער מענטש אין־עם ברעזענט דערווײַל פֿאָרגעזעצט.

— ווײַל האָבן זיי געזאָגט וועגן אַ מאַשין. איך בין אַ שאָפֿער... עך, אָט פֿאָרן מיר אויף דרײַפֿערדישע קראַפּטן, זיצן מיט אַ זײַט, — אָבער ווען ס׳וואָלט געווען אַ מאַשין מיט אַ רול אין האַנט...

איבעררײַסנדיק אים, האָבן אַ בליץ געטאָן פֿון דער פֿינצטער צוויי העלע אויגן פֿון אַן אויטאָמאָביל. אַ דריי געטאָן מיט זײַן בויך, איז עלאַסטיש פֿאַרבײַגעגאַנגען אָן גערויש אַ לאַקירטע ליידיקע מאַשין. דאָס האָט מען פֿון הידראָבוי געשיקט אויף דער סטאַנציע נאָך דעם שרײַבער.

— ווען ס׳וואָלט אָבער געווען אַ רול אין האַנט... — ער האָט פֿאַרגעזעצט צו ריידן און האָט אויפֿגערעגט די שכיינים. די אָנשטרענגונג צו הערן האָט געשטערט דער באַנאַכטיקער שווערקײַט פֿון זייערע קערפּערס, האָט געשטערט די רו, האָט געריסן דעם געהער. נאָר יעדערער האָט זיך געפֿוילט זאָגן: „ווערט אַנשוויגן”. דער אומרויִקער שאָפֿער האָט דערציילט וועגן אַרבעטלאָזיקײַט, וועגן דעם, אַז זײַן ווײַב איז

[1] דאָס רוסיש וואָרט Извиняюсь רעכנט זיך בײַ די רוסישע פּוריסטן (פֿײַנשמעקער אין שפּראַך) פֿאַר אַן אַמאַראַציש וואָרט.

געשטאָרבנ, וועגנ אומאָרדענונגענ אפ דער בירזשע, וועגנ טשיגדימער טרעסט, וועגנ פארשיידענע אווטאָמאָביל־סיסטעמעס אונ וועגנ זײַנ ארבעט אינ רוסלאנד.

— איר פאָרט אויכ אפ הידראָבוי? — האָט דער געלער שטיל געפרעגט בא זײַנ שכיינע.

— יענע האָט אָנגעבויגנ דעמ קאָפּ.

— איכ קאָנ ניט פארגעסנ דאָס ווײַב, — האָט ניט אופגעהערט ריידנ דער מענטש אינעמ ברעזענט — איכ פאָר, איכ קוק אפ די שטערנ, די נאכט איז שיינ, אונ איכ טראכט מיר: ווו איז זי, ווו איז מײַנ ווײַב, צי איז פאראנ עפּעס אפ יענער וועלט, צי די באָלשעוויקעס זײַנענ גערעכט: רעליגיע איז אָפּיומ. שווער, זייער שווער צו פארלירנ א נאָענטנ מענטשנ. זאָגט מיר, — האָט ער פאָרגעזעצט, פאראקשנט אויסקערעווענדיק זיכ צומ געלנ, — ווי האלט איר? פאראנ פערזענלעכע אומשטערבלעכקײַט, צי פולקאָמע פארשווינדונג? געוועזנ א מענטש אונ פארפאלנ דער מענטש?

דער געלער האָט געענטפערט.

— צי מוז דענ אומבאדינגט זײַנ פערזענלעכע אומשטערבלעכקײַט, קעדיי דער מענטש זאָל ניט פארפאלנ ווערנ?

די פּלייצעס פונ די פאָרנדיקע האָבנ פונהינטנ זיכ אָנגעהויבנ צו רירנ — ס'איז זיי געוואָרנ אינטערעסאנט צו הערנ.

— אונ אינ וועלכנ עלטער דארפ ער באקומענ דידאָזיקע אומשטערבלעכקײַט? נאָכ מיר נאָכ, אויב מ'דארפ זיכ שוינ פאָרשטעלנ אייביקײַט, איז אלע...

— נו?

דער געלער האָט צוגעוואַרט אביסל, ער האָט זיכ פארטראכט.

— אומשטערבלעכקײַט — דאָס איז דער אלצ ארומכאפנדיקער זיקאָרנ, — האָט ער געזאָגט, — עמעצער אָדער עפּעס, מאטעריע אָדער פאָרמע דארפנ אײַנהאלטנ אלצ, געדענקענ, וואָס איז געווענ אונ ס'וועט זײַנ. אויב אלצ האלט זיכ, גייט גאָרניט פארלוירנ. אָט אזוי קענ מענ באמ לעבנ ווערנ אומשטערבלעכ. מ'דארפ געדענקענ זיכ, אינגאנצנ זיכ, ווי א זײַטיקס, ווי א פאָרמע.

נאָר דעמ געלנ האָט מענ ניט פארשטאנענ אפ דער דראָזשקע, אונ דער מענטש אינעמ ברעזענט האָט א זיפצ געטאָנ אונ גענומענ קוקנ אפ די שטערנ.

די דראָזשקע האָט זיך אָפֿגעשטעלט, דער פֿורמאַנ איז אַראָפֿגעקראָכנ, צוגעגאַנגענ צו דער אָנגעלאָדענער בויד אונ אָפֿגעבונדנ דעמ באַגאַזש.

מאַרדזשיק האָט זיך צעצאָלט, אונ דער געלער האָט אויך אָנגעטאַפּט אַ מאַטבייע אינ קעשענע. ס'איז זיי אויסגעקומענ צו גיינ אַ האַלבע ווערסט אַראָפּ. מאַרדזשיקס זאַכנ האָט ער צונויפֿגעבונדנ אונ אַריבערגעוואָרפֿנ איבערנ אַקסל.

דאָס מיידל האָט גענומענ זײַנ פּעקעלע. אָנ נײַגיריקײַט אונ ניט דערווידערנדיק האָט זי אָנגענומענ דידאָזיקע באַנאַכטיקע רײַזע, אונ אירע פֿינגער זײַנענ גלײַכגילטיק געלעגנ אַפֿ דעמ פּעקעלע, ניט געטאַפּט דורכ דעמ פּאַפּיר, וואָס פֿירט דער מאָדנער געלער מענטש אינ דעמ פּאַקעטל. ער האָט גרינג געטראָגנ איר טשעמאָדאַנ, שפּאַנענדיק נאָכ איר מיט זײַנ גרויסנ אונ שטאַרקנ קערפּער. ער האָט געשוויגנ, פֿילנדיק איר שווײַגנ, ווי אַ מוז. נאָר איינמאָל, ווענ זי האָט זיך אַ שטרויכל געטאָנ, האָט ער געשווינד אונ קרעפֿטיק זי גענומענ אונטער דער האַנט אונ באַלד אָפּגעלאָזנ, דערפֿילנדיק די אומפֿרײַנטלעכע איינזאַמקײַט פֿונ דערדאָזיקער גלײַכגילטיקער אונ ניט־גערנ געגעבענער האַנט. אַזוי זײַנענ זיי געגאַנגענ מיט אַלצ גיכערע טריט, קימאַט געלאָפֿנ צומ ווײַסנ פֿײַער פֿונעמ שטעטל. דער ערשטער באַראַק איז אָנגעשווומענ אַפֿ זיי מיט די קוואַדראַטלעכ פֿונ די באַלויכטענע פֿענצטער. דענסטמאָל האָט דאָס מיידל זיך אָפּגעשטעלט אונ גענומענ אירע זאַכנ.

— איר האָט גערעדט וועגנ זיקאָרנ. נאָר דער זיקאָרנ איז אַ פֿאַרשאָלטענע זאַכ, אַ פֿאַרשאָלטענע,— האָט זי פּלוצלינג אַרויסגערעדט, אופֿהייבנדיק די אויגנ אַפֿ די אויפֿמערקזאַמע גלעזער פֿונעמ באַגלייטער.— נו, איצט זײַט געזונט, אַהער בינ איכ געקומענ נאָר אַפֿ אַ מעסלעס, מער, קאָנ זײַנ, וועלנ מיר זיכ ניט זענ, אַ דאַנק אײַכ.

2

דער ערשטער בוי־באַצירק איז געווענ צעוואָרפֿנ אינ דרײַ יאַרוסנ איבער דעמ באַרג־שיפּוע. סאַמע אונטנ, ווו ס'האָט גערוישט דאָס טײַכל מיזינקע, האָט איצט געאַרבעט דער דריטער אומבײַט, אונ פֿונ דאָרט איז געגאַנגענ אַ העלע שײַנ. העכער זײַנענ, ווי שוואַרצע שאָטנס, געשטאַנענ די באַראַקנ, שלעכט צונויפֿגעשטעלטע, שוואַכ באַלויכטענע. די רויטלעכע לעמפּלעכ פֿלעג מענ דאָ אָפֿט אַרויסדרייענ, אונ דאָס

פלעג ארויסרופן צאָרנדיקע זידלערײַען פונעם קאָמענדאנט. ארײַנקוקנדיק אין פענצטער, קאָנט איר דערזען די האלב־טונקעלע ווינקלען פון דער צוזאמענוווינונג, די בעטלעך מיט קויטיקע שמאטעס צונויפגעדרייט אין קאטשעלקעס, די שווארצע סאזשע פון די ווענט, די דילן, ווו די בלאָטע איז געשטאנען אופגעשטעלט ווי די וואָל אף א הונט, דאָס אײַזערנע רובקעלע מיט אן אָפגעסמאלעטן האָלצ־שײַטל און לעבן דעם א ניט־דערטרוקנטער שטיוול אָדער א אָנעטשע. דאָ האָבן געוווינט די סעזאָניקעס. זייער באָכערישער שטייגער האָט געשמעקט מיט א ניט־דערעסענעם שטיקל גערשטענעם פלעצל, מיט פלייִקן שטויב פונעם דיל, מיט הינער־קויט. א מאָגערע הון פלעג ארײַן אהער פון הויף, דרייענדיק מיטן קאָפ, און די הון פלעג דאָ לאָזן מערער איידער זי האָט אופגעקליבן.

מיט א יארוס העכער זײַנען געווען די באראקן פון די פאמיליע־מענטשן. דאָ האָבן געוווינט די מײַסטערס, דער מעכאניק, דער מאָנטיאָר, די פארטייִשע און פראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ. אף די פענצטער זײַנען געהאנגען פאָרהענגלעך, טיולענע גארדינען. אן אופגעהויבענער ברעג זייערער האָט אָפגעדעקט א בילד פון א וווינונג, וואָס איז גוט אײַנגעאָרדנט. אהער האָט מען צונויפגעפירט פון שטאָט אײַזערנע בעטן, מאטראצן און שטולן פון נוסן־האָלץ, אף די ווענט זײַנען געהאנגען לייפערס אויסגענייט מיט ציילעמלעך, און ריין פאפיר האָט באפוצט די פאָלעצעס, ווו ס'האָבן העל געבליצט סקאָווערדעס און פאנען. די פאמיליען־בעט מיט דער שעפע קישנס און מיט דער בונטער געשטעפטער קאָלדרע האָבן דערציילט וועגן דער פאָשעטסטער לעבנס־וואָך, און נאָך האָבן זיך אומגעדרייט קינדער, אופהייבנדיק די הוילע געזעסלעך אפן דיל און אף די לעזשאנקעס. דאָ איז שוין געווען א געוויסער אײַנגעשטעלטער שטייגער, פארן באראק האָט די שארף אונטערגעהויבענע ערד אויסגעזען גלאָזיק פון פאָמעניעס,—אינדערפרי איז געווען א געוועש,—ס'האָבן פײַכט געשלענדערט אינדערלופטן די אָפגעליידיקטע שטריק. אין איינעם א פענצטער האָט א שווינדל געטאָן א קאָפ פון א מענטשן, וואָס האָט געלייענט א בוך. ער האָט באוועגט מיט די ליפן, צוויי בלייכע, גרוילעכע אויערן האָבן בלוטלאָז געסטארטשעט פון אונטער די דלאָניעס, וואָס האָבן אונטערגעהאלטן דעם קאָפ. דעם מענטשנס אויגן זײַנען געווען אראָפגעלאָזן, און אז ער האָט ארײַנגענומען מיט די פעדערשטע ציין די אונטערשטע ליפ אין מויל

ארײַן, בײַסנדיק זי,—האָט זײַן שוואַרץ פּוכקע בערדל זיך אופגעשטעלט
א האָר צו א האָר אפ דעם קײַלעכדיקן גריבעלע אין קין. נערוועז
האָבן א צוק געטאָן די דריזלעך—דאָס האָט ער דערפילט אפ זיך דעם
געלנס קוק דורכן פענצטער. אגעוו, איז שוין דער געלער איצט געווען
ווײַט. ער איז געגאַנגען אַרופ, מאַכנדיק א גלײַכן האַלב־קרײַז איבער דעם
גאַנצן באַרג־שיפּוע. און ווען ער האָט זיך אומגעקערט אַרופ צו דער־
זעלבער שורע באַראַקן, פון וועלכער ער האָט אָנגעהויבן זײַן דורכגאַנג
איבער דעם באַצירק, האָט דער געלער זיך געפונען אין דעם אויבערשטן
יארוס, ווו ס'איז געווען די קאָנטאָר, דאָס הײַזל פונעם שעף פונעם
באַצירק, דער קלוב, די וווינונג פון די העכערע טעכנישע אָנגעשטעל־
טע. דאָ האָט ער אָפּגעצויגן אפ די קליבעס זײַן אַמאַזאָנקע, האָט פאַר־
ריכט די ברילן אפ דער נאָז און זיך געלאָזט אין קאָנטאָר ארײַן.

דער שעף פונעם באַצירק, לעוואָן דאַווידאָוויטש, איז געזעסן הינ־
טער א גלעזערנער טיר מיטן פּאָנעם צום פענצטער, מיט דער
פּלייצע צו דער טיר. לעוואָן דאַווידאָוויטשעס פּלייצע איז געווען אויס־
דריקלעכער פון זײַן טרוקענעם, העכטיש אויסגעצויגענעם פּאָנעם אַפ
אַראָפּ־צו. אין דער פּלייצע האָט מען געקאָנט דערקענען א ווענ־
אינזשענער. די פּלייצע האָט געהאַט אַן אויסגעמושטירטקײַט. די
אַקסלען האָבן מעשופּע זיך אַראָפּגעלאָזט אַראָפּ, דער האַלדז האָט זיך
פלינק באַוועגט אין דעם ריינעם, אָנגעקראָכמאַלעטן קעלנערל, און נאָר
דער שליסל־ביין, וואָס האָט געצוקט אונטער דער טוזשורקע, האָט איי־
דעס געזאָגט אפ לעוואָן דאַווידאָוויטשעס נערוויישקײַט. א הינטישער
טאָג איז הײַנט געווען: אינדערפרי האָט ער זיך צעזידלט מיטן אָרט־
קאָם, צו וואַרעמעס האָט דער לאַסט־אויטאָ געבראַכט צו פירן פון טשיג־
דים אַן אומגעוויינלעכע פּרוי מיט אַן אַלטן צעראַטעטענעם פּאָרטפעלעכל—
א פּאָלקס־ריכטערן. אין אָוונט איז פאָרגעשטאַנען צו פײַערן אין קלוב
דעם אַכטן מאַרט, הערן צום טויזנטסטן מאָל די ווערטער וועגן דער
קעכן, בײַזײַן אַפּן געריכט איבער אַן אַרבעטער, וואָס האָט באַגאַנוועט,
פּאַטערן צײַט,—און אָט איצט, די מינוט, האָט ער נאָך דערצו געוואַרט
אפ אַן אייראָפּייִשן גאַסט, וואָס מ'האָט וועגן אים איבערגעגעבן פון
סטאַנציע דורכן טעלעפאָן.

אין דערדאָזיקער פאַר פאָרשטעלן זיך ניט־פּאַסיקער מינוט האָט הינ־
טער לעוואָן דאַווידאָוויטשעס פּלייצע א הוסט געטאָן דער געקרײַזל־
טער גרוילעכער מאַנצבל אין א שוואַרצער קאַווקאַזישער בלוזע מיט א

רימענדל ארום דער טאליע, דער נאטשקאנצ, זאכאר פעטראָוויטש. ער האָט געהאלטנ פאר א האנט דעמ געלנ.

— ניינ, דאָס איז אײַער זאכ, איכ שטרײַכ אונטער, אײַער פערזענלעכע זאכ. — לעוואָנ דאווידאָוויטש איז קימאט אונטערגעשפרונגענ פונעמ שטול. אינ אנ אנדער צײַט וואָלט ער געזאָגט גאָר עפעס אנדערש, אונ פריִער פאר אלצ וואָלט ער באטראכט דעמ מאָדנעמ אָנגעשטעלטנ, נאָר איצט האָט ער געטראכט וועגנ דער סקאנדאליעזער אויפירונג פונעמ אָרטקאָמ אינ דער קאָנטאָר, וועגנ די פרעכקײַטנ, וואָס ער האָט הײַנט אויסגעהערט אינ דער אָנוועזנהײַט פונ די ארבעטער.

— איכ האָב אײַכ ניט באפולמעכטיקט, זאכאר פעטראָוויטש, אפ אזא מינ ריזיקאלישנ אויפנ אײַנצולאדנ אָנגעשטעלטע! בא אונדז זײַנענ יעדנ טאָג אומאנגענעמלעכקײַטנ, איר האָט אליינ געהערט. פארשטענדיקט זיכ, אויב איר ווילט, מיט דעמ אָרטקאָמ, — נאָר האָט עס אינזינענ. איכ האָב גאָרנישט ניט געהערט, איכ ווייס ניט, איכ האָב ניט אָנגענומענ. ניינ, כ׳וויל ניט ריידנ, ביז איר וועט זיכ ניט פארשטענדיקנ מיט די געהעריקע אָרגאנענ. — ער האָט געכאפט דאָס היטל, אונ ערשט איצט האָט ער זיכ באגעגנט מיט דעמ געלנס פריילעכנ בליק. דערדאָזיקער בליק האָט אימ איבעראשט מיט זײַנ הויכער אינטעליגענטישקײַט, מיט א מאָדנעמ, קימאט גוטמוטיקנ איבערשטײַגנ אימ, לעוואָנ דאווידאָוויטשנ.

— פארשטייט זיכ, אנ ארכיוואריוס דארפנ מיר, — האָט זיכ בא אימ ארויסגעריסנ קעגנ זײַנ ווילנ. נאָר באלד טאקע, מיט פארדראָס אפ זיכ אליינ, איז דער שעפ פונעמ באצירק ארויסגעגאנגענ.

מיט א צענדליק פײַערנ האָבנ געלויכטנ ארומ אונ ארומ די באראקנ. א ווײַסער פלאמ איז געשטאנענ איבער דעמ בעט פונעמ טײַכ מיזינקע. די פרילינגדיקע לופט איז געווענ ריינ, נאָר לעוואָנ דאווידאָוויטש איז געווענ אינקאס. מיט קרעפטיקע, בייזע טריט האָט ער דורכגעשפאנט איבער דער קאָנטאָר, אונ קעדיי צו פארקירצנ דעמ וועג, האָט ער באשלאָסנ צו גיינ איבער דעמ שכיינעסדיקנ באראק, ווו ס׳האָבנ געוווינט די קאָנטאָר־אָנגעשטעלטע. דאָ אָבער איז זײַנ צערייצטקײַט נאָכ שטארקער געוואָרנ. אינ קאָרידאָר פונעמ באראק איז אלצ געווענ פארפאסקודעט: אָנגעמאכט אפנ דיל, פארשפריצט די רויטע טרײַבלעכ פונ די לעש־צילינדערס, דאָס פוילע פעסל אינ ווינקל פול מיט מיסט, די בלעכענע האנטפאס ליידיק, אונ אינ דער איבערגעפולטער ראשקע

אונטער אימ א גוואלדיקע צאָל פּאַפּיראָסנ. לעוואָנ דאווידאָוויטש האָט ניט געוווּסט, אַז דידאָזיקע פארלאָזנקייט איז געווענ א בעקיוונדיקע. די באראק־דאמעס האָבנ געשטרייקט שוינ די צווייטע וואָכ, שוינ צענ טעג האָט קיינ איינע פונ זיי ניט אויסגעקערט דעמ קאָרידאָר, ניט אויסגעגאָסנ די ראשקע, ניט ארויסגעטראָגנ דאָס מיסט. די סיבע האָט געשטעקט אינעמ צימער נומער פיר, ווו ס'האָט געוווינט דער נאטשקאנצ מיט זייַנ ווייַב קלאוודיא איוואנאָוונא.

דאָס אָפּטע אָפּפּאָרנ פונ קלאוודיא איוואנאָוונא האָט ארופגעוואלגערט אפ די שכיינעס אלע שווערע פליכטנ פונ קאָמונאלנ כאראקטער. קער אונ וואש, אונ דאָ גייט ארומעט אונ מיסטיקט מיט פּאפּיראָסנ א פרעמדער מאנצבל, ניט קיינ פרייַנט, ניט קיינ ברודער, מיט בלאָטיקע שטיוול איבער דעמ אלגעמיינעמ קאָרידאָר, קלינגט מיטנ קאווקאזישנ גארטעלע אפ דער שווארצער וואָלענער בלוזע אונ ענטפערט קיינמאָל ניט אפ די גרוסנ אונ אפ די העפלעכע „א גוטער!" הייַנט קלאוואָטשקעס אָנוועזנהייט,—יאָ, אויב שוינ ריידנ וועגנ דער אָנוועזנהייט! יעדערער האָט דאָ געהאט א מאנ, א זונ אָדער אנ איידעמ. א פארהאלטענער געשריי וועגנ נאָענטער געפאר, א פארבאהאלטענער פרויענאינסטינקט, וואָס קילט דעמ רוקנביינ, פלעג אָנזאָגנ די שכיינימ וועגנ קלאוודיא איוואנאָוונעס אָנקומענ, וועגנ דעמ שאָרכ פונ איר קליידל, וואָס שמעקט מיט וואליעריאנקע אונ מיט כינעזישער טיי, וועגנ דעמ טופּענ פונ אירע טופליעס, אויסגעטראָטענע אפ א זייַט, דעמ פלי פונ אירע האָר, קופּער־קאָלירענע אפ דער זונ, וועגנ דעמ באטאמטנ אונ צעשאָטענעמ קעלעכל אירנ, וואָס האָט געקאָנט פארעדנ ווועמענ דו ווילסט, אונ דעמ געלעכטער קלאוודיא איוואנאָוונעס—דאָס האָט שוינ ניט געקאָנט פארטראָגנ קיינ איינ פרוי אינעמ באראק. אונ קלאוודיא איוואנאָוונא האָט ניט געארבעט ניט אפ זיכ, ניט אפנ מאנ. דאָס וועש פלעג זי קלייבנ כאדאָשימווייַז, צונויפגעדרייט ערגעצ הינטער א קאָרב אָדער הינטער א שאפע, די טיי־טעצלעכ פלעג זי א שווענק טונ אונטערנ האנטפאס אונ האָט זיי פארגעסנ אויסצווישנ, ווארעמעס האָט זי גענומענ אינ דער גאָרקיכ, אָדער זי פלעג נעמענ א טעפל מאצונ אונ פלעג עסנ מיטנ מאנ פונעמ קריגעלע, שיטנדיק אינ אימ זאמד־צוקער אָנ א כעזשבנ,—א סאָציאלע געפאר פארנ באראק איז געווענ קלאוודיא איוואנאָוונא מיט איר פירעכצ, מיט אירע געשמאקנ אונ מיט איר אויסערלעכקייט, אונ אויב א מאנ אָדער א זונ פלעג

זיכ גאָלג פארנ שפּיגעלע אונ איז אינדערפרי ניט געגאנ אינ אָפּטרעט, נאָר ער פלעג זיכ אראָפּלאָזנ ערגעצ אומבאמערקט אראָפּ אונטער א בערגל,—הייסט עס, א ווארעמער ווינט פונ פרילינג האָט זיכ דורכגעטראָגנ איבערנ קאָרידאָר, א ווארעמער מעשוגאס האָט באפלאטערט די לעשערס מיט קלאוודיא איוואנאָוונעס צעריסענע שארפעקלעכ,—הייסט עס, זי אליינ האָט באוויליקט צו קומענ פונ שטאָט אפּנ באצירק.

אָט דעמזעלבנ טעמפּנ געפיל פונ געפאר האָט איבערגעלעבט אויכ „די ערשטע דאמע" פונעמ באצירק, לעוואָנ דאווידאָוויטשעס ווייב, „די מאדאמ", ווי דער מאנ פלעג זי רופנ, ריידנדיק וועגנ איר מיט עמעצנ א דריטנ. לעוואָנ דאווידאָוויטש האָט לאנג געארבעט אינ בעלגיע, אונ זיינ ווייב איז געווענ א בעלגיערנ. „די מאדאמ" איז געווענ עלטער פונעמ מאנ, אונ אינ אירע האָר, צונויפגעקליבנ אונטער א זיידנ נעצל, האָט זיכ באוויזנ גרויקייט. זי האָט געוווינט אינ צוויי צימערנ, ווו ס'האָט קיל געבליצט פאָרצעליי אפ די פּאָלעצעס, ס'האָט געפינקלט זילבער, אונ דאָס בלוי־ווייסע מינענ זיכ פונ די לייוונטענע סאלפעטקעס האָט גערעדט וועגנ דער גוטסקייט פונ פלאמאנדישנ שטאָפּ. פונ צוויי טונקעלע בילדער אפ דער וואנט האָבנ געאָטעמט די פייכטע צונגענ פונ יאָג־הינט, וואָס דער קינסטלער האָט זיי געפּאקט אפ דער יאגד בא דעמ געכאפּטנ געווילד,—לעוואָנ דאווידאָוויטש איז געווענ א יעגער, ער האָט געזאמלט יאגד־בילדער אונ אלטע קאווקאזער פאטראָנטאשנ. צו ווארעמעס פלעג מענ גרייטנ צומ טיש, ווי מענ גרייט איצטער אינערגעצ ניט: קרישטאָלענע שעלעכלעכ, דריי מינימ מעסער אונ גאָפּלענ, העל־בלויער דענישער פאָרצעליי אפ שניי־ווייסנ לייוונט פונעמ טישטעכ, אסאכ גראפינעס אונ טעלערלעכ, וואָס די אָנווענדונג זייערע איז געבליבנ א סאָד פאר א זייטיקנ. אנ אריינגעקומענער גאסט וואָלט אינ פאָרגעפיל פונ די געריכטנ אנגענעמ פארבראכט א האלבע שאָ אפ צו באטראכטנ די סערווירונג. אונ דער גאסט וואָלט דערנאָכ אומראכמאָנעסדיק געווענ אָפּגענארט. גאנצ הידראָבוי האָט געוווּסט דער מאדאמס בעלגישע קיכ. אירע טויטע זופּנ האָבנ געהאט א שעמ, א געקאָכטע הונ מיטנ רייעכ פונ ראָזע אונ לעוואנדע, אנ איינזאמע אפּנ טעלער, אינ דער ארומרינגלונג פונ א פינפ, זעקס הארטע אונ ניט־צעקאָכטע קארטאָפלקעס האָט געשראָקנ די פאנטאזיע פונ די אינזשעגערנ אונ טעכניקער, וואָס פלעגנ צייטנווייז פארבעטנ ווערנ אפ מיטאָג. ס'האָט דאָ געהערשט קארגקייט. ברויט פלעג מענ אָנשניידנ פּאפּי־

רענע פענעצלעך, די בּרעקלעך פלעגן אופגעקליבּן ווערן אינ א בּלעכל אפ פודינג.

צוהאלטנדיק מיט א דינעמ פינגער אינ א רובּינ־רינג דאָס פאָרהענגל, האָט די מאדאמ אינ פענצטער מיט א טרוקענער אונ אײפערדיקער פארבּיטערטקײַט געוואָרט אפ דעמ מאנ,—ער איז נאָר־וואָס ארויס פונ דעמ שכײנישנ בּאראק.

— מארי,—האָט געזאָגט לעוואָנ דאווידאָוויטש, בּאוויַיזנדיק זיך אינ טיר,—אָט האָסטו דיר א נײַס, ס'איז געקומענ צו פאָרנ א דײַטשישער שרײַבּער, אנ עכטער, א בּארימהײַט—מ'דארפ אימ אופנעמענ וואָס אנשטענדיקער. פארנעמ זיך מיט דעמ אונ, אגעוו... זאָג דו, איך בּעט דיך, עמעצנ אינעמ שכײנעסדיקנ בּאראק, מ'זאָל אָפּראמענ דעמ שמוץ. ס'איז דאָך אומדערטרעגלעך, איך וועל שטראפירנ.

ער האָט אופגעהויבּנ דאָס קאָל בּיז צו א דינעמ קוויטש, ווײַל ער האָט בּאמערקט דער מאדאמס קרומענ אונ פיל־בּאדײַטנדיקנ שמייכל אונ האָט געוווּסט דעמ בּאטײַט פונקט אזוי גוט, ווי ער האָט געוווּסט די אומעגלעכקײַט פאר זיך צו פארנעמענ זיך מיט אָפּלייקענענ. ער האָט אויך געוווּסט די אייגנשאפט פונ זײַנ כאראקטער—פארציִענ וואָס לענגער אומאנגענעמענע מינוטנ, קימאט קוויקנדיק זיך מיט זייער שעדלעכער ווירקונג. אונ איצט, אנשטאָט דעמ, ער זאָל אוועקגיינ, האָט ער עטלעכע מאָל איבּערגעכאזערט „שטראפירנ", דערנאָך האָט ער זיך אנידערגעזעצט אינ עס־צימער, בּאשײַמפערלעך שטערנדיק דעמ ווײַבּ, אונ האָט פײַנלעך געגאַרט אירע רעפליקעס, קריגערײַ, אומאנגענעמלעכקײַטנ, עפּעס אזוינס, וואָס זאָל שארפ מאכנ אָט די אלע אומגליקנ פונ הײַנטיקנ טאָג.

3

— ננו!—האָט געזאָגט דער נאטשקאנצ, ווי נאָר דער אינזשענער איז ארויסגעגאנגענ,—נו אונ נו! וואלעט פיק,—מיר וועלנ מוזנ מיט אײַך גיינ אינ אָרטקאָמ.

ער האָט מיט דעמ גרעסטנ פאריבּל בּאטראכט די קאָנטאָר. דער ארכיוו, וואָס מ'האָט ערשט געבּראכט צו פירנ פונ שטאָט, האָט אינ גוואלדיקער אומאָרדענונג זיך געוואלגערט אפנ דיל. פאפירלעך ניט אײַנגענייט אינ די איניאָנימ זײַנענ געווענ איבּערגעמישט אונ ווי א קאשע געקראָכנ פונ די פאָלצעס, האָבּנ זיך אָפּגעזעצט אונטער דער שווערקײַט פונ די אויבּנ אראָפּגעוואָרפענע פאפקעס. קאָנווערטנ,

וואָס האָבנ געקוקט מיט די לעכער פונ די מארקעס, וועלכע עמעצער האָט
אויסגעשניטנ, ווי ניט איז איבערגעבונדנ מיט שפּאגאט, זייַנעג ווי
ציגל אויסגעשטעלט געשטאנענ בא די ווענט. דער שטויב איז געלעגנ
איִנ געדיכטע פלעקנ, נאָר ערטערווייַז אראָפּגענומענ פונ א צווייפל־
האפט־פרייַנטלעכנ דרוק פונ עמעצנס א שטיוול.

— זייַט אזוי גוט אונ זעט—אפ אייַך איז געווענ די גאנצע האָ־
פענונג! ערשטנס, צוויי שפּראכנ, צווייטנס, גוטער ווילנ. געפינט איצט
א מענטשנ פאר אייַער געהאלט. אונ איצט מוז איך זאָגנ, אז ס'וועט
גאָרנישט ארויסקומענ, איך קענ אונדזער אָרטקאָמ.

— פונדעסטוועגנ, זאכאר פּעטראָוויטש, גייט זיך דורכ,—האָט געיי־
צעט דער קאָנטאָרשטשיק וואָלאָדיע, וואָס האָט פּאָרויסגעזענ אנ אומ־
אנגענעמע אָנלאָדונג.—ס'וועט זייַנ א רעוויזיע, וועט איר ארייַנכאפּנ
צוזאמענ מיטנ אָרטקאָמ. שוינ סייַווי ניסט מענ איִנ קאָנטאָר, ווי אפ א
טאבאק־פאבריק, אונ איך זאָג אייַך אפריִער, איך וועל די פּאפּירנ, איר
מעגט בעטנ אונ ניט בעטנ...

— שווייַג!—האָט איבערגעריסנ דער נאטשקאנצ. ער האָט זיך גע־
וואָלט אויסזידלענ, נאָר דאָ האָט ער באמערקט דעמ געלנס אויסדריק־
לעכנ קוק. דער געלער האָט געקוקט אפ די פּאפּירנ אונ—דער רועכ
זאָל דאָס נעמענ, וויִאזוי ער האָט געקוקט! א ביבליִאָטעקערישער מאניאק
וואָלט אזוי געקענט קוקנ אפ א פּארטיע אלטע איבערגעזעצטע ראָמאַ־
נענ, ווו ס'קומענ פאָר האריגעס, א דעטעקטיוו בלאָנקעט ארומ איבער
די זייַטלעכ אונ פארלאנגזאמט די אנטוויקלונג, ער אונ זי האָבנ פייַנט
איינער דעמ אנדערנ, קעדיי אויסצומאטערנ דעמ לייענער,—בעקיצער, ווו
ס'זייַנענ פאראנ אלע ספּעציעס אפ געשמאק צו פארפראווענ דאָס גרויע
אונ געוויינלעכע לעבנ. ניט באנוגנדיק זיך מיטנ קוק, איז דער גע־
לער פלוצלינג צוגעגאנגענ צו א פּעקל קאָנוווערטנ אונ עס גענומענ, ווי
מע נעמט א פּעקל איִנ א קראָמ. אוועקגעלייגט אפנ טיש, האָט ער צע־
בונדנ דאָס שטריקל אונ האָט אָנגעהויבנ איבערקלייַבנ די קאָנווערטנ,
זיי באטראכט, אופגעהויבנ צו די ברילנ אונ אראָפּגעטרייסלט פונ יע־
דערנ דעמ שטויב. די פלינקע פינגער האָבנ ארויסגעשלעפּט א פּאפּירל,
ס'האָט גרינג אונ אנגענעמ זיך צעוויקלט,—פונ קאָנווערט צו קאָנווערט
איז געגאנגענ א לאנגע דערציילונג.

— איר ווייסט וואָס?—האָט געזאָגט דער געלער, באגעגענענדיק דעמ
נאטשקאנצס צוגעזשמורעטע אויגנ,—וואָלט דאָס נאָר מעגלעכ געווענ,

וואָלט איך אײַך אומזיסט דאָס פאנאנדערגעקליבן. ס'איז פארכאפנדיקסטער לייען־מאטעריאל. נאָר איצט, אויב מ'דארף אזוי, טאָ קומט אין אָרטקאָם.

אז ביידע זײַנען ארויס, און אין קאָנטאָר איז געוואָרן שלעפעריק און שטיל, איז וואָלאָדיע ניט־אנטשלאָסן ארויסגעקראָכן פון הינטערן טיש, ווו ער האָט פויל זיך געשליפן דעם לאנגן שמוציקלעכן נאָגל אפן קליינעם פינגערל.

וואָלאָדיען האָט מען געהאלטן פאר א שיינעם. זײַן ריזיקע טשופרינע איז נידעריק אראָפגעהאנגען אפן שטערן און ווי הערנער פון א שפאנישן מארינאָס זיך פארדרייט איבער די אנגענעמענע אייגלעך. וואָלאָדיע האָט געטראָגן א פרענטש, און זײַן צימער האָט ער באהאנגען מיט פאָרטרעטן פון קינאָ־אקטריסעס. ער איז צוגעגאנגען צו א פעקל מיט קאָנווערטן, האָט נײַגיריק אפ איינעם א קוק געטאָן, דערנאָך האָט ער, קראצנדיק זיך, ארויסגענומען א בייגעלע און עס איבערגעלייענט.

— יערונדא! — האָט זיך געזאָגט וואָלאָדיע און א וואָרף געטאָן דאָס בייגעלע אפן קאָנווערט. — מאכט פאָקוסן, וויל הייבן די פרײַז. יערונדא — האָט ער נאָכאמאָל איבערגעכאזערט באליידיקט. און פונדעסטוועגן, אומקערנדיק זיך צום טיש ווידער צו שלײַפן דעם נאָגל, האָט ער פײַנטלעך און אײַנגעגעסן, מיט עפעס אן אומרויִקײַט פאָרגעזעצט צו טראכטן וועגן דעם געלנס קוק, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן, און וועגן זײַנע ווערטער. וואָס קאָן דען דאָ זײַן אינטערעסאנט אין א קאָרעספאָנדענץ וועגן פופציק פעסלעך צעמענט?

דערווײַל איז דער נאטשקאנץ און דער געלער אין צווייטן יארוס געגאנגען פון באראק צו באראק, געזוכט דעם אָרטקאָם און ענדלעך זיך דערוווּסט, אז ער טריקנט טיי אין דער שכיינעסדיקער פאלאטע בא דעם פארוואלטער פונעם לאגער קאָסארענקאָ.

— אן אייגענע קאָמפאניע, — האָט מיטן וועג אופגעקלערט דער נאטשקאנץ, אגעוו, זייער שטיל און ארומקוקנדיק זיך, צי עמעצער הערט ביט.

דאָ האָבן צוויי וועלטן זיך פאנאנדערגעטיילט. ס'איז זיי איצט פאָרגעקומען אראָפצולאָזן זיך אפ איבער יענער זײַט פײַנטלעכן קאָרדאָן. אויבן אין קאָנטאָר האָט יעדערער פון דערדאָזיקער פײַנטלעכער וועלט געהאט זײַן צונעמעניש און מיט יעדערן האָט זיך געפירט א פאָליטיק.

דעם פאָרזיצער פון אָרטקאָם אגאבעקן האָט מען אין קאָנטאָר גערופן „דער שעדלעכער", דעם סעקרעטאר פון קעמערל, פארקערט, האָט מען צוגעקלעפּט אן עטיקעטקע „דער אומשעדלעכער", און אין שמועס מיט אָנגעפאָרענע פלעג מען נאָך צוגעבן: „דער סעקרעטאר איז בא אונדז א צוגעגרייטער". דעם פארוואלטער מיטן לאגער קאָסערענקאָ, א רוסישן, האָט מען מיט פאראכטונג גערופן „דער באָרוועסער" (Охотнорядец), כאָטש ער איז געווען א פּארטייער און א געוועזענער מאטראָס. נאָך איין ארויסגערוקטער, סטעפּאנאָס, האָט באקומען דעם צונעמעניש „דאָס דיאקל".

אלע פיר זײַנען איצט געזעסן אין קאָסארענקעס פארשטיקט צימערל, ווּ ס'האָט געשמעקט רוסיש — פון די טאמבאָווער פּערינעס, פון דער טיי, פון דער פּארע, פון די אָנגעשמירטע שטיוול און דער צעפּארעטער רעטשקע אפן אויוון. באם טיש זײַנען אויסער זיי געווען געסט: מארדזשיק און די אומגעוויינלעכע פרוי מיטן צעראטענעם פּאָרטפעלעכל, די טשיגדימער פאָלקס־ריכטערן. די פרוי איז געווען א מאָגערע, די לאנגע אויגן האָבן אביסעלע געקאָסעט, די הויקערדיקע נאָז, א דינע און א טונקעלע, האָט גערעדט וועגן כאראקטער און האָט געמאכט איר פּאָנעם ענלעך אפ אן אראביש פערדל. זייער א ברייטע אין די קליבעס, איז זי געזעסן אין דער שיינער פּאָזע פון א פרוי, וואָס טראכט קיינמאָל ניט וויאזוי זיך צו האלטן און וווהין אהינצוטון די פיס. אין דערדאָזיקער גליקלעכער און בא פרויען זייער זעלטענער אייגנשאפט צו פילן די פיס, ווי די הענט, פאר צוויי גוטע פרײַנט, — איז געווען עפּעס מענערישס און אומאָפּהענגיק. מארדזשיק איז געזעסן לעבן איר מיט די עלנבויגנס אָנגעשפּארט אין טיש, און ניט קוקנדיק אפ אירע שטויביקע מענערישע שטיוועלעך, וואָס זי האָט אָנגעשפּארט אין לײַסט פון טיש, האָט זי אויסגעזען ווײַבלעכער פון דער עלעגאנטער און עטוואָס אָנגעפּארפיומירטער שכיינע. זיי האָבן גערעדט וועגן פּאָרשטייענדיקן געריכט. פאר דער טונקעלער פרוי איז געלעגן א בלאָקנאָטל, אויסגעשריבן מיט דריבנע דינסטע פערל פון ארמענישן שריפט. דעם בלײַפעדער האָט זי געהאלטן גרייט ווי א רעוואָלווער. א קלאַפּ אין טיר האָט זי געצוווּנגען אופצוהייבן אירע קאָסע אויגן אפ די ארײַנגעקומענע. דאָס באווײַזן זיך פונעם נאטשקאנצ מיטן געלן איז געווען אומגעריכט, און די מינוט זײַנען אין צימער אלע אנשוויגן געוואָרן, אפילע קאָסארענקעס קינדער האָבן אופגעהערט שטיפן.

פארנ אָנהייבנ ריידנ האָט דער נאטשקאנצ איבערגעכאפּט דעמ אָטעמ. דער געלער האָט אויסגענוצט די פּאוזע אַפ זייַנ אויפנ: ער האָט אופמערקזאמ ארומגעפירט זייַנע גלעזער איבער אלעמענ, וואָס זייַנענ געזעסנ באַמ טיש. סטעפּאנאָסנ אָדער, אַפנ קאָנטאָריש לאָשנ, „דאָס דיאקל" האָט ער שוינ געזענ: די צוויי בלייכע אויערנ זייַנענ אימ געווענ באַקאנט פונ דעמ קאָפּ אינ פענצטער, וואָס האָט געלייענט א בוכ. באַ סטעפּאנאָסנ איז געווענ א גוט, פלאַכ, גרוילעכ פּאָנעמ מיט א בלוטלאָז גרויס מויל, געדיכט באוואקסנ מיט א בערדל. געגאנ איז ער אינ א לאנגנ מאלבעש, די הענט האָט ער געהאלטנ מערסטנטייל אַפ די ברעמענ אָדער אַפ דער באָרד, די שטימ באַ אימ זייער אנ אנגענעמענע, אָנ הייזעריקייַט. אַפנ באַצירק האָט סטעפּאנאָס פארוואלטעט מיטנ קלוב, און אלע כוידעש פלעג ער אליינ צונויפשטעלנ, פאָרשטעלנדיק אונטער א צענדליק אונטערשריפטנ און בייַטנדיק די שריפט, אנ אויספירלעכנ נומער וואנטצייַטונג מיטנ נאָמענ „לויס" (שייַנ). קאָסאַרענקאָ איז געווענ רויט פונ די זעקס גלעזער טיי, און די ווייַסע וויִעס און ברעמענ, וואָס האָבנ אויסגעזענ, ווי מעל אָנגעשאָטנ אַפנ פּאָנעמ, האָבנ נאָכ שטארקער אונטערגעשטראָכנ זייַנ רויטקייַט. די הויט באַ קאָסארענקענ האָט זיכ אויסגעוויזנ צעפרעסנ פונ אסאכ גרויסע געלע זומער־שפרענקעלעכ. מיט א צעשפּילעטנ קאָלנער איז ער געזעסנ פאר דער צעראטע, וואָס איז געווענ נאס און באקלעפּט מיט שטיקלעכ ברויט, און האָט געהאלטנ אַפ די קני זייַנ הויל־נקנ זונ וואניאטקענ, וואָס איז געווענ פּונקט אזוי רויט און ווייַסהאָריק, פּונקט אזוי צעפּאַרעט פונ ענגשאפט און פארע, ווי ער. דער סעקרעטאר פ־נ קעמערל מיטנ צונעמעניש „אומשעדלעכער" האָט געענדיקט טרינקענ זייַנ טיי, ניט אומקוקנדיק זיכ אַפ די אריינגעקומענע. דער געלער האָט געכאַפּט א קוק אַפ זייַנ ריינינקנ פרענטש, אַפ די ליכטיקע געלע שטיוועלעכ, אַפנ פענדל אינ לאצ, אַפ די געדיכטע שווארצע ברעמענ צוויי פינגער די גרעב און האָט אָפּגעשטעלט די אויגנ אַפנ לעצטנ פונ די, וואָס זייַנענ דאָ געזעסנ, אַפנ אָרטקאָמ אגאבעק.

דער אָרטקאָמ אגאבעק איז געווענ א הויקער. ער האָט זיכ אופגעהויבנ אנטקעגנ די אריינגעקומענע. זייַנע הענט, וואָס זייַנענ געלעגנ אַפנ טיש, זייַנענ געווענ שווארצ ניט אָפּצוּוואשנ—נאָכ פונ דער צייַט, ווענ אגאַבעק איז געווענ א גארבער און ער האָט באארבעט שטינקענדיקע פעל. און נאָכ איז געווענ ניט אנגענעמ אגאבעקס געווינשאפט

שטענדיק שאָקלען מיט דער פיס אונטערן טיש, גלײַך ווי די פוס זײַנע וואָלט געווען א אָנגעדרייטע אָדער ווי אגאבעק וואָלט געוואָלט איין קלאָזעט. מיט גרינע אויגן האָט דער הויקער פארדעכטיק זיך אָנגעשטעלט אפן נאטשקאנצ.

— מיר זײַנען צו אײַך געקומען וועגן אן איניען, כאווער אגאבעק, — האָט דער נאטשקאנצ ארויסגערעדט מיט א געשעפטלעכן טאָן. — אזא שווערער אייסעק... דעם ארכיוו אין קאָנטאָר האָט איר געזען? דרײַ טעג האָבן איך זיך געמאטערט, און איך האָב ניט געקאָנט געפינען קיין ארכיוואריוס. איינעם האָט די בירזשע געגעבן, איז ער געשטאָרבן, דעם צווייטן האָב איך גענומען — אָט דאָס איז ער, דערלויבט צו קאָנטאקטירן, צו דורכפירן און אלצ מיטאנאנדער וואָס גיכינקער! ווײַל ס'קען אָנפאָרן א רעוויזיע, און א מענטשן א ווילקענעוודיקן איז מיט די פאפירן...

ער האָט נאָך ניט באוויזן צו ענדיקן די פראזע, ווי מיטאמאָל האָט זיך ארײַנגעמישט מארדזשיק:

— אָט האָט איר אײַך, סטעפאנאָס, א געהילפ! אָט איז א קאָנפעראַנסיע אפ אײַער דיווערטיסמענט! ס'איז אויסגעצייכנט, וואָס איר זײַנט ארײַנגעגאנגען, כאווער.

דער געלער האָט דאנקבאר א שמייכל געטאָן צו איר. מארדזשאנע האָט, אליין ניט וויסנדיק, אים געטאָן א גוואלדיקע טויווע. אגאבעק האָט נערווייִש אָנגעהויבן קלאפן מיט דער פוס אונטערן טיש. די פראגע איז אין טאָג געלייזט געוואָרן, ער האָט איצט ניט געפונען וואָס צו זאָגן, — דאָס אײַנשליסן דעם נײַעם מענטשן אין שטאט האָט זיך ארויסגעוויזן א סאָלידער און אלגעמיינער איניען, וואָס דער נאטשקאנצ האָט נאָר אופגעהויבן איין שטים וועגן דעם, און ניט מער. פונקט אזוי האָט אויך זאכאר פעטראָוויטש פארשטאנען די לאגע, און ער האָט צוגעטראכט זייער א קונציק פאָרטל, אזויווי א פרוי, וואָס ווארפט אונטער א מאנצבל א פרעמד קינד.

— וועט איר שוין דאָ, כאווער, מיט אים פארענדיקן גיכינקער, און איך האָב קיין צײַט ניט.

ער האָט א וווּנק געטאָן דעם געלן און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר, דערנאָך האָט ער זיך אויסגעקערעוועט, געמאכט בעעמעס א באגײַסטערטן פאָנעם און האָט ארויסגעוואָרפן א קאָזיר, וואָס דעקן אים וואָלט ניט געקענט קיינער פון די אָנוועזנדיקע.

— און מיקויעכ געהאלט, ליבער פרײַנט, בעט איכ אײַכ זייער קלאָגט זיכ ניט און פארשאפט ניט דעמ כאווער אגאבעק קיינ איבעריקע דײַגעס. די קאָנטאָר, זאָג איכ אײַכ אפריער, וועט מער ניט געבנ, פרעגט וועמענ איר ווילט. ס'איז א טאריפ אזא, אָט זיי אליינ האָבנ דאָס אויסגעארבעט אינעמ קאָלאָפמאכ.

ער האָט אפילע צענומענ די הענט, ווי איינער רעדט—איר בינדט אָנ מענטשנ, טאָ זײַט פאראנטוואָרטלעכ. דער געפיל פונ מאָס האָט אימ פונדעסטוועגנ ניט דערלויבט אָנצוקוועלנ פונ זײַנ אײַנגעגעבענער פאָליטיק. ער איז באלד ארויס, צוגעקלאפט מיט דער טיר, און ערשט אינדרויסנ האָט ער זיכ דערלויבט א טריומפירנדיקנ שמייכל. ניט אומזיסט האָט מענ אָפשײַ געהאט פארנ נאטשקאנצ זאכאר פעטראָוויטש, ניט אומזיסט האָט מענ אימ געשעצט אינ דער פארוואלטונג, און דער שעפ פונעמ באצירק אליינ פלעג זיכ מיט אימ אייצענענ אינ שווערע אומשטענדנ. זשמורנדיק דאָס מאָנגאָלישע אויג, האָט ער געשווינד געשפאנט איבער דעמ בארג־שיפוע, און די זילבערנע עקלעכ פונ זײַנ קאווקאזישנ גארטל האָבנ צוגעקלאפט בא די זײַטנ: טא־ליי־ראנ, טא־ליי־ראנ.

4

דער סעקרעטאר פונ קעמערל האָט פארענדיקט טרינקענ די טיי, איז אופגעשטאנענ פונעמ אָרט, האָט אָפגעצויגנ דעמ פרענטש אראָפ און מיט זייער א געדיכט קאָל, אזא ווי זײַנע ברעמענ, האָט ער א זאָג געטאָנ זייער אומגעריכט.

— נו, דערווײַל.

מארדזשאנע האָט א פארכידעשטע א קוק געטאָנ אפ אימ. זיי האָבנ זיכ נאָכ ניט דערעדט, וויאזוי בעסער אָנצוהייבנ די פארזאמלונג, פונ וואָס,—צי פונעמ געריכט, צי פונ א מיטינג. א מאָדנער מענטש! געזעסנ די גאנצע צײַט שווײַגנדיק, געטרונקענ זיסע טיי און, ווי ס'איז נאָר געקומענ די צײַט צו זאָגנ א וואָרט, איז אָט האָסטו דיר, האָט ער געזאָגט א וואָרט. זי האָט געזענ דעמ גלאנצ פונ זײַנע אויסגעפוצטע געלע שטיוולעטנ, ווענ ער האָט א שפאנ געטאָנ צומ הענגער אראָפצונעמענ זײַנ עלעגאנטע געקעסטלטע קעפקע. ווי נאָר דער סעקרעטאר איז ארויס (קימאט באלד נאָכ דעמ נאטשקאנצ), האָט דאָס שווײַגנ זיכ אופגעבונדנ באלד נאָכ דעמ ארויסגעגאנגענעמ. דאָס איז געווענ א דאנקבארע טעמע. דער זשעסט, מיט וועלכנ קאָסארענקאָ האָט צוגע־

רוקט דעם געלן א באפרײַטע טאבורעטקע, איז אויך געווען א גוטער זשעסט, און דער געלער האָט זיך אנידערגעזעצט, אויסנוצנדיק פאר זיך די אומשטענדן צום גינסטן, נאָר, מ׳דארף זאָגן, אָן שום פאלשקייטן און ניט פירנדיק קיין פּאָליטיק. ס׳איז אים פּאָשעט געווען גוט, ער האָט זיך אָנגעווארעמט פון דער מארט־קעלט, אויך מארדזשאנעס אָנווּעזנהייט האָט געשאפן א זיכערקייט, און דעריקער—איין מענטש האָט אים פּארינטערעסירט, קרעפּטיק און ערנסט פּארינטערעסירט,—אגאבעק.

— מ׳דארף רעכענען, ער האָט קיין צײַט ניט,—האָט קאָסארענקאָ געזאָגט,—זיך איבערטון, מינאסטאם, צום אָוונט.

— וואָס, אזא פראנט איז בא אײַך דער סעקרעטאר?—האָט געפרעגט די ריכטערן מיט א מעלאָדישער שטים.

— דער סעקרעטאר איז בא אונדז אן אקוראט באָכערל,—האָט פּאָרגעזעצט קאָסארענקאָ,—גייט צו אים ארײַן אמאָל. די ווענט דורכויס באהאנגען, בערשטלעך וויפל איר ווילט—פאר די ציין, פארן אָנצוג, פאר דער טשופּרינע, פאר די געלע שטיוולעטן, פאר די שווארצע שטיוולעטן, איך אייצע אים: האָב כאסענע. און ער ענטפערט „שאפן אן אומאָרדענונג צי וואָס?״

נאָר סטעפּאנאָס האָט זיך אײַנגעשטעלט פארן סעקרעטאר. די מאניר צו בארײדן אונטער די אויגן איז אים ניט געפעלן געווען, און דאָ זיצט נאָך א פרעמדער מענטש. און מיט וואָס איז ער שלעכט, דער סעקרעטאר. דעם פריערדיקן האָט מען ארויפגענומען פאר אומדערפארנקייט, און דער האָט זיך געלערנט אין מאָסקווע אף קורסן, ער שרײַבט אויס ליטעראטור, בא אים זײַנען פאראן לענינס אלע ווערק אין בונדן. גייסט ארײַן, איז א זשורנאל אפן טיש, די באריכטן פון די צוזאמענפאָרן.

— א צוגעגרייטער, מיט איין וואָרט,—האָט ווידער ארײַנגעשטעלט קאָסארענקאָ, און ס׳איז פאר קיין פאל ניט מעגלעך געווען צו פארשטיין, צי מיינען קאָסארענקעס ווערטער איראָניע צי דעם אופריכטיקן, אלגעמיין אָנגענומענעם טראפארעט.

— גענוג,—האָט פלוצלינג ניט־הויך ארויסגערעדט אגאבעק. מיטאמאָל זײַנען אלע באם טיש אנשוויגן געוואָרן. דער ריכטערנס לאכנדיק פּאָנעם איז געוואָרן ערנסט. קאָסארענקאָ האָט א ווונק געטאָן דעם ווײַב אקולינע איוואנאָוונע, און יענע האָט צוגענומען בא אים וואניאטקען.

— אָט, כאַווער, אינ וואָס דאָ גייט, — האָט אגאַבעק פאָרגעזעצט, אויסקערעווענדיק זיכ צומ געלנ. — הייַנט איז דער פרויענ־טאָג, די פּראָגראַם איז אויסגעאַרבעט שוינ פונ א וואָכ, נאָר מ׳מוז זי פאַרברייטערנ. אפנ באַצירק האָט זיכ געטראָפנ א גנייווע.

ווי נאָר ער האָט אַרויסגערעדט דידאָזיקע פראַזע, איז באַמ טיש געוואָרנ אינטערעסאַנט, אונ די צעדרויבלטע אופמערקזאַמקייַט האָט זיכ צונויפגעצויגנ.

— אפנ באַצירק האָט זיכ געטראָפנ א גנייווע. געגאַנוועט האָט אנ אַרבעטער. ס׳קענ אינ דעמ קיינ ספּק ניט זייַנ, מ׳האָט געכאַפּט דעמ גאַנעוו בא דער האַנט.

— א קאַדראָווער אַרבעטער?

— א סעזאָניק, פונ פויערימ.

— אפ האַלבע יעסוידעס — האָט דערקלערט סטעפאַנאָס. נאָר דעמ געלנס פרעגנדיקע אויגנ זייַנענ געבליבנ ניט פאַרשטייענדיק.

דער געלער האָט ניט געוווּסט, וואָס הייסט עס אַזוינס „אפ האַלבע יעסוידעס״. דער געלער האָט געוואַרט אפ א פּינקטלעכער דערקלערונג. ער האָט איבערגעשלאָגנ דעמ שמועס מיט א פאָדערנדיקער פּאַוזע. אונ באַלד האָט אינ יעדערנ פונ די, וואָס זייַנענ געזעסנ באַמ טיש, זיכ אָנגעצונדנ אנ אינטערעס צו דער זאַכ, וואָס מע האָט געדאַרפט דערקלערנ דעמ געלנ.

— אנ אינטערעסאַנטע דערשייַנונג דאָסדאָזיקע „אפ האַלבע יעסוידעס״, — האָט געזאָגט די ריכטערנ, בליצנדיק מיט קאָסע אויגנ. ערשט ניט לאַנג האָט זי אינ צוזאַמענהאַנג מיט דעמ אויסגעשריבנ מיטנ דריבנעמ אַרמענישנ שריפט א גאַנצ זייַטל אינ בלאָקנאָט.

— אפ האַלבע יעסוידעס, — האָט א זאָג געטאָנ סטעפאַנאָס, — לעבנ די אָרעמפויערימ אינ אַרמעניע, אונדזער לאָרישער קרייַז איז אינ דעמ זינ איינער פונ די ערשטע. לאָמיר זיכ פאָרשטעלנ, אַז איר האָט א שטיקל ערד, אונ ניט קיינ פי, ניט קיינ אינווענטאַר. א רייַכער שאָכנ נעמט אייַער ערד, באַאַרבעט זי, פאַרזייט, שנייַדט אונ גיט אייַכ פאַר דער ערד האַלב פונ דער געראַטעניש. דאָס הייסט „אפ האַלבע יעסוידעס״.

— באַטראַכט זיכ נאָר! — האָט זיכ אַרייַנגעמישט די ריכטערנ. אירע אויגנ האָבנ געבליצט, זי איז אומגעוויינלעכ שיינ געוואָרנ. יעדער אינטעלעקטועלער אופשווונג האָט זי געמאַכט שיינ, אַזוי ווי אַנדערע מאַכט

שיינ דאָס געפיל. ערשט ניט לאנג, פארשרייַבנדיק דעמ אויספיר אינ בלאָקנאָטל, האָט די ריכטערנ אָנגעקוואָלנ פונ זייַנ אָריגינעלקייַט: — וואָס פאר א פארדרייעניש עס קומט פאָר אינ דער פויערשער ווירטשאפט. נאָכ אונדז נאָכ איז דאָס אנ אָרעמפויער, נאָר אינ טאָכ... יאָ, אינ טאָכ איז ער דאָכ ניט קיינ אָרעמפויער, נאָר א ראנטיע, א קליינ־אייגנטימער אינ פראנצויזישנ גייַסט.

— נו, ווּהינ זי איז פארפאָרנ!

— איכ זאָג אייַכ — א קליינער ערד־אייגנטימער. ער האָט א נאכלע, ער באקומט פונ איר האכנאָסע, אונ אליינ טוט ער גאָרניט. אליינ מערסטנטייל גייט ער אפ ארבעט איינ שטאָט, ער האָט דרייַסיק — פופציק רובל א כוידעש. פארוואָס דארפ איכ אימ רעכענענ פאר אנ אָרעמפויער, פארוואָס ניט קיינ גוטבאזיצער? ניינ,ווארט צו, ווארט צו, איַיערע דערווידערונגענ זייַנענ מיר באוווּסט, איכ וויל נאָר, איר זאָלט פארשטיינ מייַנ געדאנק, — ער האָט ריינע האכנאָסע פונ א נאכלע, וואָס געפינט זיכ דאָרט ערגעצ. יעדער יאָר פינקטלעכ קומענ אָנ זעקלעכ ווייצ אָדער גערשטנ, פונקט ווי צו א גוטבאזיצער... וואָס־זשע איז דאָס פאר א פויערש לעבנ?

— דער רועכ ווייסט וואָס פאר א נארישקייַטנ דו פלוידערסט, ארוסיאק! — האָט אומצופרידנ זיכ אריַינגעמישט מארדזשאנע.

די ריכטערנ איז געווענ אירער אנ אלטער גוטער פרייַנט. די אייגנשאפטנ פונ איר קאפריזנ געדאנק זייַנענ געווענ באוווּסט מארדזשאנענ. זי האָט געוווּסט, אז איר כאווערטע שעצט זייער ווינציק דאָס, וואָס מ'קענ אָנרופנ — דער ציל פונעמ געדאנק, די לעצטע אָנשטעלונג זייַנע. נאָר די וועגנ פונעמ געדאנק, אלע געדאנקענ־וועגנ, וואָס ווארפנ זיכ אינ די אויגנ, האָבנ זי צוגעצויגנ מיט דער גוואלדיקער באדערפעניש צו יאָגנ, ווי טויזנטער סטעזשקעס, וואָס פירנ אומבאוווּסט ווּהינ. טרעטנ אפ אָט די וועגנ, אפ אלע, וויפל ס'זאָל זיכ ניט טרעפנ, איז געווענ די שטארקסטע ליידנשאפט ארוסיאקס. דערפאר, קאָנ זייַנ, האָט די שטילע אונ איַינגעשלאָסענע מארדזשאנע טייקעפ אויסגעהאנגענ אפ זיי אנשלאגנ. זי האָט געזאָגט דער כאווערטע: נארישקייַטנ, פלוידערייַ, פאנטאזיעס, — כאָטש אסאכ פונ דעמ, וואָס ארוסיאק האָט צוגעטראכט, איז געווענ ניט קיינ נארישקייַטנ, ניט קיינ פלוידערייַ, ניט קיינ פאנטאזיע. סטעפאנאָס האָט זיכ צוגעהערט צומ קריג פונ די ביידע פרויענ, ווי פונ אויבנ אראָפ. ער וואָלט גערנ ארויסגעשלעפט פאר יעדערער פונ

זיי א באווײַז אונ וואָלט זיי אונטערטראָגנ מיט אזא געפיל, מיט וועלכנ מ'איז מעכאבעד צווייענ, וואָס קריגנ זיכ, פונ אנ אייגנ פעקעלע פאר־פיראָסנ. פאר אימ זײַנענ זיי פריִער פאר אלצ געווענ פרויענ, אפילע „פרײַלנס" האָט סטעפאנאָס זיי גערופנ אינ געדאנק, מיט דער מאניר, וואָס איז ניט אויסצוראָטנ בא אנ ארמענער, — צו קוקנ אפ א פרוי פונ אויבנ אראָפ, מעג דאָס זײַנ אפילע צו אנ אייגענער, פארטייִשער. צעלייגנדיק איבערנ טיש די גרויסע פלאכע, גרוילעכע הענט, וואָס ער האָט ערשט ציגענומענ פונ דער אויסגעגלעטער באָרד, האָט סטעפאנאָס זיכ געקליבנ מיט א לערערישנ טאָנ אויסמאָלנ זיי דאָס בילד פונ א אָרעמ־פויערישער ווירטשאפט. נאָר דאָ האָט זיכ ארײַנגעמישט אגאבעק, וואָס האָט אינגאנצנ איגנאָרירט די פרויענ מיט סטעפאנאָסנ. זײַנע גרינע אויגנ האָבנ געקוקט אפנ געלנ.

— איז אָט א ריכטערנ געקומענ פונ טשיגדימ, אונ ס'פאָדערט זיכ דורכצופירנ אינ איינ אָוונט א געריכט, א מיטינג אונ א קאָנצערט. וועגנ דעמ איז דאָ ערשט גערעדט געוואָרנ, ווענ איר זײַנט ארײַנגעקומענ. פאר די כאוויירימ איז דאָס זייער שווער, נאָר איכ רעכנ, אז מ'קאָנ דאָס פארייניקנ. די פראגע איז נאָר אינ דעמ, וויִאזוי צו פארייניקנ.

— איכ קענ ניט מאכנ דעמ געריכט פאר א ספעקטאקל אונ אימ אָפרוקנ אינ קאָנצערט־אָפטיילונג, — האָט באלד דערלאנגט איר רעפליקע די ריכטערנ.

— האָסט ניט געדארפט מיכ רופנ אונ צוטראכטנ פאר מיר א פאָרטראג, — האָט שטיל געזאָגט מארדזשיק — מ'האָט זיכ געקאָנט זייער גוט באגיינ אָנ אימ.

— מיט איינ וואָרט, איינער שטערט דעמ אנדערנ, — האָט רעזיומירט סטעפאנאָס, — אויסער דעמ, איז עפעס ניט באקוועמ: אפ וואָס רופנ די ארבעטער? מער פונ פיר שאָ וועלנ זיי ניט זיצנ, דאָס איז אויכ איבער די קויכעס. אפ א קאָנצערט־אָפטיילונג וועט יעדערער גיינ, נאָר דאָ איז בא מיר אנ אָפהאלט. פאר אײַער קומענ האָב איכ געזאָגט דער כעווערע, אז מ'דארפ אראָפנעמענ אונדזער קאָנפעראנסיע.

— אונ ווער איז בא אײַכ א קאָנפעראנסיע?

— וואָלאָדיא, דער קאָנטאָרשטיק, — האָט קאָסארענקאָ געזאָגט, — פאראנ בא אונדז איינער אזא מיט א טשופרינע. — ער האָט געמאכט א כווילע־דיקנ זשעסט מיטנ פינגער פונ שטערנ צומ נאָז, אונ דער געלער האָט זיכ באלד דערמאנט אינעמ לאנגווײַליקנ מערינאָס אינ קאָנטאָר.

— דערדאָזיקער טיפּ פּאסט ניט, פּרוּווט איר אנשטאָט אים. איר וועט קענענ?

נאָר דער געלער האָט ניט באלד געענטפערט, ווײַל ער האָט ערנסט באטראכט די זאכ.

אראָפּגעלאָזט די גוטמוטיקע נאָז, איז דער געלער געזעסנ שווײַגנדיק, דערנאָכ האָט ער זיכ פּלוצלינג אויסגעגלײַכט, קימאט אפילע פונ שטול אונטערגעשפּרונגענ.

— איכ האָב דאָכ געזאָגט, אז ער וועט צוטראכטנ,—האָט געזאָגט מארדזשאנע מיט שטילנ פארגעניגנ, — הערט, הערט!

דער געלער האָט א וואָרפ געטאָנ אפּ איר א קוק, דערנאָכ האָט ער זיכ אויסגעקערעוועט צו אגאבעקנ.

— דערקלערט אנ אלגעמיינע פארזאמלונג,—האָט געזאָגט דער געלער.—קעדיי צו פאריייניקנ צוויי, דרײַ זאכנ, דארפ מענ נעמענ א פערטע זאכ. ערשטנס, איז אנ אלגעמיינע פארזאמלונג סײַ־וי נייטיק,—אפנ באצירק איז איצט דאָ א דײַטש, א שרײַבער, מ׳דארפ דעם דײַטש באוויײַזנ די ארבעטער־געזעלשאפטלעכקײַט. אפּ דער אלגעמיינער פארזאמלונג שטעלט די פראגנ וועגנ דעם גאנעוו. מ׳קענ אזוי: עפּשער ווי א געזעלשאפטלעכע אופוירקונג, די ערשטע גנייווע, א באומרויִקנדיקער פאקט, אומבאוווסטזיניקײַט פונעמ ארבעטער, וואָס גאנוועט בא זיכ אינ זײַנ ווירטשאפט,—איר וועט געבנ אנ אָנלאָדונג דעמ זאל, זאָל דאָס דינענ אלס איבערגאנג צומ געריכט. זאָל דער זאל אויסוויילנ א באשולדיקער, א פארטיידיקער, איידעס—ווער ס׳וויל. נאָכנ געריכט—א רעדע וועגנ דעמ יאָנטעוו, וועגנ דעמ געקומענעמ גאסט אפנ יאָנטעוו, עטלעכע ווערטער אפּ דײַטש. פאראנ דײַטשישע ארבעטער?

— פאראנ א לעט א מײַסטער. ער רעדט דײַטש.

— גיט דעמ לעט, דעמ מײַסטער. נאָכ אימ — אײַער פּאָרטראג, באווערטע...

דער געלער האָט פרעגנדיק געקוקט אפּ מארדזשיקנ. נאָר דאָס מיידל האָט שוינ אימ ניט געהערט. זי האָט אונטערגעשפארט דעמ קאָפּ אונ געטראכט וועגנ עפּעס, אראָפּלאָזנדיק ווי א שוואלב אירע שייגע ברעמענ.

— מארדזשאנע,—האָט אונטערגעזאָגט די ריכטערנ, כאפּנדיק דעמ געלנס קוק.

— באווערטע מארדזשאנע. נאָכנ פּאָרטראג—א קאָנצערט.

— אָ־אָ! — האָט געזאָגט קאָסארענקאָ, — איר ווערט, אפּאַנעמ, ארויסגעשלעפנ. ער טויג פאר א קאָנפערענטשיק, אגאבעק, ער טויג, א?

אגאבעק האָט זיכ ניט פארנומענ פלוידערנ וועגנ נארישקײַטנ. ער האָט ארויסגענומענ מיט שווארצע קרעפּטיקע פינגער דעמ זייגער פונ קעשענע, א קוק געטאָנ אפ אימ, א הער געטאָנ, צי ער גייט, אונ אזוי, מיטנ זייגער באַמ אויער, האָט ער געענדיקט מיט א קאָל א פעסטנ, וואָס גיט זיכ ניט אונטער קיינ וואָלוועלע געפילנ.

— הײַדא, סטעפאנאָס, מעלד אנ אלגעמיינע פארזאמלונג. גיי דו מיט זיי, כאווער, אינ קלוב ארײַנ, גרייט זיכ צו דער פראָגראמ. יאָג, קאָסארענקאָ, דעמ אוילעמ פונעמ צימער.

5

שײַנענדיק מיט דעמ ליבלעכנ שמייכל, איז די „מאדאמ" ארויסגעגאנגענ באגעגענענ דעמ גאסט אפנ סאמע גאנעק. די „מאדאמ" איז געווענ אינ אלטנ ווייכנ זײַד, וואָס איז שורשענדיק געפאלנ ביזנ דיל: די מאָדעס האָבנ זיכ פארענדיקט פאר איר מיט דעמ טאָג, וואָס זי איז ארויסגעפאָרנ פונ בעלגיע. אינ די אויערנ בא איר אונ אפ דעמ פינגער האָבנ געברענט עכטע איידעלע רובינענ, ארומגערינגלט מיט א דריבנעמ בלענד פונ דימענטנ. דאָס טרוקענע אונ ייכעסדיקע פּאָנעמ איז געווענ פרײַנטלעכ. זי האָט זיכ געפרייט מיט דער מעגלעכקײַט צו ריידנ אביסל אפ דער הארטער דײַטשישער שפראכ, אופנעמענ אנ עכטנ, וויל־דערצויגענעמ מענטשנ.

נאָר אז דער דײַטשישער שרײַבער האָט שווער אָטעמענדיק זיכ אופגעהויבנ אפנ לעצטנ טרעפּל, אונ זײַנע וואָנצעס האָבנ זיכ צענומענ איר אנטקעגנ, האָט „די מאדאמ" דערפילט א גרינגע אנטוישונג. מיט א זיכערנ כוש האָט זי פארשטאנענ: „דער איז ניט פונ דער געזעלשאפט". ס'זײַנענ שיטער געוואָרנ די פעדעמ אפ די נעט פונ זײַנ געלנ מאנטל, דער קאָלנער האָט אומאנגענעמ געגלאנצט. נאָר דעריקער איז געווענ ניט דאָס, נאָר דער העלער אונ ניט־ריינער גלאנצ פונ די אלטע אויגנ, ארומגערינגלט מיט זעקלעכ, דער רייעכ פונ טאבעק אָנ סאָפעק א דריטסאָרטיקנ, דאָס קנעפל, וואָס איז ניט לאנג צוגעניית געוואָרנ אונ ניט ווי געהעריק. איר שמייכעלע האָט אָנגעהויבנ קלענער צו ווערנ, ווי מע מאכט קלענער דאָס פײַער אינ א גאז־מאשינקע, אונ דער שרײַבער, וואָס איז געווינט געוואָרנ אינ רוסלאנד צו

זעלבסטווירדע און צו א באשטימטער כלעסטאקאָווסטשינע, האָט דאָ מיטאמאָל זיך אײַנגעהויקערט, אזויווי ער וואָלט ארײַנגעפאלן צו זיך אין זײַן לאנד. מיט א אנגענעמענעם שמייכל האָט ער א קוש געטאָן דער באלעבאָסטע די האנט און מיט א זײַט האָט ער א שפאנ געטאָן נאָך איר אין טיר ארײַן.

די לאגע האָט געראטעוועט לעוואָנ דאווידאָוויטש, וואָס האָט ווינציק פארשטאנענ אין די פײַנקײַטנ. ער האָט פארבעטנ צו טיי דעמ אלטנ טויבלעכנ אינזשענער, וואָס ער האָט אימ געהאלטנ בא זיך פאר א געהילפ. דער אינזשענער האָט אָנגעשטרענגט זיך צוגעהערט, האלטנדיק די האנט אופגעשטעלט לעבנ דעמ רעכטנ אויער.

די גערדיכטע שיינע שטאָרנ האָבנ שטײַפ פארדעקט די פענצטער. די שײַנ, באשאָטנט דורכ די קאָלירטע פרענדזנ פונעמ אבאזשור, איז געפאלנ פונויבנ ניט רעגלמעסיק, בינטלעכווײַז. אפנ טישטעכ האָבנ זיך געלייגט קרײַזלדיקע שאָטנס. די „מאדאמ" האָט צעטיילט אײַנגעמאכטס אינ די שעלעכלעכ, קלינגענדיק שטיל מיטנ לעפעלע. די טיי האָט געשמעקט געדיכט און שטארק. דער שרײַבער האָט פרעגנדיק געבלאָנקעט מיט די אויגנ און האָט ניט געוווסט, מיט וואָס פאר א טאָנ דארפ מענ דאָ פירנ דעמ שמועס. וולפיאנ איז ניט געווענ, לעוואָנ דאווידאָוויטש האָט פאָשעט פארגעסנ אימ אײַנצולאדנ.

— מיר אליינ זײַנענ ניט לאנג פונ אייראָפּע, — האָט אָנגעהויבנ דער באלעבאָס. — אסאכ איז מיר דאָ ניט פארשטענדלעכ, אסאכ איז אוועקגעגאנגענ אפ צוריק. יאָ, יאָ, טאקע אפ צוריק. א יאָר דרײַ פאר דער מילכאָמע האָט רוסלאנד אָנגעהויבנ רײַכ ווערנ און וואקסנ טעכניש. זי האָט געפרוווט זיך טרעסטירנ, סינדיקאליזירנ, זי האָט זיך געיאָגט נאָכ נײַסנ. איכ האָב דענסטמאָל געארבעט אינ בעלגיע. דערדאָזיקער פראָצעס איז געווענ צו באמערקנ פונ אויסלאנד. איצט זײַנענ מיר צוריק אָפּגעוואָרפנ אפ א יאָר דרײַסיק. ס'איז פאראנ עפּעס באלקאנישעס, גראָבס, קליינלעכס, ארײַנכאפּערישעס אינ דעמ אלעמענ. ווי א מילכאָמע באָרוועסערהייט, טאקע באלקאניש־מאָנטאָנעגריש.

— נו, איר זײַנט שוינ צו שארפ, — האָט גוטמוטיק געענטפערט דער שרײַבער. ער האָט זיך דערמאנט אינעמ וואגאָנ־שמועס. — נײַע געזעלשאפטלעכע פאָרמעס גיבנ זיך ניט אזוי לײַכט.

— אכ, נײַע געזעלשאפטלעכע פאָרמעס! איכ פארזיכער אײַכ, אייראָפּע מאכט דעמ אָנשטעל, אז זי גלויבט די אלע שילדנ, נאָר מיר

קאָנען ניט גלויבן. איך זע ניט דידאָזיקע נייַע פּאָרמעס. פּופצן יאָר צוריק בין איך פון זיי אנטלאָפן קיין בעלגיע. דערזעלבער פּולקאָמער מישמאַש — וועמען פּאָלגן, די אייביקע שרעק פאר אָנשרייַען, און פריִער פון אַלעמען שרייַט דער, וואָס ס'האָט א געמבע, דער ערשטער, ווער ס'טרעפט זיך. אייניקע באַמיִען זיך צו טון מער איידער ס'פּאָדערט זיך פון זיי, אַנ אַנדערער פאַרשטעלט זיך פאר א הויכן פאַרשוין, וויכטיקער איידער ער איז, — אַזוי איז אין האַנדל, אין אַרבעט, אין האַנטווערקערייַ — אויסגעעשיט, איבערגעשיט, ניט דערגעבן, איבערגעבן, ניט דערוועגן, אין קיין זאַך, פאַרשטייט איר מיך, אין קיין זאַך, אינערגעץ ניט איז ניטאָ קיין שום מאָס...

דער אַלטער אינזשענער האָט זיך אויסגעהוסט און איז אַרייַנגעטראָטן אינעם שמועס.

— איך האָב שטענדיק געזאָגט, אַז א אינזשענער אין דער צייַט פון דער אַרבעט איז א כירורג...

— אַך, אַלעקסאַנדר אַלעקסאַנדראָוויטש, ניט פון דעם רעדט מען איצט, — האָט זיך צו אים אָנגעבויגן די באַלעבאָסטע.

נאָר ער האָט ניט דערהערט.

— ...טאַקע א כירורג, מיט א מעסער אין דער האַנט. דערציילט ניט קיין כירורג וועגן ראַכמאָנעס צו מענטשן, ווען ער דאַרף שנייַדן, דערציילט ניט דעם אינזשענער וועגן ראַכמאָנעס צום אַרבעטער, ווען ער דאַרף בויען.

די גאַסטראָל־פּראַזע איז געווען פאַרענדיקט, און דער אַלטער איז אַנשוויגן געוואָרן. א גרינגער און א לאַנגווייַליקער אומעט האָט זיך אויסגעדריקט אַפ די פּנעמער. דער שרייַבער האָט דאָ געהערט וואָרט אין וואָרט זייַנע אייגענע רייד, נאָר פונדעסטוועגן האָט עפּעס פּראָטעסטירט אין אים. דאָרט אין וואַגאָן האָט ער זיך געפילט פאר דעם טרעגער פון עמעס, דאָ... נאָר ס'קאָן זייַן, אַז דער באַלעבאָסטעס אייַנגעגעסענער קוק אַפ זייַן ניט גאָר פייַנער, גרויִ געוואָרענער טשופּרינע, וואָס האָט געטראָגן די שפּורן פון ביליקער פאַבריקמאַכערישער פאַרב, איר פאַרשטייענדיקער קוק, — וואָס האָט זי אַזוינס דערזען, די דאַמעטשקע, אינעם קנעפּל! Unglaublich. אָבער ס'איז קיין ספֿק ניט, אַז די „מאַדאַם" ציטערט מיט די נאָזלעכער, ווי א שווייצאַרישער פּאָליציימאַן, בא וועלכן איר פרעגט א נאָמען פונעם האָטעל... „מיט אַבסענט אָדער אָן אַבסענט?" דער רוער זאָל דאָס נעמען, וואָס

איז אײַער דײַגע, צי איכ טרינק, צי ניט? נו, יאָ, איכ פלעג אמאָל טרינקענ בא זיכ אינ לאנד, אינ די ביטערע מינוטנ, ווענ מע פארפאָלגט אײַכ, איינזאמקײַט, ביזויענ פונ אָרעמקײַט: צאָלט אסאכ געלט, וועט קיינער ניט טרינקענ קיינ וואָלוועלע פאסקודסטווע! ווײַטער, ווײַטער פונ דער פארגאנגענהײַט. נאָר דער קוק שטויסט אימ אינ ברוסט, אינ פּאָנעמ, אינ קאָפּ, שטופּט אימ צוריק איבער יענער גרענעצ־ליניע, וואָס ער האָט שוינ אריבערגעשפּאנט. ער האָט זיכ שווער אופגעהויבנ פונעמ אָרט...

די געזעלשאפט, דיזעלבע געזעלשאפט, וואָס האָט אימ פונ זיכ ארויסגעשמיצט, ארויסגעשלײַדערט אפ בערלינער גאסנ, אנטשולדיקט,—פּאָשעט ניט ארײַנגענומענ, געהאלטנ פונ יענער זײַט ארײַנגאנג־טיר, דאָס טײַער וואָרט „ניטאָ אינדערהיימ",—דידאָזיקע געזעלשאפט איז איצט געזעסנ פאר אימ, געשײַנט מיט דעמ טרוקענעמ ייִכעס פונ די פײַנע שטריכנ, געגלאנצט מיט די דימענטענע אויצרעס אפ די צונויפגעלייגטע פינגער, אופגעהויבנ פונ ברוסטעלער שפּיצנ די שלאנגישע דארקײַט פונ איר האלדז אונ דורכגענומענ אימ מיט שלאנגישנ קוק. ניט vornehm—אהא, ניט vornehm!

— איכ וויל דאָ האלטנ א רוסישע רעדע!—האָט אופגערודערט געזאָגט דער שרײַבער, פילנדיק א ציטער אינעמ גאנצנ אלטנ קערפער— א גרויסע, פרײַע, אוניווערסאל־רוסישע רעדע. מיר, מיר... מיר דאכט זיכ מאָדנע, וויאזוי איר זיצט דאָ אונ רעדט קליינלעכע פרעמדע ווערטער. איר זאָגט באלקאנ,—אָ, דאָס איז א שאנד צו זאָגנ באלקאנ, זײַענדיק א זונ פונ גרויסנ לאנד, פונ א גרויסער אוניווערסאלער זאכ. ניינ, מײַנ הארצ איז שוואכ, די אופרעגונג גיפטיקט מיכ, איכ ווארפ די געזעלשאפט...

ער איז לאכלותנ ניט גרייט געווענ צו דעמ, וואָס ס'האָט זיכ געטראָפנ. ער האָט פארשטאנענ—ס'איז היסטעריקע, נאָר אָפּטרעטנ איז שוינ געווענ אומעגלעכ, אונ פארבײַגייענדיק, אינ איבערגעטריבענער צעטראָגנקײַט, האָט ער באמערקט דעמ טויבלעכנ אינזשענערס פּאָגעמ פונ שרעק פארקרומטנ, „דער מאדאמס" שטיינערנ געזיכט, דעמ טיי־טיש... טעאטראל אופגעהויבנ די האנט צומ הארצנ, האָט דער שרײַבער פארנויגט דעמ קאָפּ אונ איז ארויס אינ פּאָדער־צימער. שווײַגנדיק איז געשטאנענ לעוואָנ דאווידאָוויטש אונ האָט געהאלטנ אינ האנט זײַנ מאנטל. דער שרײַבער האָט עטלעכע מאָל געטראָפנ מיט די

הענט אינ אונטערשלאק, ער האָט שוינ געליטנ, ער האָט געווארט אפ הילפ, קעדיי אופצולייזנ די עקזאלטאציע אינ עפעס געווינלעכס אונ ראטעווענ די לאגע. נאָר לעוואָנ דאווידאָוויטש האָט אימ ניט געהאָלפנ. ער האָט געעפנט די טיר, גענומענ דעמ שרײַבער אונטער דער האנט אונ אימ אראָפגעפירט פונ די טרעפ.

דער קלוב האָט העל געשײַנט מיט פײַערנ. דאָרט האָט מענ זיכ געגרייט צו דער אלגעמיינער פארזאמלונג. אונ שווײַגנדיק האָט לעוואָנ דאווידאָוויטש אוועקגעפירט דעמ שרײַבער אינ קלוב ארײַנ, קעדיי אימ איבערצוגעבנ דעמ מאָסיע ווליפיאנ.

אלעקסאנדר אלעקסאנדראָוויטש האָט, אָנטוענדיק זיכ,—ער האָט אויכ שוינ קיינ טיי ניט געטרונקענ—מיט ווײַסע ליפנ געשעפטשעט דער „מאדאמ", אז פונ דעמ קאָנ ארויס א סקאנדאל אונ אז דער שרײַבער איז א סאָוועטישער אגענט.

— מ'וועט נעמענ אונטער אופזיכט, די קאָרעספאָנדענצ וועט מענ דורכקוקנ, אויב מ'וועט זיכ וועלנ צוטשעפענ,—זײַנענ פאראנ טויזנטער מיטלענ... איכ בינ אנ אלטער מענטש, פארנ טויט האָב איכ קיינ מוירע ניט.

נאָר זאָגנדיק דאָס, האָט זיכ דער אלטער מענטש אײַנגעשרומפנ אינ זײַנ אלטיקנ מאנטל, אונ זײַנע געכאָוועטע וואָנצעס זײַנענ נאס געוואָרנ פונ שרעק.

אז לעוואָנ דאווידאָוויטש האָט זיכ אומגעקערט צו זיכ, איז דער עסצימער שוינ געווענ ליידיק, דאָס געשיר איבערגעוואשנ, די סערווירונג צוגענומענ. דערדאָזיקער גאנצער קאָנפוז פונעמ גרויסנ טאָג, די ניט־געראָטענע אויספוצונג—דאָס אלצ איז פארשווונדנ געוואָרנ איבער די שאפעס אינ קעסטלעכ אונ איז קאלט אויסגעלאָשנ געוואָרנ אינ דעמ אלטנ צעראטענעמ טישטעכ, וואָס איז געבליבנ אפ דעמ קוואדראטנעמ טיש. די מאדאמ האָט צוגעלאָשנ די שײַנ אונ האָט געלאָזט ברענענ נאָר איינ לעמפל, ווי ס'פלעג זיכ פירנ בא זיי אפ נאכט. א האלב־אָפענע טיר האָט געצאנקט מיט בלויער שײַנ,—דאָרט אפ א גרויסער אויסלענדישער בעט האָט בלוי זײַדנס זיכ געהויבנ, ווי אײַזבערג, אונ א ווײַסער בער, צעשפרייט מיט אלע פיר לאפעס, איז געלעגנ פונונטנ פאר א טעפיכ.

— מארי!—האָט געזאָגט דער מאנ.

— דאָס איז אלצ נארישקײַטנ, לעאָנ, נארישקײַטנ, נעמט זיכ ניט

צום הארצן. איר ווילט, וועל איך אײַך זאָגן די סיבע. דער אַלטער שלעפּער האָט פאַרשטאַנען, אַז איך האָב אים צעקײַעט. איך פאַרזיכער אײַך, ער איז ניט קאָמילפאָ. דערדאָזיקער קריטיקער מענטש איז אַפּ געהאַלטן בײַ די באָלשעוויקעס. אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש האַלט אויך אַזוי.

— אַך, רעדט מיט מיר ניט וועגן אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטשן!

— נאָר, ליבער פרײַנט, איך האָב אויגן. ער פאַרבט זיך ווי אַן אַקטיאָר, און דידאָזיקע זעק, די ציין. איר האָט זיך צוגעקוקט צו די ציין?

קנאַקנדיק מיט די פינגער, איז לעוואָן דאַווידאָוויטש אַרומגעגאַנגען איבערן צימער. וואָס קערן זיך דאָ אָן די ציין? גאָט מײַנער, וואָס פאַר אַ שײַכעס האָבן די ציין,—פּאַרט פון איראָפּע געקומען אַ מענטש, אַ כוידעש, צוויי כאַדאָשים, אַ האַלב יאָר צוריק האָט ער געזען אַ געזונט, קולטורעל לעבן, ער האָט געקאָנט דערציילן נײַס,—בערלין בויט זיך, ווי אַ נײַ-געבוירענער, אָט די אַלע פּראָטים, אַך, אָט די אַלע פּראָטים! פאַרוואָס זאָל איין מענטש זיך ניט טיילן מיטן אַנדערן? וואָס פאַר אַ שײַכעס האָבן דאָ די ציין, דער רוצח זאָל דאָס נעמען!

ווי אַ שטילער שאָטן, נאָך אַלץ אַ שטאַלטנע, אַן אַלטמאָדישע, אין אַ לאַנג קליידל, איז די „מאַדאַם" דורכגעגאַנגען פאַרבײַ אים און האָט זיך באַמיט אָנצורירן אים מיט דער פּלייצע. אַ שטילע און שאַרפע שײַן האָט געשײַנט אין אירע שוואַרצאַפּלען, וואָס זײַנען אין דער מינוט געווען שיין. זי האָט געוווסט,—די מינוט איז געווען אירע. און לעוואָן דאַווידאָוויטש האָט זי אָפּגעשטעלט אַזוי, פאַר זיך, צוציִענדיק פון דער גרינג דידאָזיקע טרוקענע און ניט-בויגעוודיקע פּלייצע. ער האָט אָנגעהויבן ריידן שוין גאָר ניט איבערצײַגנדיק, אין איר האַלדזאון אַקן:

— פון אינדערפרי, פאַרשטייסט, פון אינדערפרי, דידאָזיקע אָנצאָליקע אופּרעגונגען, אַ מענטש, נאַטירלעך, ווערט מיד... איך האָב, קאָן זײַן, אָנגערעדט איבעריקס, נאָר מ'דאַרף דאָך פאַרשטיין, אַרײַנגיין אין דער לאַגע. ניין, שטיי אַזוי אַ מינוט. איך קאָן ניט גיין אין קלוב אין דעמדאָזיקן צושטאַנד. אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש איז אַ שויטע.

מאַרי איז געשטאַנען, פילנדיק דעם מאַנס האַנט אַפּ דער טאַליע, און דערנאָך האָט זי געמאַכט אַ טריט צום שלאָפצימער, פעסט האַלטנדיק דידאָזיקע האַנט. אַזוי האָט זי אים געפירט נאָך זיך, ניט צו גיך, ווײַל יעדע פרוי קען איר מאַנצבל.

קאפיטל VI

דער געריכט איבערן ארבעטער

1

צווישן די הילצערנע טאבורעטקעס, צווישן די ווענט, דעם דיל, די פאָלעצעס פון געלן און נאָך ניט פארקויטיקטן האָלץ איז געווען ענג און קיל, ס'איז געווען ענלעך אף א וואלד. אין דעמדאָזיקן וואלד פון געלן האָלץ—אין דעם קעמערל פאר אקטיאָרן—לעבן דער קלוב־עסטראדע, איז איצט געזעסן דער געלער, אָנגעשפארט דעם קין אף די הענט און די עלנבויגנס אף די קני,—די קלאסישע פאָזע פון א דענקער. ער האָט געטראכט וועגן דעם, וואָס איז אזוינס א קאָנפעראנסיע. אזוי האָבן די דייטשן אים שוין דערצויגן: פריער באשטימען דעם וועג איידער ער טרעט ארוף אף אים. די האלבע שאָ, וואָס איז נאָך געבליבן ביז דער פארזאמלונג, האָט ער פארבראכט, ווי א רויכערער, קוויקנדיק זיך מיט שטילע רינגעלעך רויך. נאָר דער רויך און די רינגעלעך זיינע געגאנגען ניט פון קיין פאפיראָס, נאָר פון דעם געדאנקען־פאָספאָר, וואָס האָט זיך גערויכערט.

ער האָט געטראכט וועגן דעם, וויאזוי צו דערלאנגען די פאָרשטעלונג, וועגן דער סערווירונג, וועגן דעם, ווו און פונוואנען, אין וואָס פאר א סוויווע, אין וואָס פאר א קלאס איז אופגעקומען דערדאָזיקער באזונדערער טיפ פון אָפשפעטנדיקן מענטשן, וואָס הייסט קאָנפעראנסיע, און צי דארף מען אים איצט און וויאזוי, פון וואָס פאר א זייט טויג דער קאָנפעראנסיע פאר דער סאָוועטישער עסטראדע. פון אָנהייבס, אָנצינדנדיק דעם פאָספאָר, האָט ער זיך פארצויגן מיטן ערשטן קאפריזן רויכל פון בערלינער דערינערונגען. קליינינקע ביר־הייזער, דער גלאנצנדיקער ציטער פון די טראָטוארן אונטער די שפיגל־פענצטער, א פראק מיט אָפגעריבענע פאלדן, אומבאדינגלעכער זשאמש פון שטיוולעטן,— א מענטש פארקלעמט ווי א פלאָקן צווישן דעם שלוקערצן פון די צושויער און דעם שוויצנדיקן גערוך פון א עסטראדע־נומער, א געמיש

פונ א לעצ מיט א אָפּיציאַנט—א שלימאזל, אָנ צווייפל א שלימאזל. צו וואָס דארפ מענ זיי? ארעוויאנ האָט אָפּגעוויגנ אינ זיקאָרנ די פּאָרשטעלונג,—דאָס איז געווענ א מאָמענט פונ אָפּווענדונג. דאָס ערנסטע איז געוואָרנ א כארפּע, אָט אפ וואָס מ׳דארפ א קאָנפעראנסיע. נעמענ ערנסט די פּאָרשטעלונג, זײַנ פּארינטערעסירט — דערמיט שעמט זיכ אייראָפּע. ס׳פּאסט ניט, זי האָט ניט די נאַיוויטעט. צוליב הומאָר איבער זיכ אליינ, קעדיי ארויסצוגעמענ די פאראנטוואָרטלעכקייט פארנ פארגעניגנ, פארוואנדלענ דעמ געפיל אינ א פּאָזע און דאָס זײַנ—אינ באדינגלעכקייט,—ווארפט זיכ אפ דער עטסראדע א צווישנ־מענטש און פארדינט געלט מיט דער טרויעריקער פּראָפעסיע. צו דערנידעריקנ „די קוואליטעט פונ מענטשלעכע עמאָציעס“...

„א קאָנפעראנסיע בא אונדז איז אינ טאָכ א רעאקציאָנערע דערשײַנונג,—האָט רעזיומירט דער געלער און האָט זיכ פארצויגנ מיט די געדאנקענ,—קיינער האָט נאָכ וועגנ דעמ ניט קיינ טראכט געטאָנ. פונקט. צומ טײַוול דעמ קאָנפעראנסיע! נאָר וואָס־זשע און וויאזוי דארפ מענ? א לעקטאָר?“ דער אומדערטערגלעכער דידאקטיזמ פונ אונדזער צײַט האָט בא אימ ארויסגערופנ א גרימאסע. צופיל אופשריפטנ. אינ קעגנזאצ צו מײַרעוו, ווילנ מיר אינ יעדנ פאל זײַנ ערנסט. יעדער רעפלעקס אָרגאניזירט זיכ בא אונדז דורכ א פלאקאט. ער האָט זיכ דערמאנט אינ די צענדליקער, הונדערטער געזעענע פלאקאטנ. אפנ סקלאד, וואָס אפ דער סטאנציע—פלאקאטנ, וויאזוי צו פירנ די טארע, ס׳זאָל זיכ ניט צעשיטנ די מאסע, וויאזוי שטוקאטורנ, וויאזוי אופצוהייבנ געפּעק. אינ גאָרקיכ — „וואש די הענט“, „אינזעקטנ גיבנ איבער שלאפקייטנ“, „א פליג איז א פארבינדעטער פונעמ טויט“, הונדערטער סענטענציעס פאר קלובנ, ביבליאָטעקנ, שפיטאָלנ. דײַגעט מענ זיכ ניט צופיל אפ צו צעקײַענ די שפײַז?

„צומ טײַוול דעמ פלאקאט, די מענטשהײַט וועט נאָכ אויסוואקסנ אָנ צייג. ניט קיינ לעקטער און ניט קיינ קאָנפעראנסיע,—איז וואָס זשע טוט מענ? צומ בײַשפּיל, וויאזוי פארבײַט מענ וואָלאָדיע דעמ קאָנטאָרשטשיק?“

ער האָט זיכ אומגעקערט צו דער פראגע, פונ וועלכער ער האָט אָנגעהויבנ.

דערווײַל האָבנ די זאוויסעס פונ דער טיר געגעבנ צו ויסנ וועגנ די באזוכער פונ קלוב. שטראָמעלעכ מענטשישער אָטעמ האָבנ זיכ

ארײַנגעריסנ צוזאמענ מיט א טופעריײַ,—געדיכט איז געגאנ דער אוילעמ, ס'האָט זיי געצויגנ דאָס קנאקנ פונעמ האָלצ אינעמ אײַזערנעמ איוועלע, די העלע שײַנ פונ די צוועלפ פענצטער און דערהויפט די אנגענעמענע שטימ פונ סטעפאנאָסנ, וואָס איז געשטאנענ אפ דער שוועל. סטעפאנאָס האָט ליב געהאט זײַנ קלוב אנ אָנגעפולטנ,—אנערעכ אזוי, ווי א מילנער האָט ליב דאָס שטראָמענ פונ וואסער אונטער דער מיל. אָנ דערדאָזיקער לעבעדיקער קראפט, וואָס האָט זיכ ארײַנגעגאָסנ אהערצו מיטנ הויכנ מישמאש פונ רייד, מיט געלעכטער און טופעריײַ, וואָלטנ געשטאנענ טויט די פאָשעטע מעכאניזמענ, איבער וועלכע סטעפאנאָס האָט געהאָרעוועט. א דרײַ הונדערט מאָגערע בראָשורלעכ, פארנומערירט הינטערנ גלאָז פונ א האלב ליידיקער שאפע; דער אויסגערייניקטער רויטער קאָלענקאָר פונעמ טיש, ווו עס זײַנענ געווענ צעוואָרפנ זשורנאלנ רוסישע, ארמענישע, גרוזינישע, טיורקישע; די לײַוונטנ פונ דער וואנטצײַטונג „לויס", וואָס פונ איר נאָמענ האָט געשמעקט עפעס מיט קלויסטערדיקס; די גרויסע, שיינע לאָזונגענ אפ די ווענט, וואָס סטעפאנאָס האָט זיכ מיט זיי געגרויסט, און דאָס פאָשעטע ארמענישע פאָנעמ אינ א רעמל פונ פאראיאָריקע קסעראנטעמעס [1] מיטנ אופשריפט אפ ארמעניש „לענינ"... די בענק זײַנענ געשטאנענ אויסגערייניקטע, דער דיל—אקוראט אויסגעקערט. קיינ פאָרהאנג איז נאָכ ניט געווענ,—ס'האָט ניט געסטײַעט קיינ געלט, און דאָס אָפענע שאכטל פונ דער עסטראדע האָט דערלויבט צו זענ דאָס דינפיסיק טישל מיטל גלעקל, די פאָנענ אינ ווינקל און די איינציקע בלוי-גרויע דעקאָראציע, וואָס האָט פאָרגעשטעלט א וואנט פונ א וווינונג מיט פענצטער, אָנגעמאָלט מיט שווארצנ טוש. און פונדעסטוועגנ האָט די אָרעמע בוטאפאָריע פונעמ קלוב געלעבט מיט דעמ פיבער פונ יאָנטעווודיקער דערהויבונג. דעמ אוילעמ האָט זי מאגנעטיזירט. ער האָט זיכ צעזעצט סטיכייִש, נאָר אינ דערדאָזיקער סטיכייִשקײַט האָט זיכ אָנגעמערקט א לאָגיק.

די ערשטע רייענ האָבנ זיכ ארויסגעוואָרפנ צו דער עסטראדע, ווי דער שוימ צומ ברעג. פעסט האָבנ דורכגעטופעט די קנאפל פונעמ סעקרעטאר פונ קאָמערל. ער איז דורכגעגאנגענ אָנשטענדיק און הילצערנ צומ ווינקל, וואָס ער האָט, אפאָנעמ, שטענדיק פארנומענ, און האָט

[1] Бессмертники

זיכ אוועקגעזעצט, ארויסגענומענ באַלד א פּאַפּיראָס אונ אימ ניט פאַרויכערט, ווײַל רויכערנ איז דאָ געווענ פאַרבאָטנ. לעבנ אימ האָט זיכ צוביסלעכווײַז אָנגעזאַמלט די פּאַרטײיִשע „אינטעליגענצ"—דער פאַרוואַלטער פונ קאָאָפּעראַטיוו, דער שעפ פונ מיליציע, דער פײַערלעשער. אינ אַנטקעגנדיקנ ווינקל האָט זיכ פאַרזאַמלט די קאָנטאָר. זאַכאַר פּעטראָוויטש איז ניט געווענ (ער האָט געאַרבעט), נאָר וואָלאָדיע דעמ קאָנטאָרשטשיקס כוויליקע טשופּרינע האָט זיכ שוינ געדרייט. וואָלאָדיענ האָט מענ אונטערגעזאָגט גיפטיקע נײַס. דעמ קאָנטאָרשטשיקס אויגנ, אָנגעגאָסנ מיט שווערער באַליידיקונג, האָבנ זיכ געגליטשט איבער דער עסטראַדע אונ געזוכט דעמ געלנ. די דאַמעס זײַנענ אַרײַנגעגאַנגענ מיט די קינדער. זייערע באַקנ זײַנענ געווענ געדיכט אָנגעריבנ מיט פאַרב אונ אויכ געדיכט זײַנענ געווענ אַרומגעפירט די ליפּנ. „דער באַשטאַנד־טייל פונעמ טואַלעט"—דער פאַרדעכטיקער קוואַטש, א געמיש פונ ציגל מיט לאַנאָלינ, דער האָנישער קאַמ פונ דער געשוירענער פּאָטיליצע, דאָס זייער קורצ קליידעלע,—דאָס אַלצ האָט דאָ באַצייכנט ניט נאָר די קאָנטאָרישע פרויענ, נאָר אויכ די פרויענ פונ די שוואַרצאַרבעטער. די אופּראַמערנס האָבנ געפּאָלירט די נעגל. אינ דעמ פּונקט האָט קיינ איינע ניט געוואָלט אָפּשטיינ.

די טיפּ פונעמ זאַל האָט אָנגעפּילט א געדיכטער יאַמ קעפּ. אײַנקוקנדיק זיכ אופמערקזאַמער, האָט איר דאָ אויכ באַמערקט א געוויסנ אָפּקלײַב. פונ איינ זײַט האָבנ זיכ צוגעקײַקלט איינער צו דעמ אַנדערנ קעפּ בלאָנדע, ווײַסע, אָנ היטלענ; רויטע פּענעמער האָבנ איידעס געזאָגט אַפ סלאַוונ,—ווייכע טאַמבאָווער שמייכלענ, זייער ליבע אינ דער שכיינעס מיט דער קאַזאַקישער כיטרעקײַט פונ א דאָנבאַסאָוועצ; אָפּגעביסענע וואָנצעס פונ א שאַכטיאָר א טונעלשטשיק, בלאַסקײַט פונ האַלב־טויטער הויט. אונ ווײַטער—א צופּלוס פונ שאָפּענע היטלענ אונ הענגענדיקע נעזער פונ אונטער דער שטויביקער וואָל, א רייעכ פונ פעל אונ שווייס—אַרמענער, סעזאָנ־קעס. אָט דער גאַנצער באַרג מענטשישע קעפּ, אָנגעקײַקלט ווי א קופּע אַרבוזנ, האָט זיכ באַוועגט שוואַכ אונ אויסוואַרטנדיק אונ האָט מיט גאָרנישט ניט ארויסגעוויזנ זײַנע אייגנטימלעכקײַטנ. אונ צעשטופּנדיק זי מיט די עלנבויגנס, איז ווי א גרויסער פיש דורכגעשווומענ פונ דער טיר צו די ערשטע רייענ מאָסיע וואָליפּיאַנ אונ האָט מיט דערזעלבער אַקוראַטקײַט, מיט וועלכער מע דערלאַנגט א בעקאָוועדיקנ גאַסט זײַנ צעעפנטנ

פוטער געפירט אונטער דער האנט דעם אָפּגעלאָזענעם און איצט דעם אנטקעגנ די אײַנדרוקנ צעכראסטעטנ אלטנ, מידנ, אָפּגעבארעטנ דײַטשישנ גאסט.

די קאָמיוגיסטנ, וואָס עמעצער האָט זיי געגעבנ צו וויסנ, האָבנ זיי באגעגנט מיט אפּלאָדיסמענטנ. די כאָלערישע זעקעלעך באם שרײַבער האָבנ א ציטער געטאָנ אונטער די אָנגעשוואָלענע וויִעס. ער האָט שוינ פארגעסנ די דערנידערונג און ווידער מיט איבערגעטריבענע געפילנ איז ער צוביסלעכווײַז אופגעשווומענ אינ זײַנ אייגענער פאָרשטעלונג אפנ ערשטנ אָרט. ענדלעך האָט ער זיך אנידערגעזעצט, דעם קאָפּ פארוואָרפנ אביסל אפ א זײַט, אפ א באפרײַטנ שטול אינ דער ערשטער ריי צווישנ די בענק. מיט אויסגעגלאָצטע אויגנ האָבנ אפ אים געקוקט קינדער, קלייניקע, שווארצויגיקע, מיט ניט־אויסטריקנדיקנ גרינס אונטער די נעזלעך.

אזא איז געווענ די פארהעלטעניש צווישנ די רייענ ביז דעם אָנהייב פונ דער האנדלונג. א קוק געטאָנ דורך דער שפּארונע אינ זאל ארײַנ, האָט דער געלער זי דײַטלעך דערפילט: א באלעבאָס זײַנענ געווענ די ערשטע רייענ. דער יאמ קעפּ פונהינטנ האָט געשוויגנ, דער יאמ קעפּ פונהינטנ האָט אפ גאָרנישט ניט פּרעטענדירט. דאָס איז געווענ א שעדלעכע און ניט קיינ ריכטיקע פארהעלטעניש.

— א קאָנפערענסיע בא אונדז, — האָט געמורמלט דער געלער, דערטראכטנדיק די פּראָבלעם, — דארפ טיילנ סאָציאל און סאָציאל אָנלאָדנ; אופבויטענ יענע, וואָס פונהינטנ, אופהייבנ די טיפּ. דערנאָך זיך אליינ אָנציינדנ מיט דעם, וואָס די טיפּ וועט ארויסרופנ. און דערנאָך... דאָס איז דערווײַל נאָך ניט קלאָר. איינס איז אנ עמעס: אויב דו ביסט א דיריזשאָר, טאָ צווינג פירנ די מעלאָדיע ניט אָט די, וואָס זיצנ פונפאָרנט איינציקווײַז, נאָר יענע, וואָס האָבנ זיך צונויפגעגאָסנ פונהינטנ אינ א דורכויסיקער געדיכטעניש. דער באלעבאָס פונ דער מעלאָדיע איז דער קלאס.

אגאבעק איז געשטאנענ הינטער זײַנ פלייצע. ער האָט זיך צוגעהערט צום מורמלענ. אז דער אָרטקאָם אגאבעק איז ניט געזעסנ, נאָר געשטאנענ, איז אינ דער קרומקײַט פונ זײַנ זייער קליינ און קורצפּוסיק פיגורל, אינ דעם הויקער אפ דער פלייצע געווענ אנ אומאנגענעמענע איינזאמקײַט פונ א קריפּל. ער האָט עס געוווּסט, און דערפאר האָט ער גיך זיך אנידערגעזעצט.

— וואָלאָדקע פלעג קלאפּן דערהויפּט אפן בעהיימישן געלעכטער, — האָט אגאבעק געזאָגט, — וואָלאָדקען האָבן אונדזערע דאמעס ליב געהאט. קיין שאָדן, מעגלעך, איז אין דעם ניטאָ, נאָר קיין נוצן אויך ניט. איך קאָן ניט זאָגן וואָס, נאָר עפּעס פעלט באשטימט אונדזער קלוב...

ער האָט זיך פארטראכט, ווי אזוי צו באשטימען דעם איקס. דעם פעלנדיקן איקס האָבן זיי ניט באוויזן אָנצורופן, ווייל ס׳האָט א ווייע געטאָן מיטן צארטן אראָמאט פון פּארפומען, — דאָס איז די ריכטערנ ארוסיאק געגאנגען מיט איר ברייטקליביקן גאנג, שטעלנדיק פרײַ די פיס און טראָגנדיק מיט די שפּיץ פינגער, ווי מ׳טראָגט א בײַטל, איר אלטן צעראטעוועם פּאָרטפעל. נאָך איר איז אומבאמערקט דורכגעגאנגען מארדזשאנע. שוין צײַט געווען אָנצוהייבן די אלגעמיינע פארזאמלונג: ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן רוקן די שטולן ארום דעם דינפוסיקן טישל, און דער פּאָרזיצער פון דער פארזאמלונג, סטעפּאנאָס, האָט אויסגעצויגן צום גלעקל זײַן גרוילעכע, פלאטשיקע, בלוטאָרעמע האנט.

2

סטעפּאנאָס קורצע ארײַנטריט־רעדע האָט קיינעם ניט באפרידיקט.

פּאָרמעל איז די רעדע געווען געבויט פּונקט אזוי, ווי ס׳האָט פּאָרגעלייגט דער געלער, און קימאט מיטן געלנס ווערטער, נאָר זיצנדיק אפ דער עסטראדע אפ א פיצינק טאבורעטקעלע, האָט דער איניציאטער פון דער רעדע פלוצלינג דערפילט, אז ער ווערט רויט, און דאָס בלוט האָט זיך אופגעהויבן און פארגאָסן זײַנע באקן. אין אָט דעם ניטווילנדיקן קאָנפוז פון אן אווטער, וואָס הערט זײַנע אייגענע ווערק פון דער סצענע, — האָט דער געלער פארצייכנט דעם ערשטן סיגנאל וועגן א טאָעס. אין וואָס איז באשטאנען דער טאָעס?

דער פּראָלאָג צום געריכט האָט זיך צעוויקלט אין דער געהעריקער אָרדענונג. פון זאל האָט זיך אופגעהויבן אפ דער עסטראדע דער פארוואלטער פון קאָאָפּעראטיוו — דער פארטיידיקער. מיטפילנדיק האָט מען באגעגנט דעם פּראָקוראָר, — א לאכנדיקן קאָמיוגיסט. מ׳האָט אויסגעקליבן צוויי בײַזיצער, אן ארבעטער און דעם פורמאן פון זער באזע. אז דער געריכט איז ארויס און איז ווידער ארײַן און אלע זײַנען אופגעשטאנען, האָט זיך אין זאל געשאפן אזויווי א פּאסיקע „שטימונג“. ס׳איז געוואָרן זייער ערנסט אין די ערשטע רייען, נאָר די לעצטע רייען האָבן ווי פריער אָפּגעפרעמדט געשוויגן. דאן האָט זיך דעם

געלן אויסגעוויזן, אז די לעצטע רייען זײַנען געקומען אפן געריכט
אָן פארגעניגן, אז דער גאנעוו איז פאר זיי איצט אן „אייגענער ברו־
דער״ און אז אין דערדאָזיקער פאָרשטעלונג פון געריכט זײַנען זיי אפן
גאנעווס צאד,—מעגלעך, אפילע ניט דערפאר, וואָס ער איז אן אייגע־
נער, נאָר דערפאר, וואָס ס׳רעגט אוף דאָס שיסערײַ איבער א נאריש־
קײַט, דער האמעטנער אפאראט פונעם מישפעט. דערדאָזיקער אײַנדרוק
האָט זיך איבעריקנס אויסגעקלאָרט באם געלן ניט מיטאמאָל, נאָר ווען
ס׳האָט זיך אויסגעקלאָרט, האָט ער א טראכט געטאָן וועגן דעם טאָעס
פון דער ארײַנטריט־רעדע. ניט אזוי האָט מען געדארפט זיך נעמען.

דעם גאנעוו האָט מען געבראכט און מ׳האָט אים אוועקגעזעצט
אפ א באנק לעבן א מיליציאָנער מיטן פּאָנעם צום עולעם. עמעצער
האָט זיך אונטערגעהויבן קעדיי אים בעסער צו באקוקן. די קינדער
האָבן די מינוט זיך אָפּגעקלעפּט פון דעם שרײַבערס שטול און האָבן
אָנגעהויבן שטילינקערהייט זיך קלײַבן ארום דער באנק. דער גאנעוו
האָט אומגעדולדיק זיי אָפּגעטריבן,—אין דעם זשעסט איז געווען גע־
טראָפענע זעלבסטליבע. ער האָט באשטימט ניט געוואָלט, מ׳זאָל אים
פארשטעלן. דער גאנעוו איז געווען א פויער פון א לאָריש דערפל,
אָנגעטאָן אין שרעקלעכע שמאטעס. די טראנטעס זײַנען ארויסגעהאנ־
גען פון די אָנצאָליקע לעכער אפ זײַן סוויטע, ווי פון א פילשטאָקיקן
הויז מיט אָנצאָליקע צעעפנטע פענצטער הענגען זיך ארויס ביזן גארטל
די אײַנוווינער. דער ווינט, וואָס מ׳האָט ארײַנגעלאָזן פון דער טיר אין
זאל ארײַן, קעדיי דורכצורייניקן אביסל די רויכיקע און פארשטיקטע
לופט, האָט געשאָקלט די שמאטקעלעך אפ זײַן סוויטקע. דעם פויערס
פיס זײַנען געווען לויט דער לאָרישער מאָדע ביז די קני אין קויטיקע
וויקלשנורן אונטערגעבונדן מיט שטריקלעך און האָבן געשמעקט מיט
בופלאקסענער פעל פון די סאנדאליעס און מיט שווייס. דעם גאנעווס
פּאָנעם... נאָר דאָס פּאָנעם האָט געקענט אונטערשיידן פון הונדערט
אנדערע פויערשע פענעמער נאָר א געניט אויג. פון דער זײַט האָט
מען געקאָנט זאָגן איינס,—דאָסדאָזיקע פּאָנעם איז געווען פולקאָם רויִק.

צוויי איידעס, א פויער און א מיליציאָנער, גייען צו צום טיש.
דער געריכט נעמט בא זיי א וואָרט, אז זיי וועלן זאָגן עמעס. ס׳הייבט
זיך אָן דאָס לייענען פון דעם באשולדיקונג־אקט.

„גריגאָר סוקיאסיאנץ, דער פויער פון דעם דאָרף אגדאך, אן אָנ־
„פערדיקער, זעקס כאדאָשים א שווארצארבעטער אפ דער בויונג, האָט

„סיסטעמאטיש געגאנוועט און אוועקגעטראָגן צו זיך אין דאָרף אריַין
„ברעטער, וועלכע האָבן זיך אָנגעזאמלט בא אים אכט און צוואנציק
„שטיק. בא איינער פון די גנייוועס, ווען ער האָט געטראָגן צו זיך אין
„דאָרף אריַין א ברעט, האָט דעם גאנעוו באמערקט דער פארוואלטער
„פון דער איַיזנבאנישער באזע, וואָס איז פארבײַגעפאָרן איבערן שאָסע.
„אפ דער פראגע, וואָס שלעפט ער דאָס אזוינס,—האָט גריגאָר סוקיא־
„סאנצ קיין ענטפער ניט געגעבן און האָט פארגיכערט דעם גאנג. אפ דעם
„שווארצארבעטער סוקיאסיאנצ איז אָרגאניזירט געוואָרן א נאָכקוק, וועל־
„כער האָט אופגעדעקט סיסטעמאטישע גנייווע. דער באשולדיקטער, גע־
„כאפט בא דער האנט, האָט זיך אנערקענט פאר שולדיק אין גאנווענען
„ברעטער און האָט דערקלערט, אז ער האָט זיי גענומען אפ טאבורעטקעס".

אין מעשעכ פונעם לייענען האָט ארוסיאק פויל געצייכנט עפעס בא זיך אין בלאָקנאָטל. פלוצלינג ענדיקט זיך די שפיל, די וויִעס הייבן זיך אופ, טוען א פלי ארופ. זי פארגיט א פראגע.

— דו האָסט וועלכע ברעטער גענומען, לאנגע? וויפל מעטער די לענג? אנערעכ באוויַיז (מעסט אין דער לופטן)—אזוינע ? אָדער אזוינע ? פארשריַיבט אין פראָטאָקאָל.

די פראגע וויַיזט אויס אין דער ערשטער מינוט ווי אומזיניק. דאָס ווינקל פון דער קאנצעליאריע, די דאמעס מיט די קינדער, אפילע דער פרעזידיוּם שמייכלען ווי פארשעמט. נאָר מארדזשאנע האָט א קוק געטאָן אפ דער כאווערטע מיט ניט־באהאלטענער נײַגיריקייַט. זי האָט זי פריִער קיינמאָל ניט געזען „אין דער ארבעט". אין דער ריכטערנס פראגע געפינט זי עפעס אזוינס, וואָס זאָגט איר, אז דיראָזיקע ארבעט איז א הויכ קוואליפיצירטע. ניט אומזיסט איז בא דער לייַכטזיניקער ארוס א גלענצנדיקע רעפוטאציע פון א ריכטער, א גרויסער אוטאָריטעט און א שעם פון א אלוויסערנ. מיט שטילן אינטערעס, שמייכלענדיק אי־בערלעכ אפ דער כאווערטעס רעגילעסנ, שוואכקייַטנ, וואָס זי האָט וועגנ זיי געוווסט, האָט זי א פיר געטאָן אירע אויגנ איבער אלע אָנ־טיילנעמער פון דער דראמע. ס'איז איר באלד קלאָר געוואָרנ, אז די פראגע האָט געטראָפנ ערגעצ אינ א פארבאָרגנ אָרט. ס'האָבנ זיך שטארק א רודער געטאָנ די ארבעטער, די סעזאָניקעס, וואָס זיַינענ געזעסנ אפ די לעצטע בענק. ס'האָט זיך א כאפ געטאָנ דער באשולדיקטער. ביז דער מינוט האָט ער אויסגעוויזנ ווי א נארעלע, דעם שוצ־קאָליר פון טאמעוואטקייַט האָט דער באַשולדיקטער אפילע אביסל איבערגעטריבנ.

א פּאָר מאָל האָט ער אַרײַנגעשלעפּט מיט דער נאָז די ניט־געװעזענע פּײַכטקײַט אונ האָט זיכ אויסגעװישט מיט דער דלאָניע אָנ שומ נויטװענדיקײַט, כאָטש קײנ שװײס איז ניט געװענ, אונ אינ מויל האָט באַ אימ געטריקנט. די הענט האָט ער אויסגעדרײט אַזוי, אַז די טראַנטעס זאָלנ אַרויסהענגענ אַרויסצו, ער האָט זיכ געמאַכט אָרעמ, אַפֿילע זיכ געהויקערט, קעדײ אויסצוזענ שטאַרק אַלט, כאָטש גריגאָר סוקיאַסאַנצ איז קאַמ אַלט געװענ דרײַסיק יאָר. נאָר דער ריכטערנס מאָדנע פֿראַגע האָט אימ אַראָפּגעשלאָגנ פֿונ דער אָנגעמערקטער ליניע. דעמ גאַנעװס פּאָנעמ האָט אויסגעזענ באַלויכטנ פֿונ אָנגעשטרענגטער דורכגעטריבנקײַט, די כיטרע אויגנ האָבנ זיכ געהאַט א װאָרפּ געטאָנ װי מײַזעלעכ אי. דער טיפ פֿונעמ זאַל, זוכנדיק דאָרט הילפּ, דערנאָכ האָבנ זײ מיט ניט־געמאַכטער באַלײדיקונג זיכ געװענדעט אַפֿ דער ריכטערינ.

— „װאָסערע אַזוינע? קײנ אַרשינ האָבנ מיר ניט, מיר זײַנענ ניט קײנ שנײַדער, גענומענ װאָס ס'האָט זיכ געטראָפֿנ... (פּלוצלינג האָט ער זיכ פֿאַרכאַפּט אונ אַלײנ אָפּגעשטעלט דעמ סעקרעטאַר, װאָס האָט געשריצט איבערנ פּראָטאָקאָל). װאָס שרײַבסטו דאָרט? שרײַב: גענומענ װאָס קלענערע".

דאָ האָט זיכ אָנגעהויבנ א קרײצ־פֿײַער, — די צדאָדימ האָבנ זיכ גענומענ צומ פֿאַרהער. די צדאָדימ האָבנ געהאַט, אַפּאָנעמ, צװישנ זיכ שטאַרק קאָמפּליצירטע צװישנפֿאַרהעלטענישנ. אינ זאַל האָט יעדערער פֿונ זײ געהאַט זײַנע אָנהענגער, אַזױװי באָקסיאָרנ אינ א צירק. דער פּאַרטײדיקער, דער פֿאַרװאַלטער פֿונעמ קאָאָפּעראַטיװ, איז לויטנ אויסערלעכנ אויסזענ געװענ „א גוטע נעשאָמע". דער לענגעכיקער װײַנ איי, פּולקאָמ פּליכעװאַטער גלאַנצנדיקער קאָפּ מיט דעמ אײַנשניט פֿאַר די טריבע גרינבלעכע אויגנ איז געװענ באַכײַנט פֿונ אונטנ מיט א גאַשמיִעסדיקנ אונ דינעמ פּיסקל פֿונ א גורמאַנ, מיט דער טײַװעדיקער שװאַכקײַט פֿונעמ געגאָלטנ קינ, װאָס זײַנ טונקעלע אַקטיאָרישע בלויקײַט האָט נאָכ אומפֿאַרשעמטער אַנטפּלעקט די אויסדריקלעכע רויטקײַט פֿונעמ מויל. ער האָט גערעדט מיט א דינ װײַבעריש קאָל:

— דערלויב מיר דיכ צו פֿרעגנ. אַז דו האָסט געגאַנװעט, װיפֿל האָסטו באַ אונדז פֿאַרדינט? א רובל מיט צװאַנציק? פֿאַרשרײַב, דער באַשולדיקטער האָט באַקומענ נידעריקער פֿונ דער נאָרמע.

— אַפֿ עקאָנאָמיקע קלאַפּט ער, הינטישע טאָכטער, — האָט דײַטלעכ זיכ אָפּגערופֿנ קאָסאַרענקאָ פֿונעמ זאַל, װענדנדיק זיכ צו די שכײנימ. דאָס העמד צעכראַסטעט, מיט דעמ האַלב שלאָפֿנדיקנ װאַניאַטקענ אַפֿ די

קני, א ווײַסער, קלײַנדיקער, מיט טרוקנ־גלאַנצנדיקער הויט אפ די קינבאקנ — א מאטראָס אנ ארכאנגעלסקער, — איז קאָסארענקאָ געזעסנ צווישנ זײַנע מיזרעכדיקע שכיינים.

— צי האָט דער באַשולדיקטער זיכ געמישפּעט ביז דעמדאָזיקנ אי־ניענ? — האָט זיכ דערקונדיקט דער פּראָקוראָר.

דער האָט אויכ געהאט אינ זאל זײַנ פּארטיע און, אפּאָנעם, א פּיל־צאָליקע. ווי צוליב נאָכ א גרעסערנ קאָנטראַסט מיטנ פּארטיידיקער, איז ער ניט לויטנ עלטער באַוואקסנ געווענ מיט א באָרד, ביז דער סאמע נאָז אָנגעקעמט מיט קרײַזלעכ, געלאכט ניט הויכ, פּארטישקע־קעווער דעמ געלעכטער אינ די גוואַלדיק געדיכטע וואָנצעס און באָרד און איז פאר קיינ פּאל ניט ענלעכ געווענ אפּ א צוויי־און־צוואַנציק־יאָריקנ. געאַרבעט האָט דער „פּראָקוראָר" אפּנ דיזעל און איז געווענ א סעקרעטאר פונ קאָמיוג.

— אויסגעצייכנט, נײַנ כאדאָשימ געזעסנ אינ טורמע.

— בא די דאשנאקעס — האָט דינ אויסגעשריגנ דער פּארטיידיקער.

— נײַנ כאדאָשימ בא די דאשנאקעס פאר גאנווענע ווייצ...

די צדאָדימ האָבנ זיכ ניט געוואָלט באַרויקנ און האָבנ פאָרגעזעצט זיכ צו ראנגלענ, זוכנדיק מיטגעפיל אינ זאל. מיט א שמייכעלע האָט דער פּארטיידיקער פעסטגעשטעלט, אז גריגאָר סוקיאסיאנצ „האָט בא זיכ אינדערהיימ גאָרנישט ניט", „קיינ שומ באַלעבאַטישקײַט ניט", „קינדער איינס קלענער פונעמ צווייטנ". אומדערווארט האָט ער ארײַנ־געשטעלט א מאמזערישע פראגע: און עמעצער האָט געזענ, וויאזוי דער באשולדיקטער האָט געגאַנוועט די ברעטער?

גריגאָר סוקיאסיאנצ איז געזעסנ אומרויִק און האָט זיכ ארומגע־קוקט אפּ לינקס און אפּ רעכטס, ריכטיקער געזאָגט, — ניט זיכ ארומגע־קוקט, נאָר זיכ געוואָרפנ מיטנ גאנצנ קערפּער, אָנגעשטרענגט זיכ אײַנגעקוקט אינעמ פרעגנדיקנ און אינ זײַנע באַוועגעוודיקע ליפּנ. ס'האָט זיכ אויסגעוויזנ, אז ער זוכט אנ אָנווײַזונג אָדער אנ אונטער־זאָג אינ די ליפּנ.

— עמעצער האָט געזענ, פרעג איכ דיכ, ווענ דו האָסט גענומענ די ברעטער? — האָט אויסדריקלעכ איבערגעכאזערט דער פּארטיידיקער.

— געזענ, — האָט זיכ מיטאמאָל א כאפּ געטאָנ דער באשולדיקטער און האָט אָנגעהויבנ גיכ פינטלענ מיט די אויגנ. — אסאכ האָבנ געזענ, איכ האָב גענומענ, ניט באַהאלטנ זיכ.

— פונוואנענ גענומענ? — האָט ווידעראמאָל ווי דערעכאגעוו ארײַנגעשטעלט די ריכטערנ.

דער באשולדיקטער האָט דאָס מאָל אויכ זיכ אָפּגעבריקעוועט. די מאָדנע פראגעס פונ דער פרוי האָבנ אימ אומרויִק געמאכט.

— פונוואנענ... ווו ס'האָט זיכ געוואלגערט, דאָרט האָב איכ אופגעהויבנ.

— אפ טאבורעטקעס האָסטו געדארפט ניט קיינ גרויסע ברעטער, — האָט ווי ניט־ווילנדיק גערעדט די ריכטערנ אונ האָט אופמערקזאמ באטראכט אירע אייגענע נעגל. — איידעס, גייט צו אהערצו, דערציילט, ווו האָט איר געכאפט דעמ באשולדיקטנ בא דער האנט.

צומ טיש גייט צו דער ערשטער איידעס, א מיליציִאָנער. א מאָגערער אינ זײַנ מונדירל, א ניט איבערגעשפיצט, פויעריש פּאָנעמ, וואָנצעלעכ פארדרייט ארופ, — די איינציקע הויכ פונ שטאָטישער קולטור. ער ראפּאָרטירט זשוואווע, ניט ווארטנדיק אפ קיינ פראגע, דעמ נאָמענ, די פאמיליע, דעמ עלטער.

ער האָט געמאכט אנ אונטערזוכונג אינעמ ווינטער־שטיבל. צענ שטיק ברעטער האָט ער געפונענ אינ איינ אָרט, עלפ אינ אנ אנדערנ אונ זיבנ ברעטער אינ א דריטנ. אלע ברעטער זײַנענ געווענ צעשניטענע. וואָס? צי קענ דער איידעס פעסטשטעלנ, ווו האָט דער באשולדיקטער געשניטנ די ברעטער?

ווידער קערט זיכ אומ ארוסיאק מיט דער אײַנגעשפּארטקײַט פונ א זייגער־אומרו אלצ צו דערזעלבער אומפארשטענדלעכער פראגע וועגנ דער גרייס פונ די ברעטער. אונ וואָס איז דער אונטערשייד, ווו האָט ער געשניטנ אונ צי האָט ער געשניטנ? פונ זאָל טראָגנ זיכ אופגעבראכטע שטימענ: „ער האָט זיי מיט די ציינ געריזעט”. דער איידעס קנייטשט זיכ אביסל אונ ענטפערט.

— איכ ווייס ניט.

דערווײַל רעדט זיכ איבער מיט די אויגנ דער באשולדיקטער מיט די לעצטע בענק. עמעצער אינ א שאָפּנ־היטל איז אופגעשטאנענ. עמעצער הייבט אופ די לאפּע, פארבייגט איינ פינגער, דערנאָכ א צווייטנ, נאָכ עמעצער לייגט צונויפ די דלאָניעס ווי א רופּאָר אונ אדרעסירט דײַטלעכ דעמ באשולדיקטנ איינ־אונ־איינציק וואָרט, א קרעפּטיק וואָרט מיט אנ ארײַנגעלייגטנ געדאנק אונטער זיבנ שטעמפּלענ, עפּעס א מינ באזונדער אינסטרוקציע.

— כימאר! (שויטע).

פלוצלינג שפּרינגט דער באשולדיקטער אוף, אזש דאָס היטל פאלט בא אים אראָפּ אפנ דיל, זייַנ פּאָנעמ ווערט באלויכטנ מיט האָזע. קוקנדיק ניט אפ דער ריכטערנ, נאָר פארבייַ איר אינ ווינקל, ווו ס'הוידעט זיכ דער ריכטערנס עלעגאַנטער שאָטנ, וואָס אמאָל ציט ער אויס די נאָז אירע, פּיקט זי אינעמ פּאַפּיר, אונ אמאָל ציט ער זי געשווינד ארייַנ צוריק, — רעדט סוקיאסיאנצ געשווינד, געשווינד, מיט אנ איבערצייַגנדיק קאָל:

— ע, אפ וואָס דארפ איכ שנייַדנ? נו, זאָג, ליבינקע, אפ וואָס דארפ איכ זיכ פארנעמענ מיט שנייַדנ די ברעטער, — גיי גיב א קוק, וועלכע ברעטער ס'ליגנ! וויפל דו ווילסט שטיקלעכ, ס'ליגנ בא אונדז אי קליינע, אי גרויסע. צוליב וואָס, זאָג, וועל איכ גיינ נעמענ דאָס, וואָס איכ דארפ ניט? איכ האָב גענומענ וואָס איכ דארפ, קליינע שטיקלעכ גענומענ אפ א טאבורעטקע.

נאָר דער ריכטערנס שאָטנ הערט דידאָזיקע געשווינדע רעדע אונ ווערט אינ דער קלענסטער מאָס ניט איבערצייַגט. אינ איר שרעקעדיקנ הוידנ זיכ אפ דער וואנט דאכט זיכ דעמ באשולדיקטנ אנ אייגענע מיינונג, אינ אויסוווישנדיק מיט דער דלאָניע דעמ שווייס פונעמ שטערנ, — דאָס מאָל שוינ עמעסנ שווייס, ניט קיינ אויסגעטראכטנ, — זעצט זיכ גריגאָר סוקיאסיאנצ שווער אנידער אפ דער באנק. קיינער הערט ניט דאָס שטילע צארטע פייַפנ פונ דער ערשטער ריי. פארשטעלנדיק מיט די הענט די ברעמענ אונ אָנשפּארנדיק זיכ מיטנ אקסל אפ וואליפּיאַנס געפּעליקנ אקסל, איז דער דייַטשישער שרייַבער פלוצלינג אנשלאָפנ געוואָרנ מיט דעמ נערוויייַשנ שלאָפ פונ א מענטשנ, וועלכנ ס'פעלט צווישנ דעמ האמוינ זויערשטאָפ. וויסנדיק דידאָזיקע אייגנשאפט פונ זייַנ גרויסנ פראָטעזשע, האלט מאָסיע וואליפּיאַנ דעליקאט זייַנ אקסל אונ לעבט העלדיש איבער די סיטואציע, ווי א מענטש, וואָס איז ארויסגעגאנ זיכ דורכצושפּאצירנ אונטער זייער א קליינ רעגנדל. ער ווייסט, אז דאָס רעגנדל וועט גיכ אופהערנ, — אונ דער שרייַבער כאפּט זיכ טאקע מיטאמאָל אופ פונקט אזוי אומדערווארט, אזוי ווי ער איז אנשלאָפנ געוואָרנ. היימלעכ צעעפנט ער די וויִעס, קוקט מיט ניט־זעענדיקע אויגנ אפ דער עסטראדע אונ שמייכלט געווירט.

— אלצ איז זייער גוט. מערקווירדיק, מאָסיע וואליפּיאַנ, וווּנדערלעכ, הער וואליפּיאַנ, דידאָזיקע הויכע בארמהערציקייַט פונ דעמ סאָוועטישנ געריכט... בא אונדז אינ פאָטערלאנד אינ אזוינע פאלנ איז פרעכע אָנגע־

שרייען, סטוסאקעס, פאָרמעלער שטאנדפונקט. נישט ריכטיק, דערדאָזיקער גאנעוו איז א בעדניאק אָדער עפשער א מיטלפויער? פארשטייט זיך, ער שעמט זיך, ער וועט זיך אָנשעמען און מ'וועט אים אָפלאָזן. אָ, גוט! מענשליך אבגעמאכט!

פארשטייט זיך, דידאָזיקע קליינע רעדע וואָלט בעסער געווען צו האלטן אפ א קאָל, ניט שטילערהייט און ניט איצט, נאָר ווי א שלוסאקאָרד, ווענדנדיק זיך מיטן פאָנעם צום ווילן רוסישן פראָלעטאריאט. ער האָט א זיפץ געטאָן און דערפילט דעם אומגעדולדיקן באגער ס'זאָל זיך שוין ענדיקן, און ס'דאכט זיך אויס, אז אלע צוזאמען מיט אים ווארטן אפן סאָף און אפ דערדאָזיקער קליינער רירנדיקער רעדע.

דער צווייטער איידעס האָט שוין דערווייל לאנג פארענדיקט זיין איידעס זאָגן, און ניט די נאָענטקייט פון סאָף, נאָר דער סאמע עכטער אינטערעס צום אָנהייב איז דורכגעלאָפן איבער די לעצטע בענק. דער צווייטער איידעס האָט אונטער דעם קרייץ־פייער פון די צדאָדים לאנג זיך באמיט צו פאנאנדערקלייבן זיך, צי די שניטן אפ די ברעטער זיינען געווען פרישע צי אלטע, צי פאר די דאשנאקעס האָט מען געמישפעט דעם באשולדיקטן צי ניט פאר די דאשנאקעס. אפ דער פראגע, וואָס קאָן ער זאָגן צו זיין פארטיידיקונג, האָט גריגאָר סוקיאסיאנצ פינצטער געענפטערט.

— גאָרנישט ניט.

3

נאָכ א קליינער פויזע הייבט זיך אופ דער באשולדיקער פון זיין אָרט. לאכנדיק ווינקט ער זיך איבער מיט דער אאודיטאָריע. שיט ארייַן, זשאלעוועט ניט! — גיבן אונטער כיישעק די רויטע קאָמיוגיסטישע שמייכלען. דער באשולדיקער האָט זיין רעדע ניט געגרייט, אפ קיין פאפירל צו פארגעדענקען האָט ער גאָרנישט ניט פארצייכנט. די ריידקונסט, — דער נאציאָנאלער טאלאנט פון ארמענער, — וועט אים ארויסשלעפן, ער האָט עס געוווסט; מארדזשאנעס שטילער, עטוואָס פארכידעשטער בליק האָט מיט א מאָדנעם פאָרוווּרף פלוצלינג איבערגעריסן זיין לוסטיקייט. ער האָט מאָדזשאנען ערשט איצט באמערקט, פונקט ווי אלע האָבן זי ניט באמערקט ביז דער מינוט. זיצנדיק מיטן פראָפיל צום פרעזידיום און מיטן פאָנעם צום זאל, האָט מארדזשאנע, פארעלטערט און אָפגעצערט, געליטן פונעם גאנג פונעם געריכט.

עטלעכע מאָל האָט זי אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ און עפּעס געשעפּטשעט אַגאַבעקן, וואָס האָט זיך צוגעמאָסטעט אונטער איר פּלייצע. איר אָנטייל אין דעם, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, איז געווען פּאַסיוו, נאָר דער בליק, וואָס זי האָט געוואָרפן אַפן באַשולדיקער, האָט מיטאַמאָל אויסגעגעבן, אַז מאַרדזשיק גיט אַ ווידערשטאַנד אינערלעך, זי פילט ניט מיט אינערלעך, זי איז ניט אײַנשטימיק אינערלעך, און אַז דער קאָמיוגיסט האָט זיך פאַרהאַקט אין סאַמע אָנהייב פון זײַן באַשולדיקונג־רעדע, איז געוואָרן אָפן פאַר אַלעמען דידאָזיקע פּאַסיווע ניט־אײַנשטימיקײַט. ס'האָט זיך איבערגעגעבן אויך צו אַנדערע אַף דער עסטראַדע און ס'האָט צוגעגעבן צו דעם אַלעמען, וואָס דאָ קומט פאָר, אַן עלעמענט פון עפּעס אַן אומבאַקוועמקײַט.

— איך פאַרגיב אַ פראַגע, — האָט אָנגעהויבן דער באַשולדיקער מיט אַ שטים אַסאַך אַ ווייניקער זיכערע, ווי ער האָט געוואָלט, — איך פאַרגיב, כאַווײרים, אַ פראַגע. צי קאָן מען אָנרופן גריגאָר סוקיאַסיאַנצן אַרבעטער? און איך ענטפער: ניין, דאָס איז ניט קיין אַרבעטער, אַזוינע אַרבעטער דאַרפן מיר ניט, פון אַזאַ אַרבעטער, ביטע, באַפרײַט אונדז. באַ וועמען גאַנוועט ער? באַ זיך, באַ זײַן קלאַס, באַ אונדזערע כאַווײרים, באַ דער קומענדיקער אָרדענונג גאַנוועט ער. איר שטעלט זיך פאָר? איר, איך, יענע כאַווײרים דאָרט און אָט די כאַווײרים, און מיליאָנען פונעם אופגעשטאַנענעם פּראָלעטאַריאַט, מיר בויען די קינפטיקע אָרדענונג צו איינציקע ציגעלעך, ברעטלעך, צוועכלעך, אונדז איז שווער, אָך ווי שווער, מיר שלעפן, מיר סאָפּען פון שווערקײַט, מיר רײַסן אײַן די קויכעס, און דערפאַר, טראַכטן מיר, דערנעענטערט זיך מיט יעדער צוועכל די הערשאַפט פון סאָציאַליזם. און פּלוצלינג באַווײַזן זיך צווישן אונדז אַזוינע ווי ער, גריגאָר סוקיאַסיאַנצן, זיי, כאַווײרים, רופן זיך אויך אָן אַרבעטער. נאָר אין דער צײַט, ווען מיר שלעפן יעדער ברעטעלע קעדיי אויסצובויען דעם סאָציאַליזם, איז זיי, כאַווײרים, שטילערהייט באַ אונדז פון אונטער דער נאָז, צעשלעפּן זיי און צעגאַנווענען דידאָזיקע ברעטלעך. זיי שלעפן זיי, איך וועל זיך דערלויבן צו זאָגן, אַף אַ טרונע פאַרן סאָציאַליזם! יאָ, אַף אַ טרונע פאַרן סאָציאַליזם! אַנדערש קאָן מען ניט אָנרופן די פאַמיליע־טאַבורעטקעס, אַף וועלכע דידאָזיקע פּאַראַזיטן פון אונדזער בויונג קוואַפּען זיך, קעדיי אוועקצוגאַנווענען די מאַטעריאַלן, וואָס זײַנען נייטיק פאַר די ציגל פון אונדזער בויונג. וועגן וואָס זאָגט עס? וועגן שעדיקערײַ פונעם

ערגסטנ מינ. מיט דעם, כאווײרימ, דארפ מענ בא אונדז מאכנ א סאָפּ. אויב ס׳וועט אזוי פּאָרגעזעצט ווערנ, וועט בא אונדז גאָרנישט ניט בלײַבנ. איינ גאנעוו וועט בא אונדז אוועקגיינ אומבאשטראָפט, און צענדליקער אנדערע וועלנ זיכ באווײַזנ אפנ באצירק, הונדערט וועלנ זיכ באווײַזנ אונ, רעכנט אויס, אויב יעדערער וועט כײשעק האָבנ צו א ברעט, וויפל אזוינע ברעטער וועלנ בא אונדז פארפאלנ ווערנ פונ די סקלאדנ? אזוי, כאווײרימ, טאָר מענ ניט, ס׳איז אומזיניק דאָס צו דערלאָזנ. הײַנט האָט ער גענומענ א ברעט, מאָרגנ וועט ער נעמענ נאָכ עפּעס מער ווערטיקס—א מאשינ־טייל, א דימענטענעמ עקבויער. איכ פּאָדער, כאווײרימ, איר זאָלט צוגיינ צו דער פראגע מיט דער גאנצער ערנסטקײַט און איר זאָלט פארמישפּעטנ גריגאָר סוקיאסיאנצנ לויטנ 180־טנ ארטיקל, האָבנדיק אינזינענ דאָס איבערכאזערנ פונ אזוינע ניט־דערלאָזבארע דערשײַנונגענ אפ אונדזער באצירק אינ דער צוקונפט.

ער האָט זיכ צעהיצט און האָט געענדיקט שוינ מיט דער פולער זיכערקײַט. עמעס, העכער האלב פונ די מאָטיוונ, פונ גוטע פארגלײַכונגענ און ווערטערלעכ, פונ דער געוויינלעכער כויזעקמאכערײַ, מיט וועלכער ס׳זײַנענ פול געוועזנ זײַנע ארויסטרעטונגענ און פאר וועלכע ער איז געפעלנ געוואָרנ דעם עולעמ, זײַנענ הײַנט אינ זײַנ רעדע ניט געוועזנ, כאָטש דידאַקטיקע אלע ווערטעלעכ האָט דער באשולדיקער צוגעגרייט און צוגעקליבנ נאָכ פריִער איידער ער איז אופגעשטאנענ. נאָר מאַרדושאנעס בליק האָט ווי א זיפל זיי דערכבעטזײַט און האָט געלאָזט אפנ אויבערפלאכ פונ דעם געזאָגטנ נאָר דאָס, וואָס מ׳האָט געדארפט זאָגנ.

דער באשולדיקטער האָט מיט נײַגיר געקוקט אפנ רעדנער אינ מעשעכ פונ דער גאנצער רעדע. אז דער באשולדיקער האָט זיכ אנידערגעזעצט, האָט ער אפילע גרינג א זיפצ געטאָנ,—פונ אומגעריכטקײַט. מ׳האָט געזענ, אז דעם סאמע איקער, דאָס, וואָס ס׳האָט אימ פערזענלעכ אינטערעסירט אָדער געשראָקנ—אפ דעם האָט ער זיכ ניט דערוואַרט.

איצט איז געקומענ די ריי פונעמ פארטיידיקער. דער האָט אנידערגעלייגט פאר זיכ א בארג דריבנע פארשיידענע בלעטלעכ פונ בלאָקנאָט. אז ער איז אופגעשטאנענ, האָט ער פריִער זיכ א צי געטאָנ צו דעמ ווײַטנ גראפינ מיט וואסער, האָט אָנגעגאָסנ, דאָרשטיק אויסגעטריקנט די גלאָז און אָנגעהויבנ ריידנ פּאטעטיש, מיט א פײַכטער שטימ, באנעצנדיק פונ צײַט צו צײַט מיט דעמ צונג די ליפּנ:

— ווענ דער, וואָס איז באגאנגענ דידאָזיקע גנייווע, גריגאָר סוקיאסיאנצ, וואָלט געווענ אנ עכטער קאדראָווער ארבעטער, דאנ, כאווײרים, וואָלטנ אַלע פײַלנ פונ אונדזער באשולדיקער, וואָס זײַנענ געלאָזנ געוואָרנ, אזוי צו זאָגנ, פונ פרינציפּיעלער הייכ, געווענ גערעכטע, אונ איכ וואָלט דער ערשטער געצווונגענ געווענ אינ מײַנ פארטיידיקונג זיכ באגרענעצנ נאָר מיט איינציקע אָנווײַזונגענ אפ פארוויכערנדיקע אומשטענדנ. נאָר טוט א קוק, טײַערע כאווײרימ, אפ ווענמ, אינ וואָס פאר א ריכטונג ס'האָבנ זיכ געשאָטנ די פײַלנ פונעמ באשולדיקער? אָט זיצט ער פאר אײַכ, גריגאָר סוקיאסיאנצ, דער לאָרישער פויער. פאר אײַכ איז א פּאָשעטער סעזאָניק, וואָס ארבעט דאָס ערשטע יאָר אפ דער בויונג. די ווירטשאפט בא אימ — נאָר צי דענ קענ מענ ערנסט ריידנ וועגנ א ווירטשאפט בא אזוינע, ווי סוקיאסיאנצ? קיינ פערד ניט, קיינ אינוווענטאר ניט, קיינ גערשטנ ניט, קיינ זאפּאסנ ניט; ווי אײַכ איז באוווסט, האָט דערדאָזיקער פויער ערד אפ האַלבע יעספּוידעס, דאָס הייסט, ער רעכנט זיכ אינ אונדזערע באדינגונגענ פאר דעמ סאמע לעצטנ אָרעמפויער. פונ דער צווייטער זײַט, טוט א קוק, וואָס האָט ער פונ דער ארבעט אפ דער בויונג? אינ דער צײַט, ווענ ער איז באגאנגענ די גנייווע, האָט סוקיאסיאנצ באקומענ א רובל מיט צוואנציק א טאָג, אנדערש רייד נדיק, ער האָט אפילע ניט געהאט די נאָרמע. איר ווייסט, ווי שווער ס'איז די שוואַרצע ארבעט ווינטער אינ אונדזערע באדינגונגענ, ווענ די ערד איז געפרוירנ, די לאָפּעטע נעמט זי ניט, מאטערסט זיכ, מאטערסט זיכ אונ קאָנסט ניט אויסארבעטנ ביז דער נאָרמע. ער, ווי איר זעט אליינ, קאָנ מיט קיינ הערקולייִשנ קויעכ זיכ ניט בארימענ. איכ הער אינ זאל א געלעכטער, אונ מיר איז א ביזויענ פאר דעמ געלעכטער. דאָ איז גאָר ניטאָ וואָס צו לאכנ, כאווײרימ, אויב פונ ניט דערעסנ אונ פונ סקאָרבוט איז א מענטש געוואָרנ שוואכער פונ א פרוי, איז אויסגעצערט פונ מאלאריע אונ קאָנ ניט גוט ארבעטנ. דאָרט שרײַט עמעצער, אז בא אונדז איז ניט קיינ העקדעש פאר אָרעמעלײַט, — בא אונדז איז א מינ שול, א שול פאר איבערדערציִענ אָט אזוינע, ווי גריגאָר סוקיאסיאנצ, אינ עכטע באוווסטזיניקע ארבעטער. אונדזער לאנד איז א לאנדווירטשאפטלעכס, איכ בעט עס ניט פארגעסנ, בא אונדז זײַנענ נײַנציק פּראָצענט ארבעטער אזוינע, ווי ער. אלזאָ, איכ זעצ פאָר. א פויער פאלט ארײַנ אפ דער בויונג, ער ווייסט נאָכ ניט, וואָס מע מעג אונ וואָס מ'טאָר ניט, אונ פאר וואָס מ'טאָר ניט. דאָס איז איצט וויכטיק צו באצייכענענ. וואָס? ער האָט

פריִער געגאנוועט? אנטשולדיקט, דער פריִעריקער מישפּעט אפ סוקיאסיאנצנ איז ניט דערוויזנ געוואָרנ, אונ ריידנ וועגנ זאכנ ניט־דערוויזענע — הייסט מאכנ בילבולים. אויב אינ סוקיאסיאנצס לעבנס־שטייגער האָט זיכ באוויזנ א באַדערפעניש אינ א טאבורעטקע, איז דאָס, לויט מײַנ מיינונג, א פּאָזיטיווער סימפּטאָמ. געוויינלעכ זיצט מענ בא אונדז אינ די אָפּגעשטאנענע פויערשע הײַזער אפ פאלאסנ, קיינ באזונדער זיצ־מעבל באנוצט מענ ניט. איכ רעכנ, אז די נויטווענדיקײַט אינ א טאבורעט איז אופגעקומענ באמ באשולדיקטנ אונטער דער ווירקונג פונ מער קולטורעלע געוווינשאפטנ, וואָס ער האָט דערוואָרבנ דאָ אפ דער בויונג.

דאָ האָט עמעצער בייז א טופּע געטאָנ מיטנ קנאפּל אינ דיל, אזויווי עמעצער וואָלט געוואָלט איבעררײַסנ דעמ אָראטער. דער פּאָרזיצער האָט זיכ גענומענ פארנ גלעקל אונ דערנאָכ האָט ער זיכ אומגעקוקט איבערנ אקסל: ס'האָט א טופּע געטאָנ אגאבעק. דער פארטיידיקער האָט פּאָרגעזעצט:

— קיינ גרויס פארברעכנ אינעמ נעמענ א ברעט פאר א באדערפיקער טאבורעטקע איז פאר קיינ פאל ניטאָ, אונ ניט נאָר איכ זע אינ דעמ קיינ זינד ניט, נאָר אפ דער בויונג, אפּאָנעמ, האָט עס אויכ ניט געהייסנ קיינ זינד, ווײַל סוקיאסיאנצ האָט גענומענ די ברעטער פאר אלעמענ אינ די אויגנ, אינמיטנ העלנ טאָג. דאָס האָט פעסטגעשטעלט דער געריכט, אונ קיינעמ איז אפילע אינזינענ ניט געקומענ אָפּצושטעלנ אימ. אפילע סוקיאסיאנצ אליינ איז, דארפ מענ רעכענענ, געווענ איבערצײַגט, אז ער טוט קיינ שומ שלעכטס ניט. אלזאָ, איכ רעזיומיר: אזויווי ס'איז ניט דערוויזנ געוואָרנ, אז סוקיאסיאנצ זאָל האָבנ געהאט אפ זיכ פריִער א מישפּעט, אונ אזויווי ס'איז ניט מעגלעכ צו רעכענענ דאָס קלײַבנ ברעטער פאר א גנייווע, אונ אויכ נעמענדיק אינ אכט די אָרעמקײַט אונ די אומבאוווסטזיניקײַט פונ דעמ באשולדיקטנ, בעט איכ אײַכ אינגאנצנ אימ פרײַשפּרעכנ, אונ איכ מיינ, אז אפ ווײַטער וועט ער שוינ מער ניט גאנווענענ!

דער פארטיידיקער האָט זיכ אנידערגעזעצט א צופרידענער מיט זיכ. סוקיאסיאנצ, א שטארק מידער, האָט געגענעצט ניט צומאכנדיק דאָס מויל. די דאמעס פונ דער ערשטער ריי האָבנ געשמייכלט צומ פארוואלטער פונ קאָאָפּעראטיוו, — ער האָט אָנ סאָפּעק באזיגט דעמ באשולדיקער. „נו, גוט?” — האָט געפרעגט דעמ פארטיידיקערס קוק, כאָטש ס'איז געווענ איבעריק צו פרעגנ. א אינעווייניקסטע שטימ האָט געכאוערט: „מאלאָדיעצ, זייער גוט!”

נאָר אז ס'איז אופגעשטאנענ ארוסיאק אונ א קלאַפּ געטאָנ מיטנ שלאָס פונ איר צעראטענעמ פּאָרטפּעלעכל, אינ וועלכנ זי האָט ערשט, א מינוט צוריק, ארײַנגעלייגט פּאפּירנ, האָט דער פּאוטיידיקער זיכ א כאפּ געטאָנ.

— איכ וועגנד די אופמערקזאמקײַט פונעמ געריכט—האָט ארוסיאק געזאָגט אונ א גלאנצ געטאָנ אינ דער זײַט פונעמ באשולדיקטנ מיט א קאָסנ בליק, — אז דער באשולדיקער אונ דער פּארטיידיקער האָבנ דורכגעלאָזט זייער א וויכטיקנ אומשטאנד. ס'איז ניט אלציינס ניט פּארנ באשולדיקטנ, ניט פאר דעמ געליטענעמ, וואָס פאר א ברעטער ער האָט געגאנוועט. ווענ ער זאָל געווענ נעמענ ניט קיינ גרויסע ברעטער, די גרייס, וואָס ער האָט געדארפט, איז אזויווי מ'האָט געפונענ אונ אומגעקערט די ברעטער, וואָלט די בויונג זיכ ניט געקאָנט האלטנ פאר קיינ געליטענעמ צאד. דער געריכט האָט אָבער אויסגע־קלאָרט, אז אזא מאָס פונ פריש אָנגעשניטענע ברעטער איז אפּנ סקלאד ניט געווענ, דער באשולדיקטער האָט, הייסט עס, גענומענ א גרויסע מאָס אונ צעזעגנ די ברעטער בא זיכ אינ ווינטער־שטיבל, ווו מ'האָט טאקע געפונענ די זעג. אזוי ארומ לײַדט די בויונג העזעק, באקומענ־דיק צוריק געפּאטערטנ מאטעריאל, אונ זי האָט רעכט צו דערלאנגענ דעמ באשולדיקטנ א טוויִע אינ דער גרייס פונ איר העזעק.

— איכ האָב ניט געזעגנ,—האָט פארצווייפלט א געשריי געטאָנ דער באשולדיקטער, אונ דאָס גענעצנ האָט זיכ מיטאמאָל אָפּגעטאָנ פונ אימ.

— כימאר!—האָט ווײַטער א געשריי געטאָנ אינ זאל אנ אומבא־קאנטער גוטער־ברודער.

דער געריכט איז ארויסגעגאנ, האלטנדיק זיכ בא דער טראדיציע. אינ א מינוט צוויי ארומ האָט ער זיכ אומגעקערט. אלע זײַנענ אופגע־שטאנענ, אונ דער אורטייל איז פײַערלעכ איבערגעלייענט געוואָרנ. גריגאָר סוקיאסיאנצ באקומט זעקס כאדאָשימ טורמע אונ ער ווערט צו־געמישפּעט אָפּצוצאָלנ דער בויונג אכט אונ צוואנציק רובל מיט פּערציק קאָפּיקעס פאר דעמ העזעק.

באלד ווי מע האָט פארעפנטלעכט דעמ אורטייל, זײַנענ פונ אוילעמ ארויס צוויי ארבעטער, זיכ אופגעהויבנ אפ דער עסטראדע אונ עפּעס געזאָגט דער ריכטערנ. דאָס זײַנענ געווענ אָרוועס־לײַט. דאָס געשעפט־לעכע באווײַזנ זיכ זייערס האָט אופגעדעקט א שטיקעלע פונ דער הינ־טערקוליסנ־זײַט פונ דעמ געריכט. ס'איז קלאָר געווענ, אז דער בא־

שולדיקטער האָט זיך שוין לאַנג מיט זיי צונויפֿגערעדט, און זיי האָבן געוואַרט אַף זייער צײַט, זיצנדיק אין זאַל. אויך איז קלאָר געווען פֿון סוקיאַסיאַנצס פֿאַריבלדיקן פּנים, וואָס האָט מיטאַמאָל פֿאַרלאָרן זײַן טאַמעוואַטעקײַט און האָט איצט געקוקט פּראָסט, קלוג און בייז, — אַז די פּאַראַגראַפֿן ווייסט ער אַליין ניט ערגער פֿון דער ריכטערן, אַז די פֿלוידערײַ פֿון דעם באַשולדיקער און דעם פּאַרטייִדיקער האָט אים אײַנגעמידט, אַז די שטראָף איז אים באַוווּסט געווען בעסער איידער אַלע די, וואָס זײַנען געזעסן דאָ אין זאַל, און אַז די גאַנצע שאַרפֿקײַט איז באַשטאַנען פֿאַר אים נאָר אין איין זאַך: צי וועט מען דערלאַנגען אַ ציווילע טוויִע, אָדער דאָס וועט קיינעם ניט אײַנפֿאַלן. די טוויִע איז פֿאַר סוקיאַסיאַנצן געווען דאָס סאַמע ווייטעקדיק אָרט.

אין איבעררײַס, אַז דער גערעכט האָט זיך געענדיקט, און אַלע זײַנען אַרויס רויכערן אין קליינעם און פֿאַרשטיקטן אַקטיאָרן־צימערל, ווו ס'איז נאָך אַלץ געזעסן דער געלער, האָט מאַרדזשאַנע געזאָגט ווענדנדיק זיך צום אָרטקאָם.

— איר אָרגאַניזירט אַזוי שטענדיק גערעכטן, צי דאָס איז דאָס ערשטע מאָל?

פֿאַרן אָרטקאָם האָט געענטפֿערט אַרוסיאַק:

— וואָס נערווירסטו זיך? וואָס געפֿעלט דיר ניט? איך ווייס, מאַרדזשאַנע, — האָט זי איבערגעשלאָגן, ווען יענע האָט זיך געקליבן עפּעס זאָגן, — איך ווייס, שווײַג. ניט מאַך, איך בעט דיך, קיין אויספֿירן. אונדז איז זייער וויכטיק לייזן די פֿראַגע פּראַקטיש, ס'זאָל זיך אַף ווײַטער קיינעם מער ניט גלוסטן. קיין מאָראַל איז דאָ ניט שײַך. אויב דו וועסט אים זינגען פֿון הויכע מאַטעריעס, וועט ער מאָרגן ווידער גאַנווענען. עפּעס אַנדערש איז, אַז מע מוז צאָלן מעזומאָנים...

נאָר מאַרדזשאַנע האָט זיך אַ קנייטש געטאָן. ניט דאָס, ניט דאָס! אַרוסיאַק מיט דער גאַנצער קראַפֿט פֿון אירע יורידישע טאַלאַנטן האָט איצט מיט איר ניט־פֿאַרשטיין אָפּגעשטויסן פֿון זיך מאַרדזשאַנען.

— די פֿאָרם פֿון גערעכט איז אין טאָך איצט שוין פֿאַרעלטערט, — האָט שטיל זיך אָפּגערופֿן דער געלער, אויפֿשטייענדיק פֿאַר מאַרדזשאַנען. — דאָס פֿאַרברעכן ווערט ערגעץ פֿאַרפֿאַלן, דער מענטש ווערט פֿאַרפֿאַלן, ס'גייט אַ געראַנגל אַף פֿאָרמעלער פֿלינקײַט. ניט קאָנקרעט, ס'בינדט זיך ניט מיט דעם גאַנצן — דאָס איז דער איקער. נאָר איך רעכן, — האָט ער צוגעגעבן, ווײַל אַלע האָבן געשוויגן, און אַגאַבעק איז

מיט קאס ארויסגעגאנגענ פונ אקטיאָרנ־צימער,—איכ רעכנ, אז ניט נאָר דער געריכט איז דאָ שולדיק, נאָר אונדזער גאנצע סיסטעמ פונ עסטראדע, די פײַערלעכקײַט, פאלשקײַט.

— יערונדא!—האָט איבערגעריסנ ארוסיאק,—דיאלעקטיק! מיר טוענ אונדזערס, די מאסע טוט אירס, אונ דער רעזולטאט וועט זיכ באקומענ א פּאָזיטיווער, אָט וועט איר זענ!

4

פארכידעשט אונ קימאט שאָקירט קוקט דער דײַטשישער שרײַבער אפ זײַנ שאָכנ פונ רעכטס. מאָסיע וואליפיאנ קאָנ ניט געבנ קיינ דערקלערונגענ—ער איז אנטלאָפנ רויכערנ. דערקלערונגענ זײַנענ אָבער נייטיק: לעבנ דעמ דײַטשישנ שרײַבער האָט זיכ ערשט אנידערגעזעצט, פרעכ אָנגערוקט דאָס היטל ביז די סאמע ברעמענ, אינקאס, נאָר אויסערגעוויינלעכ באריידעוודיק, פלאפלענדיק אפ זײַנ גאָרגלדיקער שפּראכ עפּעס גיכ, גיכ, מיט א עקלדיקנ כאפּ־לאָשנ—דער גאנעוו אליינ, גריגאָר סוקיאסיאנצ. זײַנע צוויי אָרוועס־לײַט האָבנ נאָענט צוגעבויגנ די קעפּ, אונ אינדרײַענ מיט סוקיאסיאנצנ אפ צוויי שטולנ הערנ זיי אונ טוענ זיכ א זידל, אָדער עפּשער גיבנ זיי אונטער כיישעק. קיינ איינער פונ זיי שענקט ניט קיינ אופמערקזאמקײַט דעמ דײַטשישנ שרײַבער, וואָס האָט מאיעסטעטיש אויסגעשטעלט די ברוסט. די קליינע אונ רירנדיקע רעדע שטיקט דעמ אויסלענדישנ גאסט, ווי א געשווילעכצ אינ דער וואָליע. דאָס מאָל פארשטייט ער ניט גאָרנישט, ס׳קומט אימ אינ קאָפּ ניט ארײַנ דער איינער, סאמע פּאָשעטער געדאנק: אז דאָס אלצ טוט זיכ גאָרנישט אימ אפצעלאָכעס אונ אויכ ניט פונזײַנעטוועגנ, נאָר אז אינ גאנג פונ די געשעענישנ האָט אי דער אוילעמ, אי דער אָנפירער, אי די אדמיניסטראציע פּאָשעט אינ אימ פארגעסנ.

דער מײַסטער, דער לאטיש, וואָס מ׳האָט אימ אָנגעזאָגט מיקויעכ דעמ באגריסונג־וואָרט, האָט אויכ אינ אימ פארגעסנ. עפּעס פארצייכנט ער מיט א גרויסנ בלויענ בלײַשטיפט צו זיכ אינ ביכעלע ארײַנ, אראָפּלאָזנדיק די קײַלעכיקע ברילנ נידעריק אפ דער נאָז מיט די בראָדיווקעס. פלוצלינג האָט זייער א הילכיקע טשאקנדיקע שטימ זיכ דערהויבנ איבערנ זאל, קימאט איינצײַטיק מיט סטעפאנאָסעס דעליקאטנ קלונג. סטעפאנאָס איז א צעקראָכענער פּאָרזיצער. די געשעענישנ פארלויפנ אימ שטענדיק דעמ וועג. דאָס וואָרט געהערט דעמ אָרטקאָמ אגאבעקנ.

װענ דער הױקער האָט אָנגעהױבנ רײדנ, האָט פונ די צװײ אינ מאַרטאָװער נאַכט אַרײַנ צעעפנטע טירנ געדיכט זיך א װאָלגער געטאָנ דער אױלעמ צוריק אינ זאַל אַרײַנ. באַזעצנדיק זיך װי ס'ניט איז, איבערגעמישט, האָט ער צעשטערט די פריערדיקע מעכיצעס, און איצט האָט זיך אַלצ צונױפגעגאָסנ: די װײַסע קעפ פונ רוסנ מיט די שאָפענע היטלענ פונ אַרמענער, די פוראַזשקעס פונ א טעכניקער מיט דער מאָדנער פריזור פונ מאַריאַנקע דער אופראַמערנ, די קאָנטאָר איז אַרײַנגעפאַלנ אינ דער געדיכטעניש פונ דער פאַרטײ־אינטעליגענצ,—מיט אײנ װאָרט, ס'איז שױנ ניט מעגלעך געװאָרנ, פירנדיק מיט די אױגנ פונ דער עסטראַדע, אָפצושטעלנ זיך אפ באַזונדערע כאַראַקטערישע גרופעס מענטשנ, װאָס יעדערע פונ זײ האָט אפ שטענדיק אָפגעקליבנ אַנ אײגנ אָרט. און דער הױקער אַגאַבעק האָט בײַז אַרױסגעװאָרפנ װערטער, געקוקט גלײַך אינ דער געדיכטעניש אַרײַנ, עפעס אפ א פאָקוס, װאָס ער האָט זיך אינ געדאַנק פאָרגעשטעלט און װאָס האָט אָנגענומענ בעהאַדראָגעדיק אַלע נײטיקע פאָרמעס פונ א צוהערער, אָט א געזידלטנ, אָט א מיטפילנדיקנ און אָט אזא, װאָס טשאַטעװעט צו מאַכנ אַנ אָנפאַל. דער הױקער אַגאַבעק האָט פלוצלינג מיט דער גאַנצער שװערקײַט פונ זײַנ אַרױסטרעטונג דערמאָנט, אַז אינ זאַל גײט אַנ אַלגעמײנע פאַרזאַמלונג און אַז ניט נאָר זי איז נאָך ניט געענדיקט, נאָר האָט זיך אפילע נאָך ניט אָנגעהױבנ.

— דאָ האָט זיך אײנ כאַװער אױסגעדריקט, אַז בא אונדז איז ניט קײנ העקדעש...

— ש־ש־ש!—האָט װײַך אָפגעשטעלט דעמ זאַל סטעפאַנאָס, און ניט דערװאַרטנדיק זיך אפ שטילקײַט, האָט ער אָנגעהױבנ קלינגענ מיט אַלע קױכעס,—כאַװײרימ, איך בעט זיך פירנ אָנשטענדיק! דאָס װאָרט געהערט דעמ פאָרזיצער פונ אָרטקאָמ.

— װעמענ ס'איז אינטערעסאַנט צו טומלענ, דער זאָל אַרױסגײנ!—האָט הילכיק פאָרגעזעצט אַגאַבעק.—איך כאַזער איבער, אײנער האָט זיך דאָ אױסגעדריקט, און ריכטיק זיך אױסגעדריקט, מיקױעך א העקדעש. דער כאַװער פאַרטײדיקער האָט אימ געענטפערט, אַז בא אונדז איז ניט קײנ העקדעש, נאָר א שול, און פאַר אַזױנע ענלעכע צו סוקיאַסיאַנצנ אומבאַװוסטזיניקע אַרבעטער װעט בא אונדז זײַנ א פראָלעטאַרישע לערע. פונדעסטװעגנ פרעג איך אײַך, כאַװײרימ, ס'אַרא גוטע, שױנ אײנמאָל א פראָלעטאַרישע שול איז בא אונדז אפנ באַצירק! װו איז דאָס געזענ

געוואָרנ, אז קלעצער אונ ברעטער, באארבעט־מאטעריאל פונ א הויכער פרײַז, וואָס מ׳שטעלט צו אהערצו פאר פינפ הונדערט אונ אפילע מערער קילאָמעטער, זאָלנ זיכ וואלגערנ אָנ א שמירע איבער דער גאנצער טעריטאָריע פונעמ באצירק, אונ דער פארוואלטער מיטנ סקלאד זאָל קוקנ אפ פייגעלעכ אינ הימל? ווו איז דאָס געהערט געוואָרנ, אז סוקיאסיאנצ זאָל קענענ אוועקגאנווענענ אָנ א שטערונג זיבנ אונ צוואנציק ברעטער, אונ ערשט אפ דער אכט אונ צוואנציקסטער האָט ער זיכ געפאקט? אוועקטראָגנ פונ באצירק אינ דאָרפ ארײַנ אפ עטלעכע קילאָמעטער זיבנ אונ צוואנציק ברעטער אפ אייגענע פלייצעס—דאָס איז דאָכ ניט קיינ שפילקע. איינ ברעט, כאווײַרימ, האלט פיר מעטער די לענג, פופציק סאנטימעטער מיט עפעס די ברייט, זי האָט אינ זיכ היפש וואָג, שלעפנ זי אומבאמערקט איז פאר קיינ פאל ניט מעגלעכ. אסאכ, הייסט עס, האָבנ געזענ, ווי סוקיאסיאנצ האָט געשלעפט די ברעטער, אונ זיי האָבנ גאנצ רויִק געקוקט אפ דעמ. אָט, ווו איכ רעכנ, ס׳שטעקט די קראנקע פראגע פארנ באצירק. א שול, כאווײַרימ, דאָס איז גאָרניט אזוי פראָסט. פונ הימל וועלנ אפ אײַכ קיינ גוטע מײַלעס ניט פאלנ, אינ קלייטל גרייטערהייט קויפט מענ זיי ניט. ווילסטו דיסציפלינ, ווילסט אָרנטלעכקײַט דערציִענ, ווילסט פונ א פינצטערנ מענטשנ ווערנ א באוווסטזיניקער פראָלעטאריִער, וועסטו דאָס אלצ פונ ביכל ניט אויסכאזערנ. ניינ, אנטשולדיקט, כאווײַרימ, ס׳איז ניט אויסצוכאזערנ פונ ביכל. אזא עקזאמענ קאָנ מענ ניט אָפגעבנ פונ לערנביכלעכ. געשעפט פאָדערט דיסציפלינ, פאָדערט פירנ א כעזשבנ פונ די זאכנ, אז אלצ זאָל זײַנ אוועקגעשטעלט אונ אָרגאניזירט, וואָרעמ אָרנטלעכקײַט איז א רעזולטאט פונ אלגעמיינער אָרדענונג. ווענ בא אונדז פוילט מעלוכיש גוטס אָנ כעזשבנ אונטערנ רעגנ, הייסט עס, אז מיר דערציִענ די סוקיאסיאנצנ צו גנייווע. איכ לייג פאָר, כאווײַרימ, אפ א שלאָגלערישנ אויפנ אופדעקנ די דעפעקטנ אונ די ניטאָרגאניזירטקײַט מיט דעמ ציל וואָס גיכער זיי אויסצולעבנ. זאָגט זיכ ארויס, כאווײַרימ, ווער וואָס ס׳קענ וועגנ דער פראגע. כאווער פאָרזיצער, עפנ דעבאטנ אָנ פאָרלויפיקנ פארשרײַבנ זיכ צומ וואָרט.

צו דעמ, אפאָנעמ, האָט קיינער פונ פריִער זיכ ניט געגרייט, נאָר באלד טאקע זײַנענ עטלעכע קעפ ווי באנקעס ארויסגעשפרונגענ פונ איבער דער אלגעמיינער מאסע. ניט געפעלט איז צו דער עסטראדע ארויסגעגאנגענ דער מײַסטער, דער לאטיש. ער האָט באהאלטנ דאָס ביכעלע אונ דעמ גרויסנ בלויענ בלײַער אינ דער ברייטער קעשענע

פונעמ בלויענ פרענטש, די הענט האָט ער פארלייגט אפ דער פלייצע. אונ ריידנדיק האָט ער געדרייט די נאָז, ווי דעמ שארפ פונ א שיפ, אמאָל אפ רעכטס אונ אמאָל אפ לינקס, ארייַנשווימענדיק מיט זייַנ באסאָווער רעדע אינ דער געדיכטעניש פונ די צוהערער.

— בא אונדז איז פאראנ אפנ באצירק אנ איבעריקע צאָל מאטעריאלנ, א טייל פונ דעמ איז ניט דיסקאָנטירט. פונ דער באזע באקומענ מיר אָנ דאָקומענטנ, אונ מיר נעמענ צו נאכלעסיק. אזוי האָבנ אפנ צווייטנ סקלאד צוגענומענ ארמאטור נישט קיינ באהאוונטע מענטשנ, זיי האָבנ אָנגעוואלגערט פריִער, סאמע אונטנ, די קעסטלעכ, וואָס זייַנענ גענייטיק אינ דער ערשטער ריי, אפ זיי — ווינציקער נייטיקע, אונ גאָר אויבנ — דאָס גוטס, וואָס די ריי פאר דעמ איז פאר קיינ פאל ניט פריִער פונעמ קומענדיקנ קווארטאל. דאָס הייסט — ניט קיינ אָרדענונג. די טרעגער לאכנ פונ דעמ פארוואלטער מיטנ סקלאד, פאר די ארבעטער איז עס אנ איבעריקע אָנלאָדונג. איצט ביז מ'וועט זיכ דערגראָבנ צו די אונטערשטע קעסטלעכ.

— די הענט האָב איכ אָנ זיי ארומגעריסנ!

— פונעמ אָרט רעד נישט, גיי ארויס צו דער עסטראדע!

— די ארבעטער באליידיקנ זיכ, פאקט!

— דער שעפ פונעמ באצירק איז פונ פארצוויי כאדאָשימ אפנ סקלאד ניט געווענ...

— אונ די לעמפלעכ האָט מענ באקומענ צעקלאפט, מ'האָט געמאכט אנ אקט, אז דאָס אייַנפאקנ איז שולדיק, א ליגנ, — ניט דאָס אייַנפאקנ איז שולדיק!

— אוועטיס, רעד ניט פונעמ אָרט!

— וואָס איז, איכ וועל ניט פונעמ אָרט אויכ זאָגנ! — א שווארצויגיקער באָכער אינ א לעדערנעמ רעקל גייט ארויס צו דער עסטראדע. — דאָס אייַנפאקנ האָט אהער קיינ שייַכעס ניט, אונדזער יונגער אינזשענער־עלעקטריק, ער וואָלט זיכ נאָכ געדארפט פריִער צולערנענ, איידער ער זאָל געהאלט באקומענ. ער פאָרט ארומ אינ קאָמאנדירונגענ נאָכ מאטעריִאלנ אונ ברענגט ניט דאָס, וואָס ס'פאָדערט זיכ. די לעמפלעכ האָט מענ פאר אימ אינ די אויגנ פארפאקעוועט, ער האָט זיי ניט ריכטיק אינ באגאזש אָפגעגעבנ. די פירמע וואָלט בעסער צוגעשיקט, אונ זיי וואָלטנ זיכ ניט צעבראָכנ, אונ איבער אימ האָט די בויונג העזעק דרייַ הונדערט רובל. דו זאָגסט אימ, דרייט ער מיט דער נאָז: ניט דייַנ זאכ. וואָס הייסט עס אזוינס, ניט דייַנ זאכ? א ליגנ! אונדזער זאכ! דער ארבעטער איז א באלעבאָס. דעמ פאָלקס קאָפיקעס, ניט דייַנע ווערנ־

פֿאַרפֿאַלנ. אויב דעם אַרבעטער זאָגט מענ „ניט דײַנ זאַכ“, איז וואָס איז דאָס? א שול, נאָכ אײַכ נאָכ?

— ווידער פֿערזענלעכקײַטנ!—האָט א זיפֿצ געטאָנ אינ די ערשטע רייענ דעם רעכענונגפֿירערס ווײַב. אי איר, אי איר שכיינע איז געווענ לאַנגווײַליק ביז צום גענעצנ. זייער קאַוואַליער, וואָלאָדיע דער קאָנטאָר־שטשיק, איז געזעסנ פֿינצטער אונ האָט זיכ ניט געווערטלט. אונ אַלצ הײַנט אינ קלוב איז עפּעס ווי אפֿ ניט צום גוטנ: די געוויינלעכע ערטער, וואָס מ׳פֿלעג שווײַגנדיק לאָזנ פֿאַר זיי, זײַנענ פֿאַרנומענ. די שכיינים האָבנ זיכ איבערגעמישט, אונ זיי האָבנ פֿאַרלוירנ אינעם אוילעם די זייעריקע. אנ עמעסע אויסלייזונג איז געווענ, כאָטש א פֿאַרשפּעטיקטע, נאָר זייער א נייטיקע, דאָס אָנקומענ פֿונעם נאַטשקאַנצ, זאַכאַר פּעטראָוויטשנ,—זײַנ געקרײַזלטער גרויִלעכער קאָפּ האָט זיכ פּלוצלינג באַוויזנ איבערנ אוילעם. זאַכאַר פּעטראָוויטש איז זיכער געגאַנ צו די ערשטע רייענ, ער האָט צוגעפּײַפֿט א פֿריילעכ מאָטיוול.

— נו, ווי?

— אָט ווי,—דעם אַגענט אײַערנ זוכט אפֿ דער עסטראַדע.

זאַכאַר פּעטראָוויטש האָט אפֿ וואָלאָדיעס מאָדנעם ענטפֿער נישט געווענדעט קיינ שום אויפֿמערקזאַמקײַט. מיט א גוטמוטיקער באַוועגונג פֿונ דער האַנט האָט ער אַראָפּגענומענ פֿונעם שטול די צוויי יאַטלעכ, אויסגעווישט דעם שטול מיטנ נאָזטיכל, זיכ געזעצט, דאָס נאָזטיכל באַהאַלטנ אינ דער הויזנ־קעשענע אונ ווידער צעשטרייט געפֿרעגט וואָלאָדיענ דעם קאָנטאָרשטשיק.

— נו, ווי?

— איכ האָב דאָכ אײַכ געזאָגט, זאַכאַר פּעטראָוויטש, אײַער נײַער אָנגעשטעלטער איז אינ פֿאַוואָר, מ׳האָט אימ אָנשטאָט מיכ פֿאַר א קאָנפֿעראַנסיע אײַנגעלאַדנ. מיט אַגאַבעקנ דאָרט אפֿ דער עסטראַדע דרייט ער זיכ אַרום. פֿונוואַנענ, אַגעוו, קענט איר אימ?

נאָר זאַכאַר פּעטראָוויטש איז געווענ עפּעס זייער שטאַרק צעשטרייט, ער האָט ווידער דורכגעלאָזנ די אַלע רייד פֿאַרבײַ די אויערנ. זײַנע קײַלעכיקע אונ פֿריילעכע אויגנ האָבנ זיכ אײַנגעקוקט דאָ אונ דאָרט אינעם אוילעם ריידנדיקע, דערנאָכ האָט ער מיט באַטאַמטקײַט א כראַקע געטאָנ, א שפּײַ געטאָנ אפֿנ דיל, צענומענ די קני אונ טאַקע באַלד אָנגעטראָטנ אפֿנ שפּײַ, אונ אינ גאָרגל בא אימ האָט אָנגענעמ א בורטשע געטאָנ נאָכנ דורכרייניקנ.

— נו און נו, מ'שנײַדט אַפּ אַלע ליניעס. און איך, דעם עמעס זאָגנדיק, בין געגאַנגען אַפּן קאָנצערט. וואָס איז דאָס? וועמענס מײַנונג זײַ?

אַ קלײנינקער מאָגערער אַרבעטער מיט רויטע פּלעקן אַפּ די באַקנביינער האָט געהאַריקעט.

— ... דאָרט, זאָג איך, טאָר מען קיין ליניע ניט דורכלײגן, די וואַסער אין טײַך וועט זיך אופהייבן, אין צוויי שאָ אַרום וועט מען דאַרפן צענעמען. און דער שעף פון באַצירק: טו וואָס מע הײסט. פערציק מענטשן האָבן פונעם אָנשיט אַראָפּגעטראָגן די שפּאַלעס, די וואַסער האָט זיך אופגעהויבן. מ'זאָל ניט געווען צוריק איבערשלעפּן, וואָלט אַוועקגעטראָגן אונדזערע שפּאַלעס אַזש אַפּ דער סטאַנציע. דאָס, פרעג איך, איז אַ באַפעל? צי דאַרף דער אַרבעטער, צי עפּשער ניט, אַ ריכטיקע אָנפירונג האָבן? אַפּ וועמעס־זשע כעזשבן איז עס דאָס צעטרענצלען? רעכנט אַ מעסלעס אַרבעט פון פערציק מענטשן, און אַ טייל שפּאַלעס האָט אונטערגעווייקט, און אַ טאָג האָט מען פאַרלוירן, און די אַרבעט אַפּן בריק שטייט, ניטאָ מיט וואָס צו פעסטיקן די דאַמבע. דאָס, זאָג איך, איז אַ גאָרנישטיקע אָנפירונג, מ'שלאָגט אַראָפּ פון וועג, נאָך דעם וועט קיין גלויבן אין דער אַרבעט ניט זײַן...

— ווער רעדט עס? — האָט זיך פאַרזשמורעט דער נאַטשקאַנץ, — סאַמסאָנאָוו מיכאַיל רעדט?

מער האָט ער גאָרנישט ניט געזאָגט, נאָר וואָלאָדיע דער קאָנטאָרשטשיק האָט זיך דערפילט אַביסל בעסער. אָנבויגנדיק די טשופּרינע, האָט ער אָנגעהויבן שעפּטשען דעם נאַטשקאַנץ אין אויער אַרײַן.

— דער „שעדלעכער" האָט ווידער אַרויסגעלאָזן די זשימערס, גלאַט אין דער וועלט אַרײַן — נאָכן געריכט, — און נאָך אין דער אָנוועזנהײַט פונעם דײַטש. אַסאַך האָבן דאָ גערעדט. דער בויערער זאַכאַריאַן, אַוועטיס פון סקלאַד, דער מײַסטער לייטיס האָט גערעדט...

— לייטיס האָט אויך גערעדט?

— דער ערשטער אַרויסשפּרינגער!

נאָר דאָ האָבן ביידע באַמערקט אַ בליק פון אַן אַרבעטער, וואָס איז געזעסן אין שכיינעס, און זיי זײַנען אַנשוויגן געוואָרן.

5

זאַכאַר פּעטראָוויטש האָט אַפּ זײַן שטייגער פאַרשטאַנען דיסציפּלין, אַפּ זײַן שטייגער פאַרשטאַנען דינסט. בײַ אים איז געווען אַ פאַרענ־

דיקטע אידעאָלאָגיע און אַ אָנפּעלעריקע פּראַקטיק. דער ערשטער געבאָט זאַכאַר פּעטראָוויטשעס: אַלץ זאָל גיין גלאַט, און דער צווייטער געבאָט: טון אַ זאַך אָן טומל. אַז דער שעף פון דעם באַצירק, לעוואָן דאַווידאָוויטש, האָט נערוויִיש געקנאַקט מיט די פינגער און אין פּאַניק געכאַזערט, אַז ניין, מ'קען ניט אַרבעטן, נאָך הײַנט וועט ער אָנגעבן אַ מעלדונג וועגן אַוועקגיין, פלעג זאַכאַר פּעטראָוויטש אים באַרויִקן מיט עטלעכע ווערטער:

— העכער דעם קאָפּ וועלן זיי ניט אַריבערשפּרינגען.

ער האָט פעסט געגלייבט אין דער מיטלער ליניע פון דער וועלט־אָרדענונג. די מיטלע ליניע פון דער וועלט־אָרדענונג שליסט אויס לאַנגדויערנדיקע אומרויִקײַט: איבערהאַלטן אַ מענטשן אַף אומרויִקײַט איז פאַר קיין פאַל ניט מעגלעך,—ער וועט אַביסל זײַן אומרויִק און וועט אַרײַן אין דער נאָרמע. עסן און טרינקען דאַרף יעדערער, דער שלאָף וועט אין זײַן צײַט דעם בעסטן זעלבסטקריטיקער אומוואַרפן, און אָן אַ ווײַב קאָן מען זיך אויך ניט באַגיין. אויסוואַרטן די צײַט— דאָס איז די טאַקטיק, ווײַל די צײַט אַרבעט פאַר יענעם, ווער ס'איז רויִק, ווער ס'ברענגט ניט אויס קיין נערוון און וואַרפט ניט אַרויס קיין ווערטער. וואָס ווינציקער ווערטער,—יעדער וואָרט וואַקסט אויס הינטער דער פּלייצע, ווי אַ בוים. דו וועסט זאָגן „אַ גוט מאָרגן", וועט עס אין אַ יאָר אַרום זיך אָפּרופן „געגעבן כאַבאַר".

אָט ווי ס'האָט פילאָזאָפירט זאַכאַר פּעטראָוויטש אײנער אַליין מיט זײַנע נאָענטע. איבעריקנס, האָט ער ליב געהאַט די אַרבעט, און די אַרבעט האָט אים ליב געהאַט,—די קאָמפּליצירטע אַרבעט פון הינטערשטן אַרײַנגאַנג, פון צווייענדיקער בוכהאַלטעריע, פון פּאַראַלעלער רעכנפירונג, פונעם אַדמיניסטראַטערס בײַדל, פון באַצײַטנס פאַרשווײַגן. און דער גרונט פאַר זאַכאַר פּעטראָוויטשעס טאַקטיק איז געווען דער קלאַל:

„יעדער שעף איז אַ גוטער".

— דער כילעק צווישן אונדזערע און זייעריקע—פלעג ער זאָגן וואולגאַריזירנדיק די שפּראַך און ווינקענדיק אין דער זײַט פון די „זשימערס"— דער כילעק איז, וואָס פאַר אונדזערע ברידער איז קיין שלעכטע נאַטשאַלסטווע ניטאָ, און פאַר זייערע ברידער איז קיין גוטע נאַטשאַלסטווע ניטאָ.

אַז סאַמסאָנאָוו האָט געענדיקט, האָט זאַכאַר פּעטראָוויטש צום ערשטן מאָל אופמערקזאַם גענומען קוקן אַף דער עסטראַדע. דאָ האָט ער, צו

זײַנ גרויסער פארוווּנדערונג (הײסט עס, וואָלאָדקע לײַגט ניט!), דערזעג דעמ געלנ, ריכטיקער, ניט דעמ געלנ, נאָר דאָס שמאָלע ספּאָרטיווע בעזל פונ זײַנ אמעריקאנישנ שוכ, וואָס האָט אויסגעגעבנ די אָנוועזנהײַט פונעמ געלנ הינטער דער נאָענטסטער קוליסע לעבנ טיש.

— אנו נאָר, זעצט זיכ נאָר, — האָט קורצ געזאָגט דער נאטשקאנצ, אָנ שומ צערעמאָניעס אָפּשטופּנדיק דעמ שאָכנ אפ זײַנ אָרט און אלײנ איבערזעצנדיק זיכ אפנ פרעמדנ אָרט, — אנו נאָר, לאָמיר האָרכנ.

נאָר „האָרכנ” האָט ער זיכ אפילע ניט געקליבנ. מאכנדיק א גרימאסע פונ א טויבלעכנ און ווי אָנצילנדיק די אויערנ אפ דער הויכער שטימ פונ דעמ אָרדנטלעכנ „זשימער”, האָט זאכאר פּעטראָוויטש אינדערעמעסנ מיט בײדע אויגנ געקוקט אפנ „ארכיוואריוס”. דעמ געלנ האָט מענ פונדאנענ געזענ. ער איז געזעסנ אינ זײַנ געווײנלעכער פּאָזע פארוואָרפנ א פוס אפ א פוס, צוגעדריקט די עלנבויגנס צו די זײַטנ, בײדע הענט אינ די קעשענעס; א שטיל בלינצלענ פונ דיברילנ אפנ פּאָנעמ, ווו נאָר די פּעסט פארקלעמטע ליפּנ האָבנ גערעדט וועגנ כאראקטער, און דאָס איבעריקע איז אײַנגעשלאָסנ און שווײַגט. דער רועכ ווײסט אימ, פונוואנענ קומט ער, אָט דער מענטש! ס'איז נאָכ קײנ שאָ ניט אוועק, און ער האָט זיכ שוינ צוגעלעקט. אוי־אוי, זאכאר פּעטראָוויטש, ביסטו ארײַנ אינ פּעסל!

אזוי אנערעכ האָבנ זיכ צעשפּירט אינ ווערטער די אומקלאָרע געפילנ, וואָס ס'האָט דערוועקט אינעמ נאטשקאנצ דעמ געלנס באקוועמע פּאָזע אפ דער עסטראדע. ס'איז געווענ מאָדנע און אומאנגענעמ צו זענ דעמ אײגענעמ אָנגעשטעלטנ אינגאנצנ אומאָפּהענגיק. מעגלעכ עפּשער, אז ער איז אָפּגעהאנגענ, נאָר ניט פונעמ נאטשקאנצ, פונ זאכאר פּעטראָוויטשנ. דאָס בעזל פונ זײַנ שארפנ שוכ איז געווענ אינ א פּאמיליארער נאָענטקײַט צומ שטויביקנ שטיוועלע פונ דעמ פרעמדנ מײדל, וואָס האָט ארויפגעלאָזט דעמ קאָפּ אינ די דלאָניעס, — א פּארטײיִשע דארפ זי זײַנ; און דער אָרטקאָמ אגאבעק איז געווענ ניט ווײַט פונעמ געלנ, — דאָס מײדל, דער געלער, אגאבעק — יעדערער האָט אפ זײַנ אויפנ געהערט: די ערשטע אינ גאָרער פארטראכטקײַט, צונויפגערוקט די ברעמענ, דער צווײטער, ווי א גרויסער פּאָרעצ, דער דריטער — בײַסיק, מיט א שטיפּטל איבער א צונויפגעקנײטשטנ פּאפּיר. אפילע סטעפּאנאָס גיט ניט אכטונג אפ דער צײַט און הערט, — און דאָס באמערקט ער ניט, אז די צײַט איז שוינ נאָכ האלבער נאכט און אז די אקטיאָרנ, וואָס זײַנענ

געקומענ אפנ קאָנצערט, זײַנענ שוינ לאַנג אוועקגעפאָרנ צוריק אפ דער סטאנציע. אָט האָסטו דיר א קאָנצערט! דער רוח ווייסט וואָס דאָס איז פאר א נאטשאלסטווע. געפונענ א צײַט פאר אנ אלגעמיינער פאר־זאמלונג!

די ארבעטער אינ זאל האָבנ דורכגעוואלגערט אלצ: דאָס באגריסנ דעמ דײַטש, מארדזשאנעס פאָרטראג, דעמ דיווערטיסמענט און, אויב זאָגנ פינקטלעכ, אויכ אפילע גריגאָר סוקיאסיאנצנ מיט זײַנע ברעטער האָבנ די ארבעטער דורכגעוואלגערט, ווײַל אָט זיצט ער, סוקיאסיאנצ, לעבנ דעמ שרײַבער, אונ גאָרניט אָנשטענדיק נעמט ער אָנטייל אינ די דעבאטנ. קײַקעלעכ פאפיר פליִענ איינס נאָכ דעמ אנדערנ אפ דער עסטראדע, סטעפאנאָס קלײַבט זיי אופ מיט זײַנ פלאטשיקער גרוילעכער האנט, ער צעוויקלט זיי, ווי מ'שיילט געקאָכטע קארטאָפל, אונ טראָגט זיי אונטער קורצזיכטיק צו די צוגעזשמורעטע אויגנ, — דאָס קופּקעלע צעטעלעכ וואקסט לעבנ אימ אונ וואקסט. פונעמ אָרט מאכט מענ מעל־דונגענ. יעדער אָראטער איז די צײַט פארקירצט ביז דרײַ מינוט, אונ עס דאכט זיכ, אז ס'וועט קיינ סאָפ ניט זײַנ.

— אָט וואָס ס'הייסט א האלב יאָר ניט געווענ קיינ פראָדוציר־באַ־ראטונגענ! — זאָגט קאָסארענקאָ צו זײַנ שאָכנ. ווענ דער שעפ פונ באַ־צירק וואָלט דאָ הײַנט געווענ אונ געהערט. ווי איז ער עס נעלעמ געוואָרנ?

שטיל אונ ווי אופגעכאפט פונ שלאָפ הייבט זיכ ענדלעכ אופ דער געלער פונ דעמ אָנגעוואָרעמטנ טאבורעט, די פוס איז אימ פארזעסנ — ער פאלט ווי א הילצערנער. ס'איז אימ טרוקנ אינ מויל, די שפּיצ פינגער זײַנענ פארקליאקנעט פונ דער ענגשאפט פונ די קעשענעס. זײַנע אויגנ זוכנ מארדזשאנעס בליק אונ באגעגענענ זיכ מיט אימ. אינ א ענגנ קרײַז, צעהיצטע אונ געפלעפטע פונעמ בארג אײַנדרוקנ, פונ דער סימ־פאָניע פונ הונדערטער פארטיטורעס, גייענ זיי אלע צוזאמענ אראָפּ פונ דער עסטראדע, אונ דעמ געלנ ווילט זיכ שרעקלעכ נעמענ מארדזשאנענ אונטער דער האנט, ווי דאנ אפנ טונקעלנ שאָסע, אונ ריידנ מיט איר אונ הערנ איר שטילע, צארטע שטימ. נאָר דאָס לעצטע וואָרט געהערט דער שלעכטער פייע פונ דעמ מײַסעלע. אומגעריכט אונ אומגערופנ דערשײַנט זי פלוצלינג, ווי ס'וואָלט זי פארטראָגנ אהער דער קאפריז פונ דעמ האַ־מוינ, פונ הינטער דעמ ענגנ קרײַז פונ פרעזידיום, קלינגענדיק דינ מיט די עקנ פונ דעמ קאווקאזישנ גארטל, גוטמוטיק זשמורענדיק מיט

די שמאָלבלעכע אויגן, נאָענט און פעסט אָנגרײַפנדיק אפֿן געלן און אָפּצוימענדיק אים, אָפּנויגנדיק, אָפּציִענדיק אים, פֿאַרטרײַבנדיק אים, ווי א גרויסן געכאפּטן פֿיש, אין אן אנדער סאָציִאלער פּלאַץ, אין א וועלט פֿון אנדערע באַציִונגען, פֿון אנדערע באַגריפֿן, פֿון אן אנדער זײַן.

— א גוטער, ארנאָ אלעקסאנדראָוויטש, א גוטינקער אײַך.

דער געלער האָט אופֿגעוואַכט,—ארום אים טומלען די לעצטע פֿון קלוב ארויסגייענדיקע ארבעטער. די שטערן בלישטשען בלאַס אפֿן הימל,—ס'איז ניטאָ אגאַבעק, ניטאָ דאָס מיידל מיט די שיינע ברעמען, ניטאָ ארוסיאַקס אראַבישער פּראָפֿיל, ניטאָ סטעפּאַנאָסעס בלאַסע אויערן־לעפּלעך, ניטאָ דעם הויקערס גרינע אָנגעשפּיצטע אויגן,—אָט ווער ס'פֿעלט איצט מער פֿון אלעמען דעם געלן.

— א גוטער, זאַכאַר פּעטראָוויטש!

דער נאַטשקאַנצ האָט גענומען דעם געלן אונטער דער האַנט און אים אופֿגעהאַלטן אביסל ביז דער האַמוין איז איינגאַנצן אָפּגעפּלאָסן!

— יאָ, אזוי האָבן מיר זיך טאַקע ניט דערוואַרט מיט אײַך אפֿן קאָנצערט. אגעוו, עסן ווילט איר ניט? געוויס, מינאַסטאַם ווילט איר,— אין גאָרקיכ וועט מען געבן, קומט. וואָס? אפֿ נאַכט עסט איר ניט? וועל איך אײַך גלײַך אפֿ גוטע־נאַכט צושטעלן, איר אַקוראַטער מענטש, גלײַך אין דעם צימער פֿאַר געסט. מאָרגן וועלן מיר שוין באַשליסן, ווו איר זאָלט וווינען. נו, וואָס פֿאַר אן אײַנדרוק באַ אײַך?

— שלעכט אָרגאַניזירט די ארבעט אפֿ דער בויונג,—האָט ניט אנטשלאָסן געענטפֿערט דער געלער.—איר האָט געהערט, דאָס איז דאָך עפּעס א מין שטראָם,—אלע קלאָגן זיך, און קלאָגן זיך מיט רעכט.

זאַכאַר פּעטראָוויטש האָט גוטינק זיך צעלאַכט:

— ליבינקער!—האָט ער שטאַרק פֿאָלקסטימלעך א געשריי געטאָן זיך אפֿילע אָפּגעשטעלט פֿון פֿאַרוווּנדערונג.—האָט איר דען אמאָל געלעבט אפֿ גרויסע בויונגען? ניין? נו, אז איר וועט לעבן, וועט איר זיך צוגעוווינען. דער בוי־ארבעטער, זאָלט איר וויסן, קלאָגט זיך שטענדיק אָן דעם, פֿרײַנטעלע, קען ניט זײַן, און איך וועל אײַך זאָגן א סאָד,— מיט רעכט קלאָגט ער זיך, נאָר... נאָר...

ער האָט פֿײַערלעך אונטערגעשטראָכן דעם „נאָר”, ער האָט אופֿגעהויבן אין דער פֿינצטער זײַן ווײַז־פֿינגער און מיט אים א שפּיל געטאָן באַ דער סאַמע נאָז פֿונעם געלן.

— נאָר אין דעם באשטייט דאָך דער גאנצער גאנג פון אונדזער פערסאָנאלס ארבעט, מ׳זאָל קאָנען זיך ניט דערשרעקן, איר פארשטייט? ווייל אָט די אלע ניט־ריכטיקייטן זיינט איר ניט בעקויעך אָנצורירן, זיי זיינען, ווי דאָקטוירים זאָגן, אן „אָרגאנישער פעלער״.

— איך צווייפל — האָט רויק, כאָטש ניט קריגעריש געענטפערט דער געלער.

דער נאטשקאנצ האָט ווידער זיך צעלאכט. זיין געלעכטער איז געווען א גוטער. דער געלעכטער האָט געזאָגט: מ׳האָט אָנגעדרודלט א מענטשן, אָך, און איצט, גיי איצט דול זיך מיט אים.

— לאָמיר זיך דאָ צוזעצן אפ א קלעצל. אין באראק איז הייס, וועט איר זיך אָנאָטעמען פארן שלאָפ מיט ריינער לופט. יאָ, איז אָט וואָס איך וועל אייך זאָגן. זייער א פילבארער זיינט איר, ארנאָ אלעקסאנדראָוויטש. אין דער יוגנט האָב איך זיך אָנגעלייענט מיט מאקס נאָרדאו און איך האָב אָנגעהויבן גלויבן, אז די וועלט דעגענערירט. און מיין פעטער, א קלוגער מענטש, זאָגט מיר: נאראָנים גלויבן אפן וואָרט. דו נעם די אָפיציעלע דאָקומענטן, זע וואָס פאר א צוווּקס פון באפעלקערונג. וואָס באטייט דאָס? אז אינגיכן וועט פון מענטשן ניט זיין ווו אהינצוטון זיך, און דיין מאקס נאָרדאו מאכט שוין א מאָלע. איך וועל אייך אויך זאָגן: גלויבט ניט דעם ערשטן איינדרוק. מ׳דארף די לאגע דיסקאָנטירן, אָט אין וואָס די זאך באשטייט.

און פלוצלינג אופהערנדיק צו וויצלען זיך און צו פלוידערן, האָט דער נאטשקאנצ זאכאר פעטראָוויטש אָנגעהויבן צו ריידן מיט זיין עכטער פּאָשעטער שפּראך, און אליין, אפילע וועגן דעם פריער ניט טראכטנדיק, האָט ער ווי פאר זיך אליין מיטגעטיילט דעם געלג זייער געהיימע געדאנקען אָן שום הינטערמיינען.

— אפן באצירק ווייסט קיינער ניט, אז די סמעטע איז נאָך ניט באשטעטיקט. נאָך מער וועל איך זאָגן, דער פּראָעקט איז אין צענטער ניט באשטעטיקט. אָט די גאנצע בויונג (מיט די הענט האָט ער א פיר געטאָן א האלבן קרייז) קאָן יעדער סעקונדע פּלאצן. איז וואָס־זשע קאָן דאָ טון דער שעף פון באצירק? די ארבעטער אפן אָרט ציען, די פארטיי־אָרגאניזאציעס ציען, דער פּראָפאריין ציט, און פון פארוואלטונג א דירעקטיוו: האלט אָפּ די ארבעט, ביז ס׳וועט קלאָר ווערן די לאגע. קיין איין איבעריקן גראָשן זאָלט איר ניט אויסברענגען, נאָר ס׳זאָל ניט זיין קיין פּאניק. איז אדעראבע — פּרווּווט דרייט זיך אויס! די שרייען: די

באַראַקן רינען. עכ, איר ליבע מענטשן, ס'איז דאָך אָבער נאָך אַ פֿראַגע, צי האָבן מיר רעכט דידאָזיקע באַראַקן צו בויען? דאָרטן קריכן מענטשן פֿון דער הויט, רײַסן זיך אונטער, שלעפּן דורך דעם פּראָעקט, דער גאַנצער איניען איז אין געפֿאַר, און דאָ רײַצן דעמאַגאָגן אָפּ אונדז די אַרבעטער אויפֿער יעדער קלייניקייט. ס'נעמט אָן אַ קאַס, אַז מ'פֿאַרשטייט די לאַגע. אָפּן שעפּ פֿון באַצירק דאַרף מען ראַכמאָנעס האָבן, ניט העצן אים.

דער געלער האָט גאָרנישט ניט געענטפֿערט, און זאַכאַר פּעטראָוויטש האָט פֿאַרענדיקט:

— כ'האָב ניט אין דער וועלט אַרײַנגעזאָגט „אַן אָרגאַנישער פֿעלער“. די גאַנצע סיסטעם איז אַ פֿאַלשע. זייערע אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונגען זײַנען נאָר אַ געלעכטער, אַז מ'זאָל וויסן די גאַנצע הינטערקוליסן־זאַך. וויאַזוי קען מען עס דורכשלעפּן יעדער סמעטע אין צענטער צו אַ באַשטימטער צײַט, ניט האָבנדיק קיין פֿולן פּראָעקט? וויאַזוי קאָן מען עס בויען אַ ביודזשעט פֿון אַ גאַנצן לאַנד אָפּ נעדאָוועס? פֿאַרוואָס איז ניטאָ קיין אָרטיקער פֿאָנד? קיין גרויסע בויונגען קאָנען ניט וואַרטן אויף קיין געלט. זיי קאָנען זיך ניט אַרײַנלייגן אין קיין ווילקירלעכע טערמינען, זיך אָנהייבן פֿון לעפּאָנעמדיקייט. און בײַ אונדז הייבט זיך אָן פֿון לעפּאָנעמדיקייט, קעדײַ צו צווינגען דעם צענטער, ער זאָל עפּענען דעם בײַטל. אַז איר וועט זײַן, וועט איר זען. ס'איז נאָך גאָרנישט ניטאָ. קיין פּראָעקט איז ניטאָ, קיין פֿאָרשטעלונג ניטאָ, און מיר טומלען. אַ מאַסע פֿאָטאָגראַפֿן, אַ יאַם קאָרעספּאָנדענטן... ניין, איר ווייסט נאָך זייער ווייניק. איר נעמט העכער, העכער אײַער קריטיק. ניט גלאַט געפֿינען אַ ציל! ניט נאָר לעוואָן דאַווידאָוויטש, אין אונדזער לאַגע וואָלט דאָך נאַפּאָלעאָן אַליין בעסער ניט אָרגאַניזירט די אַרבעט, און נישט נאָר לעוואָן דאַווידאָוויטש...

מיט געשמאַק דאָס איבערגעכאַזערט, האָט דער נאַטשקאַנץ געפֿונען, אַז ס'איז שוין צײַט שטעלן אַ פּונקט און אײַנטראַמבעווען די ערד איבער דעם קערנדל, וואָס ער האָט פֿאַרוואָרפֿן אינעם געלן. דער שלאָף, דער גרויסער טשעמפּיאָן פֿון רו, דער באַצווינגער פֿון קריטיקער,— דער שלאָף האָט עס גענדאַרפֿט ווערן אָט דער טראַמבירער. און זאַכאַר פּעטראָוויטש האָט אוועקגעשלעפּט דעם געלן אין באַראַק פֿאַר אָנגעקומענע.

קאַפּיטל VII

פּאַפּירלעך

1

פֿאַרבראַכט אַ נאַכט אָן שלאָף און ניט בײַ זיך אין צימער, נאָר אין דעם סאַמע נידעריקסטן באַראַק, בײַ מאַרקאַריאַנס ווײַב (וועגן דעם איז בוילעט געווען אָנגעשריבן אויף די אײַנגעקנאָטענע ליפּן, געשוואָלענע אויגן און אויף דער רויטקייט פֿון דער נאָז), גייט וואָלאָדיע דער קאָנטאָרשטשיק אַהיים, און פֿון אָנשטענדיקייט וועגן האַלט ער אין די הענט אַ געכאַפּטע הון. איבעריקנס, איז שוין לאַנג אָנגענומען אויפֿן באַצירק צו זאָגן, ווען מע באַגעגנט וואָלאָדיע דעם קאָנטאָרשטשיק צו פֿרי גיין מיט דער סטעזשקע פֿון אונטן אַרויף: „אַ־האַ, שוין ווידער געכאַפּט אַ הון". וואָלאָדיעס מוטער, אַ טויבלעכע אַלטע אַרמענערן, אַ גלײַכע און אַ מאָגערע, אין אַ לאַנג געפּאַלדעוועט קליידל, אין אַ טונקל טיכל פֿאַרבונדן נידעריק אויפֿן שטערן, דרייט זיך אַרום פּרימוס. דער פּרימוס זשימעט מיט קאַס, אויפֿן פּרימוס קנעט זיך אַ רײַזענע פּעטע, געלע, ווי מיט שאַפֿראַן־פֿלעקן באַפּאַרבטע מאַסע. דער אַלטערס שטאַלטנע טאָליע דערמאָנט פֿונדערווײַטנס אַ מיידלשע. מיט אַ גרויסן לעפֿל קוועטשט זי אַראָפּ דאָס געלע געדיכטעניש און לעקט אָפּ דעם לעפֿל מיט טרוקענע דינע באַוואָנצענע ליפּן. אַ וואָרף געטאָן פֿאַר איר אויף דער ערד די הון, האָט וואָלאָדיע זיך ניט געזעצט טרינקען קיין טיי און קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט.

מאַרקאַריאַנס ווײַב האָט נאָך צוגעגאָסן בוימל צום פֿײַער, — אַ כאַפּ געטאָן פֿון טיש אַ פּעקל פּאַפּירן, האָט וואָלאָדיע זיך אַפֿילע ניט געפּוצט פֿאַרן שפּיגל, און אָן טיי, אָן פֿרישטיק, ניט הערנדיק דער מאַמעס קלאָגעכצן, איז ער אײַליק אוועק אין קאָנטאָר. „זיי פֿאַרגינען ניט, — האָט וואָלאָדיע געטראַכט אויפֿן וועג, — ריכטיק זאָגט זי — מע פֿאַרגינט ניט. אַרמענער פֿאַרגינען שטענדיק ניט זייער אייגענעם ברודער. איך האָב זיך אַרויסגערוקט, איך זינג, איך שפּיל, דאָך אַ געבילדעטער, איך

האָב אנ אויסערלעכקײט,—איז נײנ, דאַרפ מענ דיר אונטערשטעלנ א פּיסל. מ׳פאַרשטעלט דעמ וועג! גאָר אנדערש וואָלט געווענ, ווענ דאָס וואָלט זײַנ א גרוזינ אָדער אנ אויסלענדער".

אַרײַנגעגאַנ אינ קאָנטאָר, ווו ס׳האָט שוינ געקנאַקט דאָס האָלצ אינ אײַוועלע, האָט ער די ערשטע זאַך א וואָרפ געטאָנ די אויגנ אַפ דעמ אָרט, ווו פריִער האָט זיך געוואַלגערט דער אַרכיוו. דאָס אָרט איז געווענ אָפּגערײניקט. פאַר די זעקס טעג, וואָס דער געלער האָט פאַרבראַכט אַפּנ באַצירק, איז אָט דאָס גאַנצע מיסט פונ פאַרעלטערטנ פּאַפּיר, וואָס קײנער ווײסט ניט, צוליב וואָס האָט מענ עס דאָ געהאַלטנ, אויסגעלײגט געוואָרנ אינ שלאַנקע קאָלאָנקעס, אינ שאַפעס אונ באַ די ווענט, פאַרנומערירט, אײַנגעניט, באַזאָרגט מיט געהײמע ליטערס אונ אַפילע פאַרקאָנספּעקטירט. יעדערער אינ קאָנטאָר האָט פאַרגעדענקט דעמ ערשטנ טאָג פונ אופריכטנ דאָסדאָזיקע מיסט. אינ דעמ געלנס אַרבעט איז געווענ א מעטאָד, ווי, איבעריקנס, אינ זײַנ גאַנצער אויפירונג: קומענדיק אַהער, איז ער פריִער געשטאַנענ א קלײנע צײַט אונ זיך א הוידע געטאָנ אַפילע אַפּ זײַנע עלאַסטישע פיס,—די הענט אינ די קעשענעס אונ די צעבראָכענע גלעזער פונ דיברילנ פאַרטראַכט, אײַנגעגראָבנ אינעמ פּאַפּירענעמ כאַאָס, די ליפּנ פונ דער גרינג אַרויסגעשטעקט,—אַזוי ווי אינעמ הוידנ זיך אונ אינ דער פּאָזע אונ אַפילע אינ דעמ בליק דעמ געלנס וואָלט געווענ עפּעס א סאָד פונ אינעווײניקסטער מוזיק אָדער פונ אינעווײניקסטנ טאַנצ. ער האָט אינדערעמעסנ טאַקע אינ די געדאַנקענ געטאַנצט פאַר יעדער אַרבעט, געטאַנצט, פּונקט ווי ער וואָלט זי אײַנגעלאַדנ, ענלעך צו דעמ זשעסט, מיט וועלכנ מענטשנ רײַבנ די הענט אײדער זײ נעמענ זיך עפּעס פאַר אנ אַרבעט. אונ אַזוי זיך א וויג געטאָנ ווי א שלאַנג, האָט דער אַרכיוואַריוס אומגעריכט פאַר די קאָנטאָר־אָנגעשטעלטע ניט קײנ שפּרונג געטאָנ אונ ניט אַרופגעוואָרפנ זיך אַפּ דער אַרבעט, ווי זײ האָבנ זיך געריכט, נאָר זײער לאַנגזאַמ אונ רויִק, סאָפּענדיק מיט דער נאָז אונ צונויפקלעמענדיק די ליפּנ, האָט ער אָנגעהויבנ אַרויסנעמענ אײנע נאָך דער אַנדערער די צעריסענע פּאַפּקעס.

ס׳האָט זיך אויסגעוויזנ, אַז ער רעדט מיט זײ. זײַנ קאָפּ האָט זיך געוואָרפנ אַפּנ לאַנגנ האַלדז מיט אנ אומגעווײנלעכער אויסדריקלעכקײַט, די הענט האָבנ זיך געטאָפּלט, געדרײַפּאַכט, געפירפאַכט פאַר די געפּלעפּטע קאָנטאָרשטשיקעס, דאָס סאָפּנ איז אַריבער אינ א מורמלערײַ, נאָר

דאָס סאמע כידעשלעכסטע—דאָס איז געווען די קלאמעריקע אומדער־
מידלעכקײַט פון אינערציע, דאָס לאנגזאמע אָנוואקסן פון ענערגיע, וואָס
פרעסט ניט אוף זיך אליין, צעווארפט זיך ניט, שליסט זיך ניט איבער,
ווי בא פרויען, אין טויזנטער קלייניקײַטן, רינט ניט אויס אין נאריש־
קײַטן פון שטייגער, פון געשפרעך, פון ארומגיין, פון פאפיראָסן, פון
צעשטרײַטער אופמערקזאמקײַט, פון א קוק אין פענצטער, פון אסאָציא־
ציעס, לירישע פעדאלן פוג דערינערונג; ניין, צעוויקלענדיק זיך מיט אן
אומגעהײַערער איינארטיקײַט, האָט דעם געלנס אומדערמידלעכקײַט זיך
אָנגעזא גען איבער דער קאנצעליאריע, ווי א גרויזאמער עפעס, וואָס
ווערט מיט יעדער מינוט אלץ מעכטיקער. און א קלוגער צושויער וואָלט
ניט־ווילנדיק זיך געקענט פארטראכטן, וואָס פאר א שרעקלעכע קראפט
דארף פארמאָגן ארעוויאנס ליבע אָדער זײַן סינע, אויב, פארשטייט זיך,
אָט דערדאָזיקער ווײַסלײַביקער און בויגיקער מענטש, אָט דער שלעכט
געקליידעטער קען פײַנט האָבן און ליב האָבן.

א קוק געטאָן אף דעם אָפגערייניקטן אָרט, האָט דער קאָנטאָר־
שטשיק וואָלאָדיע באלד דערזען דעם געלנס הענט. פון א קופע, וואָס איז
געלעגן אפן טיש, האָבן די דאָזיקע הענט טרוקן, מיט אן אנגענעמען
שורשען ארויסגענומען עטלעכע דאָקומענטן פון פארשיידענער גרייס,
צוגעטראָגן זיי צו די צעבראָכענע גלעזער פון די ברילן, אָפגערוקט זיי
דערנאָך, קעדיי דורכצוקאָנטראָלירן, און זיי פארשפיליעט איינעם מיט
א שפילקע. דערנאָך האָט דער געלער ארויסגעוואָרפן פאר זיך מיט דער
לינקער האנט א בלאָקנאָט און האָט עפעס פארשריבן אין אים מיט
פײַנסטן קסאוו, ענלעך אף מיקראָאָרגאניזמען אָדער אף קאָמעס פון
דער אזיאטישער כאָלערע.

די קאָנטאָר האָט דערווײַל זיך אָנגעהויבן אָנפילן. טומלענדיק איז
ארײַן זייער א גרויסע פרוי אין א הינטישן פוטער, פארשפרייטנדיק
דעם רייעך פון ביליקע פארפומען, פון אונטערפאכווע־שווייס,—די טער־
לעפאָניסטקע, מארקאריאנס ווײַב. איר מאן, דער ווירטשאפט־פארוואל־
טער, איז אייביק געווען אין קאָמאנדירונגען. בורטשענדיק האָט זיך
אוועקגעזעצט אף זײַן אָרט דער רעכענונגפירער, דער רויטנאָזיקער אל־
טיטשקער. ס'האָט אופגעהויבן פענצטערל דער קאסיר,
מיט א טריבן בליק באטראכטנדיק די ריי. שפעטער פון אלעמען איז
אָנגעקומען דער נאטשקאנצ זאכאר פעטראָוויטש מיט פארדעכטיק אײַנ־
געגראָבענע אויגן און מיט א נערוועזן גענעץ,—צו אים איז נאָך לאנ־

גער אָפּוועזנהייט געקומענ צו פאָרנ גאנצפרי זיינ פרוי קלאַוודיאַ איוואַ־נאָוונאַ.

דער טאָג האָט זיכ אָנגעהויבנ ווי א געוויינלעכער טאָג, אויב ניט רעכענענ, איבעריקנס, די שאַבעסדיקע שטימונג. אינ קאָרידאָר, פאַרנ פענצטערל, האָבנ סעזאָניקעס באַקומענ געלט, דער אַרטעלשטשיק האָט הינטערנ קאַסירס פּלייצע געגרייט א בייכיק טשעמאָדאַנדל אַפּ איינ־צופּאַקעווענ אינ אימ קוואַדראַטלעכ איבערגעבונדענע געלט אונ שווערע טרייבלעכ קופּערנע מאַטבייעס. שאַבעס האָט זיכ די אַרבעט געענדיקט פרי, אונ די שטימונג בא די אָנגעשטעלטע איז געווענ אַנ ערעוויאָנ־טעוודיקע. אפילע לעוואָנ דאַווידאָוויטש האָט אויסגעוויזנ ווייניקער פּע־דאַנטיש, זיינ העכטענער פּראָפּיל אינעמ גלעזערנעמ ביידל האָט מיט פאַרטראַכטקייט זיכ געהויבנ פונ די פּאַפּירנ צומ פענצטער.

אונ הינטערנ פענצטער איז געפאַלנ א גרינגער פלאַטערנדיקער מאַרט־שניי, פאַרשפּינענדיק דעמ האָריזאָנט מיט א טריבלעכער ווייסקייט אונ פאַרשווינדנדיק אינגאַנצנ אַפּ דער וואַרעמער ערד. אינ אַזוינע דושנע אונ פייכטע פרימאָרגנס קלעפּנ זיכ בא מענטשנ די וויעס פונ היפּאָכאָנ־דריע אונ פונ פוילקייט.

אָפּגעלייגט פּלוצלינג דעמ עטיקעט פונ דינסט אונ פונ אָפּהענגיקייט פינ א מענטשנ, וואָס באַקומט לויט דער סאַמע נישטיקסטער קאַטעגאָ־ריע, האָט דער געלער א לאַכ געטאָנ, אויפגעשפּרונגענ אונ אָנגעהויבנ אַרומגיינ הינ אונ צוריק, מאַכנדיק מיט זיינע לאַנגע הענט; דערנאָכ האָט ער זיכ אָפּגעשטעלט פאַרנ טיש פונ דעמ נאַטשקאַנצ, וואָס האָט אַפּ אימ געקוקט מיט אומצופרידנקייט.

— זאַכאַר פּעטראָוויטש!

— נו, וואָס, פּעטערל?

— א הייסנ דאַנק אייכ פאַר דערדאָזיקער אַרבעט. איכ האָב דעמ אַרכיוו געענדיקט. מאָרגנ וועל איכ אייכ צושטעלנ א גענויעמ באַריכט אונ א אינווענטאַר. אַנטשולדיקט, וואָס איכ שלאָג אייכ איבער, אָבער דאָס איז א מערקווירדיקער אַרכיוו, א מערקווירדיקער!

— וואָס־זשע איז אינ אימ אַזוינס מערקווירדיקס, אַרנאָ אַלעקסאַנדראָ־וויטש?

דער געלער האָט זיכ שוינ געקליבנ ענטפערנ, נאָר דאָ האָט געשטערט א קלײנינקער אומשטאַנד. אינ קאָנטאָר איז אַריינ די אופּראַמערנ מיט טיי. געוויינלעכ פלעג זי טרעפנ די אָנגעשטעלטע אינ דער סאַמע אומ־

פאסיקסטער צייט: איינער האָט גערעדט אינ טעלעפאָנ, צופנדיק מיט דער פרייער האנט דאָס פרייע אויערנ־לעפעלע; דער צווייטער האָט זיכ ארופגעוואלגערט מיטנ בויכ אפנ טיש, פארענדיקנדיק שרייבנ אנ ארבעט; דער דריטער איז ארויס אינ דרויסנ; דעם פערטנ האָט געשטערט דער פינפטער, דערציילנדיק אימ עפעס וועגנ אנ איניענ. די טיי, צעוואָרפנ איבער די טישנ, איז קאלט געוואָרנ אינ די גלעזער, וואָס זיינענ געשטאנענ דורכגעשטאָכענע מיט צינענע לעפעלעכ, אונ דער צוקער איז שיטער צעגאנגענ אפנ דנאָ. נאָר היינט האָבנ זיכ אלע דערפרייט מיט דער טיי, אונ דער געלער האָט האסטיק גענומענ זיינ טיי אונ אָפגעגאנגענ צו זיינ אייגענעם טישל.

— מיט וואָס־זשע איז ער מערקווירדיק?

דער געלער האָט א וואָרפ געטאָנ מיטנ קאָפ,—ער האָט געפרישטיקט. א פערסיש גלייכווערטל זאָגט: צו א הונגעריקנ גיי ניט צו, א זאטנ לאָז צו רו. דער פראָצעס פונ שפייז־פארדייונג איז פארנ ארכיוואריוס געווענ א מינ כעמיע. לאנגזאמ אונ שווייגנדיק האָט ער אָנגעפילט זיינ בויכ, אינ דער צייט ווענ עמעצנס נעזער האָבנ זיכ געקלעפט צו דער אויסערלעכער זייט פונעמ קאָנטאָרישנ פענצטער: דאָס האָט דער יינגערער עולמ זיכ געקוויקט מיטנ אויסזענ פונ די פרישטיקנדיקע. פונ דער קעשענע פונ זיינ האָליוודער אמאזאָנקע האָט דער ארכיוואריוס ארויסגעשלעפט איינס נאָכנ אנדערנ ריזיקע פענעצנ פרישנ ברויט, זיי איינגעטונקענ אינ טיי אונ דערנאָכ אָפגעביסנ. אזוי האָט קיינער קיינ טיי ניט געטרונקענ. דאָס איז אויכ געווענ דעם געלנס א מעטאָד. ברויט איינגעטונקענ אינ זיסער טיי האָט געהאט א באזונדער אראָמאט,— פונ פייכטער ווייצ. די טייוואָלאָנישע איינארטיקייט פונ דעמדאָזיקנ אראָמאט אונ פונ דעם געלנס געשמאקנ איז געווענ באוווסט אינ דער קאָנטאָר, פונקט אזויווי דאָס, אז ער עסט איינמאָל אינ מעסלעס, נאָכדעם ווי ער האָט אביסל אָפגעארבעט.

— איכ בינ ענלעכ צומ פערסישנ קייסער קיר,—האָט ער דערקלערט זיינע מיטאָנגעשטעלטע שוינ דעם ערשטנ טאָג,—אונ ביכלאל, באלד פונ שלאָפ עסט קיינ איינ קלוגע כייע ניט, ווייל פריער ברענגט זי אויס אביכל ווארעמקייט! פונ שלאָפ איז יעדער קערפער הונגעריק נאָר אפ ארבעט אונ אפ באוועגונג. וואָס איז שייעכ פארשיידנארטיקייט, איז פארשיידנארטיקער פונ היי ניטאָ נאָכ אזא שפייז. קייט איינס אונ דאָסזעלבע, אונ אינ די געדאנקענ שטעלט אייכ פאָר, אז איר עסט היי.

— דער רועכ זאָל דיכ נעמענ מיט דײַנ היי,—האָט א בורטשע געטאָן וואָלאָדיע דער קאָנטאָרשטשיק, נאָכקוקנדיק נאָכנ דריטנ אינ טייאײַנגעווייקטנ פּענעצ.—ער טראַכט אויס, זאַכאַר פּעטראָוויטש, קיינ שום מערקווירדיקס איז אינ דעמ ארכיוו ניטאָ, כ'האָב אליינ געזענ. דאָס רײַסט ער זיכ אפּ א העכערער שטעלע!

נאָר דער נאטשקאַנצ האָט א שאָקל געטאָן מיטנ קאָפּ. אינ דער טיפעניש פונ זײַנ פארשטאַנד, וואָס האָט אויסגעזענ א וועלט, האָט דער נאטשקאַנצ שוינ לאַנג אוועקגעשטעלט פאַר דעמ ארכיוואַריוסעס פּערזענלעכקײַט א גרויסנ פראַגע־צייכנ. ער האָט זיכ אליינ געכאַפּט אפּ אומצופרידנקײַט. ס'האָט אימ פארדראָסנ, וואָס ער האָט ניט באַטראַכט, זיכ פארבונדנ מיט אנ אומפּאַסיקנ טיפּ. דערדאָזיקער מענטש איז געווענ א מאָדנער, אונ ער האָט זיכ ניט אונטערגעלייגט אונטער קיינ שאַבלאָנ. אינ זײַנ אָנוועזנהײַט פלעג א איבעריק וואָרט פונ זיכ אליינ אײַנגעשלונגענ ווערנ, אונ אפילע זײַנ קלעפּיקײַט צו ארבעט האָט זיכ ארויסגעוויזנ צו אומגעוויינלעכ, איר אומנאָרמאַלקײַט האָט זיכ דעמ נאטשקאַנצ געדאַכט, ווי א בייזער מיינ.

— אָט וועט איר זענ,—האָט פאָרגעזעצט שעפּטשענ דער מערינאָס, בײַסנדיק דעמ שמוציקנ פינגער, מיט וועלכנ ער האָט נאָר־וואָס אויסגעקאַלופּעט דעמ אויער.—ס'איז קיינמאָל אפּ דער וועלט ניטאָ, ווי אינ די ראָמאַנענ, אז א מענטש זאָל אומזיסט האָרעווענ. ניטאָ קיינ נאַראָנימ. פריִער אָדער שפּעטער...

דאָ איז דער געלער אופגעשטאַנענ, ענדיקנדיק דעמ פינפטנ פענעצ, אונ אופשטייענדיק, האָט ער צונויפגעקליבנ פונ דעמ בויכ מיט די ברייטע דלאָניעס די אראָפּגעפאַלענע ברויט־ברעקלעכ.

— איר האָט מיכ געפרעגט, מיט וואָס איז דער ארכיוו מערקווירדיק? צי ווייסט איר, זאַכאַר פּעטראָוויטש, וואָס פאַר א פאַפקעס דאָס איז?

— פונ פארוואַלטונג, פאַר צוויי יאָר,—האָט אומזיכער געזאָגט דער נאטשקאַנצ אונ איז פּלוצלינג אויכ אופגעשטאַנענ. ער האָט זיכ עפּעס דערמאָנט. דאָס בלוט, בלוי פּאָדאַגריש בלוט האָט זיכ א וואָרפ געטאָן אינ קײַלעכדיקנ פּאָנעמ אונ האָט עס געמאַכט פיִאָלעט. זאַכאַר פּעטראָוויטשעס קני האָבנ א ציטער געטאָן, אונ באַלד טאַקע האָט זײַנ אומרויִקײַט זיכ איבערגעגעבנ דער קאָנטאָר, ווײַל אלע, פונ דער טעלעפאָניסטנ ביז דעמ רעכענונגפירער, האָבנ געקענט די ערנסטקײַט פונ דעמ נאטשקאַנצס נאַטור.

— אינ דעמדאָזיקנ כאַאָס, וואָס איכ האָב פאַנאַנדערגעקליבנ, — דער געלער האָט געמאַכט א פלאַסטישנ זשעסט פונ א אקראָבאַט, ווי ער וואָלט זיכ איבערגעקערט מיט דער האַנט אינדערלופטנ, — האָב איכ געפונענ זיבעצנ מערקווירדיקע פּאַקעס מיט א זײַטיקנ אינהאַלט, וואָס האָבנ צו אונדזער הידראָצענטראַל קיינ שום שײַכעס ניט!

פילנדיק א שוואַכקײַט אינ די קני, האָט זאַכאַר פּעטראָוויטש זיכ אַנידערגעזעצט. א שרעקלעכער עמעס האָט אימ באַלויכטנ: דאָס פּאַפּיר איז פונ דער אַלטער פאַרוואַלטונג, ווו ס'האָט זיכ פריִער געוואַלגערט דער ראַטפּאָלקאָמישער אַרכיוו! פאַרשיידענע פּאַפּירנ ניט פאַנאַנדערגעקליבענע. ס'האָבנ זיי געלאָדנ פונ כאַפּעניש פּאָשעטע אַמבאַלעס. נו, אונ טאָמער זײַנענ אַרײַנגעפאַלנ אַהער געהיימע דאָקומענטנ? דו ביסט פאַרפאַלנ, זאַכאַר פּעטראָוויטש, כיטרער מענטש, קלוגער טאַליראַנ, ביסט פאַרפאַלנ אומזיסט אונ אומנישטו!

קומענדיק אַביסל צו זיכ, האָט ער א וואָרפ געטאָנ אַפנ אַרכיוואַריִוס א גוטמוטיקנ בליק פונ א נאַטשאַלניק, וואָס האָט זיכ עפּעס דערמאַנט:

— דו, אַרנאָ אַלעקסאַנדראָוויטש, וואַרט צו מיטנ דערציילנ, דאָרט איז צו דיר דאָ פונ שטאָט עפּעס אַנ אופטראָג... די אַרבעט איז געענדיקט, לויפ צו, איכ בעט דיכ, צו קלאַוודיִא איוואַנאָוונאַ מיט אָ דעמ צעטעלע... א זיקאָרנ איז בא מיר! כאָטש צומ דאָקטער גיי.

ער האָט געכאַפּט א בייגעלע פּאָטשט־פּאַפּיר, לויפיק אָנגעדראַקעט עפּעס, פאַרקלעפּט אינ א קאָנווערט אונ אַנ אויפשריפט האָט ער געמאַכט „קלאַוודיוואַנענ”, אונ ווענ זאַכאַר פּעטראָוויטש האָט גערעדט אונ געשריבנ, פּאָרשטעלנדיק א פּראָסטנ גוטנ־ברודער, האָט אינדערלופטנ געשמעקט מיט הויכער פּאָליטיק. צוּוואַרטנדיק ביז דער געלער וועט נעמענ דעמ קאָנווערט, האָט דער קאַנצשעפ אומגעדולדיק געדריגעט מיטנ פוס אונ אַפ קיינעמ ניט געקוקט. אָבער ווי נאָר הינטערנ געלנ האָט א קלאַפּ געטאָנ די טיר, האָבנ די עקלעכ פונעמ קאַווקאַזישנ גאַרטל מאַמעש אָנגעהויבנ שפּרינגענ פונ דער יוגנטלעכער געשווינדקײַט, מיט וועלכער דער קאַנצשעפ איז אויפגעשפּרונגענ, אונ איבערלויפנדיק די קאַנצעליאַריע, איז ער פאַרשווונדנ געוואָרנ אונטער דעמ גלאָז פונעמ אינזשענערס ביידל.

לעוואָנ דאַווידאָוויטש איז געווענ פאַרנומענ. אינ פּאָליטיק האָט לעוואָנ דאַווידאָוויטש גאָרנישט ניט געוואָלט פאַרשטיינ. דעמ נאַטשקאַנצס

שעפּטשען, האָט אים אויסגעוויזן, איז ניט ווערט קיין אופמערקזאמקײַט, און אלנפאלנס—

— וואָס קער זיך עס אָן צו מיר? אבסאָליוט ניט! איר געדענקט, איך האָב אײַך געשיקט אין אָרטקאָם. דעמדאָזיקן מענטשן קען איך ניט, אבסאָליוט ניט. טוט וואָס איר ווילט.

פארשעלטנדיק די קליינקעפּלדיקײַט פון זײַן פּאטראָן, האָט דער אָרעמער זאכאר פּעטראָוויטש זיך אומגעקערט אין קאָנטאָר, ווו מ'האָט אוועקגעוואָרפן די ארבעט און מ'האָט אפ אלערליי אופאנים באהאנדלט די גוואלדיקע געשעעניש. דער רעכענונגפירער האָט זייער פלײַסיק זיך געגראָבן אין דעם ארכיווארִיוסעס טיש, די טעלעפאָניסטן האָט, קוויקנדיק זיך מיט דער געשעעניש, געפארבט זיך די ליפּן. וואָלאָדיע דער קאָנטאָרשטשיק האָט גערעדט. דער דערהארגעטער קאָנפעראנסיע האָט אופגעלעבט אין אים:

— אזא מענטש, וואָס זאָל אומזיסט ארבעטן, איז ניטאָ אפ דער וועלט. שפּײַט אפ מיר, אויב אונטער אים שטייט ניט ענגלאנד! וואָדען, גוט מאָרגן, איך בעט אײַך, „א פלײַסיקער, אײַנגעשפּארטער ארבעטער". אָט האָט איר אײַך, זאכאר פּעטראָוויטש, אײַער אײַנגעשפּארטער ארבעטער: ער וועט איבערפּעקלען א וועלכע ס'ניט איז צייכענונגען קיין אויסלאנד, דאן זעט נאָר, איר זאָלט אליין ניט ווערן קיין אײַנגעשפּארטער,—פארשטייט עס אין אן אנדער זין...

מ'דארף זאָגן דעם עמעס, אז די אומגעריכטע געשעעניש האָט גרינג געמאכט דאָס הארץ בוכשטעבלעך בא אלעמען. ארנאָ ארעוויאן איז אן אגענט פון אויסלאנד, אָדער פּאָשעט — ארנאָ ארעוויאן איז אן ארכיוו־זשוליק,—דאָס האָט געמאכט ארנאָ ארעוויאנס פּערזענלעכקײַט נאָענט און פארשטענדלעך יעדן אָנגעשטעלטן. די אומנאָרמאלקײַט איז פארשווונדן געוואָרן. די אָנגעשטרענגטקײַט פון זעקס טעג, דער אומדערטרעגלעך הויכער וואָלטאזש פון א פרעמדער פּערזענלעכקײַט, פאר וועלכער ס'איז אפ דעם געגעבענעם אָרט פּאָשעט ניט געווען קיין געהעריקע איבערטראָג־ליניעס, דער אײַנזאמער פּלעק אפן דורכזיכטיקן פּאָן, די בייזע נויטווענדיקײַט צו אָנהייבן גלויבן אין א העכערן סאָרט מענטש פון דיר,—דאָס אלץ איז גליקלעך אָפּגעפאלן, צעשווומען געוואָרן אין א דערפרייענדיקן רויִקן עמעס:

קיין ניסים איז ניטאָ! קיין ניסים איז ניטאָ, זאכאר פּעטראָוויטש! קיין ניסים איז ניטאָ, נאַיִווסטער זאכאר פּעטראָוויטש!

אונ אפילע דעמ נאטשקאנצ זאכאר פעטראָוויטשנ האָט זיכ אויסגעוויזנ אינ דער מינוט, ניט קוקנדיק אפ דער גוואלדיקער אינערלעכער אומרויִקייט אונ אפ דער שרעק צו לײַדנ „פערסאָנעל", אז ס'איז געוואָרנ גרינגער צו אָטעמענ.

— דו, באָכערעצ, פארשטעק זיכ. זעצט זיכ, כאוויירימ, אפ די ערטער. אפ צו פריִער, איידער איר ווארפט זיכ אפ א מענטשנ, לאָזט זיכ אימ ארויסזאָגנ.

די אָרטאָגראפיע אונ דער סינטאקסיס זײַנענ דערגאנגענ בא דעמ נאטשקאנצ ביזנ העכסטנ פונקט פראָסטאקישקײַט. ער האָט זיכ ניט געוואָלט ארײַנמישנ, ווי פריִער מיט א מינוט האָט זיכ ניט געוואָלט ארײַנמישנ לעוואָנ דאווידאָוויטש. ער האָט ניט קאָמענטירט אונ ניט באשטימט, אונ ס'האָט אפילע אויסגעוויזנ, אז ער נעמט דעמ ארכיוואריִוס אונטער זײַנ שוצ. די פאָליטיק האָט אימ אויסגעלערנט א קלוגנ קלאל: ווארטנ, אז יעדער זאכ, וואָס קומט אומפארמײַדלעכ, זאָל זי טונ אנשטאָט דיר עמעצער אנדערש. אנ אומפארמײַדלעכ אָנקומענדיקער פאקט איז געוואָרנ דאָס דינע געלע בלאָקנאָטל, וואָס דער רעכענונגפירער האָט מיט א טריִומפירנדיקנ געשריי ארויסגעשלעפט פונ ארעוויאנס טיש.

— אָט, זאכאר פעטראָוויטש, זעט אליינ, וועמענ איר האָט צוגענומענ אפ א ראטנשטעלע,—האָט פארביסנ געזאָגט דער רעכענונגפירער, אוועקלייגנדיק אי דאָס געלע בלאָקנאָטל, אי דעמ בויגנ פאפיר פארנ נאטשקאנצ.

2

מיט געשווינדע טריט איז דער געלער דורכגעגאנגענ, קימאט דורכגעלאָפנ דעמ בארג, טראָגנדיק אינ האנט דעמ קאָנווערט, אפ וועלכנ ס'איז אזוי מאָדנע געווענ אָנגעשריבנ:

קלאודיוואנענ

מיט קיינ פרוי האָט זיכ ניט אסאָציִירט בא דעמ געלנ דערדאָזיקער נאָמענ. ער האָט געזונגענ פאר זיכ: „קלאודיוואנע־דזשיאָוואנע", פאָרשטעלנדיק זיכ עפעס איטאליענישעס. די גרויסע ווײַסע שיינהײַט מיט די נאָזלעכער ווי בא א הילצערנעמ פערדל, אינ דעמ פיִאָלעטנ אלטנ קליידעלע, וואָס שמעקט מיט וואלעריאנקע אונ מיט כינעזישער טיי, האָט ער פארגעסנ גרינטלעכ, פארגעסנ גרינטלעכ ביז דערזועלבער מינוט:

— טוק־טוק־טוק. מ׳קענ ארײַנגיינ?

— גייט ארײַנ, ביטע!

ווענ ער האָט אנ עפנ געטאָנ די טיר אונ האָט זיכ צונויפגעשטויסנ מיט קלאוודיִא איוואנאָוונא פאָנעמ צו פאָנעמ. זי, — דאָ האָט מענ געדארפט זײַנ זייער אופמערקזאמ, אונ דער געלער איז קיינמאָל ניט געווענ אופמערקזאמ צו איר, — האָט נאָכ אפילע ניט געענדיקט, אפאָנעמ, דעמ אינדערפריִעדיקנ טואלעט, כאָטש אייניקע פראָטימ פונ דער באגעגעניש מיטנ מאנ, — דאָס טאזל, וואָס איז געשטאנענ אינמיטנ צימער, א שמאטקעלע, וואָס איז געלעגנ אינ סאמע ווינקל, די צעוואָרפענע בעט, — האָבנ דערקלערט ביז א געוויסער מאָס די פארשפעטיקונג. דער רייעכ פונ דעמ נאטשקאנצס ווינונג איז געווענ עקלדיק. די נאָרע האָט געשמעקט מיט א כײַע, וואָס ווינט אפנ אייגענעמ קויט. די ווינקלענ מיט שפינוועבס פארשפינטע, די פלעקנ אפ דער הילצערנער וואנט, וואָס האָבנ דערציילט פונ וואנצנ אונ פונ פײַכטקײַט, די שמוץ אפנ פענצטער־ברעטל, ווו א פארשימלטע גלאָז האָט ארויסגעסטארטשעט פונ א פענדל אנ אָנגעשטאָפטנ מיט מיסט, די שוכווארג אונ די צעוואָרפענע שקארפעטקעס, דאָס קוישל אינ ווינקל, אפ האלב א צעבונדנס, — א לאנגער ווײַסער ברויט איז אומפארשטענדלעכ פארוואָס געלעגנ אונטנ אפ א צײַטונג. קלאוודיִא איוואנאָוונא האָט ארויסגענומענ דאָס געבראכטע גוטס. נאָר וואָס האָט עס אלצ באטײַט, ווענ קלאוודיִא איוואנאָוונא האָט אָפגערוקט מיט א פריילעכנ געלעכטער דאָס שפינוועבס, די פלעקנ, דאָס מיסט, דאָס קוישל, דאָס שטינקעכצ, ווי א נאטיורמאָרט אפנ פאנטאסטישנ בילד פונ א קראנקנ גײַציגנ קינסטלער, אונ האָט זיכ קימאט ווי אײַנגעקלאמערט אינ דעמ געלנס ווײַסע הענט? זי האָט זיי גענומענ דלאָניע צו דלאָניע, קוקנדיק אפ אימ מיט א לאכנדיקנ קוק.

— זדראסטע, בא אײַכ איז דאָ א שניי, אונ אינ שטאָט איז מאמעש זומער. איכ האָב נעכטנ אינדערפרי שפאצירט אינ דעקאָלטע. אוי, ווי איר זעט דאָ אויס... דאָס איז מיר א בריוו? וואָס איז דאָס פאר א נײַס?

זי האָט געלייענט אונ האָט נאָכ אלצ מיט דער לינקער האנט זיכ געקלאמערט פארנ געלנ, כאָטש ער האָט אײַנגעאקשנט אָפגעפירט איר האנט. בעשאס זי האָט געלייענט, האָט ארנאָ ארעוויאנ באטראכט אונ זיכ דערמאנט. קלאוואָטשקא האָט זיכ געביטנ. עפעס האָט זיכ אינ קלאוואָטשקענ געביטנ. זי איז שיינ געוואָרנ אומגעווײנלעכ, שעדיקעריש אונ בלענדנדיק. פריִער פונ אלצ איז זי מאָגערער געוואָרנ, איז בלאס גע־

וואָרן מיט א באזונדער בלאסקייַט, וואָס וועגן איר, אויב זי איז ניט באטאמט מיט קיין פאלשער פארויטלטקייַט, זאָגן, אָן א טאָעס צו האָבן, אלטע פרויען: „א גאסנדיקע". קלאוואָטשקעס גלאנצנדיקע אויגן זייַנען ארומגעפּירט מיט אומרויִקע קרייַזן, דער קופּער פון די האָר, ג׳ירע ליפּן, — נאָר ווער געדענקט איצט דאָס אומדערמידלעכע מיידל פון דעקאַמעראָן, וואָס אירע ליפּן האָבן זיך אלעמאָל באנייַט פון טויזנטער קושן? ריידנדיק אָן פילאָלאָגיע, וואָלט דער געלער געקאָנט זאָגן, אז די פרוי, וואָס פאר אים, איז טייַוולש אָנגעלאָדן מיט עלעקטריציטעט, ווייַל זי איז ארייַנגעפאלן ניט צו קיין נעווראסטעניקער. נאָר נאָך איין ענדערונג — אינעם אָנטון: דאָס כאלאטל אף קלאוואָטשקען איז געווען א טייַערס. אונטערן כאלאטל, וואָס איז געווען ניט פעסט פארמאכט — א זייַדענע שווארצע טריקאָ. לאקירטע טייַערע טופליעס... עמעס, דער געשמאק האָט זיך בא איר ניט פארבעסערט. א שלעכטער געשמאק. און אָט איז נאָך אן ענדערונג.

בעשאס זי האָט געלייענט, איז אף איר פּאָנעם לאנגזאם עפּעס פאָרגעקומען. און דער געלער, וואָס האָט פאר דער וואָך זיך צוגעוווינט צום נאטשקאנצ, האָט אָן טאָעס דערקענט איר מאנס קרעפטיקע פיזיאָנאָמיע אין דעמדאָזיקן בלאסן און שמאָלן פרויען־געזיכט. דעם נאטשקאנצס גרימאסע, דאָס קנייטשעלע דעם נאטשקאנצס, דעם נאטשקאנצס געשווינדער און פאָרזיכטיקער בליק, זייַנען אומדערוואַרט געלעכטערל און די פארביסענע ליפּמעכטיקע ביאָלאָגיע, וואָס שאפט די מישפּאָכע: פארן געלן אין די אויגן האָט דאָס ווייַב זיך פארוואנדלט אינעם מאן מיט טויזנטער דעטאלן, אזויווי עס קומט פאָר אָפט און עס בלייַבט ניט אויסגעקלאָרט און ניט באמערקט. דאָס צוזאמענוווינען גיסט צונויף אפילע די האנטשריפטן: דידאָזיקע צעוואָרפענע האנטשריפט אפן בריוו איז ווי צוויי טראָפּנס ענלעך אף איר אייגענער, ווי ענלעכע האנטשריפטן פון טויזנטער אנדערע מאן און ווייַב. דער מאן האָט אָנגעשריבן:

„זייַ מיט אים פאָרזיכטיק, פארהאלט אים בא זיך וויפל דו ווײסט נאָר קענען און לאָז אים ניט אין קאָנטאָר".

אינפירן צונויפגעלייגט דאָס פּאפּירל, האָט קלאוודיא איוואנאָוונא דאָס באהאלטן אין בייַטעלע און דאָס בייַטעלע פארוואָרפן אפן פענצטער־ברעטל. א שטיקל צייַט האָט זי געטראכט, אויסוווארטנדיק געקוקט אפן געלן, און דערנאָך פלוצלינג:

— אַך, יאָ...

איבערן אקסל אויסגעקערעוועט א קוק טוענדיק צו אים, צי איז ער ניט אוועק, האָט זי אינדערגיך זיך אראָפּגעלאָזט פארן קוישל, פאטשקענדיק דאָס כאלאטל אין שמוץ און אין מיסט. שאכטלעך, בלעכלעך, זאָקן, וועש האָבן אָנגעהויבן פליען אפן ברויט. ארויסנעמענדיק איינס נאָכן אנדערן, האָט קלאוודיא איוואנאָוונא געשעפּטלעך געטײַנעט:— א בריוו צו אײַך, א בריוו פון ארשאקן. באלד. ווו־זשע האָב איך זי אהין...— דער אינסטינקט האָט איר אונטערגעזאָגט, אז פארהאלטן דעם געלן קאָנ מען נאָר מיט דערדאָזיקער ניט־פארינטערעסירטער געשעפּטלעכער שטים. זי איז אפילע מיעסער געוואָרן פון אָנשטרענגונג, פון בלוט־צופלוס צום פּאָנעם, איז אופגעשטאנענ ענדלעך פון דיל, האָט באַצאָרנט זיך גענומען דערמאנען, ווו איז די בריוו.

— זעצט זיך... וואָס־זשע שטייט איר? דאָרט איז א טאבורעט. די בריוו וועל איך אײַך אָפּזוכן. אין קוישל?—ניין, ניט אין קוישל. אין בײַטל?—ניין, ניט אין בײַטל. סײַדן אין קישן. נו, לאָמיר נאָר א קוק טון אין קישן.

— באומרויִקט זיך ניט, איך וועל שפּעטער ארײַנגיין.

— וואָס איז דאָ פאר א אומרויִקײַט! ארשאק,—אָט אן ארמענערל, א קאָמישער אזא. און וועגן פּאָרטרעט האָט איר געהערט?

דער געלער האָט ניט געהערט וועגן פּאָרטרעט, ער האָט אינדערעמעסן זיך פארינטערעסירט. ווי פון א נעפּלדיקער ווײַט איז פאר אים אופגעשטאנענ די פארלאָזענע שטאָט,—די ארבעט אינעם באצירק האָט זי אינגאנצן אָפּגעשטופּט. וואָס מאכט עפּעס דער קינסטלער לעפּ? צי איז גאנץ דער דאכ? און וואָס דער ווײַנהענדלער גנוני? זײַן טאָכטער? איר כאָסן?

אנידערגעזעצט זיך לעבן דעם געלן אפ דעם צעוואָרפענעם בעט און ניט באמערקנדיק, ווי ס'האָבן זיך פארבויגן די פּאָלעס פונעם כאלאט, אָפּדעקנדיק איר לאנגע פוס אין טריקאָ, האָט די פרוי גענוי און הויך דערציילט:

— דעם פּאָרטרעט האָט ער אָנגעשריבן—אויך מיר א פּאָרטרעט! פארוואָס האָט איר ניט געזאָגט, וואָס פאר א מאָדע איז איצט? באלד וואָלט איך געלאָזט אזא קינסטלער מיר שרײַבן פּאָרטרעטן, איך וואָלט בעסער בא א פאָטאָגראף אפ א קארטל זיך אראָפּגענומען. און אנדערע איז געפעלן. דער פּאָלקאָמבילד האָט אָפּגעקויפט פאר א מוזיי. איך

האָב ארשאקנ געזאָגט: אויב פאר אזא פאסקודסטווע נעמע. געלט, איד לעכאָלאפאָכעס גיט מיר האלב. דרײַ טעג געמאָלט, אונ מיטאמאָל טויזנט רובל. גנוגינ האָב איכ ניט געזעג. ווארט צו, וווהינ גייט איר? איכ וועל אײַכ דערציילנ גענויער וועגנ פאָרטרעט...

נאָר דאָ האָט קלאוואָטשקע ניט אויסגעהאלטנ, געמאכט א שלעכטנ גאנג. ווערטער איז ניט איר געווער, אונ צונויפבינדנ רייד — ניט אינ איר מאכט. די קלאמעריקע צארטע דלאָניעס האָבנ א כאפ געטאָנ דעם געלנ פארנ ווײַסנ עק האלדז, וואָס האָט ארויסגעקוקט פונ דער אמאזאָנקע, אונ דורכגייענדיק זיכ איבערנ האלדז־אונ־נאקנ, זײַנעג זיי מיט דעמ טײַוועדיקסטנ צערטלענ ארײַנ אינ די געדיכטע האָר. אונ דערנאָכ, גלײַכ זי וואָלט זיכ דערמאנט עפעס א לעקציע, האָט זי מיט א פארנעפלטנ שווארצאפל אונ קוקנדיק אפ אימ נאָר מיט איינ אויג איבערגעקערט די האנט, אונ שוינ ניט מיט דער דלאָניע, נאָר מיט דער אויבערשטער זײַט, ווי זי וואָלט אויסגעשעפט דעמ אָנלאָד פונ דער דלאָניע אונ געלאָזנ אינ גאנג דעמ רעזערוו עלעקטריע, — האָט זי לײַכט אונ געשווינד א גליטש געטאָנ איבער דעמ געלנס באק. דעמדאָזיקנ אזיאטישנ ליבעזשעסט האָט זי זיכ אויסגעלערנט בא ארשאקנ.

— איר האָט געענדיקט? — האָט רויִק געפרעגט דער געלער, אופהייבנדיק זיכ פונעמ טאבורעט. — איצט וועל איכ גיינ.

אז ער איז אוועק צו דער טיר, איז קלאוואָטשקע, ניט געפינענדיק אימ וואָס צו זאָגנ, געבליבנ זיצנ אפנ בעט מיט אראָפגעלאָזענע אויגנ.

3

דער נאטשקאנצ האָט איבערגעלייענט דעמ בויגנ פאפיר אונ האָט א קראקע געטאָנ. עפעס פונ גאָגאָלנ ארויס איז געווענ אָט די סצענקע: אויסערגעוויינלעכ בלאסע אונ פילבאדײַטנדיקע פנעמער האָבנ זיכ ענג צונויפגעשטופט איבערנ פאפיר, וואָס דער נאטשקאנצ האָט אימ צוריק צוגעקנייטשט מיט זײַנ גראָבנ פינגער. נאָר דער מאנופאקטור־קריזיס האָט אויכ אויסגעפילט זײַנ ראָל, אונטערפירנדיק עקאָנאָמיק אונטער דער געשעעניש: אפ די קאנצעליארישע פענצטער איז ניט געווענ קיינ פאָרהענגלעכ. די צעפלעטשטע נעזער, וואָס האָבנ קיינ אנונג ניט געהאט פונ גאָגאָלנ, האָבנ פונדעסטוועגנ פארשטאנענ, אז אינ קאנצעליאריע טוט זיכ עפעס אומגעוויינלעכס, אונ דאָס ייִנגל דער פאָטשטאליאָנ מאכנדיק מיטנ ליידיקנ רענצל, האָט זיכ א יאָג געטאָנ צומ שכײַנישנ

אָרטקאָמישן באַראַק. באַגעגענענדיק אַפן וועג דעם שעף פֿון דער מיליציע, האָט ער נאָר מיטן קין אַ ווונק געטאָן, ווי איינער רעדט: דאָרט אין דער קאָנטאָר, — און האָט זיך אַ לאָז געטאָן ווײַטער, איבערלאָזנדיק אין פּאַרוואַטער אונטער זיך אַ געדיכטן רייעך פֿון קנאָבל.

— דאָס איז אַ קאַריקאַטור צי וואָס? — האָט ענדלעך געפֿרעגט זאַכאַר פּעטראָוויטש, בײַקומענדיק זײַן ליטעראַטור־היסטאָרישע פּאָזע. — אַ קאַריקאַטור אַף דער ראַטנמאַכט?

פֿאַר אים איז געלעגן אַ געדיכטער ווײַסער פּאַפּיר, גלענצנד צעווירעט און באַדעקט מיט אַ נעץ פֿון אַ דיאַגראַם. פֿונויבן איז מיט אַ שיינער און דײַטלעכער האַנטשריפֿט געשטאַנען:

די קרומע פֿונעם טעמפּ, מיט וועלכן עס פֿאַרעלטערן זיך אַרכיוו־פּאַפּירלעך.

— אַ שיפֿער! — האָט וואָגיק אַרויסגעשפּראָכן וואָלאָדיע דער קאָנטאָר־שטשיק אונטערן אויסזען פֿון אַ שפּאַס — אַ געוויינלעכער פּאָליטישער שיפֿער. איר זעט די ציפֿער? דאָס האָט ער געהיימע ידיעס אוועקגעלאַקכנט.

די קאָנטאָר־טיר האָט אַ קלאַפּ געטאָן. אין קאָנטאָר־טיר איז אַרײַן דער מיליציע־שעף. דאָס איז געווען אומגעריכט, און נאָך מער אומגעריכט האָט אַ שווינדל געטאָן אין פֿענצטער אַגאַבעקס פֿלינקע הויקערדיקע פֿיגור.

— נו, אוועק אַ גאַנג! — האָט אומבאַשטימט אַ ברום געטאָן דער נאַטשקאַנץ, פֿילנדיק די נייטיקייט צו געבן אַ דערקלערונג. — גיי צו אַהער, אוואַק.

דערוואַרט זיך אַפן מיליציאָנער, האָט ער באַפֿוילן, כאַפּנדיק אַ קוק פֿון דער זײַט אַף דער טיר:

— פֿאַרזיגל!

מיט אַ ברייטן מאַך מיט דער האַנט האָט ער געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז פֿאַרזיגלען דאַרף מען אינגאַנצן דעם פֿאַנאַנדערגעקליבענעם און אין אָרדענונג געבראַכטן אַרכיוו: פֿאַרזיגלען, קאָלזמאַן ס'איז ניט אויסגעקלאָרט. די זאַך איז אין דעם, כאַווער אַגאַבעק. אָט זייער גוט וואָס איר זײַנט אַרײַן צו דער צײַט. בײַ אונדז איז דאָ אומאָרדענונגען. די פּאַפּירן אָט פֿונעם אַרכיוו, ווײַזט זיך אַרויס, זײַנען ניט אונדזערע. מעגלעך, אַז עפּעס געהיימס איז אַרײַנגעפֿאַלן, — איז אָט, עס זאָל נאָר ניט אַרויסקומען קיין אומאַנגענעמלעכקייט.

— יערונדאַ!

— פארשטייט זיכ, ס'איז מעגלעכ יערונדא אויכ, נאָר פונדעסטוועגנ צוליב אָרדענונג. איר ווייסט דאָכ אליינ, — אונדזער באצירק טאָר מענ ניט אראָפּנעמענ, ניט פאָטאָגראפירנ אָנ א באזונדער דערלויבעניש, אזוי אויכ די ארכיוו־פאפירנ.

זאָגנדיק דאָס, האָט דער נאטשקאנצ אראָפּגעשארט פונ טיש צו זיכ אפנ בויכ ניט נאָר דעמ ארכיווארויוסעס געהיימנ שיפער, נאָר אויכ דעמ געלנס בלאָקנאָטל, — אונ באהאלטנ זיי אינ דער ברייטער קעשענע אונטער דעמ קאווקאזישנ העמדל איז שוינ דערנאָכ קיינ באזונדער שווערײַקייט ניט געווענ. נאָר א קליינע אומדערווארטקײַט האָט געשטערט דער באגרעבעניש פונ דעמ בלאָקנאָטל: זאכאר פעטראָוויטשעס פולע פינגער האָבנ, ארײַנשטעקנדיק אינ קעשענע דאָס געלע רוקנדל, דער־פילט א פרײַנטלעכנ האנטדרוק פונ דעמ הויקערס ניט־אנגענעמע קאלטע פײַנטלעכע פינגערלעכ, וואָס האָבנ איידעס געזאָגט אפ א שלעכטנ שטאָפּוועקסל אונ אפ דער קרענקלעכקײַט פונ זייער באלעבאָס.

— לאָזט, וועל איכ שוינ אויכ דערווײַל א קוק טונ, — האָט געזאָגט אגא־בעק, ארויסנעמענדיק פונ זאכאר פעטראָוויטשעס קעשענע דאָס בלאָקנאָטל.

אז דער געלער איז צוגעגאנ צו דער קאָנטאָר, האָט ער זי געטראָפנ א פארשלאָסענע. ער האָט א ריס געטאָנ פאר דער קליאמקע, פרעגנדיק איבערגעפירט די אויגנ אפ די ארבעטער, וואָס האָבנ זיכ געשטופּט אינ קאָרידאָר פאר דער קאסע, אונ ניט דערשלאָגנדיק זיכ קיינ ענטפער, איז ער ארויס. דאָ האָבנ פרײַוויליקע אימ ארומגערינגלט. דער קנאָבלדיקער אָטעמ פונעמ יינגל דעמ פאָטשטאליאָנ איז געווענ א וועגווײַזער פאר א צענדליק פארינטערעסירטע קינדערשע נעזער. דורכגעשלאָגנ זיכ הינטער דער קאנצעליאריע איבער קאנאוועס אונ בלאָטע, האָט די כעוור־רע זיכ ארופגעקליבנ גלײַכ אפנ מיסט־בערגל אונטער דעמ קאָנטאָרישנ פענצטער. אופגעהויבנ די געלע ברעמענ, האָט ארנאָ ארעוויאנ זיכ פארינטערעסירט. ארנאָ ארעוויאנ האָט צו דער גרויסער היספּײַלעס פונ די יינגלעכ אפילע פונ דער גרינג אָנגעהויבנ סאָפּענ אונ האָט זיכ אוועקגעזעצט צוזאמענ מיט זיי אפ א דינ ברעטעלע. ער האָט ערנסט אונ אופמערקזאמ געקוקט אינ פענצטער, ווו דער קליינער הויקער האָט, מיט זײַנ אייגענעמ בלאָקנאָטל אינ די הענט, געשאָקלט ניט באזונדערס גיכ מיט די ליפּנ, לאָזנדיק דעמ נאטשקאנצ ארײַנקוקנ איבערנ אקסל אינ טעקסט ארײַנ.

אָט וואָס זיי האָבנ געלייענט:

פאפקע № 4

טשיגדימער איניען

דערקלערונגס־צעטל

דאָס דאָרף טשיגדימ, נײַנצן טויזנט אײַװוינער, קע־זערײַען, א גרויסע מילכ־ווירטשאפט, פוטער־זאוואָדן, א זייפ־זאוואָד, א רעקטיפיקאציע־זאוואָד, אינ פראָעקט א טעקסטיל־פאבריק. צוויי מיינונגען: פארגרעסערן די פאראנענע דיזעל־סטאנציע אָדער בויען א נײַע, אויסנוצנדיק דעמ גרויסן קומארלינער באוואסערונג־קאנאל. באשלאָסן בויען א נײַע — 5600 פערדקראפט.

ס׳האָט זיכ אָפ־גערופן דער על־מאש־טרעסט

ס׳האָט זיכ אָרגאניזירט א קאָמיטעט וועגן בויען די טשיגדימער הידראָסטאנציע. די שוועריקײַט צו קריגן געלט: דער נארקאָמפינ פאָדערט א סמעטע. א מיטיילונג פונ עלמאשטרעסט וועגן עפענען אינ באקו אן אָפטיילונג (עלעקטראָמאשינ־טרעסט, וואָס פאראייניקט די זאוואָדן געוועזענע סימענס־שוקערט, זאוואָד פונ עלעקטראָ־מאשינעס און אפאראטן, געוועזענע פארייניקטע קאבעל־זאוואָדן פונ דיופלאָן, ארמאטור־,עלעקטרישע און לאָמפן־זאוואָדן „סוועטלאנא”, ארבעט אויס דינאמאָ־מאשינעס, עלעקטראָ־מאָטאָרן, טורבאָ־אגרעגאטן, טראנספאָרמאטאָרן, אפאראטן, שנורן, קאבעלן, לאָמפן־ארמאטור, נעמט אָן מאָנטאזשן און אויסשטאטונגען פונ פאבריקן, זאוואָדן, טראמווײַען און עלעקטראָסטאנציעס, גאראנטירט א פארמעסטונג מיט וועלט־פירמעס, האָט באקומען א באשטעלונג פונ וואָלכאָווברוי).

דער ראיאָן פונ גרויסן קומארלינער קאנאל

א קאָמיסיע פונ אינזשענערן האָט אויסגעפאָרשט דעמ גרויסן קומארלינער קאנאל, קעדיי פעסטצושטעלן, צי קאָן מען אימ אויסנוצן פאר א הידראָסטאנציע, — פונ אָנהייב קאנאל ביז דעמ אָרט, ווו ס׳איז פראָעקטירט די סטאנציע. דאָס באקומען פראָפילן און פלענער פונ דער אומגעבונג.

די אָרגאני־זאציע

די קאָמיסיע באשטייט: פונ א אינזשענער הידראוולי־קער, א אינזשענער מעכאניקער, א אינזשענער עלעקטריקער.

די טעכנישע קאָנטאָר: א צייכענער, א געשעפטספירער, א מאשיניסט.

דאָס צוגרייטן פּראָעקטן, פארטיילונג פון דער אר־בעט.

1. דעם ארבעט־קאנאל (5 ווערסט) אָנהייבן פון הארבסט, נאָך דעם באוואסערונג־פעריאָד, און ענדיקן צו פרילינג, קעדיי באצײַטנס צו דערלאנגען וואסער פאר די גערטנער. צוגרייטן אין דער לענג פונעם גאנצן קאנאל דעם נייטיקן מאטעריאל. פון סענטיאבער צעשלאָגן דעם קאנאל אף 5 באצירקן. ארבעטן איינצײַטיק. בײַדלעך פאר ארבעטער. לייגן די ווענט אף צעמענט־צעלאָז — אין דער ווארעמער צײַט.

2. דער סטאנציע־לאָקאל — לויט דעם פּראָעקט פון דער פירמע, וועלכער ס'וועט איבערגעגעבן ווערן די באשטעלונג אף טורבינעס און גענעראטאָרן.

3. די מאשין־טייל. די אויסלענדישע פירמעס נעמען זיך אויספילן אין זיבן כאדאָשים, רוסישע — אין נײַן כאדאָשים. די אײַזערנע וואסער־דרוק־טרויבן איבערגעבן רוסישע זאוואָדן.

4. די נעץ, טראנספאָרמאטערישע בײַדלעך.

באשלאָסן צו געבן דעם אָרגאן, וואָס צו אים וועט איבערגיין די בויונג, מאקסימום אווטאָנאָמישקײַט, פארבראָ־נירן 288 טויזנט רובל אין רעאלן גאָלד.

ארבעט־קראפט

די פרײַז: האנטווערקער — 1 ר. 20 ק. א טאָג.
ארבעטער 50 ק. א טאָג.

זיך צונויפגערעדט מיט אן ארטעל מוליערס און גרוז־שטויסער.

וועלכע ארבעטער האָט מען געדארפט לויט ספעציאַ־ליטעטן: מוליערס, שטיינשלײַפער, שטיינברעכער, בויערער, שמידן, גרוזשטויסער, טעסלערס, אָנטרײַבערס פון אייזלען.

ווי שווער ס'איז געווען קריגן צעמענט, קאלך און לאָפעטעס

לאָפעטעס און אנד. האָט מען גענומען בא מיליטע־רישער נאטשאלסטווע (נאטש שטאב דיוו אינזש.).

לאָפעטעס אײַזערנע	300	שטיק
גראָבײַזנס . . .	150	„
לאָמען	60	„
העק	20	„

קאָוואדלעס . . .	40 ″
זעגנ דיאמעטראלע .	6
פּיילנ צו זיי . .	3
צאפּקעס . . .	10
עקבויערס שטאָלענע	50

ס'טרעט ארויס נאָוואָראָס צעמ־האנדל

נאָוואָראָסצעמהאנדל לייגט פאָר צעמענט. די קאָפּיע פונ טעכנישנ פּרווו פונעמ צעמענט: 1) דער צעמאָל, 2) די באַדינגונגענ פונ באַהעפטונג, 3) דער קאָליר (העל־בלויליכ־גרויער), 4) די שטענדיקייט פונ פארנעמ, 5) דער פּרווו מיט אָנוואַרעמענ אפ דער פּליטע, 6) דער פּרווו מיט וואסער—אינ 28 טעג ארומ, 7) די וואָג פונ א ליטער אינ צעשאָטענעמ אונ אינ געדיכטנ אויסזענ, 8) די פלאכנ פונ צעריס, 9) דאָס אויספּרווונ באמ צעקוועטשנ...

צוויי הויפּט־באַצירקנ פונ דער ארבעט

דער ערשטער באַצירק—ווו ס'וועט זיינ די סטאנציע (די סטאנציע־געביידע, דאָס וווינ־הויז, דער דרוק־באַסיינ, שליוזנ, דער אָפּפיר־קאנאל, די פונדאמענטנ פאר די דרוק־טרויבנ אונ אנדערע). דער צווייטער באַצירק—אפנ אָנהייב קאנאל (דער הויפּט־שליוז, דער אָפּגיס־שליוז, די האלב־הרעבליעס).

דער קאָלעקטיווער אָפּמאכ מיטנ פּראָפּאַריינ. ווי איז געווענ אינ דער טעאָריע אונ וואָס איז ארויס־געקומענ אפ דער פּראקטיק.

אז ס'האָבנ זיכ אָנגעהויבנ די ארבעטנ, איז צווישנ דעמ פּראָפּאַריינ פונ די בויער אונ צווישנ דעמ קאָמיטעט געשלאָסנ געוואָרנ א קאָלאָפּמאכ. הידראָבוי האָט זיכ פארפליכטעט צו געבנ פּאָרהאנט די מיטגלידער פונ פּארייִנ אונ דינגענ ארבעטער פונ דער זייט נאָר אינ פאל, ווענ די בירזשע וועט ניט צושטעלנ קיינ ארבעטער אינ מעשעכ פונ דריי טעג. באמ אָנעמענ אונ באַפרייענ נעמענ אָנטייל פאָרשטייער פונ פּאַריינ. מ'באַשטעלט זיכ אי אפ שטיק־ארבעט, אי אפנ טאָג, נאָר אינ פאל פונ שטיק־ארבעט באַקומט מענ א קאָמאנדירונג אינ א געשריבענער פאָרמע מיט די באַצייכענונגענ פונ די טאריפענ.

דער ארבעטס־טאָג—אכט שאָ. איבערשאָענ ניט מער ווי צוויי שאָ. געזאָטענע וואסער. באַפרייענ א באַצאָלטנ ארבעטער פאר אָרטקאָמישער ארבעט.

די פּאָדריאַ־טשיקעס און די בירזשע

אז מ'איז צוגעטראָטן צו דער ארבעט, האָט זיך אויסגעקלאָרט: דער קאָמיטעט האָט אָרגאניזירט די ארבעט מיט דער הילף פון פּאָדריאטשיקעס. די פּאָדריאטשיקעס, זייערע טיפּן. די מעלדונגען פון די פּאָדריאטשיקעס וועגן דער באשטימונג פון די גרונטן. די פּאָדערונג צו פארגרעסערן דעם לוין, ווייל ס'קומט אויס צו קאָרטשעווען ביימער. דער דרוק אף די פּאָדריאטשיקעס, דער דעקרעט וועגן צוואנג־צעטיילונג פון דער זעקס־פּראָצענטיקער האלוואָע צווישן זיי. די מילכאָמע צווישן די פּאָדריאַטשיקעס מיט דעם פּראָפאריין.

די פראגע וועגן שטיק־ארבעט. ווי איז זי געלייזט געוואָרן אין 1923 יאָר.

דער פּראָפּאריין אגיטירט די גאנצע צייט פאר דער ניט־געווינשנקייט פון שטיק־ארבעט, ער פארווערט די שטיק־ארבעטער צו ארבעטן מער פון אכט שאָ. די ארבעט־בירזשע שיקט צו אירע ארבעטער האלב נאַקעט אינדערפרי אָן אינסטרומענטן. און כאָטש דער דעסיאטניק זאָגט זיך אָפּ זיי צוצונעמען איבער שפּעטער צייט, באשטייט דער פּראָפּאריין, און ער נעמט אָט צוליב זיי די אינסטרומענטן בא א טייל פון די פריי־געדונגענע. די אראָפּגענומענע ארבעטער האָבן געפּאָדערט, אז מ'זאָל זיי אָפּצאָלן פאר א גאנצן טאָג. די פאקטישע באלעבאטים אף דער ארבעט איז דער פּראָפּאריין און זיינע פּאָרשטייער. די פּאָזיציע פון פּראָפּאריין האָט געבראכט דערצו, אז אלע ארבעטער האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון שטיק־ארבעט, און דערפאר האָט דער פירער פון די ארבעטן אָפּגעזאָגט אלע ארבעטער.

מיט וואָס זינדיקן די פּאָדריאטשיקעס? זיי האָבן אָפּט ניט רעגיסטרירט די ארבעטער און, איבערגייענדיק אף שטיק־ארבעט, האָבן זיי ניט צוגעשטעלט די אָפּמאכן און די באדינגונגען אין די אנטשפּרעכנדיקע אנשטאלטן.

די צעפאלונג פון דער ארבעט

די דעסיאטניקעס און טעכניקער האָבן אָנגעהויבן מאנקירן, קומען אף דער ליניע שפּעטער פון אלעמען און אוועקגיין פריער, דערפאר וואָס מ'האָט זיי אָפּגעזאָגט אין אויבערשאָען. עטלעכע ארבעטער זיינען אליין אנטלאָפן. אין מארט — א קאטאסטראָפישע לאגע. אלע ארבעטער (סעזאָניקעס) הייבן אָן פּריסירן די ארבעט, אין דער צייט,

ווען דאָס ענדיקן דעם קאנאל איז אויסגערעכנט געווען אפן 15־טן מײַ, קעדיי צו געבן וואסער אפ באגיסן די סעדער. דעם 29 מארט רופט מען צונויפ אן עקסטרע זיצונג פונעם קאָמיטעט אפ רעגולירן די באציונגען מיט די פּאָדריאַטשיקעס, וואָס לויטן ראפּאָרט פון דעם אָנפירער מיט די ארבעטער פירן זיי לאנגזאם די ארבעט. אפן טאָג־אָרדענונג — מאנגל אין ארבעט־קראפט און וואקסנדיקע כויוועס.

העפקיירעס אין ראיאָן פון די ארבעטן.

אין ראיאָן פונעם קאנאל הייבן זיך אָן מיסברויכן און רעציכעס. צוויי מיטיילונגען: 1) פונעם פּאָדריאַטשיק פון ערשטן באצירק: זונטיק דעם 3־טן פעווראל האָבן אומבאוווסטע פארשוינען אָפּגעבראָכן דעם שלאָס פונעם הויפּט־שליוז, אופגעהויבן די שילד און בייזוויליק פארטרונקען דעם גאנצן ערשטן פיקעט. איינצײַטיק האָבן זיי אראָפּגענומען דעם שקיוו און אוועקגעטראָגן די שפּאָנגע פונעם וואל. 2) דעם 6־טן פעווראל האָט דער דעסיאטניק פונעם צווייטן באצירק מיטגעטיילט, אז גאנצפרי האָבן אכציק מענטשן געמאכט אן אָנפאל אפ די סעדער אין ראיאָן פונעם צווייטן באצירק מיט העק און מיט אינסטרומענטן און האָבן אָנגעהויבן האקן די ביימער. ער האָט געוואָלט אָפּנעמען די העק, נאָר די העקערס האָבן פארוואונדעט דעם דעסיאטניק מיט א שטעקן און אן ארבעטער מיט א האק. ס'איז נייטיק צו אָרגאניזירן א וואך איבערן גאנצן ראיאָן פונעם קאנאל.

די ארבעטער זײַנען אויך ניט אפ דער הייך.

די ארבעטער טוען אויך אָן שאָדן די סעדער. אין פאָלקאָמערד איז אָנגעקומען אן אָנקלאָגע פון די סאָד־אייגנטימער מעשאדי קיאפאר קארפאלײַ קאסים־אָקלי און הוסיין אלי־אָגלי.

אפ איינעם פון די באצירקן האָט דער צינדער, באקומענדיק דינאמיט אפ צינד־ארבעט, גענומען טויבן די פיש אין קאנאווע מיט דינאמיט.

קאָנפליקטן צווישן די ארבעטער און דער אָרטיקער באפעלקערונג

די מיראבן (וואסער־פארטיילער) פונעם קליינעם קרמארלינער קאנאל לאָזן ניט אָפּ קיין וואסער פאר די נויטן פון די פּאָדריאַטשיקעס, וואָס ארבעטן אפ הידראָבוי.

וואסער פאר די ארבעטער האָט צוגעשטעלט די אגדאכער קאנאווע. אין מארט איז געוואָרן קארג וואסער,

צײַטנווײַז האָט זי אינגאנצן אופגעהערט. ס'איז קלאָר געוואָרן, אז די וואסער האָבן די פויערים אפן וועג צעכאפט אפ באוואסערונג.

דער איניען פונעם פויער הײַסערליאן. ער האָט צעשטערט די דאמבע אפן ערשטן פיקעט, אײַנאָרדענענדיק נידעריקער פונעם אינדזועלע פישפאנג־אײַנריכטונגען. די אָפּגעלאָזענע וואסער האָט גענומען באדײַטנדיק צעשווענקען די אָנגעשאָטענע ערד בא דער נידער־וואנט. דענסטמאָל האָט דער ארבעטער כאריבאָוו צעשטערט די הרעבליע, וואָס הײַסערליאן האָט אופגעשטעלט, און האָט טיילווײַז אופגעשטעלט די דאמבע. הײַסערליאן באשולדיקט כאריבאָוון אין דעם, אז ער האָט אים קאליע געמאכט זײַנע פישפאנג־מאכשירים.

דער טעכנישער געדאנק זעצט פאָר זײַן ארבעט

די פראגן, וואָס מע קלײַבט פאנאנדער אין דער טעכנישער קאָמיסיע באם הידראָבוי:

1) וועגן די רעגן־וואסערן אפן עקזיסטירנדיקן קומאר־לינער קאנאל (דורכלאָזן זי מיט זעלבשטענדיקע אײַזן־בעטאָנענע לאפקעס אָדער מיט שטיינערנע אקוועדוקן, פארצוימען דעם קאנאל פון דער בארג־זײַט).

2) וועגן די שוועלן אדן וואסערזאמלדיקע שליוזן. די שוועלן פארטיפערן און אײַנאָרדענען זיי אף יעדער ווערסט.

3) יועגן דער טראסירונג פונעם קאנאל. די טראסע איז גענומען ריכטיק. אין די שמאָלע בעטן דערלאָזן דעם קרומקײַט־ראדיוס פון דער טראסע פון קאנאל ביז פינפ קלאפטער, דערבײַ פארברייטערן דעם שניט פונעם קאנאל קעדיי צו פארקלענערן די גיכקײַט.

4) וועגן אויספלאסטערן דעם דנאָ פונעם קאנאל — באזונדערס זאָרגעוודיק, ווײַל די גיכקײַט פון דער וואסער אין קאנאל איז א באדײַטנדיקע.

5) וועגן אָפּצוימענ דעם קאנאל פון דער בארג־זײַט פון פאלנדיקע שטיינער דורך אײַנאָרדענען בערמעס און אנדערע אײַנריכטונגען.

באזונדערע אינזשענערן ווײַזן ארויס איניציאַטיוו

דער אינזשענער גריגאָריאַן טיילט מיט וועגן זײַן פּראָעקט צו פארבּיליקערן די סטאנציע מיט דער הילף פון פאלוויסעס גאבּיאָנעס. דער איטאַליענער פאלוויס האָט דערפונדן א מאטעריאל, וואָס פארבײַט צעמענט. „פאלוויסעס גאבּיאָנעס“—דאָס זײַנען קעסטלעך פון פארשיידנערליי פאָרמעס, צונויפגעפלאָכטן פון געצינקעוועטן דראָט און אָנגעפילט מיט שטיינער. זיי קרעמפּעווען זיך צונויף אינײנעם און זיי האלטן גוט און פעסט די וואסער. פון זיי קאָן מען אופשטעלן דאָס אויסלאָד־וועגטל און דאָס וואסער־אָפּגיס־וועגטל פון דעם פאָרקאנאל, די וואסער־אָפּגיס־הרעבּליע, די נידעריקע אונטערשפּאר־וואנט פון דעם דעריוואציע־קאנאל און דעם דרוק־באסיין.

און דערווײַל געשעען אין ראַיאָן פון די ארבּעטן אָפּטע אומגליקס־פאלן

די ארבּעטער האָבּן זיך באהאלטן פונעם רעגן אונטער דעם אָפּשניט פונעם זאמדיקן קאריער, ווו די ארבּעטן האָט מען אָפּגעשטעלט איבּער דעם דראָענדיקן צושטאנד. ס'איז פּאָרגעקומען אן אָפּפאל, ס'האָט זיי פארשאָטן. דרײַ האָט מען געראטעוועט, איינער איז אומגעקומען.

אן אומגליק־פאל מיט צוויי ארבּעטער. אקט. דעם 15־טן פעווראל באם פארבּרייטערן דעם קאנאל איז פון א קלאָפּ פון א גראָבּײַזן פּאָרגעקומען אן אופרײַס פון דינאמיט, פון וועלכן ס'זײַנען שווער פארוואונדעט געוואָרן צוויי ארבּעטער.

די אויספאָרשונג האָט קלאָר געמאכט, אז ביזן 13־טן פעווראל האָט מען געארבּעט באם פארבּרייטערן דעם קאנאל מיט דינאמיט, איבּער דער שטארקער געפרוירנקײַט פונעם גרונט. אין צילינדרעס פון צוועלף ווערשקעס די טיף פלעגט מען ארײַנלייגן פון אָנדערהאלבּן ביז צוויי אָנלאָדן דינאמיט, דערבײַ האָט מען א קאפּסול פארלייגט נאָר אין דעם אויבּערשטן אָנלאָד. אפּאָנעם, אז עפּעס אן אָנלאָד אין איינעם פון די צילינדרעס האָט ניט אופגעריסן, ווען דער אויבּערשטער האָט זיך יאָ אופגעריסן. אָפּליגנדיק צוויי טעג אין דער געפרוירענער ערד און ווערנדיק דערפאר באזונדערס פילנדיק צו דעטאָנאציע, האָט דער אָנלאָד זיך אופגעריסן פון א קלאָפּ מיטן גראָבּײַזן.

עקסטרע מאָס־מיטלען, אָנגענומענע פונעם קאָמיטעט קעגן דער צעפאַלונג פון די ארבעטן

א נייַע זיצונג פון קאָמיטעט דעם 10־טן מייַ. באַשלאָסן צו באַזייַטיקן די פּאָדריאַטשיקעס פונעם צווייטן באַצירק און אויך דעם ארטעל פונעם בויער־פּאַריין, דערפאַר וואָס זיי האָבן ניט ליקווידירט די פארשולדיקטקייַט בענעגייע די ארבעטער. די פּאָדריאַטשיקעס פונעם ערשטן באַצירק זייַנען ארעסטירט פאַר סאַבאָטאַזש און פאַר אָפּזאָגן זיך אויסצופילן דעם אָפּמאַך. מ׳האָט ארויסגעפאָדערט ארבעטער פון לענינאַקאַן.

דער סאָף פונעם ערשטן עטאַפּ פון דער ארבעט

דעם 20־טן יוני איז דער קאַנאַל גרייט. די וואַסער געלאָזט. ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן צו א גרויסער דרוק.

4

דאָ האָט דער הויקער אָפּגעאָטעמט און האָט אופגעהויבן די אויגן אף זאַכאַר פּעטראָוויטשן. אַן אומקלאָרע דערינערונג האָט אים אופגערודערט. עפּעס מאָדנעס, ניט גאָר אומגעווייַנלעכס איז געווען אין דעם איבערגעלייענטן: אי אייגנס, אי אזויווי ניט אייגנס, אי א בעערעכדיקע ענלעכקייַט צו דער ווירקלעכקייַט, אי א באַשייַמפּערלעכע אומענלעכקייַט.

— מ׳וואָלט געדאַרפט...

נאָר דאָ האָט אים איבערגעריסן דער מיליציע־שעף אוואַק. דער מיליציע־שעף איז ארייַן מיט טריוואַקס אין די הענט. דעם טריוואַקס האָט ער ערשט נאָר לעפּאָנעם געפּרוווט אָנוואַרעמען אף א שטיקל ליכט. דער מיליציע־שעף האָט קייגמאָל גאָרנישט ניט פאַרזיגלט, און דעם נאַטשקאַנצעס באַפעל האָט אים געשטעלט אין א פאַרלעגנהייַט. קראַצנדיק מיטן פינגער דעם גרויסן קייַלעכדיקן שטעמפּל און בלאָזנדיק אפן טריוואַקס, ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן צו בורטשען אפן פייַער, האָט דער מיליציאָנער אוואַק טיף אין זיך געוואַרט אף הילף. און די הילף האָט זיך באַוויזן אין דער פּערזאָן פונעם געלן. פּעסט א קלאַפּ געטאָן אין טיר, האָט ארנאָ ארעוויאַן זיך באַוויזן, א באַדעקטער מיט לייַכטן שניי־פּוך, א דורכגעפרוירענער, א פייַכטער, און צוזאַמען מיט אוואַקן איז ער באַלד דערשינען פאַר זאַכאַר פּעטראָוויטשן.

— זיי הייסן ניט פאַרזיגלען! — האָט פאַרסאָפּעט גענומען ריידן אוואַק מיטן אויסזען פון א מענטשן, וואָס מ׳האָט אים מיט גוואַלד אָפּגעריסן

פון אן ארבעט. זיי זאָגן: שטיי! איז בא מיר מיטאמאָל דער טריוואקס פארקילט געוואָרן. דאָס איז ניט קיין געשעפט,—צוואנציק מאָל ווארעמען דעם טריוואקס.

— ס׳איז לאכלוטן אומזיניק צו פארויגלען דעם ארכיוו,—האָט ערנסט געזאָגט דער געלער.—איך פארשטיי ניט, צו וואָס דארף מען עס. איר האָט איבערגעלייענט דאָס קאָנספּעקטל? נו, איז דאָס זײַנען די זײַטיקע פאפקעס. עטלעכע שטיק—אָט זײַנען זיי. איך האָב זיי פארקאָנספּעקטירט פון ראכמאָנעס וועגן, ווײַל, זעט איר, דידאָזיקע פאפקעס דארף מען...

דעם געלנס לאנגער פינגער האָט באוויזן אפן צושריפט מיטן רויטן טינט:

„פארניכטן איבער לאנגאָניקײַט און ניט־נייטיקײַט“.

— נאָר איך האָב זיי ניט געקאָנט פארניכטן מיטאמאָל,—האָט היימלעך פאָרגעזעצט דער געלער. ער איז ווידער געווען דער באלעבאָס פון דער לאגע. ער האָט א זוך געטאָן מיט די אויגן, מיט דער פּלייצע אָנגעטאַפּט הינטער זיך דעם טיש און גרינג, מונטער, הייבנדיק אפ די הענט דעם קערפּער, ווי א באלעכל, האָט ער זיך אוועקגעזעצט אפן עק טיש,—איך האָב זיי מיטאמאָל פארניכטן ניט געקאָנט. דאָס איז דאָך די בויונג פון דער טשיגדימער הידראָסטאנציע, יענער קליינינקער, נישטיקער, וואָס גיט ענערגיע דעם דאָרף טשיגדים.

— א, כ׳האָב זיך דערמאנט—האָט זיך ארויסגעריסן באם הויקער.—איך זע עפּעס, איך לייען און איך כידעש זיך, פינף יאָר צוריק...

— פיר יאָר צוריק. מאָרגן האָב איך זיך געקליבן מאכן וועגן דעם א קליינינקן פאָרטראג פאר די ארבעטער.

— וואָסי, וואָס זײַנט איר דאָ? ווער האָט אײַך באפולמעכטיקט?—האָט זיך ניט אײַנגעהאלטן זאכאר פעטראָוויטש.

— א נײַער אינזשענער האָט זיך געפונען. פאָ־אָר־טראגן מאכן!

נאָר די טיר אין קאנצעליאריע, א ברייט צעעפנטע, האָט זיך שוין אָנגעשלאָגן מיט קעפּ. דער גאנצער קאָרידאָר, פון סאמע קאסירס פענצטערל, האָט דאָרשטיק געהערט. דער יונגער אוילעם האָט אקשאָנעסדיק געאָטעמט אין פרעמדע פּלודערן, ווי יונגוואלד זיך געשטופּט מיט די קעפּ פאָרויס. א קלאנג איז געגאנ פון די ווײַטסטע ווינקלען פון קאָרידאָר, אז מ׳האָט עמעצן ארעסטירט, און אופהייבנדיק זיך אפ די דיבקעס, שטיקנדיק איינער דעם אנדערן, האָבן ווײַטע ווי א לאווינע געשפּארט אפ די נאָענטע.

— ווי נאָך מאַנופֿאַקטור זײַנען זיי דאָ — האָט געשפּעט זאַכאַר פּעטראָוויטש מיט דעם סאַמע פּראָסטאַקישן סטיל זײַנעם, — אײַדאַ, קײַקלט צוריק.

— ניין, כאַווער מאַלקאָ! די אַרבעטער אופֿרודערן, — דאָס איז קיין געשעפּט ניט. אומבאַטראַכט האָט ניט ער, נאָר, אַנטשולדיקט, איר האָט אומבאַטראַכט געהאַנדלט. איך מיין אַזוי. זאָל ער דערקלערן, וואָס איז דאָ. ווער ס׳וועט פֿאַרשטיין, וועט פֿאַרשטיין, ווער ס׳וועט ניט פֿאַרשטיין, וועט ניט פֿאַרשטיין. רעדט, כאַווער!

חיימלעך זיך אײַנגעמאָסטעט אַפּן טיש, האָט דער געלער ווידער אונטערגעהויבן אַף די הענט זײַן קערפּער, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אים אונטערוואַרפֿן, ער זאָל אַוועקפֿליִען. די אויגן האָבן אַ גלאַנץ געטאָן אַנטקעגן דעם אָרטקאָם. דאָס גוטמוטיקע מויל האָט לאַנגזאַם געקײַעט, צוזוכנדיק ווערטער מיט יענער באַטאַמטער, וואָס דערוועקט נײַגיר, אָנגעשטרענגטער אופֿמערקזאַמקײַט, וועלכע פֿאַרכאַפּט אַזוי קינדער קוקנדיק אַף אַ זייגערמײַסטער, וועלכער פּאָרקעט זיך מיט אַ נאָדל און מיט אַן אָפּצווענגל אין די אומענדלעך קליינע געדערים פֿון אַ זייגערל. דערדאָזיקער אַרכיוו, אַ קופּע קאַזיאָנע פּאַפּירלעך, וואָס זײַנען געווען גילטיק פֿון — ביז, איז פֿאַר אים געווען אַן אייגנאַרטיקע שול פֿון זאַכלעכקײַט. ער האָט געקאָנט ריידן אָן אַן אויפֿהער וועגן קאָמפּליצירטע פּראָפּעסיעס, וואָס זײַנען דער מערהײַט מענטשן אומבאַוווסט (נאָר פֿאַר שטיינאַרבעטער אַליין, צום בײַשפּיל, זײַנען פֿאַראַן פֿירערליי נעמען: מוליערס, שטיין־שלײַפֿערס, שטיינברעכערס, גרוזשטויסערס); וועגן אינסטרומענטן, וואָס זייער קלאַנג רופֿט צו טאַט („צאַפּקע", דער אינסטרומענט „צאַפּקע", וואָס כאַפּט ווי אַ הונט פֿאַר די פֿיס), נאָר אין טאָך האָט מעג ניט געדאַרפֿט אָנהייבן פֿון קלייניקײַטן, — און באַטאַמט אַ קײַ געטאָן מיט די ליפּן, האָט דער געלער פֿאַרשלונגען פֿאַר זיך דעם אָנהייב. ער האָט זײַן קאָנספּעקט אַ נאָמען געגעבן ראָמאַן. ער האָט אים אָנגעהויבן איבערצודערציילן, ווי דאָס טוען קינדערלעך, אומקערנדיק זיך אַהיים פֿון אַ קינאָסעאַנס: פֿריִער דאָס אָרט פֿון דער האַנדלונג, דערנאָך די אָנטיילנעמענדיקע פּערזאָנען, דאָס ערשטע בילד, דאָס צווייטע, דאָס דריטע. דאָס דאַרף טשיגדים אָן אַ באַשרײַבונג פֿון דער נאַטור אין ציפֿערס און אין דערקלער־צעטלען איז אופֿגעשטאַנען פֿאַר דעם געלנס צופֿעליקע צוהערערס מיט דער העלער אויסדריקלעכקײַט פֿון סטענדאַלס ראָמאַן, וואָס סטענדאַל האָט אים

אמאָל אָנגעהויבן, לויט דעם מוסטער פון ארכיוו־איניאָנים, מיט דער באשרײַבונג פון די שטאָטישע מילן און פון זייער האכנאָסעדיקײַט.

— אין דעם הונגעריקן יאָר, ווען גרויסע שטעט האָבן אין דער ערשטער ריי געטראכט וועגן דערנערונג, וועגן ארבעטלאָזע, וועגן דירעס פאר די היימלאָזע, האָט דאָס דאָרף טשיגדים פארטראכט אויסצובויען א הידראָסטאנציע, — אזוי האָט אָנגעהויבן זײַן ראָמאן דער געלער. — דאָס דאָרף טשיגדים האָט פארטראכט, און צערודערט אָפּגעענטפערט האָבן אים מיטאמאָל פון אלע עקן פון פארבאנד די, וועמען די זאך איז נעגייע. ערגעץ אין אן אויסלאנד וואָלט מען די טשיגדימער פארוואלגערט מיט הונדערטער רעקלאמעס פון הונדערטער אונטערנעמונגען. בא אונדז, פארן קייסער, וואָלטן קאָנקורענטן גענומען רײַסן די טשיגדימער, און איינעם א נייטיקן מענטשן וואָלט מען שטילערהייט אונטערגערוקט אין האנט ארײַן אָדער, ווי דענסטמאָל האָט עס געהייסן, „מ'וואָלט אים פארינטערעסירט", און די באשטעלונג וואָלט באקומען איינער פון די קאָנקורענטן. נאָר אין אונדזער פארבאנד איז אנשטאָט הונדערטער רעקלאמעס — איינע; צו די טשיגדימער שיקט א וויזיט־קארטל עפּעס א מין פילעקיקער אומגעהײַער, אז ס'איז אפילע שווער זיי איבערצוציילן, ע ל מ א ש ט ר ע ס ט, וואָס אין בויך זײַנעם זיצן האנט בא האנט אלע פריִערדיקע קאָנקורענטן. לייענט איבער די כאראקטעריסטיק פון דעמדאָזיקן העלד. וואָס פאר א פּאָעט וואָלט צוגעטראכט צו זאָגן אזוי ווייניק און אזויפיל מיט איין מאָל?

ער האָט גערעדט באלעבנדיק יעדער סטאָסל פּאפּקעס. פאר די צוהערער זײַנען, ווי אף אן עקראן, דורכגעגאנגען די פּאָדריאטשיקעס, — קיין איינער איז ניט ענלעך אפן צווייטן. א פעטער, מיט אראָפּגעהאנגענע וואָנצעס און מיט א הויכער באראשקענער היטל, איז אוועקגעלאָפן דער סאָד־אייגנטימער מעשאדי קיאפאר קארפאלײַ קאסים־אָגלי זיך קלאָגן אין פאָלקאָמערד. און אף דעם לאנגן פלאָנטער פון דעמדאָזיקן נאָמען האָט דער געלער זיך אָפּגעשטעלט אסאך מאָל. דער געלער האָט באלאנסירט אינדערלופטן מיט די קלאנגען פון דעם נאָמען. ער האָט פאָרגעלייגט אין רוים ארײַן: „נו, פרוווט, טראכט אויס עפּעס ענלעכס פון קאָפּ". די דיִאלעקטיק האָט אים געשיקערט, האָט געמאכט זײַן דערציילן קימאט טעאטראליש. דראמאטיזירנדיק די אומשטענדן, האָט זײַן פּאָנעם אָנגענומען אמאָל איין אויסדרוק, אמאָל א צווייטן. זײַן שטים האָט זיך געענדערט ווי פון א קישעפ. מענטשן האָבן געפירט זייער

ליניע, זיי האָבן געבויט, זיך אַרײַנגעריסן אין פּריוואַטן לעבן פון די פּויערים. די סטאַנציע איז אַרײַנגעשווומען, ווי אַ גרויסער וואַלפיש, אין דער קאַליושע פון קליינלעכן דאָרפישן שטייגער. דענסטמאָל האָט אָנגעהויבן זיך נויקעם זײַן דער שטייגער: די פּויערים האָבן אָפּגענומען די וואַסער, רויִנירט די דאַמבע, געגאַזלט, זיך געקלאָגט. נאָר די דיאַלעקטיק איז געגאַנגען נאָך טיפער. גרויסאַרטיק איז געווען אין דעם געלנס איבערגעבן דער אינזשענער. ער איז אויפגעקומען פאַר די צוהערערס ווי אַ באַשעפטיקטע פיגור, אַ אָפּגעטעמפּטע אין דער פאָרמענער פוראַזשקע, ווי אַ פּיראַמידע — איגאַגצן אין געפיל פון קאַסטע און אין קאַסטעווער אינערציע. דורך די ציינ קלאָגט ער זיך אַפ די שטערונגען. דאָס קלאָגן זיך דרינגט דורך אַפילע די שפּראַך פון דעם קאַזיאָנעם פּאַפּיר מיט גאַל, וואָס ווערט געל אין דער פּאַפּקע. לייענענדיק, האָט דער געלער אויפגעלעבט דידאָזיקע גאַל. און דאָרטן, אַפן צווייטן עק פון דער הוידעלקע, האָט זיך באַוויזן דער פאַריין און די בירזשע, וואָס האָבן מיטן בויך זיך אָנגעלייגט אַפ דערזעלבער ברעט.

און דאָ פלוצלינג, אויסקערעווענדיק זיך צום אָרטקאָם, האָט ער מיטאַמאָל זיך אַ גליטש געטאָן פון בילדערישער און טעאַטראַלער דעקלאַמאַציע צו דער סאַמע געשעפטלעכסטער פּראָזע.

— כאָווער אַגאַבעק, בײַ אײַך איז פאַראַן אַ דירעקטיוו וועגן שטיק־אַרבעט?... און גיט אַ קוק, ווי ס'האָט זיך געוואָרפן דער פאַריין פיר יאָר צוריק. ער האָט אַגיטירט די אַרבעטער קעגן שטיק־אַרבעט, ער האָט די אינזשענערן און די ווירטשאַפטלער ניט געלאָזט בויען, ער האָט זיי געהאַלטן אין כראָנישער רעציכע, ער האָט פון ערשטן קוק מאַמעש רויִנירט די אַרבעט, — די טרוקענע פּאַפּירן שרײַען וועגן דעם. איצט, אין פיר יאָר אַרום, איז דידאָזיקע דיאַלעקטיק קלאָרער פאַר אונדז. און ווען די אינזשענערן וואָלטן ענדלעך געקאָנט דיאַלעקטיש אויפנעמען דאָס לעבן, — נאָר די אינזשענערן וועלן דאָס נאָך לאַנג ניט קענען, זיי זײַנען קריפּלען אין דער אַרבעט, — וואָלט זיי געוואָרן אַסאַך זאַכן פאַרשטענדלעכער. האָט דער פאַריין פיר יאָר צוריק געקאָנט אַנדערש האַנדלען? ניין, ער האָט אַנדערש ניט געקאָנט! פאַרוואָס? ווײַל די אינזשענערן האָבן געאַרבעט מיט פּאָדריאַטשיקעס. דערדאָזיקער אַלטער שטשור, דער פּאָדריאַטשיק, איז געווען דאָס ווידערקאָל פון דער אַלטער וועלט און פון איר פּראַקטיק. ער איז רײַך געוואָרן אַפ די אַרבעטער. מ'האָט ניט געטאָרט בײַ דער סיסטעם פון די פּאָדריאַטשיקעס

דערלאָזנ קיינ שטיק־ארבעט,—דאָס האָט געפירט צו עקספּלואטאציע, אונ ניט צו העכערנ די פּראָדוקציע. קעמפנדיק קעגנ שטיק־ארבעט, האָט דער פאריינ געקעמפט פאר א נייַער ארבעט־אָרגאניזאציע, אונ ער האָט אנדערש ניט געקאָנט, אונ ער איז געווענ טויזנט מאָל גערעכט, אונ ער האָט געזיגט, ווייַל די פּאָדריאטשיקעס זייַנענ פארשווונדנ געוואָרנ, זיי זייַנענ מער ניטאָ. מיר ארבעטנ איצט מיט ארטעל־פירער. אינ דער צוקונפט, קענ זייַנ, וועלנ די ארטעלנ אויכ פארשווינדנ. ס'וועלנ אופקומענ גרופּעס, בריגאדעס. צי האָט אויסגעשפּילט דערפונ די בויונג? אויסגעשפּילט! מיר בויענ בעסער ווי פריִער, אונ דענסטמאָל האָט זיכ אויסגעוויזנ, אז דער פּראָפּאריינ ברענגט אומ די ארבעט... גיט מיר די דיִאגראמע. ווו איז זי?

די געהיימעניש פונ דעמ סוידעסדיקנ פּאפּירל, דער פּאָליטישער שיפער פונ וואָלאָדיענ דעמ מערינאָס איז דערקלערט געוואָרנ. אופהייבנדיק עס איבערנ קאָפּ, האָט דער געלער הויכ איבערגעלייענט:

די קרומע פונעמ טעמפּ, מיט וועלכנ עס פארעלטערנ זיכ ארכיוו־פּאפּירלעכ.

— ערשט פיר יאָר איז דורכגעגאנגענ, כאוויירימ. אונ וווהינ האָבנ מיר א שפּרונג געגעבנ, ווי געשווינד מיר יאָגנ! טוט נאָר א קוק, אלצ האָט זיכ שוינ געענדערט. נעמט דעמ דעמאָלטיקנ ביודזשעט, די ווערט פונ ארבעט־קראפט, דער קוסטארישער אָנהייב פונ דער בויונג, די אָפּוועזנהייַט פונ א פּלאנ, די אָפּוועזנהייַט פונ עקאָנאָמישע דאָקומענטנ. קיינ שומ דאָקומענטנ אינעמ איניענ וועגנ אָנגעלאָדנקייַט, וועגנ די געברויכער פונ ענערגיע. קיינ שומ אָנצוהערעניש וועגנ קושטשעווענ, וועגנ א צוקונפטיקער נעצ סטאנציעס,—דאָס איז ניט אריַינ אינ ראדיִוס פונ דער בויונג. דער ראדיִוס איז געווענ א קורצער, ניט קיינ פּלאנירטער, א קוסטארישער, די זאכ איז געבוירנ געוואָרנ יעכידיש. אונדזער איצטיקער ארכיוו אונ דערדאָזיקער טשיגדימער ארכיוו,—דאָס זייַנענ צוויי פארשיידענע עפּאָכעס. אונ אויב איר וועט זיי פארגלייַכנ מיט די פאר־רעוואָליוציאָנערע ארכיוונ, וועט דער אונטערשייד זייַנ אנ אנדערער. בא אונדז ווערנ די ארכיוונ יעדנ יאָר פארעלטערט, אונ פאר דער רעוואָליוציע זייַנענ זיי געווענ אומבאוועגלעכ. זיי שרעקנ מיט זייער שטאנדהאפטיקייַט: פאר א צענדליק יאָר האָבנ ניט די באדינגונגענ, ניט די באציִונגענ, ניט די פּרייַזנ,—גאָרנישט האָט זיכ נישט געביטנ. די צייַט אונ דער שטייגער זייַנענ

געשטאנען... אָט וואָס ס׳קאָן ארויסנעמען אַן ארכיוואריוס פון זײַן ארבעט.

ער האָט אָפּגעאָטעמט און שטילינקערהייט ארױפגעלאָזט דעם קערפּער אױפן פריערדיקן אָרט, ווי נאָך א פלי אינדערלופטן. ער איז געווען זייער צופרידן דערמיט, וואָס ער האָט זיך ארויסגעזאָגט. נאָר מעגלעך, אז ער וואָלט ניט געדארפט זײַן צופרידן אָדער ארויסווײַזן זײַן צופרידנקייט? ערגעץ דאָרט, איבער זאכאר פּעטראָוויטשעס שמאָל־שטערנדיקן קאָפּ, האָט ער דערמיט ווידער אופגעצויגן דעם אומדערטרעג־לעך הויכן וואָלטאזש פון זײַן פּערזענלעכקייט. און אָנטאפּנדיק דאָס שוואכע אָרט אין דער אָנגעשטאנענער שטילקייט, האָט זאכאר פּעטראָוויטש גענומען א וואָרט:

— ס׳איז טאקע אזוי, ארנאָ אלעקסאנדראָוויטש; מיר האָבן דיך אויסגעהערט. אױף דײַן צײַט ביסטו, פארשטייט זיך, א באלעבאָס. נאָר!

(ווידעראמאָל איז א באַוונדערער, א גרויסער נאָר ארויסגעקומען באַם נאטשקאנץ, ווי דאן נאָך דער פארזאמלונג):

— נאָר מיט וועלף אז מע וווינט, ווויעט מען וועלפיש. דאָ ארבעטן באַ אונדז מענטשן פארן שטיקל ברויט. ס׳איז ניט גוט, פארשטייסטו, פון צווישן אייגענע זיך ארויסטיילן. די ארבעט איז א שטויביקע, א שווערע, א זיצנדיקע. איז זיץ, אויב דו דארפסט עסן, טרינקען. אָט אזא איז דאָך אונדזער געוויינלעכע ראטן־אָנגעשטעלטערישע פּסיכאָלאָגיע. נו, און דו, ברודער, אפּאָנעם, אז דו סטארעסט זיך ניט פארן שטיקל ברויט. דאָס איז — ווי זאָל איך זיך דאָ יוישעדיקער אויסדריקן? — פאר א פּראָסטן אָנגעשטעלטן מענטשן קומט דאָס אויס ניט כאווריש. יאָ!

קאפּיטל VIII

די העלדן פונעם ראָמאן

1

דער צווייטער אומבײַט איז נאָכן שלאָף געגאנגען אראָפּ. אויבן האָט דער פּארוואלטער פון קאָאָפּעראטיוו מיט א בלאָנדזנדיקן שמייכל, — ער האָט ליב געהאט פּאָפּוליאריטעט, — אליין אָפּגעלאָזן ברויט דעם ערשטן אומבײַט. דאָס מעסער האָט הילכיק זיך אײַנגעשניטן אין די קנאַקנדיקע לאבנס, וואָס האָבן געאָטעמט מיט דער היץ פון דער ברויטבעקערײַ. דאָס ברויט האָט זיך אויסגעבאַקן פּעכקע, נאָר ס'איז געווען ביטערלעך, די מעל איז געווען ניט פון ערשטן סאָרט, דעם עמעס זאָגנדיק, אפילע פּאסקודסטווע מעל; צערײַבנדיק זי צווישן די פינגער און פּרוּוונדיק אפן צונג, האָט דער פארוואלטער אליין מאסקים געווען. בא אים איז געווען גרייט א טערעץ: נאָר אזוי האָט מען אונדז צוגעשיקט.

אָנגעשמוצט אין קאָאָפּעראטיוו מיט די פײַכטע שטיוול, זײַנען די שווארצארבעטער געגאנגען אין גאָרקיכ, ווו זיי האָבן געווארט מיט בילעטיקעס אין דער ריי. דער ווינט האָט געקלאפּט אין די ווענט פון דער גאָרקיכ, דאָס טריב פײַערל פונעם לעמפּל האָט זיך געהוידעט אונטער דער סטעליע. אפ די הילצערנע ווענט זײַנען געהאנגען צוציִענדיקע פּלאקאטן, און אלץ איז דאָ, אין דעמדאָזיקן לאנגן, טונקעלן צימער, געווען צוציִענדיק: די קליינינקע הילצערנע טישעלעך מיטן קײַלעכדיקן זאלצמעסטל, די הילצערנע שילעוואניע פון די ווענט, די פּיצעלעך פענצטערלעך און בא דער ריינער סטויקע די שווארצע וואָנצ פון דעם פארקויפער, דאָס אייביקע געריכט — לאָבי מיט געפּרעגלטע ציבעלעס און מיט בוימל. א טריום פון אן אוראלטן דאמפּשיף האָט דערמאָנט דידאָזיקע קיכ. די ברעטער האָבן זיך געהוידעט אונטער דער שווערקײַט פון די דורכגייענדיקע. די קעלט פון דער פאלנדיקער טונקלקײַט האָט ארומגענומען די געבײַדע, נאָר ראנגלענדיק זיך מיט דער קעלט, האָט פונעם

קיכ־פענצטערל אינ עסצימער אריַינ זיכ אריַינגעפליושקעט, צוזאמענ מיט די דערלאנגטע טעלער, געדיכטע וואָלקנס פארע, אונ דער רייעכ פונ באָרשטש האָט געשלאָגנ פונדאָרטנ, אָנגריַיפנדיק אפ דער זיכ באוועגנדיקער ריי. די, וואָס האָבנ באקומענ א טעלער, זיַינענ פיַיכטע פונ דער קיכ־פארע געגאנגענ צומ טישל. זיי האָבנ געגעסנ שוויַיגנדיק. זיי האָבנ געגעסנ קוקנדיק צו זיכ אינ טעלער, ווי זיי וואָלטנ געארבעט בא זיכ בא דער מאשינ. אָפגעבראָכנ פונ דער לוסטע, האָבנ זיי אריַינגעוואָרפנ אינ באָרשטש שטיקער ברויט אונ קליינינקע־קליינינקע פאָרציִעסוויַיז אָנגענומענ ניט קיינ פולע לעפל, האלטנדיק אינ די מוסקולדיקע הענט מיט גרויס פאָרזיכטיקיַיט, אפ א זיַיט, די פאָרציע זייערע, קעדיי זי אוועקצולייגנ אפנ צונג, ווי א קאָסטבארע פיל. נאָר מיטנ צונג האָט זיכ נאָכ אויכ ניט געענדיקט דער קלוגער מעכאניזמ פונעמ עסנ — פונ לינקס אפ רעכטס אונ פונ רעכטס אפ לינקס לאנגזאמ איבערגעלייגט דעמ ביסנ פונ איינ באק צו דער אנדערער, האָבנ זיכ באוועגט די עסנדיקע קינבאקנ, ביז זיי האָבנ אראָפגעשלונגענ די שפיַיז. ניט אלע, איבעריקנס, האָבנ געגעסנ מיט א לעפל. זיכ ארומקוקנדיק אינ די זיַיטנ, האָט א האָריקער סעזאָניק איַינגעטונקענ אינ באָרשטש די פינגער צונויפגעלייגטע אינ א הייַפל. קונציק האָט ער געארבעט אינעמ באָרשטש מיט א פארקוועטשט שטיקעלע ברויט, אָנעמענדיק אינ דעמ, ווי א שוואָמ, די פליסיקיַיט אונ איבערפעקלענדיק דאָס שטיקל אינ מויל אריַינ. דאָס ברויט האָט פארביטנ בא די סעזאָניקעס מעסער אונ גאָפל. פונ ניט־געוווינשאפט האָבנ אסאכ גענומענ אונ ארויסגעלאָזט די לעפל, ווי א ניט־געניטע שפינערנ דאָס האנט־שפינדל. ס'איז געווענ ווארעמ פונ מענטשנ, פונ זייער האָריקנ שאָרי, פונעמ הוידענ זיכ פונ זייערע שאָטנס אפ די שוואכ באלויכטענע ווענט.

נאָר די, וואָס זיַינענ אראָפגעלאָפנ אראָפ מיטנ בארג, איז אויכ געווענ ווארעמ. דער שלאָפ האָט זיכ נאָכ געהאלטנ אינ זייער קערפער, ווי הייסער אש פונ קוילנ אינ א פארמאכט אייוועלע. די ארבעטנ זיַינענ געגאנגענ אינ דריַי ערטער. אפ די בויער־לעכער, אפנ אָפפיר־קאנאל אונ אפ דעמ בריק. די קליינע ציַיטווייַליקע סטאנציע מיט דיזעלנ האָט געגעבנ קארגע שיַינ אפנ באצירק פונ דער ארבעט. די שווארצע קיַיקעלעכ פונ לויפנדיקע מענטשנ האָבנ זיכ געקיַיקלט פונעמ בארג אונ זיכ צעפלאָסנ אפ די ערטער. דער בויערער־מיַיסטער לייטיס, אָנרוקנדיק נידעריק די ברילנ אפ דער נאָז מיט בראָדיוועקעס, האָט פארצייכנט אינ זשורנאל די

לעצטע ציפער. לינקס פונ אימ האָט דער בויערער זארגאריאנ געהאלטנ אפ דער דלאָניע די פונעמ קרוינדל ארויסגענומענע זײַלעכלעכ. די לאָכ איז דערגאנגענ צו א דורכויסיקנ שטיינערנעמ מאסיוו, אונ דאָס דימענט־בויערל האָט אויסגעזויגנ פונ אונטער דער ערד דינע, גלײַכע אונ קילע גרינבלעכ־גרויע זײַלעכלעכ, ענלעכע אפ דריטסאָרטיקנ שאָקאָלאד. באמ מײַסטער לייטיס האָט זיכ אלצ אויסגעצייכנט מיט פּעדאנטישסטער אָרדענונג. די ארבעטער האָבנ אימ געשעצט. ער האָט ניט געײַלט צו באפוילנ, זײַנ ריידנ — אביסל מיט א באס — איז געפלאָסנ זייער לאנגזאמ, ווי צעשמאָלצענע פּוטער. אונ זארגאריאנ האָט געוווּסט, אז אײַלנ דארפ מענ ניט, אונ ער האָט רויִק געהאלטנ די זײַלעכלעכ אינ דער צײַט, ווענ דער מײַסטער האָט פארשריבנ. אינעמ געצעלט איז די ערדענע דיל געווענ קרעפטיק אײַנגעטאָפּטשעט, דער טיש אָפּגעשאָבנ, אפ א שנירל האלט זיכ אונטערנ ברעזענט אנ עלעקטריש לעמפּל. אינ ווינקל איז דאָס, מיט וואָס מײַסטער לייטיס שטאָלצירט, — א קעסטל מיט מוסטערנ פונ נאָכאנאנדיק אויסגעגראָבענע געשטיינע. „די בויערלאָכ נומער פיר" — איז אָנגעשריבנ אפנ דעקל פונ קעסטל. אונ א קוק טונ אינעווייניק... איבעריקנס, פלעג מענ יעדנ טוריסט אומבאדינגט ברענגענ אהערצו צו דער בויערלאָכ נומער פיר אונ מע פלעג אימ ווײַזנ מײַסטער לייטיסעס זשורנאל אונ מײַסטער לייטיסעס קעסטל.

דרײַ ארבעטער זײַנענ ארײַנ אינ געצעלט, אונ ניט ריידנדיק קיינ איבעריק וואָרט, האָבנ זיי זיכ גענומענ פאר דער שטאנגע. זארגאריאנ האָט אנידערגעלייגט דאָס זײַלעכל אינעמ צוגעגרייטנ אונ פארנומערירטנ זעקעלע. ער האָט זיכ אויכ געשטעלט אפ זײַנ אָרט לעבנ דער שטאנגע. איצט זײַנענ די ארבעטער געשטאנענ אינ א קרייצ פונ פיר זײַטנ פונ דער לאָכ אונ יעדערער האָט זיכ געהאלטנ פאר א הענטל. דאָס בויערנ איז פאָרגעקומענ מיט דער האנט. ניט געײַלט, איינס נאָכנ אנדערנ, האָבנ לאנגזאמ גענומענ זיכ דרייענ די מענטשנ אינ א אומגעהײַער איינארטיקער אונ דערנידערנדיקער באוועגונג. דער לאטיש האָט אפ זיי א קוק געגעבנ, א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ אונ איז ארויסגעגאנ.

ס'איז שוינ געוואָרנ אינגאנצנ פינצטער. איבעריקנס, האָט מענ געזענ, ווי נאָכ נידעריקער, אפ דער מיט טײַכ, וווּהינ ס'האָט זיכ פונעמ בריקל אראָפּגעלאָזט די צווייטע בויערלאָכ, זײַנענ שרײַענדיק אָנגעלאָפנ מענטשנ אונ ס'האָט זיכ געשלעפּט מיט זײַנ באזונדערנ פּאָדאגרישנ

גענגל דער אלטינקער אלעקסאנדר אלעקסאנדראָוויטש. אפ דער לאָכ נומער צוויי איז געווענ ניט קעשורע.

וועגנ דער לאָכ נומער צוויי האָבנ צווישנ זיכ גערעדט אויכ זארגאריאנ מיט די שכייניմ, דרייענדיק זיכ טראָט־נאָכ־טראָט אונ אָנלייגנדיק זיכ מיטנ גאנצנ קערפער אפנ הענטל פונ דער שטאנגע. זיי האָבנ נאָכ ניט באוויזנ אײַנגעשוויצט צו ווערנ, אינ זייער באוועגונג איז נאָכ געווענ די גליוועדיקע אינערציע פונ קערפער, וואָס האָט ניט געוואָלט טונ קיינ ארבעט. יעדערער פונ זיי האָט פונ דער דערפארונג געוווּסט אינ זיכ אליינ די דאָזיקע אינערציע, ווי דו ווייסט די אייגנשאפט פונ א מאשינ, אונ ער האָט אויכ געוווּסט, אז פינקטלעכ אינ א באשטימט שטיקל צײַט ארומ וועט אנ אנדערע, פונ דער באוועגונג אָנגעארבעטע ווארעמקײַט צענעמענ די ביינער, ווי מיט אייל זיי באשמירנ, אונ דער קערפער וועט זיכ אײַנשטעלנ אפ ארבעט, פונקט ווי א מעכאניזמ. אינ דער דערוואַרטונג אפ דעמדאָזיקנ איבערגאנג האָבנ אלע פיר פויל אונ אָפגעריסנ זיכ איבערגעוואָרפנ מיט קורצע ווערטער. דאָרט אפנ רעכטנ ברעג איז ביכלאל געווענ שלימאזלדיק. געזעצלעכ וואָלט מענ שוינ לאנג געדארפט דערגיינ ביזנ גרונט אונ בויערנ, ווי זיי האָבנ געבויערט, אינ דורכויסיקנ פעלדז, נאָר דער טײַוול האָט אנ אײַנאָרע געגעבנ דעמ רעכטנ ברעג. אופהייבנדיק זיכ ווי א ברוכשטיק פונ עפּעס א ריזיקער צעשטערונג, איז איבערנ רעכטנ ברעג געשטאנענ דער בארג ק א צ אונ געשטשירעט די שטיינערנע וואָנצײַלעס פונ דעמ קוועלנדיקנ קווארדאטנ פיסק. אונ די ארבעטער האָבנ אבערגלויביש געכאפּט א קוק אפ דעמ בארג ק א צ. זיי האָבנ מוירע געהאט פאר דעמ בארג ק א צ. ניט אומזיסט האָט פונ דער בויערלאָכ נומער צוויי נאָכ דעמ קרעפּטיקנ, דאכט זיכ, געשטיינ ווידער פלוצלינג אָנגעהויבנ קריכנ עפּעס א פּײַכטע קאַשע—ליימ, טײַכ־ליימ האָט זיכ באוויזנ אפ דער טיפ אנשטאָט דעמ דערוואַרטנ דורכויסיקנ גרונט. די ארבעטער האָבנ דערשראָקנ געדרייט די שטאנגע פינ דער בויערלאָכ נומער צוויי, ביז דער עקבויער מיטנ דימענטנ קרוינדל האָט זיכ ניט פארהאקט אינ דער לאָכ. געטראָפנ האָט זיכ דאָס אינדערפרי, אונ פונ אינדערפרי האָבנ מענטשנ אפ דער בויערלאָכ נומער צוויי זיכ געמאטערט אונ געשוויצט, ווי זיי מאטערנ זיכ איצט. פונ אינדערפרי אָנ האָט דער העכטענער פראָפיל פונעמ שעפ פונ באַצירק ביז געקישעפט בא דער בויערלאָכ. די ארבעטער האָבנ געקראקעט פונ אָנשטרענגונג. הויפּנווײַז האָבנ זיי אופגענומענ אונ אראָפּגעוואָרפנ

שווייס פונעם פּאָנעם, זיי זײַנען געקראָכן מיט שטריק אַראָפּ, עפּעס געשריגן אַרופצו, געפּאָדערט איינ אינסטרומענט, דעם צווייטן, נאָר דער עקבויער האָט זיך פעסט פארהאקט פוגונטן און האָט פארשטאָפּט מיט זיך די לאָך. פון דער זײַט האָבן אָט די אַלע אָנשטרענגונגען פון די אַרבעטער דערמאָנט די פײַנלעכע מאַטערניש פון אַ פערד אַ שלעפּ צו טון אַן איבערדיקויכעסדיקע מאַסע. נאָר זאַרגאַריאַן האָט אַ וואָרף געטאָן אין דער פּלייצע פון זײַן פּאָדערשטן שאָכן אַ וואָרט.

— זיי זאָלן כאָטש אַ טעג דרײַ זיך דאָרט פּאָרען.

— ס'וועט גאָרניט זײַן,— וועלן זיי פאַלן אַפּן סייכל און וועלן נעמען פארן קאָלנער אונדזער לייטיסן.

פון די קורצע ווערטער איז קלאָר געוואָרן, אַז דעם עקבויער האָט מען אומיסטן ניט אַרויסגעשלעפּט, און ס'איז געווען קלאָר, אַז די פערטע לאָך, אַרבעטנדיק אין פולן גאַנג, האָט מיטגעפּילט דער צווייטער.

דער מײַסטער לייטיס איז צוגעגאַנגען צו דעם אַלטינקן מאַנטל. פון אונטער דעם מאַנטל האָבן גענעראַליש ציטערנדיק געשפּאַנט טרוקענע פּאָדאַגרישע פיס. אַלעקסאַנדר אַלעקסאַנדראָוויטש איז רויט געוואָרן פונעם ווינט. די בלויע ליפּעלעך אונטער די געדיכטע וואָנצעלעך האָבן דערשראָקן זיך צונויפגעקלעמט. ער איז געווען אין קורס פון אייניקע סעקרעטן: דער שעף פון באַצירק האָט באַצײַטנס ניט אַ רופ געטאָן לייטיסן. דער שעף פון באַצירק האָט אַליין אָנגעפירט מיט די ערשטע פּרוּוון. דער שעף פון באַצירק האָט זיך באַנאַרישט, און איצט דאַרף ער, דער שטילער אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש, אויסטראָגן לייטיסעס גיפטיקע הילף און די בליקן פון די אַרבעטער.

„לעוואָן דאַווידאָוויטש איז שטענדיק אַזוי, דאָס איז אַ סיסטעם. איך האָב, פארשטייט זיך, קיין מוירע ניט",— האָט אין זיך געטראַכט אַלעקסאַנדר אַלעקסאַנדראָוויטש און האָט מיט פּאַניק זיך אומגעקוקט אַף לייטיסעס שאָטן.

אַז דער מײַסטער איז צוגעגאַנגען צו דער בוירלאָך, האָבן די אַרבעטערס פינצטערע פּענעמער גענומען קוקן אין אַ זײַט. דאָס אַלץ זײַנען געווען סעזאָניקעס, אַ מאָגערער און אַ ניט־פרייַלעכער אוילעם, פויערים פון די אויבערשטע לאָרישע דערפלעך. זייערע קויטיקע וויקלשנורן, די טראַנטעס פון די אויבערשטע מאַלבושים, אַפילע די האָרענע עקן פון זייערע באַראַשקענע היטלען האָבן געשמעקט מיט רויך און

מיט זויערמילכ. דער רייעכ האָט זיכ איַינגעגעסנ יאָרנוויַיז, אונ ס׳איז געווענ אימ ניט אויסצוראָטנ.

לייטיס האָט א מינוט צוויי געכאפט מיט די אויגנ זייערע וויַיכנדיקע שווארצאפּלענ. „איכ וועל איַיכ!״—האָט גערעדט דעמ לאטישס אימפּאָזאנטע נאָז, קערעווענדיק זיכ אינ אלע זיַיטנ, ווי דער שפּיצ פונ א שיפ. נאָר אנשטאָט א דראָונג האָט לייטיס זיכ צוגעזעצט אפנ הילצערנעמ געבאלקנ.

— פארלאָזט,—שפּעט גערופנ. ווער האָט אָנגעפירט? לעוואָנ דאווידאָוויטש? זיי זיַינענ דאָכ ניט קיינ געניטע אינ אונדזער פאכ. פארשטאָפּט נאָכ ערגער פארשטאָפּט.

איינער פונ די ארבעטער איז צוגעשפּרונגענ צומ מיַיסטער אונ מיט א דינינקער שטימ אָנגעהויבנ זיכ קלאָגנ. ער האָט זיַינ רעדע אָנגעשטעלט מיט די אויגנ, ווי א זייגער, צוליב פּינקטלעכקיַיט, לויט די אויסדריקלעכע פּענעמער פונ די כאווירימ. ער האָט מיט די הענט געוויזנ די גרייס פונעמ קרוינדל,—צי דענ קאָנ מענ אָנטשעפּענ אזא קרוינדל אפ דערדאָזיקער שטאנגע? די ארבעטער האָבנ אינ איינ קאָל זיכ אָפּגעזאָגט, אונ דער שעפ פונ באצירק האָט געצוווּנגענ, אונ אָט איז איצט דער באוויַיז: זיכ פארהאקט דאָס קרוינדל. פארוואָס האָבנ זיי אינ דער בויערלאָכ נומער פיר קיינ איינמאָל זיכ ניט פארהאקט? א זאכ דארפ מענ פארשטיינ. ניט פארשטיינ אונ באפוילנ — איז נאָר קאליע מאכנ. איצט האָט זיכ אריַינגעמישט דער סאמע עלטסטער פויער. זיַינע רויטלעכע אייגלעכ האָבנ געקוקט גליַיכ אינ פּאָנעמ אריַינ: דערדאָזיקער האָט זיכ ניט אָפּגעקערעוועט אונ אפילע דאָס געלעכטערל ניט באהאלטנ. די פוילע סקאָרבוטע ציינ האָבנ שעפּעליאוועט; „ביכלאל איז דאָ ניט אזא ערד, אז מ׳זאָל בויענ, אלטע מענטשנ האָבנ לאנג געזאָגט, אלטע מענטשנ דארפ מענ פאָלגנ״.

— פארשטעק זיכ,—האָט זיכ צעגוואלדעוועט, אינ קאס ווערנדיק, דער לאטיש. זיַינ אייראָפּייִשער וועזנ האָט זיכ אָנגעצונדנ. אופהייבנדיק זיכ פונעמ באלקנ, איז ער אראָפּ אפנ רעכטנ ברעג, ווו ס׳האָט שוויַיגנדיק געארבעט די ערשטע לאָכ, וואָס האָט שוינ עטלעכע טעג געגעבנ קיזלשטיינדלעכ. נאָכ וויַיטער, אונטער דער סאמע זיַיט פונ דעמ בארג קאצ, זיַינענ צוויי פארוואָרפענע אונ פארטרונקענע שורפנ האָפענונגלאָז געבליבנ שטעקנ אינ ליימ. די געאָלאָגנ האָבנ עפּעס אָנגעפלאָנטערט: בא די סאמע ווענט פונ א קווארצ־פּאָרפיריט, אונטער די שאָטנס פונ א

פעלדז—אנ אָרט, ניטאָ וואָס צו פארלייקענענ, אנ אומקומ־אָרט—האָט געשפּיגנ אפ מענטשנ מיט פארשיידענער הושטשע, ס'איז געגאנ דאָס גרינס פונ צעשטערטע געשטיינער, טייַכ־שטיינדלעכ אונ דערהויפּט—מ'ווייסט ניט פונוואנעג—בלוילעכע ליימ—אונ דאָס אלצ אנשטאָט דעמ צוגעזאָגטנ טופ. טיפ אינ הארצנ האָט לייטיס אויכ אזוי געגלויבט די געאָלאָגנ, ווי די פויערימ. ער האָט זיכ אומגעקערט צוריק אפנ בריקל.

— מיט מאגנעט האָט איר געפּרווט, אלעקסאנדר אלעקסאנדראָוויטש

דער אלטער אינזשענער האָט א צאפּל געטאָנ. איבערפרעגנדיק צוויי? מאָל, האָט ער צוגענומענ די האנט פונעמ אויער אונ האָט א מאכ געטאָנ מיט די פינגערלעכ. מיט מאגנעט האָט מענ ניט געפּרווט, אונ פאר אלעקסאנדר אלעקסאנדראָוויטשנ האָט זיכ געעפנט א פעלד פונ טעטיקייט. די ארבעטער האָבנ שוינ געוווסט, אז דעמ עקבויער וועט מענ באלד ארויסשלעפּנ. זיי האָבנ זיכ געשטעלט צו דער ארבעט. דער, וואָס האָט זיכ געקלאָגט, איז ווי נאָר ער האָט באקומענ פונ אלעקסאנדר אלעקסאנדראָוויטשעס הענט אנ אָרדער אפ מאגנעט, איז ער פריילעכ אוועקגעלאָפנ צומ סקלאד. אונ אינ מעשעכ פונ דער גאנצער צייַט, זעלטנ־ווענ נאָר אופהייבנדיק די אויגנ אפ דעמ ווייַטנ פיגטל אינמיטנ בריק, וואָס איז באלויכטנ מיט בלאסער שייַנ, האָט זארגאריאנ אונ זייַנע דרייַ כאווײרימ זיכ אָנשטרענגענדיק געדרייט אונ געדרייט די שטאנגענ. דער איבערקרייצ פונ די פיר הענטלעכ האָט זיכ געדרייט, ארויסגעבנדיק א באזונדער מינ נאָז־קלאנג. די ארבעטער האָבנ זיכ שוינ ניט פארנומענ דערמיט, וואָס ס'טוט זיכ אפ דער צווייטער בויערלאָכ. זייערע רויטגעוואָרענע פּענעמער זייַנענ געווענ גלייַכגילטיק, ווי עס ווערנ פּלוצלינג גלייַכגילטיק צומ לעבנ שטארק קראנקע. די קראפט פונ זייערע מוסקולנ איז איבערגעגאנ אינ באוועגונג, דער פּאָספּאָר פונ זייער מארכ איז איבערגעגאנ אינ באוועגונג, א לייַכטע, שוינ געוווינטע נודנעקייַט איז געשטאנענ אינ האלדז פונ דעמ טויזנטדיקנ ארומדריי ארומ דער שטאנגע, אונ די קני, אָנגעבויגנ אונטער א גראָדנ ווינקל, האָבנ גלייַכמעסיק, אקשאָנעסדיק אונ מיט קראפט זיכ געהויבנ אונ געהויבנ אלצ אינ איינ קלייניננקנ קרייַז.

2

פונונטנ ארופ האָט מענ גאָרנישט ניט ארויסגעזענ אָדער קימאט גאָרנישט, אויסער די קאָנטורנ פונ די בערג אפ דעמ שוינ פינצטער

געוואָרענעם, געדיכט אויסגעשטערנטן הימל. נאָר פונויבן אראָפּ, דאָרט ווו ס'האָט זיך געדרייט דער טשיגדימער שאָסיי, האָט מען געזען ניט נאָר דאָס באַראַק־שטעטל מיט זײַנע דרײַ רייען פײַערן, יאַרוס אונטער יאַרוס, נאָר אויך ווײַט פונונטן, אין בעט פון דער מיזינקע, די בלאַסע שײַן פון די אַרבעטן. פון דער זײַט פון דער סטאַנציע (נאָר־וואָס איז אָפּגעגאַנגען א צוג) האָט זיך אין דער צײַט געטראָגן א פּאָסט־פּירל מיט א גוואַלדיקער קלינגערײַ און טראַכקערײַ. פיר קליינע צעקאָשמעטע פערדלעך, שפּאַנענדיק מיט די קורצע פיסלעך מיט הינטישער פּיצלדיקײַט און דריבנעקײַט, האָבן זיך אופגעהויבן פין זיגזאַג אַפּ זיגזאַג אונטער דעם ניאָקען פונעם קוטשער פײַלאַק. דער קוטשער פײַלאַק איז ניט געזעסן, ער האָט שטענדיק אָנגעטריבן שטייענדיק. קרעפּטיק פאַרצויגן דעם גאַרטל פונעם רוסישן פּעלצל אַפּן בויך. צעוואַרפנדיק די הענט מיט די לייצעס, האָט פײַלאַק ווילד געשריגן אַפּ זײַנע הינטישע פערדלעך, געוועקט די נאַכט מיטן אַנאַרכיזם פון זײַן דערשײַנען און פון דעמדאָזיקן פּורל, וואָס איז שוין אַלט געווען אַוואַדע א יאָר אַכציק. זייער א הויכס, פון א פאַרצײַטיקער פאָרמע, מיט א טרעפּעלע, וואָס אפילע קיין מאַנצבל האָט ניט געקאָנט אַרופ אַפּ דעם, ניט אָנשפּאַרנדיק זיך פריִער מיט דער פוס אַפּ דער ראָד־אַקס, האָט עס אונטערשפּרינגענדיק אַרויסגעגעבן א גערויש פון הונדערטער מילך־בלעכן. אַפּן דנאָ פונעם פּורל איז געלעגן א פאַרזיגלטער מיט א ריזיקן טריוואַקס־זיגל זאַק מיט פּאָטשט, וואָס האָט פון די שטויסן אָנגענומען שאַרפע און אומגעריכטע קאָנטורן פון עפּעס לעפּיש־לעבעדיקס. אינעם פּורל איז געזעסן מיט אַן אופגעהויבענעם קאָלנער ביז דער נאָז דער אומגעוויינלעכער טעמפּער און ניט-אויסדריקלעכער באָכער, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַרן ערשטן כאָסן אין ראַיאָן,—דער טשיגדימער פּאָטשטאַליאָן. מיט ביידע הענט צונויפגעדריקט די ביקס, וואָס צווישן זײַנע קני, איז דער טשיגדימער כאָסן געשלאָפן קרעפּטיק, ניט אופכאַפנדיק זיך ניט פון דעם טרייסלען, ניט פון דעם קוטשערס הוקען. און פײַלאַק האָט אפילע אָנטרײַבנדיק און ניאָקענדיק ניט אופגעהערט צו קוקן און צו טראַכטן.

פאַרן טראַכטן האָט קיינער פײַלאַקן ניט געצאָלט. דאָס איז געווען די אויבערהויצאָע פון זײַן פּערזענלעכקײַט, און מעגלעך, אַז גראָד פאַר אַזא וואַטראָנעס האָט פײַלאַק, אין קעגנזאַץ צו זײַנע שעפּ, זיך גערעכנט אַפּן דאָרפּ טשיגדים פאַר א באָכער א גאָרנישט. פײַלאַק איז געווען פאַרנומען און פאַרזאָרגט יעדער רעגע פון זײַן לעבן מיט באַגעגענישן, מיט שמועסן, מיט

אינ איינ אָטעמ איבערגעגעבענע שליכעסנ. נאָר ווענ איר זאָלט אפּ אימ וועלנ א קוק טונ אינ דערדאָזיקער קאָכיקער טעטיקײַט, וואָלט איר געמוזט אופהייבנ ניט נאָר דאָס היטל, נאָר אויכ דאָס שארבנ־דעקל בא פײַלאקנ. גריסנדיק זיכ אינ די געדאנקענ מיט די אָנלויפנדיקע ביימלעכ, מיט די קערנ פונעמ שאָסיי, מיט א דורכשווינדלענדיקנ פּראָפיל פונ א שטיינ, האָט פײַלאק עפּעס געמורמלט מיט די געשוואָלענע ליפּנ פונעמ ווינט. די עכטע שליכעס האָט ער אויסגעפילט דערעכאגעוו, ווי מע טוט עפּעס ניט רעאלס, אינ כאָלעמ אָדער אינ טעאטער. ער האָט ארויסגענומענ פונ בוזעמ א פּאקעט מיט א שטריקל אנ ארומגעבונדענעמ, אונ ווענ ער איז דורכגעפאָרנ פארבײַ דער ארקע, פונ וועלכער עס הייבט זיכ אָנ דער וועג אפּנ הידראָבוי, האָט ער, ניט אָפּשטעלנדיק זיכ, אימ א שלײַדער געטאָנ דעמ ייִנגל דעמ פּאָטשטאליאָנ. יענער האָט אונטערגעכאפּט דעמ פּאקעט אינדערלופטנ. אינ לאנגער דערפארונג האָט ער אויסגעארבעט אינ זיכ א פינקטלעכ וויסנ די צײַט אונ א פינקטלעכנ מאכ מיט דער האנט. אונטערטוקנדיק זיכ אונטער דער ארקע, איז דאָס ייִנגל אוועקגעלאָפנ אפּנ באצירק, איבערלאָזנדיק אינ זײַנ פארוואטער דעמ געדיכטנ רייעכ פונ קנאָבל. אונ פײַלאק האָט אוועקגעיאָגט ווײַטער.

ערשט איצט האָט זיכ אָנגעהויבנ די הויפּט־ארבעט פײַלאקס. ער האָט געדארפט איבערגעבנ איר — איר, וועמעס נאָמענ ס'איז ארומגערינגלט מיט דעמ גרעסטנ סאָד, — די לעצטע נײַסנ, די לעצטע טריט פונ די סאָנימ. זי איז יעדנ טאָג געלאָפנ אנטקעגנ פײַלאקנ, אונ אינ דעמ איז געווענ די וויכטיקסטע פּראָפעסיע פ'נ איר לעבנ. זי איז ארויסגעלאָפנ פונ דער ווײַט, דאָרט, ווו סע שטייענ די נאסע בערג. פונ די נאסע בערג האָבנ זיכ אָפּגעטרייסלט אי די ארמענער, אי די גרוזינער. פרעגט זיי נאָר, ווו זײַנענ זיי, — וועט א גרוזינ אײַכ א ווײַז טונ אינ דער זײַט פונ ארמעניע, אונ אנ ארמענער — אינ דער זײַט פונ גרוזיע. פונ די נאסע בערג גייענ אלערליי אומגליקנ — רעגנס, שניי, האָגל, ווי וואָלעכשע ניס. א מאָגער מיידעלע לויפט זי ארויס פונ דאָרט, צעלאָזנדיק די גרינע האָר, אונ יאָגט, קאָנוולסיוו אָטעמענדיק, אנטקעגנ פײַלאקנ. איר פיסל האָט גליטשנדיק זיכ געפּרוווט דאָ אונ דאָרט דעמ וועג, אירע האָר האָבנ זיכ פארטשעפּעט פאר די אָנגעטראָפענע שטיינער אונ האָבנ געלאָזנ א גרינעמ גלאנצ צווישנ די זאמדיקע שוועלנ. ווו מע קענ ניט דורכלויפנ, האָט זי זילבערדיק געשטשירעט אירע ציינדלעכ אונ זיכ

אײַנגעריזעט אין דער ערד — װער האָט זי געקענט אָפּשטעלן? אונטערשפּרינגענדיק, װי א װיכער זילבער אין גאָלד, האָט די לױפּערקע איבערגעטאנצט איבער די שטײנער — אײַ, אײַ, א מין װױל מײדעלע! א דזשאן, אכטשיק, א ליב מײדעלע — איז געװען די לאנגהאָריקע שײנהײַט! פּײַלאק האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, צעשמײכלענדיק זיך מיט זײַן גאנצן גרױסן מױל. ער האָט געװוסט, אז ס'איז גאָרניט אזױ גרינג זי צו דעריאָגן. פֿינף, זעקס מאָל אין מעסלעס קען זי בײַטן איר װעג, הײַנט כאפּט זי לינקס, מאָרגן כאפּט זי רעכטס. — אכטשיק דזשאן, איך האָב געבראכט צו פֿירן דעם מעכאשעפּ דרײַ גרױסע, גרױע קאָנװערטן, און אף אײנעם פֿון זײ שטײט אָס אין אָס זײער אן אנגענעם װאָרט „סעקרעטנאָ". אוי איז דאָס גוטע נײַס! װאָס װעלן מענטשן נעמען שרײַבן סעקרעטנע, אויב ניט דאן, װען זײ צװײפֿלען, אָדער זײ האָבן מורע, אַדער זײ האָבן באקומען אין קאָלנער? קוק איצט מיט אויגן — עס שטײען אָן גרױסע געשעענישן! װיכטיקע געשעענישן. לױף, גיב איבער דעם בארג קאצ א גרוס פֿון דעם טשיגדימער קוטשער פּײַלאק. זאָג דעם בארג קאצ, אז ער זאָל קוקן מיט אויגן!

א פֿארבלענדעטער, מיט דער טיפֿער װיכטיקײַט פֿון די אָנשטײענדיקע טעג און געשעענישן, פֿילנדיק אין זיך דידאָזיקע נאכט און אלע שטערן, װאָס זײַנען נאָר פֿארגרײט אפֿן הימל, א שיקערער פֿונעם שאָרי, פֿונעם שעפּטשען פֿון לױפֿנדיקע בײמער, אױסגעצױגן אין דער גאנצער גרײס, האָט פּײַלאק א הוקע געטאָן מיט אלע קױכעס אף זײַנע מױזנפּיסיקע פֿערדלעך און צעשפּרײט בײדע הענט מיט די לײצעס, װי ס'װאָלטן אנטקעגנדיקע װינטן אים געװאָרפֿן זיך אף דער ברוסט.

נאָר כלאפּלענדיק און מורמלענדיק פֿארזאָרגט, איז דעם קוטשער פּײַלאקס געליבטע אראָפּגעלאָפֿן אראָפּ אין דער סאמע לעצטער טיף פֿון טאָל. גלײַך װי זי װאָלט געפֿילט די אָנקומענדיקע ענדערונגען, האָט דאָס גרינהאָריק מײדל זיך אָנגענומען מיט קױכעס. אין די נאסע בערג איז נײַן טעג געגאנגען א רעגן געמישט מיט שנײ. הײַנט האָט דער שנײ אָנגעהויבן לאָזן. די מיזינקע איז אָנגעשװאָלן געװאָרן, איז אופגעזאָטן פֿון פֿרילינגדיקער הילף. איר קאָליר איז אופגעבױטעט געװאָרן. מיט גרױע קרױזן האָט זי געשלאָגן איבער די שטײנער, זיך ארופגעקאראבקעט, זיך איבערגעװאָרפֿן, געהילכט און געבורטשעט, געקײַקלט מיט הונדערטער פֿינגער צעיושעטע קײַלעכן — דאָס שטײנערנע געװער פֿון די בערג. צולױפֿנדיק צום אָנהײב פֿון די ארבעטן, האָט די מיזינקע

מיט צאָרנ פארלאנגזאמט איר גאנג — איר בעט האָט זיכ דאָ פארברײטערט. עטלעכע געדרײדלטע פאסנ אינ די קיזלשטײנדלעכ האָבנ גערעדט װעגנ דעמ טײַכלס כיטרעקײַט. פײַלאק האָט ניט אױסגעטראכט. די מיזינקע האָט דאָ געביטנ איר בעט, װי א מאלבעש. א פארלאָזענער, לאנגער אָפּלױפ האָט דאָ פארהיט נאָר פארשװוּנדענע פײַכטקײַט אפ שטײנער, װײַל דאָס טײַכל האָט געענדערט איר ריכטונג אונ פלוצלינג אָנגעהױבנ שלאָגנ אינ אנ אנדער זײַט. א באגלײט־בריװ, װאָס איז אנומלטנ צוגענײט געװאָרנ צומ איניענ, האָט טרוקנ מיטגעטײלט װעגנ דידאָזיקע קאפריזע אײגנשאפטנ אונ האָט אָנגעװיזנ אפ דער נײטיקײַט „צו שטעלנ אונ גוט קרעמפעװענ די לינקבערעגיקע דאמבע".

דאָ, אפ דעמדאָזיקנ פלאצדארמ, איז פאר דער מיזינקע געװענ די סאמע שרעקלעכסטע באגעגעניש מיטנ סוינע. דאָ האָט מענ איר געגרײט א פאסטקע. צוערשט איז זי דורכגעלאָפנ אינ דרײַ ניט גלײַכע שטראָמענ אונטער עפּעס אזױנס, װאָס האָט זי אופגערעגט, זי געבײזערט אונ געקלעמט מיט אומבאטראכטער לעפּישקײַט, דערנאָכ פלוצלינג בײַטנדיק אינ אײנ אױגנבליק די שטרעמונג, האָט זי גענומענ דינ אונ שארפ, מיט א שטארקנ דרוק, קלאפּנ אינ דעמ עקסטנ לינקנ ריאזש פונעמ בריק. פונױבנ האָבנ מענטשנ, באלאנסירנדיק אפ דעמ נאָכ ניט פארענדיקטנ בריק־אָנדעק, געקרעמפּעװעט מיט אײַזנ די ברעטער. בא קארגער שײַנ פונ צװײ לאמטערנס, װאָס זײַנענ געהאנגענ הױכ אפ צװײ סטױפּעס אפנ ברעג, האָט מענ אומקלאָר געזענ דעמדאָזיקנ גאנצנ בריק שױנ קימאט א פארענדיקטנ. א נאָר־װאָס דורכגעפירטער װעג, א פעטער פונעמ טראמבעװענ, איז צוגעגאנ צו אימ אונ איז אָפּגעגאנ פונ אימ פונ דער צװײטער זײַט איבער א קינסטלעכנ אָנשיט. דער בריק איז געװענ א צײַטװײַליקער, א הילצערנער, באשטימט אפ אריבערפירנ מאטעריאל. ארױסלױפנדיק פונ אונטער פיר ריאזשנ, װי פונ אונטער צענומענע פינגער, װאָס האָבנ זיכ געסטארעט זײ א כאפּ טונ, האָט די מיזינקע זיכ װידער געװאָרפנ פאָרױס צומ שװארצנ האלדז פונעמ בארג־שפאלט, װאָס זי האָט געזענ פאר זיכ. זי איז געװענ באלױכטנ פונ דער רעכטער זײַט. גראָד דאָ, רעכטס, ניט אפנ סאמע טײַכ־װעג, נאָר סוידעסדיק, אינ א זײַט פונ אימ, האָט פונקט אזױ שװארצ אונ אזױ שמאָל אונ אזױ ניט בײַצוקומענ זיכ געזענ עפּעס אזױנס, װאָס האָט באשײַמפערלעכ אָנגעװאָרפנ אפנ טײַכל א שרעקלעכנ פאכעד. קאָכנדיק אינ דעמ אָרט, האָט די מיזינקע זיכ פארטשעפּעט אינ שװעלנ. אפילע אװעקשטראָ־

מענדיק אינ האלדז פונעמ שפאלט, האָט זי געוועגדעט דעמ זילבער פונ איר פּינע, דעמ ציטער פונ טויזנטער שפּריצנ, דעמ זיכ נאָכשלעפנדיקנ שוימ פונ די כוואַליעס אפ דעמ שטילנ אונ אינגאנצנ צעקאָרפּעטנ, אינגאנצנ אינ בערגלעכ ערד, אומגעוויינלעכנ ברעג. דאָ איז געוועג דער ארייַנגאנג אינעמ אָפּפיר־טונעל.

אלעקסאנדער אלעקסאנדראָוויטש האָט באטראכט די ארבעט אונ איז שוינ לאנג אוועקגעגאנ צומ טונעל. זייַנע טויבלעכע אויערנ האָט ער זאָרגעוודיק פארלייגט מיט וואט, ווייַל אינ דעמ אָרט איז געווענ א שטארקער צוגווינט. דער אָפּפיר־טונעל אפ הונדערט אונ פופציק מעטער די לענג איז שוינ אינגאנצנ געווענ דורכגעגאנגענ לויט דער אקס אונ פארברייטערט. דאָ האָבנ געארבעט גריכנ. דער ארייַנגאנג אינ טונעל, דרייַ אונ צוואנציק מעטער די ברייט, האָט דערמאָנט דעמ שפּיצ פונ א גוטנ באָקאל פאר שאמפּאניער, וואָס גייט צומ עק שמעלער. די ערד האָט דאָ געטריפט מיט ווארעמלעכער פייַכטקייַט. נאָר ווייַטער, אינ דעמ סאמע טונעל, האָט געבלאָזנ א שארפער ווינט. דער דיאמעטער האָט זיכ דאָרטנ פארקירצט ביז פינפ מיט עפּעס מעטער. דער הילצערנער איבערדעק, וואָס איז געווענ פארפעסטיקט איבער דער מיט פונעמ טונעל, האָט אימ געטיילט אפ צוויי שטאָקנ אונ געשטערט צו כאפּנ מיטנ אויג דעמ שיינעמ אונ קייַלעכדיקנ כאָלעל. נאָר דאָרט, ווו די טאַליע פונעמ טונעל האָט ארומגעכאפּט דער מאסיווער פאָרמע־רייפ, דאָרט האָבנ די אויגנ ניט־ווילנדיק, לויפנדיק איבערנ רייפ, זיכ אָנגעשטויסנ פונונטנ אפ זייַנ פאָרזעצונג אונ זיכ פאָרגעשטעלט אויכ דאָרטנ אונטער די ברעטער א הוילנ רוימ. צווישנ די ברעטער פונעמ איבערדעק אונ צווישנ דער קאָליע, וואָס איז געווענ דורכגעלייגט איבער אימ, זייַנענ געווענ לעכער אונ שפּאלטנ, וווהינ ס׳וואָלט פונ ניט־געווינשאפּט ארייַנגעפאלנ די פוס פונ א נייַעמ מענטשנ. נאָר די ארבעטער זייַנענ געגאנגענ, ניט קוקנדיק, מיט א וויגנדיקנ גענגל. איבער די רעלסנ האָט מיט א שארפנ סקריפּענ זיכ צוגעקייַקלט א טאטשקע מיט בעטאָנ. שטייענדיק מיט א זייַט אינ טונעל, האָבנ די ארבעטער אָנגעהויבנ בעטאָנירנ דאָס וועגטל, אונ די קלאָרע, ריכטיקע, פּאָשעטע אונ ניט־קאָמפּליצירטע ארבעט אינ דער סטאדיע, ווענ מ׳זעט שוינ דאָס גאנצע אונ די גאנצע דייַ האנדלונגענ איז שוינ פארשטענדלעכ ניט אינ באזונדערע טיילנ, נאָר אינייִנעמ גענומענ,—האָט פארכאפּט אפּאָנעמ אי די ארבעטער אליינ, אי דעמ יונגנ פּראקטיקאנט, וואָס איז איצט געשטאנענ באנאנד מיט אלעקסאנדראָוויטשנ.

דער אָפּפּיר־קאנאל איז געווענ נאָר א קלייניקע דעטאל פונ דער בויונג, אָבער א שיינע דעטאל. דער פּראקטיקאנט האָט עס געפילט.

ער האָט געשלעפּט מיט זיכ אינ א קארטאָנענער פּאפּקע די ארבעטצייכענונגענ. ס'האָט אימ אנטציקט די פּאָשעטע שארפזיניקייט פונ דער טעכניק. דאָס לעבנ, האָט זיכ אימ אויסגעוויזנ, איז צו קורצ פאר בויענ. א געוועזענער שלאָסער אונ דערנאָכ א רויטארמייער, אונ איצט א סטודענט, האָט פּאָקינ דורכגעלאָזנ די אקאדעמישע יאָרנ פּונקט ווי זיינע אייגענע אָפּרו־טעג. נאָר אלעקסאנדר אלעקסאנדראָוויטש האָט אקשאָנעסדיק ניט ארויסגענומענ די וואט פונעמ אויער. זיינ צעשטרייטער, לאכלוטנ גלייכגילטיקער בליק האָט איצט געבלאָנדזשעט איבערנ טונעל. די וואט האָט אימ געדינט פאר א שוצ פונ דעמ צוהויכנ, געשווינדנ, הייסנ שטראָמ ווערטער. אינ טאָג איז ריידנ ניט געווענ פונ וואָס — פּאָקינ וואָלט אויסגעצייכנט געקאָנט ניט ריידנ. ווי די קענערס אפ א ליקפּונקט, וואָס צו פּערציק יאָר ווערנ זיי אנטציקט פונ דעמ בוכשטאב „שטשא“, אזוי האָט אימ פונ זינענ אראָפּגעפירט דערראָזיקער אָנשוילעכער קישעפדיקער „פּי“, ווענ ער האָט געגלאָצט זיינע קיילעכדיקע „פּראָלעטארישע“ אויגנ אפ דעמ קלאָרנ קרייז פונ דער פּארמע־רייפ אונ אפ דעמ דיאמעטער פונעמ איבערדעק, וואָס האָט אימ איבערגעהאקט. „מיט אזוינע אמעראצימ בויענ מיר“, — האָט מיט עקל געטראכט אלעקסאנדר אלעקסאנדראָוויטש, שפּאנענדיק איבערנ טונעל.

3

פּאָקינ האָט דערווייל איבערגעריסנ זיכ אליינ אונ האָט זיכ א לאָז געטאָנ מיט אופגעהויבענע אקסלענ, מיטנ קינ אָנגעשפּארט אינ ברוסט, — א זשעסט פונ א קריגערישנ האָנ, — אונ מיטנ קאָפּ פאָרויס אפ א שווארצינקנ יונגנ ארבעטער. ס'האָט זיכ דערהערט די קרעפטיקסטע זידלערײַ, — נאָר איינ פּאָקינ האָט זיכ דערלויבט צו זידלענ אפנ באצירק, אונ דערפאר איז ער ארײַנגעפאלנ איינמאָל אינ סטעפּאנאָסעס וואנטליבלינג, אינ דער צײַטונג „לויס“. אונ נאָר פּאָקינס זידלערײַ האָבנ די ארבעטער מויכל געווענ. דער שווארצינקער האָט זיכ צוגעזעצט מיט א זײַט אפ א הילצערנעמ ברעטל פונ דער שילעוואניע אונ האָט אײַנגעטראמבעוועט דעמ אָנגעשאָטענעמ בעטאָנ וואָס אונטער דער שילעוואניע.

אין זײַן פאָזע האָט פאָקין דערפילט אַ קריטישע גרינגשעצונג צום בעטאָן. ארויסרײַסנדיק פון זײַנע הענט די טראַמבאָווקע, האָט פאָקין פײַערלעך אָנגעהויבן אײַנקנעטן די אנגענעמענע פײַכטקײַט פונעם בעטאָן און גערעדט בעשאַסמײַסע, און געטשמאָקעט איבערגעמישט מיט זידלערײַען—„אָט אזוי, יונגערמאַן, ניט קיין קנישעס קנעטסטו".

אלעקסאנדר אלעקסאנדראָוויטש האָט זיך אײַנגעהאלטן פון אַ באַמערקונג. דער שוואַרציקער ארבעטער האָט אַף אים אָנגעוואָרפן אַ פּאַכעד—דאָס איז געווען אריסטיד סאַמסאָנאָוו, אַ גריך, יענעם מיכאיל סאַמסאָנאָווס אַ ברודער, וואָס האָט געארבעט אין דעם רוסישן ארטעל אפן בריק. מיכאיל איז אויך געגוג נימעס געוואָרן אפן באַצירק, נאָר וועגן אריסטידן איז שוין לאַנג געגאַנגען אַ קלאַנג, אַז ער דינט אין געפּעאו.

— דער בעטאָן, אלעסאַן סאַניטש, טויג צו גאָרנישט,—האָט פּאַמיליאַר געזאָגט דער שוואַרציקער, צוגייענדיק צום אלטן.—אָט אין דײַטשלאַנד איז בעטאָן—בעטאָן.—ער האָט ארויסגעקריגן אַ פּאַפּיראָסל, און כאָטש רויכערן אפן אויבערדעק איז געווען שטרענג פארבאָטן, האָט ער פארויכערט אפן סאַמע רויקסטן אויפן. ער האָט אפילע דעם אלטן דערלאַנגט זײַן שאַכטל, און צו פאָקינס פארווונדערונג האָבן די פאָדאַגרישע פינגער מיט אַ קליינעם אלטינקן ציטער זיך אויסגעצויגן און אָנגעצונדן סאַמסאָנאָווס אַ שלעכטן פּאַפּיראָס.—אין דײַטשלאַנד איז בעטאָן—בעטאָן, גאָר אַן אנדער קאַטעגאָריע. אין דײַטשלאַנד איז אפילע די שטוקאַטורקע אַ גוטע. בא אונדז גייסטו איבערן גאַס, הענגט אַן ארבעטער אין אַ וויגעלע און מיט אַ פּענדזל קלעפּט ער די וואַנט, און דאָרט שטייט אַן ארבעטער אפן אַספאַלט און פון אַ קישקע נעמט ער וועלכן עטאַזש ער וויל. דאָס ווייס איך גוט. איך האָב אין האַמבורג אַף די באַריקאַדעס פאַר דער רעוואָליוציע געקעמפט.

— דו לײַגסט, פאַר קיין שום רעוואָליוציעס האָסטו ניט געקעמפט,—האָט מיט פאַראַכטונג איבערגעריסן פאָקין,—און אַז דער בעטאָן איז אַ שלעכטער, איז ווידער אַ ליגן, דער בעטאָן איז אַ באַפרידיקנדיקער, טרמאַבעווע אים בעסער אביסל, וועסטו האָבן בעטאָן.

זיי זײַנען דערגאַנגען ביזן עק פונעם טונעל און זיך אויסגעקערעוועט. אַ געוועלבטער, אַ קופּאָלאַרטיקער, ארומגעכאַפּט מיט די מוזיקאַלע טאַקטן פון די פאָרמע־רייפן, האָט מען אים פונדאַנען אויסגעענגאַנצן, אין דער גאַנצער טעכנישער ריינקײַט פון זײַן פאָרמע.

הינטער זייערע פלייצעס, אפ א נאסנ און מיט קיזלשטיינ באשאָטענעם פלאצ, האָט זיכ געהערט א געמאָסטנ קלאפנ, איבערגעריסנ מיטנ קלאנג פונ זיכ שיטנדיקע קערפערס; דאָס האָט געארבעט די בעטאָנ־מאשינ. די ארבעטער האָבנ פארשאָטנ דעמ קויש, און ער האָט זיכ איבערגעקערט מיט א טעמפנ רעווענ אינ דער בעטאָנ־מישערנ. און אויכ דאָ, ווענ מ׳זאָל זיכ צוקוקנ, האָבנ די ארבעטער זיכ באוועגט פלינק און מיט פארגעניגנ. די ארבעט איז געגאנגענ גוט, ווײַל צווישנ דעמ גראָדנ קראטער פונ טונעל און צווישנ דערדאָזיקער קאָמפאקטער, קליינער שארפזיניקער דײַטשישער מאשינ, וואָס האָט ריינ און פעסט אויסגעפילט אירע אָפעראציעס, האָט זיכ שוינ אײַנגעשטעלט א שטרענגע אופאָדערנדיקע און אינ צײַט צעמאָסטענע פארבינדונג. מ׳האָט שוינ אינעווייניק געוווסט, ווענ און וויפל מ׳וועט דערלאנגענ בעטאָנ. די טאטשקע האָט צוגעקײַקלט צו דער צײַט און אָנ טומל. און אויכ די ארבעטער פונ דער מאשינ האָבנ שוינ געוווסט, וויאַזוי און ווענ אָנצולאָדנ די טאטשקע.

אפ דער אָפעראציע פונ צוגרייטנ בעטאָנ האָט מענ געקאָנט קוקנ שאָענווײַז. פאָקינ פלעג טאקע קומענ אהער קוקנ פונ ריינעמ פארגעניגנ וועגנ, ווי אנדערע מעשוגענע מענטשנ האָבנ ליב צו קוקנ אפ דעמ זונ־פארגאנג. די מאשינ איז באשטאנענ פונ דרײַ איינס מיטנ אנדערנ פארבונדענע טיילנ,—פונ א גרויסנ טשוהונענעמ זיכ איבערקערנדיקנ קויש, וואָס הייבט זיכ אופ, אנערעכ, ווי א טעצל בוליאָנ צו א קראנקנס מויל, פונ א מאָטאָרל, וואָס האָט אלצ געבראכט אינ באוועגונג, און ענדלעכ פונ א בעטאָנ־מישערנ, וואָס איז ענלעכ געווענ, אויב מ׳זאָל פאָרזעצנ די פארגלײַכונג, אפ א גרויסנ און אָפענעמ מויל. אינ דער בעטאָנ־מישערנ איז אפילע געווענ צײַנערדיקע קינבאקנ. די ארבעטער האָבנ מיט א וואטראָנעסדיקנ און ניט קארגנ זשעסט,—ווײַל ארבעט איז בא זיי געווענ פארהעלטנסמעסיק ווייניק, און אויסרעכענענ די קויכעס האָט מענ ניט געדארפט,—אָנגעלאָדנ דעמ קויש פריִער מיט דרײַ קעסטלעכ קיזלשטיינדלעכ—דער קויש האָט זיכ אופגעהויבנ, די שטיינדלעכ האָבנ טרוקנ זיכ איבערגעשאָטנ אינ דעמ אָפענעמ שלונג פונ דער בעטאָנ־מישערנ, און פונויבנ, אויסטיילנדיק זיכ אווטאָמאטיש, ווי סלינע פונ די סלינע־דריזנ, האָט געשפריצט אראָפ־צו אפ די שטיינער א דינער שטראָמ וואסער. דערווײַל האָט אינ קויש זיכ אָנגעשאָטנ שוינ אנ אנדער שפײַז: א קאסטנ דורכגעוואשענע זאמד און א דריטל פאס צעמענט. ווידעראמאָל האָט זיכ אופגעהויבנ דער קויש און איבערגע־

קערט די שיטנדיקע מאסע אין דער בעטאָן־מישערן, און דאָס מויל האָט איבערגעקייַעט די שטיינדלעך מיט דער זאמד. דרייענדיק זיך פֿון זייַט אף זייַט, איבערשיטנדיק די שפּייַז פֿון קינבאק אף קינבאק, אנגענעם, קיצלדיק, מיט א פּלאפּלדיקן געשמאקן קלאנג, זייַנען געגאנגען און געשפּרונגען אין דער זיך דרייענדיקער בעטאָן־מישערן די קיזלשטיינער און האָבן זיך פארצויגן מיט זאמד און מיט צעמענט. איצט זייַנען זיי געוואָרן שוין ניט קיין טרוקענע, נאָר פעטע, טריב גלאנצנדיקע, פייַכטע און האָבן אנגענעם געקנאקט אף די מעטאלענע ציין. נאָר דאָ האָט די מאשין זיך אָפּגעשטעלט, האָט אופגעהויבן איר ווידעלע, און דער גרייטער בעטאָן האָט אין שווערע גאלעטן זיך געשאָטן אף דער אונטערגעשטעלטער טאטשקע. אלץ, כוצן פארשיטן, האָט זיך געטאָן אווטאָמאטיש. צוגייענדיק צו דער מאשין, האָט פאָקין א שטעק געטאָן די פינגער אינעם צוגעגרייטן טראָג־ברעטל מיט זאמד. ער האָט אים א רייַב געטאָן צווישן די דלאָניעס און געשמאק גענומען א קלעצעלע, דערנאָך האָט ער זיך צוגעזשמורעט, האָט א קוק געטאָן אף אים, און האָט אים דערלאנגט אלעקסאנדער אלעקסאנדראָוויטשן. די זאמד איז געווען גוט.

אייַנהאלטנדיק דעם גענעץ, האָט דער אלטער אינזשענער באגיטיקט. מ׳קאָן ניט לייקענען: די ארבעט דאָ אפן טונעל איז געגאנגען גוט, און די ארבעטער אליין האָבן דאָס אויסגעצייכנט געוווסט. ס׳האָט זיך אים געוואָלט אומקערן, זיך אָנטרינקען זיך מיט טיי און זיך לייגן שלאָפן ביז וועטשערע. נאָר ס׳איז נאָך געבליבן דער דריטער באצירק פֿון די ארבעטן, מ׳האָט נאָך געדארפט ווידעראמאָל דורכגיין דורך דעם טונעל, זיך דערוויסן מיקויעך דעם קרוינדל און זיך אראָפּלאָזן איבער די נאסע און שמוציקע ברעטער אפן בריק. פאָקין האָט זיך געזעגנט און געבליבן שטיין בא דער בעטאָן־מאשין. ער האָט געהערט דעם גערויש פֿון דער מיזינקע, וואָס איז אין דעם אָרט רעווענדיק ארויסגעשפּרונגען פֿונעם בארג־שפּאלט. אירע גרינע אויגן האָבן פֿון הינטער דעם הויפּן מיט שוים גלאנצנדיקע האָר ווי זיך אָנגעשטעלט אפן פּראקטיקאנט מיט א בליצנדיקן בליק פֿון א טיגריכע: דאָס טייַכל האָט, בייַקומענדיק מעניעס, אופגעזאָטן אף איין אויגנבליק מיט שוים און איז פארגליווערט געוואָרן איבער א שטיין.

— ווארט נאָך א קאפּעטשקע,— האָט צערטלעך געזאָגט פאָקין,— וועסט צולויפן ביז איינעם א באקאנטן אָרט און אויס, דאָ וועלן מיר

דיר אזוינס אָנשטעלנ, אז דו וועסט גיכ זיכ אויסקערעווענ אינ א זײַט און וועסט ארײַנגיינ, ווי א מײַזעלע, אינעמ טונעל. שוינ שענערע פונ דיר בײַגעקומענ.

עד האָט אויכ איצט געלײַגט, ווי אריסטיד סאמסאָנאָוו מיקויעכ די באַריקאַדעס. קיינ שומ „אזוינע” האָט פאָקינ אינ לעבנ ניט געזענ. אונ אפילע קאווקאז האָט ער געקאָנט נאָר פונ דורכפאָרנ. א טיפּישער צאָפּנדיקער רוס, א קלײַנדיקער, ווי א דאָרפיש מיידל, האָט ער געקאָנט טײַכנ לאנגזאמע אונ פולע, ווי די בלאָנדע ווײַבער אפּ צאָפּנ. אזוינע האָבנ נאָר געקנאקט קערלעכ. נאָר ס'איז שוינ זייער גוט געווענ צו לעבנ אפּ דער וועלט,—איז פארוואָס זאָל פאָקינ אביסעלע ניט לײַגנ איינער אלייג מיט זיכ? אופהייבנדיק די פינגער אונ צונויפלייגנדיק זיי אינ א פײַג, שמייכלענדיק פונ איבערפלוס פונ געכילנ מיטנ צערטלעכסטנ שמייכל, האָט דער גליקלעכער פאָקינ באוויזנ דער גרינגויגיקער שיינהײַט א קאָמבינאציע פונ דרײַ פינגער.

פאר דעמ צעיושעטנ טײַכל איז דאָס דערווײַל נאָכ גאָרניט געווענ די לעצטע אומאנגענעמלעכקײַט. ארויסשפרינגענדיק פונ דעמ סאמע שמאָלנ אָרט פונ דעמ בארג־שפּאלט, ווו לויטנ פּראָעקט האָט מענ גערעכנט אופשטעלנ שוינ איינמאָל אנ אמעריקאנער דאמבע אפּ זיבנ אונ דרײַסיק מעטער די הייכ, איז דאָס טײַכל איצט געלאָפנ איבערנ טיפנ דנאָ פונעמ טאָל. רעכטס אונ לינקס פונעמ טײַכל האָבנ זיכ געהויבנ פארמאכטע ווענט פונעמ פּאָרפיריטענעמ קרײַז, ענלעכע באטאָג אפּ א פינ דער צײַט צעפּרעסענער טונקעלער פעל פונ א העלפאנט. די זיגזאגנ פונ איר וועג, ניט קיינ באזונדערס שארפע, זײַנענ געגאנגענ אראָפּ צו דער סטאנציע. דאָס פאלנ איז דאָ געווענ ניט זייער גרויס, דאָס טײַכל האָט קאָפּ־אראָפּ זיכ אראָפּגעקײַקלט, מורמלענדיק בייז אפּנ וועג. נאָר הײַנט איז אלץ געגאנגענ ניט אזויווי ס'באדארפ צו זײַנ. די גרויסע, פונ רעגנ אונ שניי צעשוואָלענע פרילינגדיקע מאסע וואסער האָט מענ ניט געוואָלט לאָזנ צורו אפילע בײַנאכט. אינ איינעמ פונ די קלעמענ פונ דעמ טאָל האָט מענ געקאָנט זענ בא דער שײַנ פונ שטערנ אונ פונ צוויי העלע האנט־לאמטערנס א שמאָל פלאטשיק בריקל, ענלעכ אפּ א פינישנ שניי־שוכ, וואָס איז געהאנגענ אפּ שטאָלענע טראָסנ. לעבנ אימ האָבנ זיכ געפּאָרעט מיט א קעסטל אונ מיט א טונקעלנ סקעלעט פונ עפּעס אנ אינסטרומענט צוויי מענטשנ. איינער האָט געטראָגנ אנ אינזשענערישע פוראזשקע, דער

אנדערער איז געווענ א פּויער. דער ערשטער, אינ דער אינזשענערישער פּוראזשקע, איז געווענ דער הידראָמעטער ארעולסקי. יעדערער, וואָס האָט געהערט די דאָזיקע פאמיליע צומ ערשטנ מאָל, האָט ניט־ווילנדיק איבערגעפרעגט: ווי? ארעולסקי? נאָר ניט יעדערנ האָט מענ שטילערהייט דערציילט דעמ טונקעלנ סאָד פונ דער דאָזיקער פאמיליע. די זאכ איז אינ דעמ, וואָס דער הידראָמעטער ארעולסקי, וועלכער איז אינ יענע טעג געווענ ניט קיינ הידראָמעטער אונ ניט קיינ ארעולסקי, נאָר א ניט־דערלערנטער סטודענט פּראָכאָראָוו, האָט פּלוצלינג, עפּעס איבער פולקאָמ ניט אויסגעפאָרשטע סיבעס, געגעבנ אינ צײַטונג א סוידעסדיקע אָנפראגע מיקויעכ בײַטנ די פאמיליע פּראָכאָראָוו אפ ארעולסקי, ארויסרופנדיק אפ ארויסצוזאָגנ זיכ יענע, וואָס זעענ אײַנ א מעניִע דערצו. ניט באגעגנט קיינ מעניִעס, האָט דער זאגס איבערגעביטנ די פאמיליע, אונ ארעולסקי איז געוואָרנ א פאקט. וועגנ די מאָטיוונ האָט ער געגעבנ אנ אָנצוהערעניש נאָר איינמאָל. א מענטש דארפ טראָגנ א פאמיליע אזא, ווי ער איז אליינ.

דער הידראָמעטער ארעולסקי, א צערודערטער פונ דעמ זיכ אָנהייבנדיקנ פרילינג־געוויסער, האָט מיט זײַנע אייגענע הענט ארויסגענומענ פונעמ קעסטל דאָס דריידל אונ עס צוגעפעסטיקט צומ עק פונ א לאנגנ דראָנג. ער האָט ניט געהאט קיינ געהילפנ אויסער דעמ טאמ מקרטיטש, וואָס האָט דערמאָנט סאנטשאָ־פּאנסענ לעבנ דאָנ־קיכאָטנ. דער טאמ מקרטיטש איז צו דער צײַט ניט געווענ אפנ בריק, אונ דאָס טײַכל האָט הײַנט אומגעוואָרפנ די ברעט מיט די טיילונגענ, וואָס איז געשטאנענ באמ וואסער אונ האָט באוויזנ די וואסערהייכ. אונ איצט האָט ארעולסקי צאָרנדיק געשוויגנ אונ ניט געלאָזט מקרטיטשנ צו גאָרנישט זיכ צורירנ. דאָס האָט באטײַט דעמ שטארקסטנ אויסדרוק פונ קאס. נאָר אזויווי שטיינ אפנ בריק מיט דעמ דריידל אונ פארשרײַבנ, אכטונג געבנדיק אפנ גלעקעלע מיטנ זייגער די צאָל אומדרייענ אינ א סעקונדע, איז פאר קיינ פאל ניט מעגלעכ געווענ מיט צוויי הענט, אונ ס'האָט זיכ געפאָדערט לעכאָלאפּאָכעס דרײַ, האָט ארעולסקי שווײַגנדיק א שטעק געטאָנ מקרטיטשנ אינ האנט ארײַנ דעמ דראָנג מיט דעמ דריידל, אונ דערלאנגענדיק אימ א פאראכטלעכנ סטוסאק אינ האלדז־אונ־נאקנ ארײַנ, האָט ער אימ א שטופּ געטאָנ צומ בריק. גייענדיק אָדער, פּינקטלעכער, קוילערנדיק זיכ מיטנ דראָנג איבערנ ציטערדיקנ בריקל, האָט מקרטיטש באוויזנ די שטערנ א כיטרע אונ גראָב

פאָנעמ מיט א גריבעלע אפנ באק. נאָכ אימ האָט ווי א דינ שלענגל געפויזעט דער שנור פונ דער באטארייקע.

בלײַבנדיק אלײנ, האָט דער הידראָמעטער ארעולסקי זיכ פארקוטעט אינעמ קאשנע, ווי אלמאוויווע אינעמ מאנטל. זײַנ פאָנעמ האָט פארקרומט א ביטער שמײכעלע. זײַנ פאָנעמ איז געווענ אויסערגעוויינלעכ מאָגער, אויסגעצויגנ אראָפצו, די אויגנ — פינצטערע אונ אויסגעצערטע אינ די אויגנ־גריבער, די ברעמענ ווי בויגנס, אונ ס׳וואָלט אינ דעמדאָזיקנ פאָנעמ געווענ א פולקאָמ שפאנישער סטיל, ווענ ס׳וואָלט ניט קאליע געמאכט די נאָז. מ׳האָט ניט געקאָנט באהאלטנ, אז ארעולסקיס נאָז איז א קירפאטע. זי האָט געסטארטשעט, ווי א געוויינלעכ פיפקעלע, אָט ווי ערגעצ בא לעסקאָוונ, אונ האָט גאנצ קיל געאָטעמט אפ די ליפנ, וואָס זײַנענ אָפגעשטאנענ פונ איר אומנאטירלעכ ווײַט.

אוועקגעשטעלט באקוועמ אפנ ברעג־בריק די באטארייקע, האָט ארעולסקי צוגעקרעמפעוועט דאָס לאמטערנדל, ארויסבאקומענ דעמ סעקונדע־מעסטער אונ צעעפנט זײַנ בלאָקנאָטל. ווידעראמאָל דארפ מענ זאָגנ, אז דאָס בלאָקנאָטל זײַנס האָט ארעולסקי ניט געגעבנ קײנ פאָשעטנ שטערבלעכנ אינ די הענט ארײַנ. יעדערנ, וואָס האָט געוואָלט ארײַנדרינגענ אינ דעמ סאָד פונ זײַנ פראָפעסיע, האָט ער קורצ אונ טרוקנ באמערקט, אז העכערע מאטעמאטיק לאָזט זיכ ניט איבערגעבנ, — לערנענ זיכ, לערנענ זיכ דארפ מענ צוליב דעמ. זײַנ פארשאָלטענעמ סוינע, דעמ פראקטיקאנט פאָקינענ, וואָס האָט אײנמאָל עפעס געזאָגט, אז הידראָמעטריע איז א פוסטע זאכ, אונ אז אויסרעכענענ די גיכקײַט פונ וואסער איז פראָסט א שפײַ טונ, האָט ער לאנג ניט געקאָנט דערלאנגענ די האנט, אונ אז זיי זײַנענ שאָלעמ געוואָרנ, האָט ער, ניט קוקנדיק אימ אינ די אויגנ אונ גרויסמוטיק שמײכלענדיק, דערקלערט, אז דער „דעבעט אָדער די הויצאָע פונעמ טײַכ רעכנט זיכ אויס אינטעגראליש, ווײַל די באוועגונג פונ די כוואליעס — דאָס איז ניט קײנ גלײַכע באוועגונג, נאָר זי באשרײַבט א פאראבאָלע״.

באשרײַבנדיק א פאראבאָלע, האָבנ די טריבע וואסערנ פונ דער מיזינקע איצט געוואָרט אפ זייער לעצטער אומאנגענעמלעכקײַט. דער פויער מקרטיטש איז דערגאנגענ ביזנ מיטנ בריק. דאָ האָט ער זיכ אָפגעשטעלט אונ גענומענ אראָפלאָזנ דעמ דראָנג מיט דעמ דריידל אינ וואסער ארײַנ. דאָס דריידל — א שײנער אינסטרומענט מיט שטאָלענע לאָפעטקעלעכ, ענלעכ אפ א קינדערש שפּילעכל — א ווינטמיל, וואָס

מ׳מאכט עס פונ בונטע פאפירלעכ אונ מ׳פארקויפט עס אָנגעזעצט אפ שטעקעלעכ, — איז געווענ פארייניקט מיט אנ עלעקטריש גלעקל. אראָפּגעלאָזנ זי ביז דער אויבערפלאכ פונ דער וואסער, האָט מקרטיטש גענומענ ווארטנ.

די מיזינקע האָט צעיושעט אָנגעהויבנ קלאפנ אינ די שטאָלענע לאָפּעטקעס. פונ יעדנ קלאפּ פונ דער וואסער האָבנ די לאָפּעטקעס אָנ אופהער זיכ געדרייט, אונ אלעמאָל, ווענ דאָס דריידל האָט געענדיקט פינפ אונ צוואנציק אומדרייענ, האָט פונויבנ אווטאָמאטיש געקלונגענ דאָס גלעקל. מיטנ סעקונדע־מעסטער אינ די הענט האָט ארעולסקי פארשריבנ, וויפל אומדרייענ מאכט דאָס דריידל אינ א סעקונדע. אזוינע אויסמעסטונגענ האָט מענ דורכגעמאכט בא דער אויבערפלאכ פונעם טײַכ, בא דער מיט זײַנער אונ באם סאמע דנאָ, ווו די גיכקײַט פונ דער וואסער איז גלײַכ געווענ קימאט צו נול. אפ דער אויבערפלאכ איז די הויצאָע געווענ די סאמע שטארקסטע, אונ אינמיטנ שוואכער. א פּאָשעטער מענטש, בײַזײַענדיק בא די פרווונ, וואָלט געזאָגט, אז דער טײַכ שטראָמט געשווינד אפ דער אויבערפלאכ, אינ דער מיט מיט א מיטעלער גיכקײַט, אונ אפנ סאמע דנאָ שטייט ער, ווי א קאליושע. נאָר ארעולסקי וואָלט גוטמוטיק שמייכלענדיק אָפּגעוואָרפנ אזא מינ אריפמעטיק אונ ער וואָלט באוויזנ, אז די „מיטעלע גיכקײַט" ליגט ניט אינ דער מיט, נאָר נידעריקער פונ דער מיט, ווי דער רעזולטאט פונ באוועגונג לויט א פאראבאָלע. אָט קעדיי ארויסצופירנ די דאָזיקע מיטעלע, וועט ער זאָגנ מיט גאדלעס, פּאָדערנ זיכ אינטעגראלנ.

פארבײַ, פארבײַ ארעולסקינ לויפט דורכ די מיזינקע, אוועקטראָגנדיק איר פונ דעמ דריידל צעוווּנדעטנ, פונ דעמ דריידל צעקלאפּטנ צארטנ וואסערדיקנ קערפער. אינ דעמדאָזיקנ שטראָמיקנ לויפנ, וואָס ניט אײַנצוצאמענ, ניט אומצוקערנ, ווי די מענטשלעכע צײַט, וואָס איז אמאָל באזונגענ געוואָרנ פונ הערַאקליטנ אינ זײַנ אפאָריזמ „אלצ שטראָמט" אונ „מ׳קענ ניט ארײַנגיינ דעמ צווייטנ מאָל אינ דערזעלבער וואסער", ווײַל זי בײַט זיכ געשווינדער איידער אינ אנ אויגנבליק, ווייסט ניט דאָס טײַכל מיזינקע, אז ס׳איז שוינ אויסגערעכנט, דורכגעקאָנטראָלירט אונ געוונענ געוואָרנ איר גאנצער שטייגער־לעבנ, דער גאנצער „רעזשימ" אירער, ווי ס׳האָבנ טרוקנ גערעדט די נאָטיצנ: ווענ אינ וואָס פאר א כוידעש אונ ווו אינ וואָס פאר א פונקט, וויפל אונ מיט וואָס פאר א גיכקײַט לויפט דורכ דאָס וואסער אינ דער מיזינקע.

4

דערווײַל האָט אנ אנדער לויפנדיקער — דאָס ייִנגל דער פאָטשטא־ליאָנ, — איבערלאָזנדיק אינ פארוואטער א געדיכטנ רייעך פונ קנאָבל, צוגעטראָגנ שוינ צו די אויבערשטע באראקנ דעמ פאקעט, וואָס ער האָט באקומענ בא פײַלאקנ. דער קוטשער פײַלאק האָט ניט גע־לײַגט דעמ טײַכל, דער קוטשער פײַלאק האָט געזאָגט עמעס: אינ דעמ פאקעט זײַנענ געווענ פונקט דרײַ גרוילעכע קאָנווערטנ, אונ אפ איינעמ פונ זיי איז געשטאנענ „סעקרעטנאָ".

דער שעפ פונעמ באצירק איז שוינ ארויס פונ קאָנטאָר אונ איז געווענ אינדערהיימ, ווהינ ס'האָט אימ געצויגנ די פארבאָרגענע אומ־גליקלעכקײַט פונעמ מישפאָכע־לעבנ. פונ דער מינוט פונ קלאוואָטשקעס אָנקומענ אפנ באצירק האָט דידאָזיקע סוידעסדיקע אומגליקלעכקײַט זיכ געלאָזנ צו וויסנ אינ דער מאדאמס מיגרענ. קנאקנדיק מיט די דינע פינגער אינ די רובינענ, איז די מאדאמ זייער לאנג געשטאנענ בא די פענצטער, פארבונדנ דעמ קאָפ מיט א בונטנ זײַדענעמ שארפ. צו ווארעמעס האָט זי זיכ געלייגט אפ דער קושעטקע. איר טעלער־לעפל אפנ טיש קעגנ דעמ מאנס איז געבליבנ ניט גערירט.

— מארי, אָבער נעמ עפעס, — האָט גערעדט דער מאנ מיט א געצווונגענער גלײַכגילטיקער שטימ, קוקנדיק, ווי אירע טרוקענע אונ דינע הענט לייגנ צו צומ פלאטשיקנ שטערנ א טיכעלע אָנגענעצט אינ עסיק.

מארי האָט רעטענישדיק געשמייכלט. זי האָט ארײַנגעשטאָכנ אינעמ מאנ די אָפגעבליאקעוועטע אויגנ פונ א מאָנאשקע. א קאָמפליצירטע אונ הערעאָישע ארבעט איז פאָרגעקומענ אינ איר. ס'האָט זיכ איר אויסגע־וויזנ, אז דידאָזיקע ארבעט איז קלאָר אונ פארשטענדלעכ פאר אימ, קלאָר אונ פארשטענדלעכ איר אָנשטרענגונג צו מויכל זײַנ, איר גרויסמוט, איר איינזאמער אָפגאנג צו זיכ, צו איר גרעסטער זעלבסטאָפערונג: זעסט, איכ ווייס, איכ לײַד, איכ מאכ ניט קיינ סצענעס, לעב, נאָר... טשעפע מיכ ניט, איכ שטארב, מעגלעכ.

עסנדיק דעמ זופ מיט הארטע אונ שלעכט צעקאָכטע מאקאראָנעס, האָט לעוואָנ דאווידאָוויטש דאָס אינגאנצנ ניט געזענ, אונ פאר זיכ האָט ער געטראכט נאָר צוויי ווערטער: „א מעשוגענע פסיכאָפאטקע". די מאקאראָנעס האָבנ זיכ ארויסגעגליטשט בא אימ פונעמ מויל, אונ ער

האָט ניט־געשיקט זיי אריַינגעצויגנ צוריק, העלפנדיק זיכ מיטנ גרויסנ זילבערנעמ לעפל מיט די בעלגישע איניציאַלנ פונ דער מאדאמ. ער האָט דאָכ איר ניט געקענט זאָגנ, אז די פרוי פונ זייַנ נאטשקאנצ האָט ער קיינמאָל ניט געזענ ניט אינ פאָנעמ, ניט אינ פראָפיל, אונ ער ווייסט אפילע ניט, צי זי איז א גראָבע בלאָנדינקע, צי א מאָגערע ברונעטנ. נאָר איבער דער מאָדנער אייגנשאפט פונ זייַנ כאראקטער פייַנלעכ צו פארלענגערנ יעדערליי אומאנגענעמלעכקייַטנ, ווי ער וואָלט געזענ אינ זייער אָנוואלגער עפעס ווי זייַנע אייגענע פארדינסטנ, האָט לעוואָנ דאווידאָוויטש פאראקשנט געשטרעבט צו זייַנ אינ די מינוטנ אינדערהיימ, זיצנ אונטער דעמ אויסגעבליאקעוועטנ בליק פונ זייַנ פרוי, אייַנזויגנ דאָס קנאקנ פונ אירע פינגער אונ אונטערשטעלנ זיכ אונטער אירע ביסנ: נא, נא, נא. אונטערשטעלנדיק זיכ אונטער די ביסנ, איז ער שוינ צוויי טעג א ניט־געגאָלטער אומגענאנ היני אונ צוריק איבערנ עסצימער אונ אמעגלעכסט שטארקער אונ העכער געטופעט איבערנ דיל.

די דרייַ קאָנווערטנ האָבנ זיכ אנידערגעלייגט פאר אימ אפנ טיש, אונ אפ איינעמ פונ זיי איז געשטאנענ „סעקרעטנאָ”. אזוי געוויינלעכ האָט מענ געשריבנ פונ דער פארוואלטונג, מיסברויכנדיק מיט דער סעקרעטישקייַט. יעדער נארישקייַט האָבנ די קאָנספיראטאָרנ פונ דער פארוואלטונג איבערגעגעבנ אהער אפנ באצירק אונטער דעמדאָזיקנ שרייַענדיקנ קעפל. א קוועטש געטאָנ מיט די פלייצעס אונ פארשאפט דער מאדאמ א דריקנדיקע הארצ־קלאפעניש מיט זייַנע סקריפענדיקע טריט, האָט ער זיכ גענומענ לייענענ. נאָר ס'איז ניט דורכגעגאנגענ אפילע קיינ סעקונדע, ווי די בריוו האָט א פלי געטאָנ אפנ טיש, אונ לעוואָנ דאווידאָוויטש אליינ האָט זיכ שארפ אָפגעשטעלט לעבנ טעלע־פאָנ, וואָס איז געהאנגענ אפנ וואנט.

אינעמ שכיינעסדיקנ באראק, זיצנדיק הינטערנ הילצערנעמ ווענטל, בא דעמ קליינעמ באצירק־קאָמוטאטער, האָט די טעלעפאָניסטנ, מאר־קאריאנס ווייַב, א צאפל געטאָנ. זי האָט איבערגעריסנ אנ אנגענעמע באשעפטיקונג — דאָס פאנאנדערקעמענ אונטער די פאכוועס — אונ האָט ארָאפגענומענ דאָס טעלעפאָנ־טרייבל אונ צוגעלייגט צומ אויער. א וואָלקנדל פונ הארציקער געטרייַשאפט איז איבערגעגאנגענ איבער איר פאָנעמ: ס'האָט גערעדט דער שעפ.

— גוט, לעוואָנ דאווידאָוויטש. באלד, לעוואָנ דאווידאָוויטש.

אוועקגעלייגט דאָס טרייַבל, האָט זי אייַליק ארויסגעשלעפּט פונעם לעכעלע די קישקע פונעם פאריניקער, וואָס איז ענלעך געווען אפ א שפּיץ פון א קאנע, און האָט אים ארייַנגעלייגט אין אן אנדער לעכעלע: די קווארטיר פונעם שעפ פון באצירק האָט זיך פארייניקט מיטן אָפּפיר־טונעל. דערנאָך, אומקוקנדיק זיך אין אלע זייַטן, האָט מארקאריאנס פרוי פאָרזיכטיק אָנגעדריקט א קנאָפּקעלע, אז מ׳זאָל ניט הערן דאָס קאָנטראָל־גלעקל, ווידער געכאפּט דאָס טרייַבל און, צונויפגעלייגט די ליפּן, ווי א הערצעלע, האָט זי אָנגעשטעלט אירע בלאָנדזשענדיקע קייַלעכיקע מאטע אויגן צום באלקן—זי האָט פרידלעך אונטערגעהערט.

דער שעפ פונעם באצירק האָט צערודערט געפּאָדערט צום טעלעפאָן אלעקסאנדר אלעקסאנדראָוויטשן. דער אָפּפיר־טונעל האָט געענטפערט מיט א פרישן און גראָבן קאָל (דאכט זיך, פּאָקין. די טעלעפאָניסטן האָט מיט פארראכטונג זיך א קנייטש געטאָן—זי האָט ניט ליב געהאט פּאָקינען), אז שוין א מינוט פינעף, אז אלעקסאנדר אלעקסאנדראָוויטש איז אוועקגעגאנגען אפן בריק. דער שעפ פון באצירק האָט געפּאָדערט, מ׳זאָל זיך דערוויסן, צי האָט מען ארויסגעשלעפּט דעם עקבויער פון דער בויערלאָך נומער פיר. פּאָקין האָט געענטפערט, אז ארויסגע־שלעפּט. דענסטמאָל האָט דער שעפ פון באצירק—ער איז אָן סאָפּעק געווען צערודערט, זייַן שטים איז דערגאנגען ביז א קוויטש. עפּעס האָט זיך געטראָפן. וואָס אזוינס האָט זיך געקענט טרעפן?—דער שעפ פון באצירק האָט געהייסן גלייך אופזוכן אפן בריק אלעקסאנדר אלעקסאנ־דראָוויטשן און אים איבערגעבן, אז ער, לעוואָן דאווידאָוויטש, בעט אים די מינוט, טאקע באלד גיין צוריק. דער שעפ פון באצירק וועט ווארטן אפ אים בא זיך אינדערהיים.

מארקאריאנס ווייַב האָט א וואָרף געטאָן דאָס טרייַבל. עמעצער איז גע־גאנגען צו איר הינטערן ווענטל. דאָס איז געגאנגען וואָלאָדיע דער קאָנטאָר־שטשיק, נאָר זאָגן אים עפּעס האָט זי ניט באוויזן. דאָס נאָרוואָס פאר־האקטע פענצטערל נומער נייַן האָט געעפנט דאָס אייגל. ס׳האָט גערעדט די קווארטיר פונעם שעפ פון באצירק.

ענטפערנדיק לעוואָן דאווידאָוויטשן, האָט די טעלעפאָניסטן מיט דער קני אָפּגעשטופּט דעם נייַגיריקן וואָלאָדיע דעם קאָנטאָרשטשיק. וואָלאָדיע דער קאָנטאָרשטשיק, וואָס איז גלייַכמעסיק פארכאפּט געווען מיט ליבע און מיט נייַגיר, האָט זיך געסטארעט אויסצונוצן די טאָפּלטע גינסטיקייַט פון זייַן לאגע. ער האָט זיך געצויגן צום טרייַבל און זיך אָנגעלייגט אפ

מאַרקאַריאַנס ווײַבס גרויסן קערפּער, פילנדיק מיט פאַרגעניגן דעם באַקאַנטן רייעך פון אונטער די פאַכוועס און פון דעם הינטישן פוטער. זייער ראָמאַן האָט זיך אָנגעהויבן טאַקע דאָ באַם טרײַבל פון קאָמוטאַטער.

— יאָ, לעוואָן דאַווידאָוויטש, גוט, לעוואָן דאַווידאָוויטש, דאָס הייסט... איך וויל זאָגן, — דער טעלעפאָניסטנס קײַלעכדיקע בלאָנדזשענדיקע אויגן אין דאָס אומציכטיקע שמייכלען פון אירע גרויסע צעעפנטע ליפּן האָבן מיט אַ פאָרוואָרף פון אַ סאָמנאַמבול זיך אויסגעקערעוועט צו וואָלאָדיע דעם קאָנטאָרשטשיק, — איך וויל זאָגן, אַז זיי זײַנען ניטאָ איצטער אין קאָנטאָר, זאַכאַר פּעטראָוויטש איז ניטאָ. אויב איר ווילט, וועל איך נאָך אים שיקן עמעצן. גוט, זײַט רויק, איך וועל איבערגעבן פּינקטלעך.

זי האָט דאָס דריטע מאָל אוועקגעלייגט דאָס טרײַבל. מ'האָט געדאַרפט גיך שיקן נאָך זאַכאַר פּעטראָוויטשן און איבערגעבן, אַז דער שעף פון באַצירק וואַרט אַף אים די מינוט בײַ זיך אינדערהיים. אָנגעוואָרפן אַף פּאַפּיר אַ טעלעפאָן־אָפּטראָג מיט אַ דריבנער און קרומער האַנטשריפט, האָט מאַרקאַריאַנס ווײַב זיך אויסגעקערעוועט צו וואָלאָדיע דעם קאָנטאָרשטשיק.

די נײַס איז איצט געווען וויכטיקער פון אַ קוש, אין דער נײַס האָבן זיי זיך ביידע פאַרכלינעט: דער מערינאָס האָט באַשטימט געוווּסט פונעם ייִנגל דעם פּאָטשטאַליאָן, אַז ס'איז אָנגעקומען אַ פּאַפּיר פון פאַרוואַלטונג מיט אַן אויפשריפט „סעקרעטנאָ". זײַן געליבטע האָט באַשטימט געוווּסט, אַז אין דער קוואַרטיר פונעם שעף פון באַצירק גרייט זיך אַן עקסטרע באַראַטונג.

אין דער שאָ, ווען אין טאָג וואָלטן זיי ביידע, אי לעוואָן דאַווידאָוויטש, אי דער קאַנצשעף געדאַרפט זײַן אין קאַנצעלאַריע, איז אַפילע דער פּינקטלעכסטער זאַכאַר פּעטראָוויטש געווען וועגן פאַמיליע־אָנגעלעגנהײַטן אינדערהיים. קרעפּטיק און שפּעט אָפּגעמיטעקט מיט דעם, וואָס קלאַוודיאַ איוואַנאָווונאַ האָט געבראַכט פון שטאָט, מיט בולקעס, וווּרשט, געדרויכערטן פלייש, אוגערקעלעך, זעכציק־גראַדוסנעם קאַראַבאַכער בראָנפן, ניס־כאַלוואַ, מיט אַנדערע פּראָדוקטן, אונטערלייגנדיק אַפן טיש צוליב גיכקײַט און גרינגקײַט אַנשטאָט אַ טעלער אַ ברוינעם בויגן פּאַק־פּאַפּיר, האָט זאַכאַר פּעטראָוויטש איצטער אָפּגערוט בײַזײַט מיט קלאַוודיאַ איוואַנאָווונען אַף דער קרומפּיסיקער פאַמיליען־בעט

און האָט מיט פארגעניגנ גערויכערט, לאָזנדיק דעמ רויכ צו דער סטעליע צו. אפ דעמ זײַדענעמ שווארצנ טריקאָ פונ זײַנ פרוי האָט ער ניט געוועגדעט קיינ באזונדער אופמערקזאמקײַט. דאָס פאָרפאָלק איז איצט געווענ פארנומענ מיט א שטילנ און ניט קיינ בארעדעוודיקנ שמועס, וואָס מ׳האָט, איבעריקנס, סײַווי ניט געקענט הערנ ניט הינטערנ וואנט, ניט אינעמ קאָרידאָר. דעמ נאטשקאנצס נאָרע איז געווענ אזוי שמוציק, די לופט (אָדער די אָפּוועזנהײַט פונ לופט) איז געשטאנענ דאָ אינ אזא געדיכטנ פאָרהאנג, ווי א זײַל שטויב אפ דער זונ, אז דאָס שעפּטשענ און דאָס שאָרכענ זײַנענ געפאלנ אראָפּ, ווי נאָר זיי זײַנענ געבוירנ געוואָרנ.

הײַנט, ווי שטענדיק, האָבנ זיי ביידע געטראכט, זיכ באומרויִקט וועגנ איינס און דאָסזעלבע. דער נאטשקאנצ האָט געוווסט דידאָזיקע אייגנשאפטנ פונ זײַנ מישפּאָכע־לעבנ, און שוינ פונ גאנצפרי, צוקוקנדיק זיכ צו זײַנ בלענדנדיק שיינ געוואָרענער און עפּעס אינעווייניק באומרויִקטער פרוי, האָט ער זעלבסט אויכ פונ איר ניט באהאלטנ זײַנע אייגענע זאָרגנ. נאָכ ווארעמעס האָט יעדערער פונ זיי דערציילט א סאָד דעמ צווייטנ, באהאלטנדיק האלב — ווי ס׳וואָלט געווענ ניט קיינ סאָד, נאָר א פּאָרציע שאָקאָלאד — אויסשליסלעכ פאר זיכ. אפילע דאָס, אז האלב איז באהאלטנ, האָט איינער וועגנ דעמ אנדערנ געוווסט און האָט דאָס גערעכנט פאר נאָרמאל.

דער נאטשקאנצ האָט געזאָגט:

— איכ, קלאווא, האָב, דאכט זיכ, א פּיפּישקע אָפּגעטאָנ. דער דאָזיקער געלער... איז ניט דאָס, מיט איינ וואָרט. דו וואָלסט אינ שטאָט...

די פרוי האָט געענטפערט:

— זאָרג זיכ ניט! איכ האָב שוינ צוואנציק מאָל זיכ נאָכגעפרעגט.

קלאוואָטשקע האָט טאקע אינדערעמעסנ געטראכט וועגנ דעמ געלנ. אפנ הארצנ איז בא איר געלעגנ א מאסע. וועגנ דעמ בריוו האָט זי דענסטמאָל קיינ ליגנ ניט געזאָגט. ארשאק האָט אָנגעשריבנ א בריוו, און דידאָזיקע בריוו ליגט בא איר ביז איצט אונטער דעמ אונטערשלאק פונעמ מאנטל. די האלב, וואָס זי האָט באהאלטנ איצט פונעמ מאנ, איז גראָד טאקע באשטאנענ אינ דעמ. באקומענדיק דעמ קאָנווערט אפ איבערצוגעבנ, האָט זי נאָכ אינ שטאָט אימ געהאלטנ אביסעלע, ווי זי האָט דורכויס שטענדיק געטאָנ מיט פרעמדע בריוו, איבער א זודיקנ טשײַניק און האָט גרינג אפ דער פּאָרע אימ אופגעעפנט. ארשאק האָט געשריבנ צו זײַנ פרײַנט ווייניק פארשטענדלעכ.

געלער דזשאנ!

די רעפובליק באנײַט זיך. עמעצער איז זיך דורכגעפאָרן אינ צענטער און האָט זיך דערוווּסט, אז קונסט דארפ האָבנ דיאַלעקטיק. מיר האָט מענ פאָרגעלייגט „אָרגאניזירנ א לינקנ פליגל". דעמ פאָרטרעט האָב איך אָנגעשריבנ. א פאָסקודסטווע פאָרטרעט (א גאָב דער קליינ־מאָלערײַ). מ׳האָט פאר אימ געגעבנ געלט. קומ צו פאָרנ טרינקענ. קלאוואָטשקענ האָב איך טאקע... (דאָ איז געגאנגענ א שאנדוואָרט).

ארשאק

אפ דער צווייטער זײַט פונ בריוו האָט זיך געפונענ א מערקווירדיקער פאָסט־סקריפטומ:

נאָך אײַער אוועקפאָרנ איז אינ אונדזער פאלאצ געקומענ געפּעו. מ׳האָט מיך אויסגעפרעגט א שאָ מיט א פערטל וועגנ אײַך, ווער זײַנט איר און צי ווייס איך אפ וואָס פאר אנ אויפנ זײַנט איר געוואָרנ א פאבריקמאכער. כ׳האָב געענטפערט, איך ווייס ניט. נעמט דאָס צו קענטעניש.

נאָר דעמדאָזיקנ פאָסט-סקריפּטומ און דעמ שאנדוואָרט האָט קלאוואָטשקע פארשטאנענ. דאָס שאנדוואָרט האָט באשלאָסנ דעמ גורל פונעמ בריוו—ער איז „פארפאלנ געוואָרנ" בא איר אונטער דעמ אונטערשלאק. נאָר אָנגעשראָקנ פונ דעמ מאָדנעמ צושריפט, האָט קלאוואָטשקע זיך געפּײַניקט, וועלנדיק זיך אָנשטויסנ:

וואָס־זשע הייסט עס?—פּאָליטיק, קלאָר. נאָר צי דראָט די פּאָליטיק דעמ געלנ, צי פארקערט, דער געלער אליינ דראָט מיט פּאָליטיק? א מאָדנער מענטש! אפ א גראָשענעמ געהאלט איז ער אָנ שומ רייד אוועקגעפאָרנ, פונ א שטעקל געמאכט א זייגער, און אליינ איז ער פונ אויסלאנד,—דאָרט, זאָגט מענ, איז אפילע אפ הינטישע האלדזבאנדנ אויך דאָ זייגערס, ביליקער פונ ציבעלע קאָסטנ זיי. נאָך דעמ מאנ זאכאר פּעטראָוויטשנ נאָך קומט אויס, אז די געפאר דראָט ניט דעמ געלנ, נאָר פארקערט, פונ דעמ געלנ. דעמ מאנ זאכאר פּעטראָוויטשנ האָט געקענט אויסקומענ איבערנ געלנ אומאנגענעמלעכקײַטנ אפ דער שטעלע.

— אויב דו ווילסט ויסנ,—קלאוואָטשקע האָט זיך אָנגעשפּארט אפ איר פויסטעלע און אויסגעקערוועט צומ מאנ א בלאס, איצט אביסל צוגעקנייטשט פּאָנעמ; אירע בליצנדיקע איבערגעקערטע גרינע אויגנ, אונטערגעפירט מיט בלויקײַט, זײַנענ געוואָרנ סוידעסדיק ווי בא קליינע קינדער, ווענ זיי ווילנ „שרעקנ",—אָט איז דיר, אויב דו ווילסט וויסנ אנ אייצע. פרעג בא דײַנ געלנ...

אינ דער טיר האָט מענ מעשוגענערווײַז אָנגעהויבנ קלאפּנ. דאָס יינגל דער פּאָטשטאליאָנ האָט געפויקט אינ טיר מיט ביידע קולעקעס.

אינ די צײנ בא אים, דורכגעזאַפּטע מיט קנאָבל, האָט געוויַסט א פּאַרוויקלט צעטעלע, לעוואָנ דאווידאָוויטשעס טעלעפאָנ־אופטראָג.

5

אפנ בריק האָבנ אינ דעמ אָוונט געארבעט דרײַ ארטעלנ. צוויי פונ זיי האָבנ געקרעמפּעוועט די דאמבע פונ דער רעכטער אונ פונ דער לינקער זײַט בריק, ריכטיקער — זי ארומגעלייגט מיט שטיינער, וואָס זיי האָבנ אויסגעבראָכנ טאקע דאָ אפנ בארג אינ דעמ אָרטיקנ טופ־קאריער. דידאָזיקע ארטעלנ זײַנעני באשטאנענ פונ ארמענער שווארצ־ארבעטער. דער דריטער ארטעל, א רוסישער, א טעסלערישער, האָט פארענדיקט לייגנ דעמ בריק.

דאָס איז געווענ דער ערשטער בוי־פּרווו לעוואָנ דאווידאָוויטשעס אפנ געביט פונ בריקנ. ווענ ער האָט פּראָעקטירט דעמדאָזיקנ בריק, זײַנענ פאר זײַנע גײַסטיקע אויגנ געשטאנענ די שטילסטע טאָלנ פונ פלאנדריע, די מעלאנכאָלישסטע טײַכנ פונ פלאנדריע מיט זייער גלאַטער אונ שטענדיקער וואסער־מאסע. אפילע די וואָלקנס פונ פלאנדריע האָט זיכ לעוואָנ דאווידאָוויטש פאָרגעשטעלט, אפ וויפל ער איז געווענ א יעגער. ער האָט ליב געהאט די יאגד אפ ווילדע קאטשקעס, אונ ווי אלע יעגער, האָט ער פארמאָגט דאָס געפיל פונ פּייזאזש. די וואָלקנס, טאָלנ אונ טײַכנ האָבנ זיכ ענג צונויפגעוואַקסנ אינ דערדאָזיקער פאָרשטעלונג מיטנ אקאדעמישנ לערנביכל פונ אויסרעכענונגענ, וואָס איז געלעגנ צוליב אָפּפרישנ דעמ זיקאָרנ אפ זײַנ טיש. די פארוואלטונג האָט באופטראָגט מיט דערדאָזיקער קליינער ארבעט דעמ שעפ פונ באצירק, אונ פולקאָמ אנטשפּרעכיק צו דערדאָזיקער קליינער ארבעט איז אופגעשטאנענ אפנ ערשטנ זײַטל פונ בוכ א סטאנדארטער מוסטער פונ א בריק, — עפּעס ווי א מינ געטעס „אורגעוויקס”, — א קאָנסטרוקטיווע סכעמע, ענלעכ אפ אנ אָנשטענדיקנ סטאנדארטנ מאנטל אפ א מיטעלנ ווּקס אינ די מאגאזינעס פונ גרייטע מאלבושימ. לעוואָנ דאווידאָוויטש איז געווענ דער פּעדאנטישסטער מענטש פונ בוכשטאב. ער האָט געוואָלט מאכנ אנ אָנשטענדיקנ אונ שיינעמ בריק „אפ א מיטעלנ ווּקס”. די אופגאבע זאָיז געווענ צו בויענ א ווידערשטאנדיקײַט אפ צוויי הונדערט פופציק קובאָמעטער.

דאָס האָט געהייסנ, אז דער בריק איז אויסגערעכנט אפ א קלענערער, איידער די מיטעלע הויצאָע פונ וואסער אינעמ טײַכל. צווישנ

דעמדאָזיקנ קינד פונ דעמ שעפ פונ באצירק אונ יענעמ דינעמ בריקל, וואָס איז ענלעכ אפ א פינישנ שניי־שוכ, איז געווענ א טיפע קרויווישע פארבינדונג, כאָטש לויט „א זײַטיקער ליניע”: דאָרט אפנ הידראָמעטערס בריקל האָט זיכ אויסגעפאָרשט די הויצאָע פונ וואסער אינ טײַכ; דאָרט זײַנענ געפונענ געוואָרנ די געגעבענע, לויט וועלכע דער העכסטער פונקט פונ דערדאָזיקער הויצאָע, א שטארקער פרילינג־געוויסער, וואָס האָט זיכ געטראָפנ מיט דער מיזינקע ניט אָפטער ווי אינ הונדערט יאָר, האָט געגעבנ די ציפער זיבנהונדערט קובאָמעטער אינ א סעקונדע. טאקע אָט די אויסרעכענונגענ, מיט דער רעזאָנער האָפענונג, אז די מיזינקע, וואָס האָט זיכ גרויס צעגאָסנ ערשט פאראיאָרנ, וועט געבנ אינ די פאָלגנדיקע יאָרנ א פארשטילערונג פונ די פרילינג־צעגיסונגענ, האָבנ געבראכט דאָ אפ דעמ באהאנדלטנ אונ פונ דער פארוואלטונג באשטעטיקטנ „איניענ וועגנ בויענ א צײַטווײַליקנ הילצערנעמ בריק איבערנ טײַכל מיזינקע אפ אריבערצופירנ די נייטיקע מאסאָעס” צו דער אויסגעשטעלטער ציפער: בויענ א צײַטווײַליקנ בריק אפ צוויי הונדערט אונ פופציק קובאָמעטער.

— פיר יאָר וועט ער שטײַנ, אונ מער דארפ מענ ניט, — אזא איז געווענ די פאָרויס באשטימטע נעשאָמע פונ דעמדאָזיקנ בריק. נאָר לעוואָנ דאווידאָוויטש האָט ליב געהאט מאָנומענטאלישקײַט. פונ דעמ פאפיר, וואָס איז געווענ צעצייכנט מיט זײַנ קליינער טרוקענער האנט, האָט זיכ אפנ ברעג פונ מיזינקע אריבערגעטראָגנ דער אקאדעמישער סוראָגאט פונעמ לערנביכל. ער איז אָנגעבונדנ געוואָרנ דער מיזינקע ווי אנ אָנשטענדיק אייראָפּייִש קלייד דער אומפארשעמטער נאקעטקײַט פונ א פאפואסער פרוי. אפ זײַנ שטייגער איז ער געווענ שיינ. דאָ זײַנענ געווענ שווערע, מאָנומענטאלע, קלוימערשט סאָלידע פאָרמעס, אויסגעפילט פונ גרינגנ מאטעריאל. דאָס איז געווענ א קינדערשער פיסטאָלעט א „שרעקער”. אָט שטייט ער איצט קימאט א פארענדיקטער בא דער בלאסער שײַנ פונ שטערנ אונ באמ קארגנ פלאמ פונ דעמ לאמטערנ. רעכטס אונ לינקס צו אימ, איבער א קינסטלעכנ אָנשיט, גייט צו א נײַער וועג, נאָכ א פעטער פונ ניט לאנגנ טראמבעווענ. די דאמבעס זײַנענ ריינ, צוליב שיינקײַט, ארומגעלייגט מיט שטיינער, — אזוי פארבט מענ גיפס אונטער בראָנדזע. דער בריק־איבערדעק מיט דער גלײַכער קאָליע, מיט דעמ ניט־הויכנ געלענדער הייבט זיכ איבער די הונדערטהענטיקע גוואלדנ פונ די פערמעס — דידאָזיקע קאריאטידעס

פונ דער הײַנטצײַטיקײַט. אונטער די פערמעס שווימענ אַראָפ די געוויקלטע פיס פונ די קאַריאַטידעס — די הילצערנע ריאַזשנ. ריידנדיק אָנ פאָעטישע אַנאַלאָגיעס, דאַרפ מענ זאָגנ גלײַכ: לעוואָנ דאַווידאָוויטש האָט געבױט איבער דער מיזינקע אַ געווײנלעכנ הילצערנעמ בריק אַפ פיר ריאַזשנ, וואָס אַזוינעמ איז גוט צו שטעלנ אַפ לאַנגזאַמע טײַכנ מיט גלאַטע טײַכ-בעטנ אָדער, נאָכ בעסער, — אינ לערנביכלעכ פונ מעכאַניק, פאַר אָנשוילעכנ לערנענ די פאָשעטסטע אָנווענדונגענ פונעמ געזעצ פונ הויבער.

צוגייענדיק צו אימ ניט פונעמ וועג, נאָר פונ אונטנ, ווו ס׳גייענ נאָכ אַרומ אַרבעטער אונ מע פירט נאָכ צו בוי-ברעטער, — ווײַל דעמ נײַעמ וועג, ווי אַ ניט-פאַרגליווערטנ פלאָמביר, האָט מענ דערווײַל נאָכ ניט געטשעפעט, — זעט איר פינפ שיינע בריק-עפענונגענ אונ דעמ שווערנ פראָפיל. מאָדנע ווײַזט אויס דערדאָזיקער פראָפיל איבער דעמ מאָגערנ אונ דאַרנ קערפערל פונ טײַכל, וואָס האָט אַפ דעמ אָרט זיכ צעלייגט אַפנ בויכ. אַ הונ וואָלט דאָ געקענט איבערגיינ. באַוועגנדיק מיטנ גרינעמ שאַרפנ אַקסעלע, האָט די מיזינקע דורכגעפויזעט צווישנ די ריאַזשנ אונ ס׳האָט ניט געקלעקט קיינ מיזינקע אַפ אָנצופילנ, צו פאַרשלאָגנ, צו פאַרכאַפנ אַלע פינפ עפענונגענ, ווי ס׳קלעקט ניט באַ קיינ פאַפואַסנ קיינ קערפער אַפ אָנצופילנ, אָנצושלאָגנ אַלע קאָמפּלי-צירטע קונצנ פונ אַנ אייראָפּעיִשנ קלייד. צונויפגעדרייט זיכ, האָט זי געשלאָגנ אינ דעמ לעצטנ ריאַזש, געריזעט אימ מיט הונדערט ציינ, איבערלאָזנדיק פלוצלינג אינגאַנצנ ליידיק אַלע פיר עפענונגענ, ווי ניט קיינ אָנגעטאָנענע אַרבל פונ אַ מאַלבעש.

דער דריטער אַרטעל, דער טעסלערישער, האָט געטאָנ זײַנ אַרבעט אינדערהייכ אײַלנדיק אונ שווײַגנדיק. נאָר יענע קלאָרע אונ צונויפגעזונגענע, גוט-פאַרשטענדלעכע אַרבעט, וואָס איז געווענ אינעמ אָפפיר-קאַנאַל, האָט זיכ דאָ ניט געפילט. פאַרקערט, די אַרבעטער האָבנ באַוויזנ מיט דער קלאָרער אָפגעלאָזנקײַט פונ זייערע באַוועגונגענ, אַז אַפ דער בויונג פונ דער בריק קוקנ זיי ניט ערנסט. אונטנ, ווו מ׳האָט געקרעמפעוועט די דאַמבעס, האָבנ די שוואַרצ-אַרבעטער אַפ אַרמעניש כויזעק געמאַכט פונ זייער אייגענער אַרבעט. דער שווערער אונ קלוימערשט סאָלידער פראָפיל פונעמ בריק האָט זיכ זיי אויסגעוויזנ, ווי עפעס אַ מינ פאָרעצ אינ אַ שליאַפע, וואָס וועט ניט קענענ, ווענ מ׳וועט דאַרפנ, אופהייבנ אַנ עמער וואַסער.

— צי איז דאָס פאר אונדזערע ערטער א בריק? — האָט אונטערגעכאַפּט מיכאיל סאמסאָנאָוו, וואָס האָט פארשטאנען אפ ארמעניש. דידאָזיקע אינזשענערן דארף מען הינטער גראטעס, אָט וואו הין. די אראבניקעס, וואָס האָבן אונדז ברעטער געפירט, אפילע זיי לאכן אויך: פאר וועמען, פאר שיינקייט בויט איר? די ערשטע וואסער וועט אים אראָפּקאָרפּען.

ער האָט בייז א שלײַדער געטאָן מיט א שטיין אין א ריאזש ארײַן:

— אונדז איז נאָך בעסער, ס'וועט אויסקומען צוויי מאָל ארבעטן, — האָט מען זיך אָפּגערופן פון דער הייך.

מיקויעך דעם, אז דער אויבערשטער טעסלערישער ארטעל וועט דארפן צוויי מאָל ארבעטן, האָבן די אונטערשטע ניט נאָר קלוימפּערשט ניט געצווייפלט, נאָר זיי האָבן נאָך פאר זיך דערמאָנט זיך אין עפּעס זייער לאכנדיקס — זיי האָבן געענטפערט מיט א דונערדיקן געלעכטער. דער טעסלער שיבקאָ, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן אויבערשטן ארטעל, האָט איצטער צוגענומען די לאנגע לעצטע ברעט פון דעם אָנדעק, וואָס האָט לאנגזאם זיך איבערגערוקט אין די הענט פון א צענדליק ארבעטער, — די ברעט איז געגאנגען אינדערלופטן, פליסיק און שווער הוידענדיק זיך, געפּעניטעט אין אירע באוועגונגען דורך איר אומענדלעכער לענג, ווי דער האמטענער קערפּער פון א שלאנג. שיבקאָ האָט געמאכט דעם אָנשטעל, אז ער הערט ניט דעם געלעכטער. ער איז געווען אימפּאָזאנט אפילע צווישן זײַנע וווקסיקע און קרעפטיקע רוסאקעס. זײַן פּאָנעם איז ענלעך געווען אפ דעם אלטן פרימיטיוון בילדל „באָיארין", — זײַן געפּוצטע קוואדראטע באָרד מיט אסאך גרויע האָר, דער רוסישער סטיל פון זײַן קרײַזלדיקער און צו די אויערן וואקסנדיקער קוטשמע האָר, וואָס איז געווען געשוירן אונטערן „קעמעלע", די ברעמען הארטע, דײַטלעך באצייכנטע, די אויגן גרויע און מיט א פארשמאכטקייט, — דאָס אלץ האָט זיך פאר קיין פאל ניט געבונדן מיט די מײַסעס וועגן זײַנע באזונדערע טאלאנטן. ער האָט דורכגעלאָזן דעם געלעכטער פארבײַ די אויערן: צוריק מיט א וואָך האָט ער באוויזן א קונץ צו באקומען באם ארטעלשטשיק צוויי מאָל געהאלט פאר איינער און דערזעלבער ארבעט — דאָס ערשטע מאָל לויטן אָריגינאל, דאָס צווייטע מאָל לויט דער קאָפּיע.

ווען אלעקסאנדער אלעקסאנדראָוויטש איז, שקראבענדיק מיט די קאַ־ לאָשן איבערן פײַכטן שניי, צוגעגאנגען צו דער רעכטבערעגיקער דאמ־

בע, לעבן וועלכער א זעלבסט־געמאכט און אומבאקוועם טרעפל האָט
געפירט אפן בריק, האָבן די ארבעטער פון שיבקאָס ארטעל שוין אראָפּ־
געלאָזן די לעצטע ברעט פונעם אָנדעק. זי האָט זיך אינגאנצן אריי̆נ־
געדרוקט מיט אן אנגענעמער פאר א טעסלער און צארטער עלאס־
טישקייט אין דעם ליידיקן, פאר איר געלאָזענעם אָרט. די ארבעטער
צונויפגעשלאָגן אין א רעדל, זיינען איצט געזעסן אפן בריק, קוקנדיק,
ווי אלעקסאנדראָוויטש גייט צו. אנומלטן, ארויסרוקנדיק,
א טישקעסטל, ווו עס זיינען געלעגן צוועכעס, האָב איך דערזען זשא־
ווער אף די צוועכעס, און איין פארזשאווערט פליאמעלע האָט זיך אָנ־
געהויבן באוועגן: איבערן צוויאָך האָט גענומען לויפן א שפינעלע, וואָס
האָט געהאט דעם קאָליר פון פארזשאווערטן אייזן. מיר האָט זיך אויס־
געוויזן כידעשלעך, וואָס דער שפין האָט זיך צוגעפאסט ניט צו דער
נאטור, ניט צו דער געוויינלעכער סוויווע, נאָר צו א צייטווייליקער
פארזויערונג, וואָס איז, אפּאָנעם, געוואָרן פאר דעם א נאטירלעכע
סוויווע. אזוי וואָלט מען געקענט, ארויסרוקנדיק א טישקעסטל מיט די
ארבעטן, ווען די אלע ארבעטן וואָלטן זיך אריינגעלייגט אין א טיש־
קעסטל, איבערלעבן דעם כידעשלעכן פאקט פון צופאסונג מיצאד יע־
דער גרופע ארבעטער צו זייער צייטווייליקער און קינסטלעכער סווי־
ווע... אופהייבנדיק דעם קאָפּ און ארופגייענדיק אף דעם לעצטן סא־
מע פארעטערישן טרעפל,—דאָ פלעג מען זיך געוויינלעך אָנעמען
מיט די הענט פארן אָנדעק, קעדיי ניט אראָפּצופאלן,—האָט אלעקסאנדער
אלעקסאנדראָוויטש דערזען זיי אלע מיט זאָרגלאָז אראָפּגעלאָזטע פיס,
מיט גלייכגילטיקייט אף די ווייסע פענעמער, מיט א גענעצל אף די
פולבלעכע און העלוואָנציקע מיילער,—דער העפקערדיונגישער ארטעל שיב־
קאָס, וואָס האָט, ווי קיינער ניט אפן באצירק, געקענט דערגיין די
יאָר מיט דער סאמע קונציקסטער פאָרמע פון גערעגנגל—מיט שווייגן.
דער ארטעל האָט געשוויגן אפילע ווען ער האָט געשיקערט, ווען ער
האָט אויסגעארבעט צו דרייסיק קארבן א מעסלעס אף א מענטשן.
אלעקסאנדער אלעקסאנדראָוויטש האָט מוירע געהאט פאר זיי מערער, ווי
פאר אריסטיד סאמסאָנאָוון. און דאָ, אופהייבנדיק זיך, האָט ער פלוצ־
לינג דערהערט, אז דער ארטעל רעדט. מיט עפעס א לאנגזאמקייט, ווי
דער האלדז וואָלט געשוואָלן געווען און די ווערטער וואָלטן ארויסגע־
גאנ פונדאָרטן מיט גרויס שווערקייט, האָט שיבקאָ דערציילט,—ער
האָט עס געטאָן איינמאָל אין א יאָר,—וועגן דער רוסיש־יאפּאָנישער

מילכאָמע, אינ וועלכער ער האָט אָנטייל גענומענ. מיט דער גרעסטער גלייכגילטיקייט האָט שיבקאָ גערעדט:

— אונ די כינעזישע פרוי ארבעט ניט, זי זיצט אינדערהיימ, ווי א קווייטעלע. דער מאנ אליינ טוט פאר איר אלצ. אי ער צעוואשט, אי דעמ קעסל אפנ פייער שטעלט ער, אי אפנ קינד גיט ער אכטונג, דאָס קינד אפ די הענט, אונ אפ דעמ ווייב, ווי אפ א גאָטס בילד, דאוונט ער. ס׳איז פאראנ בא זיי אנ אויסדריק „זשיב קאשאנאכא״ — א ווייב א שיינהייט!

דידאָזיקע אומדערווארטע רעדע האָט באליידיקנדיק אונטערגעשטראָכנ די גאנצע טיפסטע גרינגשעצונג פונ דעמ ארטעל צו דעמ „לויפנדיקנ מאָמענט״. די לעצטע ברעט פונעמ אָנדעק, דער לעצטער צוויאָכ פונ א האלביאָריקער ארבעט, וואָס זיי האָבנ געדארפט אריינקלאפנ, האָט זיכ אָפגערוקט מיט דער רעדע אינ א זייט. מימיקריע — די ארבעטער פונ שיבקאָס ארטעל זיינענ איצט געווענ פונקט אזוי אומנאטירלעכ אונ קלוימערשט מאָנומענטאל, ווי דער בריק, וואָס זיי האָבנ אויסגעבויט. זייער פאָזע — אונטער אויסערלעכער פולקאָמער זאָרגלאָזיקייט האָט זיכ באהאלטנ גרינגשעצונג.

איבערגעכאפט דעמ אָטעמ, איז אלעקסאנדר אלעקסאנדראָוויטש דערקראָכנ. ער האָט געדארפט דורכגיינ איבערנ בריק, וואָס די טעג האָט אימ געדארפט „צונעמענ״ א קאָמיסיע פונ דער פארוואלטונג. נאָר בא אימ האָט פאָדאגריש גענאָגט די רעכטע פוס. ער האָט זיכ ניט געכאפט.

— אלעקסאנדר אלעקסאנדראָוויטש! — האָט מיט א גראָב אונ פרישקאָל א געשריי געטאָנ פאָקינ, — ערשט האָט דער שעפ פונ באצירק געקלונגענ אינ טעלעפאָנ. ער בעט אייכ זיכ אומקערנ, ער ווארט אפ דער קווארטיר! ער האָט געזאָגט, וואָס גיכער!

פייאקס געהיימע יעדיעס האָבנ אָנגעהויבנ זייער לאנגזאמע ארבעט.

קאפיטל IX

דער בארג קאצ

1

דער געלער איז געשלאָפנ אפ דער פלייצע, אונטערשפארנדיק די האנט אונטערנ האלדז־און־נאקנ. זיך אופגעכאפט, האָט ער קיינ שומ באוועגונג ניט געמאכט, ער האָט נאָר געעפנט די אויגנ; מ׳האָט אימ אָפט אזוי געוועקט פרי פארטאָג, ווענ ס׳פלעג אָנקומענ דער טיפליסער צוג, ווייל ער האָט נאָך אלצ געווינט אינעמ צימער פאר אָנגעקומענע.

דער מענטש, וואָס איז היינט געקומענ צו פאָרנ, האָט אפנ געלנ קיינ שומ אופמערקזאמקייט ניט געווענדעט — ער האָט זיך צעוויקלט. שטייענדיק אינמיטנ צימער, האָט ער מעטאָדיש מיטביידע הענט אָפגעוויקלט דאָס אויסגעארבעטע שאליקל פונ האלדז. אפ אימ איז געווענ א לעדערנ העל־ברוינ רעקל, געארבעטע געטרעס, טיראָלער מיט צוועכעס אונטערגעשלאָגענע שיכ אונ א היטל מיט לאפנ. צו דער וואנט האָט ער צוגעשפארט א באמבוקנ שטעקל. אפנ טיש האָט ער אנידערגעלייגט א טשעמאָדאנ אונ א פאָרטפעל. זיך צעוויקלט, האָט דער אָנגעקומענער גענומענ א שטול, זיך אנידערגעזעצט אינמיטנ צימער אונ סאָפענדיק גענומענ אראָפשלעפנ די געטרעס.

באטראכטנדיק אימ, האָט דער געלער זיך דערמאָנט, וואָס ס׳איז פאָרגעקומענ נעכטנ. איידער ס׳האָט זיך אָנגעהויבנ די געהיימע בארא־טונג אינ לעוואָנ דאווידאָוויטשעס קווארטיר, איידער דער סעקרעטאר פונ קעמערל האָט אראָפגענומענ פונעמ הענגער די עלעגאנטע געקעסטלטע קעפקע אפ צו גיינ אפ דער פארזאמלונג, האָט שוינ דער גאנצער באצירק געוווסט אונ אפ אלע זייטנ בארעדט די נייס וועגנ דעמ, אז דער פראָעקט פונ מיזינגעס איז פארבראקעוועט אינ צענטער. דער געלער האָט זיך פאָרגעשטעלט אָט דעמדאָזיקנ גאנצנ אָוונט אינ קלוב, פונ דער ערשטער מינוט אָנ, פונ דער ווילדער קלאפעריי מיט די נארדעס. אינ דעמ אָוונט ווײַנענ די ארבעטער דול געוואָרנ: די נארדעס האָבנ

דורכגעזאפט די ווענט פונעם באראק, מיט א טרוקענער טראסקעריי האָבן זיי זיך געשאָטן אפ די צושויער. און צושויער האָט זיך אָנגעשלאָגן אין באראק פול און פול. דאָס קלאפן איז אין טאָך געווען דער הויפּט־פארגעניגן פון דער שפיל. צווישן די ארבעטער האָבן זיך געפונען ווירטור־אָזן — מיט פארמאכטע אויגן, נאָר אינעם איינעם קלאפן אליין האָבן זיי געקאָנט באשטימען, ווער און וויאזוי עס האָט געוואָרפן דעם ביין.

די שפילערס זיינען געזעסן צו צווייען לעבן קליינינקע טישלעך פאר א לאנגער גלאט אָפּגעפּאָלירטער ברעט. דאָ זיינען געווען רוסישע אויך. זיי האָבן זיך אויך אויסגעלערנט שפילן. די לעצטע האָבן לאנג פארן ווארפן געקלונגען מיט די ביינדלעך אין פויסט, טרייסלענדיק מיט דער פויסט אינדערלופטן, און דערנאָך האָבן זיי פלוצלינג א וואָרף געטאָן מיט אלע פינף אפן ברעט, צענעמענדיק לעפיש די פינגער. עכטע נארדיסטן פלעגן דאָס באליידיקן, די שטילע ארבעטער—טיורקן מיט די הויכע שאָפּענע היטלען, מיט דריבנע געזיכט־שטריכן, צעפרעסענע פון פאָקן, האָבן דינן געשמייכלט; די ניט־העפלעכע ארמענער האָבן אפ דער שארפער קלאפעריי אָנגערוקט די ברעמען. אן עכטער שפילער,— ער האָט געקענט פון זינען אראָפּפירן דעם צושויער, די נעשאָמע ארויסציען דעם צושויער מיט דער פארענדיקטער פולקאָמקייט פון דער שפיל. אן עכטער שפילער האָט מיט די שפיצן פון די פינגער געוווסט די צאָל אייגלעך אפ די ביינדלעך. געוואָרפן האָט ער ניט מיטאַמאָל: לאנגזאם האָט זיך אראָפּגעקייקלט דאָס ביינדל איבער דער דלאָניע צום סאמע עק פון די פינגער, ווי ער וואָלט געקאפּעט מיט דעם אפ דער ברעט פון דעם שפיץ פונעם לעצטן נאָגל. אויסגעצערטלט פון לאנגן צערטלען, איז דאָס אָנגעווארעמט ביינדל געפאלן אפ א באזונדער אויפן: ווי א פרוי אפן רוקן. ס'האָט אויסגעוויזן, אז דאָס ביינדל ווענדעט צום שפילער זיין זעקס־אויגיק פּאָנעם.

„ניין און דרייסיק יאָר שפיל, ווערסטו זיך אויסלערנען",—האָבן געזאָגט די געניטע שפילער און האָבן זיך אָנגעבויגן, קעדיי געשמאַק, ווי א קעלישעקל, נעמען דעם שטיין, א קלאפ טון מיט אים, און איבער דער גאנצער ברעט נאָר מיט איין אויסגעצויגענעם עק פונעם דריטן פינגער אים איבערשקן ווהין מע דארף. קיין איין שפיל אין דער וועלט האָט ניט געוווסט אזא פלאסטיק. און איבערן גאנצן מיזרעך, פון ניל ביז קאַספּיע, האָט די נארדיסטן פארייניקט איינע און דיזעלבע אראבישע אויסרופן, וואָס מ'האָט זיי ארויסגעבראכט מיט א באזונדער גאָרגלדיקן שיק.

— דובעש! פאנדושוטשאר! דובארא!

ז׳ו, איז ווי האָט א שאכמאטיסט מיט זײַנ נעבעכדיקנ לעקסיקאָנ פונ
„מאכט א גאנג״ אָדער „שוינ געגאנגענ״, וואָס שטעקט אינ די ציינ ווי א
ביינדל פונ ווארעמעס, — איז ווי קענ ער קאָנקורירנ מיט די נארדעס?

סטעפאנאָס האָט א געקרענקטער באטראכט די ארבעטער, וואָס זײַ־
נענ געווענ פארכאפּט מיט דער מאגיע פונ זשעסט. דאָס איז אינ טאָכ
געווענ א זיצנדיקער טאנצ. זייער אזארט איז וואָס א מינוט געוואָרנ
שטארקער. ס׳האָבנ זיכ אהער אָנגעשלאָגנ אלע די, וואָס מיזינגעס
האָט צונויפגעקליבנ אונ געהאָדעוועט, אויסער דעמ ארבעטנדיקנ אומ־
בײַט. אפילע די פּריוואטניקעס זײַנענ אָנגעקראָכנ אהערצו. פאר א
פּריוואטניק אפנ באצירק האָט זיכ גערעכנט דער שוסטער, וואָס האָט
זיכ אויסגעבויט אנ אייגנ שטיבל פונ ניט־געבּרענטנ ציגל אונ האָט
מאָנאָפּאָליש פאריכט שוכווארג; דער שערער, וואָס האָט צעלייגט די
גאנצע מו׳יקע זײַנע, ניט האָבנדיק קיינ פארמאכטנ לאָקאל, אפ דער
לופט: א ווינער שטול, א טאזל, א בערשטעלע, א שאכטל מיט זייפ־
פּולווער; די קעמלענ האָט ער געהאלטנ אינ דער אייגענער קוטשמע.
פאר פּריוואטניקעס האָבנ זיכ אויכ גערעכנט די הענדלערס מיט ציבע־
לע, וואָס האָבנ געטראָגנ זייער סכוירע אינ זעקלעכ פונ דער סטאנ־
ציע. נאָר די לעצטע, פּונקט ווי די דאָרפישע הענדלער, וואָס האָבנ
געהאלטנ אינ בוזעמ אייער אונ אינ פלעשלעכ פונ באָרזשאָמ — געדיכטע
שמוציקע בופלאקס־מילכ דורכגעשמעקט מיט רויכ, — זײַנענ שוינ ארויס־
געשטויסנ געוואָרנ איבער דער גאנצער ליניע דורכ די אָרטיקע קאָאָ־
פּעראטיוונ. גראָד דעמאָלט טאקע, אינ סאמע ברענ פונ דער שפּיל,
פארטויבנדיק אי דאָס קלאפּנ פונ די נארדעס, אי די גאָרגלדיקע ארא־
בישע אויסרופנ, האָט פלוצלינג אויסגעשריגנ דינ אפ דער רוסישער
שפּראכ מיכאיל סאמסאָנאָוו, וואָס איז געקומענ צו לויפנ פונעמ בריק:

— ברידערלעכ! די אלטע זײַנענ דאָכ טאקע גערעכט, די אלטע!
טאקע אָנגעארבעט צאָרעס דער בארג ק א צ. דעמ פּראָיעקט אינ מאָסק־
ווע... דאָכ דורכגעוואלגערט!

דאָ האָט דער געלער ווידער געעפנט די אויגנ, ווײַל דערמאָנענדיק
זיכ, האָט ער אפילע באוויזנ לײַכט א דרימל צו טונ. דער מענטש
אינעמ העל־ברוינעמ לעדערנעמ רעקל איז געשטאנענ באמ סאמע בעט
אונ האָט אומגעדולדיק געקוקט אפ אימ מיט זײַנע געלבלעכע צאפּענע
אויגנ. ער האָט עפּעס געקײַעט.

— זיכ אופגעכאַפּט? א גוטער מאָרגנ! איר זײַט אנ אָרטיקער? א־הא! איכ בינ דער געאָלאָג איוואנ באָריסיטש לאַזוטינ.

דער געלער האָט מאָמענטאל, ווי א באַלעכל, זיכ א הייב אופ געטאָנ פונ בעט. ביז ער האָט אָנגעצויגנ די שקארפּעטקעס מיט די הויזנ, האָט דער אָנגעקומענער דעליקאט אויסגעקערעוועט צו אימ די פּלייצע, פּויקנדיק מיט די פינגער איבערנ טיש. אונ אז דער געלער מיט דער העמד איבער די הויזנ איז אוועק זיכ וואשנ, האָט ער אויכ ארויסגענומענ פונ טשעמאָדאנ א וועג־קופערטל, ווו אינ א פּוטליארל איז געווענ זייפּ, א צײנ־בערשטל, פּאסטע, א קעמעלע אונ אנדערע טואלעט־מאכשירימ, האָט אריבערגעוואָרפנ א האָריקנ האנטעכ איבערנ אקסל אונ איז אוועק נאָכנ געלנ. אומגעדולדיק האָט ער געביטנ די פיס, בעשאס ארנאָ ארעוויאנ האָט ניט־געכאַפּט געזייפּט זײַנ ווײַסנ האלדז. דער אָנגעקומענער האָט געקוקט אפ דער שלאנקער פּלייצע, אפ דער אײראָפּײִשער ליניע פונ האלדז־אונ־נאקנ, אפנ לאנגנ שארבנ פונ א דאָליכאָצעפאל[1] (דעמ שארבנ האָט דער אָנגעקומענער באַגיטיקט), אפ די פיס פונ אנ אקראָבאט, אונ האָט געוואָלט טרעפנ, ווו ארבעט דערדאָזיקער גלענצנדער מענטשלעכער עקזעמפּליאר. נאָר ווענ דער געלער האָט זיכ אײַנגעוואשנ אונ האָט זיכ אומגעקערט אינ צימער, האָט דער געאָלאָג פארגעסנ וועגנ זײַנ אומגעדולד צו וואשנ זיכ. ער האָט קאמ אײַנגענעצט די הענט אונטערנ קראנ, א שפּריצ געטאָנ אפ דער נאָז אונ איז באלד אוועקגעלאָפנ אינ צימער, שרײַענדיק נאָכ פונ דער שוועל: „זיצט, כאַפּט זיכ ניט, מיר וועלנ טרינקענ טיי.“

כאַפּנ זיכ האָט דער געלער ניט געהאט וווהינ — הײַנט האָט ער גערוט. אונ סײַוווי איז נאָכ געווענ צו פרי, נאָכ צו א בלאסער באַרגבאַגינענ איז געשטאנענ אונטערנ פענצטער — אונ האָט טונקל געמאכט אלע זאכנ.

דער געאָלאָג האָט דערווײַל פאָרגעזוצט זיכ צו טומלענ אונ האָט אלצ זיכ אומגעקוקט אפנ געלנ אונ אפ די לײַכטע באַוועגונגענ פונ זײַנ רויִקער, ווײַסער האנט. ער האָט ארויסגעקריגנ קאלטע פּירעשקעס מיט געפּילעכצ אונ האָט זיי אויסגעלייגט אפנ טעלער. הינטער דער טיר האָט מאריאנקע די אופראמערנ, אויסגעפּוצט אינ א קורציניק קליידל אונ אינ שטאָטישע טופלעלעכ אפ די באָרוועסע פיס, צעבלאָזנ פארנ אָנגעקומענעמ דעמ סאמאָוואר. זי איז, ווי אלע פרויענ אפנ באַצירק, געווענ

[1] לאנגקעפּיקער.

געשוירן לויט דער מאָדע, און אירע בלוילעכע באקן זײַנען געווען באדיכט אָנגעשמירט מיט קארמין. טראָגנדיק די טאַץ, האָט זי צעלאָזן אין א שמוכ אירע ליפּן אפן געלן. איר, ווי אלע פרויען אפן באַצירק, איז דער געלער גוואלדיק געפעלן געווען. דער געאָלאָג האָט זיך געווערטלט מיט איר און האָט פאַרגעזעצט עפּעס צו קײַען. פון דער זײַט האָט זיך אויסגעוויזן אזויווי דער אָנגעקומענער וואָלט געהאלטן היינטערן באק אן אייביקע צוקערקע. די ווערטער זײַנען בא אים ארויסגעגאנגען פון מויל באגלייט מיט דינינקע שפּריצן. נאָר די סיבע פון דערדאָזיקער באזונדערקײַט איוואן באָריסאָוויטש לאַזוטינס איז געווען ניט קיין קאָנפעטל. אין דער ווײַטער צײַט פון קינדהײַט האָט די אם ניט אָפּגעווינט דעם געאָלאָג פון צו קײַען און צו זויגן זײַן אייגענעם צונג.

— איך בין א מארטירער פון מײַן אייגענעם צונג, — ער איז צו א לאנגער בא מיר — לענגער פון דער נאָרמע, — האָט זיך מוידע געווען לאַזוטין.

איצט האָט ער אין מאטערנישן פון באליידיקטער זעלבסטליבע ניט געקענט בלײַבן איינער אליין מיט זיך. א פּראוע א צעקײַעטע צוזאמען מיטן צונג האָט אים געשטיקט אין האלדז. צוווארטנדיק, ביז מאריאנע איז נאָכדעם, ווי זי האָט זיך אָן שום נייטיקײַט א דריי געטאָן איבערן צימער, ארויסגעגאן, האָט ער אָנגעשטעלט זײַנע געלבלעכע אויגן אפן געלן.

— איר האָט געהערט, א? די מאָסקווער באשטעטיקן, אז ס'איז ניט קיין ריכטיקע עקספּערטיזע: ניטאָ קיין פּעלזיט־טופן, און אונדזערע, ווי ס'פירט זיך, קריכן פאר די מאָסקווער אפן בויך. אפן באַצירק וואָס רעדט מען? מ'דעקט לאַזוטינען?

ניט באהאלטנדיק זײַן נײַגיריקײַט, האָט דער געלער געקוקט אפן קורצינקן מענטשן. ער האָט געוווסט, אז פאר אים שטייט דאָ דער גרעסטער געאָלאָג פון טראנסקאווקאז. וועגן דעם קליינעם שטיבל אפן אוולאבאר, דעם געאָלאָגס אייגנטום, האָט מען דערציילט ניסים. א באָכער, א מענטש מיט עקסצענטרישקײַטן, איז לאַזוטין ארײַנגעפאלן אין טראנסקאווקאז נאָך לאנג פאר דער רעוואָליוציע און האָט זיך פעסט דאָ באזעצט, ארבעטנדיק אפן רײַכע באשטעלערס, — אפן אינדוסטריעלער, קאָנצעסיאָנערן — סאָלידע פירמעס. ער האָט געהאט א כוש צו „נוצלעכע אויסגראָבונגען”. ער האָט פיזיאָלאָגיש געפילט די נאָענט־

קײַט פונ ארצ. עפעס אײנמאָל, לײענענדיק געטענ, האָט ער אָנגעטראָפנ אפ א סוידעסדיק זײַטל אינ ווילהעלם מײסטער וועגנ אנ ענלעכנ כוש פונ ערדטיפנ אונ האָט דאָס אָרט אָפגעצײכנט מיטנ בלײַער. „איר גלויבט מיר ניט, טאָ גלויבט, זײַט אזוי גוט, געטענ,—פלעג ער פונ דענסטמאָל אָנ זאָגנ,—דאָס איז א מאטעריאל פאר וויסנשאפט, אזא מינ פארבינדונג. מינעראלע קוואלנ פיל איכ אפ פינפ הונדערט קלאפטער, ס׳בײַסט מיר די הויט (קײַענדיק זײַנ צונג, האָט דער געאָלאָג צעצויגנ די וואָקאלנ: הוי—וי—ויט). מעש פארשאפט מיר א ספאזמע. מאנגאנ... המ, מיקויעכ מאנגאנ... קײנ דאמענ אינ דער געזעלשאפט איז ניטאָ? אָפארבעטנדיק אפ מאנגאנ, פאָר איכ, דער רועכ זאָל דאָס נעמענ, צו מײדלעכ הוליענ”.

נאָר לאזוטינ האָט מיסברויכט מיט זײַנ אָריגינאליטעט. זי האָט אימ אָפגענארט, ווי אײניקע נײַמאָדנע דאָקטוירים. צוביסלעכווײַז האָט מענ שטילערהײט אָנגעהויבנ רעדנ וועגנ לאזוטינענ: „יאָ, פארשטײט זיכ, נאָר איר ווײסט, ער איז פונדעסטוועגנ א דילעטאנט”; „די וויסנשאפטלעכקײַט הינקט בא אונדזער איוואנ באָריסאָוויטשנ”—האָבנ צוגעגעבנ די סאמע געטרײַסטע לאזוטיניסטנ. ער האָט א לאנגע צײַט געטראָגנ זײַנ צונעמעניש, ווי א נאָכשלעפעניש אפ דער פאָדעשווע, ניט באמערקנדיק עס. נאָר אז ער האָט זיכ דערוווסט, האָט ער זיכ שוינ ניט געקענט דערפונ אָפטשעפענ. אונ די אונטערגענעצטע רעפוטאציע האָט אימ געמאכט צעדולט. דער באגער צו בארעכטיקנ זיכ האָט אימ געשטיקט. אלײנ אינ זײַנ ווונדערלעכנ שטיבל, צווישנ די אָנגעזאמלטע אויצרעס, א קענער פונ טראנסקאווקאז, וועלכנ ער איז אויסגעגאנגענ אינ דער לענג אונ אינ דער ברײט, איז לאזוטינ עקסצענטריש אונ מיט אופברויזנ איבערגעגאנגענ פונ ווילדער זעלבסטמײנונג צו דער ביטערסטער זעלבסטפארניכטונג. אונ נאָר באווײַזנדיק זײַנ קאָלעקציע אונ איבערלעבנדיק זי ווידער אפסנײַ, האָט ער צוריק דערוואָרבנ זײַנ אינעווײניקסטע זיכערקײַט אונ רויִקײַט.

2

די קאָלעקציעס זײַנענ ווירקלעכ געווענ גרויסארטיק. פארברענגענדיק פינפ, זעקס שאָ אינעמ שטיבל, האָט איר זיכ באקענט מיטנ לאנד. די לאנגע זײַטיקע קאָרידאָרנ, ווו שמאָלע פענצטער האָבנ געוואָרפנ געפאסעוועטע שײַנ, האָבנ געהיט די אויצרעס פונ אזערבײדזשאנ.

קימאט יעדערער איז געפונענ געוואָרנ, אנטדעקט געוואָרנ, אויסגעפּאָרשט געוואָרנ פונ לאזוטינענ. אינ די שאפעס הינטער גלאָז—דאשקעסאנער אײַזנארצ, מעש פונ קעדאבעק, זילבערבלײַ־לאגערנ פונ מעכמאנ, דער שוועבל־קיז פונ טשיראגידזאָ, אנ אָפּטייל פונ מינעראל־קוואלנ פונ איסטי־סו, די נאפט־אויצרעס פונ באקו. דורכגייענדיק זיי, איז מענ ארײַנגעדרונגענ אינ די קוואדראטלעכ פונ גרוזיע מיט דער נעצ פונ אירע רעפּובליקנ,—דאָס זײַנענ געווענ באזונדערע קליינע צימערלעכ, די שײַנ איז געפאלנ פונ דער אָנגעגלאָזטער סטעליע. די פיאָלעטע ווענט פונעמ מאנגאנ־צימער האָבנ געגעבנ דעמ טאָנ. די גאנצע פילארטיקײַט פונ טשיאטורע איז דאָ געווענ פאָרגעשטעלט, אָנהייבנדיק פונ די בליצנדיקע קײַלעכיקע סאָליטענע מאנגאנ־קערנער ביז די פעטע שטיקלעכ ארצ. א דינער שטויב האָט אויסגעשמירט די פינגער, א שווארצע האנט פונ א שאכטיאָר—א הענטשקע ניט אָפּצוואשנ—איז פארהויבנ געווענ איבער דער שאפע. די טאפליעס האָבנ געהיט פרעכטיקע מאָדעלנ פונ שאכטעס, אנ איזאָגיפּס האָט באוויזנ די ערטער פונעמ מאנגאנ־ארצ־פלאסט, דיאגראמעס האָבנ באפוצט די ווענט. אפ די פּאָליצעס איז געווענ צונויפגעקליבנ די בעסטע ליטעראטור וועגנ מאנגאנ אפ דער פראנצויזישער שפּראכ. דער ליבהאָבער, וואָס האָט קיינ מוירע ניט געהאט פאר לאזוטינס בארעדעוודיקײַט, איז דאָ אנגענעמ באלוינט געוואָרנ. ארומגייענדיק איבער דעמ צימער, האָט דער געאָלאָג, קײַענדיק זײַנ צונג, צוגעפירט צו א פײַנעמ וואש־טישל: פיאָלעטע שמעקנדיקע זייפ איז צו זײַנ דינסט. אינ דעמדאָזיקנ ווינקל האָט א קליינינקער מוזיי פראקטיש דערקלערט די נוצ פונ מאנגאנ. קאָסמעטיק, פּראָפּילאקטיק, היגיענע—א שיינע קאָמבינאציע פונ פיאָלעטע ניואנסנ; א וואקסענע געשוואָלענע האנט,—א ביס פונ א שלאנג, אונ די היילונג דערבײַ: א שפּריצ, א פלעשעלע מיט א צעלאָז פונ מאנגאנ־קאלי. די כעמיע האָט פארנומענ א באזונדער פּאָליצע. רעלסנ אפנ פענצטער־ברעט, שטאָל מיט מאנגאנ אונ אָנ מאנגאנ, דער פּראָצענט פונ אָפּנוצלעכקײַט. דאָס אלצ האָט לאזוטינ געגרייט קליניקײַט נאָכ קליניקײַט, קלײַבנדיק נאכעס פונ דער וואקסנדיקער צאָל זאכנ. בא אימ אינ קאבינעט איז צווישנ דער מאסע רעשימעס געווענ זײַלעכלעכ קאלענדאר־טעג, אונ צו יעדערנ פונ זיי האָט דער געאָלאָג צוגעשריבנ מיט א בלײַשטיפט, וואָס ס'איז אינ דעמ טאָג דערוואָרבנ געוואָרנ אָדער געטאָנ געוואָרנ פארנ מוזיי.

פונעם מאַנגאַן זײַנען מיר אַריבערגעגאַנגען צו קוילן. דאָ האָבן קאָנקורירט צוויי „ט"—טקוויבולי און טקוואַרטשעלי. דער כיטרער לאַזוטין האָט אין יעדן צימער פאַרשיידנאַרטיקט זײַנע מעטאָדן. אינעם צימער „גרוזינער קוילן" האָט ער געמאַכט פאַר אַ וועגווײַזער די עקאָנאָמיק. דעם באַזוכער איז פאָרגעלייגט געוואָרן צו פאַרטיפערן זיך אין די צווישנבאַציִונגען, אין די קאָמפּליצירטע קאָמבינאַציעס פון מעקאַנים און קוואַליטעט. לאַזוטין האָט געגעבן די מאָגערע טקוויבולער קוילן אין זייער גאַנצער נעבעכדיקייט, נאָר לעבן די טקוויבולער קוילן האָט דער געאָלאָג, פאַרוואַנדלענדיק זיך אין אַ אינזשענער און אין אַ עקאָנאָמיסט, געשטעלט מיט דער גאַנצער שאַרפקייט די פּראָבלעם פון קוילנשטויב. דער צושויער האָט פריִער נאָך זיך דערוווּסט וועגן איר פון אויפשריפטן און פון בילדלעך. ער האָט געזען מוסטערן, ער האָט זיך באַקענט מיט די פּרווון צו בריקעטירן. דערנאָך האָבן קליינינקע מאָדעלן פון אייוועלעך, קינדערשע שפּילעכלעך, דעמאָנסטרירט די אַרבעט אַף שטויב. דערנאָך, מיט אַ ברייטער זאַמלונג אויסשניטן, אויסלענדישע זשורנאַלן, פאָטאָגראַפיעס, אויפשריפטן האָט זיך אין די קוילן אַרײַנגעמישט „אויסלאַנד". דאָ איז דעם צושויער געגעבן געוואָרן אַן עקאָנאָמישע פּערספּעקטיוו: וואָס פאַר אַ געווינס, וואָס פאַר אַ ביליקייט, וואָס פאַר אַ ריזיקע עקאָנאָמיע פון קוילן מע קען דערגרייכן מיט באַנוצן קוילנשטויב, און אין שײַן פון דידאָזיקע נײַע ידיעות האָבן די טקוויבולער קוילן מיט זייער שלעכטער קוואַליטעט, וואָס זײַנען מיט אַזאַ פאַראַכטונג ניט געשעצט בײַ זיך אין פאָטערלאַנד, באַקומען אַ באַזונדער באַדײַטונג. אַף דער צווייטער זײַט צימער האָט געעפנט איר מערקווירדיקע צעפּאַסעוועטע קאָלאָנאַדע די אַרבעט אַף די טקוואַרטשעלער בויערלעכער, און דאָ איז ווידער לאַזוטין איבערגעשטיגן זיך אַליין. דאָס ערשטע מאָל, מעגלעך, איז אין אַ געאָלאָגישן מוזיי באַוויזן געוואָרן אין ווערטיקאַלן די דערפאַרונג פון עטלעכע בויערלעכער. זי איז געווען צעשטעלט רייענווײַז, און דידאָזיקע קאָלאָנקעס, פאַרקלענערט, אַנטשפּרעכנדיק צו דעם מאַסשטאַב פון צימער, האָבן מיטן שײַנעם בוקעט פון זייערע שטענגלעך צעעפנט אַלע טוידעס פון די געבויר ערטער פון די טקוואַרטשעלער קוילן־פּלאַסטן. צווישן זיי האָבן גרויסע שוואַרצע ציפערן באַוויזן דעם מעהאַלעך צווישן איין בויערלאָך און דער צווייטער. פון דער זײַט—אַן עלעגאַנטער, ווי אַן אַלבאָם פאַר לידער אין אַ יאָנטעוודיקן לעדערנעם בונד, אַ מוסטער פון אַ

אידעאלן „זשורנאל“ פונ א בויער־מײַסטער. איבערגייענדיק מיטנ בליק
פונ איינ קאָלאָנקע צו דער צווייטער, האָט איר קלאָר געזענ דעמ דורכ־
שניט פונ די אָפּזאצ־פּאָרמאציעס, דעמ כאראקטעריסטישנ דורכשניט
פונ דער „שטיינקוילנ־סיסטעמ“. אויבנ איז געגאנגענ דער אָנשיכט, נאָכ
אימ א רויטער פּאס ליימ, נאָכנ ליימ א מישפּאָכע גרויע שיפערנ, ליי־
מיקע אונ זאמדיקע. נאָכ די שיפערנ, פּינקטלעכער—צווישנ א באזונ־
דער קויטיקנ שיכט קוילנ־שיפערנ האָט אומבאדינגט געטונקלט א גע־
דיכט פּאסיקל קוילנ, דערנאָכ אינ א בונטנ קאראהאָד—א מישפּאָכע שי־
פערנ מיט זייערע פּילצאָליקע קרויווימ: שיפער זאמדיקער, געקרײַזל־
טער, שיפער קאלכענער, שיפער ליימיקער, זאמדשטיינ, ווידער שיפער
קוילנדיקער אונ א נײַער מעכטיקער פּלאסט קוילנ. אויב איר וועט וועלנ
אונ איר וועט א קוק טונ אפנ מאסשטאב אונ אפ די פּאסיקלעכ פונ
דעמ לענג־שניט, וועט איר גרינג באשטימענ די גרעב פונעמ קוילנ־
פּלאסט—3,75 מעטער. אונטנ, אונטער דעמ שיפער אונ די קוילנ שטייענ
שיינ אונ בונט קרעפטיקע סטופּיקלעכ פונ טופּאָגענעמ זאמדשטיינ,
פונ די אונטערבאָדנדיקע שיכטנ. דידאָזיקע גלאטע, אזויווי אָפּגעפּאָליר־
טע סטופּעס זײַנענ ארויסגענומענ פונ אנ עמעסער שטאנגע. לאזוטינ
אליינ האָט פּראָפּאָרציאָנעל פארקלענערט זייער מאסשטאב. „דער גאנצער
קוילנטראָגנדיקער שעטעכ פונ טקווארטשעל, איז בא מיר אונטערנ
האנט“,—האָט ער זיכ בארימט אונ ער האָט באוויזנ די, וואָס האָבנ גע־
האט א יעדיִע אינ דעמ איניענ, מוסטערנ פונ טקווארטשעלער פּרווו־
קאָקס פונ די אויוונס פונ מאקייעווקע.

אויב דער באזוכער פונעמ מוזיי איז געווענ א פרוי, האָט לאזוטינ
זי געשווינד געפירט אינעמ „דאמענ־צימער“.—א רייצנדיקער ווײַסראָ־
זער צימער פונ קוטאיִסישנ באריט. דאָ איז דערלויבט געווענ א גלעט
צו טונ מיט די הענט די בליצנדיקע קרישטאָלנ פונעמ שיינעמ שטיינ.
דאָ איז אויכ געווענ א קליינער „אויספלוג“, ווי די דײַטשנ זאָגנ, א
קליינער פּיקניק אינ דער אינדוסטריע. א קארטאָנענער מאָדעל פונ
א באריט־זאוואָד, די נאָכאנאנדיקע סטאדיעס פונ פארוואנדלענ באריט
אינ א סוראָגאט פונ פארב אונ א ווײַס לײַכט דאמענ־טישל מיט א
שטול אפ אָפּצורוענ אינעמ צימער, אויסגעפארבט מיט גרוזינישנ באריט.

אינעמ אָפּטייל פונ ארמעניע האָבנ געפירט שיינע געדרייטע טרעפּ.
דער אָפּטייל האָט זיכ געפונענ אויבנ. קלייניקע בוידעמ־נישעס,
געקנייטשטע ווי דער קערפּער פונ א הארמאָניע, זײַנענ געגאנגענ

ארום דער צענטראלער, מיט א גלעזערנעם קופּאָל באקרוינטער גרויסער זאל — די זאל פון „סינטעז", ווי דער באלעבאָס האָט געזאָגט. אין יעדער נישע זײַנען געווען צונויפגעקליבן די זעלטנסטע עקספּאָנאטן פון ארמענישע אויצרעס, — זאנגעזורער און אלאווערדער מעש, פּימס, שוועבל־קיז, אײַזן־כראָמיט פון די ברעגן פון סעוואנער אָזערע, פּעגמאטיטישע אָדערן פון לאָריער גראניט, גרויסארטיקער בוי־מאטעריאל, אָנהייבנדיק פון אָרטיקן טופּ און ענדיקנדיק מיט א גאמע קאָלירטע מארמאָרן. א פארשיקערטער פונעם געזעענעם, אן איבערגעפּילטערט פון נײַע ידיעס, א מידער, א פארמאטערטער, פארהיטנדיק אין די דלאָניעס די אנגענעמע קילקײַט פון שטיינ און אין די אויגן — די אָראנזשע ספּעקטער־שײַנ פון אָנצאָליקע פארבן און ניואנסן, פלעג דער צושויער ענדלעך צוגעפירט ווערן דורך לאזוטינען צו א ריזיקן לײַוונט אף אן עקראן, וואָס איז געווען פארצויגן אף דער סאמע מיט פון דער זאל אונטער דעם שײַנענדיקן קופּאָל. נעמענדיק אין די הענט א גרינג באמבוק־שטעקעלע, האָט דער געאָלאָג זײַן צושויער דאָ ארומגענומען, פון אירבעפלוס פון געפילן, פאר די אקסלען און אומענדלעך אויסציענדיק די וואָקאלן און קײַענדיק זײַן צונג, האָט ער געצויגן, קימאט ניט געפינענדיק קיין ווערטער:

— א מא־א־פּע! א ליטאָלאָגישע מאפּע פון טראנסקאווקאז. דער ערשטער פּרווו אין פארבאנד. וואָס? דער דילעטאנט לאזוטין? דער פּאָקוסניק לאזוטין? לאדט אײַן, לאדט אײַן אײַערע גענעראלן, יאָגט זיך נאָך פּראָפעסאָרן, קריכט אפן בויך פאר יעדערן, וואָס וועט זיך אָנמעסטן טײַערער. אונדזער טראנסקאווקאזער מאניר איז צו שעצן א טײַער קאָסטנדיקן מענטשן. נו, און זאָגט נאָר מיר, ווער פון די גענעראלן האָט דאָרטן בא זיך געמאכט, טאקע אין צענטער, א ליטאָלאָגישע מאפּע? א?

אפן לײַוונט איז געווען א גענויסטע קארטע פון דער פארשפּרייטונג פון מינעראלע רוישטאָפן אין טראנסקאווקאז. יעדער אויסגראָבונג האָט געהאט זײַן קאָליר, זײַן צייכן פון מעכטיקײַט, קוואליטעט און אָנווענדונג. דאָס איז געווען א מערקווירדיקע ארבעט. „ווער ס'האָט געקענט זײַן א געאָלאָג, — אזוי האָט געזאָגט לאזוטין, — פאר דעם האָט דידאָזיקע מאפּע געדינט קימאט ווי מענדעלייעווס טאבעלע: אָנפילנדיק מיטן גײַסטיקן אויג די ערטער, וואָס פעלן, טעקטאָניש רײַזנדיק איבער די ערד־אויצרעס, כאפּנדיק אין א שלאנקער פארבינדונג די אזויווי

צופעליקע פעדעם פון געבוויר־ערטער, האָט איר זיך אויסגעלערנט צו טרעפן די דעקן פון דער ערד, און צו באַזעצן די הוילקײַטן"...

„ריכטיק זיך מעשאער זײַן—דאָס איז דער טאַלאַנט פון אונדזערע ברידער". דאָ, זיך פאַרסאָפּעט אביסל, האָט דער קישעפטמאַכער פון זײַן פעיערישן מוזיי געפירט דעם גאַסט אַראָפּ אַפן ערשטן שטאָק פון שטיבל אַפּ אוולאַבאַר, ווו א שווײַגנדיקע אַרמענערן, א קעכן, האָט ניט־כאַפנדיק געשטעלט אַפּ דער באַשיידענער צעראַטע פונעם טיש דעם גראָבן פּאָרצעלײַ פון די טעלער: שמעקנדיקע גראָזן, א פּעטער זופּ פון מילך־סיראָוועטקע, גרוזינער גאָמי, געפעפערטער רויטפלייִשיקער לוליא־קיאַבאַב.

און אָט דערדאָזיקער כידעשלעכער מענטש, וואָס איז אַפּ אַלע פיר אומגעקראָכן און אויסגעכּרוווט די שטיינער און די סטעזשקעס פון גאַנץ טראַנסקאַווקאַז, האָט א טאָעס געהאַט אין א נאַרישער פראַגע, האָט געהאַט אַזא גראָבן, אַזא אומגלויבלעכן טאָעס.

— אײַ,—האָט פלוצלינג א געשריי געטאָן דער געאָלאָג און האָט זיך א פּאַטש געטאָן איבערן שטערן, אַזויווי ער וואָלט א קלאַפּ געטאָן א פליג,—דאָס קען דאָך אָבער ניט זײַן, דאָס קען ניט זײַן, זעקס אַזייגער האָב איך באַקומען די טעלעגראַם, ניין בין איך אַרויסגעפאָרן. יונגערמאַן, בא אײַך איז א גוטער שאַרבן, ווו אַרבעט איר? איך בעט אײַך, יונגערמאַן, פאַרגעדענקען. איך וועל זיי דערווײַזן, אַז ס'איז יערונדא, ריינסטע יערונדא! וואָס? אָנשיכטונגען אָפּזאַץ־פאָרמאַציעס, א טײַך־טאָל. קומט, טוט זיך אָן, מ'דאַרף ניט פּאַטערן קיין צײַט.

הינטערן פענצטער איז שוין געוואָרן ליכטיק, און דער סאַמאָוואַר, וואָס די אופראַמערן מאַריאַנקע האָט אַרײַנגעטראָגן, האָט שוין לאַנג אופגעהערט צו זינגען. פון די פירעשקעס איז נאָר געבליבן א פעטער שפּור אַפן טעלער. דער געלער האָט אופשטייענדיק מיט אַלע קויכעס זיך אויסגעצויגן,—ער האָט אַלע אינדערפרי אַזוי פאַרפעסטיקט זײַן רוקנביין,—א טיפן אָטעם געטאָן און געענטפערט לאַזוטינען:

— איך בין גרייט.

3

די באַראַטונג בא לעוואָן דאַווידאָוויטשן האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט באַנאַכט. דער געהיימער פּאַקעט, ווי ס'טרעפט זיך שטענדיק מיט געהיימנישן, האָט געבראַכט יעדיִעס אַסאַך ווייניקער שרעקלעכע

איידער די, וואָס האָבנ זיכ צעטראָגנ איבערנ באצירק. עמעס, דער פּראָיעקט איז פארבראקעוועט געוואָרנ. עמעס, די פארוואלטונג האָט פאראָרדנט צו פארלאנגזאמערנ דעמ טעמפּ, איבערגיינ פונ דרייַ אומביַיטנ אפ איינעמ, אָפּשטעלנ די קאפּיטאלע בויונג, ניט מאכנ קיינע שומ הויצאָעס אפ באהילפ־זאכנ, אייַנשליסנדיק אהער אויכ וווינ־באראקנ אונ אלע, לויטנ אָפּמאכ צוגעזאָגטע מאָסמיטלענ פונ וויל־אייַנאָרדענונג אפנ באצירק. נאָר דאָ זייַנענ אָבער אויכ געווענ גאָר אנדערע פאראָרדענונגענ. גראָד זיי האָבנ עס געמאכט לעוואָנ דאווידאָוויטשעס אופגאבע פאר אומדערטרעגלעכ קאָמפּליצירט. אראָפּלאָזנדיק זייַנ העכטענעמ פּראָפּיל אינ די פּאפּירנ, האָט דער שעפ פונעמ באצירק דאָס צענטע מאָל געלייענט:

...פארהיטנ די ארבעט־גרייטקייַט פונעמ באצירק, שטערנדיק דעמ אוועקגאנג פונ קוואליפיצירטע אונ קאדראָווע...

(שטערנ אוועקגיינ, אראָפּזעצנדיק דעמ געהאלט!)

...פאר קיינ פאל ניט דערלאָזנ קיינ פּאניקע אפנ באצירק...

(דאָ האָט דער נאטשקאנצ זאכאר פּעטראָוויטש געמאכט „המ, המ" אונ האָט דאָס פארצייכנט בא זיכ אינ בלאָקנאָט מיט א בלייַשטיפט).

...אינזינענ האָבנ, אז נאָכנ איבערקוקנ אונ איבערארבעטנ דעמ פּראָיעקט וועט די בויונג דארפנ אוועקגיינ אפ א שלאָגלערישנ אויפנ, צוליב וועלכנ צוועק ס'איז אומבאדינגט נייטיק צו האלטנ די ארבעט־קראפט, אזוי צו זאָגנ, „אונטערנ דאמפּ".

האלטנ זיי אונטערנ דאמפּ! אלעקסאנדער אלעקסאנדראָוויטש האָט זיכ פאָרגעשטעלט שיבקאָס ארטעל. האלט זי אונטערנ דאמפּ, פארקלענערנדיק די שטיק־ארבעט! א קאלטער שווייס האָט באדעקט אלעקסאנדר אלעקסאנדראָוויטשעס רוקנביינ. אפילע דער שאָכנ, דער אלאווערדישער זאוואָד, פלעג אָפּשלאָגנ בא זיי שלאָסערס, העכערנדיק זיי די קאטעגאָריע. בא אָט דעמ שארפנ טראנסקאווקאזישנ הונגער אפ אנ ארבעטער? נו, אוואדע! ער איז טויזנט מאָל מאסקימ מיט לעוואָנ דאווידאָוויטשנ, אז אונדזער פארוואלטונג... דאָס קרעפּטיקע וואָרט האָט אייַנגעהאלטנ דער נאטשקאנצ, א געשריי געבנדיק אינ סאמע אויער אלעקסאנדר אלעקסאנדראָוויטשנ:

— ניט וועגנ דעמ רעדט מענ איצט!

דער שעפ פונ באצירק האָט ווירקלעכ גערעדט ניט וועגנ דעמ. קאמ אייַנהאלטנדיק זיכ פונ היסטעריק, האָט ער זיכ דערמאָנט אינ

בעלגיע. דאָרט האָט מענ ניט געזשאלעוועט קיינ געלט אפ פאַראַרבעטנ. טויזנטער, הונדערטער טויזנטער האָט מענ אויסגעגעבנ אפ בויערנ,— צום פּראָיעקט איז מענ צוגעטראָטנ, אויסלערנענדיק די נאַטור־פאַקטאָרנ ביז א פעדעמל. ער האָט געפילט א ביטערסטנ טיפנ פאַרדראָס, ווי אַנ איידל בלוטיקער הונט, וואָס מ׳האָט אים געצוווּנגענ ער זאָל היטנ גענדז. דער נאַטשקאנצ נאָר האָט אקשאָנעסדיק אריבערגעפירט די באַראַטונג— אונ אינ דעמ איז באַטשאנענ זײַנ שטענדיקע ראָל—אפ פּראַקטישע רעלסנ.

„איכ פאַרשטײ אזוי,—האָט גערעדט דער נאַטשקאנצ, נאָר לעפאָנעמ וועגנ אַרײַנקוקנדיק אינ בלאָקנאָט,—מיט איינ קלאפּ צוויי האָזנ. אונטער דער פאַרקירצונג וועלנ מיר אונטערפירנ, לעוואָנ דאַווידאָוויטש, די אומרויִקע פּערזאָנענ”.

לויט זײַנ מיינונג, זײַנענ אינ דער פּאַניק אפנ באַצירק געווענ שולדיק די אומרויִקע פּערזאָנענ. צעקעמענדיק מיט אלע פינפ די געקרײַזלטע גרוילעכע האָר, האָט דער קאנצשעפ געלייענט א צעטל:

...מײַסטער לייטיס,—ווער רעדט נאָכ, אז די בויערלעכער האלט מענ פונקט איצטער באַמ פאַרענדיקנ.

...דער בויערער זארגאריאנ, ער האָט ניט קיינ ווינפּלאצ. מ׳קענ זיכ דאָכ ניט שטעלנ איצט בויענ!

...סאמסאָנאָוו מיכאיִל אונ די גאנצע ארטעל סעזאָניקעס, ווײַל מ׳דאַרפ זײ ניט. עכ, וואָלט גוט געווענ ווענ, מ׳קענ אַריסטידנ איינוועגס!

נאָר אַריסטיד סאמסאָנאָווג האָט אָפּגעשריגנ אלעקסאנדר אלעקסאנדראָוויטש. דער שווארצער האָט געקענט שאַטנ.

אינ דער צײַט, ווענ אונטערנ צייכנ פונ קאָנספּיראַציע איז געגאנגענ די דאָזיקע באַראַטונג באַמ שעפ פונ באַצירק אינדערהיימ, איז אינ קלוב פאָרגעקומענ א זיצונג פונ דער ביוראָ. די מיטגלידער פונ ביוראָ, אכט מענטשנ אינ צאָל, זײַנענ געזעסנ ארומ א טיש א געדעקטנ מיט רויטנ געוואנט. געפירט די זיצונג האָט דער סעקרעטאַר פונ קאָמערל, וועגנ וועלכנ מ׳האָט געזאָגט: „דער סעקרעטאַר איז בא אונדז א צוגעגרייטער”, אונ אינ קאָנטאָר האָט מענ צוגעגעבנ: „אנ אומשעדלעכער”.

ער איז געזעסנ אַראָפּגעהאנגענ די פיס אינ קירצלעכע הויזנ, אונ דערפאַר האָט מענ געקאָנט זענ די פײַערדיק אויסגעפּוצטע געלע שטיוולעטנ ביז די סאמע שקאַרפּעטקעס. פונעמ סעקרעטאַר האָט געשמעקט מיט שאַרפנ רייעכ פונ שמעקנדיקער זייפ. די הערעלעכ פונעמ געוואנט

האָבן באוויזן די שטראָמיקע ריכטונג פונעם בערשטל, — דעם סעקרעטארס בלויער פרענטש איז פונעם רייניקן געווען קימאט אינ פאסן. אָנגערוקט די זייער געדיכטע ברעמענ אפ צוויי פינגער די גרעב, האָט ער מיט א באסאָיוער נידעריקער שטימ גערעדט פאר דער ביוראָ:

— כאוויירימ, — האָט גערערט דער סעקרעטאר, — אינ אונדזערע ערטער איז מיזינגעס א צענטער פונ סאָציאַליזמ. דער ערשטער סוינע, מיט וועלכנ ס׳קעמפט די ארבעטער־מאסע, דאָס איז אָפגעשטאנענקייט. אונדזער אָפגעשטאנענער עלעמענט, — אימ איז מיזינגעס ניט טייַער. מיזינגעס גיט אימ ברויט, אונ ער איז צופרידנ מיט יעדנ דורכפאל. ער וועט אונדז טאָרמאָזירנ יעדנ טריט. נאָר ניט אזוי שרעקלעכ איז דערזאָזיקער סוינע, כאוויירימ, ווי אונדזערע דירעקטע סאָנימ: דאָס באלעגופנטומ אונ די גאלאָכימ. אָט ווער ס׳שטייט הינטער אונדזערע אומבאוווסטזיניקע ארבעטער. דער אלטער מערסאָפ פארשפרייט באָבעמייַסעס אפ די ארבעטנ. פארשטייט זיכ, פונ מערסאָפנ קענסטו מער ניט פאָדערנ. אָבער אָט, דעריכאגעוו, געכטנ איז וועגנ דעמ בארג ק א צ געווענ דערציילערייַענ צווישנ די קאָמיוגיסטנ.

אפ דעמ אָרט הער איכ קימאט די שטימ פונ דער פארזאמלונג: „א כארפע״. איכ זע דעמ „אומשעדלעכנ״, ווי ער שאָקלט אונטערנ טיש מיט די שטיוולעטנ. נאָר מ׳דארפ זיכ ניט פארעדנ; מ׳קענ ניט באשרייַבנ דאָס, וואָס דו האָסט אליינ ניט געזענ אָדער ניט געהערט. דער אווטער זיצט בא א פארמאכטער טיר, צעשמירנדיק מיט די פינגער די פארבנ אפ דער פאליטרע: די נאטור איז אימ ניט צוטריטלעכ. פארשטייט זיכ, ער ווייסט, אז אפ יענער זייַט טיר גייט א פאָרטראג, וואָס איז צונויפגעשטעלט ביכלדיק, — דאָס בוכ האָט געשעדיקט דעמ סעקרעטארס שוואכנ קאָפ, אונ ער ווארפט זיכ אינ לעבנ אריַינ, ווי אנדערע, וואָס באָדנ זיכ אינ יאמ, אפנ רעטונגס־גארטל פונעמ בוכ. דער אווטער ווייסט, אז דאָ כאזערנ זיכ איבער נאָכאמאָל אי דער באפעל פונ דער פארוואלטונג, אי דאָס פארופנ זיכ אפנ איבערקוק פונעמ פראָעקט, אפ דעמ טאָעס פונ דעמ געאָלאָגישנ אנאליז, — אונ אז די אלע פראגנ, איבערכאזערנדיק זיכ נאָכאמאָל אינ עפעס גאָר אנ אנדער באלייַכטונג, שטעלנ פאר דער ביוראָ דיזעלבע אופגאבנ: ניט דערלאָזנ קיינ פאניק אפנ באצירק.

נאָר דאָ, אופקלאפנדיק א בייַל בא דעמ אונטערהערער, האָט זיכ צעעפנט מיט א סקריפ די קלוב־טיר, אונ די מיטגלידער פונ ביוראָ זייַ־

נענ איינער נאָכנ אנדערנ ארויסגעגאנגענ פונ דער זיצונג. זיי זײַנענ געווענ צופרידנ—זייערע שוויציקע אונ פרײלעכע פענעמער האָבנ וועגנ דעמ איידעס געזאָגט. זיי האָבנ געשמועסט צווישנ זיכ, באַווײַזנדיק דעמ גלאנצ פונ די ציינ,—צוויי נעמענ, „ווארטאנ" אונ „גורגענ", האָבנ געקלונגענ מיט באוויליקונג אונ איבערגעמישט מיט געלעכטער. אונ וואָס דער סעקרעטאר זאָל דאָרט ניט געווענ רעדנ, ווי ער זאָל ניט קריטיקירנ, נאָר דער סעקרעטאר אליינ איז אויכ געווענ צופרידנ. פונ אונטער זײַנ עלעגאנט געקעסטלט קעפקעלע האָט זײַנ ארמענישע נאָז זיכ געקנייטשט פונ געלעכטער, אונ איצט האָט מענ ארויסגעזענ, אז דער סעקרעטאר איז זייער יונג, יונגער ווי ס'ווײַזט זיכ אויס,—ער האָט אויכ געטרובעט מיט זײַנ נידעריקנ באס די דאָזיקע צוויי נעמענ: „ווארטאנ" אונ „גורגענ.

צווישנ די אכט מענטשנ, וואָס זײַנענ בײַגעווענ אפ דער ביוראָ, האָט קיינ איינער אזוי ניט געהייסנ. ווארטאנ אונ גורגענ, צוויי קאָמיוגיסטנ, זײַנענ געווענ,—אונ מיט דעמ זײַנענ אויסשליסלעכ אלע מאסקימ געווענ,—צוויי אומרויִקסטע פארשוינענ אפנ באצירק. גורגענ, א ריזיקער באָכער מיט א צעבראָכענער נאָז, א געשטופלטער, האָט געארבעט אינע[illegible] שמידער־צעכ. אפ כאסענעס פלעג ער זיכ אָנטרינקענ, אונ אז ער פלעג זיכ אָנטרינקענ, האָט ער געוויינט פונ דעמ, וואָס אָט גורגענ איז א יאָסעמ, קיינ טאטע־מאמע האָט ניט גורגענ, אונ אויב אינ דער מינוט האָט דער רועכ א שטופ געטאָנ עפּעס א וויצלער אַוועלכנ ס'ניט איז ער זאָל א לאכ טונ, אָדער אפילע פאַשעט מיט א הוסט זיכ אָפדרייענ אינ א זײַט,—האָט גורגענס שווערער, מיט בלוט אָנגעגאָסענער, אָקסענער בליק זיכ צוגעטשעפעט צומ אומגליקלעכנ אונ האָט פאָרויסגעזאָגט פיל אומאנגענעמלעכקײַטנ. אונ אינ דער פרידלעכער צײַט איז גורגענ געווענ אנ אינסטרוקטער פונ פיזקולטור. וואָס שײַעכ ווארטאנענ, גורגענס שטענדיקנ גוטנ-ברודער,—איז ווארטאנ געווענ זייער א שיינינקער, א פאָעט אונ אנ ארבקאָר. דאָס האָבנ זײַנע נאָטיצנ וועגנ דער סקאנדאליעזער געשעעניש מיט דער ארמאטור זיכ באוויזנ אינ דער צענטראלער צײַטונג, דאָס האָט ער קאָנקורירט מיט וואָלאָדיע דעמ קאָנטאָרשטשיק אינ דעמ געביט פונ הארצ־איניאָנימ. אונ סאָמע דאָס וויכטיקסטע,—שוינ צוויי יאָר, אז ווארטאנ האָט געגרייט א סצענארי פאר דעמ קינעמאטאָגראפ פונ דער עפּאָכע פונ די דאשנאקעס, אונ ער פלעג באווײַזנ די כאוויירימ אנ אדרעסירטע בריוו צו אימ,

אָפגעדרוקט אפ א מאש׳נקע. געארבעט האָט ווארטאנ אינ מעכאנישנ ווערקשטאט. מע מוז צוגעבנ, אז דאָ איז געווענ דאָס שוואכע אָדער, ווי אינ קאָמיוג האָט מענ געזאָגט, דאָס שמאָלע אָרט ווארטאנס. אײַנדיק זיכ צו ענדיקנ זײַנ באטאָגעדיקע ארבעט, פלעג ווארטאנ אופטונ ניט זייער פיל אונ ניט זייער גערנ. אינ די אָוונטנ, אָנעמענדיק שטיק־ארבעט, איז ער געשטאנענ באמ ווערסטאק שוינ גאָר אנ אנדער מענטש! ניט קיינ געגעצנ, ניט קיינ קראצנ זיכ, ניט קיינ ריידנ—ווילדע, ריינע, סייכלדיקע זאכנ האָט אויסגעארבעט דערזעלבער ווארטאנ אפ שטיק־ארבעט. דער גאנצער מעכאנישער ווארשטאט האָט זיכ אויסגעצייכנט מיט אזא צוויפּענעמדיקײַט. „זע נאָר, ס׳וועט דערגיינ צו דיר", —האָבנ געזאָגט ווארטאנענ די כאוויירימ פונעמ דיזעל־צעכ. נאָר דערווײַל איז אפנ באצירק געווענ א וועלפישער הונגער אפ שלאָסערס, אונ צו דעמ מעכאנישנ איז נאָכ „ניט דערגאנגענ".

דידאָזיקע צוויי אומרויִקע פארשוינענ האָבנ עס נעכטנ אריינגעבראכט אינ קאס דעמ סעקרעטאר פונ קעמערל, וואָס איז פארבײַ זיי דורכגעגאנגענ,—מ׳קענ נאָכ מויכל זײַנ עפּעס א מעסראָפּנ, ער זאָל פלוידערנ וועגנ דעמ בארגס שלעכט אויג, וועגנ א דעמאָנ, וואָס ווױנט אפנ בארג, וועגנ שטיינער, וואָס דער אכטהענטיקער דעמאָנ שלײַדערט אפ דעמ שאָסיי־וועג. דער שיקערלעכער גורגענ האָט אליינ שיר ניט א שלײַדער געטאָנ קיינ שטיינ דעמ סעקרעטאר אינ קאָפּ ארײַנ. ער זאָל גלויבנ מעסראָפּס דערציילעכצנ!

דאָס איז געווענ די פרעלוידיע צו דעמ אומגעווײנלעכנ איניענ, וואָס ווארטאנ אונ גורגענ האָבנ פארטראכט, אנ איניענ, וואָס ווער ס׳וויל נאָר, קענ, דערכאגעוו, אויסלייענענ וועגנ דעמ אינ די פראָטאָקאָלנ פונ דער ביוראָ. די מיטגלידער פונ ביוראָ, וואָס זײַנענ ארויסגעגאנגענ פונ דער זיצונג, האָבנ דערפאר מיט א שמייכל זיי דערמאנט—„ווארטאנ" אונ „גורגענ".

די העלדנ פונ דעמ אומגעווײנלעכנ אופטו, וואָס זיי האָבנ אריינגעטראָגנ אינ א שריפטלעכער פאָרמע, ווי א פאָרשלאג אינ ביוראָ, האָבנ געווינט אינ איינ באראק צוזאמענ מיט נאָכ צוויי אונ צוואנציק ניט באווײַבטע ארבעטער. אינ דער נאכט האָבנ זיי קימאט פארשפאָרט שלאָפנ. די מידע שכיינימ האָבנ גלײַכגילטיק געזאָגט: „ס׳קענ ניט זײַ־ײַ־נ"— אינ דעמ צעצויגענעמ „זײַנ" איז געווענ אומצוטרוי אונ פאָרמעלער מיטגעפיל—אונ האָבנ זיכ איבערגעדעקט מיט די קויטיקע קאָלדרעס.

נאָר גורגען און ווארטאַן האָבן פרייליך געלאַכט און האָבן זיך פאָרגעשטעלט ביז איינדערפרי, וואָס פאַר א צורע ס'וועט זײַן בא דעם אַלטן מעסראָפּ, ווען אַנשטאָט דעם אַכטהעגטיקן דעמאַן... און וואָס פאַר א צורע ס'וועט זײַן ביכלאַל בא אַלעמען אַפּ דעם באַצירק. און יעדער טשיגדימער... זאָל דאָס זײַן א טשיגדימער, צי א מאָלאָקאַ־נער, וואָס דרימלט באַנאַכט אַפּן וואָגן, וועלן זיי דורכפאָרנדיק אויבן איבערן שאָסיי אומבאַדינגט דערזען אין דער טיפ פונעם קאַניאָן דעם העלסטן רויטן פלאַם.

ס'איז שוין צײַט אונדז צו דערציילן, אַז גורגען און ווארטאַן האָבן אין די צילן פון אַנטשיידנדיקן זיג איבער די אָרטיקע אַבער־גלויבערײַען פאָרגעלייגט, אַז זיי וועלן אַליין אויפשטעלן אַפּן שפּיץ באַרג קאַצ, וואָס האָט זיך ביז איצט גערעכנט פאַר אומצוטריטלעך, א ריזיק גרויסן שטערן, וועלן דורכפירן אַהין עלעקטרישע דראָטן און וועלן צופעסטיקן לעמפּלעך אַפּ זײַנע פינפ עקן.

4

אין דעמזעלבן פרימאָרגן איז דער אַלטער מעסראָפּ, פאַרציִענדיק אַפּ זײַנע סקאָרבוטישע יאַסלעס די געלע פויגלשע ליפּן, געשטאַנען לעבן דער שמידערײַ מיט ביידע הענט אָנגעשפּאַרט אַפּן פאַסטעכישן שטעקן און מיט א ניט־גוטן שמייכל געקוקט, ווי דער איינויגיקער רויפע,—אָט דער רוסישער מענטש פאַוולאָ, וואָס איז געקומען מיט אַן אַרטעל, נאָר ער האָט זיך גענומען צום טרינקען דעם פרײַען אַרמענישן בראָנפן און איז שוין געבליבן שטעקן אַפּ דער בויונג אַלס א פערד־רויפע,—ווי דער רוסישער מענטש פאַוולאָ פאָרקעט זיך מיטן שטאָלענעם זעגעלע אין דער פערדס צעבלוטיקטער דיך. אונטערן בויך באַם פערד, אונטער־שפּאַרנדיק אים די הינטערשטע פוס, האָט זיך אײַנגעשניטן א רימען און נאָך איינער האָט אַרומגעצויגן די פאָדערשטע טייל בויך. ביידע בראַסלעטן זײַנען געווען צוגעשפּילעט אינדערהייך אַפּ א הילצערנעם קווער־באַלקן, און דער פערד איז אַראָפּגעהאַנגען פון זיי מיט א שאַרפּ אונטערגעבויגענער פוס, ווי באַם שפּרינגען. די אויגן באַם פערד זײַנען זיך פאַרגאַנגען, דער קרופּ האָט דריבנע געציטערט,—אינגאַנצן האָט ער אָנגעשריי און אָן הירזשען אויסגעדריקט א שאַרפן געפיל פון ווייטעק, און דאָס פערד־ייִנגל האָט אים געבלאָזן אין די נאָזלעכער, ער זאָל ניט פאַרכאַלעשט ווערן. דער מיליציאָנער אוואַק, וואָס איז געשטאַנען

דערבײַ, האָט דערציילט, וויִאזוי ס'איז פאָרגעקומען: ער איז געפאָרן הייסט עס, צום בריק אונטער דעם בארג קאַץ איבער דעם נײַעם וועג, און אין דער פינצטער, — מ'זעט ניט, — איז א שטיין ווי א באלעכל גלײַך אין דער שקאפע ארײַן. ווען ער נעמט א האָרעלע לינקס, קען מען ניט וויסן, צי אוואק אליין וואָלט געבליבן גאנצ. אין דידאָזיקע ערטער, ווי נאָר א רעגן אָדער א טוי, פליִען באלד שטיינער: זיי האלטן זיך אף אן ערנוואָרט! קיין כוידעש גייט ניט דורך אָן אן אומגליק־צופאל...

— דאָס איז ווי ווען, — האָט ווייסעריש געענטפערט מעסראָפּ, געלע פארטאבעקטע סלינע האָט זיך בא אים אָנגעקליבן אין די ווינקלען פון מויל, — ווי ווען, נאָר קיין פויערים באליידיקט ניט קיין שטיין. אונדזערע פי איז גאָרנישט ניט, זיי גייען דורך.

אין אן אנדער צײַט וואָלט אוואק ניט דורכגעלאָזט דידאָזיקע מעסראָפּישע קאָנטר־רעוואָליוציע. נאָר הײַנט האָט ער זיך ניט געוואָלט פארטשעפּען. ער האָט שיר ניט געוויינט, קוקנדיק אף דער פארוווּנדעטער שקאפקע, וואָס האָט אָנגעבויגן איר קינדערשן פּראָפיל מיט דער פארהויבענער, אזויווי קירפּאטער נאָז אף א זײַט, — אזוי מאכט זיך, אז א פארכאלעשטער מידער מענטש לייגט אָן אף דער דלאָניע זײַן באַק. א געריסענע ווונד אפן קרופּ, — פארהיילן קען מען זי, נאָר דער מיליציאָנער אוואק האָט געוווּסט, אז הינקעדיק וועט זי שוין פארבלײַבן. דער פערד איז געווען א קאזיאָנער, א שטיפערישער, פונעם סאָרט מעשוגענעוואטע. א גוטער פערד.

— און וואָס איז דאָרט מיקויעכ דעם פּראָעקט? ס'גייט א קלאנג, אז די אינזשענערן האָבן א טאָעס געהאט אינעם אָרט? — האָט ווי א פולקאָמער טאַם, נאָר נאָכ פארביסענער פון מעסראָפּן געפרעגט דער רויפע.

„דער אויכ, אף מײַן וואָרט! ער האָדעוועט זיך, — עסט, טרינקט, און די קוואליפיקאציע פארטרונקען, און קריכט אויכ נאָכ דעם אויוועראַטלדיקן אלטיטשקן... אוואק האָט זיך דערמאָנט, וויִאזוי זיי האָבן נעכטן אף דער ביוראָ געדעקט ענלעכע פארשוינען, און צעהיצנדיק זיך, האָט ער אפילע אין פערד פארגעסן און האָט זיך א לאָז געטאָן מיט א גרייטער רעדע אפן פארביסענעם מענטשן. דאָס אָרנטלעכע רויטע פּאָנעם אוואקס האָט אזוי אויכ געברענט מיט דער באדערפעניש זיך ארויסצוזאָגן, און ס'וואָלט „די אומגעוואָרפענע ליניע", ווי פאר זיך

האָט באשטימט אוואק,—די אומגעוואָרפענע ליניע וואָלט געווענ אופגעהויבנ אונ אויסגעגלײַכט צו דער ערע פונ די אָרטיקע פארטייִשע קרעפטנ, ווענ אינ דער מינוט וואָלט זיכ ניט אראָפגעלאָזט אפ אוואקס אקסל א גרויִנקע שמאטעדיקע פילדעקאָסענע האנט, אונ די צאָרנדיקע שטימ פונ דעמ שעפ פונ באצירק וואָלט ניט א געשריי געטאָנ מיטנ קוויטש.

— וואָס איז דאָ? ווער האָט גענומענ דעמ פערד אָנ אנ אָרדער? איר?

דער שעפ פונ באצירק, אופגעוועקט פאר דער צײַט, איז איצט געשטאנענ מיט א קליינער גרופע מענטשנ, וואָס דער מיליציאָנער האָט זיי די ערשטע מינוט ניט דערקענט פונ אומגעריכטקײַט. דער שעפ פונ באצירק איז געווענ פארקילט, זײַנ קאשנע אינ פאסיקלעכ איז בא אימ אראָפגעהאנגענ פונעמ אקסל, דער מאנטל איז געווענ שטײַפ, ביז דער סאמע נאָז פארשפילעט. ער האָט געקוקט מיט צערייצטע אויגנ אפנ פארוווּנדעטנ קרופ,—פארשטייט זיכ, געפאטערט, א גוטע טײַערע שקאפע געפאטערט! א סיבע, וואָס איז פאר זיכ גענוג פאר אנ אופרײַס, כאָטש אינ דער מינוט איז עס געווענ פאר אימ נאָר אנ אויסרייד. לעוואָנ דאווידאָוויטש איז געווענ ביז גאָר צערייצט. ער איז געווענ צערייצט; ווײַל מ׳האָט געפאָדערט בא אימ דעליקאטקײַט. דער געאָלאָג—אָט ווער ס׳האָט געפאָדערט דעליקאטקײַט. אינ אזא מינוט—א וועלט מיט ארבעט, די אָנגעשטרענגטסטע סיטואציע, נערוונ. מ׳זאָל לאָזנ א מענטשנ זיכ אויסשלאָפנ, וואָלט ער געווענ ארבעטפײַיִק, אונ דאָ,—זײַט אזוי גוט, מיט גוואלד דעליקאט זײַנ, אופשטיינ קאיאָר, גיינ דער רועכ ווייסט וווהינ איבער פײַכטקײַט, קלוימערשט אפ צו דורכקאָנטראָלירנ די עקספערטיזע,—גיסנ בוימל אפ דער געקרענקטער זעלבסטליבע. ווײַזט מיר נאָר, בא וועמענ איז איצטער ניט קיינ געקרענקטע זעלבסטליבע?

ארופוואלגערנדיק זײַנ גאנצנ קאס אפנ שווײַגנדיקנ אוואקנ, האָט דער שעפ פונ באצירק אינגאנצנ פארגעסנ, ווו ער איז אינ דער וועלט. זײַנ שמאָלער שוכ האָט זיכ געוואָרפנ, טאָפטשענדיק די ערד, ווי ער וואָלט געווענ א רײַס־צאָנ פונ א ווילדנ כאזער, וואָס גראָבט די ערד. זײַנ העכטענע נאָז, א בלאסע ביז שאָפלדיקײַט, האָט געשראָקנ אפילע פאָקינענ. זיכ אָפגעטיילט פונ די באגלייטער, איז דער פראקטיקאנט פאָקינ צוגעגאנגענ צו לעוואָנ דאווידאָוויטשנ אונ ניט־הויכ געזאָגט:

— אומזיסט שרײַט איר אפ אימ. ער, ווי אנ עלטערער מיליציאָנער, האָט רעכט צו נעמענ דעמ פערד.

— אַכ, ער האָט רעכט! אַנטשולדיקט, כ'האָב פאַרגעסן. ער האָט רעכט נעמען דעם פערד, איר האָט רעכט מאַכן באַמערקונגען דעם שעפ פון באַצירק. און ווער נאָך האָט רעכט? אַפ דער באַשולדיקונג־באַנק, אָט אַפ וואָס איר האָט רעכט, קאַליעטשענדיק פערד. איר פאַרשטייט צי איר פאַרשטייט ניט?

— סאַדיסט,— האָט אַ ברום געטאָן פּאָקין.

אַ רויטער פון באַליידיקטער זעלבסטליבע, האָט דער מיליציאָנער אַוואַק אָנגעשטרענגט געקוקט אַפ די שפּיצן פון זײַנע שטיוול: זײַנע קײַלעכיקע אויסגעשטאַרטשעטע אויגן זײַנען געווען שטום, ווי דער פאַרקײַקלטער בליק פון דער שקאַפּע, און האָבן זיך ניט אויסגעלײַטערט אַפילע נאָכן שעפס אַוועקגיין. אַפילע דער סקאָרבוטישער אַלטער האָט זיך אָפּגערוקט פון דער שמידערײַ, און אַזוי גייענדיק מיט דער פּלייצע, האָט ער אופגעהויבן זיינע צוויי ווײַסע אויגן אַפ דעם קוואַדראַטן שפּיץ פון באַרג קאַץ, וואָס האָט אין אַ מאָדנער גרימאַסע אויסגעשטשירעט זײַנע ריזיקע שטיינערנע וואָנצן.

פאַרשטייט זיך, ער האָט אומזיסט אויסגעזידלט דעם מיליציאָנער. לעוואָן דאַווידאָוויטש פאַרשטייט, און פאַרלויפנדיק אַפריער די געשעעניש, זעט ער אַפילע דאָס, וואָס ס'זעט ניט פּאָקין, ניט די ארומיקע. „איך האָב זיך געמאַכט אַ סוינע און, מינעסטאַם, אויך דער גאַנצער זאַך אַ סוינע,— האָט געטראַכט לעוואָן דאַווידאָוויטש, שפּאַנענדיק אין אַ זײַט פון די איבעריקע,— מ'וועט זאָגן: אַ כײַע, אַ מאַניאַק. נו, איז זאָל מען זאָגן“...

— אַנטשולדיקט, איוואַן באָריסאָוויטש, כ'האָב אײַך אַביסל פאַרהאַלטן.

די שטים באַם שעפ פון באַצירק האָט איצט געקלונגען מיט אויסשליסלעכער, האַרציקער העפלעכקײַט. די אויגן באַם שעפ פון באַצירק האָבן געקוקט אַפן געלאָגאָ אונטערקויפנדיק אופמערקזאַם. ס'איז געווען שווער צו טראַכטן, אַז גראָד אָט דער געלאָגאָ האָט עס אַרויסגערופן דעם אופברויז. און דער געלאָגאָ איוואַן באָריסאָוויטש אַליין, אין אַן אויסגעצייכנטער שטימונג, אַ באַגײַסטערטער, ווי עפּעס אַ גאָט מיט אַן אומגעווענעם מענטשלעכן קאָרבן— אַרומקוקנדיק זיך אַרום און אַרום אַפ די באַקאַנטע ערטער און פאַרוכטײַלנדיק אין האַרצן די איבעריקע היציקײַט פונעם שעפ פון באַצירק, וועגן וועלכן מ'האָט, הייסט עס, ניט אומזיסט גערעדט: אַ משוגענער מענטש,— האָט ער אַפ זיך אַליין ווינציקער פון אַלץ גערעכנט, אַז ער איז עס די סיבע פון דער

דאָזיקער היציקייַט. אינ דער קלײנינקער עקסקורסיע זייַנען זיי געווען פירן, אונ יעדערנ פונ זיי האָט דער געאָלאָג פארנ רירנ זיכ אינ וועג אריַינ א טאפ געטאָנ אונטער די פאכוועס: צי ס'קוועטשט ניט. „די ערשטע זאכ איז ניט שוויצנ, דענסטמאָל וועט איר זיכ ניט פארקילנ. באם גיינ קענ מענ זיכ ניט פארקילנ, אויב נאָר ס'ענגענ אייַכ ניט די מאלבושים“—האָט בארעדעוודיק געוואָרנט דער געאָלאָג, פילנדיק אנ אומגעוויינלעכנ צופלוס פונ ענערגיע. וואָס מער לעוואָנ דאווידאָוויטש האָט געפילט די נויטיקייַט צו זייַנ דעליקאט, אלצ זעלבסטזיכערער אונ פארגעסלעכער איז געוואָרנ דאָס דיקע מענטשל. שוינ אליינ דער פאַרשטייענדיקער שפאציר איז בא אימ געווענ א פארגעניגנ, ניט אזוי פאר אימ, ווי פאר זיי. דער אלטער דידאקט האָט זיכ אופגעוועקט אינ אימ. דאָס גרינגע באמבוקענע שטעקעלע האָט געהאלטנ אינ איינ אופליִענ, צייכענענדיק געשווינדע בויגנס אינ דער ווייַט, אונ זויגנדיק דעמ צונג אונ שפריצנדיק מיט זאפטיקער סלינע, ווי ער וואָלט געריזעט אונ געדרייט אינ מויל א קאראמעל דיושעס, האָט דער געאָלאָג, אנגענעמ פארשווערנדיק די רייד, גערעדט געשמאקסטע זאכנ וועגנ אלצ, פארבייַ וואָס די פיס האָבנ זיי געטראָגנ. א גרינגער אופלי פונעמ שטעקעלע האָט באשריבנ א בויגנ אויכ ארומ דעמ פערד, וואָס איז געווענ צעפיאלעט אפ זייַנ הילצערנער גילאָטינע. זיי זייַנען איצט געשטאנענ לעבנ בריק, אונ אויסקערעווענדיק זיכ האָבנ זיי געקוקט ארופ אפ דער שמידערייַ, ווו דער איינויגיקער האָט זיכ נאָכ געפאָרעט ארומ דעמ פערד. לעוואָנ דאווידאָוויטש האָט געפילט אינ זיכ אנ אכזאָרישע באדערפעניש זיכ אומצוקערנ אונ מיט עפעס פארגלעטנ זייַנ שארפקייַט. בעסער פונ אלצ וואָלט געווענ, ער זאָל א קלאפ טונ אוואקנ איבערנ אקסל אונ זאָל זאָגנ אפ ארמעניש: „שפייַ זיכ אויס, ס'איז נארישקייַטנ“. ניט בעקויעכ אייַנצושטיינ פאר דעמ ניסויענ, איז דער שעפ פונ באצירק מיטנ אויסזענ פונ א מענטשנ, וואָס האָט עפעס פארגעסנ, פלוצלינג אוועק ארופ מיט דער סטעזשקע אונ צו זיי געמאכט א צייכנ, זיי זאָלנ צוּווארטנ. פונקט דאָ איז אופגעפלויגנ דעמ געאָלאָגס גרינגנ שטעקעלע:

— א פערד,—האָט ער געזאָגט, דרייענדיק פוכקע מיט די ליפנ,— קינדער, אז זיי מאָלנ א פערד, מאכנ זיי אימ א פילפיסיקנ. דערלויבט מיר אייַכ צו זאָגנ, אז די געאָלאָגיע בארעכטיקט פולקאָמ די קינדער. צי ווייסט איר, אז דעמ פערדס אורפאָטער, דער פענאקאָדוס,—דער עלטסטער פערדישער סקעלעט, וואָס מ'האָט געפונענ אינ אמעריקע,—האָט

אנשטאָט טלאָען פינף לאנגע פינגער, און יעדערער פון די פינגער איז ענלעך אף א באזונדער פיסעלע? נעמט א צייכענונג פון א קינד — א לויפנדיקן פערד — האָט איר אייך א פענאקאָדוס.

— קינדער האָבן א פרימיטיווע פאָרשטעלונג וועגן באוועגונג, — איז אין געשפּרעך ארייַנגעטראָטן דער געלער (נאָר ער אליין האָט געהערט דעם געאָלאָג, ווייַל דער פערטער מיטגייער פּאַקין, באומרויקט פון לעוואָן דאווידאָוויטשעס אוועקגיין, האָט אים נאָכגעקוקט און האָט זיך געטראכט זייַנס), — צען פיס — דאָס איז די אָנהייב־מעכאניק אי פונעם מענטשלעכן סייכל, אי פון דער מאשין, אי פונעם אָרגאניזם. פערדישע פיס, מיסטאם, שטארבן אָפּ פונקט אזוי, ווי אן איבעריקע ראָד בא א וועלאָסיפּעד. נאָר צי איז אייַך אמאָל ארופ אפן זינען צו פארגלייַכן די געשיכטע פון א סקעלעט מיט דער געשיכטע פון א מאשין?

דער געאָלאָג האָט גאָרנישט ניט באוויזן צו ענטפערן. פון בארג האָט זיך שוין ארונטערגעלאָזן לעוואָן דאווידאָוויטש. און געווען איז ער רויט מערער ווי פריער, און זייַן שמאָלער שוך איז געווען נערוועז און האָט זיך געוואָרפן, אָפּמעסטנדיק די ווייַט, אזויווי ניט קיין צוויי פיס וואָלטן געווען בא לעוואָן דאווידאָוויטשן, נאָר פערציק וואָנצעלעך פון א קעלערואסל (סאָראָקאָנאָזשקע). מיט א קרומען שמייכל איז צוגעגאנגען צו זיי לעוואָן דאווידאָוויטש, אינגאנצן א פארלאָרענער דערפון, וואָס ס׳האָט זיך געטראָפן: דאָרט אינדערהייך, ווענדיק שאָלעם מאכן מיט אוואקן, האָט ער עפּעס איבער א מאָדנער צופעליקייַט ווידער אָנגעשריגן אף אים, אָנגעשריגן מיט א שארפער, פארקילטער בייזער שטים, אָפּשיקנדיק אים נאָך עפעס ארויף אף דער סטאנציע (געוואָלט האָט ער, דער שעף פון באצירק, געבן אורלויב אוואקן). און קיינער האָט אין דערדאָזיקער שטים ניט דערהערט קיין ווייַבערשע טרערן וועגן מעכילע, נאָר פארקערט — די שטים האָט געקלונגען, ווי א טשעפּען זיך און ווי א באפעל. א מאכ געטאָן מיט דער האנט, ניט קוקנדיק אינעם מיליציאָנערס פון באליידיקונג טעמפּ געוואָרענעם פּאָנעם, לייַדנדיק אומדערטרעגלעך, איז דער שעף פון באצירק געשווינד ארויפגעלאָפן פונעם בערגל און איז ווי עפּעס א פינף־פינגערדיקער פענאקאָדוס דערשינען פאר די מיטגייער. פּאַקין, וואָס האָט עפּעס געהערט, האָט ווידעראמאָל א טראכט געטאָן: „נו, איז דאָס א סאדיסט". „א מאגייפע א סיבירער" — האָט אויבן געזאָגט פּאוולאָ. און נאָר דער געלער אליין, נאָכדעם ווי ער האָט אויפמערקזאם א לאָפּ געטאָן מיט זייַן בליק

איבער דער פארלוירענער פיגור פונ דעמ שעפ פונעמ באצירק אונ אפ זײַנע העכטענע אויגנ, וואָס זײַנענ איצט געווענ פאריאָגט, פונקט ווי קעפלעכ פונ צוועכעס, טיפ אינעווייניק ארײַנ,—האָט ער שטיל זיכ פארכידעשט, ווי ווײַט דער מענטש איז נערווייִש צעטרייסלט. ווענ אינ דער מינוט וואָלט פאָרגעזעצט געוואָרנ די געשיכטע פונעמ רודימענט אינ דער מאשינ אונ אינ דעמ אָרגאניזמ, וואָלט דער געלער אפאָנעמ געזאָגט: ווענ ס'הייבט זיכ אָנ דער צוריק־פראָצעס, אונ דער אָרגאניזמ אונ די מאשינ ווערנ צעטרייסלט ביז צעפאלנ ווערנ, איז שוינ דאָ גענויטיק צענדליקער ארײַנגעשטעלטע פלעקעלעכ, ס'ווערנ דאָ זיכער אופגעלעבט אלע רודימענטנ, אונ אנ אָפגעטאָנענע האנדלונג ווערט פארוואנדלט בא א מענטשנ אונ בא א מאשינ אינ א אומגעריכטנ פלאָנטער, אינ א צענדליק אויסוווקסלעכ פונ א פענאקאָדוס.

5

דער מײַסטער לייטיס, פארלייגט די הענט אפ דער פלייצע אונ אויסקערעווענדיק זײַנ נאָז, ווי דעמ שארפ פונ א שיפ, אינ דעמ פארוואטער פונ דער אָפגעגאנגענער גרופע מענטשנ, האָט זיי נאָכגעשיקט א פאראכטלעכנ שמייכל,—ער האָט אײַנגעהאלטנ דעמ שמייכל די גאנצע צײַט, וואָס דער געלאָג האָט זיכ געגראָבנ אינ ליימ, געקראָכנ אינ שורפ אונ ארומגעלאָפנ ארומ דער בויערלאָכ נומער פיר. ער האָט אימ אײַנגעהאלטנ אפילע בעייס ער האָט אויסגעשניטנ א גלײַכ קוואדראטל ליימ, פונקט ווי א פונטל פוטער, אפ ריינעמ, ווײַסנ פאפיר אונ האָט דערלאנגט דאָס פעקעלע איוואנ באָריסאָוויטשנ. אונ איצט האָט מײַסטער לייטיס אינ זארגאריאנס אָנווײַזנהײַט שטילערהייט געלאכט, ווײַל ער האָט אפ קיינ גראָשנ ניט געשעצט די געאָלאָגיע. בענעגייע אָט דערדאָזיקער פראגע האָבנ, אליינ ניט וויסנדיק דערפונ, סײַ דער מײַסטער, סײַ דער שעפ פונעמ באצירק אונ סײַ די ארבעטער שטילערהייט געהאט איינעמ אונ דעמזעלבנ געפיל. אונ דעמזעלבנ געפיל האָבנ מיט זיי צוזאמענ געטיילט צענדליקער אונ הונדערטער טויזנטער ארבעטער אפ בויונגענ אינ שאכטעס, אינ גרובנ, אינ קאריערנ, אפ געווערבנ—אומעטומ ווו אינ ביודזשעט האָט מענ ארײַנגעטראָגנ א גראפע אפ א געלאָג, אונ אָנגעפאָרענע מענטשנ האָבנ זיכ געגראָבנ מיט אינסטרומענטנ אונ אָנ זיי אינ דער ערד אונ אונטער דער ערד. א כוואליע געאָלאָגישע פעלערנ האָט פארפלייצט דאָס לאנד. קרעפטיקער זאָגנ—א כוואליע געאָלאָנישע האריגעס איז

דורכגעגאנגענע איבערן לאנד. די דערהארגעטע,—הונדערטער פּראָעקטן — זײַנען אינגאנצן אָדער אין א וועלכער ס'ניט איז טייל באגראָבן געוואָרן מיט דער הילף פון געאָלאָגישע עקספּערטיזעס, ריכטיקער—פון זייערע טאָעסן, וואָס זיי זײַנען אויפגעדעקט געוואָרן, ווי אין דער מעדיצין, שוין אפן מעס. בוי־גריבער פארוואָרפענע אף דער טיף פון צענדליקער מעטער, טויזנטערס אויסגעבראכטע אף בויער־לעכער, שורפן פארגאָסענע מיט וואסער, אָפּגעשטעלטע בויונגען, מיליאָנען געלאָזענע אפן ווינט,—דאָרט איז מען געבליבן שטעקן אין קיזלשטיין, דאָ האָט מען אָנגענומען פאר א פעלדז א ריזיקן בארג־וואלגערשטיין, וואָס איז פארטראָגן געוואָרן מיט ערד און מיט זאמד אין דער טיף פון א טײַך־בעט דורך עפּעס א טויזנט־יאָריקן אורגאן,—דאָס אלץ זײַנען געווען ווירקלעכע געשעענישן, וואָס זײַנען מיט בייזער האנאָע איבערגעגעבן געוואָרן פון מויל צו מויל. „צו וואָסערע רוכעס דארף מען זיי?"— האָט לייטיסעס שמייכעלע געזאָגט, און לעוואָן דאווידאָוויטש, וואָס איז אָפּגעגאן פון דער בויערלאָך, האָט בייז געטראכט דאָסזעלבע,— ער איז איצט פּעדאנטיש געגאנגען ארופ איבער זייער א סטרימקער סטעזשקע אף יענער זײַט קאניאָן נאָך דעם שפּרינגענדיקן, אָן אויפהער פלוידערנדיקן געלאָג. אויפגעהויבן דעם קאָלנער צו דער סאמע נאָז, מאנירלעך, פונקט ווי א גרײַצער צו א קאָרעק, פארהייבנדיק די קני זיגזאג נאָך זיגזאג, האָט לעוואָן דאווידאָוויטש געטראכט וועגן דער געפעסטעטער ערד פון אייראָפּע, ווו יעדער שפּאן איז אויסגעלערנט, אויסגעפלאנירט, צענדליקער און הונדערטער מאָל פארצייכנט אף אלערליי קארטעס און ווו אפילע טעכניקער—אויסשפירער זײַנען אויסגעשטאָרבן איבער ניט־נויטיקייט, אזויווי איכטיאָזאווריעס. ס'איז דאָך ניט קיין אנעקדאָט, אז צוליב טאָפּאָגראפישע אויפנאמעס אין די קאָלאָניעס האָבן די ענגלענדער אײַנגעלאדן טעכניקער פון רוסלאנד.

„מ'פירט דורך אונטער דער טײַך־בעט א שטאָלניע, און אָט האָט איר אײַך איינס און צוויי און זיך דערוווסט דעם גרונט. און געאָלאָגיע איז פאר אלטע מוידן אָדער פאר זונטיק־שולן״,—האָט ער קימאט אף א קאָל א בור־טשע געטאָן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווײַל די פאָדערשטע האָבן זיך אויך אָפּגעשטעלט. דער פּראקטיקאנט פּאָקין, וואָס איז געגאן באהאנט מיטן געאָלאָג, האָט דער איינציקער, אפּאָנעם, געהאט אן אנדער מיינונג. ער האָט געטראָגן דאָס פאפּירענע פּאקעטל מיט ליים, זײַן אָפּגעבערענט יונג פּאָנעם, א קלײַענדיקס, ווי בא א מיידעלע,

אָנגעשטרענגט פון אינטערעס, האָט מיט אַלע זײַנע פונקטן — מיט דעם בוילעטיקן גלאַנץ פון די אויגן, מיט דעם צונויפגעקלעמטן פאַרביסענעם קינבאַנק, מיט די איבערברעמיקע בערגלעך — אײַנגעזויגן אין זיך, דאַכט זיך, די געלערנטע פּלוידערײַ איוואַן באָריסאָוויטשעס, ווי אַן אומזיסטיקע לערע. אין דעמדאָזיקן פּאָנעם איז געווען אָרנטלעכער אָפּשײַ צו דער וויסנשאַפט, — פּונקט אַזוי שעצט מען אָרנטלעך אין דער פריִער יוגנט אַ פרוי.

— זיי זאָגן, — האָט אַביסל פאַרסאָפּעט פון לאַנגגן אַרופ־אַ־באַרג און פאַרגעסנדיק זײַן נאָרוואָסיקע סינע צום שעף פון באַצירק, געזאָגט פּאָקין, — אַז דידאָזיקע ליים זאָל האָבן צו באַשטעטיקן זייער עקספּערטיזע. נאָר אונדז נאָך איז עס ליים, און נאָך זיי נאָך...

ווי דאָס פּאָריקע מאָל אַלעקסאַנדר אַלעקסאַנדראָוויטש, האָט אויך איצט דער שעף פון באַצירק מיט עקל פאַרשטיקט אין זיך זײַן רעפלעקס: „אָט מיט אַזוינע דאַרפן מיר עס בויען!“. די קײַלעכיקע „פּראָלעטאַרישע“ אויגן פּאָקינס האָבן איצט געקוקט אויף דער ליים, ווי דאַן אויף דעם קישעפדיקן „פּי“ אין טונעל.

— אַ פאַקט איז דאָס, אַז אויף דעם טאָר מען ניט שטעלן קיין הרעבליע, — האָט אײַנהאַלטנדיק זיך, אַ רויטער פון ווינט און פון קאַטער, געענטפערט דער שעף פון באַצירק.

דער געאָלאָג האָט דעם שמועס ניט אונטערגעהאַלטן — ער האָט שוין ווידער געשפּאַנט אַרויף, זיגעריש צעבלאָזן ווי פליגלען די פּאָלעס פון זײַן לעדערנעם רעקל. זײַן שטעקעלע האָט, ווי אַ נעזל פון אַ קאָמאַר, זיך אײַנגעשטאָכן אין די אַנטקעגנדיקע שטיינער. צעקײַענדיק דעם צונג, האָט ער געברומט פאַר זיך, און יעדער „אָ“ האָט נאָכגעשלעפּט נאָך זיך אין דעמדאָזיקן ברומען, אַזויווי אַ צוג מיט וואַגאָנעס, אַן אומענדלעכע ריי „אַ“, — ווערנדיק ענלעך צום ענגלישן טאָ־אַסט.

— „וואָפּראָ־אַס“, — האָט זיך געטראָגן אײַנדערהייך, באַגלייט מיט אַן אופלי פון דעם באַמבוקענעם שטעקעלע.

פּאָקין איז אָפּגעשטאַנען אַביסל. ער האָט געליטן פון ניט־געטיילטע געדאַנקען. די נאָר־וואָס באַקומענע ידיעות האָבן ניט געקאָנט פאַרשווינדן ווערן, האָבן זיך ניט אײַנגעקנאָטן. דערוואַרטנדיק זיך אויף דעם געלן, וואָס איז געגאַנגען איינער אַליין מיט די הענט אין די קעשענעס און עפּעס מיט אַן אומגעוויינלעכער פאַר אים גלײַכגילטיקער פאַרלאָרנקייט, האָט פּאָקין גענומען שפּאַנען לעבן אים.

— קונציק, אַ? האָסט געהערט? אָט דיזעלבע ליים איז אַ פּראָ־דוקט פון טוף. הייסט עס, אַז ס׳איז טאַקע ריכטיק דער אַנאַליז, אַז דאָרט איז פעלזיטענע טופן.

דער שעף פון באַצירק האָט אויסגעקערעוועט צו אים דעם קאָפּ.

— קוילן איז דאָסזעלבע וואָס דימענטן, כאָטש פּאָקין, פונדעסט־וועגן איז דערפון ניט געדרונגען...

נאָר פּאָקינען איז ניט גרינג געווען צו פאַרטומלען. פּאָקין האָט אין דער מינוט זיך באַצויגן מיט פאַראַכטונג צום שעף פון באַצירק, פונקט ווי יענער צו אים. „און אַז מ׳זאָל אים פרעגן,—האָט פּאָקין בא זיך געטראַכט,—פאַרוואָס איז דער סיאָנישער קאַטעדראַל אין טיפליס געל געוואָרן, אָדער מ׳זאָל אים פרעגן, וואָס איז אַזוינס טוף,—אַ רעכטער בוי־אינזשענער, וואָס ווייסט קיין וואָרט ניט און וויל ניט וויסן וועגן אָרטיקן מאַטעריאַל. ווי אַ נייגלויביקער, אַ פאַנאַטיק פון דעם דער־ווּסטן, אַן אָנגעצונדענער פון לאַזוטינס פּאַטאָס, איז פּאָקין געגאַנגען לעבן דעם געלן און האָט דאָס מאָל אים אויפגעקלערט דיזעלבע אַנט־פּלעקונגען, מיט וועלכע ער האָט זיך נאָרוואָס אָנגעהערט. בא פּאָקי־נען האָבן זיי געקלונגען קאַטעגאָריש, זיי האָבן אַרויסגערופן אַ גרינגן כשאַד מיט זייער פולקאָמער קלאָרקייט, און ס׳קען זיין, ווען לאַזוטין וואָלט איצט דערהערן פּאָקינס רייד, וואָלט ער זיך אַביסעלע פאַרלוירן ווי אַ קוכער, וואָס מע איז אים מעכאַבעד מיט זיין אייגענעם געקעכץ.

— דער טוף, ווייזט זיך אַרויס, איז אַ גלענצנדער מאַטעריאַל! וועגן טוף אַליין קען מען עפּענען אַ קאַטעדרע. אין מעשעך פון דער צייט בייט ער זיך, ער בייט דעם קאָליר, די קאָנסיסטענץ בייט ער, ער קען פון פאַרשיידענע אַגענטן,—פון וואַסער דאָרט, פון לופט—זיך פאַר־וואַנדלען אין פויל־שטויב, אין ליים. אויב מיר האָבן אַף דעם אָרט זיך באַגעגנט מיט ליים, הייסט עס, אַז דאָרטן איז געווען טוף. קונציק? איוואַן באָריסאָוויטש זאָגט, אַז ס׳איז פאָרגעקומען אַ קאַטאַסטראָפע, אַ דיסלאָקאַציע. מעגלעך, אַז מיר האָבן ניט באַדאַרפט גראָבן טיפער? מעג־לעך, אַז ס׳וואָלט אויסגעהאַלטן די הרעבליע?

„איוואַן באָריסאָוויטש וועט אייך פאַרזיכערן וואָס איר ווילט, אָבער פאַרוואָס האָט ער וועגן דערדאָזיקער קאַטאַסטראָפע אפילו קיין פּיפּס ניט געטאָן אַ קאַפּעלע פריער, פאַרן אָפּשיקן דעם פּראָעקט?“—איבע־ריקנס, האָט דער שעף פון באַצירק ניט אַרויסגעזאָגט דידאָזיקע פראַגע, ער האָט זי נאָר אַ טראַכט געטאָן. אַ קאַטאַסטראָפע, איז אַ קאַטאַס־

טראָפּע! זאָל פֿאַרפֿאַלן ווערן אַן אַרבעטס־טאָג אין זוכן קאַטאַסטראָפֿעס, זאָלן זיי ווערן אַלע שערלאָק־כאָלמסעס און דאָקטער וואַדסאָנעס, אויב ס׳איז ניטאָ קיין קלאָרע דירעקטיוו. די ווילדע, ווילדסטע באַרבאַרישע מאַניר צו בויען.

— הערט נאָר, וווּהינזשע, סאָפּקאָלסאָפּ?!—נאָר דער געאָלאָג איז אַרופֿגעלאָפֿן אויף דער לעצטער קלענער הייך, די העכסטע אין דערדאָזיקער געגנט, און ער האָט זיך געריש אָפּגעשטעלט. ער איז געווען אויף דעם פֿאַרלאָשענעם ווולקאַן אָגאַנ־דאַגע, דעם אור־פֿאָטער פֿון די היגע ערטער. פֿונדאַנען, אויב מ׳זאָל קוקן אַראָפּ, האָט מען אַרויסגעזען דעם גאַנצן לאָרישן פּלאַטאָ, אַ גלײַכן און אַ מאָדנעם מיט זײַן אָפּגעשניטנקייט, ווי אַ קופּע צונויפֿגערוקטע ביליאַרד־טישן. ניט ווײַט האָט זיך געדרייכערט מיט אַ טונקל גרויען רויך דער אומרויִקער באַרג ליאַלוואַר, צונויפֿציִענדיק צו זיך וואָלקנס, פּונקט ווי אַ מאַגנעט אײַזנזעגעכץ. ווי אַ הויפֿן ראָזע קײַקעלעך זײַנען אין פֿינף־זעקס פּונקטן געווען אָנגעשאָטן די ענגע דאַך־ציגל פֿון די לאָרישע דערפֿלעך, צעטיילטע מיט שוואַרצע דורכפֿאַלן פֿון באַרג־שפּאַלטן. אונטער די דערפֿער האָט זיך געפֿילט דאָס לעבן פֿון די טײַך־שטראָמען, דאָס לעבן פֿון די קוואַדראַטלעך אויף די טײַך־ברעגן, פֿון די פֿרוכט־גערטנער מיט אויסגעווײַסטע שטאַמען און מיט ווײַסן רוי־ציגל פֿון די פּלויטן. נאָך נידעריקער—דאָס לעבן פֿונעם אײַזנבאַן־וועג, וואָס איז פֿאַרשווונדן געוואָרן אין די שוואַרצע לעכלעך פֿון די טונעלן און האָט געאָטעמט מיט אַ שוימיקן פּאַסעק רויך איבער דעם דורכגעגאַנגענעם וועג, ווי ניט קיין צוג, נאָר יאַם־כוואַליעס וואָלטן באַשוועמט דעם אײַזנבאַן־וועג. אַ ליבהאָבער וואָלט אין אַ בינאָקל געקענט זען די קלענסטע פּראָטימפֿונעם לאָרישן פּייזאַזש, וואָס איז אַזוי ניט ענלעך אויף דעם אַנדערן אַרמענישן פּייזאַזש, דעם אַראַראַטישן: אויב דאָרט אין זע־פֿעלד וואָלטן אָנגעלאָפֿן אָנצאָליקע אַריקן און שליוון, אָט די שלעסלעך אָפּן מויל פֿון דעם סאַמע פּלוידערדיקסטן וועזן אויף דער וועלט,—פֿון לויפֿיקער וואַסער; אויב דאָרט האָט איר געזען אַן איבערבלײַבונג פֿון אַ בויגן אָדער פֿון אַ שטיינערנעם אַקוועדוק מיט אַן אוראַלטן פּערסישן בריק, און אַלץ האָט גערעדט וועגן פֿאַרבינדונג, וועגן צעטיילונג, וועגן דער הויכער געזעלשאַפֿטלעכער ראָל פֿון וואַסער,—איז דאָ אויף דעם לאָרישן פּלאַטאָ די וואַסער דערשינען ווי אַ פֿאַרניכטער, ווי אַ וואָרעם, וואָס זײַן לאַנגער שלענגלדיקער קערפּער צעשנײַדט און צעפּרעסט די ערד־מאַסיוון,

טיילט אָפּ מענטשן איינעם פונעם אנדערן און פארווארפט זיי אין מידבערדיקער איינזאמקײַט. אנשטאָט בריקן, די סימוואָלן פון פארבינדונג, גייען ארײַן אין פעלד פון בינאָקל מאָנאסטירן. יעדער דאָרף האָט געהאט זײַן מאָנאסטיר מיט דעם שוץ־קאָליר פון פעלדז. אָט דערהייבט ער זיך, דער קארגער אין זײַן שיינקײַט, קאָנוס, שמאָלע לעכער פון נישעס, ניט־גלײַכע זעלטענע פענצטער, אומגעריכט ארײַנגעשטעלטע, ווי אָפּשפּעטנדיק פון סימעטריע, דאָ אין דער פאָרם פון א ראָמאשקע, דאָ ווי א ציילעם און דאָ ווי א מעאנדרישער שטערן,—און די נעשאָמע פון כורוועס, א צווײַגעלע ווערעסק, שאָקלט זיך שטיל איבערן שטיין, גרוי פון דער זון און פון טרוקענעם שטויב. שטויביק האָט זיך דאָ אויסגעוויזן אפילע די דערינערונג צווישן רויטלעכע קוואָרים־שטיינער, וואָס האָבן איידעס געזאָגט אפּ אײַזן־זויער,—מיט דעם רייעך פון דעם אָפּגרונטיקן ברונעם פון צײַט, ווו די טיף דערהארגעט דעם קלאנג, האָט געשמעקט די דערינערונג אין דידאָזיקע ערטער, און נאָר דער פאסטעך האָט דאָ גערירט די שטילקײַט פונעם בילד מיט זײַן אומגעריכטן דערשײַנען פון הינטער די כורוועס. נאָכן פאסטעך האָבן זיך געקײַקלט די שאָף, און דער ליימענער אויסגעשטשירעטער פאָנעם פון א הונט, ווי א קאָפּ פון א קרעציקן, איז ארויסגעשווומען... איבעריקנס, איז ניט ווארשײַנלעך, ער זאָל קענען ארויסשווימען דורך דער גאנצער אומענדלעכער ראכוועס אין דעם פעלד פונעם בינאָקל!

דער געאָלאָג האָט געקײַט מיט די ליפּן,—ער האָט נאָר־וואָס זיך געדרייט צו געפינען די קאטאסטראָפע. און דעם עמעס זאָגנדיק, האָט ער זי געטראָגן מיט זיך דעם גאנצן וועג, ווי עמעסע טעאָרעטיקער, ווײַל ער האָט זי שוין געפונען א גרייטע, ווי דאָס שטיקעלע ליים. נאָר דאָ האָבן זיך ארײַנגעמישט צוויי קליינינקע אָנגעלעגנהײַטן, זייער נישטיקע און אפילע ניט קיין פארבונדענע צווישן זיך. דאָס ערשטע האָט זיך ארײַנגעמישט דער ווינט. איבער דער שטילקײַט און אומבאוועגלעכקײַט פון דער לופט, אין וועלכער זיי זײַנען אהער געגאנגען, איז אלס אָנזאָגער פון דער זון דורכגעלאָפן א ציטער. אינעם אײַליקן פלאטער פונעם ווינט איז געווען קימאט א קערפּערלעכע בארירונג, ווי א דלאָניע איבער דער באק. דאָס גראָז, די שטיינער, די זאמד און די שטימען האָבן זיך א וואָרף געטאָן און זײַנען ווארעם געוואָרן פון דער איבערגעגעבענער באוועגונג—קיין איין דיריזשאָר וואָלט ניט געקענט געבן אין אן אָרקעסטער דעמדאָזיקן קירצסטן אויגנבליק פון

איבערגאנג פון שטילקייט צו זון. און יעדערער האָט אין דעמדאָזיקן
קירצסטן אויגנבליק ניט ווילנדיק זיך א צי געטאָן צו דעם היטל עס
אראָפּצונעמען.

די צווייטע אָנגעלעגנהייט,—ס'איז געווען אביסל מאָדנע ניט דאָס,
וואָס ס'איז פאָרגעקומען, נאָר דאָס, וואָס מ'האָט זי באמערקט און דער־
פילט מיט ניט קיין קלענערער, קימאט קערפּערלעכער אָנטאפּעוודיקייט,
ווי דעם זון־אופגאנג: דאָס איז געווען דער געלער, ריכטיקער—ניט דער
געלער, נאָר די לעפּישקייט פון זיינ אופמערקזאמקייט אָדער ניט־אופמערק־
זאמקייט, מיט וועלכער ער האָט זיך פּלוצים אָפּגעזונדערט פון די איבע־
ריקע מיטגייער. דער געלער איז איצט געשטאנען מיט דער פּלייצע צו זיי,
נאָך אלץ די הענט אין די קעשענעס, סאָפּענדיק פון דער גרינג, אזויווי פאר
אנ ארבעט, און אָנגעשטעלט זיינע צעבראָכענע גלעזער פון דיברילן ניט
אהינ, וווּ דער געאָלאָג האָט געצייכנט מיט זיינ שטעקעלע, ניט אהינ, וווּ מיט
א גרינער פארע האָבן זיך געדויכערט די לאָרישע קאניאָנען, און ביכ־
לאל ניט אהינ, וווּ מ'האָט ארויסגעזען עפּעס „ווערטיקס”; ער האָט פאָ־
שעט געקוקט פארקלערט און סאָפּענדיק אף דער צווייטער בארג־זייט,
וווּ ס'האָט זיך געשלענגלט א שטויביקער רויטער אויסגעקייקלעכטער,
פון הונדערטער פיס אויסגעשלאָגענער וועג. וויפל דו זאָלסט אף אים
ניט קוקן, האָט מען נאָר געזען איינס, און זייער געווינלעכס,—ווי־
אזוי פונעם אויבערשטן דאָרף זיינען געגאנגען קינדער און פרויען מיט
א הילצערנעם שווערן קרוג צום קוואל נאָך וואסער. די טשוויאקעס
זיינען אָפּגעשפרונגען פון דער אויסגעקייקלעכטער גלאטקייט, די הוילע
פיאטעס האָבן געשורשעט איבער איד, די פּאָלעס האָבן געקערט דעם
רויטן שטויב. די פרויען זיינען געווען רויט מיט יענער שרעקלעכער
ארמענישער פארויטלטקייט, וואָס איז ווי אָנגעריבן אָדער אָנגעריסן
אף דער באק מיט א שטיקל ציגל. זייערע איינגעפאלענע אויגן אין די
וויִעס און די איינגעפאלענע ליפּן ארום די יאסלעס האָבן גערעדט וועגן
פריִען קלימאקס [1]. און אָט דאָס איז אינגאנצן, וואָס מ'האָט דאָרט גע־
זען, אויסער עפּשער נאָך די לאנגע ריי פּלייצעס, ווען זיי נעמען
זיך טראָגן די פולע קרוגן אפן בארג ארוף. אויב מ'זאָל פארגלייכן
מיטן אויסדריקלעכן פּייזאזש, אף וווהינ דער געאָלאָג האָט איצט גע־
טייטלט מיט זיינ שטעקעלע, טייַנענדיק פאראקשנט וועגן דעם לאנד
פון ווולקאנעס, וועגן די אויסגיסונגען פון אָגאנ־דאגע, וועגן דעם

[1] פרויען־קרענק.

שפּעטערדיקן אָנקומען פֿון באַזאַלטענער לאַווע, וועגן דער קאַטאַסטראָפֿע,
וואָס האָט דאָ איבערגעלאָזן אַ ווי דרײַליע צעבראָכענעם שטיק מאַסיוו,—
„אָט דידאָזיקע גראַבענעס”,—האָט געשמאַק געקײַעט דער געאָלאָג, און ווי
דעם לעצטן אָפּצווײַג פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע האָט ער באַוויזן דאָרט פֿונונ־
טן דעם שטיק פּאָרפֿיריט,—דעם פֿונדאַנען קליינינקן באַרג קאַץ,—אויב
מ'זאָל די אַלע פּראָטים פֿאַרגלײַכן מיט דעם, אַף וואָס ס'האָט אַזוי
אָנגעשטרענגט געקוקט דער געלער, האָט זײַן פֿאַרקוקטע פּאָזע ווירק־
לעך אויסגעוויזן זייער מאָדנע. פּאָקין האָט ניט אויסגעהאַלטן און האָט
אַ צי געטאָן דעם געלן פֿאַרן אַרבל. אַרנאָ אַרעוויאַן האָט זיך אַ כאַפּ
געטאָן. ער האָט העפֿלעך אָנגעבויגן צו זיי זײַן קורצזיכטיקן פּאָנעם,
ווו ס'האָט איצט אַ שאַרפֿער, זײַנער אַן אייגענער, „פּריוואַטער” גע־
דאַנק זיך געראַנגלט מיטן באַגער ניט צו זײַן אומהעפֿלעך. ס'איז ענ־
לעך געווען אַף דעם, אַזויווי אַרעוויאַנס ברייט פּאָנעם און זײַן
גוטמוטיקע אַרישע נאָז וואָלטן זיך אָפּגעשלאָגן פֿון דעמדאָזיקן גע־
דאַנק, ווי פֿון אַן אײַנגעגעסענער פֿליג. מיט דער גאַנצער ערנסטקײַט
האָט ער זיך גענומען הערן, כאָטש ער האָט פֿריִער געוווּסט וויִאַזוי
ס'וועט זײַן: דער געאָלאָג וועט זיך סטאַרען דערווײַזן, אַז די אַרויס־
גאַנגענע פֿון טוף האָבן זיך צונויפֿגעפּלעטשט פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע
און אַז טאַקע דידאָזיקע קאַטאַסטראָפֿע האָט אַרויסגעשפּאַרט דעם טוף
איבער דעם אַליוווי; לעוואָן דאַווידאָוויטש וועט פֿאַראַקשנט מעלדן, אַז די
לאַגע ווערט דערפֿון אַף קיין האָר ניט גרינגער, און דער פּראַקטיקאַנט
פּאָקין וועט דאָרשטיק אײַנגראָבן זײַנע בלויע אויגן אין דעם געאָלאָגס
קײַענדיקע ליפּן מיט זײַן געשמאַקן, ניט־נייטיקן מיטלאַלטער און מיט
זײַן אילאָווײַסקעס לערנבוך. יאָ, טאַקע ווי די יאַראָפּאָלקן און סוויאַ־
טאָפּאָלקן, טאַקע ווי די כראָנאָלאָגיעס פֿון אַלע ניט־נייטיקע מילכאָמעס
באַ קאַלקע, וואָס זײַנען אָנגעמאָלט מיטן פּענדזל פֿון אַ מאָנאַך, מיט אַ
הילצערנער פּערספּעקטיוו, און פּונקט ווי אַף פּאָליצעס איז צעשטעלט
שטיקלעכווײַז אין רוים דער קלוימערשטער באַגאַזש פֿון דער פֿאַרגאַנ־
גענהײַט,—פּונקט ווי דאָס אַלץ האָט זיך איצט אַרנאָ אַרעוויאַנען אויס־
געוויזן אָט די אַלע געאָלאָגישע פּראָטים, וואָס איוואַן באָריסאָוויטש
לאַזוטין האָט זיך מיט זיי געקוויקט. באַ אַ מינוט האָט ער געהערט.
נאָר די פֿליג,—דער פּריוואַטער געדאַנק,—איז ווי אַ גרימאַסע דורכגע־
גאַנגען איבער דעם געלנס פּאָנעם. און פּלוצלינג האָט ער ניט אויס־
געהאַלטן.

— הערט נאָר! — האָט געזאָגט דער געלער. בא א מינוט האָבן זײַנע ברילן געבלאָנדזשעט אלץ נאָך דאָרטן, ווו די פלייצעס פון די פויערטעס זײַנען געגאנגען ארופ א בארג.

— אָט דאָרט אינדערהייך איז דאָס דאָרף. אפ דער ווײַט פון צוויי קילאָמעטער איז וואסער. נאָך וואסער גייען מענטשן פיר קילאָמעטער אראָפ און ארופ.

— נו, איז וואָס־זשע? — האָט אביסל פארכידעשט געפרעגט דער געאָלאָג, אופהערנדיק צו זויגן דעם צונג.

— איך וואָלט געוואָלט ויסן, וואָס נאָמענטלעך טוט די געאָלאָגיע, אויב צענדליקער יאָר איז אזא זאך מעגלעך. אָט האָט איר געזאָגט — א לאנד פון קליינע ווולקאנעס. איז צי דען קען מען טאקע א לאנד פון קליינע ווולקאנעס אזוי ניט אויסלערנען, אז מ'זאָל ויסן ווו, אין וועלכע רעזערוואַרן, איבער וועלכע שפאלטן פליסט אָפ די וואסער, ווו קלײַבט זי זיך צונויפ, אז מע זאָל קענען אײַנאָרדענען די ווײַנונגען לעבן דער וואסער, אָדער די וואסער אופהייבן צו די ווױנונגען? איר וועט מיר זאָגן, אז דאָס איז ניט די זאך פון געאָלאָגיע, נאָר אויב איר פאָרשט אויס די טעקטאָניק און דעם בוי פון דער ערד, איז פארוואָס איז עס ניט די זאך פון געאָלאָגיע צו געבן אן אלגעמיינע אָנווײַזונג? פארוואָס איז ניט די זאך פון געאָלאָגיע צו וואָרענען, וויאזוי צו באארבעטן דעם ארץ, אז די וואסער זאָל ניט אָפפאלן, ווי צום בײַשפּיל אין טשיאטורי, ווו די וואסער איז אָפגעפאלן באם באארבעטן דעם ארץ, און דער גאנצער ייִשעוו איז געבליבן אָן וואסער, — פארוואָס איז דאָס ניט די זאך פון דער געאָלאָגיע צו אופנעמען דעם ראיאָן, די געגנט ניִשט אבסטראקט, נאָר צוזאמען מיט דער באפעלקערונג, מיט די מענטשן?

ער האָט אופגעהויבן די האנט, בעטנדיק מ'זאָל אים ניט איבערשלאָגן. א גאָלדן פוכל האָט א גלאנץ געטאָן אפ דער רויִקער ווײַסער האנט.

— איר צעגראָבט פלאסטן, איר געפינט פארשטיינערונגען, איר פאָרקערט זיך מיט זיי, באשטימט זיי, קלאסיפיצירט זיי, — נאָר נעמט לעבעדיקע פלאסטן, באזעצטע מיט לעבעדיקע מענטשן, — צי דען קען מען זיי ניט דענקען צוזאמען מיט דער ערד, זיי אופנעמען אין א גאנצקײַט? איך מיין, — דאָ האָט ער פארענדיקט זייער אינטים און מיט יעבער פאָשעטקײַט, וואָס האָט געצוווּנגען יעדערן פאָרצוזעצן פאר זיך

און צו פארייגענען דעמ געלנס געדאנקען, ווי מע באנוצט זיכ אמאָל מיט דעמ גוטס פונ אנ אָריגינאל:—די געאָלאָגיע וועט פונקט ווי די געשיכטע זיכ אויסקערעווען מיטנ פּאָנעמ פאָרויס. אנדערש וועלנ מיר ניט קענענ פּלאנירנ. דאָס הייסט, זי וועט זיכ אויכ אינ א געוויסנ זינ סאָציאָלאָגירנ, אייַנשליסנ אינ דעמ באגריפ ערד נאָכ א קליינינקנ צוגאָב: די ערד, ווי א באזעצטער פונקט, א באזעצטער מיט א לעבעדיקער געזעלשאפט, און ניט מיט קיינ פארשטיינערונגענ. איר זייַט מאסקימ?

— און יעדנפאלס...—האָט מיט א פארקילט קאָל זיכ פלוצלינג ארייַנגעמישט לעוואָנ דאווידאָוויטש, אָנשטעקנדיק זיכ מיט דעמ געלנס אָפּענעמ אָנפאל, ווי סע צעבילט זיכ ניט־ווילנדיק א הונט אפנ בילנ פונ אנ אנדער הונט פונ הינטער א טויער. ער איז איצט געזעסנ אפ א צארטנ בלוילעכנ שטיקל געהאָפטענעמ קווארצ, וואָס זייַנ ליידיקע אינגעווייד איז פול געוועענ מיט היפשע קריסטאליקלעכ פונ בארג־קרישטאָל, און ער האָט געקוקט אפ דעמ גאנצנ מיט זונ באגאָסענעמ ניט־דערלאָזלעכנ מאזשאָר פונ דעמ אופשטייענדיקנ פרילינגדיקנ טאָג, פארגעסנדיק וועגנ דער אָנגעבונדענער דעליקאטקייַט:—אלנפאלס, וואָלט מענ דאָכ געקענט פריער זאָגנ, אז די טופנ זייַנענ דאָרט ארויסגעשפארט איבער דעמ אליווי, אָדער איבער וואָס איר ווילט,—פריער איידער מ'האָט אָפּגעשיקט דעמ עסקיז־פראָעקט אינ צענטער!

קאַפּיטל X

דער פּראָיעקט פֿון מיזינגעס

1

קיין ווייניקער פּאַסיקע צײַט פֿאַר פּריוואַטע אָנפֿראַגעס איז ניט מעגלעך געווען צו געפֿינען, נאָר די לערערן אַנוש מאַלכאַזיאַן, ווי אַלע מענטשן מיט אַ שטאַרקן ווילן, האָט זיך שטענדיק אָנגעשטויסן אויף ניט קיין פּאַסיקער צײַט. יעדער זאַך איז פֿאַר איר אויסגעוואַקסן ווי אַ באַריער. ווי אַזאַ באַריער איז איצט אויסגעוואַקסן די פּאָשעטע טיר פֿון דער קאַנצעלאַריע, ווען אירע קלאָשן האָבן אָנגעקוויטיקט מיט נאַסע פֿלעקן אויף די טרעפּ און האָבן זיך אָפּגעווישט אין דער ראָגעזשקע. נאָך די פֿרײַע היצן איז אין דער שטאָט מאַסיס אויסגעפֿאַלן אַ שניי. אומקומענדיק פֿון צאַרטקײַט, זײַנען אין פֿליאַכעס שניי געשטאַנען טויזנטער סאָד־ביימער, — דער פֿאַרפֿאַר פֿון די בלומען־בלעטעלעך, דער ראָזער און ווײַסער פֿלאַם פֿון פֿערשקעס און אַבריקאָסן האָבן זיך געראַנגלט מיטן שניי־פּוך און זײַנען געשטאָרבן אונטער אים, און די זון האָט געשמאָלצן דעם שניי אונטער די פֿיס פֿון די דורכגייער און האָט אים געטאָפּטשעט, ווי אַ הייּשעריק. אויב ניט טראַכטן פֿון די העזייקעס, — און די העזייקעס זײַנען געווען גוואַלדיקע: אונטערן שניי זײַנען אומגעקומען ניט נאָר די סעדער, נאָר אויך דאָס אומבאַשיצטע, ערשט־געבוירענע קליינוואַרג פֿון שאָף און ציגן, — איז אין דעם פֿרײַען פֿרילינגדיקן אַרויסשפּרונג און אין דעם, ווי דער ווינטער האָט אָנגעפּאַטשט דעם פֿרילינג, געווען אַ ריינער פֿאַרגעניגן.

— וואַרט צו, באַוויירים, אָדער אײַך איז בעסער אַראָפּצוגיין מיט אַ שטאָק נידעריקער אין דער פֿאַרוואַלטונג פֿון דער בויונג, דאָרטן קען מען אײַך אויך געבן ידיעות, — זאָגנדיק דאָס אין גאַנג, איז דער אָנגעשטעלטער מענטש פֿאַרבײַגעלאָפֿן פֿאַרבײַ דער לערערן אין דעם שכײַנעסדיקן צימער, וואָס אויף דער טיר זײַנער האָט געשײַנט אַן אויפֿשריפֿט: „געהילף־פֿאַרוואַלטער פֿונעם אָפּטייל פֿון וואַסער־ווירטשאַפֿט".

אין טאָג געראָדט, האָט דער אַפּטייל פֿון וואסער־ווירטשאפט געקענט ניט אזוי אופגערעגט איבערלעבן די געשעענישן, וואָס האָבן אראָפּגעטריבן פֿון די שטולן די אָנגעשטעלטע און אָפּגעשטעלט דאָס לעבן פֿון דעם אנשטאלט, ווי ס'שטעלט זיך אָפּ דאָס לעבן פֿון א גאס אונטער א רעגן: ס'זײַנען ליידיק געוואָרן די טישן, ס'שווײַגט די קלאַוויאטורע פֿון די אונדערוודן, ס'פֿארגייט זיך אין געוויין דער טעלעפֿאָן, און קיינער גייט צו אים ניט צו,—און דערפֿאר האָבן אין צימער פֿון דעם געהילף זיך פֿארזאמלט אלע, אויסער דעם געהילף (דער געהילף איז ארויסגערופֿן געוואָרן פֿונויבן), און זיי באהאנדלען די פֿרישע נײַסן, דאָס באשטימען דעם פֿארוואלטער מיטן אָפּטייל און מיטן הידראָבוי, דעם כאווער מאנוק פּאָקריקאָוו, אפֿ אן אנדערער, מער וויכטיקער, נאָר א מער פֿארוקטער שטעלע.

די אײַנגעשפּארטע אנוש מאלכאזיאן קען ווארטן וויפֿל ס'געפֿעלט איר, זיצנדיק אָדער שטייענדיק,—מענטשן זײַנען פֿארנומען. נאָר די לערערן, וואָס האָט באטראכט איר וויזיט אינעם אנשטאלט נאָך א וואָך פֿאר דעם, איז גאָרניט געווען גענויגט אָפּצוטרעטן. לאנגזאם האָט זי אראָפּגענומען אין א ווינקל אירע קאלאָשן, האָט אָפּגעטרייסלט די גרויסע פֿליושענע אָפּגעקראָכענע מופֿטע און זי אוועקגעלייגט אפֿ א שטול. דערנאָך האָט זי אָפּגעוויקלט איר שאליקל פֿון האלדז און צוזאמען מיט די פֿארוויקלטע הענטשקעס האָט זי אים אויך אוועקגעלייגט אפֿ א שטול. איר אליין זיצן האָט זיך ניט געוואָלט, און קעדיי אויסצולאָדן איר אופרעגונג, האָט זי זיך גענומען ארומגיין פֿון איין עק צימער אין צווייטן, באטראכטנדיק, וואָס הענגט אפֿ דער וואנט און וואָס ס'שטייט אונטערן שויב אין שאפֿע. זי איז געקומען אהער מיטיילן און צונויפֿנעמען אין א סיסטעם אירע מאטעריאלן וועגן דער וואסער־ווירטשאפֿט און אײַנצײַטיק שוין זיך דערוויסן וועגן „עלעקטרע", ווײַל „די לעקציע וועגן וואסער", וואָס זי האָט צוגעזאָגט די קינדער, איז ווי א ביין געשטאנען בא איר אין האלדז און האָט זי געפּיבערט, ביז ס'וועט ניט קומען די צײַט אפֿ אָפּגעבן עס. מאלכאזיאן האָט שוין פֿון דער דערפֿארונג געוווסט, אז די מינוט פֿון אָפּגעבן—אן אויסערגעוויינלעכע מינוט,—פֿאָדערט פֿולן וויסן, יענע ענדגילטיקע און לעצטע אָנלאָדונג, וואָס בא איר, ווי זי האָט געפֿילט, איז זי נאָך ניטאָ, אין דער קלענסטער מאָס ניטאָ. שפּאצירנדיק איבערן צימער, האָט זי אומגעדולדיק באטראכט אלץ, וואָס דאָ איז געווען.

אינ דערדאָזיקער אַלגעמיינער קאנצעלאַריע האָט אנ אומבאווווסטער באאמטער פונ דער פּלעיאדע „ערשטע אָנגעשטעלטע", ווענ די נײַקײַט פונעמ אנשטאלט כיישעקט נאָכ מענטשנ, ווי די יוגנט אפ שיינע קליידער, צו באפוצנ, צעשטעלנ אונ ראָמענ,—האָט ער צעהאנגענ אפ די ווענט אלע געהעריקע פּלאקאטנ, דיאגראמעס, גראפיקעס אונ זיי באזאָרגט מיט קאַליגראפישע אופשריפטנ, מיט דער גאנצער שווינ פארגעסענער קונסט פונ שיינ שרײַבנ. א גרויסע ראָז־גרינע מאפּע פונ ארמעניע מיט א שווארצער נעצ קאנאלנ איז געהאנגענ אפ איינ וואנט. צו איר איז פריער פונ אלצ צוגעגאנ אנוש מאלכאזיאנ. אנ אייגנארטיקע אלטע קולטור איז געוועני אינ דער מאפּע. זי האָט ווידערגעשפּראָכנ דעמ צונויפגעכאפּטנ אויסזענ פונ דער קאנצעלאַריע מיט איר נאיווער געשעפטלעכקײַט. ס'האָט זיכ געפילט, אז דאָס פּאָלק איז ערשט ניט לאנג געוואָרנ א באאמטער, א פארוואלטער, א סטאטיסטיקער אונ אז ער האָט נאָכ ניט דערוואָרבנ די געוווינהײַטנ,—וועגנ דעמ האָט דערציילט די קינדערשע איינפאכקײַט פונ די דיאגראמעס אונ דער אורשפּרונג פונ די ציפערנ,—נאָכ זייער א יונגער. נאָר דער אורשפּרונג פונ די קאנאלנ,—פונ שווארצינקע פּאסיקלעכ, וואָס האָבנ מיט אָנצאָליקע שטריכנ צעקריצט די מאפּע,—איז געווענ ניט צו פארגלײַכנ עלטער אונ ווײַטער. אנדערע זײַנענ דאטירט געווענ מיט די צײַטנ פונ דער פּערסישער הערשאפט. אנדערע זײַנענ אוועקגעגאנגענ נאָכ ווײַטער אינ פארגעסענע צײַטנ. מיט פּונקטיר זײַנענ געגאנגענ קאנאלנ, אוראלטע, פארשאָטענע אונ פארוואָרפענע, פונ זיי איז ערטערווײַז געבליבנ א שטיינערנ ווענטל, א רעמעז אפ אנ אוראלטנ שליוז, הויכע קונסט פונ דער טראסע, וואָס איז באוווסט געווענ אינעמ אלטערטומ. מיט א צאָנארטיקער ליניע זײַנענ געווענ באצייכנט קאנאלנ נאָכ ניט קיינ פארוואָרפענע, וואָס די באפעלקערונג באנוצט זיכ מיט זיי נאָכ ביז איצט. מיט א צווייענדיקער קאָליע זײַנענ געלעגנ קאנאלנ נײַע, באשאפנ פונ דער רעוואָליוציע, אונ אינ א געוויסנ אָרט, ווי אור־אור־אייניקלעכ, זײַנענ געבוירנ געוואָרנ צווייקאָליריקע ליניעס,—דאָס זײַנענ געווענ פארפּראָעקטירטע קאנאלנ, וואָס זיי איז ערשט פאָרגעשטאנענ צו זאָגנ זייער וואָרט אינ דער צוקונפט. צווישנ דער נעצ ליניעס זײַנענ געשטאנענ מיט א באזונדער דרײַעקעכיקנ צייכנ פּאָמפּע־הײַזער אונ אנדערע שארפזיניקע אײַנריכטונגענ, וואָס האָבנ דערלאנגט וואסער מיט דער הילפ פונ עלעקטרע־ענערגיע פונונטנ ארופ. מיט איינ וואָרט, וואָס

מער מע קוקט אפ דערדאָזיקער מאפע, אלצ קלאָרער ווערט, וויאזוי דאָ, אינ דעמדאָזיקנ קליינעמ לאנד, איז אויסגעלערנט די וואסער, אונ וואָס פאר א בוי־קולטור ס'איז מיט איר פארבונדנ, אונ ווי די באפעל־קערונגג, מיט איר גאנצנ ניט באוווסטזיניקנ דידאָזיקע קולטור, האָט איבערגעגעבנ פונ דאָר צו דאָר די מײַסטערישע דערפארונג פונ וואַ־סער־באנוצ, פונקט ה'י די בוי־דערפארונג פונ א ביבער.

„ווי ווײַט אייגנארטיק פונדעסטוועגנ איז אונדזער לאנד,—האָט א זיפצ געטאָנ מאלכאזיאנ, אָפקערנדיק זיכ ענזלעכ פונ דער מאפע.— עגיפטנ — ניט עגיפטנ, האָלאנד — ניט האָלאנד, אזוי זיכ א געמיש פונ פײַער אונ וואסער, אונ ניט פארגעסנ, אגעוו, דעמ אונטערשייד”... דאָ איז די לערערנ ארײַנגעקראָכנ אינ איר מופטע אונ האָט ארויסגע־שלעפט פונ דאָרטנ א גרויסנ אימפּאָזאנטנ בלאָקנאָט מיט א בלײַער פאר־שטעקט אינ אימ. מ'האָט געדארפט פארצייכענענ פאר די קינדער דעמ אונטערשייד, לאָזנ זיי איבערלעבנ אָט דידאָזיקע צעצווייטקײַט פונעמ פיזישנ קערפער פונעמ לאנד,— צאָפנ אונ דאָרעמ. דער אונטערשייד צווישנ צאָפנ אונ דאָרעמ איז געווענ א ריזיקער, אונ די לערערנ האָט נאָכ ניט אָנגעטאפט, וויאזוי האָט ער זיכ ארויסגעוויזנ, אינ וואָס פאר א פארבינדונג איז ער געווענ מיט דערווירטשאפט. אויב קוקנ אפ דער מאפע, ליגט דער צאָפנ ווי א געדיכטער גרינער פאס באדעקט מיט שטריכנ פונ בערג. אפ צאָפנ איז געווענ אסאכ וועלדער, אסאכ הייכנ אונ טײַכנ. אפ צאָפנ האָט דאָס אויג ניט געפונענ צווישנ די געדיכטע טײַכ־ אונ אײַזנבאנ־צייכנס קיינ שומ סימאָנימ פונ א קאנאל אונ פונ קינסטלעכער באוואסערונג. נאָר אונטער דעמ גרינעמ צאָפנ איז אפ דער מאפע געלעגנ דער ראָזער דאַרעמ, דער וויסטער פלאכ פונ דעמ אראראטישנ טאָל, אונ קאָטײַקע, ווו יעדער שפאנ ערד איז איבערגע־שניטנ מיט א קאנאל אָדער מיט אנ אריק.

זי האָט נאָכ ניט באוויזנ צו מאכנ מיט א באדינגלעכנ צייכנ א סימענ אינ בלאָקנאָט אפ צו געדענקענ, ווי אינ דער קאנצעליאריע איז ארײַנגע־טראָטנ נאָכ איינער, לויטנ אויסערלעכנ אויסזענ אויכ א ניט צו דער צײַט געקומענער באזוכער.

דער ארײַנגעקומענער איז שוינ צענ טעג געווענ אינ דער שטאָט מאסיס, אונ ס'האָט שוינ אימ געקענט יעדער פארוואָרלאָזטער, ווי אנ ערשטמײַיִקע קארנאוואלישע שרעק־מאסקע,—דאָס איז געווענ א מיטגליד פונ א אויסלענדישנ קאָמיטעט, וואָס זײַנ ציל איז געווענ לויט אלע

קלאָלימ אונ געשמאקנ פונ דער דורכ אונדז שוינ פארגעסענער בור־
זשואזער פילאנטראָפּיע: צ ו ג ע ב נ ג ע ל ט. אנטשפּרעכיק צו זײַנ אויס־
לענדישנ ראנג, האָט דער אָנגעקומענער דערמאָנט אינ דער שטאָט
מאסיס מיט זײַנע מאנירנ, מיט זײַנ גאנג, דעמ שטעקנ מיט א מאָנאָ־
גראמ, דעמ בריליאנט אינעמ האלדזטוכ, מיט דעמ געפארבטנ הייפעלע
וואָנצנ, וואָס איז געווענ צונויפגעקוועטשט אונטער דער סאמע נאָז,
מיטנ שיק פונ די פידזשאק־לאצנ אונ מיטנ ווײַסנ פאָכענ פונ זײַנע
קינסטלעכע צײנ — אנ אקטיאָר, וואָס איז נאָר־וואָס אינ אלעמענ
אָנגעטאָנענעמ, אינ וואָס ער איז געווענ לויט דעמ גאנג פונ דער פּיעסע,
אומבאוווּסט צוליב וואָס פאר א באדערפעניש אראָפּ פונ דער סצענע
אונ זיכ אוועקגעלאָזט אינעמ עכטנ לעבנ, ניט זשאלעווענדיק די קאָזיאָ־
נע ספעצ־קליידונג. דאָרט אפ דער סצענע איז דאָס אלצ געווענ עמעסע
רעאלקײַט: דער שטײַפער קראָכמאל פונ דער מאנישקע, וואָס איז אויס־
געבויגנ אפ דער ברוסט ווי א בויכ פונ א פיש אונ איז דורכגעשטאָכנ מיט
א גרויסנ סאָליטער — א זאפענקע; די שטײַפע שטימ, וואָס איז ארויס־
געגאנ אביסל מיט א נאָכשלעפעניש, ווענקנדיק דעמ געדאנק וועגנ א
פארלייגטער נאָז, אָדער וועגנ שלעכט אויסגעכראקעטנ לעכעצ; דער
שטײַפער גאנג אינ דער גאנצער גרייס פונ אויסלענדישנ לאק מיט
גומענער פאָדעשווע. מיט דעמ אלעמענ האָבנ מענטשנ געלעבט, אונ
דער מענטש, וואָס איז געקומענ געבנ געלט, איז געווענ דאָס „אוי־
בערשטע פונ דער אינטעליגענצ", א רעאלע פערזענלעכקײַט, וואָס
האָט ארויסגערופנ צוטרוי באמ קאפיטאל. דורכ אימ, דורכ דערדאָזיקער
מאנישקע אונ דער פארלייגטער נאָז, האָט דער קאפיטאל אויסגעצויגנ
געלט דער סאָוועטישער רעפובליק. נאָר קומענדיק צו פאָרנ אינ דער
סאָוועטישער רעפובליק, האָט דערדאָזיקער כאָשעווער מענטש פלוצלינג
דערפילט די בוטאפאָריע פונ זײַנע אטריבוטנ. ער איז אומגעגאנ
איבער די גאסנ, אונטערווארפנדיק די גאלקע פונ זײַנ שטעקנ גאָר
אנדערש, ווי ער פלעג דאָס טונ אינ אייראָפּע, אונ ייִנגלעכ אינ די
גאסנ האָבנ אימ פונדעסטוועגנ דאָכ נאָכגעיאָגט, אונ ס'איז ניט געווענ
קיינ מייוונ, וואָס זאָל פייִק זײַנ אונטערצושיידנ פונ א אקטיאָרישנ
גלעזל ביז דעמ עכטנ סאָליטער פונ דער ריינסטער וואסער.

דער מענטש, וואָס איז געקומענ צו פאָרנ געבנ געלט, איז אהער
ארײַנ צוזאמענ מיט דעמ אומבאדינגלעכנ מאָסיע ווליפאנ. אָט איז שוינ
צענ טעג, אז ער גייט ארומ איבער די אנשטאלטנ אונ די פאָלקאָמאטנ,

צוקוקנדיק זיך, וווהינ קענ מענ עפעקטער אָנווענדנ די צדאָקע. די גאנצע שטאָט מאסיס מיט אירע אָנגעלאָפענע, פארוואָרלאָזטע, הימלאַזע, מיטנ אָנראכמאָנעסדיקנ וויגנונג־קריזיס, מיט הײַזער, וואָס ארבעטנ אינ דרײַ אומבײַטנ און וואָס זײַנענ אונטערגעשפארט פונדרויסנ באַם אלטנ פאסאד מיט באלקנס פונ ניט געוווּנטשענעמ אײַנפאלנ; מיט שפּיטאָלנ, ווו די בעטלעכ זײַנענ ווי געפּיקלעכצ פונ א קניש ארויסגעקראָכנ, ניט האָפנדיק קיינ פלאצ, פונ די איבערגעפילטע פאלאטעס; מיט דער אומענדלעכער טופעריַ פונ דער ריי, וואָס האָט נאָכ פונ באנאכט איינס הינטערנ אנדערנ זיך אויסגעשטעלט בא דעמ וואסערלייטונג־קראנ, קעדיי צו אינדערפרי־צו אָנקלײַבנ א ציטעריקנ עמער פליסיקײַט,—האָט גווואלד געשריגנ וועגנ הילפ. און אויב מ׳זאָל זיך ארויסקלײַבנ ארויס פונ שטאָט, האָט דאָרט די ערד געקרעכצט וועגנ שליאכנ, דאָרט האָט דער ארכעאָלאָג צענומענ זײַנע הענט איבער וווּנדערלעכע שטיינער פונ כורוועס,—אפ אָפּהיטנ זיי איז אינ ביודזשעט פונ לויפנדיקנ יאָר אסיגנירט עלפ רובל; דאָרט האָט דער פארזיי אויכ געפאָדערט מ׳זאָל אימ אָפּהיטנ,—א האָגל־שלאָגנדיקנ הארמאַט... און מאלע נאָכ וואָס דאָרטנ איז געווענ! אויסהוסטנדיק זיך און באוועגנדיק אינ דעמ קראָכמאל פונעמ קראגנ מיט זײַנ היפשנ „קנאָפּ", האָט דער שאָליעכ פונ קאפּיטאל זיך געפילט, ווי א פליג אינ האָניק,—אזויפיל טעטיקײַט־מעגלעכקײַטנ זײַנענ געווענ ארומ און ארומ. נאָר בלויז איינ מאָסיע ווליפּיאנ האָט געוווּסט א פארדראָסיקע דעטאל, וואָס ער האָט נאָכ ניט איבערגעגעבנ דעמ מענטשנ אינ דער מאנישקע. מאָסיע ווליפּיאנ האָט עס פּײַנלעכ איבערגעלעבט. ער האָט איצט אָפּגעשטעלט זײַנעמ א גוטנ־פרײַנט, וואָס איז געשווינד איבערגעגאנגענ איבער דער קאנצעליאריע, קעדיי ארײַנצוגייג אינ דער הייליקער טיר צומ געהילפ, און ער האָט אונטערנ האנט מיט אימ זיך אויכ ארײַנגעקוועטשט אהינ. דער צימער איז געווענ אינ טאבאק־רויכ. די מײַלער פונ די ריידנדיקע זײַנענ געשווומענ אינ דעמדאָזיקנ רויכ, ווי טרײַבלעכ פונ הויכרעדערס,—די אָנגעשטעלטע האָבנ בארעדט די אנשטאלטיקע נײַעס.

— דו פארשטייסט!—האָט מיט קראמפּנ געשעפּטשעט מאָסיע ווליפּיאנ צו זײַנ פרײַנט, קאָלזומאנ יענער האָט זיך נאָכ ניט ארויסגעריסנ,— זיי גיבנ אונדז געלט, א מיליאָנ וואליוטע, און דער באדינג—נארישקײַטנ, נו, אזוי א יערונדא דאָרטנ: אווּעקשטעלנ אפ א מארמאָרנעמ ברעטל, אז אפ דעמ נאָמענ פונ אזוינעמ און אזוינעמ... איז אָבער נײַנ, אונ־

דזערע האָבן זיך אײַנגעשפּאַרט, און דער מענטש גייט ארום, זוכט וווהין א מיליאָן אהינצוטון. טו א טויווע, דערציייל אים וועגן די קאנאלן, ער אינטערעסירט זיך מיט קאנאלן.

— ניטאָ קיין צײַט,—האָט אָפּגעשניטן דער פרײַנט,—גיי אראָפּ אפ דער בויונג, כאָטש דאָרט איז אויך קיין צײַט ניטאָ.

2

די נײַס, וואָס האָט אראָפּגענומען מענטשן פון די שטולן איןביידע שטאָקן פון דער געבײַדע,—אויבן, ווו ס'איז געווען דער וואסער־אָפּטייל, און אונטן, אין דער פארוואלטונג פון מיזינגעס,—איז נאָר אפן ערשטן קוק געווען א געוויינלעכע אנשטאלטיקע נײַס. אלעמאָל, ווען אין שטאָט מאַסיס פלעג זיך אראָפּנעמען און ס'פלעג אוועקגיין אפ א העכערער, נאָר אפ א פארוקטערער ליניע,—אן אָפּיציעלע פערזאָן, איז ניט נאָר זי אליין האָט זיך אראָפּגענומען און איז אוועקגעגאן, מיט איר זײַנען אוועקגעגאן, לויט דעם קליינבירגערס מיינונג, אי די קרויווים פון די אָפּיציעלע פערזאָנען, אי די דאמעס פון די קרויווים, די פלימעניקעס פון די דאמעס און די פראָעקטן פון די פלימעניקעס. נאָר ניט דאָסדאָזיקע קליינבירגערלעכע אוועקגיין איז געווען דער איקער. מיט יעדער אָפּיציעלער פערזאָן האָט זיך אראָפּגענומען און ס'איז אוועקגעגאן עפּעס גרעסערס פון מענטשן אליין: אזויווי א ריזיקן הענג־בריק וואָלט מען צענומען איבערן לאנד אין אזוינע מינוטן און מע וואָלט דורכגעלאָזן אינעם לאנד לאנג־וואַרטנדיקע שיפן. צענומען און הענגענדיק אינדערלופטן, האָט דער בריק פון רעכטס און פון לינקס פארהאלטן שטראָמען מענטשן, פירלעך און מאָטאָציקלעטן, וואָס האָבן זיך דערשלאָגן אריבערצוגיין פון איין זײַט אפ דער אנדערער אין דער אײַנגעאָרדנטער לעבנס־אײַלעניש. און פונונטן, ווי לאנג וואַרטנדיקע שיפן, האָבן זיך געאײַלט דורכצוגיין פּאַפּקעס, וואָס זײַנען געווען פארלייגט אונטערן געוואנט,—באשטימונגען, וואָס זײַנען אומזיסט אראָפּגעריסן געוואָרן,—איניאָנים פארוקטע אין הינטערגרונט,—ריכטונגען אָפּגעשפּעטע פון קריטיק, אן אינוואלידן־ארטעל, די קאָאָפּעראציע, דער פאריין, פריוואטניקעס, בוי־מאטעריאלן, בײַדלעך פון צײַטונג־פארקויפער,—און איבעריקנס איז ניט מעגלעך אויסצורעכענען וועמען און וואָס ס'האָט אזוי אָדער אנדערש אָנגערירט דער הענג־בריק, צווינגענדיק צו פילן די באוועגונג פון שיפן. וווהין און אין אוועלכער זײַט,

וועגן דעם זייַנען געגאַנגען כוואַליעס פֿון הויכער פּאָליטיק אַף די הייכן, וואָס נאָר אַנטענעס האָבן זיי געקענט דערלאַנגען. אין דער ערשטער מינוט האָבן די קליינבירגער ניט געכאַפּט דעם ריכטנדיקן גאַנג, ביז זאַכן, איניאַנים און מענטשן,—פּאַפּקעס, אינוואַלידן, דער פּראָפּאַריינג, די קאָאָפּעראַציע, פּריוואַטניקעס, בוי־מאַטעריאַלן, די ביידער־לעך פֿון צייַטונג־פֿאַרקויפֿער,—זייַנען מיט אַ פֿיש־געדרענג פֿאַרבייַגעשוווימען צו די שליוזן און שוין מיט דעם געדרענג אַליין געגעבן צו פֿילן, ווו ס'ליגט די ריכטונג. שטאַרקער און העכער פֿון אַלעמען אינעם שווימענדיקן געדרענג האָט זיך גאָר צערעדט דער שטיין, געבנדיק צו וויסן דעם קליינבירגער וועגן דער איבערקערעניש, וואָס גרייט זיך. דער שטיין איז אין דער שטאָט מאַסיס געווען אַן אייגענער, אַ טראַדיציאָנעלער, פֿעסט צונויפֿגעבונדן מיט דער פֿאַרגאַנגענהייַט, מיט קרעפּטיקע פּאָדריאַטשיקעס, מיט שווייסיקער און עגיפּטישער אַרבעט פֿון די שטיינבּרעכער, וואָס האָבן געהאָרעוועט איבערן שטיין איינציקווייַז און אויג אַף אויג,—טופּענער געלער שטיין, וואָס מ'האָט אים טאַקע דאָ ניט ווייַט אַרויסגעקריגן פֿונעם קאַריער. פֿון דעמדאָזיקן שטיין האָט מען אויפֿגעשטעלט זינט די וועלט שטייט הייַזער לויט ייִדישע קלאָלים מיט הילצערנע וועראַנדעס אין הויף אַרייַן און מיט פֿוכקער איינאַרטיקייַט פֿון די פֿאַסאַדן צום גאַס צו. נאָר אונטער דעם צענומענעם בריק האָבן שוין אָנגעהויבן שווימען די ערשטע קריגערישע אָנגריפֿן פֿון בעטאָן,—פֿריִער אין די ייִנגלשע און איבערגעריסענע שטימען פֿון דער יוגנט, וואָס האָט געפּאָדערט „גיין אין פֿוס", דערנאָך אינעם שטורמיקן אָנפֿאַלי פֿון נייַע סטיל־עלעמענטן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער בויונג ווערט פֿאַרביטן איין אויסשטאַרבנדיקע אַלטע מישפּאָכע מיט אַ נייַער אויפֿקומענדיקער. אַף די עסטראַדעס פֿון די קלובן, אין דעם טאַבאַקרויך פֿון די פֿאַרזאַמלונגען, פֿאַר הונדערטער אויפֿגערעגטער יוגנט, פֿאַרוווּנדערנדיק די שטאָט מאַסיס מיט דעם אומגעזעענעם ברען פֿון ליידנשאַפֿטן, האָט געשריגן און זשעסטיקולירט דער קינסטלער אַרשאַק גנוני. לויט איייניקע זיכערע סימאָנים האָט מען זיך אָנגעשטויסן, אַז דער קינסטלער לעפּ איז געווען אַ פֿאָרגייער אָדער, ריכטיקער, די ערשטע שוואַלב פֿון זיך אָנרוקנדיקע געשעענישן, און אַז דער קינסטלער לעפּ וועט זיך טאַקע דערוואַרטן אַף זייַן צייַט. עקסטרא זיך מאָבּיליזירט, האָבן פּראָפֿעסאָרן און אַקאַדעמיקער זיך אַוועקגעזעצט איבער נייַע בענדלעך ליטעראַטור.

צום טײַוול דער שטײנ!—האָט געגוואַלדעוועט דער לעפ מיט א בלאס פּאָנעם אינ א אָרעאָל פונ גרױלעכ־שװאַרצע, שױנ לאַנג ניט געװאַשענע האָר אונ מיט הענט, װאָס האָבנ זיכ געצענפּאַכט פונ זשעסטיקולירנ, טראָגנדיק זיכ פונ דער עסטראַדע אַראָפּ צו:—איכ באַשטעטיק, אַז דעמ שטײנ האָט געגעבנ פאַר אונדזער װױנונג די קירכע! איצט גיט אונדז די פאַבריק, דער זאַװאָד, די אינדוסטריע—בעטאָנ. אומעטומ, װוּ ס׳גײט די אינדוסטריעלע בױונג, דאָרט איז אױכ נײַער בױ־מאַטעריאַל. פאַרװאָס דאַרפנ מיר אָפּשטײנ? צום טײַוול דעמ שטײנ—דעמ װעג פאַר בעטאָנ!

זיכ באַװאָפנט מיט ליטעראַטור, האָבנ די פּראָפעסאָרנ אונ די אַקאַדעמיקער געגלאַנצט אינ א זײַט מיט באַרױִקנדיקע שמײכעלעכ אונ אַרופּגעגאַנ אָפּ־דער עסטראַדע. זײ האָבנ אָנגעהױבנ ניט הױכ, װענדנדיק זיכ צו דער ערשטער רײ, װוּ ס׳איז געזעסנ אונ געדרײט א װאָנצ א פולבלעכער מאַנצבל אינ פּענסנע, דער כאַװער פונ פאָלקאָמבילד. זײערע באַװײַזנ האָבנ געגלאַנצט מיט זאַכלעכקײַט,—אײנער האָט אױסגעלאַכט די אידײע פונ טײַערנ בעטאָנ אינ א לאַנד פונ ביליקנ אײגענעמ שטײנ; דער אַנדערער האָט באַשײדנ אונ מיט ציטאַטנ באַשיצט דעמ נאַציאָנאַלנ סטיל אונ די ענגע צונױפגעגאָסנקײַט זײַנע מיטנ טופ־שטײנ; דער דריטער האָט כיטרע שמײכלענדיק אױכ ציטירט,—װעמענ נאָר האָט ניט ציטירט דער דריטער, אָנװײַזנדיק מיט זיכערקײַט אָפּ דער בורזשואַזקײַט אונ דעמ קאַפּיטאַליסטישנ אָפּשטאַמ פונ בעטאָנ: פאַרװאָס,—האָט געשריגנ דער דריטער,—דאַרפנ מיר זיכ נאָכשלעפּנ נאָכ דעמ קאַפּיטאַליסטישנ מײַרעװ?

נאָר דער קינסטלער אַרשאַק גנוני האָט זיכ געדרײט אָפּ זײַנ שטול, אונ די קאָפּ־ברעקלעכ האָבנ זיכ געשאָטנ אָפּ זײַנ פּליושענעמ רעקל. אונ א קוק טונ אינ זאַל,—װאָס איז דאָ אינ זאַל ניט געװענ אָפּ דעמדאָזיקנ אומשולדיקסטנ דיספּוט װעגנ אַרכיטעקטאָרישנ סטיל, װאָס די געזעלשאַפט צו העלפנ די פאַרװאָרלאָזטע האָט אײַנגעאָרדנט! אָפּ דער באַרימטער קירכע־פאַרזאַמלונג אינ װאָרמס, װוּ ליוטער האָט זיכ אָפּגעזאָגט פונ זײַנע מײנונגענ, אָדער אינ דעמ היסטאָרישנ זאַל jeu de paume,—נאָר דאָרט עפּשער װאָלט מענ, גראָבנדיק זיכ אינ די שטױביקע לײַװנטנ פונ דער געשיכטע, געפונענ דעמדאָזיקנ קאָנװולסיװנ ציטער פונ די געזיכט־מוסקולנ, די אָנגעצונדענע קראַפט פונ אױגנ, װאָס האָט מאַגנעטיזירט דעמ אָראַטער, דאָס קנאַקנ פונ צונױפגעדריקטע פױסטנ, די

הייזעריקייט פון אופרעגונג, די טופעריי פון פיס, — די ליידנשאפט פון הונדערטער יונגע לעבנס, וואָס האָבן נאָך גאָר ניט לאנג פרידלעך און שלעפעריק ארומגעשליאָנדרעט הין און צוריק מיט אויסגעפוצטע שטיוול און מיט צוגעגלעטע האָר איבער דער הויפט־גאס פון דער שטאָט מאסיס. און איצט, אייַנזויגנדיק מיטן גאנצן וועזן דאָס פאָרקומענדיקע, האָבן זיי מיט דער קאָנוווּלסיע פון רעפליקעס געטייַנעט צו די אָראַטערס, אז די קריג קומט פאָר טיף אונטער דער אויבערפלאך, טיפער פון דעם געזאָגטן, שארפער פון די נעמען. די קריג איז אין טאָך געווען וועגן דעם קאמף פון דער פארגאנגענהייט מיט דער צוקונפט.

דער בעטאָן האָט אויסגעצויגן זייַן לאפע אויך אין דער פארוואלטונג פון מיזינגעס, וווהין ס׳האָבן זיך איצט אראָפּגעלאָזן אינדרייַען, ניט דערשלאָגנדיק זיך גאָרניט אינדערהייך, די לערערן, דער מענטש אין דער מאנישקע און מאָסיע ווליפיאן. אפ דער בויונג זייַנען שוין לאנג געגאנ ארבעטן מיט בעטאָן, און איצט איז פון צענטער געקומען צו פאָרן אן אינזשעניר צו אָרגאניזירן א פעלד־לאבאָראטאָריע אפ בעטאָן. ער איז אויך אריינגעפאלן ניט צו דער צייַט, ער האָט ארומגעבלאָנדזשעט פון איין צימער אינעם אנדערן און האָט ניט געזען דעם נייטיקן מענטשן, ווייַל אין דער פארוואלטונג איז פאָרגעקומען נאָך א גרעסערער מישמאש איידער אינעם אָפּטייל פון דער וואסער־ווירטשאפט.

דאָ האָט זיך קיין שום טראדיציע ניט געפילט ניט לעבן די ווענט, ניט אפ די ווענט. דער אנשטאלט איז געווען יונג און אָפנהערציק פוסט, — אין נייַינקע צימערן זייַנען נייַינקע טישן אין דער דערוואַרטונג אפ נייַע אָנגעשטעלטע געווען הויל, פונקט ווי די ערד אפ א ברוכפעלד. ניט קיין סטאָסל פאפיר, ניט קיין אייַנגעביס: הענטל־פען איז נאָך ניט אופגעגאנגען איבער דעם ריינעם געווענטל, אפילע ניט קיין פלעק. איבעריקנס, פאר אן אינהאלטלעכן מענטשן איז דאָ אויך געווען שפייַז. די לערערן אנוש מאלכאזיאן האָט, בעשאס זיי זייַנען געגאנגען איבער די פוסטע לעכער פון די צימערן, אריינגעקוקט אין אלע טירן און אופמערקזאם, ווי א רעקלאמע, פארגעדענקט די שילדן: „הידראָטעכנישער אָפּטייל“, „עלעקטראָ־מעכאנישער“, „ראציאָנאליזאציע“, „באַזאָרגונג“, „די ליניע פון שטראָם איבערגעבן“, „דער אויספאָרשערישער“, „געהיימער“, — מ׳זאָל ווען, וואָלט מען זיך געקאָנט פאָרשטעלן דאָס לעבן פונעם אנשטאלט נאָך דידאָזיקע שילדן, ווי א מענטש מיט

פאנטאזיע שטעלט זיך פאָר א ראָמאנ אָדער א פילמ לויט די נעמענ פונ די קאפיטלעך. דער שעפ איבער דערדאָזיקער ארמיי שאָטנס, דער כאוועד מאנוק פּאָקריקאָוו, האָט פארענדיקט דעמ שמועס מיטנ געהילפ, ווענדנדיק זיך דערהויפט צומ פארוואלטער מיט דער ווירטשאפט.

ווי יעדערער, וואָס פלעג אינ דער שטאָט מאסיס אוועקגיינ אפ א העכערנ, נאָר א פארוקטערנ פּאָסטנ, האָט אויך דער כאוועד מאנוק פּאָקריקאָוו געפילט א געוויסע הארצקלעמעניש פאר דעמ פארוואלטער מיט דער ווירטשאפט אונ א גוואלדיקע באדערפעניש צו דערהערנ פונ אימ אנ איבעריק מאָל די געטרײַע אונ געוויינלעכע רייד, וועלכע — ווידעראמאָל ווי טויזנטער אנדערע פארוואלטערס פונ ווירטשאפט אינ אזוינע מינוטנ — ס'האָט דער אינ דער טיר שטייענדיקער וואָנצענדיקער מענטש ניט געזאָגט. דער פארוואלטער מיט דער ווירטשאפט האָט אומגעוויינלעכ געשוויגנ, ער האָט אומגעוויינלעכ צוגענומענ דאָס פּאפּירל, ער וועט אומגעוויינלעכ ארויס פונ צימער אונ וועט אינ דער שטילקײַט פונ קאָרידאָר זיך ארופוואָרפנ אפ דער געל־ליפּיקער אופראמערנ — ארמענערנ, וואָס ציילט מיט פײַכטע פינגער די שטיקלעך צוקער אפ דער טאצ, — אוא איז די נאטור פונ א פארוואלטער מיט ווירטשאפט. אונ ווי לאנג איז דענ, — וואָלט געקאָנט א טראכט טונ דער כאוועד מאנוק פּאָקריקאָוו, איבערלעבנדיק קימאט ווי א ראָמאנס דעמדאָזיקנ נישטיקנ אומשטאנד, — ווי לאנג איז דענ, אז די בלאָקנאָטנ אונ די הענטלעך, דער שווערער לעדער פונ די ענגלישע פּאָטערשטולנ, די בראָנדזע פונ די פירעד אפנ טיש, דער זייגער אָנ וויזערס, נאָר פונ שווארצנ מאר־מאָר, דער עלעגאנטער דאמענ־פּאָרטפעל האָבנ ארויסגערופנ אפילע א ווארעמענ פּאָרווורפ מיצאד דעמ שעפ: „נו, דאָס איז שוינ, מײַנע איוואנאָוויטש, געבאלעוועט!”

אפ יענער זײַט קאָרידאָר, אינ דעמ לאנגנ פּראָעקט־ביוראָ, ווו די טישנ זײַנענ בלויז געווענ פונ די צייכענונגענ, האָט זיך צונויפגעקליבנ קימאט דער גאנצער שטאב פונ מיזינגעס — די „גלאווקעס” פונ די לײַדיקע אָפּטיילנ, וואָס מערקנ אָנ דעמ אנשטאלט, אזויווי שפּילקעס, וואָס האלטנ אינ די קנופּ־פּונקטנ דאָס צוגעשניטענע, נאָר נאָך ניט אופגענייטע קלייד. דאָס איז געווענ דאָס שענסטע אונ דאָס בעסטע פונ דעמ טראנסקאווקאזנ אינזשענערנטומ. ווער ס'האָט געוווסט דאָס לאנד פאר דער רעוואָליוציע, דער וואָלט געקאָנט, ארײַנקוקנדיק אינ צימער, אָנ־

רופן קימאט יעדערן פון די בײַוועזנדיקע; צווישן זיי, צווישן די גרינ
געוואָרענע פון פארבן גרויע האָר פון א וועג־אינזשענער, די פארעל־
טערטע וואָנצן פון א הידראווליקער, דעם גלאנץ פון כאָלערישע פלי־
כעס, די ניט־מאָדישע נאָטן אף די פלייצעס פון די טוזשורקעס און
די קאָפּ־ברעקלעך אפן האלב אויסגעריבענעם געוואנט, צווישן דידאָזי־
קע זעקלעך אונטער די אויגן, וואָס זײַנען ענלעך געווען אף רינוועס,
וווהין ס'רינט אראָפּ די עלטער, און צווישן דער העלער רויטקײַט פון
די ליפּן אונטער די וואָנצן,—איז אין מוזיק פון שטריכן און שטרי־
כעלעך אופגעשטאנען עפּעס אלגעמיינס, עפּעס, וואָס איז כאראקטעריסטיש
פאר דעם אלטן אינזשענער, דעם לאנדסקנעכט פון אונדזער צײַט, און
אינגאנצן לאנדסקנעכטיש האָבן איצט באהאנדלט דידאָזיקע מענטשן,
וואָס האָבן צענדליקער יאָרן געארבעט אף די פארשיידנסטע באלעבא־
טים, אף קאָנצעסיאָנערן, קאפּיטאליסטן, באאמטע פון דעפּארטאמענטן
און איצט אף דער ראטנמאכט,—די נײַע ענדערונג אינעם שטאב, ווי—
זיי האָבן געוווּסט—די פראגע איז באשטאנען לאכלוטן ניט נאָר אין
דעם כאווער מאנוק פּאָקריקאָווס אוועקגיין אליין. יעדערער פון זיי
האָט געפילט א נײַעם בויג, פּונקט ווי ער וואָלט געווען אפן באָרט
פון א שיף. שוין עטלעכע טעג האָט מען אין מעזינגעס געקרומט די
ליפּן איבער אנעקדאָטן פון אָרטיקער אויסארבעטונג: מ'האָט דערציילט,
וויאזוי הידראָסטאנציעס, וואָס קאָסטן מיליאָנען, שטייען אָן א געברוי־
כער, וויאזוי מע טראכט אויס אין אײַלעניש א געברויכער אין דעם
אויסזען פון א גאלעט־פאבריק אָדער פון מעכאנישע וועשערײַען
און וויאזוי די לעצטע פון זייער זײַט קומט אויס אין אײַלעניש זיך צו
זאָרגן וועגן דער נייטיקער צאָל זויג־קינדער פאר די גאלעטן און
קויטיקן גרעט פאר די וועשערײַען. נאָר לאכנדיק און אויך ארײַנ־
טראָגנדיק א כיילעק אין דער נאָמענלאָזער שאפונג פון אנעקדאָטן,
זײַנען די אינזשענערן געווען רויִק, ווי א לאנדסקנעכט, וואָס האָט שוין
אויסגעזען א וועלט. זיי האָבן געוווּסט, אז אלץ וועט גיין ווי מ'דארף:
דער פּראָעקט וועט זיך איבערפּראָעקטירן, געלט וועט מען אָפּלאָזן,
די בויונג וועט מען פארענדיקן, און דער געברויכער וועט זיך געפי־
נען,—כאָטש טיפער און ווײַטער פון דעם האָבן די אינזשענערן ניט
געזען און האָבן ניט גערעדט דערפון. פון אלע סאָרטן מענטשן, וואָס
זײַנען פּייִק אף פּאניק, איז ווייניקער פון אלעמען צו איר גענויגט
דער לאנדסקנעכט.

נאָר הײַנט האָט זיכ אײַנגעגעבנ ניט גאָר קײנ געװײנלעכער טאָג, אונ די קריגערײַ, װאָס האָט פאַרנומענ די מענטשנ אינ דער פּראָעקט־ביוראָ, איז געװענ ניט גאָר קײנ געװײנלעכע קריגערײַ. דערזעלבער װיכער, װאָס האָט צענומענ איבערנ לאַנד פונ מאַטיס דעמ ריזיקנ בריק אונ האָט איצט אראָפּגענומענ פונ פּאָסטנ זײער שעפ, האָט איצט פאַרטראָגנ צו זײ פונ צאָפּנ אײנעמ אויכ אנ אראָפּגענומענעמ ערגעצ פאַר עפּעס פונעמ פּאָסטנ, אונ א באַשטימטנ אהער אינ מיזינגעס אױעקצושטעלנ דעמ אָפּטײל פונ ראַציאָנאַליזאַציע, — א שטאַרק אומרויִק מענטשל. אינ דער צײַט, װענ אירע מיטגײער זײַנענ דורכגעגאַנגענ צומ קאַבינעט פונעמ שעפ, האָט די לערערנ אנוש מאַלכאַזיאַנ, ניט װעלנדיק איבער אײניקע סיבעס צו באַגעגענענ זיכ מיט מאַנוק פּאָקריקאָװנ, פאַרלאַנגזאַמט אירע טריט פאַרנ צימער, װו דאָס הודענ פונ די שטימענ האָט דורכגעשניטנ א דינ פּאַלצעטל, אונ זי האָט באַלד דערזענ דאָס מענטשל. מיט די פינגער אינעמ קינ, װו ער האָט פאַנאַנדערקאַלופּעט א פּרישטשל, איז דער ראַציאָנאַליזאַטער מיט א רײנסטער מאָסקװער אויסשפּראַכ אפּ „א”, מיט די װײכסטע „סקושנאָ” אונ „קאָנעשנאָ” אַרײַנגעשװומענ אינ דער שאַרפּװינקלדיקער אַטמאָספער פונעמ צימער. אָנגעטאָנ איז ער געװענ אביסל מאָדנע, אונ האָט אפילע אביסל דערמאַנט מיט דעמ בלויענ סאַמעט פונ די הויזנ, מיטנ העמדל אָנ א פּאַס, אופגעקליבנ ארומ דער געסטקע אונ מיט דעמ װײכנ שורשענ פונ די סאַנדאַליעס „סקאָראָכאָד” אפּ די שוינ צו קלײנע, קימאַט קינדערשע פיס — א דיל־פּוצער. אז ער איז אופגעשטאַנענ, פאַרלײגנדיק די הענט אפּנ רוקנ אונ שורשענדיק מיט דער װײכער פּאָדעשװע, האָט זיכ געדוכט, אז אָט־אָט װעט דער ראַציאָנאַליזאַטער זיכ לאָזנ איבערנ דיל, קנעטנדיק מיט דער פיאַטע פונ רעכטס אפּ לינקס, אונ װעט צעװיגנ די אַקסל אינ העמדל אינעמ קלאַסישנ טאַנצ פונ א דיל־פּוצער. גראָד אָט דערדאָזיקער מענטש איז אינ פרידלעכנ שמועס פּלוצלינג אָנגעפאַלנ אפּ מיזינגעס מיט א סקאַנדאַליעזער היציקײַט, װאָס האָט אײדעס געזאָגט אפּ א פאָרורטײל־שטאַנדפּונקט.

— אונ קאָנעשנאָ — האָט ער פאַרענדיקט זײַנ רעדע, װענדנדיק זיכ צו אנ אַלטנ אונ װירדיקנ װעג־אינזשענער, — אינ אַלע אַלצײנע פאַלנ זוכט מענ אײנע אונ דיזעלבע סיבע. נאָכ אײַכ נאָכ זײַנענ שולדיק קלײניקײַטנ פונ דער עקספּערטיזע, נאָכ מיר נאָכ — ניט. איכ נעמ די אַרבעט אינ מײַנ אָפּטײל ברײטער אונ טיפער אײדער אנדערע

נעמענ, אונ אויב א פראָעקט איז דורכגעפאלנ, שטעל איך די ערשטע פראגע: פונ וועלכע קוואלנ איז אופגעקומענ דער פראָעקט, וואָס האָט אימ ארויסגערופנ, ווו זײַנעז זײַנע פאָרהאנאָכעס, פארוואָס האָט זיך גראָד געקאָנט טרעפנ, אז די עקספערטיזע האָט א טאָעס געהאט?..

— נארישקײַטנ,—האָט מיט א באס א זאָג געטאָנ דער אינזשענער,— א פראָעקט, ווי א פראָעקט. וויפל איר זאָלט ניט אויסזויגנ, אָבער קיינ לאָגיק קאָנט איר דאָך ניט אָפלייקענענ! לאָגיש איז אלצ געטאָנ געוואָרנ אינ דער צײַט. פאָרארבעטנ זײַנענ געווענ? געווענ. גראפטיאָ אליינ האָט געארבעט אפ דער מיזינקע. די פאָרארבעטנ זײַנענ באאר־בעט? באארבעט. אָט איז א שאפע, גראָבט זיך, זײַט אזוי גוט. פאר צענ יאָר דורכנעקאָנטראָלירט די געגעבענע, באארבעט, קיינער האָט מיזינגעס פונ קאָפ ניט אויסגעטראכט. דאָרט האָבנ נאָך די פראנצויזנ געוואָלט בויענ. אויב שוינ שטעלנ די פראגע, וועל איך גלײַך זאָגנ: באגרינדעטער פונ מיזינגעס וועט זיך געפינענ ווינציק פראָעקטנ.

נאָך דער ראציאָנאליזאטער האָט קריטיש זיך געצופט פארנ פרישטשל.

— וועגנ דער אָנלאָדונג איז אויך א נארישקײַט,—האָט רויִק פאָר־געזעצט דער אינזשענער. ער איז נאָך דערפאר געווענ רויִקער, וואָס באשיצנ מיזינגעס איז אימ אויסגעקומענ, ווי צו היילנ א פרעמד קינד, אָנ בלוטיקנ פאכעד אונ אָנ אופרעגונג; די טיפסטע גלײַכגילט צו מי־זינגעס איז איצט געווענ אינ דעמ אינזשענערס מאָנומענטאלע שטריכנ, אינ זײַנע ווי בא א בולדאָג אָפגעהאנגענע, ניט ריינ אויסגעגאָלטע באקנ.— אָט האָט איר אײַך א מיינונג פונ א דערפארענעמ מענטשנ: דער גע־בוריכער וואקסט, ווי מילך אינ דער מוטערס ברוסט, אינ דער נאטור פונ די זאכנ, אויב מ'קאָנ זיך אזוי אויסדריקנ. נאָר־וואָס איר געבוירט דאָס קינד, אונ די מילך מאכט זיך שוינ אליינ,—ביטע, עסט. אינ א יאָר פינפ ארומ אזוי איז כאָטש אלע טײַכנ פארבויט—געדענקט מײַנ וואָרט— וועט ניט קלעקנ קיינ ענערגיע, אונ איר מאכט אָנ א פאניק.

דער קליינער מענטש האָט פונ אונטער די ברעמענ א קוק געטאָנ אפנ וועג־אינזשענער. ער האָט נאָך ניט געעפנט דאָס מויל, נאָר אי־נעמ גלאנצ פונ זײַנע אויגנ אונ אינעמ ציטער פונ זײַנע פינגער אפנ קינ איז געווענ מערער אינטערעס צו דער טעמע איידער אינ זײַנ מיטשמועסערס גאנצער טיראדע.

— א פאקט איז, אז מיזינגעס האָט אײַך גיט אָנגעצונדנ, כאווער. שלעכט איז דער פראָעקט, וואָס מ'באשיצט אימ מיט אלגעמיינע פרא־

זעס... און ניט אינ דעמ נאָר איז די זאכ. איכ לייקנ ניט די פארגאנגענהייַט, נאָר ס'איז פאראנ א כילעק צווישנ פארגאנגענהייַט און פארגאנגענהייַט. וואָלכאָוובוי און דניעפּערבוי זייַנענ צו אונדז אויכ איבערגעגאנגענ פונ דער פארגאנגענהייַט, נאָר דאָרט זייַנענ אָנגעשטרענגטסטע קנופּ־פּראָבלעמעס, איבער וועלכע מ'האָט צענדליקער יאָרנ דעמ קאָפּ געבראָכנ,—וואָלכאָוובוי האָט געלייזט אנ אופגאבע פונ שיפגאנג און אנ ענערגעטישע אופגאבע, דניעפּערבוי לייזט אנ אופגאבע פונ שיפגאנג, אנ ענערגעטישע און טיילווייַז א באוואסערונג־אופגאבע. און וואָס פאר אנ אופגאבע, דערלויבט מיר אייַכ צו פרעגנ, לייזט מיזינגעס? די פראנצויזנ האָבנ געוואָלט א טורבינע אוועקשטעלנ צוליב זייערע זאוואָדנ? צי די אומגעגנט בעט זיכ אפ א הרעבליע, א פייזאזש א פּאסיקער?

— און זאגעס וואָס לייזט, זאגעס וואָס לייזט?—האָט ארויסגעבראכט פונ די קיילימ זיכ צעהיצט דער אינזשענער.—און ווייַסע קוילנ אליינ פאר זיכ איז נישט קיינ אופגאבע? ביליקע ענערגיע איז ניט קיינ אופגאבע? כעמישע אינדוסטריע...

די טיר אינ צימער אריַינ האָט זיכ האסטיק אופגעעפנט.

3

דער כאווער מאנוק פּאָקריקאָוו האָט זיכ שוינ געקליבנ צו לויפנ אפ אנ אָרדנטלעכער זיצונג און האָט מיט איינ האנט געשטופּט אינ דאמענ־פּאָרטפעל אומצאָליקע באריכטנ און מיט דער אנדערער האָט ער צוגעהאלטנ באמ מויל דעמ ציבעק, קעדיי אימ אָפּנעמענ ווי א סאָסקע און ארויסלאָזנ מיט א היסטל א רויכל פונ שטארקסטנ סוכומער טאבאק,—ווענ מאָסיע ווליפּיאנ האָט פאמיליאר און מיט דערעכערעצ אימ פאָרגעשטעלט דעמ געלט־מענטש. אמאָליקע צייַטנ האָט מאנוק פּאָקריקאָוו שטארק ליב געהאט וויזיטיאָרנ. ער האָט אפ אויסנווייניק, ווי מיר האָבנ אמאָל אינ דער יוגנט געלערנט די טאבעלעס פונ סילאָגיזמענ אינ טשעלפאנאָווס לערנביכל, געוווסט דעמ פּראָעקט מיט זייַנ גאנצער קלינגענדיקער טעכנישער טערמינאָלאָגיע, מיט דער קאָלאָנאדע ציפער און מיטנ גלאנצ פונ פארשיידענע פארופונגענ. אינ טיש זייַנענ בא אימ געלעגנ אלבאָמעג מיט אסאכ פאָטאָגראפיעס, צייַטונג־אויסשניטנ און אייגענע ארטיקעלעכ, ווייַל דער כאווער פּאָקריקאָוו, א ליבהאָבער פונ ליטעראטור, האָט אליינ אויכ אביסעלע געשריבנ. נאָר הייַנט האָט דער

פארוואלטער מיט דער ווירטשאפט אימ קאליע געמאכט די שטימונג, און דער אָנגעשטויסענער פאָקריקאָוו האָט ניט געטרויט די באזוכער.

— פארנומענ, פארנומענ,—האָט ער זיכ אָפגעהוסט,—אָט קאָנ איכ אײַכ, אויב איר ווילט... א גרונט־באריכטל... און איבעריקנס, מײַנע אינזשענערנ...

דאָ איז ער אופגעשטאנענ, און שפאנענדיק ברייט מיט זײַנע פולבלעכע פיס אינ די קראגנ, וואָס זײַנענ ענלעכ געווענ אפ פלעשלעכ פונ שאמפאניער, האָט ער האסטיק געעפנט די טיר אינ דער פראָעקטביוראָ.

— כאווײרימ, זײַט אזוי גוט!

דאָ האָט מאנוק פאָקריקאָוו געמאכט א דערקלערונג־זשעסט מיט דער האנט. ער האָט זייער געאײַלט. ער, פונ זײַנ זײַט, האָט באזאָרגט דעמ בירגער מיט א באריכטל. און איבערלאָזנדיק פאר מאָסיע וואליפיאנ דאָס צענטע מאָל צו רעקאָמענדירנ און דערקלערנ די לאגע, אינ דער צײַט ווענ דער בירגער אינ דער מאנישקע האָט מיט אופגעהויבענע ברעמענ געלייענט דאָס באריכטל, איז דער כאווער מאנוק פאָקריקאָוו אויכ האסטיק ארויסגעאנגענ, לאָזנדיק אינ צימער א סאָלידנ רייעכ פונ לעדער און פונ סוכומער טאבאק.

דאָס אָנקומענ פונ דעמ געפאקטנ באזוכער מיט דער הוט אינ האנט אינמיטנ קריג און מאָסיע וואליאפיאנס טראגישעס שעפטשענ האָט פארטריבנ דעמ ראציאָנאליזאטער אפנ פענצטער־ברעט. ער האָט פונדאָרטנ מיט דער לעבעדיקסטער וויסנגיריקײַט באטראכט מיט געשווינדע אייגעלעכ די קאָלאָריטע פיגור פונ דעמ אוירעכ. עפעס אזוינס ניט אָנצוטאפנ, א געפיל פינ סטיל האָט באצייכנט דעמ סילועט פונ דעמ בירגער אינ דער מאנישקע, זײַנ עספאניאָלקע און די פוכקע פינגער, וואָס האָבנ געבלעטערט דאָס באריכטל מיט דער ווירדיקײַט פונ א קלויסטער־מאשגיעכ.

דער בירגער איז געווענ צופרידנ. דאָס ערשטע מאָל פאר די צענ טעג, וואָס ער פארברענגט דאָ אינ שטאָט, האָט ער דערפילט א זיכערקײַט. פאר אימ זײַנענ אינ דעמ באריכטל, וואָס איז געווע אָפגעדרוקט אפ דער מאשינקע, געווענ באקענטע, זייער־זייער באקענטע זאכנ.

— איר, מײַנע הערנ,—האָט ער א זאָג געטאָנ מיט א שטײַפערשטימ, וועקנדיק דעמ געדאנק וועגנ א פארלייגטער נאָז אָדער וועגנ

ניט קיין אויסגעכראקעטן לעכעץ אין האלדז,—ווי איך זע, האָט איר אויסגענוצט די געגעבענע פון אונדזער כאריבאָווער קאָמיסיע.

— וואָס איז עס פאר א קאָמיסיע?—האָט שטילערהייט געפרעגט דער ראציאָנאליזאטער.

מ׳האָט אים דערקלערט. אגעוו, איז א פראגע, צי א נײַער מענטש אין דעמדאָזיקן לאנד וואָלט מיטאמאָל געקאָנט פארשטיין דעם אינטערעסאנטסטן שטריך פון דער פארגאנגענהײַט, ווו די באזונדערקײַט און דער כאראקטער פון דער ארבעט און אפילע די פאָרמעס פון געזעלשאפטלעכקײַט זײַנען געבוירן געוואָרן מיט דער הילף פון צדאָקע, אף נעדאָוועס פונעם קאפיטאל. כאריבאָוו, א גוויר, האָט אין די טעג פון פעווראלער פרײַהײַטן באשטעלט בא די בעסטע קעפ פון דער רעפובליק צו שאַפן א סטאטיסטיק. מיט די מאטעריאלן פון דערדאָזיקער סטאטיסטיק, וואָס איז געווען איזאָלירט ווי דער אייפעל־טורעם און קימאט אויך אזוי צילּלאָז ווי דער אייפעל־טורעם, האָט מען זיך נאָך אלץ באנוצט, ווײַל אירע רײַכקײַטן אין אומצאָליקע פאפקעס זײַנען איבערגעגאנגען צו די באָלשעוויקעס.

— יאָ, אויב איר ווילט,—האָט געענטפערט דער וועג־אינזשענער,— אָט האָט איר דאָ דעם ערשטן ווארי׳אנט פונעם פראָעקט, ער שטאמט אינגאנצן פון די ארבעטן פון דער קאָמיסיע, און אָט איז אונדזער ווארי׳אנט. דאָ זעט איר, וואָס פאר אן אונטערשייד. איר האָט געקאָנט דעם פראנצויזישן פראָעקט, דעם קאָנצעסי׳אָנערישן אף א קלײנינקער סטאנציע פון אָרטיקער באדײַטונג, און מיר בויען א גרויסע ראיאָנע סטאנציע מיט א סאָלידער מעכטיקײַט.

ער האָט גענומען עטלעכע צייכענונגען פונעם טיש.

דאָ איז געווען דער אלטער ווארי׳אנט פון דער סטאנציע מיט א קלײנינקער הרעבליע, און א צווייטער, א גראנדי׳עזער, וואָס האָט געביטן די גאנצע אומגעגנט,—דער אינזשענער האָט מיט די פינגער באַוויזן אף א הויכן פונקט אינעם בארג־שפאלט, ווו ס׳האָט געדארפט זײַן די הרעבליע אף זיבן און דרײַסיק מעטער די הייך. אביסל אופגעלעבט, האָט ער מיט שטריכן אָנגעוואָרפן די אָזערע, וואָס וועט צוביסלעכווײַז פארגיסן... וואָלט פארגאָסן, איבעריקנס, ווען דער פראָעקט וואָלט פארווירקלעכט געוואָרן. נאָר איצט בײַט זיך אביסל די זאך, אנשטאָט א הרעבליע שטעלן מיר א שליוז. אן איבערשלאָג? יאָ, ס׳איז געווען אן איבערשלאָג. פאָרזיכטיקײַט, אָט דורך וואָס עס איז ארויסגערופן.

צי מ׳וועט בויען? נו, פארשטייט זיך, מ׳וועט בויען. דער הויפט־אינ־
זשענער אין מאָסקווע האָט איבערפּראָעקטירט די שמאָלע ערטער. קיין
ריזיקע אף קיין גראָשן ניט.

ער האָט איצט גערעדט מיט א גלאטן, אנגענעם־סאָלידן קאָל.
אף זיין אויפן, אפן לאנדסקנעכטישן, איז ער געווען אף דער הייך
און האָט אויסגעפּילט זיין ראָל מיט דעם לייטישסטן טאקט. זיין רוי־
קער וואָכיקער טאָן האָט ארויסגערופן צוטרוי צו דער פירמע, צוטרוי
צו דער קענטעניש און צו דער לאנגיאָריקער קולטור פון די פּער־
זאָנען, וואָס האָבן זיך אונטערגענומען צו בויען, צו דערדאָזיקער
עטוואָס סוידעסדיקער וועלט פון העכסטער קוואליפיקאציע, וועלכע ער
האָט איצט דאָ פאָרגעשטעלט. נאָר דער קליינינקער ראציאָנאליזאטער,
כאָטש ער האָט זיך געפילט ווי א יינגל, האָט זיך דאָך ניט געקענט
איינהאלטן פון אן ארויסשפּרונג. איבערגעבויגן זיך, האָט ער ארויס־
געצויגן באַ דעם אוירעך פון האנט דאָס באריכטל.

— גיט נאָר אהער... צי דען זיינט איר דאָ אלע ערנסט איבער־
צייגט, אז די געגעבענע... ווי רופט מען זיי דאָרט, פון דער קאָמיסיע,
זיינען אונדז נוצלעך? און איך הייב אָן כוישעד זיין, אז די דעפעקט־
קייט פון דעם פּראָעקט...

דער וועג־אינזשענער האָט אַף אים א קוק געגעבן מיט אופגעהוי־
בענע ברעמען. א טיפע אופריכטיקע פארוונדערונג איבער דעמדאָזיקן
ארויסשפּרונג, איבער דעמדאָזיקן אָנפאל, מיסטאָמע עפּשער אן אומאכ־
טונג צו דער שקאָצערייַ, אפילע א שטרענגער רוף צו דיסציפלין. דאָ,
אין די ווענט פון זייער אלגעמיינעם אנשטאלט, — אָט וואָס ס׳איז
געווען אין דעם אלטן אינזשענערס בליק. אונטער דעמדאָזיקן בליק איז
דאָס קליינע מענטשל געהאט אנשוויגן געוואָרן, נאָר באלד האָט ער
זיך ווידער גענומען דרייען און שורשענדיק מיט די פּיאטעס איז ער
אראָפּגעקראָכן פונעם פענצטער. ער איז איצט געווען איינזאם אין דעם־
דאָזיקן צימער, ער איז קימאט געווען אָן געוועך. ער האָט געוווּסט,
אז מיזינגעס און צענדליקער מיזינגעסן האָבן זיך געבויט פּונקט אזוי,
לויט דער יערושע פון דער פארגאנגענהייט, און ער האָט דאָך ניט
געקענט ארויסטרעטן קעגן דער פארגאנגענהייט גלאט פארן נעמען מיטן
לעבער און מיט הוילע הענט. ניין, ער איז גאָרנישט קעגן, אז פּונקט אזוי
ווי ער איז זאָל זיך פונדעסטוועגן בויען דער מיזינגעס. דער ראציאָנאליזא־
טער האָט פעסט פארביסן די ליפּ און האָט זיך ארייַנגעשטאָכן מיט

די נעגל אינעמ פרישטשל אפנ קינ — ער האָט געטראכט אונ געשווינד באטראכט, ווי בעסער אונ גרינגער איבערצוגעבנ זײַנ געדאנק, וואָס איבערגעבנ אימ איז אימ געווענ העכסט נייטיק.

— הערט נאָר, איכ קענ ניט דידאָזיקע קאָמיסיע, נאָר נעמט א פאקט: די קאָמיסיע אײַערע לערנט אויס דאָס לאנד לויט דער באַשטעלונג פונעמ קאפיטאל. אונ וויאזוי נעמט זי דאָס לאנד? אדמיניסטראטיוו נעמט זי עס. פאר איר איז א גובערניע אָדער אנ אויעזד, די טעטיקײַט־ספערע, לאָמיר זאָגנ, פונ אנ אוריאדניק, אנ אומבארירלעכע אײנהײַט. איר סטאטיסטיק איז לויט אזוינע בלינדע קעמערלעכ, אונ פאר אונדז איז עס — אויגנדעקלעכ. אונדז היפנאָטיזירט עס, סע שטערט אונדז צו זענ. אָט האָט איר אײַכ, צומ בײַשפּיל, צוויי רעאליטעטנ אפ דער מאפע: צאָפנ אונ דאָרעמ. צאָפנ איז אינדוסטריע, דאָרעמ — א רוישטאָפ־באזע, אונ לויט דער אלטער סטאטיסטיק איז דאָ א גרענעצגעמיש אונ דאָס שטערט אונדז מיט סייכל טיילנ, שנײַדנ, צושנײַדנ, באהעפטנ, האָבנ פאר זיכ צוויי רעאלע ראיאָנענ. מיר דארפנ אונדזער אייגענעמ ניט־פארפלאָנטערטנ קנופ, אונדזער אייגענע סטאטיסטיק, — ניינ, לאָזט ענדיקנ, שלאָגט ניט איבער, ביטע! — אונ אויב איר ווילט וויסנ, דארפ איכ גאָרניט אויסלערנענ אײַערע מאטעריאלנ, אונ דיזעלבע קאָמיסיע אײַערע, קעדיי צו דערווײַזנ איר פארעלטערטקײַט, ס׳איז גענוג איינ זאכ. זאָל זײַנ, אז דער קאפיטאל אָרגאניזירט גוט, ווענ ער שטעלט זיכ א דירעקטנ צוועק, ווענ ער זעט א נוצ, אפנ הונגעריקנ מאָגנ, אויב מ׳קענ זיכ אזוי אויסדריקנ, — נאָר פילאנטראָפּיש, אפנ זאטנ בויכ שפּילט ער זיכ פאָשעט מיט שפּליטערלעכ, אונ ער אליינ, איז שוינ א סאָפעק, צי ער וואָלט לויט דידאָזיקע מאטעריאלנ ערנסט געבויט, זײַט זיכער!

ס׳האָט אימ דער אָטעמ פארכאפּט פונ דער באדערפעניש זיכ ארויסצוזאָגנ. אינ סטאטיסטיק איז דער ראציאָנאליזאטער געווענ, ווי א פיש אינ וואסער. ער האָט שוינ פארגעמיינערט, פארלאָפנ אפריער, אונ די באזונדערקײַטנ פונ דער קליינער רעפּובליק, אלצ, וואָס ער האָט באוויזנ צו באמערקנ — דאָס קוואפענ זיכ אפ בילִיקײַט, די קליינע פאָדערונגענ צו זיכ, די געוווינשאפט צו באליידיקנ זיכ, צו זעלבסטדערנידערונג, — דאָס אלצ איז ער גענויגט געווענ צו פארשרײַבנ אפנ כעזשבנ פונ פיליאָריקנ זײַנ אפ קעסט בא צדאָקע. נאָר דאָ האָט באצײַטנס אי אימ, אי אנוש מאלכאזיאנ, וואָס האָט בא דעמ ערשטנ וואָרט ווענג

צאָפּנ און דאָרעמ זיכ צוגערוקט צום ראַציאָנאַליזאַטאָר מיטנ בלאָק־
נאָטל אינ די הענט, איבערגעריסנ א שאַרפער און פרייליכער אויס־
רופ. דאָס האָט דער ספּעציאַליסט אפ בעטאָנ, וואָס האָט ארומגעבלאָנ־
קעט פונ צימער אינ צימער, פלוצלינג דאָ צווישנ די אינזשענערנ דער־
זענ די נייטיקע פּערזאָנ.

אינ דער „נייטיקער פּערזאָנ” האָט מענ מיט גרויס מי געקענט
דערקענענ דעמ פאַרשטויבטנ, מאָגערנ און צערודערטנ שעפ פונעמ
באַצירק לעוואָנ דאַווידאָוויטשנ, וואָס איז געקומענ אינ פאַרוואַלטונג
אָפּגעבנ א באַריכט. ער איז דאָ איצט געשטאַנענ ווי אנ ארמייִש סאָל־
דאַטל צווישנ די פראַנטנ פונעמ גענעראַל־שטאַב. ווי שטענדיק, אז
מ׳טראָגט אריבער מענטשנ פונ איינ געווינטער סוויווע אינ דער צווײ־
טער, האָט ער זיכ איבערגעביטנ אינ די מאַנירנ און אינ דעמ אויס־
זענ—אי די האַלטונג אנ ערגערע, אי דער העכטענער פּראָפיל שוואַכער,
אי זעלבסטזיכערקייט ווייניקער. נאָר ס׳איז געווענ נאָכ עפּעס: ווענ די
אינזשענערנ זײַנענ אָפּגעטראָטנ, קעדיי צו לאָזנ די מענטשנ זיכ צו
באַגעגענענ, און אינ דעמ צעעפנטנ קרײַז האָט ווי אינ א מעדאַליאָנ
זיכ באַוויזנ לעוואָנ דאַווידאָוויטש, האָט זיכ צוזאַמענ מיט אימ אינ
צימער ארײַנגעריסנ פראָנט. ער האָט זיכ ארײַנגעריסנ מיט די אומגע־
ווייניכע שמועקע, מיט ליימ אויסגעשמירטע שטיוול, וואָס דער שעפ
פונעמ באַצירק האָט זיי ניט באַוויזנ אינ שטאָט אויסצופּוצנ; ער האָט
זיכ ארײַנגעריסנ מיט דעמ שטויב און מיט דער צעשויבערטקייט פונעמ
פאַלטעלע, וואָס איז צעקנייטשט געווענ פונעמ ליגנ אינ וואַגאָנ; מיט
דער שטאַרקער ניט־שטאָטישער אָפּגעברענטקייט, וואָס האָט איידעס
געזאָגט אפ פרײַער לופט און טאָגטעגלעכנ ווינט,—לעוואָנ דאַווידאָווי־
טשעס צערודערט פּאָנעמ פונ אונטער דעמ היטל האָט אויסגעזענ
יונג און פריש, ווי דער מענטש וואָ״ט ערשט געקומענ צו פאָרנ פונ
א דאַטשע אָדער פונ א סאַנאַטאָריע. ער האָט צונויפגעדריקט זײַנ
פּאָרטפעל און קיינ קאָפּ זיכ ניט אינטערעסירט מיט דער קריגערײַ.
ס׳האָט אימ געערגערט, וואָס די צײַט גייט אוועק, מענטשנ זײַנענ פאַר־
נומענ מיט נאַרישקײַטנ, און די אַרבעט שטייט ניט. הינטער לעוואָנ
דאַווידאָוויטשעס פּלייצע איז, איבערײַסנדיק די קריגערײַ, געשטאַנענ
מיזינגעס,—ניט יענע, וואָס האָט זיכ געוואַלגערט אינ דעמ באַריכטל
בא דעמ היציקנ ראַציאָנאַליזאַטאָרס פּיס, נאָר דער, וואָס איז ארויס־
געטראָטנ מיט א צענדליק באַראַקנ, מיט א טויזנט אַרבעט־הענט אפ

די זײַטנ פונ דעמ לאָרישנ קאניאָנ אונ האָט געפאָדערט שפײַז, אופמערקזאמקײַט, געלט, מענטשנ, מאטעריאלנ, אינסטרוקציעס אונ אָנפירונג אונ האָט גאָר קיינ כיישעק ניט געהאט ניט צו ווארטנ, ניט צו ווערטלענ זיכ. דער ספעציאליסט אפ בעטאָנ האָט זיכ באלד אײַנגעקלאמערט אינעמ שעפ פונעמ באצירק. ס'איז נאָר געווענ מעקאנע צו זײַנ, ווי זיי ריידנ, די ביידע פראָנטאָוויקעס, וועגנ אנ אויסשליסלעכ פראָנטישנ איניענ! אונ דער, ווער ס'איז געווענ אפנ באצירק, פלעג אָנפאָרנ אהינצו, פארשעלטנדיק דעמ צײַטווײַליקנ, ניט־באקוועמענ נאכטלעגער אינעמ באראק, האָט איצט זיכ דערמאנט אינ דער שארפער פרישער לופט פונעמ קאניאָנ, אינעמ גערויש פונעמ טײַכ, אינ דעמ פלי פונ די פייגל, אינעמ רייעכ פונ ערד אונ ליימ, אינ די רויכלעכ איבער די באראקנ, — מיט איינ וואָרט, אינ אלעמ דעמ, וואָס נאָכ מאָרגנ אינדערפרי דארפ דערזענ דער ספעציאליסט אפ בעטאָנ, אויב ער וועט זיכ צונויפרעדנ מיט דעמ שעפ פונעמ באצירק וועגנ דער פעלד־לאבאָראטאָריע אונ וועט באנאכט מיט אימ ארויספאָרנ אפ דער בויונג.

אנוש מאלכאזיאנס פראגע איז געבליבנ שטעקנ ניט קיינ ארויסגעזאָגטע.

דער מענטש אינ דער מאנישקע האָט זיכ לאנגזאמ אופגעהויבנ, אָנציִענדיק די הענטשקע אפ דער לינקער האנט. די געווינשאפט צו געפינענ אינ מענטשנ אונ אינ זיכ זעלבסט א פארבאהאלטענעמ זשעדנעמ אינטערעס צו געלט, צו אלצ, וואָס האָט א שײַכעס צו געלט, אפילע דאנ, ווענ דאָס געלט איז ניט דערגרייכבאר, די געווינשאפט צו פילנ מאכט איבער מענטשנ, דערוועקנדיק אינ זיי דעמדאָזיקנ באהאלטענעמ פײַער, האָט זיכ נאָכ בארעכטיקט נאָר אפ איינ מאָסיע ווליפיאנענ, — אי דאָס איז מאָסיע ווליפיאנ איצט געווענ ניט דערלאָזבאר צעשטרײַט. דער שאָליעכ פונעמ קאפיטאל האָט באליידיקט זיכ געלאָזט גיינ פונ צימער. אזויווי פריִער האָט ער אפ איינ רעגע איבערגעלעבט די בוטאפאָריע פונ זײַנ מאנישקע, זײַנ הוט אונ זײַנ גאלקע, אזוי האָט זיכ אימ איצט אויסגעוויזנ ווי א בוטאפאָריע (עמעס, אויכ נאָר אפ איינ רעגע) — אויכ דער מיליאָנ וואליוטע, מ'זאָל אימ אפילע פארגלײַכנ מיט יענע סוידעסדיקע עלפ רובל פונעמ סאָוועטישנ ביודזשעט, וואָס זײַנענ אסיגנירט געוואָרנ אפ אָפהיטנ דענקמאָלנ פונ אלטערטומ!

טרעטנדיק פֿעסט מיט זײַנ קלײנער פּולבלעכער פֿוס אינ דער ברוי־נער קראגע, האָט זיכ דער כאווער מאנוק פּאָקריקאָוו אומגעקערט פֿונ דער לעצטער זיצונג אהיימ.

דאָסדאָזיקע הויז איז שוינ דעמ לעזער באקאנט. אונדז איז אויס־געקומענ בא גאָר אנדערע אומשטענדנ ארײַנטרעטנ אינ דעמ, שמעקנ דעמ רייעכ פֿונ די פֿרירנדיקע, אפֿ די שטיינער אויסגעפֿליוכעטע פּאָמע־ניצעס, אָנבייגנ דעמ קאָפּ אונטער די שטריק מיט צעהאנגענעמ וועש אפֿ טריקענענ אונ זיכ אופֿהייבנ אפֿ די זייער הויכע אונ חטרימקע טרעפּ ארופֿ. פּאָקריקאָוו האָט אויסגעמיטנ די ערשטע טיר, ווו ס׳האָט פֿריִער געוווינט מארדזשאנע אונ איצט האָט דאָ איינער אליינ געבא־לעבאטעוועט איר מומע; פֿונ דער צווייטער טיר האָט ער ארויפֿגעריסנ א שטיקעלע פּאפּיר מיט גרויסע ארמענישע בוכשטאבנ,—דאָס ווײַב האָט אימ מיטגעטיילט, אז זי איז אוועק צו דער שוועסטער,—אונ האָט מיט זײַנ שליסל געעפֿנט די טיר. ס׳איז שוינ געווענ פֿינצטער. אינ די פֿענצטער האָט געגלאנצט פּראָסט־טוי. א קליינ הויל לעמפּל, אנ אָרעמס ווי אינ אנשטאלט. אינ צימער איז געווענ צו באמערקנ צוויי ליניעס—זײַנ ליניע אונ בא דער ווײַב איר ליניע: דאָס טישל אינ ווינקל, ווו־הינ ס׳איז איצט אוועקגעפֿלויגנ דער עלעגאנטער דאמענ־פּאָרטפֿעל, דער טאבאק, וואָס איז געווענ צעשאָטנ אומעטומ ווו מ׳האָט ניט געדארפֿט,—דאָס איז געווענ דעמ כאווער פּאָקריקאָווס ליניע. דעמ ווײַבס ליניע האָט זיכ אויסגעדריקט אינעמ ברייטנ צעשטעלנ די שטולנ, אזוי אז ס׳האָט זיי קיינ אָרט ניט געקלעקט, אינ דער בייזער אומאָר־דענונג פֿונ די מאלבושימ אפֿנ הענגער, ווו ס׳האָט זיי קיינ אָרט ניט געקלעקט, פּונקט ווי יעדערער פֿונ זיי וואָלט געלעגנ אפֿ א באזונדער קערפּער אונ דער קערפּער וואָלט געפֿאָדערט אָרט, אינ דער אופֿרעגנ־דיקער ענגשאפֿט פֿונעמ געפֿעס, וואָס האָט זיכ געוואָרפֿנ פֿונ טיש אפֿ די בענקלעכ, ווי לויפֿנדיק ערגעצ. מ׳האָט ניט געקענט באשולדיקנ דעמ־דאָזיקנ צימער אינ מעשטשאנישקײַט, נאָר ס׳האָט דאָ געלעבט איינ געדאנק, וואָס איז ענלעכ געווענ אפֿ א קרענק: א געדאנק וועגנ דער ניטווענדיקײַט נאָכ אינ א צימער, וועגנ פֿולקאָמער אומעגלעכקײַט אײַנ־צואָרדענענ זיכ אונ צעשטעלנ זיכ אינ פֿיר ווענט, אונ אויב רעדנ וועגנ צוגאָב־ווינשעטעכ, איז דאפֿקע נאָר וועגנ דעמ שכיינעסדיקנ צימער,

וווהין ס'האָט אפילע געפירט א צוציִענדיקע פארקלעפטע טיר. דאָרט, אין קישעפדיקער היימלעכקייט, מיט אן ארויסגאנג אפן דאכ, ווו ס'האָבן אפילע איצט אונטערן שניי געבליט בלומענ אינ טעפלעכ, פונוואנענ מ'האָט געקאָנט זען מאסיס אינ זייַנ גאנצער ליכטיקער גרינגקייַט, ווי אן אופגעגאנגענער קוכן, וואָס שווימט אפ א טעלער, ווו אונטער דער סטעליע האָבן מיט צארטן אָפּגלאנצ געשייַנט די אָנגעמאָלטע „מאָטיוו־לעכ", ווו די ליידיקע טאכטע האָט איידעס געזאָגט אפ דער אָפּוועזנ־הייַט פונ דעמ הויפּט־אייַנוווינער,—דאָרט וואָלט זיכ געדארפט אייַנאָרדע־נענ די פרוי פונ א פאראנטוואָרטלעכנ טוער, ניט עפּעס אן אומ־פּארטייִשע אלטע...

נאָר ביידע ליניעס זייַנענ אייַנגעפאלנ מיטאמאָל, ווי רעלסנ אי־בער אן אָפּגרונט. אבי ניט צו הערנ אנוש מאלכאזיאנס שאָדנפריידיק קאָל: „איר פּאָרט דאָכ אוועק, כאווער, איז אפ וואָס דארפט איר מייַנ צימער?"—איז פּאָקריקאָווס ווייַב איצט געזעסנ בא דער שוועסטער. קעדיי ניט צו הערנ זייַנ ווייַבס שנייַדנדיקע שטימ, איז מאנוק פּאָקרי־קאָוו ניט געגאנגענ נאָכ איר, נאָר ער האָט זיכ אוועקגעזעצט באמ ליידיקנ טיש אָנ מיי און אָנ אָוונט־ברויט און האָט זיכ גענומענ טריי־בערנ די „עפּאָכע",—ער האָט איינס נאָכנ אנדערנ ארויסגענומענ פונעמ פּאָרטפעל דורכגעשפּיליעטע באריכטלעכ, באריכטנ, סמעטעס. ווענ דער געלער וואָלט דאָ איצט געווענ אינ דעמדאָזיקנ צימער אן ארכיווארִיוס, איז מעגלעכ, אז ער וואָלט אונדז דערציילט וועגנ דער אוועקגייענדי־קער עפּאָכע, ווי וועגנ דער ווייַטער טשיגדימער סטאנציע, און פּאָ־קריקאָווס פּאָרטפעל וואָלט פארעלטערט געוואָרנ פאר אונדזערע אויגנ, פּונקט ווי די טשיגדימער פּאפּקע, און וואָלט באטייַט א נייַעמ, העכערנ עטאפּ, וווהין עס הייבט זיכ אופ אונדזער ווירטשאפט. נאָר דער געלער איז דאָ ניט געווענ. איבעריקנס, איז דער געלער דאָ יאָ געווענ, נאָר ער איז געווענ אפ גאָר א באזונדער אויפנ. דעמ כאווער פּאָקריקאָווס פולבלעכע פיסלעכ אינ די קראגעס האָבנ זיכ ארומגעדרייט ארומ די פעדערשטע פיסלעכ פונעמ שטול — זייַנ באליבטע פּאָזע נאָכ פונ דער קינדהייַט — און ער האָט נאָר־וואָס זיכ געקליבנ אָנצינדנ זייַנ ציבעק, ווי ער האָט מיטאמאָל א ציטער געטאָנ און איז אופגעשטאָנענ פונעמ שטול· ער האָט זיכ דערמאנט א נישטיקנ, נאָר זייער אן אומאנגענעמענ שמועס, וואָס האָט בא דידאָזיקע אומשטענדנ געקענט זיכ פארוואנדלענ אינ ערנסט. איינער א גוטער־פרייַנט, וואָס האָט א שייַכעס געהאט צו

א געוויסן אנשטאַלט, האָט געוואָרנט דעם כאַוועֶר פּאָקריקאָוו פאַר דעם געלן אָפּן באַצירק.

דאָרט איז בא דיר דאָ איין „פּרוקט״, א געלער באָכער, פון פאַריקמאַכערס, איז בעסער נעם אים צו, ווייַל אין דעם אנשטאַלט האָב איך געהערט,—קיין פּראָטים, צום באַדויערן, ווייס איך ניט,—האָט מען איבער עפּעס זיך פאַראינטערעסירט מיט דעמדאָזיקן „פּרוקט״.

וואָס פאַר א געלער און וואָס פאַר א פאַריקמאַכער, האָט פּאָקריקאָוו קיין באַגריף ניט געהאַט. אָפּן באַצירק איז ער שוין ניט געווען א כוידעש, און הייַנט האָט ער נאָך ניט באַוויזן צו כאַפּן לעוואָן דאַווידאָוויטשן און צו פאַנאַנדערפרעגן זיך בא אים. נאָר ס׳איז קלאָר געווען, אז דעם גוטן־פרייַנטס וואָרענונג האָט מען ניט געטאָרט פאַרגעסן. יעדער סוקל האָט איצט געקענט פאַרוואַנדלט ווערן אין א באַלקן פאַר אים. וואָס ס׳זאָל זיך ניט טרעפן, וועט ער זייַן שולדיק, כאָטש א פאַרבאָרגענער, ברענענדיקער און אין דער העכסטער מאָס שענדלעכער געפיל האָט אים געשעפּטשעט, אַז ס׳וואָלט גוט געווען, ווען איצט טרעפט זיך עפּעס, ס׳וואָלט גוט געווען, ווען ס׳טרעפט זיך עפּעס דאַפּקע אָן אים, און מ׳זאָל וועגן אים זשאַלקעווען; ס׳וואָלט גוט געווען, ווען די שוועריקייַטן וואָלטן גרעסער געוואָרן, ווען דער אוילעם וואָלט פאַרשטיין, אז ס׳איז גאָרניט אזוי גרינג צו טון א זאַך און... קימאַט א פיזישע ברענענדיקע אייפערזיכט, ווי צו א פרוי, וואָס גייט אוועק צו אן אנדער מאַן, איז בא מאַנוק פּאָקריקאָוון געווען צו מיזינגעס,—ס׳וואָלט אומנאַטירלעך געווען צו ווינטשן גליק דעם נייַעם פּאָרפאָלק! נאָר די פראַגע וועגן דעם געלן איז גאָר עפּעס אַנדערש: דער געלער האָט געהאַט א שייַכעס צום דעבעט פון זייַן אייגענעם האָכנאָסע־הויצאָע בוך. דער כאַוועֶר מאַנוק פּאָקריקאָוו איז צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן און האָט שאַרף א קלונג געטאָן אין אַלע ערטער, ווו מ׳האָט געקענט כאַפּן דעם שעף פונעם באַצירק.

דאָס קלינגען האָט זיך צעטראָגן איבערן הויז און האָט אַרויסגערופן אינעם צווייטן צימער שאָדנפריידיקע געלעכטערלעך. דאָרט בא אַנוש מאַלכאַזיאַנ זייַנען געזעסן געסט.

די נייַס האָט נאָך ניט באַוויזן איבערצוגיין איבערן שטאָט צוזאַמען מיטן שניי, ס׳האָט נאָך ניט באַוויזן אויפצוהייבן דעם הענג־בריק, ווי די אייַנוווינער פון דער שטאָט מאַסיס האָבן לויט אַן אומפאַרמייַדלעכער אַסאָציאַציע זיך דערמאָנט אין דער לערערן און אין איר פלימעניצע.

די ערשטע האָט זיך צוגעשטעלט די קאָלעגע סאטעניק מעלקאָנאָווא, גלאנצנדיק מיט באָמבעלעך אפ די אויערן און ברעכנדיק דעם ביינערנעם פאָנעם אין א שמייכל. נאָך פינעם שוועל מיט דעם אנגעגעמסטן קאָל, וואָס זי האָט אים געהיט אויסשליסלעך פאר מענער, האָט זי באגריסט די ליבע „דזשאנטשיק". די ליבע דזשאנטשיק, ווייזט זיך ארויס, איז געווען ניט אין קורס, זי האָט נאָך ניט געהערט די הויפט־נייַס.

— ער גייט דאָך אויך אוועק, ליבינקע מיינע! — האָט מיט א הויכן שעפטשען געזאָגט סאטעניק מעלקאָנאָווא, מאכנדיק זיך, אז זי באמערקט ניט די זויערקייט אפ דער לערערנס פאָנעם, וואָס האָט ניט געקענט פארטראָגן קיין געסט. אירע ווערטער האָט זי דערקלערט מיט א זשעסט: איר ציגיינערשער פינגער מיט א גרויסן געבלאָזענעם גאָלדענעם רינג, א רויטער פון מאניקיור און מיט ניט קיין גאָר ריינעם נאָגל, האָט פייַערלעך זיך א הייב געטאָן צום פענצטער. דאָרט הינטערן פענצטער אין דער פינצטער האָט געשיינט דאָס שכיינעסדיקע צווישטאָקיקע הויז, ווו ס'האָט געוווינט די אָפיציִעלע פערזאָן. אכט פענצטער פארגאָסענע מיט שיַין האָט מען גוט געזען פונעם צימער, און זיי האָבן דערמאנט אן אקוואריום, ווו דער דינסטער טייל פון די גארדינען האָט זיך געהוידעט אזויווי וואסער, און הינטער דעם טייל איז הין און צוריק אומגעגאנגען ווי א גרויטער אומרויִקער פיש די אָפיציִעלע פערזאָן, שאָקלענדיק אנשטאָט זשאברעס מיט זייַנע אייגענעם שאָטן אפן וואנט. דאָס טונקעלע שטעכיקע פארקעמטע טשובּיקל האָר, די לעכער פון די אויגן, א פאפיראָס אין מויל, א שטאָלטנער, אין א גוט אופגענייטן פרענטש, איז דער מענטש ארומגעגאנגען פארביַי דעם טיש, ווו עס זייַנען געזעסן מענטשן, פארביַי די ליידיקע ווינקלען פונעם שלאָפצימער, פארביַי די פענצטער און איבערגעכאזערט נאָכאמאָל אזויווי ער האָט אָנגעהויבן. דאָס איז געווען דערזועלבער פאסאזשיר, וואָס האָט זיך מיט קיין זאך באזונדערס ניט אויסגעצייכנט, וועלכער איז ניט לאנג געפאָרן אין טיפליס. ער איז געגאנגען הין און צוריק, רויכערנדיק איין פאפיראָס נאָכן צווייטן, און האָט זיך ניט אויסגעקערעוועט אפ די שמועסן, וואָס באם טיי־טישל, ווו ס'איז געזעסן זייַן יונגינקע ווייַב צוזאמען מיט איר שוועסטער, מיט דער גראָבער מאדאם פאָקריקאָווא. טיילווייַז, קעדיי דאָס אלץ צו זען און קעדיי זיך אונטערכאנפענען צו איר קאָלעגע, האָט סאטעניק מעלקאָנאָווא, ניט ווארטנדיק אפ קיין שום אייַנלאדונג, אופגעהאנגען אפן העקל איר פלירשן אויבערשט. דער צימער האָט

זיך אָנגעפילט מיטן רייעך פון פארפיומען און מיט דעם עסעריקן רייעך פון ווײַבערשן לײַב, וואָס היט זיך פאר וואסער. אראָפציענדיק איר קורצינק קליידעלע אפ די קני, האָט סאטעניק זיך אוועקגעזעצט אפן פענצטער.

— זיי לעבן, ווי די בורזשויעס האָבן געלעבט, — האָט זי פארביסן געזאָגט, — טוט נאָר א קוק, אפילע ניט צוגענומען דעם דעמבענעם שראנק און די טעפיכער קאראפעטאָוס. און די אומגליקלעכע קאראפעטאָוס האנדלען מיט אלטווארג אפן מארק. דער ראָיאל — דער ראָיאל! אך, דזשאנטשיק, איך קען ניט, אפילע דער טיי־סערוויז קאראפעטאָוס, איך קען ניט.

— לאָזט אים צורו, — האָט אנוש מאלכאזיאן אָפגעשניטן. די נײַס האָט זי ניט שטארק אָנגערירט. ווי שטענדיק, האָט זי אין דעם פונקט ניט פארשטאנען מארדזשיקן. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אז די זעלבסטליבע איז דאָ אין דער גאנצער געשיכטע דער איקער, און שוין ווי זייער א לאנג פארגאנגענע איז אופגעשטאנען די צײַט, יענע צײַט, ווען מארדזשאנע איז דאָ געזעסן, ניט אָנצינדנדיק קיין פײַער, אויך פונקט אזוי, אפן פענצטער, מיט א שאלעכל אף די אקסלען, ווי אין א פאנצער. דער פלימעניצעס צארטער פראָפיל, די שוואלביש פארהויבענע ברעמען, אירע עלנבויגנס הוילע פון אונטער דעם שאלעכל און די מוטאקעס אף דער טאכטע, אָרעמע מוטאקעס, אינגאנצן פאריאָסעמט געוואָרן, — נו, איז דען ניט קיין פארשוועכונג ארײַנצולאָזן אהער סאטעניקן מיט איר רייעך פונעם מויל. לײַדנדיק פון דעם, וואָס מ'האָט צעשטערט איר איינזאמקײַט, האָט די אומגעדולדיקע אנוש מאלכאזיאן אין די געדאנקען געטריבן סאטעניקן, אָפהיטנדיק פון איר קוק דאָס סוידעסדיקע ווינקל מיט די העפטן און מיט דעם בלאָקנאָט, ווו זי איז נאָר וואָס געזעסן און האָט געארבעט. נאָר סאטעניק האָט באקומען שטיצע פון א צווייטן גאסט. אָן א קלאפ געעפנט די טיר, האָט אין צימער ארײַנגעקוקט אן אלטע.

— ווו איז מארדזשאנע? — האָט זי געפרעגט אין טיר: — האָסט געהערט, טײַערע, מ'נעמט אים צו, דעם יונגנמאנטשיק, א, אויסמעסטן זאָל איך אים מיט אן ארשין! [1]

די ארײַנגעקומענע — א ווײַטע קרויווע, די זיבעטע וואסער אין קיסעל, איז שוין אסאך יאָר, פון זינט מארדזשיק איז אוועק אין פאה־

1 א פאָלקס־אויסדריק: „א, שטארבן זאָל ער". מיט אן ארשין מעסט מען דעם מעס, ווען מע נייט אים טאכריכים.

טיי, ניט געגאנגענ אהערצו. די אָנשטענדיקײַט האָט געפאָדערט א געשריי צו טונ, זיכ א וואָרפ טונ איר אנטקעגנ. אויסער דעמ, האָט זיכ נאָכ געטראָגנ א קלאנג, אז בא דער אַלטער יעווּפראָסיניע אבגאראָווּנע איז א שלעכט אויג. דער אַלטערס פאָנעמ, א קײַלעכיקס, א גלאטס, א ברייטערס פונונטנ, ווי א מאָרדע פונ א היפּאָפּאָטאמ, איז געווענ רויט, אונ די קליינע אייגעלעכ זײַנענ אינ דעמ פארפאלנ געוואָרנ, ווי ראָזשינקעס אינ טייג. צעעפנט אפ אויסטריקענענ דעמ רעגנשירמ אונ אימ אוועקגעשטעלט אינ ווינקל, האָט די אלטע זיכ צוגעלייגט מיט אירע פארמאכטע ליפנ, אונטער וועלכע זי האָט פעסט צונויפגעקלעמט אירע אָנצאָניקע יאסלעס, פריִער צו אנושנ אונ דערנאָכ צו סאטעניק מעלקאָנאָווא אונ האָט זיכ צוגעזעצט אפנ סאמע מיט דיוואנ. פונקט דאָ האָט א קלונג געטאָנ דער נערוועזער טעלעפאָנ בא מאנוק פאָקריקאָוונ אינ צימער. דער פאָספאָר איז נאָכ געווענ אָנגעצונדנ בא אנוש מאלכאזיאנ אינ מארכ אונ האָט ארויסגערופנ אנ אנגענעמע קלאָרקײַט פונ געדאנק אונ א באדערפעניש צו ארבעטנ. זי האָט זיכ באוועגט איבערנ צימער, ווי א סאָמנאמבול, — זי זאָל אימ נאָר ניט פארלעשנ אונ ניט איבערשלאָגנ די ארבעט, אָבער אינ טאָכ איז שוינ די זאכ געווענ א פארפאלענע. דער שווערער אַלטער היפּאָפּאָטאמ וועט ניט אוועקגיינ אָנ טיי, אונ מ'דארפ גרייטנ טיי אונ געבנ רעפליקעס. צוהערנדיק זיכ מיט איינ אויער, האָט זי אינ די געדאנקענ אויסגעקערט פונעמ צימער דעמ שמוצ. אונ דער שמוצ האָט געשלאָסנ צווישנ זיכ א פארבינדונג: סאטעניק האָט, ווי א באָבע, זיכ צוגעהערט צו יעווּפראָסיניע אבגאראָווּנעס מויל, כאפנדיק אירע ניט־בענימעסדיקע רייד. יעווּפראָסיניע אבגאראָווּנע, א צופרידענע פונ דער אופמערקזאמקײַט, האָט זיכ ארויסגעזאָגט:

— האָט זיכ צעקלונגענ, דער האָנ, — איינער האָט געפאטערט דאָס מיידל, דער אנדערער שארפט די ציינ אפנ צימער...

— מומעלע, — האָט געלאָזט הערנ איר שטימ מאלכאזיאנ.

— נו וואָס, „מומעלע“? צי האָט ער דיר שוינ עפשער אויכ פארדרייט דעמ קאָפּ אפ דער עלטער? פונ ליבע צו דער פרעזשעניצע לעקט מענ דאָס הענטל פונ דער סקאָווּרעדע. אָט וועל איכ גיינ א קוק טונ, וויאזוי זיי וועלנ זייערע ווײַבער פירנ צומ וואָקזאל, — דו לייג מיר ניט קיינ צוקער אינ גלאָז ארײַנ, לייג מיר ארײַנ צוויי לעפעלעכ אײַנגעמאכצ, — איכ וועל גיינ אפנ וואָקזאל א קוק טונ, איכ וועל זאָגנ דעמ יונגנמאנטשיק א פאָר ווערטער...

— מומעלע, — האָט ווידער א זאָג געטאָנ די לערערנ.

— איז ארייַנגעגאנגענ אינ א דאָרפ, ווו ס'איז קיינ הונט ניטאָ, אונ איז ארומגעגאנגענ אָנ א שטעקנ!

אפ דעמ אפאָריזמ האָט זיכ די אלטע צייַטווייַליק בארויִקט אונ האָט געוואָרט, ביז אנוש וועט צוזאמענ מיט סאטעניק מעלקאָנאָווא צורוקנ צו איר דעמ טיי־טיש. דעמ עמעס זאָגנ, האָט שטארק האסטיק א רוק געטאָנ אפ איר די לערערנ דעמ גרויסנ טיי־טיש, ווו די מוזיק פונ טעצלעכ אונ פונ לעפעלעכ אינ גלעזער האָט מיט א גוואלד־געשריי געקלונגענ, אָפשפיגלענדיק דעמ גוואלד־געשריי פונ אירע אייגענע טויזנטער געדאנקענ. דאָרט אינ ווינקעלע זייַנענ געלעגנ די קינדערשע העפטנ, זייערע אומשולדיקע, ליבע בוכשטאבנ האָבנ אומגעפויזעט איבער די העפטנ אינ דער גאנצער פרייד פונ זייַנ; דאָרט איז א ריינער, ווי די קינדער, אונ פונקט אזא פרייליכער דער פלאנ, וואָס זי האָט קרומ איבערגעטראָגנ אפנ קארטאָנ, טיילווייַז לויטנ זיקאָרנ אונ טיילווייַז לויט די פארצייכענונגענ אינעמ בלאָקנאָטל, ווו צאָפנ אונ דאָרעמ האָבנ זיכ איבערגערופנ, צאָפנ אונ דאָרעמ האָבנ געוואָרט אפ א פארבינדונג; דאָרט האָט א מאָגער זשורנאלכל וועגנ דער רעפובליקאנער ווירטשאפט, נאָכ ניט קיינ צעשניטענער, געוואָרט אפ איר אלט ביינערנ מעסערל, — אונ דאָס אלצ איז הייַנט אומגעקומענ, אפ זיכער אומגעקומענ, אינ בעסטנ פאל (אז דער טאָג זאָל אומזיסט ניט פארפאלנ ווערנ) וועט זי נאָכ עפשער באוויַיזנ אָנצושרייַבנ א בריוועלע מארדזשאנענ אי וועגנ דעמ צימער (דער צימער בלייַבט), אי וועגנ יענעמ מענטשנ (דער מענטש גייט אוועק)...

— דערשטיקנ ווילט איר מיכ מיט אייַער טיש! שוינ גאָר, מוטער מייַנע, די געדאנקענ פארלאָרנ, — האָט אָנצאָניק א געשריי געטאָנ יעוופראָסיניא אבגאראָוונא, אָנשפארנדיק זיכ מיטביידע הענטלעכ אינ דעמ אָנגעפלויגענעמ טיש.

5

דער שניי האָט זיכ דורכגעטראָגנ איבער דער שטאָט מאסיס אונ איז אוועק.

די שניי־וויכערס האָבנ זיכ נאָכ געדרייט איבערנ וועג פארבייַ די טעלעגראפ־סלופנ, וואָס האָבנ אוועקגעטראָגנ פונ שטאָט אומענדלעכע דראָטנ, נאָר איבער די דראָטנ, האָט זיכ געדוכט, זייַנענ אויכ געלאָפנ

רעשטלעכ פונעמ שטורעמ. די דראָטנ האָבנ אינ אומעטנדלעכנ ציטער גע־טראָגנ אונ איבערגעגעבנ פונ דער שטאָט מאסיס די רעזולטאטנ פונעמ שטורעמ, די מוזיק פונ מאָרזע. אינ אנ איינזאמענ צימער האָט אנ אלטער טעלעגראפיסט געדרוקט מיט דער האנט, מיט א שווייסיקער אונ א גערולדיקער, אויסגעטאנצט אפנ אפאראט די כידעשדיקע קאָמבינאציע פונ צוויי קלעפ — א לאנגנ אונ א קורצנ. דער פײַנסטער רעגוליאטער פונ קלאנגענ, דער טרעגער פונ ריטמ, די מענטשלעכע האנט איז גע־לעגנ אפנ אפאראט אונ ווי זי וואָלט פולסירנ מיט אימ צוזאמענ.

צוויי לאנגע, דרײַ לאנגע, דרײַ קורצע, פיר קורצע, א קורצער, צוויי לאנגע, א קורצער, א לאנגער.

— מאָסקווע, — האָט אויסגעקלאפט דער טעלעגראפיסט.

אונ ערגעצ האָט א געווינטער אויער אופגענומענ די קלעפ, לויטנ קלאפנ איבערגעלייענט זיי אינ געדאנק, ווי מיר לייענענ מיטנ אויג דעמ שריפט.

קיינ מאָסקווע איז געגאנ אנ עקסטרע מיטיילונג וועגנ דעמ, אז אפנ אָרט פונעמ אוועקגייענדיקנ פּאָקריקאָוונ ווערט באשטימט פאר א שעפ דער הויפט־אינזשענער פונ מיזינגעס.

דער הויפט־אינזשענער האָט שפעט אינאָוונט זיכ אומגעקערט פונ א באשליסנדיקער זיצונג צו זיכ אינ האָטעל.

וועגנ דער באשטימונג האָט ער נאָכ גאָרנישט ניט געוווסט. מיט אימ זײַנענ געגאנגענ נאָכ מענטשנ, אונ דער מאָסקווער פרילינגדיקער שניי האָט ווייכ געגלאנצט אפ דער עלעקטרישער שײַנ. די מיטגייער האָבנ גערעדט, ליכט־רעקלאמעס האָבנ גערופנ צו פײַערנ א ניצאָכנ, ס'איז געגאנ א רייעכ פונ א רעסטאָראנ, ס'האָבנ זיכ געגליטשט איבערנ נאסנ אספאלט עלאסטישע שינעס, דער נאטירלעכער נארקאָז פונ א גרויסער שטאָט האָט געהאלטנ אינ דעמ מענטשנ די אופלעבונג, ווי א קאָרעק האלט דעמ קוילנזויער אינ א פלעשל, נאָר ווענ מ'זאָל פאל־מעסנ דעמ מענטשנ, וואָס האָט ערשט באשיצט א פראָעקט אונ האָט איבערגעלעבט א גוואלדיקע אופלעבונג אונ איצט גייט ער מיט אנ אופגעהויבענעמ קאָלנער איבער מיאסניצקע, וואָלטנ מיר פּריִער פונ אלצ, ווי בא א שפעטנ פאלמעסנ, באמערקט אינ אימ א קרענק.

דער הויפט־אינזשענער פונ מיזינגעס האָט אינ קעגנזאצ צו זײַנ שעפ, דעמ כאווער פּאָקריקאָוו, פארטראָגנ ניט געקענט קיינ ליטעראטור. דעמ

עמעס זאָגנדיק, האָט ער לאַכלוטנ ניט געקענט קיינ ליטעראטור אונ ער האָט אפ איר געקוקט, ווי גרויסע קוקנ אפ קינדער־שפיל, אונ ער האָט געהאלטנ פאר נאָרמאל אפילע די גוואלדיקע אנאלפאבעטישקייט פונ די צייטונג־נאָטיצנ, וואָס האָבנ געפּלאָנטערט טורבינעס מיט וואסער־דרוק־טרויבנ.

ער האָט געפירט גרויסע געשעפטנ. עטלעכע יאָר האָט ער געארבעט אפ דער וואסער־ווירטשאפט אינ ארמעניע, אונ די מאפּע, וואָס האָט פארכאפּט די לערערנ, ווו די נעצ קאנאלנ אלטע, נייע, נייסטע אונ קינפטיקע האָט זיכ איבערגעפלאָכטנ אינ א קאָמפּליצירטנ געפלעכט, איז געווענ זיינ ארבעט. גראָד דידאָזיקע פלאכ־טייל פונ ארמעניע, ווו דיקטירט האָט די וואסער, ווייל ס'איז ניט געווענ קיינ וואסער, ווו דער מאנגל אינ וואסער איז געווענ דער אָרגאניזאטער פונ שטייגער, פונ קולטור, פונ ווירטשאפט,—גראָד זי האָט אימ געצויגנ צו זיכ פארשארפנדיק זיינ געדאנק מיט טויזנטער טעכנישע אייַנפאלנ אונ האשאָרעס. דאָ איז געווענ די ביליקע קילאָוואט־שאָ, די ביי־קילאָוואט־שאָ, וואָס האָט זיכ געגעבנ אינ האנט אריינ דערעכאגעוו, ווי ס'גיט זיכ דערעכאגעוו די אָפּגייענדיקע ווארעמקייט אָדער די גאזנ בא פארברענענ קאָקס. ענערגיע, ווי א ביי־פּראָדוקט פונ דער ברייטסטער וואסער־ווירטשאפט,—דאָס איז געווענ דעמ אינזשענערס געליבטסטער געדאנק: צעשפּאלטנ א וואסער־ארטעריע, באוואסערנ טויזנטער הא, אויסקאָמפּינירנ באוואסערונג־באצירקנ. אונ נאָכנ אויסנוצנ זי לאָזנ די וואסער אפ א מישפּאָכע טורבינעס אינ א סיסטעמ פונ קאסקאד־סטאנציעס,—דאָס איז די קאָמפּליצירטסטע אונ פארכאפּנדיקסטע אופגאבע, ווו צוויי האָזנ ווערנ געהארגעט מיט איינ זעצ. די וואסער־פּראָבלעמ פונ ארמעניע האָט ער אויסגעטראָגנ אונ דורכגעפילט. זיינ געדאנק איז אינגאנצנ געווענ פארנומענ מיט די פראגעס פונעמ דורכשניט פונ די קאנאלנ, פונ שליוזירנ זיי, פונ דער בעסטער טעכנישער פאָרמע אפ צו באקומענ דעמ ביי־פּראָדוקט, די ביליקע קילאָוואט־שאָ ענערגיע.

צו צאָפּנ, ווו די וואסער האָט גאָרנישט ניט דיקטירט אונ האָט קיינ ראָל ניט געשפּילט אינ דער ווירטשאפט, איז דער אינזשענער געווענ פולקאָמ גלייכגילטיק. מיזינגעס איז איבערגעגאנ צו אימ גאָרניט לאנג אונ גרייטערהייט, אינגאנצנ ווי ער איז געווענ, אינ דער געפּוצטער היילפּלאָזיקייט פונ זיינע פּאָרהאנאָכעס,—א ניט־באגרינדעטער אונ א צווייפלדיקער פארנ בויער, א געפערלעכער פּראָדוקט פונ פּאָרמעלע

באריכטנ און פונ אָנצאָליקע באריכטלער, ווו די צאָל האָט ביז דער אומענדלעכקײַט געברעקלט די פאראנטוואָרטלעכקײַט. „און דער סאָפ וועט זײַנ, אז פאראנטוואָרטלעכ וועל איכ זײַנ", — איז געווענ דער ערשטער געדאנק פונעמ הויפט־אינזשענער. נאָר ווענ דערזעלבער מיזינגעס האָט געליטנ א בראָכ, און ס'האָט זיכ אויסגעלאָזנ, אז ער דארפ דערפונ לײַדנ און דארפ איבערשנײַדנ, האָט ער לויט געוווינשאפט מאָבילעזירט אלע זײַנע קרעפטנ: „איכ וועל דורכפירנ, און דערנאָכ וועל איכ זיכ אָפזאָגנ", — אָט מיט וואָס ער האָט געלעבט אינ דידאָזיקע טעג פונ דורכויסיקער שלאָפלאָזיקײַט, פונ אָנגעשטרענגטע שאָענ איבער די פראָעקט־צייכענונגענ, פונ פארמאטערנדיקנ באשעפטיקנ זיכ מיט מיטארבעטער, מיט זייער זעלבסטליבע, מיט זייער איבערטראכטנ און מיט זייערע שטימונגענ. א קוק טונ אפ אימ — וואָלט קיינער ניט געזאָגט, אז דער הויפט־אינזשענער שלינגט אראָפ א פארדראָס אָדער ער בייזערט זיכ. דערדאָזיקער מענטש האָט פארמאָגט דעמ געדולד פונ א גווערנאנטקע. איצט איז ער געגאנגענ, ראנגלענדיק זיכ מיטנ באגער ארײַנצוגיינ סאָפקאָלסאָפ צו א דאָקטער. און גיינ צו א דאָקטער האָט מענ געדארפט, ס'האָט אימ געפּײַניקט א נודנער ווייטעק אינ דער רעכטער זײַט, א שוואכקײַט אינ דער רעכטער פוס, א ווייטעק בא יעדנ מאָל אײַנבייגנ זי, באמ גיינ, באמ זעצנ זיכ.

דער הויפט־אינזשענער איז געווענ א געוויינלעכער מענטש מיט א פויערשנ פּאָנעמ, און נאָר די געלע שלייפנ אפנ פּאָנעמ האָבנ איידעס געזאָגט אפ שרעקלעכער מידקײַט; די שלייפנ זײַנענ געווענ פליכעוואטע, שיטערע, ניט־לעבעדיקע האָר זײַנענ געלעגנ אפ די שלייפנ טריב, ווי בא א מעס, פונעמ קאָפ אפנ שטערנ האָט זיכ אראָפגעלאָזנ ניט קיינ שיינער קאָפ [1], פארשמעלערנדיק אימ דעמ שטערנ און צוגעבנדיק א ניט־אנגענעמענעמ און אנ אײַנגעשלאָסענעמ אויסדריק די אויגנ, וואָס זײַנענ געווענ טריב פונ מאטקײַט.

„איכ וועל, דאכט זיכ, פונדעסטוועגנ גיינ", — האָט ער פאר זיכ באשלאָסנ און האָט זיכ געזעגנט מיט זײַנע מיטגייער, קעדיי ארײַנצוגיינ צומ דאָקטער. באמ געזעגענענ זיכ האָבנ זיי זיכ צונויפגערעדט צו באגעגענענ זיכ שפּעטער אביסל אינ רעסטאָראנ און ערגעץ א הוליע טונ. נאָר באמ געדאנק וועגנ טעאטער, אָדער קינאָ, אָדער א באר האָט דער הויפט־אינזשענער דערפילט א פיבער. שוינ אסאכ כאדאָשימ, אז ער לעבט

---

[1] мыс

איבער שרעק פארן טויט, און דערהויפט אין קינאָ. ווי נאָר דער עקראַן צינדט זיך אָן מיט אַ פרעמד לעבן, דערמאָנט זיך באַלד דער קראַנקער מענטש וועגן דער אומפאַרמײַדלעכקײַט און דער נאָענטקײַט פון אוועקגיין. „מ׳דאַרף מיט דעם אַלעמען פאַרענדיקן און סאָפּקאָלסאָף אויסקלאָרן״,—האָט ער געטראַכט, אויפהייבנדיק זיך אַף די פינצטערע טרעפ און אַרײַנגייענדיק צום דאָקטער אין אופנאַם־צימער.

אַפן מאָסקווער אויפן איז דאָס געווען ניט קיין אופנאַם־צימער, נאָר אַ שמאָלינקער פאָדער־צימער, ווו פאַר און נאָך דער קליידער־שראַגע זײַנען געשטאַנענע שטולן, און פאַרבײַ די קראַנקע איז מען דורכגעגאַנגען אין קלאָזעט און אין קיך, אָדער ס׳איז אַרײַנגעלאָפן אַ הונט אין אַ האַלדזבאַנד, אָדער, אויסמײַדנדיק די קראַנקע, איז דורכגעשווומען אַ גאַסט—אַן אָנזאָגער פון געזונט און פון ניט־געריירטע מענטשלעכע מינאָגים. מענטשן זײַנען געזעסן אַזויווי קאַליע געוואָרענע באַוועגערס. קראַנקע זײַנען געווען אַסאַך. יעדערער האָט אין זיך געטראָגן אַן אינעווייניקסטן סוינע—אַן אומגעזעענע מישפּאָכע מיקראָבן, וואָס האָט זיך צוגעזויגן ערגעץ אין אַ פאַרבויג פון אַ האַרץ־מוסקול, אָדער פײַנלעכע פאַרקלעמונגען אין די קישקעס, זייער קליינע און דויערנדיקע געשווירן, אַ פאַרבאָרגענע געשווילעכץ, וואָס נעסטעט זיך אומבאַוווסט ווו,—אַ סיגנאַל וועגן דעם אינעווייניקסטן סוינע איז געווען די טונקעלע הויט, אַ קאַם באַמערקטע דעפּאָרמאַציע פון די שטריכן און יענער אומבאַוווסטזיניקער שרעק אין די אויגן, וואָס ס׳איז דאָ בײַ אַ קאַץ, ווען מ׳הענגט איר אָן אַ נאָכשלעפּעכץ אַפן ווידל. ווי אַ פרעמדער קערפּער האָט זיך פאַרגאַדעט דער אינערלעכער סוינע, אַרויסנעמענדיק די קויכעס באַם מענטשן. און אינעם שכיינעסדיקן צימער האָט דער דאָקטער, אַ קראַנקער מיט ד׳יאַבעט, רירנדיק קאַם מיט די דינע ליפּן און גלײַכגילטיק באַטראַכטנדיק דעם אָרדנטלעכן פאַציִענט, אויסגעקלאַפּט און אויסגעהערט דעם אינעווייניקסטן סוינע און נימעסדיק איבערגעכאַזערט: „אָפּרוען, אָפּרוען דאַרף מען, אוועקוואַרפן די אַרבעט, זיך ניט צוהערן צום אָרגאַניזם. אַניט?.. איז וואָס אַז ניט: וועט נאָך ערגער זײַן, אויב איר וועט פאַרלאָזן״.

„דער אוילעם האָט זיך רעכט אָפּגענוצט, טראַכט דער הויפט־אינזשענער, איך בין נאָך פונדעסטוועגן נישקאָשע. איך בין נאָך אַ לײַט פונדעסטוועגן!״

און אַזויווי ער האָט שוין לאַכלוטן ניט געקענט זיצן אָן אַרבעט, און לייענען איז געווען פינצטער, האָט דער הויפט־אינזשענער זיך

גענומענ אינ קאָפּ איבערקוקנ דאָס אַלצ, וואָס איז פאָרגעקומענ פאַר די לעצטע כאָדאָשימ. דאָס ארומשלעפּנ זיכ איבער די אנשטאלטנ, דאָס זיצעניש אינ האָטעל, דאָס עסנ אמאָל איבער צענ אפ א פענצטער, פונ פּאפּירלעכ, די אומצאָליקע באגעגענישנ אינ קאָרידאָרנ אונ אפ זיצונגענ מיט מענטשנ, וואָס שלעפּנ דורכ פּראָעקטנ,—פארשטייט זיכ, דאָס אַלצ איז געווענ אינ א גרויסער מאָס אויסמאטערנדיק אונ אומזיניק, אונ אנ אנדער אייראָפּייער וואָלט זיכ אויסגעדאכט, אז מ׳זשאַלעוועט בא אונדז קיינ מענטשנ ניט אפ נארישקײַטנ. נאָר אינ טאָכ... אָט האָט ער אַליינ באוווסטזיניק דורכגעלאָזנ צוויי קאָמאנדירונגענ קיינ אויסלאנד.

יאָ, אינ טאָכ האָט דאָס אַלצ אינײינעמ געלערנט אונ געגעבנ אזוינע קענטענישנ, וואָס פונ קיינ שומ אויסלאנד וועסטו דאָס ניט באקומענ! יעדער אָנפאָר אהער, רעכענענדיק אפ די פינגער, האָט פארברייטערט זײַנ האָריזאָנט. הינטער יעדער פּראָעקט (זײַנער אויכ אינ דער צאָל) האָט ער אָנגעהויבנ צו זענ שוינ גאָר ניט דאָס, וואָס ער האָט געזענ אונ מיט וואָס ער איז פריִער געפאָרנ,—נישט קיינ שמאָלער אינטערעס פונ זײַנ אויוועלע „דורכצושלעפּנ אומבאדינגט”, ניט קיינ זאָרג וועגנ טמעטעס, ניט קיינ פּראָפעסיאָנעלע זעלבסטליבע, ביכלאל ניט... ניט... נאָר וואָס?—איכ וועל אײַכ זאָגנ וואָס:

—אויב אונטער דעמ געגעבענעמ פּראָעקט, נאָכשלעפּנדיק זיכ נאָכ אימ, וועל איכ נימ דערזעג נאָכ א צווייטנ, א דריטנ, א פערטנ, א צענטנ, א גאנצע קייט פּראָעקטנ, הייסט עס, אז ס׳טויג אפ קאַפּאָרעס.

זיי האָבנ געשלעפּט די ווירטשאפט, ווי א פישער שלעפּט די נעצ אפנ ברעג: די נעצ גייט ארויס א קעמערל נאָכ א קעמערל אונ מיט א ריזיקער נעצ קעמערלעכ באדעקט זיכ דאָס לאנד, אונ אינ דעמ, וואָס די קעמערלעכ ציִענ זיכ איינס נאָכנ אנדערנ אונ זיי זײַנענ פארבונדנ צווישנ זיכ, איז געווענ יענע פרייד פונ שאפונג אונ יענע אופרעגונג, מיט וועלכער א געלערנטער אנטדעקט א שטערנ אינ טעלעסקאָפּ—פּונקט דאָרט אונ אפ יענעמ אָרט, ווו דער שטערנ האָט געדארפט זײַנ, ווו ס׳האָט אימ באפוילנ צו זײַנ די געניאַלע לאָגיק פונ געדאנק.

דאָ האָט ער לײַכט א קנייטש געטאָנ דעמ שטערנ מיט אומצופרידנקײַט, ווי ס׳פלעג זיכ טרעפנ מיט אימ אינ זעלטענע פאלנ, ווענ מ׳האָט אימ אָנגעבונדנ צו באלייטנ שפּעט אינ אָוונט א דאמע פונ געסט. ער האָט זיכ דערמאָנט אינ מיזינגעס. ערנוואָרט, ער האָט אימ באשיצט,

ווי ער פלעג באלייטנ א דאמע פונ געסט. כאָטש דער נײַער פראָעקט איז געווענ גלענצנד אונ האָט אויסגעמיטנ די שוועריקײַטנ, כאָטש ס׳האָט אימ געצויגנ צו בויענ לויטנ נײַעמ פראָעקט, — דאָרט זײַנענ געווענ באזונדערע טעכנישע נײַסנ אונ פארכאפנדיקע מאָמענטנ, — נאָר מיזינגעס איז געווענ אונ איז געבליבנ עפעס א מינ יאָכיד, עפעס א קאסטראט, דער רועכ זאָל אימ נעמענ! הינטער מיזינגעס האָט די פאנטאזיע אימ ניט געמאָלט קיינ נאָכשלעפעניש, יענע ווײַטע קאָנטורנ פונ נײַע אומפארמײַדלעכע פראָעקטנ, ווי די רוקנס פונ גרויסע פיש, וואָס שווימענ אינ א געדרענג. אָנ א פארבינדונג, אָנ וואָסער ס׳ניט איז צענטראלער פארבינדונג מיט דער עקאָנאָמיק פונעמ לאנד איז מיזינגעס געווענ א פארזעעניש.

„דו ביסט, גוטער־ברודער, א פארזעעניש, ביסט א דאמע״, — האָט שיר ניט ארויסגעזאָגט אפ א קאָל דער אינזשענער. ער האָט זיכ דערזענ אינעמ אופנאמ־צימער באמ דאָקטער, ווו ס׳איז נאָכ געבליבנ עלפ מענטשנ ביז זײַנ ריי. רעכענענדיק צו צענ מינוט, אינ בעסטנ פאל, אפ א נעפעש, איז אויסגעקומענ צוויי שאָ. דער הויפט־אינזשענער איז אופגעשטאנענ אונ האָט אראָפגענומענ די פוראזשקע פונ דער שראגע. ס׳א מעשוגאעס צו זיצנ צוויי שאָ. איבער דעמ אינעווייניקסטנ סוינע, וואָס האָט זיכ גענעסטעט אינעמ קערפער, איז דורכגעגאנגענ א שטראָמ פונ יענער העכערער פאָרמע מאטעריע, — רופט זי ווי איר ווילט, עלעקטרע, אינעווייניקסטע סעקרעציע, ענערגיע, אָדער פאָשעט, ווי אנדערע מיטלאלטערלעכע כוואטנ, גײַסט, — וואָס האָט פלוצלינג אומגעקערט דעמ קראנקנ מענטשנ זײַנ גאנצע מאכט איבערנ קערפער אונ דעמ געפיל פונ געזונט.

„בעסער וועל איכ זיכ לייגנ פריִער אביסל אונ וועל זיכ אויסשלאָפנ, אונ מאָרגנ וועל איכ אופשטיינ א געזונטער, — האָט ער בארויִקנדיק א טראכט געטאָנ אונ האָט זיכ געלאָזט צומ האָטעל. — מאָרגנ וועל איכ אופשטיינ, אונ פונ מיזינגעס איז בעסער פונ אלצ זיכ אָפצוזאָגנ. ס׳וועט קלעקנ ארבעט אָנ אימ אויכ! נאָכ מאָרגנ וועל איכ זיכ אָפזאָגנ. זאָלנ זיי זוכנ א מענטשנ!

נאָר ביז דער סאמע היימ האָט ער פאָרגעזעצט צו טראכטנ וועגנ מיזינגעס, פילנדיק קימאט א פיזישע באדערפעניש צו פארבינדנ אימ מיטנ גאנצנ, צו דערזענ הינטער אימ עפעס, — ס׳קענ ניט זײַנ, ס׳וואָלט ניט געדארפט זײַנ, אז ערגעצ אונ אינ וואָס ס׳ניט איז זאָל זיכ ניט

ארויסוויַיזן דאָסדאָזיקע „עפּעס". אינעם גומער איז געווען ליכטיק פֿון גאַס, קיין שיַין האָט ער ניט אָנגעצונדן. באַם אויסטון זיך האָט ער געהאַפּט, אַז ער וועט מיטאַמאָל אַנשלאָפֿן ווערן. נאָר דער שלאָף איז ניט געקומען. דער הויפּט־אינזשענער האָט זיך געדרייט פֿון זיַיט אויף זיַיט, האָט געפֿילט די אַרבעט פֿון די געפּעסן, דעם צאַפּל און די פּולסירונג פֿון בלוט, ווי אין אַ דיזעל־מאַשין. „איך וועל זיך אָפּזאָגן, — האָט ער געברומט. — אַן איזאָלירטע לעפּישקיַיט, אַ לוקסוס־זאַך, צום טיַיוול — זאָלן אַנדערע בויען. איך וועל אויסטרינקען בראָם, אַניט וועל איך ניט אַנשלאָפֿן ווערן".

ער איז אופֿגעשטאַנען אַ יאָדערדיקער, אין צעריסענעם וועש, איז באָרוועס צוגעגאַן צום אויסשליסער, צו אַרויסדרייען די שיַין, און אַז ער האָט באַלויכטן דעם צימער, האָט ער אויפֿן דיל דערזען אַ קליין קוואַדראַטל פֿון אַ טעלעגראַמע, וואָס ער האָט פֿריִער ניט באַמערקט. איבערגעלייענט די טעלעגראַמע, האָט דער הויפּט־אינזשענער זיך אַ קראַץ געטאָן איבער די ברעמען. דערנאָך האָט ער זיך געזעצט צום טיש, וווּ עס זיַינען געלעגן די פּאַפּירן מיט די צייכענונגען אין אַ בלויער פּאַפּקע מיט אַן אויפֿשריפֿט „דרוק־טונעל". דער נײַער פּראָעקט האָט נידעריקער געמאַכט דעם ניוואָ פֿון דעם טונעל, מ׳וועט אים מאַכן אויף עטלעכע מעטער נידעריקער, און מע קען טעלעגראַפֿירן, אַז מ׳זאָל צוטרעטן צו אַ קאָנטראָל־טריִאַנגולאַציע. אָבער ניט אין דעם, פֿאַרשטייט זיך, איז געווען די זאַך, נאָר אין דעם, וואָס די איינזאַמקיַיט פֿון מיזינגעס האָט מיט דער אַקשאָנעס פֿון אַ פּסיכאָז געמאַכט פֿיבערן זיַין מאַרך. דאָרט אויף דאָרעם איז אַלץ געווען פּאָשעט און קלאָר, יעדער קאַנאַל וועט גיין אין דער אַרבעט, יעדער טראָפּן וועט אָפּדינען אַ צווייענדיקע דינסט, ס׳לוינט דאָס געשעפֿט... צייכענענדיק מיטן פֿינגער שאַרפֿע ווינקל־שפּיצן איינעם נאָכן אַנדערן, האָט דער הויפּט־אינזשענער פּלוצלינג זיך אָנגעבויגן צום טיש און מיט דער האָריקער האַנט, ווי ער וואָלט אַ פֿליג געכאַפּט, האָט ער צוגעדעקט דידאָזיקע ווינקל־שפּיצן. זייער אַ פּאָשעטער געדאַנק האָט ווי אַ פֿלעמל פֿון אַן אָנגעצונדן שוועבעלע אים פּלוצלינג באַשיַינט: די ווינקל־שפּיצן האָבן דערמאָנט דעם הויפּט־אינזשענער פּראָפֿילן פֿון סעזאָן־אויסאַרבעטונגען פֿון ענערגיע. מ׳האָט נאָר געדאַרפֿט זיך אַבסטראַהירן פֿונעם פּאַפּיר־היפּנאָז, פֿון די אַלע באַריכטן, וווּ די קינעטיקע ענערגיע פֿון מיזינגעס גיסט זיך אַריַין אין דעם פּראָעקטירטן צאָפּנדיקן קושטש, מ׳האָט זיך נאָר

געדאַרפט פאָרשטעלן, אַז ער קושטשעווע פריִער פון אַלץ ניט מיט צאָפן, נאָר גראָד מיט דאָרעם, און באַלד האָט זיך באַקומען—אַ גלענצנ־דיקע זאַך האָט זיך באַקומען!—די אָפּגעזונדערטקייט פון מיזינגעס איז גאָר אויסגעקומען, ווי אַ קאָזיר. זייַן זומערדיקע מעכטיקייַט וועט דעקן דעם זומערדיקן מאַנגל אַף דאָרעם, ווו די וואַסער וועט זומער דינען אַף באַוואַסערונג,—און צי וועט נאָך קלעקן איינע מיזינגעס אַף צו רע־גולירן די אָנלאָדונג? ער האָט אַרויסגעכאַפּט פון דער פּאַפּקע די בלויע בויגנס מיט די פּראָעקטן פון די קינפטיקע אָנלאָדונגען און מיט די פּראָפילן פון די סעזאָן־אויסאַרבעטונגען אַף דאָרעם און האָט זיך פאַרטיפט אין זיי, ניט פילנדיק ווי ס'פרירן בא אים אונטערן טיש די הוילע פיאַטעס. ערשט דרייַ אַזייגער אינדערפרי, מיט אַ קאָנוווּלסיוו גענעצן, אַ פרייל‌עכער, אַ צעשויבערטער, אַ צופרידענער, האָט ער זיך אופגעהויבן פונעם טיש, האָבנדיק שוין אין עמבריאָן, פאַר זיך נאָר, די אידייע פונעם גאַנצן. אָט אַזוי, פאַר דער צוקונפט.

— מיר, דעם עמעס זאָגנדיק, זייַנען קעסאָן־אַרבעטער. פאַר אונדז איז בעסער ניט אַרויסצוגיין פון אונטער דער לאַסט,—די אָפּוועזנהייַט פון דריקונג וועט אונדז דערהאַרגענען,—האָט ער אַף אַ קאָל אַ זאָג געטאָן, שוין אַרונטערקריכנדיק אונטער דער קאַלטער שיטערער האָטעל־קאָלדרע און וואַרעמענדיק איינע פיאַטע אין דער צווייטער,—אָבער ס'איז ניט שלעכט געזאָגט: „קעסאָן־אַרבעטער!“

קאפיטל XI

מארקס אונ ווייטלינג

1

דער נאטשקאנצ זאכאר פעטראָוויטש איז די טעג געוועג פארנומענ— אָט אזוי! מיט דער רעכטער האנט האָט ער א פיר געטאָנ בא זיכ אונטערנ גאָרגל־קנאָפּ. אינ דער אָפּוועזנהײַט פונעם באצירק־שעפ האָט זיכ אזוינס פארדרייט, אז ניט שלאָפנ אונ ניט עסנ רוִיק איז זאכאר פעטראָוויטשנ ניט אויסגעקומענ,—ער איז געוועג פארנומענ, ווי ער האָט זיכ אויסגערעדט אייניקע מאָל אינ קאָנטאָר פאר זײַנע מענטשנ, מיט דער „קאָנסאָלידאציע פונ די קויכעס“. אינ דעמ שעפס גלעזערנעמ בײַדל, אָנ א שומ אנונג וועגנ דער קאָנסאָלידאציע, איז געזעסנ אלעקסאנדר אלעקסאנדראָוויטש אונ האָט דריבנע אונטערגעשריבנ פאפירלעכ; אלעקסאנדר אלעקסאנדראָוויטשעס פאָדאגרישע פינגער האָבנ געציטערט באמ צייכענענ די אונטערשריפט, ער האָט געברומט אינ זײַנע געדיכטע וואָנצנ, אז דער שעפ פונעמ באצירק איז שטענדיק אזוי, אז דאָס איז א סיסטעמ: אינעמ שווערסטנ מאָמענט אוועקפאָרנ אונ ארופוואלגערנ די פאראנטוואָרטלעכקײַט אפ אימ, אפ אלעקסאנדר אלעקסאנדראָוויטשנ. אונ אינדערעמעסנ האָט דער זייער שווערער מאָמענט אינגאנצנ פארכאפט ניט אימ, נאָר דעמ נאטשקאנצ. מ׳האָט אָפּגעזאָגט ארבעטער. די ארבעט אפנ באצירק האָט מענ פארקירצט, צונויפגעוויקלט, ווי די זעגלענ אונ די מאסט־ביימער אפ א יאכטע אינ דער צײַט פונ א שטיל. אינ דעמדאָזיקנ צונויפוויקלענ האָט זאכאר פעטראָוויטש געזענ פאר זײַנ טעטיקײַט ווײַטע פערספעקטיווג. קראצנדיק מיטנ עק הענטל די וויִע, צעקאָשמעט אונ אונטערגעצויגנ זיכ, האָט ער אָנגעשטעלט זײַנע שארפע אויגנ אינ די אומגעזעענע רוימענ, ווו ער האָט געבויט א ציגל נאָכ א ציגל דאָס געבײַ, וואָס זאכאר פעטראָוויטש האָט עס גערופנ צוליב קורצקײַט וועגנ „קאָנסאָלידאציע“: ס׳איז אָפּגעפאָרנ פונעמ באצירק דער לאטיש, מײַסטער לייטיס, אונ אוועקגעפירט מיט זיכ זײַנ אויסגע־

צויגענע נאָז, ווי די שאַרף פון א שיפ,—ניט געזאָלט שטעקן זי וווהין מ'דארפ ניט. קנאקנדיק מיט די אָפּצאסן, אין א לעדערקע, איז צופוס אוועק אפ דער סטאנציע אוועטיס פונעם סקלאד, אנ אָפּגעזאָגטער. דערדאָזיקער איז ניט ווי אנדערע, ער וועט זיך גיין קלאָגן. זארגאריאן און די איבעריקע כעווריע מיט די פעקלעך און מיט די ווײַבער האָבן אוועקגעטראבאניעט אפ אן ארבע,—איצט וועלן זיי שוין צײַט האָבן א טראכט צו טון, ווו זײַנען די „שמאָלע ערטער" אפן באציִרק... אין דער טיפ פון זײַן אומפארטייִשער נעשאָמע איז זאכאר פעטראָוויטש געווען טיפ איבערצײַגט, אז דאָס אוועקגיין פון די זשימערס וועט געפעלן ווערן וועמען מ'דארפ אויך פון די העכער שטייענדיקע. דער עמעס איז דאָך „איינער", נישט געקוקט אפ אלערליי לאָזונגען און ניט־וויכטיקע איבערצײַגונגען: ס'איז באפוילן צו בויען, דארפ מען בויען. און דערנאָך איז שוין ווי דו ווילסט זיך. אָבער מיט אומרויִקע בויען איז ווי גיין אפ א שטריק.

באטראכטנדיק פון קאָנטאָר דאָס פענצטער, וואָס אנטקעגן אין דעם שכיינעסדיקן באראק, ווו ס'האָט זיך געפונען דער אָרטקאָם, האָט זאכאר פעטראָוויטש ניט פאָרגעזעצט זײַן געדאנק, נאָר אלע האָבן געוווסט, מיט וואָס ס'אינטערעסירט זיך זײַן ווײַטזעענדיקער מארך. ס'האָבן זיך געטראָגן קלאנגען, אז דער אָרטקאָם אגאבעק איז עפּעס ניט דורכגעקומען מיטן סעקרעטאר פונעם קעמערל.

„אָט. ווו דער עמעס איז", האָט פאר זיך אָנגעקוואָלן דער נאטשקאנצ און מיט א באזונדער אופמערקזאמען בליק אכטונג געגעבן אפן גאנעק וואָס אנטקעגן. דער גאנעק איז געווען שמוציק, דער גאנעק איז געווען אָנגעבויגן אפ א זײַט, כאָטש נעם אים באלד מיט דער האנט און ברעך אים אונטער, די טיר אָפּגעריסן פון די זאוויסעס און ווי ס'ניט איז צוגעשפארט אין ווינקל. ס'האָט פון איר געוואלגערט א פארע, ווען אין איר אליין האָבן ניט געוואלגערט קיין מענטשן,—און מענטשן האָבן אין איר געוואלגערט אין אלע שאָען: אין אופנאם־און ניט־אופנאם־שאָען. ס'זײַנען געגאנגען סעזאָניקעס אין פעלצן, פורמאנעס מיט א כאָמוט אפן האלדז, קאָמיוג אין וואָלענע מײַקעס,—מ'האָט געזען דורך דער שויב, ווי ס'הוידעט זיך אגאבעקס גרין פאָנעם, א בלייכס ביז פאנטאסטיק, און דער שאָטן פון זײַן הויקער טאנצט, ווי א האָפמאנישער צוגאָב פון דער זײַט,—„וועסט זיך א הוידע טון", פרייט זיך וואָלאָדיע דער קאָנטאָרשטשיק. ער זיצט ווי א פאווע בא זײַן טיש, און קיינער שטערט

ניט וואָלאָדיענ, ווי דער שטיפמאמע אינ דעם מײַסעלע, צו פילנ זיכ דאָ אינ דער קאָנטאָר, באטראכטנדיק זיכ אינ שפּיגל, „פונ אלעמענ שענער אונ ליבער”. דער געלער איז דאָכ ניטאָ, מ'האָט אראָפּגעלאָזט אויכ דעם געלנ מיטנ שטראָם. עמעס, אינגאנצנ אָפּזאָגנ אים האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ. אגאבעק האָט זיכ פארופנ אפ דער ביטע פונ די טעבניקער אונ האָט אים געלאָזט ווי א געהילפ בא די פאָרארבעטנ צו טראָגנ די ווײַזירשטאנגענ. נאָר וואָלאָדיענ האָט אזא קאָנפוז זיכ אויסגעוויזנ נאָכ ערגער איידער אינגאנצנ אָפּזאָגנ פונ דער ארבעט, — פונ א ריינער ארבעט אפ א פראָסטער, א פויערשער, וואָס אפילע דער גראָבער נאר מרקטיטש ספראוועט זיכ מיט איר.

— דאָס ערשטע מאָל, זאכאר פעטראָוויטש, אָטעמ איכ מיט לופט, — האָט מיט עמעסער היצ זיכ ארויסגעריסנ בא וואָלאָדיע דעם קאָנטאָרשטשיק.

נאָר דער נאטשקאנצ, זוכנדיק קאָנסאָלידאציע, האָט זיכ ניט אָפּגעשטעלט אפ קיינ ניצכוינעס. ער האָט שוינ געייסעקט שטייענדיק אונ גייענדיק, געזאָגט „המ” אונ מיט דער האנט אָפּגעשטופּט אינ קאָרידאָר דאָס ייִנגל דעמ פּאָטשטאליאָנ, אויספרעגנדיק בא אים אפריִער וועגנ דעמ אונ וועגנ יענעמ, אונ אינ די רייד צוגענומענ בא אים א בריוו אפ איבערגעבנ, — אפ קיינ מאָמענט ניט אונ אפ קיינ ווערשאָק ניט האָט זאכאר פעטראָוויטש ניט פארשפּרייט זײַנע מײַסימ אָנ א ציל. איצט איז ער מיט א גיכ געוננל אונ מיט א בריוו אינ דער האנט איבערגעגאנגענ די גאס אונ ער לאָזט זיכ אראָפּ, קאוואלערײַש אויסבויגנדיק די פיס אונ ניט אָפּשטעלנדיק זיכ, הוסט ער זיכ אויס אָנ א שפּײַ: אזוי טוט אנ אָראטער פאר דער רעדע.

דער רייניקער סעקרעטאר איז געזעסנ בא זיכ אינ באראק. ער האָט געגרייט א פּאָרטראג. קעדיי מ'זאָל אים ניט שטערנ, האָט דער סעקרעטאר פארשפּארט די טיר אפנ קייטל אונ, אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, האָט ער מיט די אייגענע הענט פארשטעלט די אויערנ. נאָר, אפאָגעמ, אז א זאָרג אָדער עפּעס אנדערש האָט געריזעט דעם סעקרעטאר, ווײַל אז ער האָט פארשטעלט די אויערנ, איז ער אומגעלאָפנ מיט די אויגנ איבערנ גאנצנ צימער אונ האָט באלד זיכ באגעגנט מיטנ בליק פונ זאכאר פעטראָוויטשנ, וואָס האָט דעליקאט געקוקט אינ פענצטער. בא אים אינ די הענט איז געווענ א בריוו: ווי איינער רעדט, אפ א מינוטקעלע נאָר, — אָט נאט אײַכ א בריוו.

— מענטשן איז בא אונדז זייער ווינציק געוואָרן, און מיר איז עס אפן וועג: איידער עמעצן שיקן, טראכט איך, איך וועל שוין צוטראָגן,— האָט פארסאָפעט געזאָגט זאכאר פעטראָוויטש, ווען דער סעקרעטאר האָט אראָפגענומען דאָס קיטעלע:— צו א פאָרטראג גרייט איר זיך? איי, איז דאָ גוט בא אייך. אזוי האָב איך ליב.

ער האָט זיך ניט געכאפט, ווי דערקוויקט מיט דער ריינקייט פון דעמדאָזיקן צימער, מיט דער ווארעמקייט, וואָס איז געגאנגען פון דעם רוסישן אויוון,— דער סעקרעטאר האָט ליב געהאט ס'זאָל זיין ווארעם, און אין די עטלעכע טעג פון שניי און קעלט האָט מען גוט געהייצט דעם אויוון. אפילע די ראָגעזשקע באם ארייננגאנג איז אויך געפעלן געוואָרן דעם נאטשקאנצ. מיט א זיסקייט צוגעבויגן דעם קאָפ צום אקסל, האָט זאכאר פעטראָוויטש איבערגעלייענט די ארמענישע אופשריפט „וויש אויס די פיס”, און פון דער זייט א קוק טוענדיק אפן סעקרעטאר, האָט ער זיך איבערצייגט, אז יענעם איז, לויט זאכאר פעטראָוויטשעס ריכטיקער טערמינאָלאָגיע, „אומעטיק”. דער אומרויקער בליק, דער זשעסט, מיט וועלכן דער סעקרעטאר האָט אָפגעלייגט די בריוו, די איבעריקע באוועגונג איבערן צימער,— קלאָר ווי דער טאָג, דעם באָכער איז אומעטיק.

— גו, אז איך בין שוין דאָ, איז אנטשולדיקט, וועל איך זיך צוזעצן, איצט זיך ארויסרייסן פון קאָנטאָר איז מיר ניט גרינגער, ווי דעם רוימישן פויפסט פון וואטיקאן.

זאכאר פעטראָוויטש האָט זיך אנידערגעזעצט און האָט אופמערקזאם באטראכט דעם סעקרעטאר. יענער האָט אלץ געשוויגן, זאכאר פעטראָוויטש האָט קיין שמייכל ניט געטאָן,— ער איז געוואָרן ערנסטער, גוטמוטיק ערנסט, צערטלעך ערנסט, א פארטראכטע פאָטערלעכקייט איז איצט געווען אין זיין קיילעכדיקן פאָנעם און אין דער דלאָניע, וואָס ער האָט אוועקגעלייגט אפ דעם סעקרעטארס מאָגערער האנט. זאכאר פעטראָוויטש האָט זיך צעפאטלט: מיטן סאמע פראָסטאקישסטן טאָן זיינעם, אראָפגעלאָזט דאָס קאָפ קימאט ראכמאָנעסדיק, ווי א באבע, איז ער צוגעפאלן מיט זיין שטים צום שוויינדיקן אויער, וואָס וואָלט איבעריקנס איבערראשט אן אופמערקזאמען מענטשן מיט עפעס אקשאָנעסדיקס אזוינס אין דעם פארבויג און אפילע אין דער פארב.

— איר וואָלט כאָטש, כאָוער, געדארפט איינעמען אונדזער פאָרזיצער פון אָרטקאָם. צי איז כאָטש דאָס קעמערל אין קורס? איך וויל

זיך אָפּזאָגן פון דער שטעלע, אָט ווי ווײַט. א שארפער מאָמענט. די בויונג דארף הילף... ניין, איר וועט שוין שפּעטער ענטפערן, לאָזט, איך וועל זיך ארויסזאָגן אָפנהערציק: די טארע האָט ער אונדז אונטערגעריסן, דעם טראנספּאָרט האָט ער אונדז שיר ניט צעשטערט, אין אנדערע ערטער צו פרילינג־צו זיך צונויפריידן מיט פערציק אראָבטשיקעס—עפּעס א קלייניקייט? איך האָב מיט זיי די שטיוול צעריסן, געגאנגען, זיך געבוקט, אײַנגערעדט,—אנשטאָט אלעקסאנ סאניטשן, און דער כאווער אגאבעק, נאט, אָט האָט איר אײַך. באלעגופים, זאָגט ער, די קאָנטאָר, זאָגט ער, נעמט אף דער ארבעט באלעגופישע עלעמענטן. טאָ גיב מיר, דו מאָדנער מענטש, אן אָרעמאן מיט אן ארבע, און נאָך מיט א פּאָר אָקסן, וועל איך אים אפילע די מינוט דינגען. אָדער אָט מיטן אָפּזאָגן פון דער ארבעט. איך בין דען דער באלעבאָס? די ראטנמאכט באפוילט צו פארקירצן. יאָ צי ניין? און דו, אויב דו האָסט א קאָפּ,—גיי ארײַן אין דער לאגע, העלף דער בויונג,—און דער אָרטקאָם: דאָס טאָר מען ניט, יענץ טאָר מען ניט, און דאָס דריטע טאָר מען ניט. גייט ארויס, טוט א קוק וואָס ס'טוט זיך, וואָס פאר אן אגיטאציע ער האָט דאָ פארפירט. א פאָרמע־רייף האָט מען צעבראָכן—אין אָרטקאָם. א קאָמפּרעסאָר ארבעט שלעכט, דער מעכאניק איז שיקער,—אין אָרטקאָם. צופיל צעמענט ברענגט מען קלוימערשט אויס—אין אָרטקאָם. ס'באקומט זיך א דעמאגאָגיע. צי דו ביסט אן אָרטקאָם, צי דו ביסט א וואנטצײַטונג, צי דו ביסט אן אָנקלאָג־בוך... אף אונדזער געוויינלעכער שפּראך רופט איך דאָס אזוי: שעדיקערײַ, אָט וויאזוי איך רוף דאָס. ניט אָרגאניזירטע עלעמענטן קלײַבט ער ארום זיך.

דעם סעקרעטארס אויער האָט זיך א ריס געטאָן,—זאכאר פעטראָוויטש, וואָס האָט ניט־פאָרזיכטיק געאָטעמט אין אים, האָט אופגעהויבן דאָס קאָל ביז צו א געשריי.

— אנטשולדיקט,—האָט געזאָגט דער נאטשקאנץ און פארמינערט קעגן זײַן ווילן דעם עפעקט פון זײַנע ווערטער.

„אומשעדלעכער", „אומשעדלעכער", און אָט נא דיר, צעבײַס אים,—האָט ער א טראכט געטאָן פאר זיך און איז אומגעריכט אופגערעגט געוואָרן פון דעם שווײַגן און פון דעם זשעסט, מיט וועלכן דער סעקרעטאר האָט זיך א צי געטאָן נאָך זײַן עלעגאנטער קעפּקע, געבנדיק צו פארשטיין, אז ס'איז שוין צײַט ארויסצוגיין.— איין רועך איז דער גאנצער אוילעם זייעדער. דו האָסט אים די גאנצע

נעשאָמע ארויסגעלייגט, און ער זיצט ווי א גוילעם... אויך מיר א סעקרעטאר״..

— נו, מ׳דארף גיין... א גוטן! — האָט גאנץ אומנאטירלעך און מ׳קען זאָגן אביסעלע שפּעטלעך א זאָג געטאָן זאכאר פּעטראָוויטש, ארויסגייענדיק נאָך דעם „אומשעדלעכן״ פונעם באראק ארויס.

2

אין גאס איז אים אנטקעגן געגאנגען קלאוואָטשקע אונטער דער האנט מיט צוויי פרויען — מיט מארקאריאנס ווייַב און מיט דעם רעכענונג־פירערס.

איר קלייד האָט זיך געריסן פאָרויס צוזאמען מיט איר דריבנעם גרינגן געגנגל, ווי א פאָרהענגל צווישן דער פענצטער־ראם, — אירע שכיינעס האָבן שווער געמאכט און אָפּגעהאלטן קלאוואָטשקען. זיי זייַנען געווען שווערוואָגיק, און זייערע טריט זייַנען געווען גרעסער. זיך ארויסגעריסן קעדיי צוצולויפן צום מאן, האָט קלאוואָטשקע געמאכט קייַלעכדיקע אויגן. זי איז אויך געווען טעטיק. ס׳האָט זי ניט געצויגן פונעם באצירק אין שטאָט אריַין, אפן באצירק איז איר געוואָרן אינ־טערעסאנט, — זי האָט צוזאמען מיטן מאן „קאָנסאָלידירט״. שוין אוועק די צייַטן, ווען די שכיינעס האָבן איר אפצעלאָכעס פארשוויגן, ווען און וואָס מ׳גיט ארויס אין קאָאָפּעראטיוו, אָדער זיי האָבן בא איר פון אונטער דער נאָז אויסגעקויפט די אייער: מיט א גרינג געלעכטערל האָט זי איצט געווארט אפּ א קלאפּ אין ווענטל: „קלאוודיוואנע, איר וועט גיין נאָך רייַז?״ א קלאפּ אין פענצטערל: „קלאוודיוואנע, מ׳פארקויפט אייער, עפּשער דארפט איר א צענדליק?״ ארויספליענדיק פון דער טיר מיט א שאלעכל אפן הוילן האלדז, א ראָזע און א ווארעמע, כאָטש אנדערע האָבן געריבן די נעזער פון קעלט, האָט זי ארונטערגערוקט אירע הענט די שכיינעס אונטער די עלנבויגנס און איז געגאנגען פאר־שייַט, שפּילנדיק, פונקט ווי א שילערן מיט אירע גוווערנאנטקעס. מאר־קאריאנס ווייַב האָט זי מיט איר אייגענעם גאָלמעסער געגאָלט אונטער די פּאכוועס, דער אלטער, וואָלאָדיעס מאמע, האָט זי געשענקט א קאווע־מילכענדל, — אנו, פּרוּווט איצט געפינען אין קלייט א קאווע־מילכענדל. דעם רעכענונג־פירערס ווייַב האָט זי געטראָפן אפּ קאָרטן מיט אן אויסגייענדיקער שטים און מיט א פליעסקע אין די דלאָניעלעך.

און גאָרנישט האָט קלאוואָטשקע ניט געזשאַלעוועט, ניט קײנ צײַט, ניט קײנ גוטס. „נו, עפּשער ניט קײנ דימענט?" האָט וועגנ זיכ אַלײנ געטראַכט קלאוואָטשקע. אינ דער אומגעהערטער אופלעבונג און אינ דער וואַטראָנעס, מיט וועלכער זי האָט געוואָרפנ אירע שמײכלענ און די וואַרעמקײַט פונ אירע ווי קישעלעכ ווײכע דלאָניעס, איז אָבער פונדעסטוועגנ געווענ א כעזשבנ: אפ קײנ פרעמדע מאַנצבלענ האָט קלאוואָטשקע איצט ניט געקוקט, און איר פּאָנעם איז אפילע געוואָרנ לאַנגווײַליק, פונקט ווי בא א דערצויגענעמ מענטשנ, אז ער זעט ווי אײנער צײלט געלט. אָנשטענדיקע גלײַכגילטיקײַט, א גענעצ און אָפּגעקערעוועט אינ א זײַט: „איכ וועל שוינ בעסער בא זיכ אביסל אויסוואַרטנ",— די סאָציאַלע געפאַר איז אָפּגעפאַלנ, אינ קלאוואָטשקעס אופירונג האָט זיכ אָנגעמערקט אנ איבערבראָכ.

— איכ גײ אינ קאָאָפּעראַטיוו, און דו וואָס? — האָט קלאוואָטשקע מוידעסדיק א שעפּטשע געטאָנ דעמ מאַנ.

— גײ, גײ, — האָט צעשטרײט געענטפערט דער נאַטשקאַנצ און א מאַכ געטאָנ מיט דער האַנט.

אָפּגײענדיק, האָט זי געלאַכט מיט אירע שכײנעס, אויסגעגליכנ די טריט מיט זײ, און ווענ דער נאַטשקאַנצ זאָל געווענ צײַט האָבנ א קוק טונ איבערנ אַקסל, וואָלט ער געווענ זענ, אז די פרויענ לאָזנ זיכ אראָפּ מיטנ באַרג און אז זײ האָבנ צוליב עפּעס אויסגעקליבנ דעמ סאַמע ווײַטסטנ וועג אינ קאָאָפּעראַטיוו ארײַנ אונטנ־אַרומ. דער וועטער קענ מענ ניט זאָגנ זאָל געווענ צוגעבנ כײשעק אפ שפּאַצירנ. שוינ באַלד פינפ טעג, אז אפנ באַציִרק איז געגאַנגענ א שנײ אפ דער האַלב מיט האָגל. אינדערהײכ אפנ טשיגדימער שאָסײ איז אונטערגעפרוירנ,* און דער ווינט האָט געטריבנ צווּעכעס אינ פּאָנעמ ארײַנ, לאַנגע אינ אײַז פאַרוואַנדלטע שנײעלעכ. און אפנ באַציִרק אַלײנ איז געווענ א בלאָטע ניט ארויסצוקריכנ. שפּרינגענדיק ווי אפ א שטײנדל און ווי אפ א ברעטעלע, האָט קלאוודיוואַנע באַשײַמפּערלעכ געשלעפּט אירע באַגלײטערנס מיט א ווײַטערנ וועג, האָט קאָנוווּלסיוו און פרײלעכ זײ געקנײַפּט פאַר א סימענ פונ שוטפעסנ סאָד. די פרויענ האָבנ נאָכגעגעבנ און זײַנענ געגאַנגענ. דאָרט לעבנ דעמ סקלאַד איז געווענ דער סאַמע פאַרוואָרפנסטער באַראַק און דערצו נאָכ דער סאַמע שמוציקסטער. אינ אונטערשײד צו די מישפּאָכע־באַראַקנ, איז דער געשטאַנענ באָכעריש, — ניט קײנ קאַליזשע און ניט קײנ בלוטפלעקנ פונ א געקוילעטער הונ און ניט קײנ מיסט־עמער; אפ

די פענצטער — ניט קיינ פאָרהענגל. די טיר האָט אפ באנאכט זיכ ניט פארשלאָסנ און האָט זיכ אזוי געקלאפט פונעם ווינט, שטערנדיק שלאָפנ. נאָר דערפאר האָט דער בּאראק פארמאָגט מאָדנע אייגענע זאכנ, וואָס האָבנ פארביטנ די היימישע זאכנ פונ אנדערע מענטשנ: איבּערנ קאָרידאָר זײַנענ געשטאנענ גוואלדיק לאנגע שטעקנס,—געפארבטע און מיט ציפערנ; ס'זײַנענ געלעגנ אפנ טיש קייטנ, שטריק, קאָטושקעס. אינ שטעלעכל, ווענ ס'איז ניט געווענ פארשלאָסנ, האָבנ אומבּאוועגלעכ געווארט אפ דרײַ פיס עפּעס אזוינע אומפארשטענדלעכע כײַעס, דרײַפוסנ און קעסטלעכ מיט עפּעס א פײַנער זאכ, א טעאָדאָליט. אפילע א פּאָשעטער ארבעטער האָט לעבנ דער שטאל זיכ געוואָרפנ מיט אלערלײ אויסלענדישע אויסדרוקנ, ווי „ניוועליר", „עקער", „מענזולע", „בּוסאָל". נאָר וויפל דו זאָלסט זיכ ניט ווארפנ, קיינ אָפּשײַ דערפאר וועט מענ צו דיר ניט האָבנ. קיינ איינ אָרט אפנ באצירק האָט ניט ארויסגערופנ ווינציקער אָפּשיי, ווי דערדאָזיקער בּאראק, ווו עס האָבנ געוווינט די „כּוליגאנעס", ווי ס'האָט שטילענקערהייט און אָפּגיסנדיק מיט קאלטקײַט באשטימט קלאוואָטשקע,—אנ אוילעם א אָנמישפּאָכיקער, מיט א ווילדנ אפּעטיט און מיט א קליינער פעיִקײַט צו רעכענענ זיכ מיט סאלפּעטקעס, אָדער מיט שטולנ, אָדער מיט דעם געוואשענעם דיל אינ אנ אנדער בּאראק. אוועקגייענדיק פריִער פונ אלעמענ, נאָכ פאר באגינענ, האָבנ זיי שפּעטער פונ אלעמענ זיכ אומגעקערט פונ דער ארבּעט, ווענ אינ גאָרקיכ איז שוינ גאָרנישט ניט געבּליבּנ, און האָבנ גענומענ קריכנ איבּער די צימערנ, אויסבעטנדיק ווו אביסל אָקרעפּ, ווו בּרויט, ווו פּאָשעט „איר האָט ניט עפּעס צו שאמענ". און מיט דער וואלגארישקײַט פונ דערדאָזיקער ביטע האָבנ זיי באוועמענ איר ווילט דערהארגעט די גוט־שכײנישע קאוואָנע צו מעכאבּעד זײַנ. „אינ די דערפער וויינט מענ פונ זיי",—האָט דערציילט דעם רעכענונג־פירערס ווײַב, וואָס האָט געהאט אינ דאָרפ קרויווים.

קורצ גערעדט, אינ בּאראק האָבנ געוווינט די טעכניקער פונ דער פאָרארבעט־פּארטיע,—דער שעפ פונ דער פּארטיע, דער אלטער טעכניקער גרישינ, זײַנ געהילפ אײַראפּעטיאנצ און א דעסיאטניק. די פאָרארבעטער האָבנ זיכ דאפקע ניט געהאלטנ פאר די לעצטע מענטשנ אפנ באצירק, און ווער רעדט נאָכ, אז אינדערעמעסנ זײַנענ זיי געווענ די ערשטע. נאָכ ווענ ס'איז קיינ בּאראק ניט געווענ, און מיזינגעס אליינ איז נאָכ אומבּאוווּסט געווענ, צי ער זאָל זײַנ צי ניט זײַנ,—האָט

גרישינ און אײַראפּעטיאַנצ און א צענדליק אנדערע זיכ באַזעצט אינ דאָרפ און גענומענ אונטערנ נאָגל דידאָזיקע גאַנצע אומגעגנט, זי ארומגעטאַפּט מיטנ דרײַפוס אינ דער לענג און אינ דער ברײט, — באַטאָג האָבנ זײ באַטאַפּט, זײערע לאַנגע װיזירשטאַנגענ האָבנ מיט מאָמאַנטנ־טריט גלײַכמעסיק הינ און צוריק צעשטאָכנ די װײַט און זי אויסגעשפּאַנט מיט דרײַעקנ; און באַנאַכט, באַם לאָמפּ, האָבנ צעשװאָלענע פינגער געהאַלטנ די צײכנ־פּענ, און אפנ פּאַפּירענעם פעלד פונ קװאַדראַטלעכ זײַנענ אויפגעשטאַנענ אינ א מאָדנער ענלעכקײַט צו דיזעלבע מאַמאָנטנ־שריט, צו דער באַװעגונג פונ די װיזירשטאַנגענ — שטאַלטנע און קאָסע װעלדער פונ טראַנסװערסאַליעס: די טעכניקער האָבנ איבערגעטראָגנ די אומגעגנט אפּ א פּלאַנ. די ערד מיט איר גאַנצער קאָמפּליצירטער שײנקײַט, מיט גראָבנס און בערגלעכ, מיט װעלדער און פעלדזנ איז דאָ אײַנגעקנאָטנ געװאָרנ אינ פּונקטנ און אינ ליניעס, אויסגעקנײטשט, װי א צעקנײטשטער מאַלבעש. איצט האָבנ גרישינ און אײַראפּעטיאַנצ פאַרענדיקט די לעצטע אויפנאַמע אפּ דעם אויבערשטנ שיפּוע פונעם קאַניאָנ. עס איז זײ נאָר איבערגעבליבנ די קאָנטראָליר־ארבעטנ אינעם גרויסנ װאַסער־דרוק־טונעל און די טראַסירונג פונעם צופאָר־װעג אינ דעם טעמפּ־װינקל. אינעם באַראַק האָט מיט זײ געװוינט פּאָקינ, אהער איז געקומענ נעכטיקנ ארעולסקי מיט זײַנ דרײדל און מיט דעם אײביקנ סאַנטשאָ־פּאַנסע, מקרטיטש, װענ מיזינקע האָט עס דערלויבט, און אהער האָט אויכ דער נאַטשקאַנצ צײַטװײַליק איבערגעפירט ארנאָ ארעװיאַנענ פונ דעם צימער פאַר אָנגעקומענע, — מ׳קענ זאָגנ, אפּ זײַנ אײגענעם קאָפּ האָט ער אימ איבערגעפירט: דער געלער האָט זיכ אויפגעכאַװערט מיט די טעכניקער, און אנשטאָט אָפּצוזאָגנ אימ, איז ער איצט געבליבנ אינ דער פּאַראַדבעט־פּאַרטיע פאַר אנ ארבעטער.

ניט דערגײענדיק א צענ טריט ביזנ באַראַק, איז קלאַװאָטשקע נאָכמער געװאָרנ אויפגערעגט. װאָרענענדיק אירע שכײנעס און שטילערהײט איבערכאַזורנדיק זײ װאָס און װענ מ׳דאַרפ, האָט קלאַװאָטשקע ניט געקענט אײַנעמענ דעם ציטער אינ אירע עלנבויגנס, און אײַנציִענדיק איר שאַלעכל, האָט זי אפילע א שעפּטשע געטאָנ: „אוי, קאַלט“. ס׳איז איר טאַקע אפּדערעמעסנ געװאָרנ קאַלט פונ אויפרעגונג, און זי איז מאָדנע, ביז אנגסטנ שײנ געװאָרנ, און מיט דריבנע טריטעלעכ, װי א קעצל, האָט זי זיכ צוגעגאַנװעט צום גאַנעק.

— ליבינקע, טײַערינקע, פאַרגעסט ניט.

נאָר די פרויענ האָבנ ניט פארגעסנ. ס'איז געווענ בא זיי א פארשווערונג. מארקאריאנס פרוי האָט ארײַנגעצויגנ די ליפנ אינעווייניק, אירע פרעכטיקע אקסלענ אינעמ הינטישנ פוטער האָט זי אויסגעגלײַכט און די ערשטע איז זי ארופגעטראָטנ אפ די שאָקלדיקע טרעפ און זיכ אופגעהויבנ אינ באראק. נאָכ איר, לאכנדיק אינ האנט ארײַנ, איז דריבנע דורכגעגאנגענ דעמ רעכענונג־פירערס ווײַב, און קלאוואָטשקע האָט זיכ אביסל פארהאלטנ—„דער בויכ טוט וויי", נאָר טאקע באלד, מיט שײַנענדיקע אויגנ און מיט פאריסענע נאָזלעכער, ווי בא א הילצערנ פערדל, בלאס פונ אופרעגונג און אינגאנצנ קאלט ווערנדיק, מיט צונויפגעקלעמטע דלאָניעס, האָט זי געשווינדער פונ אלעמענ זיכ אופגעהויבנ אפ די טרעפ, איבערגעיאָגט ביידע און אָנגעקלאפט צומ געלנ.

און פונדעסטוועגנ, ווי דו זאָלסט זיכ ניט זידלענ, איז אינ דעמ צימער געווענ ווייל. דער געלער איז געלעגנ אפ א לאנגער באנק, לעבנ אימ אפנ פענצטער איז געשטאנענ א פענדל; די ווענט זײַנענ געווענ באהאנגענ מיט ביקסנ, מיט רוקזעק, מיט זאָטלענ אפ צעריסענע רימענס, און אפנ טיש, ווארטנדיק אפ א רײַזע,—עמעצנס א גרייטער זאק און א וועג־פלאש אינ א פארוסינע. דער געלער האָט זיכ אונטערגעהויבנ און צוגעהאלטנ מיטנ פינגער דאָס אָרט ווו ער האָט געלייענט. די אויגנ זײַנענ בא אימ אביסל רויט געוואָרנ אונטער די צעבראָכענע גלעזער, און זיי זײַנענ איצט געווענ מיט א פראגע, קימאט אופגעבראכט, אָנגעשטעלט אפ דער שטערונג.

„גרישינ איז אינדערהיימ ניטאָ",—האָט ער געוואָלט זאָגנ. נאָר אינ טיר האָבנ זיכ געטוליעט פרויענ, ס'האָט זיכ געגורעט די גראָבע מארקאריאנ. זי האָט, ווי ס'איז געווענ אָפגערעדט, די ערשטע געדארפט זאָגנ א פראזע, און מיט אנ אײַנגעכאזערט קאָל האָט זי אָנגעהויבנ:

— איר ווייסט, כאווער ארעוויאנ, אינ אָוונט איז אינ קלוב א ספעקטאקל...

— ע, נארישקײַטנ, ניט אינעמ ספעקטאקל גייט עס,—האָט פלוצלינג מיט עקספראָמט זיכ ארײַנגעריסנ קלאוואָטשקע, ארײַנגייענדיק אינ צימער ארײַנ:—מיר האָבנ זיכ ניט בא וועמענ אָפשערנ, ארנאָ אלעקסאנדראָוויטש. זײַט א גוטינקער, נו ביטע, מיר האָט ארשאק געזאָגט, אז איר קענט זייער גוט, ווענ איר וואָלט געוואָלט, וואָלט איר בא אונדז אפנ באצירק מיט דעמ געקענט געלט פארדינענ!

— אָבער אינ וואָס האנדלט זיכ דאָ?

— אָט...— קלאַוואָטשקע האָט ארויסגעשלעפּט פונ איר בײַטל א גרויסע שגײַדערשע שער.

— אינ שטאָט פאָרנ איז ניטאָ קיינ צײַט, אונ באמ שערער זיכ שערנ איז אלציינס ווי ארויסגעוואָרפנ. ערשטנס, שערט ער אפילע ניט, קיינ דאמעס גייענ צו אימ ניט. מיר ווילנ ניט אומזיסט, כאווער ארעוויאנ, באליידיקט זיכ ניט, זײַט אזוי גוט!

— ער איז א גוטער,— האָט געמאָלדנ קלאוואָטשקע!— פארוואָס זאָל ער זיכ באליידיקנ? ער האָט זיכ אפ דער בירזשע פארשריבנ. ס'איז דאָכ אנ עמעס?— זי האָט פלוצלינג אימ אָנגענומענ מיט ביידע הענט פארנ קאָלנער פונ זײַנ אמאזאָנקע אונ האָט אימ אביסל צוגעצויגנ מיטנ געבאלעוועטנ אויסזענ פונ זייער א גוטער באקאנטער, אונ אירע גרינע, איבערגעקערטע גלאנצנדיקע אויגנ האָבנ זיכ אָנגעשטעלט אפנ געלנס צעבראָכענע גלעזער מיט א ווילדער, קימאט ליידנשאפטלעכער נײַגיריקײַט,— עמעס?— זי האָט צוליב אירע כאווערטעס ארײַנגעלייגט אינ דערדאָזיקער פראגע עפּעס סוידעסדיקס אונ האָט אראָפּגעלאָזט איר קאָל ביז א טויבלעכער שעפּטשערײַ:— איר זײַנט דאָכ געווענ א פאבריקמאכער? („באמערקט זיכ, אלצ זאָלט איר באמערקנ",— האָט געזאָגט איר שעפּטשערײַ צו די צוויי פרויענ).

נאָר דער געלער האָט קיינ ציטער ניט געטאָנ, ער איז ניט בלאס געוואָרנ אונ איז ניט געפאלנ אינ כאלאָשעס, ווי זיי האָבנ אינדרײַענ זיכ געריכט, ער האָט זייער רויִק אראָפּגענומענ קלאוואָטשקעס הענט פונעמ קאָלנער, ווי מ'רײַסט אָפּ אנ אָנגעפלויגנ זשוקל אָדער א שטעכעלקע, אונ האָט מיטנ קינ א שאָקל געטאָנ אינ דער זײַט פונ דער טיר. דאָרט איז שוינ בא א מינוט געשטאנענ סטעפּאנאָס אונ האָט ניט אָנ פארווונדערונג באטראכט די סצענע.

— כאווער סטעפּאנאָס, איר זײַנט געקומענ נאָכנ בוכ? אונ איכ האָב נאָכ ניט באוויזנ צו ענדיקנ. גייט ארײַנ, גייט ארײַנ, כאווער סטעפּאנאָס.

ס'איז עפּעס ארויסגעקומענ צי ס'איז ניט ארויסגעקומענ? אינ קאָאָפּעראטיוו האָבנ זיכ אלע דרײַ אראָפּגעלאָזט שוינ ניט ארומגענומענ, נאָר איינע נאָכ דער צווייטער, אונ ס'איז געוואָרנ אפדערעמעסנ קאלט. קלאוואָטשקעס קליינינק נעזל איז בלוי געוואָרנ. ס'איז ארויסגעקומענ אָדער ס'איז ניט ארויסגעקומענ?

— אונ איר האָט באמערקט, ווי ער האָט איבערגעפירט דעמ שמועס, פונקט ווי ניט אימ פרעגט מענ גאָר,— האָט דעמ רעכענונג־פירערס ווײַב געזאָגט.

— און די שטים זײַנע האָט קיין ציטער ניט געטאָן, ווי בא א געניטן פארברעכער. איך קען אזוינע טיפּן פון די ביכער, — האָט צוגעגעבן מארקאריאנס ווײַב.

קלאוואָטשקעס רוסישע שפּראך איז געווען ליבער און נאטירלעכער. זי האָט זי געהיט פאר זיך. זי האָט א טראכט געטאָן, — אינעם אראָפּהענגענדיקן קליידעלע ארום די קני, ווען קלאוודיוואנע איז געגאנגען נאָך זיי די לעצטע און האָט שוין פארלוירן דעם פארגעניגן פונעם שפּאציר, איז עפּעס געווען אזוינס, וואָס ס'איז ענלעך געווען אף געגנעצן, — דאָס קליידל האָט געגענעצט ווי זי אליין, איבערלעבנדיק די אופרעגונג: „ביסט א סוואָלאָטש, אָט ווער דו ביסט!"

3

אף פיר אזייגער איז געווען געמאָלדן א ביוראָ, נאָר די מיטגלידער פון ביוראָ, אויסער דעם אכטן, פּאָקינען, האָבן נאָך פון צוויי אזייגער דערפילט א נויטיקייט זיך אביסל אופצוטרייסלען, פארמאכן דעם אנשטאלט אָדער פּאָשעט ארויס פונעם צימער ווו מע זיצט. יעדערער האָט אומבאוווסטזיניק געפילט, אז ער דארף צוגרייטן זיך אליין צו דער ביוראָ. נאָר איין פּאָקין האָט גאנץ רויִק זיך געריסן אף די ארבעטער אינעם טונעל, כאפנדיק די טראמבאָווקע — די ארבעט איז געגאנגען ביז גאָר שלעכט. דערבראכט ביז הייזעריקייט, האָט פּאָקין זיך אנידערגעזעצט אף א פעסל און זיך אויסגעווישט מיטן ארבל, — מעגלעך, אז דאָס איז דער טאָג, א כמורנער טאָג, וואָלקנס, א גרויסע דריקונג, מעגלעך, אז מאליאריע — עפּעס זשוזשעט אין די אויערן ווי פון היץ, נאָר א פאקט איז, אז פּאָקין איז געווען א טייל פון דעמדאָזיקן צעפּאָרענעם און אפקאפּאָרעסדיקן גאנצן: „פּוילאָקעס, קלאפּערס, פּאָסטעלעס", האָט ער זיך געזידלעט פאר זיך. די אינערציע פון גרויסער ארבעט איז הײַנט צעשלאָגן, די ארבעט גייט ניט. מעגלעך, אז אוועלכער ס'ניט איז פּאָעט, זיצנדיק בא זיך באם טיש בא אן אראָפּגעהאנגענער שטאָרע, ריזעט פארצווייפלט דאָס הענטל און טראכט, אז ס'שרײַבט זיך ניט, ניטאָ קיין באגײַסטערונג, — מעגלעך, אז דערדאָזיקער פּאָעט ווייסט אפילע ניט, — און ער וואָלט נאָר געדארפט א קוק טון אין פּאָקינס צעטומלטער נעשאָמע ארײַן, — אז ניט נאָר פאר א ליד, נאָר פאר יעדער גרויסער ארבעט, פאר א זעג, פאר א האמער, פאר א טראמבאָווקע,

דער רועכ זאָל דאָס נעמענ, פאָדערט זיכ באַגײַסטערונג, יענע צונויפגעזונגענקײַט, צונויפגערעדטקײַט: „ס'גייט אלײנ", יענצ מיט אײל אָנגעשמירט סטעזשקעלע פונ מענטשלעכער אָנשטרענגונג—יענצ, וואָס איצט איז דאָס ניטאָ אינ דעמ געליבטנ טונעל, אונ פּאָקינ זיצט, ווישט דעמ פּרוכטלאָזנ שווייס אונ איז גרייט צו קריכנ אפּ די ווענט. הײַנט וועסטו שוינ מיט קײנ זאכ ניט נעמענ די ארבעטער,—אזא טאָג איז הײַנט: דריקונג אָדער מאליאריע,—נו, עפּשער אפּ באנאכט אויסטרינקענ כינע.

נאָר אינ דער צײַט, וואָס פּאָקינ ראנגלט זיכ מיט די געדאנקענ, מיט דער מאָדנער טעמפּער צעפּאָרנקײַט, וואָס האָט זיכ אָנגערוקט אזוי־ווי כמארעס אפּ דער ארבעט איבעמ טונעל, האָבנ די איבעריקע מיטגלידער פונ דער ביוראָ, יעדערער אפּ זײַנ אויפנ, איבערגעלעבט עפּעס אזוינס, וואָס איז ענלעכ געווענ אפּ פּאָקינס מאליאריע. ס'האָט עס איבערגעלעבט דער מיליציע־שעפ אוואק, וואָס איז געגאנגענ מיטנ שאָסיי אונ האָט זיכ גע ײַלט צו גיינ, קעדיי צו באַווײַזנ אָנצוקומענ אפּנ באצירק פריער פאר דער מאשינע: ער איז געווענ אונטנ אפּ דער סטאנציע אונ איז אוועק צופוס, אבי ער זאָל זיכ נאָר ניט צונויפשטויסנ מיט לעוואָנ דאווידאָוויטשנ. אוואקס אָרנטלעכ קײַלעכיק פּאָנעמ אונ זײַנ בליק, וואָס איז געווענ ארופגערוקט ביז סאמע דעמ היטל־ראנד (אזוי רוקט ארופּ אמאָל א פראנט זײַנ היטל, ווי בא אימ די אויגנ), זײַנענ ניט אויסדריקלעכ, כאָטש שטארקע געפילנ שטורמענ אינ אוואקנ: אָט, ווענ איצט רײַסט זיכ אופּ א פּעסל אפּנ פּולווער־סקלאד, ווו מ'האָט אוועקגעשטעלט לעוואָנ דאווידאָוויטשעס ליבלינג, דעמ הינקענדיקנ ניקיטענ, אָדער אָט, ווענ די מאשינע וואָלט ארויסגעשלײַדערט דעמ שעפ אונטערנ וועג־שיפּוע ארופ,—די ציינ וואָלטנ א סקריפּע געטאָנ, ווענ אוואק וואָלט זיכ דערלויבט צו דערמאָנענ די סצענע לעבנ דער שמידערײַ אונ זײַנ אייגנ פּאכדאָנעסדיק שווײַגנ,—ער האָט ניט געקענט, דער שויטע, אָפּענטפערנ. דער מיליציע־שעפ ווארפט אָפּ אזוינע געדאנקענ, ווי א דרימל, אונ באמיט זיכ צו טראכטנ וועגנ עפּעס אנדערש. ער זאָגט צו זיכ אלײנ מיט גוואלד—„אײַ, ס'איז ניט גוט"—מיקויעכ דער לאגע אפּנ באצירק. נאָר זײַנ בליק זוכט פונונטנ, ווו דורכ נעפּל אונ נעצ פונ דעמ זייער שלעכטנ, קימאט שוינ פינצטערנ טאָג האָבנ דינ א גלאנצ געטאָנ פײַערלעכ,—סימאָנים פונ צעטומלטקײַט, פונ קאטאסטראָפע, פונ עפּעס אומגעוויינלעכס אונ אומגעריכטס.

א פּײַערל ברענט אין דיזעל־צעך. דאָרט איז דער קאָמיוגיסט, א מיטגליד פון ביוראָ, יענער, וואָס איז ניט לויט זײַן עלטער באוואָקסן מיט א באָרד און וואָס זײַן פּראָקוראָרישע רעדע האָט געדונערט מיקויעך סוקיאסיאנצן,—ער איז אויך הײַנט אופגערעגט—ער גרייט א רעדע. די קאָמיוגיסטן, וואָס גייען אַרײַן צו אים, צעהיצן דעם פּראָקוראָר. יעדערער האָט געבראַכט א נײַס. א קלאסנקאמף אפן באַצירק־ריכטיקער, אַן אָנגריף אפן אַרבעטער־קלאַס. איר קענט ווי איר ווילט אָפּלייקענען אָט דעמדאָזיקן קאַמף, נאָר אָנבויגנדיק דעם יונגן קאָפּ, דעם קרעפּטיקן וואָרצל פון האַלדז, א זאַפּטיקן, ווי א מער, האָט דער באָרדיקער, גלאַנצנדיק מיטן קלוגן און ווייסנדיקן בליק, פאַרצייכנט אַפּ אַרמעניש אין בלאָקנאָט: פּונקט ערשטער—אָפּגעזאָגט יענע, וואָס זײַנען אַרויסגעטראָטן מיט קריטיק. פּונקט צווייטער—באַשײַמפּערלעך אומזיניק אָפּגעזאָגט אוועטיסן פון סקלאַד. דאָרט איז די אַרבעט ניט פאַרקירצט. דער סקלאַד באַקומט לויט די אָרדערס. די פאַרבליבענע זײַנען איבערגעלאָדן, מ׳וועט דינגען אפן אָרט פון דעם אָפּגעזאָגטן אַגדערע. פּונקט דריטער—פאַר די אַרבעטער האָט מען ניט געמאַכט קיין פאָרטראַג וועגן נײַעם פּראָעקט, די אַרבעט איז בלינד. פּונקט פערטער—דאָס דראַמקרײַזל. א פאַרפלייצונג פון מעשטשאַנישן אוילעם, הינטישע פעל (דעם רעכענונג־פירערס ווײַב האָט ניט געוואָלט שפּילן מיט אַן אַרבעטער, „ס׳שמעקט פון אים”, און האָט ניט דערלויבט, לויטן גאַנג פון דער פּיעסע, מ׳זאָל זי רופן „הינטישע פעל”, נאָר אַנשטאָט דעם „נאַרעלע”)...

דאָ האָט דער שרײַבנדיקער א צוק געטאָן מיט די אַקסלען,—ווײַטער קען מען שוין ניט! ווער זײַנען זיי אפן באַצירק? געדונגענע קראַפט? ווער איז זייער באַלעבאָס? א קאַפּיטאַליסט עפּעס? ווו זײַנען זיי אַפּ דער געאָגראַפישער מאַפּע?

א וואָרף געטאָן דאָס שטיקל ציגאַר אין שפּײַקעסטל (רויכערן איז געווען פאַרווערט, דער אָנגעפּאָרענער אינזשענער־עלעקטריק, וואָס איז אַרומגעגאַנגען איבערן דיזעל־צעך, האָט צופעליק זיך אומגעקוקט אפן קאָמיוגיסט), האָט דער פּראָקוראָר דערשריבן דעם פינפטן פּונקט: די פאַרטיילונג אין קאָאָפּעראַטיוו. ווען דו זאָלסט ניט קומען,—איז דאַמעס מיט קוישלעך, מ׳לאָזט אָפּ אין דער ערשטער ריי דעם „רײַנעם אוילעם”, דער אַרבעטער באַקומט ניט קיין מילך, קיין פּוטער און וואַרט איבעריקע צײַט...

פּונקט אין דערזעלבער מינוט, אַנערעך צו צוויי אַזייגער, שוין קימאַט צום פאַרמאַכן, האָבן אין קאָאָפּעראַטיוו־קלייטל אַרבעטער

געוואַרט „איבעריקע צײַט“. ניט דערפֿאַר, וואָס ס'איז אַ רײַ. אַ רײַ איז
אַפֿילע געווען,—זיי האָבן פֿון פֿריִער פֿאַרגעדענקט ווער ווו. נאָר דאָס
אָפּלאָזן פּראָדוקטן האָט זיך פֿאַרהאַמעוועט. דער פֿאַרוואַלטער פֿון קאָאָ־
פּעראַטיוו האָט מיט אַ שמייכעלע אָפּ זײַן לעוואָנע־פּאָנעם,—דאָס שמיי־
כעלע איז, איבעריקנס, געווען אַן אומרויִקס און גיכער פֿון געוויינ־
שאַפֿט,—אָפּגערוקט דעם פֿריקאַשטשיק און האָט אונטערגעפֿירט דעם
בעזשבן. ער האָט זיך געכאַפּט ענדיקן פֿריִער, ווײַל ער האָט אויך פֿאַר
דער ביוראָ,—ער איז געווען דער פֿינפֿטער מיטגליד פֿון ביוראָ,—געהאַט
אַן אומאָנגענעמען, אומגוטן געפֿיל,—צי זאָל ער אַרויסגיין צי די אַרבעט
פֿאַרענדיקן, נאָר עפּעס דאַרף מען טון, ווי אַזוי ס'ניט איז פֿאַרקיי־
לעכדיקן דעם טאָג. ער האָט מיט עפּעקט געקלאַפּט אָפּ דער רעכנ־
ברעט, פֿאַרקײַלעכנדיק דעם טאָג. הינטער זײַן פּלייצע האָט אָפּ דער
שטייענדיקער וואָג געציטערט עמעצנס אַ ניט־דערשאָטענער זאַק מיט
רײַז, און די רײַזעלעך זײַנען געפֿאַלן ווי טראָפּנס פֿון וואָנצן. אַן אַרבעטער
האָט געוואַרט, אַרופֿגעלייגט די עלנבויגנס אָפּ דער הויכער ברעט פֿונעם
פֿאַרקויף־טיש, און הינטער אים האָבן זיך אָנגעלייגט צענדליקער אַנ־
דערע. דאָס לעמפּל האָט געלויכטן טונקל. די פּאָלעצעס אַנטקעגן די אַר־
בעטער האָבן געשעמערירט מיט די אויסגעשטעלטע פּראָדוקטן, וואָס
האָבן מאַרשירט גרופּעסווײַז און מיט די פּאָנעס: אַן אַרמיי עמאַלירטע
טשײַניקעס מיט אַ ווײַס ברעטעלע „צוויי פּערציק“; אַ וויכער שוואַרצע
שנירלעך פֿון שיך, צונויפֿגעפֿלאָכטן, ווי שלענג אונטער אַ פּאָן: „צו
איינס פּאָר אין איינע הענט“; פּיראַמידעס פּאַפּיראָס־שאַכטלעך; אַ בלעך מיט
טרוקענע גאַלעטן: „פֿיר הונדערט גראַם אָפּ אַ פֿײַשטשיק“. ווער ס'האָט
צײַט, איז קוק, לערן אויס, קלײַב זיך פֿאַנאַנדער מיט די אויגן, ווײַל
ס'איז ניטאָ אַזאַ זאַך, וואָס זאָל ניט זײַן באַלערנדיק, וואָס זאָל ניט
פֿייִק זײַן צו לייגן זיך, ווי אַ בריקל, פֿאַר אַן אויספֿיר, וואָס זאָל ניט באַ־
ווײַזנדיק זײַן פֿאַר באַשטימענע לענג און ברייט. נאָר דאָ האָט זיך אָפּ די
פּאָלעצעס מיט די פּראָדוקטן אַוועקגעלייגט אַ ברייטער שאָטן, איבערײַסנ־
דיק, מעגלעך, עמעצנס אַ ווייסנגירינקן געדאַנקען־גאַנג,—צווישן די אַרבע־
טער האָט זיך דורכגעשטופּט מאַרקאַריאַנס ווײַב, קלאַוואָטשקע און דעם
רעכענונג־פֿירערס ווײַב, וואָס האָבן שוין באַוויזן צו באַזאָרגן זיך מיט אַ
קוישל און מיט אַ קיילע.

— אויב מ'קען, כאַווער, פּאָמידאָרן, נאָר גרעביבענע פּאָמידאָרן,—
ס'קאָכט זיך אַ באָרשטש.

דער באלעבאָסטעס א בעטנדיקע גרימאסע און א אומרויִקער קוק איבער די פּאָלעצעס. דער פּריקאשטשיק האָט, נאָכדעם ווי ער האָט א פרעג געטאָן מיט די אויגן דעם פּארוואלטער, אראָפּגענומען פון דער וואָג דעם זאק מיט רייַז, דערנאָך האָט ער מיט א געווינטן זשעסט ארופגעשטעלט די קיילע אף דער וואָג, ווי ס'האָבן נאָך געגלאנצט איינזאמע רייַזעלעך, און האָט פלינק פון די פעסט פארדריקטע פינגער — פרייִער איין שטיינדל אף דער צווייטער שאָל פון דער וואָג, דערנאָך א צווייטס, א דריטס. די וואָג האָט זיך אויסגעטארעט. מארקאריאנס ווייַב האָט א לעק געטאָן דעם פינגער, מיט וועלכן זי האָט ערגעץ א קאָרפּע געטאָן פוטער, האָט זיך אָנגעבויגן מיטן גאנצן קערפּער און האָט געשפּעטלעך געקוקט, ווי עס רינט אין איר קיילע, ווי געדיכטע בלוטיקע הושטשע, די פּיורע פון פּאָמידאָרן: דער באָרשטש זאָל נאָר ניט אויסלויפן.

און דער טאָג איז שוין אינגאנצן פינצטער געוואָרן. די ערשטע מינוטן אף דרייַ האָבן זיך אָנגעצונדן פייַערלעך אין די באראקן, ס'האָבן זיך אויך אָנגעצונדן די גרויסע, אף קאנאטן זיך הוידענדיקע לאמטערנס, וואָס באם וועג, און אין זייער שייַן האָבן זיך צעטאנצט שיטערע שנייעלעך. איבעריקנס, איז דער שניי פון מינוט צו מינוט שטארקער געוואָרן. און אָט איז ער שוין ניט קיין שניי, נאָר א רעגן. שטארקער און שטארקער דער רעגן. ס'האָבן זיך פונערגעץ באוויזן פיגורן, וואָס צעלויפן זיך אין פארשיידענע זייַטן, אזוי ווי דער רעגן וואָלט פונויבן געפּארעט וואנצן: קינדער אונטער א זאק אָדער א שטיק ברעזענט; אונדזערע דרייַ דאמעס אונטער א צענומענער צייַטונג; עמעצער, א טאכלעסדיקער, אונטער א רעגנשירם. אין א מינוט ארום איז אף דער באראק־גאס ארומגעגאנגען נאָר איין גאנדז קאָסארענקעס, און קאָסארענקאָ אליין האָט פונעם שוועל געקוקט אף איר. קאָסארענקאָ, דער פערטער מיטגליד פון ביוראָ, האָט געקוקט אף דער גאנדז, נאָר געטראכט האָט ער אין טאָך ניט וועגן דער גאנדז און ניט וועגן דעם וועטער. קאָסארענקאָ איז אין די ערטער געוועזן א פרעמדער מענטש, ער האָט זיך געהאלטן פּאָרזיכטיק, ווארום אז דו זאָגסט זיך ארויס, איז נאָר א פארדראָס, און וויאזוי זאָלסטו זיך ארויסזאָגן, אז אלץ, וואָס דאָ איז פאראן, האָט קאָסארענקאָ קריטיש פארגליכן מיט דעם, וואָס ער האָט געלאָזט אף צאָפן אין דאָנבאס, אף מאריופּאָלער זאוואָד, אין דער רויטער ארמיי, אין לענינגראדער פּאָרט, — פאר צען יאָר קען זיך אָנ־

קלײַבן מיט וואָס צו פֿאַרגלײַכן,—דאָרט וועט דיר אַן אַרבעטער באַלד דערלויבן מ׳זאָל קײן ספּעצ־קלײדער ניט אַרויסגעבן, אָדער מ׳זאָל קעגן דעם אָרטקאָם עמעצן אָפּזאָגן, אָדער אַן אַרבקאָר אַראָפּנעמען. אַן אַרב־קאָר אַראָפּנעמען! הינטער קאָסאַרענקעס פּלײצע אין באַראַק זיצט אַ גאַסט—דער סעקרעטאַר. ער איז אַהער געקומען שוין לאַנג, און דער שמועס צווישן זײ האָט אַרויסגעטריבן דעם ווײַסהאָריקן קאָסאַרענקען אַף דער גאַס אַ קוק צו טאָן אַף דער גאַנדז. אַ ביסל געשטאַנען אַזוי, האָט זיך קאָסאַרענקאָ אומגעקערט צוריק און פֿאַרטראַכטערהײט אויסגעפּײַפֿט אַ ניגנדל.

דער סעקרעטאַר האָט געוווּסט, אַז קאָסאַרענקאָ האָט אים ניט ליב און האַלט אים פֿאַר אַ שוואַכן. אין דערדאָזיקער מינוט (ווי אַ קלײנער טראָפּן אין דער נישטיק קלײנער וועלט, ווו זײ זײַנען איצט געווען די אָנטײלנעמענדיקע פּערזאָנען, האָט די דאָזיקע מינוט אָפּגעשפּיגלט אין זיך אַנדערע אַזעלכע מינוטן, אין גרעסערע וועלטן, און איז שטאַרק געווען מיט דער שוטפֿעסדיקײַט, מיט דער אײנצײַטיקײַט מיט זײ) האָט דער סעקרעטאַר געוווּסט, אַז יעדערער פֿון זײ טוט מער פֿון זײַן זאַך און איז פֿאַראַנטוואָרט־לעך פֿאַר מערער, ווי פֿאַר זײַן זאַך. אין דער מינוט איז ער איבער אַ מאָדנעם און אומדערקלערלעכן שטריך פֿון כאַראַקטער געקומען נאָך אַן אײצע און נאָך הילף ניט צו די, בײַ וועמען ער האָט געקענט געפֿינען מיטגעפֿיל און מיט וועמען ער וואָלט געקענט, לאָמיר באַנוצן דעם נאַטשקאַנצס זאַכאַר פּעטראָוויטשעס וואָרט, „זיך קאָנסאָלידירן",—נאָר פֿאַר־קערט, צו דעם שטאַרקסטן קריטיקאַן און אָפּשפּעטער, צו זײַן אָפּענעם קעגנער—צו קאָסאַרענקען.

פֿאַר דער שאָ, וואָס זײ האָבן געשמועסט, האָט דער סעקרעטאַר אויסגעהערט ניט זײער קײַן אַנגענעמע זאַכן. ער האָט, לויט קאָסאַרענ־קעס רײד, קײן אויטאָריטעט ניט אַפֿן באַצירק, מיט זײַן רוקן באַנוצט מען זיך, ווי מיט אַ פּאַנצער, קײן פּאַרטײיִשע אָנפֿירונג פֿילט זיך ניט, דער אַרבעטער־אַקטיוו איז פֿאַרקירצט, דער קאָמיוג איז אָן הילף, אַ גרינגשעצנדיקע באַציִונג צו דער יוגנט, אַגאַבעק קײן שטיצע האָט ניט,—אַגאַבעק איז אַף אײגענער ריזיקע...

— אָבער, הער נאָר אויס,—האָט דער סעקרעטאַר געזאָגט מיט אַ גלאַטער שטים. זײַנע אויערן האָבן געברענט, נאָר זײער אויסבויִג האָט געקאָנט אויפֿדעקן פֿאַר אַן אויפֿמערקזאַמען מענטשן עפּעס אַקשאָ־נעסדיקס און ניט־נאָכגיביקס:—ניט וועגן מײַנע טאַלאַנטן רעדן ביז איך

געקומענ צו דיר. איכ וואָרנ דיר, דו פּראָוואָצירסט אגאבעקנ, דער יאט וועט זיכ פארײַסנ, מיקויעכ אגאבעקנ בינ איכ געקומענ. האָסט פאר־שטאנענ?

5

פאר סטעפאנאָסנ איז דאָס בוכ, וואָס ער האָט געגעבנ דעמ געלנ מיט דעמ טנײַ איבערצולייענענ אינ איינ אָוונט, געווענ נאָר אנ אויס־רייד. בא סטעפאנאָסנ מיט דעמ געלנ איז געווענ א פרײַנטשאפט. סטעפאנאָס האָט אימ געזאָגט „דו". ער האָט פארטרויט דעמ געלנ. דער געלער האָט געזאָגט סטעפאנאָסנ „איר". בלײַבנדיק געטרײַ זיכ אליינ, העפלעכ, ווי אלטע לײַט אפ פענסיע, האָט דער געלער צוגערוקט די טאבורעטקע אפנ מיטנ צימער און איז געגאנ פארשפארנ די טיר הינ־טער די פרויענ. נאָר אינדערלופטנ איז נאָכ קאָנטראבאנדיש געבליבנ ווײַבלעכקײַט—א געמיש פונ וואלעריאנקע מיט כינעזישער טיי, א רייעכ פונ פרילינג, א פײַכטער, ווי א קאטער, אפילע דער הינטישער פוטער און דער אונטערפאכוועדיקער שווייס פונ מארקאריאנס ווײַב האָט זיכ ארײַנגעגאָסנ אינעמ בוקעט מיט אנ אומדערטרעגלעכנ בײַטאמ פונ טײַוועו. דאָס איז געווענ א לופט, וואָס האָט געווירקט אפנ געלנ. א פילבארער צו רייכעס, איז אָנשטאָט דעמ ער זאָל פארמאכנ די טיר אפנ שליסל, ווי ער האָט זיכ געקליבנ, האָט ער גענומענ און האָט זי ברייט צעעפנט, דערווידער צו זײַנ געוויינלעכער אײַנגעהאלטנקײַט און פראָ־טעסטירנדיק פלוצלינג מיט זײַנ גאנצנ גרויסנ ווײַסנ קערפער, דעמ ווייכנ און עלאסטישנ, ווי בא א יאגואר, קעגנ דער אלגעמיינער מאניע פונ קאָנספיראציע, וואָס האָט ארומגעכאפט דעמ באצירק. מיט א גוט־מוטיקנ שמייכל האָט ער אָנגעלאָזט אינ צימער לופט און קעלט.

סטעפאנאָס האָט זיכ אנידערגעזעצט און אנידערגעלייגט די הענט מיט די דלאָניעס ארופ. די לאנגע פאָלעס פונ זײַנ פידזשאק האָבנ זיכ צעלייגט ביזנ דיל, און זײַנע שטויביקע אלטע הויזנ און די אלטינקע שטיוולעטנ, וואָס פלייש און ביינער איז אינ זיי; דאכט זיכ, געווענ אזוי קארג אָנגעלייגט, ווי געפילעכצ אינ א וואָלוועלער פוטער־בולקע, האָבנ אומרויִק זיכ א דריי געטאָנ נאָכ דעמ געלנס האסטיקער באוועגונג. סטעפאנאָס, דער דריטער מיטגליד פונ ביוראָ, האָט זיכ געכאפט קומענ אהער גראָד דערפאר, ווײַל ערשטנס, איז בײַ דער ביוראָ געבליבנ אוועלכע צוויי שאָ, צווייטנס, גייט נאָכ הײַנט אוועק זײַנ פרײַנט,

דער געלער, ווי ער האָט עס אַליינ געזאָגט, אינ זײַנ ערשטער עקספּעדיציע מיט גרישינענ אינ דער ראָל פונ אנ ארבעטער, אונ ער וועט דאָרט זײַנ צוויי טעג, אונ מעגלעכ אפילע דרײַ מיט א שמיציק. אונ ענדלעכ, סאמע דאָס וויכטיקסטע, — סטעפּאנאָסעס רוידעפּשאָלעמ־דיקער נאטור האָט געפעלט שמיצע פונ א אומפּארטייִשנ קאָפּ. סטעפּאנאָס האָט גערליטנ אפ דער נויגונג צו שאָלעמאכערײַ, ווי מע האָט גערעדט אינ קעמערל. ווענ מ'זאָל אימ אַליינ פרעגנ, וואָלט סטעפּאנאָס אופגעבראכט געוואָרנ. ער קאָנ פּאָשעט ניט פארדייענ אונ וויל ניט פארדייענ קיינ אינטריגעס. ער זוכט צונויפגערעדטקײַט אונ צונויפגערעדטע ארבעט, ער איז ניט קיינ ליבהאָבער פונ אינטריגעס, אָט וואָס. אינדערעמעסנ אָבער האָט סטעפּאנאָס אינ דער טיפ פונ זײַנ ווײַבלעכער נאטור זיכ אַליינ געקענט אונ מוירע געהאט פאר זיכ. אויב ריידנ אָרנטלעכ, האָט סטעפּאנאָסנ קיינ זאכ ניט געדראָט מיט אזא גרויסנ ניסוינ, ווי דאפקע אינטריגע. אביסעלע פּארסאָפּעט איז ער געקומענ זיכ אויסריידנ, קעדיי אויסצולאָדנ די איבעריקע פּארע אונ דערנאָכ קאָנענ אָפּשווײַגנ אפ דער ביוראָ.

— נעמ פארשליס די טיר, — האָט ער געזאָגט בעטנדיק.

דער געלער האָט פארשלאָסנ. אונ ווידער האָט אופגעלעבט אינ צימער דער רייעכ פונ ווײַב, וואָס איז אפ א מינוט דערשלאָגנ געוואָרנ פונ דער קעלט. ארנאָ ארעוויאנ האָט זיכ אנידערגעזעצט אנטקעגנ זײַנ פרײַנט אפנ בעטל. דאָס איבערגיינ אפ אנ אנדער ארבעט איז אימ, אפּאָנעמ, געווענ צו געזונט. די קליינע אייגעלעכ דעמ געלנס האָבנ פונ אונטער די צעבראָכענע גלעזער געשײַנט מיט הומאָר אונ מיט געזונט. דער צעשפּיליעטער קאָלנער אפנ האלדז האָט באוויזנ א ווײַסע הויט, — זי איז אָפּגעברענט געוואָרנ, רויט אונ צארט, ווי בא א מיידל. דעמ געלנס דינע פינגער זײַנענ איצט געווענ אינ סיניאקעס אונ אינ ווונדנ, — ער האָט צוויי טעג זיכ געפּאָרעט אינ שטאל, אַליינ צענומענ אונ גערייניקט די אינסטרומענטנ, קעדיי זיכ צוגעווינענ מיט זיי פאר דער ארבעט.

— נו, איז וועט אויכ איר זיכ קלאָגנ אפנ סעקרעטאר? דער גאנצער באצירק קלאָגט זיכ אפנ סעקרעטאר.

— ניט אינ דעמ גייט עס, — סטעפּאנאָס האָט איצט געזענ אינ דעמ געלנס אופלעבונג עפּעס אזוינס, וואָס איז ניט גאָר פײַנ, מ'זאָל נעמענ אינ אכט די ערנסטקײַט פונ דעמ מאָמענט. זידלענ דעמ סעקרעטאר

קאָנ יעדערער, די פראגע איז אינ דעמ, וויאזוי בײַצוקומענ די עקלדיקע אטמאָספער אפנ באצירק, וואָס האָט יעדערנ ארומגעכאפּט, אזויווי קויט וואָלט זיכ צוגעקלעפּט. ס'איז ניט אויסצוראָטנ: „איכ האָב געהערט", „ער האָט געזאָגט", „מ'זאָגט", „מ'דערציילט", „אונ דו ווייסט", „אונ יענער"...

— דער נאטשקאנצ האָט אָפּנ געמאָלדנ, אז די אדמיניסטראציע וועט מאכנ א דרוק, אונ אגאבעק וועט אָרויספליִענ פונ באצירק. נאָכ דעמ נאטשקאנצ נאָכ איז פּאָקריקאָווס ווײַב, מאריא אמבארצונאָווא, שטארקער ווי דער צעקא פונ דער פּארטיי. אפ זײַנ מיינונג שפּײַ איכ, נאָר דו פארשטייסט דאָכ, וואָס סע באקומט זיכ. מיט וואָס וועל איכ דידאָזיקע מיינונג אינ די ארבעטערס אויגנ... אויב מע וועט אגאבעקנ מאָרגנ ארָאָפּנעמענ? די ביוראָ שרײַבט אינ אוקאָמ, אונ מאריא אמבארצונאָווא לויפט צו נינע אמבארצונאָווא, נינע אמבארצונאָווא צומ מאנ, דער מאנ קלינגט אינ פּראָפּראט...

— ער איז דאָכ אוועקגעגאנגענ.

— נו, איז ניט ער, איז א צווייטער, א דריטער. מיט איינ וואָרט, ס'וועט זײַנ ווי זיי ווילנ. איינ אויסגאנג איז—זיכ פארקאָרקעווענ אונ פארשווײַגנ, ווי אונדזער אומשעדלעכער. אָט פארוואָס דער אומשעדלעכער איז זיי צוגעפּאסט. אפילע א נאר פארשטייט דאָכ, אז דער סעקרעטאר העלפט זיי צו,—איז וואָס־זשע נאָכ. א שאנד, אָט וואָס ס'טוט זיכ,—א שאנד, א כארפּע אונ א בושע.

— אונ איכ מיינ...—דער געלער האָט גערעדט לאנגזאמ אונ האָט זיכ פארהאקט.

— אינ אזא מינוט ווייסטו וואָס ער טוט? ער גייט ארומ צו די מיטגלידער פונ ביוראָ אונ זאָגט, אז אגאבעק האָט זיכ פאריסנ. ער הערט אויס דעמ נאטשקאנצ, דעמ נאטשקאנצס ווערטער כאוערט ער איבער. איכ בינ א שטילער מענטש, נאָר דו ווייסט, אינ מיר זידט מאמעש, איכ בינ גרייט דידאָזיקע שמאטע, דעמדאָזיקנ פראנטל אזוי דורכרײַבנ אינ צײַטונג... אונ פונ דער צווייטער זײַט, ארעוויאנ־דזשאנ, לאָזנ זיכ בא מיר אראָפּ די הענט. וואָס פאר א נוצנ, זאָג, איז פונ דעמ? די קולט־ארבעט שטייט בא מיר אפ נול. ביז איצט קיינ לעקטער פונ צענטער גיט מענ ניט. מ'שרײַט: א בוי־באצירק, אונ די באציִונג איז ערגער פונ א הינטישער,—סטעפאנאָס האָט ווי א באבע אויסגעקרעוועט זײַנע בלוט־אָרעמע גרוילעכע דלאָניעס פאר זײַנ פרײַנט, באווײַזנ־

דיק אים די פולע האָפענונגלאָזיקייט פון דער לאגע. נאָר אין סטעפּאַנאָסעס אויגן האָט שוין קוים־קוים געטליִעט א דול פּײַערל פון אינטריגע. ער האָט זיך שוין ניט צוגעהערט צו זיך און האָט ניט באַמערקט, אז אין זײַנע רייד קלינגען פרעמדע אינטאָנאציעס, ווי ס'רײַסן זיך אמאָל ארײַן אין מוזיק ווײַטיקע קלאנגען,—א לאָקאָמאָטיוו־פּײַף, א גערויש פון א פאלנדיקן שטול, א הוסט, א טראמוויַי־קלונג. נאָר דער געלער האָט זיי יאָ געהערט. ער איז באלד אופגעשטאנען און האָט אביסל צוגעוואַרט, איידער ער האָט ווידער אָנגעהויבן זײַן איבערגעריסענעם „און איך מיין"...

דער געלער האָט געליטן פון דעם רייעך אין צימער און האָט זיך אינערלעך געראנגלט, ער זאָל זיך ניט צוגעווינען צו אים און ער זאָל אים ניט ארײַנפירן טיפער אין די לונגען. ער האָט ניט באמערקט, ווי שטענדיק אין אזעלכע מינוטן, אז מענטשן רעכענען זיך זייער ווינציק מיט אים און מיט זײַן צײַט, מיט זײַן פערזענלעכער באקוועמלעכקייט, מיט זײַן פּערזענלעכן געשמאק. גרישין דארף באלד קומען, מ'דארף באוויַיזן אָפּצועסן און ארויסטראָגן פון שטאָל די אינסטרומענטן,—אָבער ניט וועגן דעם טראכט ער איצט, נאָר וועגן דעם, וויַאזוי צו ענטפערן. ס'איז שווער צו ענטפערן, אז מ'זאָל זיך ניט דערמאנען אין זײַן אומפּארטייִשקייט אָדער אן אנדער ענלעכן אומשטאנד, ווײַל דער ענטפער איז באַם געלן געווען דורכגעטראכט אלע לעצטע טעג און מיט דער גאנצער טיף פון אינטעלעקט.

— און איך מיין,—האָט דאָס צווייטע מאָל אָנגעהויבן דער געלער, שטייענדיק פארן פענצטער מיט די הענט אין די קעשענעס, דעם גרויסן און שטארקן קערפּער אויסגעקערעוועט אזוי, אז דער רייעך און סטעפּאַנאָס זאָלן בלײַבן הינטער אים,—אין דעם רייעך פון ווײַב און אין דעם דולן שווארצאפּל פון סטעפּאַנאָסן, וואָס איז קראנק געוואָרן אף אינטריגע, איז געווען עפּעס איינס.

— איך מיין, אז איך האָב ניט דערשאצט דעם סעקרעטאר פון קעמערל.

ארויסגעזאָגט דידאַזיקע פראזע, האָט דער געלער האסטיק זיך אויסגעקערעוועט און האָט א קוק געטאָן גלײַך אין סטעפּאַנאָסעס קראנקע שווארצאפּלען: ער וואָלט אזוי געוואָלט איצט האָבן א טאלאנט צום ריידן, זײַן א זשעני פון וואָרט, זײַן א מוזיקאנט, אז מיט א מאך פון דער האנט זאָל ער איבערגעבן די פּינקטלעכקייט פון וויסן, יענע פּינקט־

לעכקײַט פון וויסן, וואָס דער געלער האָט געשעצט בא זיך און בא אנדערע העכער פון די סאמע גלענצנדסטע טאלאנטן. ער האָט ליב געהאט אגאבעקן און האָט ניט ליב געהאט דעם סעקרעטאר, ווי סטעפאנאָס און ווי צענדליקער אנדערע אפן באצירק; נאָר אין דידאָזיקע טעג האָט ער, צוקוקנדיק זיך צום סעקרעטאר מיט פארוואונדערונג, געזען, ווי עס צעוויקלט זיך דערדאָזיקער לאנגזאמער, טעמפלעכער, פון בוך צוגעשלאָגענער „אומשעדלעכער“,—ווי אין דער גאנצער קאָמישער נארישקײַט פון זײַן פעדאנטישן, ציכטיקן, עלעגאנטישן וועזן צעוויקלט ער זיך פון טאָג צו טאָג אזוי, אז אונטערן דעק פון דעטאלן, פון אלע קלייניקײַטן, פון ווערטער און זשעסטן זאָל ער פלוצלינג דערגיין צו דער הויפט־אקס פון מענטשלעכן כאראקטער,—צו ט ע ט י ק ײַ ט. דער אומשעדלעכער איז דער איינציקער אפן באצירק געווען טעטיק אין דידאָזיקע טעג. דער געלער האָט אײַנגעצויגן די אויבערשטע ליפ אין מויל אריַין, ער האָט אָנגעהויבן סאָפען, ער האָט געטראכט, וויאזוי זאָל ער בעסער זאָגן.

— איר דארפט דאָך פארשטיין, סטעפאנאָס, אז קעדיי צו זאָגן „אגאבעק האָט זיך פאריסן“, זאָגן דאָס נאָך דעם נאטשקאנצ, דארף מען זייער גרויס מוט, דארף מען וויסן וואָס מ׳רעדט. מ׳דארף זייער ליב האָבן אגאבעקן און שארף פילן, קעדיי דאָס צו זאָגן. איר קאָנט זיך אנטוישן אין מײַנע איבערצײַגונגען, נאָר איך... איך האָב אָפשײַ פארן סעקרעטאר. ער איז א פארטייער. איך וויל זאָגן,—ער האָט דער איינציקער זיך געפירט ווי א פארטייער.

— דו ביסט פונזינען אראָפ, ארעוויאן,—האָט א ברום געטאָן סטעפאנאָס, אופנעמענדיק פארכידעשט די ליידנשאפט, וואָס דער געלער האָט ארײַנגעלייגט אין זײַנע ווערטער. אליין אָפגעקילט זיך, האָט ער אפילע א טראכט געטאָן,—אזוי זיך פון דער זײַט,—מיקויעך דעם געלנס אומפארטייאישקײַט, און יענער האָט עס מאָמענטאל פארשטאנען.

— איר זײַנט איצט ניט אימשטאנד צו פארשטיין,—האָט געזאָגט ארעוויאן, בײַטנדיק דעם טאָן און אנידערזעצנדיק זיך אפן אָרט. נאָר דער אופבליץ האָט אים אליין אָנגעווארעמט, דעם אופבליץ האָט ער געהאט צו פארדאנקען אן איבעריקן שריט פון זײַן גדאנק,—לערנענדיק זיך, לויט זײַן געווינשאפט, בא זיך אליין און אָרגאניזירנדיק זיך אליין אין דעמדאָזיקן אומבאמערקטן לערנען זיך, האָט דער געלער פלוצלינג ווידעראמאָל א טראכט געטאָן וועגן דעם רייעך אין צימער און וועגן דער סינע צו אים.

— ווען איר וועט זײַן אימשטאנד צו פארשטיין, וועל איך אײַך דערציילן גענוי, וואָס נאָמענטלעך איך מיין. נאָר זײַט ניט אומגעערעכט. אז דער נאטשקאנצ זאָגט „זיך פאריסן״, איז עס איינס, און ווען דער סעקרעטאר זאָגט „זיך פאריסן״... איר ווייסט, איך האָב ליב אגאבעקן, איך האָב קיינעם אפן באצירק אזוי ניט ליב, ווי אגאבעקן. איך בין פארנומען מיט אים, איך טראכט וועגן אים, איך האלט דעם מענטשן פאר א שיינעם, — אין דער מינוט בין איך מיט אײַך קימאט ניט־אָנשטענדיק אופריכטיק. נאָר פארוואָס האָט קיינער פון אײַך זיך ניט פארטראכט, וואָס האָט געוואָלט זאָגן דער סעקרעטאר? „אגאבעק האָט זיך פאריסן!״ איר, ווי א פארטייער, הייבט אָן פון א פּאָשעטן עמעס: דער סעקרעטאר לייגט אין דעם ארײַן איינס, און דער נאטשקאנצ א צווייטס. איז אָט האָט איר אײַך אן אופגאבע. אין וואָס באשטייט דעם סעקרעטארס געדאנק? מאָדנע, ווי מאָדנע, — איר פארשטייט ווידער ניט!

5

דער צוג, מיט וועלכן ס׳איז געקומען צו פאָרן לעוואָן דאווידאָוויטש צוזאמען מיטן ספּעציאַליסט אפן בעטאָן, האָט פארשפּעטיקט. דער שאָפער איז א מאָל דרײַ געגאנגען אפ דער סטאנציע, און אלע דרײַ מאָל האָט דער בופעטשיק אוועקגעשטעלט אפ דער סטויקע אן אויסגעשווענקט קעלישעקל. דער שאָפער האָט אויסגעטרונקען און האָט געזאָגט דעם בופעטשיק, אז בא אזא לעבן וועט ניט נאָר פונעם געהאלט גאָרנישט ניט בלײַבן, נאָר דו וועסט נאָך דײַן אייגנס דערלייגן. צום אָנקומען פונעם צוג האָט ער שוין ניט געקוקט אין די אויגן און האָט ניט גערעדט, די באליידיקונגען פונעם לעבן האָבן אים אופגערעגט, אזויווי ער וואָלט וועגן זיך אליין איבערגעלייענט אין א בוך. אן אָנגעבלאָזענער און א שווײַגנדיקער, האָט ער צוגעווארט ביז מ׳האָט זיך ארײַנגעזעצט, האָט א ריס געטאָן דאָס הענטל, ווי א ציימל, און האָט אויסגעלאָזט זײַן קאס צו דער מאשין, — און אויב א שאָפער לאָזט אויס דעם קאס צו דער מאשין, קאָן שוין ערגער ניט זײַן. די מאשין פונעם באצירק, כאָטש זי איז געווען ניט פונעם ערשטן סאָרט, און זי איז געפאָרן אין רעמאָנט אָפטער, ווי אן אנדער פארוואלטער אין קאָמאנדירונג, — האָט זי דאָך ליב געהאט מ׳זאָל זיך מיט איר גוט באגיין. אמאָל צוויי־

אפ סטרימקע באַרג־אַרופנ, איז זי אַראָפּגעפּאָרנ אפ צוריק, פאַרשאַפנדיק לעוואָנ דאַווידאָוויטשנ אומרויִקײַט, אונ האָט אימ געשטערט זיכ אָפּצוגעבנ צומ שמועס. דערנאָכ איז זי אַוועק געשווינדער ווי מ׳דאַרפ, כאָטש דער וועג, אונ דער רעגנ, אונ די שטיינער, וואָס האָבנ אָנגעשפּאַרט פונעמ באַרג־שיפּוע, האָבנ ניט זייער פאַרמעגלעכט די גיכקײַט. פינצטער ווערנ האָט אָנגעהויבנ אַזוי געשווינד, אַז דער שאָפער האָט געמוזט אָנצינדנ די לאַמטערנס.

אפ דעמ אויסגייענדיקנ טאָג אונ אפ דידאָזיקע צוויי אויגנ, וואָס האָבנ אַ בליצ געטאָנ פלוצלינג אפ אַ פּאַרקערעווע פונ דעמ טשיגדימער שאָסיי, האָט פונונטנ, פונ פענצטער פונ דעמ באַצירק־שפּיטאָל, וואָס איז געשטאַנענ אָפּגעווײַטערט פונעמ באַצירק, געקוקט אַנ אַלטער אָפּגעלאָזענער מענטש, אָנ אַ פּידזשאַק. „זע נאָר ווי זיי טראָגנ זיכ!“ — האָט ניט־באַגיטיקנדיק אַ טראַכט געטאָנ דער דאָקטער. ער האָט נאָר וואָס אַרויסבאַלייט אַ קראַנקנ פונ דער אַמבולאַטאָריע, אונ, אַראָפּגענומענ דעמ פאַרטעכ, האָט ער געזוכט זײַנ אייגענעמ פּידזשאַק, וואָס איז ערגעצ פאַרפאַלנ געוואָרנ. דער דאָקטער אפנ באַצירק איז געווענ אַנ אַלטער געזעלשאַפטלער, וואָס האָט באַוויזנ פאַר דער צײַט פונ זײַנ אַרומוואָגלענ איבער געווערבנ, פאַבריקנ, טורמעס אונ פאַרשיידענע ווײַטע ערטער פונ אַדמיניסטראַטיווער אַרויסשיקונג קימאַט צו פאַרגעסנ די אַרמענישע שפּראַכ. אינ זײַנ כעטיטישער נאָז, וואָס איז זקייניש שווער געהאַנגענ אפנ פּאָנעמ, איז נאָכ געווענ אַרמעניש, נאָר דאָס בערדל האָט שוינ באַשײַמפּערלעכ געהאַט אַ רוסישנ סטיל. אַ רוסישע איז געווענ זײַנ מאַניר צו טראָגנ די שלייקעס אונ דער אַלט־אינטעליגענטישער פאָרמאַט פונ די ברילנ אינ אַ גאָלדענער אײַנפאַסונג. ער האָט פונדעסטוועגנ ניט באַוויזנ צו געפינענ זײַנ פּידזשאַק. ריידנדיק מיט זיכ אַליינ באַמ זוכנ דעמ פּידזשאַק, האָט דער דאָקטער, אַנ אָפּגעלאָזענער אינ פּערזענלעכנ לעבנ, נאָר אַ פּעדאַנטיש אַקוראַטער אינ דער אַרבעט, אייניציײַטיק זיכ פאַרנומענ מיט צעשטעלנ פלאַקאָנעס, צווענגלעכ, שערעלעכ, רעשטלעכ מאַרליע אונ וואַט, יעדער זאַכ אפ זײַנ אָרט אינ דער גלעזערנער שאַפע, אונ אַזוי, אָנ אַ פּידזשאַק, מיט אַ קופּע זאַכנ, איז ער פלוצלינג צוגעגאַנ צו דער טיר, ווו מ׳האָט אָנגעקלאַפּט. דער קלאַפּ איז געווענ אַ שטאַרקער, אַ באַלעבאַטישער.

— די אַמבולאַטאָריע איז פאַרשפּאַרט, דער אויפנאַמ פאַרענדיקט, — האָט דער דאָקטער מיט אַ קוויטש אַ געשריי געטאָנ, צוגייענדיק צו דער טיר.

נאָר דער קלאפּ האָט זיכ איבערגעכאזערט אונ איז שטארקער געוואָרנ: ס'האָט געקלאפּט דער צערודערטער לעוואָנ דאווידאָוויטש, אינגאנצנ אינ בלאָטע אונ אינ ליימ. הינטער אימ האָט זיכ געוויזנ א לאנגע אונ א מאָגערע פיגור פונ דעמ זייער שלאנקנ, אינ דער טאליע פארצויגענעמ ספּעציאַליסט אפ בעטאָנ. ער איז ניט געווענ אויסגעשמירט, נאָר גראָד ער האָט געליטנ: דער לינקער ארבל אפנ עלנבויגנ איז בא אימ געווענ אינגאנצנ אראָפּגעריסנ, אונ איבער דער האנט האָט געטריפט בלוט. דער אווטאָמאָביל האָט זיי איבערגעקערט.

— ע־ע,— האָט אויסגעצויגנ דער דאָקטער: — אנטשולדיקט מיר, איכ בינ אָנ א פּידזשאק, איכ האָב עס פריִער געוווסט. גייט ארײַנ גיכער. אזוי, פארשטייט איר מיכ, זיכ טראָגנ, אזויווי איר האָט זיכ געטראָגנ, איז א מעשוגאס. וויאזוי האָט איר געזאָגט? כאווער צעלאדזע, וואכטאנג ניקאָלײַעוויטש? זייער אנגענעמ. כ'פּיל א שוואכקײַט צו גרוזינער. אנו, גייט נאָר צו אהינ צומ טישל. איכ וועל, לעוואָנ דאווידאָוויטש, זיכ באלד פארנעמענ מיט זיי, איכ וועל נאָר דעמ פארטעכ אָנטונ. א כידעשלעכע זאכ איז בא מיר מיטנ פּידזשאק. ווי נאָר ער פארשווינדט, איז א סימענ, אז ס'איז פריצײַטיק, א סימענ, אז מיר וועלנ נאָכ פארטעכער אָנטונ, פארטעכער אָנטונ.

אָנטוענדיק זיכ, האָט דער אלטינקער זיכ צוגעקוקט צומ נײַעמ מענטשנ אפנ באצירק. יענער איז געשטאנענ שווײַגנדיק. דער ספּעציאַליסט אפ בעטאָנ איז נאָכ געווענ זייער יונג, נאָר שטרענג לויטנ אויסערלעכנ אויסזענ. „א קאָמוניסט", — האָט א טראכט געטאָנ דער דאָקטער. ער איז געווענ אינ הויכע שטיוול, זײַנ נײַינקער פרענטש פארצויגנ אפ דער שלאנקער אונ דינער, שוינ צו דינער טאליע מיט א שמאָל רימענדל. א טונקל אונ לאנג פּאָנעמ, איצט ניט קיינ געגאָלטס, — מ'האָט געזענ, אז ס'פּארוואקסט זייער גיכ, — די האָר האָבנ אימ באדעקט שיר ניט פונ די סאמע אויגנ־לעכער ביזנ האלדז („א טובערקולויזער", האָט ווידער באשלאָסנ דער דאָקטער, באטראכטנדיק פּראָפּעסיאָנעל צעלאדזעס לאנגנ קערפּער, די שמאָלע אײַנפאלונג פונ זײַנ ברוסט, די קימאט קינדערשע אקסלענ).

— זעצט זיכ, וואכטאנג ניקאָלײַעוויטש, איכ וועל באלד,— ער האָט געוואשנ די הענט, רײַבנדיק די נעגל מיט דעמ צעבראָכענעמ, קלאָגעדיקנ, קימאט אָנהאָריקנ בערשטל. ניט אָנ קיינ מיינ האָט ער אזוי לאנג געריבנ.

דער שעפּ פונעם באַצירק — א זעלטענער, מ'קען זאָגן, א ניט־געוועזענער גאַסט אין שפּיטאָל, — איז איצט אומגעגאנגען איבערן צימער און האָט באַטראַכט די אמבולאַטאָריע.

„גיי, גיי, גוטער־ברודער! באַטראַכט אונדזערע לעכער! בעטסט און בעטסט, אַ"ן דו באַקומסט א טרוקענע פײַג", — זעלטן וועמען דער אלטער דאָקטער האָט אזוי פײַנט געהאַט, ווי גראָד דעם אומגליקלעכן לעוואָן דאַווידאָוויטשן.

— א קאַרגינקער איז בא אונדז לעוואָן דאַווידאָוויטש, — האָט ער געזאָגט, ווינקענדיק צום גרויזיק און אויסווישנדיק די הענט, — נו, ווײַזט נאָר, מיט וואָס דאַרף מען אײַך גראַטולירן? א דראַפּ און מער גאָרנישט. מ'דאַרף פאַרנייען, בא א האַלבער שאָ צײַט וועט עס פאַרנעמען, אויב איר וועט דערלויבן.

— קיין האַלבע שאָ קאָן איך ניט וואַרטן, — האָט זיך ארײַנגעמישט לעוואָן דאַווידאָוויטש, וואָס האָט דורכגעלאָזט פאַרבײַ די אויערן דעם „קאַרגינקן", — איר וועט מיר אנטשולדיקן, כאַווער צעלאַדזע.

— איר וועט זײַן אין קאָנטאָר? איך וועל אהינצו אָנקומען, — אָט מעגלעך, אז דער דאָקטער וועט געבן עמעצן מיך צו באַלייטן.

— איך וועל אליין צושיקן נאָך אײַך, דעם פּאַטעאָן וועל איך צושיקן! — מיט די ווערטער איז לעוואָן דאַווידאָוויטש ארויסגעגאַנגען.

דאָס דורכוואַשן א וווּנד איז אן אומריינע אַרבעט, נאָר דער אלטינקער האָט גראָד דידאָזיקע אַרבעט ליב געהאַט און האָט עס שווײַגנדיק געטאָן, פאַרזשמורענדיק די אלטע פאַרוואַקסענע אויגן. זײַנע פינגער נאָכן וואַשן זײַנען געווען קאַלט און זקייניש ניט־פעסט. וואַט האָט ער געשפּאָרט, דרייענדיק דאָס שטיקל אין האַנט מיט דער ריינער זײַט ביז ער האָט עס אינגאַנצן ניט אויסגענוצט. דערפאַר האָט דאָס פאַרנייען שטאַרק אים באַלוינט פאַר אלץ. זיך דערוווּסט, אז דער אָנגעקומענער איז א קאָמוניסט, האָט דער דאָקטער אומגעווײַנלעך אופגעלעבט. מיט קאָמוניסטן האָט ער געהאַלטן פאַר זײַן כוויוו צו שמועסן, אויסלייגנדיק פאַר זיי ביז א האָר זײַן באַזונדערן פּרינציפּיעלן שטאַנדפּונקט, און איצט איז אפּנ באַצירק געווען א שאַרפער מאָמענט. איצט אפּנ באַצירק טוט זיך, אויב מ'קאָן זאָגן, אזוינס!

— איך בין אן אלטער אונטערערדניק, כאַווער צולוקידזע, אנטשולדיקט, צעלאַדזע, אין טויזנט אכט הונדערט זיבן און נײַנציקסטן יאָר האָב איך... איין מינוט, האָט יענץ באַנקעלע מיט יאָד, אָט דערבײַ, יאָ, יאָ,

אדאנק, מײַן פרײַנט. — איר זײַנט א מענטש א יונגער, איז אָט וועל איך אײַך זאָגן: איך בין ניט קיין מארקסיסט, איר האָרכט? ניט קיין מארקסיסט, ניין. איך שרײַב עס גלײַך אין די אנקעטעס, ס'איז א פרינציפיעלע פראגע, — א סאָציאליסט, נאָר ניט קיין מארקסיסט. ציט אויס די האנט, נאָך ציט אויס, אזוי. און איצט וועלן מיר אײַך פארשטשאָבען די האנט, א פלאסטישע, אזוי־אָנגערופענע, אָפעראציע. איך בין דאָ אי פאר א כירורג, אי פאר א ציינדאָקטער, אי פאר אן אקושערקע אפ דעם באצירק... ניין, פאר א רוס, פאר א מענטשן פון רוסישער קולטור, איז מארקס שמאָל, כאָטש צולידזע, שמאָל איז מארקס, דאָס זאָג איך גלײַך יעדער באָלשעוויק אין די אויגן. ניט אזא פיגור איז פאר אונדזער טעטיקײַט־פעלד נייטיק, דער טעמפעראמענט איז ניט דער. איך קאָן דעם רוסישן מוזשיק, איך בין מיט דעם רוסישן ארבעטער אין די בוטירקעס געזעסן און איך זאָג אײַך גלײַך: ס'א מיספארשטייעניש, מארקס, פאר אונדזערע ארבעטער, א מיספארשטייעניש. ווי פילט איר זיך איצט — גוט? איין מינוט, איין מינוט, מיט אזא ווי איר, מיט א פרישן מענטשן אביסל ריידן איז פאר מיר א דורכלופטערונג.

דער אלטינקער האָט ארויסגעריסן פון די פינגער די אָנגעקלעפטע שטיקלעך וואט און מארליע, א פאטש געטאָן צוליב עפעס מיט די דלאָניעס אינדערלופטן און האָט זיך געלאָזט גיין אינעם צווייטן צימער. דאָרט האָט ער געוווינט. אפ דער ניט־צוגעקליבענער און אומהיימלעכער בעט, אפן טיש, אונטערן טיש, אפ דעם טאבורעט האָבן זיך בא דעם אלטן געוואלגערט ביכער — געלבלעכע, פארגאָסן מיט טיי און מיט פעטס, פארקאפעטע מיט סטעארין, מיט ארײַנגעשטעקטע שטיקלעך שוועבעלעך פאר א סימענן, מיט צווײַגעלעך, בלײַשטיפטן, — ער האָט אונטערגעכאפט א געל־רויט צעפאָרן בענדל און איז ארויסגעלאָפן צום ספעציאליסט אפ בעטאָן און האָט א פעטשל געטאָן דאָס ביכל, ווי אן אקושערקע פעטשלט א נײַ־געבוירענעם.

— אָט! איר האָט געלייענט? אײַך, אין אײַער עלטער, זאָגט דידאָזיקע פאָלעמיק גאָרניט, און מיר קאָנען זי מיט אונדזער גאנצן וועזן, איר האָרכט? דער קאפיטאליזם פאר א פאָלקיסט, פאר א מענטשן פון רוסישער קולטור, פאר א געמיינדע־אָנהענגער, פאר דער רוסישער געזעלשאפטלעכקײַט, — וואָס איז, פרעג איך אײַך, געווען דער קאפיטאליזם? און אָט אונדזערע ערשטע מארקסיסטן, אָט איליטש, פאר זיי, פרעג איך אײַך, וואָס איז געווען דער קאפיטאליזם אין רוסלאנד? איר

געדענקט ניט, אונ איכ געדענק. אונדזערער א ברודער אנ אונטערערד־ניק געדענקט. מיר האָבנ מיט די ערשטע מארקסיסטנ אָט וויִאזוי זיכ געשלאָגנ! מער וועל איכ איַיכ ניט זאָגנ. שלאָג דעמ בורזשוי! דאָס איז אונדזער לאָזונג.

ער האָט געבלעטערט דאָס ביכל נאָכ אלצ מיט שמוציקע פינגער פונ בלוט אונ פונ מארליע. ער האָט ניט געזעענ די העסלעכע לאנגוויַי־ליקיַיט, אפילע דעמ פארדראָס פונ דעמ גרוזינ, וואָס האָט געזוכט מיט די אויגנ א זייגער,— אינ אמבולאטאָריע איז קיינ זייגער ניט געהאנ־גענ. זיַינ זייגערל האָט דער גרוזינ צעבראָכנ אפ פיצלעכ, ווענ ער איז ארויסגעפלויגנ פונעמ אווטאָמאָביל. ער האָט ניט געהערט, וואָס ס'האָט געפלוידערט צו אימ דער אלטער, אונ דער דאָקטער האָט אלצ געבלע־טערט דעמ בוכ אונ האָט זיכ אָפּגעשטעלט קעדיי איבערצולייענענ א צוויי, דריַי פראזעס אונ צוגעבנ צו זיי קאָמענטאריעס,— אלטע קריגעריַיענ, פונ מעמוארנ, פונ לערנביכער פונ פאָליטגראמאָטע, פונ דער גראָבער גע־שיכטע אלק"פּ אָדער פונ אנ אנדער בוכ האָבנ אופגעלעבט אינ דעמדאָזיקנ הוילנ צימער מיט גלעזער בא די ווענט, ווו עס איז געווענ א היגיענישע קעלט, קעלטער איידער אינדרויסנ. דער פאַעטאָנ האָט זיכ ניט בא־וויזנ.

— ניט פאר אונדזערע, ניט פאר א רוסישנ מענטשנ איז די פי־גור פונ מארקסנ,— האָט פלוצלינג הויכ, איבערנ סאמע אויער באמ גרו־זינ א הילכ געטאָנ דעמ אלטינקנס קאָל. דער דאָקטער האָט אימ געהאלטנ פאר אנ אקסל.

— איר ווילט וויסנ מיַינ פערזענלעכע מיינונג? וויַיטלינג, אָט איז די פיגור פאר אונדז, וויַיטלינג, יאָ. א קעמפער, אנ ארבעטער, א וואנדער־מענטש, א פריַיער טיפּ, א ווינט, א מענטש אָנ פאָרורטיילנ, אָנ דערדאָזיקער זיצנדיקער, אָנ דערדאָזיקער, ווי זאָל איכ זאָגנ, צירלעכ־מאנירלעכ־סייכלדיקיַיט, אָנ סקרופוליעזקיַיט, פארמאצעווטישקיַיט,— דאָכ אויכ א דיַיטש, נאָר אנ אייגענער מענטש. וויַיטלינגנ פיל איכ, אונ מארקסנ פיל איכ ניט. נו, אָט, צי איר ווילט, צי איר ווילט ניט,— איכ פיל ניט אונ א סאָפּ.

— זאָגט, בא איַיכ איז דאָ א זייגער?

— א זייגער?

דער דאָקטער האָט אנידערגעלייגט דעמ בוכ אפנ פענצטער אונ האָט גענומענ אויסטונ דעמ פארטעכ. דער זייגער איז בא אימ געווענ

אין פּידזשאַק, און דער פּידזשאַק — דער רועכ ווייסט אים, ווּהין ער איז פאַרפאַלן געוואָרן. איבעריקנס, האָט ער זיך פלוצלינג דערמאנט און האָט קימאט מיט א פאַרלײַכטערונג געזאָגט צום פּאַציִענט.

— דער זייגער מײַנער שוינ פון דאָנערשטיק אָן שטייט ער.

פאַר דעם, וואָס ביז איצט איז ניט געקומען נאָכ דער פּאַעטאָן, און מ'האָט פאַרגעסנ דעם אָנגעקומענעם בא דעם אלטנ פלוידערער אין דער נאָרע, איז לעוואָנ דאַווידאָוויטש, אָרנטלעכ געזאָגט, ניט שולדיק געווענ. ער איז קימאט לויפנדיק צוגעגאנ צום דיזעל־צעכ, פון וועלכנ ס'האָבנ זיך אָנגעהויבנ די ערשטע באראקנ, און האָט נאָכ פון דאָרט מיטנ טעלעפאָנ באַשטעלט פערד. נאָר דער קוטשער איז אוועק אומבאַווסט ווּהינ, און דעם קוטשערס געהילפ וועט פריִער, איידער ער זאָל אליינ נעמענ אײַנשפּאנענ, טונ אלצ וואָס איז נאָר מעגלעכ, ער זאָל זיך דערוואַרטנ אפנ קוטשער און זאָל זיך אויסדרייענ פון דער ארבעט. ער גייט ארום מיט דער בײַטש פון שטאַל צום שמוציקנ באראק, ווו ער ווינט צוזאמענ מיטנ קוטשער, און קוקט אלצ ארויס, צי יענער ווײַזט זיך ניט פון ערגעצ.

און דער שעף פון באַצירק אליינ, אז ער איז צוגעגאנ צו דער קאָנטאָר, איז ער באַלד אריבערג קאָפּ ארײַנ אינ דער ארבעט, — אפילע דאָס פאַרשפּריצטע פּאַלטעלע האָט ער ניט אראָפּגענומענ. אז ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ איבער די פּאַפּירנ, וואָס אלעקסאנדר אלעקסאנדראָוויטש האָט אים אונטערגערוקט, האָט ער דורכ דעם גלאָז פון זײַנ בריל זיך באַגעגנט מיט זאכאר פּעטראָוויטשעס בליק:

— אגעוו, זאכאר פּעטראָוויטש!

— פּארא‌נ, — האָט פריילעכ, מיט הארציקײַט געענטפערט דער נאטשקאנצ.

— אָט וואָס, זאכאר פּעטראָוויטש... — דער שעף פון באַצירק האָט א פיר געטאָנ מיט די אויגנ איבער דער קאנצעליאריע, און ער האָט ניט געזענ דעם געלנ. פונדעסטוועגנ האָט ער פאַרשטילערט די שטימ. — געדענקט, איכ האָב אײַכ געוואָרנט. ס'איז ניט מײַנ זאכ, נאָר אָט דערדאָזיקער ארכיוואריִוס אײַערער, וואָס פאַר אנ ארבעטער ער זאָל ניט זײַנ, דארפ מענ אים באַלד צונעמענ פונעמ באַצירק, מ'גיט אפ אים אכטונג פונ געפּער. און פּײַנ וועט איר אויסזענ, אז זיי וועלנ קומענ אהערצו אים ארעסטירנ. ער איז, ווײַזט זיך ארויס, עפּעס א פאַריקמאכער אנ אנטלאָפענער. דעם עמעס זאָגנדיק, האָב איכ זיך ניט

פאנאנדערגעקליבן, וואָס איז דאָרט, נאָר ער איז באַשטימט אונטער אַן אופזיכט.

— א־אַך,—האָט זיך ארויסגעריסן באַם נאַטשקאַנצ.

— דאָס זאָג איך ניט פון זיך, ס'איז א באַפעל. א באַפעל פונעם שעף פון דער בויונג, איר האָט פארשטאַנען?

— א־אַך!—האָט נאָך פארצווייפלטער א קרעכצ געטאָן דער נאַטש־קאַנצ,—אַך, דער רועך זאָל עס נעמען, ווי ער האָט זיך ארײַנגעפּאַקט. פאַר זײַן גאַנצער לאַנגער דינסט האָט קיין איינמאָל, קיין איינמאָל דער אומגליקלעכער נאַטשקאַנצ אזוי זיך ניט ארײַנגעפּאַקט. ניט אומזיסט האָט באַ אים גענאָגט אונטערן לעפעלע. „ווער,—נו, זאָגט אליין, אַף מײַן וואָרט, ווער וועט גלייבן, אז ער האָט געגומען א מענטשן נאָר לויט דער ריינער אויסערלעכקײַט, אזוי זיך, גוטמאָרגן,—גוטיאָר, פון א שיקערער וועטשערע, אפילע דעם נאָמען ווי ס'געהער צו זײַן ניט דערהערט? ווער וועט דיר גלייבן, שויטע דו!"

— א־אַך, לעוואָן דאַווידאָוויטש, איר האָט מיך דערהאַרגעט מיט אײַערע ווערטער. איך האָב דאָך אים פארקירצט. נאָר מיר זײַנען דען באַלעבאַטים אַפן באַצירק? דער אָרטקאָם האָט אים ווידער גענומען אַנשטאָט א דעסיאַטניק פאַר גרישינען, און ער איז דאָך איצט אוועק־געגאַנגען, מיט די פּאָר אַרבעטער אַרוף אוועקגעגאַנגען, צוויי מעסלעס וועט ער זיך אַרומשלעפּן,—ווו־זשע קאָן איך אים זוכן?

ניין, אפילע דער שעף פון באַצירק האָט אין דער מינוט ניט פאַר־שטאַנען זאַכאַר פּעטראָוויטשעס פאַרצווייפלונג. א שרעק, נאָך מער,—א פּאַכעד האָט אָנגענומען דעמדאָזיקן מענטשן. ער האָט צוגעלייגט די הענט צום שטערן און שווײַגנדיק, אַרומקוקנדיק זיך אַרום און אַרום, האָט ער זיך ניט געזעצט, נאָר מאַמעש זיך א פליוכע געטאָן פאַר לע־וואָן דאַווידאָוויטשן אַף א שטול,—אָט איז עס, ס'איז מעקוייעם גע־וואָרן, אָט האָסטו דיר, און גלייב דערנאָך ניט אין קיין פּאָרגעפיל!

— געדענקט,—לעוואָן דאַווידאָוויטשעס קאָל איז געוואָרן טרוקן און קוויטשיק,—פאַר דעמדאָזיקן איניען טראָגט איר די גאַנצע פאַראַנטוואָרט־לעכקײַט, איך קאָן ניט דעמדאָזיקן מענטשן. איך האָב אים ניט גענו־מען, כ'האָב געגוג מײַנע אייגענע אומאַנגענעמלעכקײַטן. אין דער פאַר־וואַלטונג...

פאַרשטייט זיך, אַז אין דער פאַרוואַלטונג האָט ער אַלץ אַרופ־געוואָרפן אַף אים, איר פאַרשפּאָרט אפילע צו צווייפלען. נאָר ניט

אזא איז זאכאר פעטראָוויטש, אז ער זאָל זיך באַלד ניט נעמען אין די הענט אַרײַן: נאָך זיצנדיק, מיט דער האנט אפן שטערן, אין כאָאָס פון געדאנקען, האָט דער נאטשקאנץ אָנגעהויבן אָנטאפן א פעדעמל, א קוים באמערקטע אריאדנע פאָדעם,—א רעטונג פאר זיך. ניט ענט־פערנדיק, איז ער אופגעשטאנען און איז ארויס פון בײַדל.

קאפיטל XII

דאָס געוויסער

1

א וועטער, שוין איינמאָל א וועטער! פארביי דעם נאטשקאנצ האָט פינצטער דורכגעשפאנט, איינגעהילט אין א מאנטל, א שפאניער ניט קיין שפאניער, נאָר דער הידראָמעטער ארעווּלסקי. ער האָט געאײַלט אראָפּ צום טײַך, פונוואנען די ארבעטער האָבן געשיקט אומרויִקע יעדיִעס. די מיזינקע האָט גאנצפרי זיך אָנגעבלאָזן און אָן אופהער בלאָזט זי זיך. א פויערשע ארבע, וואָס איז פארסטעמפּעוועט געוואָרן אין טײַך, האָט ווי א גראָדוסניק באוויזן דעם אופהייב פון וואסער. דער פויער האָט געדרייט באַם אָקס דעם וויידל, נאָר דער אָקס האָט צע־שטעלט די פיס און האָט זיך ניט גערירט, און די וואסער איז אלץ צוגעקומען ארום אים און ארום דער פארסטעמפּעוועטער ארבע,— אָט האָסטו דיר איבערגעפאָרן דעם טײַך! איבעריקנס, האָט פון די אלע קלייניקייטן, און אפילע דאָס מאָדנע באוויַזן זיך פון אווע־טיסן אין א לעדערקע (ער האָט זיך אומגעקערט, דער יאט), וואָס האָט וועגן עפּעס געלאכט מיט דעם טעסלער שיבקאָ, און דאָס, וואָס דער שעפּ פון באצירק איז אוועק פון קאָנטאָר אויך אראָפּ צום טײַך,— פון דעם אלעמען האָט זאכאר פּעטראָוויטש, וואָס איז געווען פארנו־מען מיט זײַנע געדאנקען, זיך אוועקגעמאכט, ווי ער וואָלט קיין צײַט ניט געהאט,— אין זײַן כאראקטער איז געווען א שטריך פון אלע שטארקע פערזענלעכקײַטן: אומבאוווסטזיניק גלויבן, אז די געשעענישן וועלן צוווארטן ביז זיי, די פערזענלעכקײַטן, וועלן דאָ ניט ווײַט צו־לויפן וועגן זייערע באדערפענישן.

זײַן באדערפעניש—דער אריִאדנע־פאָדעם,—האָט אים געפירט אהיים, נאָר ניט גלײַך אהיים, קעדיי צו געפינען צײַט אפּ צו פארגאנצן די געדאנקען, נאָר ארום דעם גאנצן באצירק איבער די בארג־שיפּוען און די באלעבּטע ערטער,—צווישן מענטשן האָט זיך זאכאר פּעטראָוויטשן

גרינגער געטראכט איידער אין יעכידעס. מיט דער באדערפעניש צו זײַן צווישן מענטשן האָט ער ווי געזאָרגט זיך וועגן א געוויסן אינעווייניקסטן אליבי. צווישן מענטשן האָט זאכאר פעטראָוויטש, ווי א ייִזשאק אפ נאָדלען, זיך געפילט באהאלטענער און זיכערער. ער האָט געהאט אן אייגנשאפט צו מאכן אסאך זײַטיקע און דעם צושויער בארויִקנדיקע באוועגונגען: ער האָט געשנײַצט די נאָז, אונטערן קאָלנער געריבן מיט א נאָזטיכל און דערנאָך לאנג געקוקט אפ דעם טיכל, געשאָבן מיט וואָס ס'ניט איז די נאָז און אָפטער פון אלץ זיך געגראָבן אין די קעשענעס און פארזשמורעט דאָס אויג אפ די פאפירן און פאפירעלעך, וואָס ער האָט ארויסגעשלעפט פון דאָרט, אזויווי ער וואָלט בעשומויפן ניט געקאָנט געפינען דאָס, וואָס ער דארף. פארבײַ אזא מין פארנומענקײַט האָבן מענטשן געשטראָמט, אופנעמענדיק זאכאר פעטראָוויטשן ווי א מין ליידיק אָרט; דער לעזער ווייסט פון זײַן אייגענער דערפארונג, שטייענדיק ערגעץ אין א ריי אָדער אין טראמווײַשאכטל, ווי ס'בארויִקט אים בא א שמועס אזא מין פארנומענקײַט פונעם שאָכן.

ווי א צעטראָגן־אָפוועזנדיקער צוגאָב צו דעמדאָזיקן טאָג, וואָס איז פול געווען מיט אלגעמיינער אומרויִקײַט, איז זאכאר פעטראָוויטש דורכגעגאנגען איבער די באלעבטע ערטער און האָט זיך פארהאלטן אין גאָרקיכ, ווו ער האָט געגעסן לאנג און צעצויגן, זיך צוגעקוקט צו יעדער שטיקל אפן גאָפל און שיר ניט אופגעהויבן עס אנטקעגן דער שײַן. דער פלאן, וואָס האָט א שווינדל געטאָן בא אים אין געדאנק, איז אין א געוויסער מאָס אָפגעהאנגען פון די רעזולטאטן פון דער ביוראָ,—נאָר זײַ א בעריע, דערוויס זיך די רעזולטאטן פון דער ביוראָ! איבעריקנס, וועדליק פארשיידענע סימאָנים האָט די ביוראָ אינגאנצן זיך ניט פארזאמלט. דער פארוואלטער פון קאָאָפעראטיוו, אופגעהויבן דאָס לעוואָנע־פאָנעם איבער דעם באָרשטש, איז געווען דאָ; דעם שעפ פון מיליציע אוואקן האָט מען עקסטרע ארויסגערופן מיט דרײַ מיליציאָנערן צום טײַכ; אגאבעק איז נאָכ אלץ געזעסן אין אָרטקאָם,—אפאָנעם, ניט גיכ נאָכ וועט זיך פארזאמלען די ביוראָ. זיך אָפגעווישט פראָסטאקיש מיט דער זשמעניע און ארויסגעוואָרפן פון דער דלאָניע אין מויל ארײַן די געבליבענע ברעקלעכ ברויט, איז זאכאר פעטראָוויטש ענדלעכ אופגעשטאנען,—וואָלט עס געווען אין די צארישע צײַטן, ערגעץ אפ א שטעלע צווישן פויערים, וואָלט ער א זוכ געטאָן א הייליק

בילד אין א ווינקל, קעדיי צו באציילעמען די וואָנצן, ווײַל דער נאטש־קאנץ זאכאר פעטראָוויטש האָט ליב געהאט פלאסטיק און מינעג. אָבער איצט האָט ער נאָר אָפּגעגרעבצט, מער צוליב שיינקײַט איידער פון באדערפעניש, און איז ארויס. ס'האָט אים מיטאמאָל ארומגענומען ווינט מיט רעגן. ס'איז קימאט געווען פינצטער, ס'איז פינצטערער געוואָרן מיט יעדער מינוט, אן ענדערונג איז פאָרגעקומען אין אלץ. מענטשן האָבן זיך געוואָרפן אונטערן רעגן הין און צוריק, ניט זשאלעווענדיק די שטיוול. זייערע ווײַבער זײַנען ארויסגעלאָפן מיט די קינדערלעך און האָבן געקוקט פון אונטער די דלאָניעס; אופגעהויבן מיט דער האנט דאָס לאנגע קלייד, א טרוקענע, א גלײַכע, ווי א שטעקן, שרעקנדיק מיטן ארכאיזם פון די מאלבושים די גענדז אין גאס, איז מיטן וועג דורכגעגאנגען לעוואָן דאווידאָוויטשעס ווײַב,—און אויבן, וועקנדיק די נאכט מיטן ארכאיזם פון זײַן דערשײַנען, האָט זיך ווי אָפּגערופן דער קרטשער פיילאק: צענומען די הענט מיט די לייצעס, האָט ער געיאָגט די מויזנפיסיקע פערדלעך, הוקענדיק דורך דעם וויען און פײַפן פון ווינט פילבאדײַטנדיק, גאדלעסדיק, פארכאפּט מיט דער נאָענטקײַט פון דער זיך אָנרוקנדיקער קאטאסטראָפע, און זײַן אלטמאָדיש, מיטן הויכן טרעפעלע, ווילעריש קלינגענדיק וועגעלע איז אונטערגעשפרונגען, ווי א ליידיקער בלעך פון מילך, אף יעדן שטיין באם וועג. אלץ האָט זיך אזוי ווי א וואָרף געטאָן אנטקעגן עפעס, וואָס איז אויסגעוואקסן פאָרויס, ווי ס'וואקסט א יאם־כוואליע אין שטורעם. א מאָדנע אָראנזשערײַשע ווארעמקײַט איז געווען אין דער לופט נאָכן אינדערפריִענדיקן פראָסט,—ס'איז געוואָרן קלאָר, אז אויסער דער רעגנוואסער וועט אין דער נאכט א שטראָמטונג אהער דער צעגייענדיקער שניי פון די בערג,—די ווארעמקײַט האָט א כאפּ געטאָן דעם שניי, ווי א ברעכעניש כאפּט ארום דעם גוף.

אונטן בא דער אופגעפלאמטער עלעקטריע האָט א גרופּע מענטשן זיך געטומלט אפן אָרט פון דער ארבעט. אײַליק האָט מען ארויפגענומען די בויער־מאכשירים, ווו ס'איז נאָך געבליבן אויסשטאטונג, מענטשן האָבן געשלעפּט ברעזענט, פארוויקלטע רינגען שנור, הילצערנע דרוקעס, ברעטער. דער אָקס האָט טאקע ניט ארויסגעפירט די ארבע פון טײַך. ער איז געגאנגען—דער פויער האָט אים אויסגעשפאנט—איבער דער הויכער וואסער, פאריסן דעם אָנגעדרייטן ווײַדל, און האָט אָן אופהער אויסגעליידיקט דעם מאָגן,—נאָר ס'איז ניט געווען קיין איידעס פון דער אָקסישער נערוויישקײַט. דער נאסער לאָריער האָט

געקוקט פֿונעם ברעג אַף דעם איבערגעקערטן בױך פֿון דער אַרבע, װאָס איז געשװוּמען מיט פֿאַריסענע רעדער צום בריק — ס'איז ניט אַרױסצושלעפּן, ניט צו ראַטעװען די אַרבע! אין דער געשװינדקײַט פֿון דער זיך אָנרוקנדיקער קאַטאַסטראָפֿע איז געװען עפּעס ריטמישעס, װי אַ טאַנץ. איז נאָך מער כּידעש, װאָס זײַנע ערשטע טאַקטן, קען מען זאָגן, זײַנען דורכגעגאַנגען פֿאַרבײַ זאַכאַר פּעטראָװיטשן: פֿאַרוקט דעם קאַרטוז אַפֿן האַלדז־און־נאַקן, האָט ער פּאָשעט זיך געלאָזט גײן אַהײם.

קלאָװאָטשקע איז געלעגן מיט די פֿיס אַף דער קאָלדרע און די קישן אַפֿן בױך. קלאָװאָטשקע איז געװען צערודערט: זי איז קראַנק געװאָרן אום פֿרײַטיק. אַז זי איז געקומען פֿון קלײטל און האָט דערפֿילט די באַקאַנטע שװערקײַט אין די קרײזשעס, איז זי אַ מינוט געשטאַנען ניט רירנדיק זיך, — צי איז עס טאַקע? די גאַנצע היץ פֿון הײַנטיקער אופֿלעבונג — די נאַרישקײַטן, װאָס זי האָט אָפּגעטאָן אין אײַלעניש, זײַנען אַװעקגעגאַן פֿון איר אין דעם גרינגן אָנגענעמען פֿיבערן און האָבן געבראַכט אָנשטאָט דעם אַ געפֿיל פֿון װיכטיקײַט, פֿון אָפּגעשװאַכטקײַט און פֿון באַפֿרײַונג. קלאָװאָטשקע האָט ליב געהאַט, בײַנ, נאָך מערער, זי האָט פֿאַרגעטערט אָט דידאָזיקע ערשטע מינוטן פֿונעם קראַנק װערן, נאָר אַף דער װאַנט איז געהאַנגען אַ סױדעסדיק בלעטעלע, װי מיט אירע אױסיעס, ענלעך אַפֿן מאַנס האַנטשריפֿט, איז געשטאַנען אַף צו געדענקען:

אום מאָנטיק — קאָװעד.
אום דינסטיק — אַ מאַטאָנע.
אום מיטװאָך — אַ קלײנינקע אומאַנגענעמלעכקײַט.
אום דאָנערשטיק — װעסטו הערן אַ נײַס.
אום פֿרײַטיק — אַ גרױסע אומאַנגענעמלעכקײַט.
אום שאַבעס — װעט מעקױעם װערן דײַן פֿאַרלאַנג.
אום זונטיק — אַ דערקלערונג אין ליבע.

איצט װאַרט אַף אַ גרױסער אומאַנגענעמלעכקײַט! דאָס פֿאַרגעניגן פֿונעם ליגן און פֿון דעם שמוציקן בענדל אָליװיע װעדסלי און פֿון דעם זעקעלע ראָזשינקעס, װאָס זײַנען געװען צוגעגרײט אַף דעם פֿאַל — איז געװען פֿאַרשטערט. אַז זי האָט דערזען דעם מאַן, האָט זי זיך אַ גליטש געטאָן מיט די פֿיס אַפֿן דיל און מיט דער קישן באַם בױך.

— אומזיסט, איך בין קראַנק געװאָרן אום פֿרײַטיק!

— אראָפּ גלאט, הייסט עס.

— אָבער הער,—אומ פרײַ־טיק! דו האָסט אנ אומאנגענעמלעכקײַט?

— פרעסט די ראָזשינקעס ניט געוואשנ, אונ אינ די דערפער גייט אומ בויכ־טיפוס.

ער האָט באשײַמפערלעכ זיכ אויסגעדרייט פונעמ שמועס, אונ דאָס איז געווענ אנ אומאנגענעמלעכקײַט נומער איינס. זאכאר פעטראָוויטש האָט זיכ געמײַעסט צו אייפערזיכטיקנ. די קלײנלעכע פראָטימ פונ דעמ מישפאָכע־לעבנ האָט ער אראָפגעוואָרפנ פונעמ כעזשבנ, ווי האלבע קאָפקעס באמ אונטערפירנ א באלאנס. נאָר הײַנט האָט אינ אלצ, אינ דעמ רייעכ פונ דער ווינונג, אינ די ווייכע פעלדעלעכ פונ קלאוואָטשקעס אָפגעשוואכטע עלנבויגעלעכ, וואָס זײַנענ געווענ אָנגעשפארט אינ קישנ, אינ דער בלייכקײַט פונ אירע ווײַבעריש צעלאָזענע באקנ,—זיכ אימ אויסגעדאכט א ניט־דערלאָזבארער גײַסט, א פרעמדע אָנוועזנהײַט, פאָשעט גערעדט—די אָנוועזנהײַט פונ דעמ געלנ, וועגנ וועלכנ, מעגלעכ, ס'טרוימט זײַנ אייגנ ווײַב,—א, זאָל דאָס!..

— איכ האָב דיכ געוואָרנט.

— בעסער שווײַג,—געוואָרנט! א גאנצנ טאָג דרייסטו זיכ ארומ ווי א שליוכע,—געוואָרנט! האָסט דאָכ אימ אליינ אינ שטאָט אויסגעזוכט, ווער ווייסט וויאזוי,—פאקטיש האָסטו דאָכ, מאמעלע, מיר אימ געפונענ, אונ איצט—„גע־וואָ־רנט”!

קלאוואָטשקע האָט אופגעהויבנ דעמ ארבל צו דער נאָז אונ זיכ צעוויינט. זי האָט געכליפעט מיט פארגעניגנ, ווײַל ס'איז פרײַטיק,—א באווײַז,—נאָר איבערשפרינגענדיק פונ איינ געדאנק צומ אנדערנ, אונ דורכ דער כליפערײַ, האָט זי געכאפט דעמ מאנס אָפגעריסענע רייד אונ האָט געשעפטלעכ געענדיקט אינ דער מינוט א געדאנק: צי איז גוט אזוי? אליינ ווהינ מ'דארפ באצײַטנס אָנשרײַבנ—דאָס איז א זאכ. דערדאָזיקער „אריאדנע־פאָדעמ” דעמ נאטשקאנצס... די רעגע, ווי זי האָט עס געכאפט, האָט קלאוואָטשקע אליינ אינ דער כליפערײַ צוגעגעבנ אינ דער אלגעמיינער קאסע אויכ פונ זיכ א קליינעמ כײַלעק: „איצט קוקט מענ אומעטומ קרומ אפ אגאבעקנ!” ס'איז דאָכ ניט ער, סאָפקאָלסאָפ, נאָר דער פאָרזיצער פונ אָרטקאָמ אגאבעק האָט אָנ דער בירזשע צוגענומענ דעמ געלנ, אונ ער שטערט נאָכ אימ אָפצוזאָגנ! פארכאפט פונ דעמ געדאנק, איז זי ווידער אופגעשפרונגענ פונ בעט אונ האָט אראָפגעלאָזט די קישנ אפנ דיל:

— שרײַב אזוי, זאריא: שרײַב, אז דו האָסט זיכ דערוווּסט, אז ער באהאלט זיכ, אז ער איז א פאבריקמאכער.

— א פאבריקמאכער?—זאכאר פעטראָוויטש האָט אָנגעשטעלט די אויגנ אפ דעמ ווײַב, ער האָט אפילע א פויסט צונויפגעדריקט פונ אומגעריכטקײַט. ווי אנ אָפּגעריסענער נאר איז ער דערשינענ אלײנ פאר זיכ אינ דערדאָזיקער מינוט,—דער שעפ פונ באצירק האָט אויכ געזאָגט „א פאבריקמאכער”.—הייסט עס, דו האָסט עס (א קרעפטיק וואָרט האָט זיכ ארויסגעריסנ בא אימ) די גאנצע צײַט געוווּסט אונ האָסט דעמ אייגענעמ מאנ ארופגעפירט אפ דער באשולדיקונג־באנק?

זי ווייסט גאָרנישט ניט אונ זי האָט ניט ארופגעפירט,—די ביטערע ווירקונג פונ פרײַטיק, דער אומראכמאָנעסדיקער קלאל אפנ וואנט, וואָס האָט ארײַנגעוואָרפנ קלאוואָטשקענ אינעמ באשערטנ אומגליק, האָט זי קימאט פארשיקערט מיט דער אומפארמײַדלעכקײַט. ס'האָט זי אפילע אָנגעהויבנ נודיענ,—טאפנדיק אינ שאפע, זוכנדיק א לימענע צווישנ די פאר א וואָכ שוינ ניט־געוואשענע טעלער אונ אינ טומל פונ צעשאָטענע ניט־געוואשענע לעפל, טרעפנדיק מיט די פינגער אינ מעל מיט מויזנקויט, אינ אײַנגעמאכצ, אינ אָפּענער פאָמאדע פארנ פאָנעמ,—די זאלצ זאָל זיכ נאָכ ניט אויסשיטנ,—איז קלאוואָטשקע געשטאנענ לעבנ דער שאפע אונ געקוקט אינ שפיגל אפנ שרײַבנדיקנ נאטשקאנצ. נאָר אָנשטאָט דעמ מאנס קרײַזלדיקנ, גרוילעכנ, מאלפישנ קאָפּ האָט זיכ איר פלוצלינג א ווײַז געטאָנ, ווי ער איז דאָ אינ צימער געזעסנ אונ ווי עלאסטיש אונ צערטלעכ זײַנ באק האָט אָפּגעקילט קלאוואָטשקעס האנט. א כײַעשע צערטלעכקײַט צו עפעס אזוינס, וואָס איז אינ איר קיינמאָל ניט געוועננ, איז ווי א כוואליע איבערגעגאנ איבער איר בויכ,—א קינד א קליינס, דערהארגעטע אייפעלעכ,—זי האָט שארפ דערפילט, וואָס פאר א וויייכינקע, הערעלעכ, נו, גאָר ווי בא א זויגקינד, ס'איז באמ געלנ אפ האלדז־און־נאקנ. צענומענ פונ צערטלעכקײַט, האָט קלאוואָטשקע זיכ זיס פאָרגעשטעלט: מ'וועט פארזעצנ דעמ געלנ אונטער א גראטע.

— זאריק, דו, נעשאָמעלע, פרעסירע, איכ בעט דיכ, נעמ זיכ ניט צומ הארצנ. איכ האָב דיר, געדענקסט, געזאָגט,—מיר זײַנענ צוזאמענ געפאָרנ, מ'רופט אימ מישע, א יונגער אזא אינ א וואָלענעמ סוועטער. דו גיב מיר די מעלדונג, אונ איכ וועל אלײנ דעמדאָזיקנ מישענ, אלײנ מיט מײַנ האנט אימ אָפּגעבנ, אונ קיינער וועט ניט וויסנ.

— שווײַג, לאָז שרײַבן!

ער האָט געשריבן און האָט זיך באַרויִקט. ער האָט געשריבן ווי אַן איידלמאַן. פֿון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, אין דער אָרדענונג פֿון די געשעענישן, איז זאַכאַר פּעטראָוויטש געווען גערעכט אַף אַלע הונדערט: דער באַצירק איז אַן איידעס.

„... דערצאַגעוו, דער אויבנדערמאָנטער שריט צו פֿאַרקירצן און צו אָפּזאָגן אַרנאָ אַרעוויאַנען האָט באַגעגנט אַ ווידערשטאַנד מיצאַד אונדזער אָרטקאָם דעם כאַווער אַגאַבעק, און מעהײַטאַמע איז קעגן מײַן ווילן פֿאָרגעקומען דאָס איבערלאָזן אַרנאָ אַרעוויאַנען אַפֿן באַצירק, ניט קוקנדיק אַף די ניט־איינמאָליקע אָנווײַזונגען וועגן דער ניט־דערלאָזבאַרקײַט פֿון אַזוינס, געדענקענדיק דעם פּרעצעדענט מיט די אַרכיוו־פּאַפּירן, כאָטש איך האָב געלאָזן אין גאַנג אַלע פֿאַראַנענע געזעצלעכע מאָסמיטלען צו פֿאַרהיטן די בויונג פֿון דער אומבאַדינגט ניט־זיכערער פּערזענלעכקייט, לויט קלאַנגען אַ געוועזענער, אַנטלאָפֿענער פֿאַבריקמאַכער...״

— טוק, טוק, טוק, — איר זײַנט אינדערהיים? גייט אַרויס, זײַט אַזוי גוט, אַף אַ מינוט, זאַכאַר פּעטראָוויטש. די וואַסער גייט. דער גאַנצער באַצירק איז פֿונונטן. אַפֿילע די מאַמע האָט זיך באַ מיר אַ ריר געטאָן, — איז וויל איך וויסן, צי איר האָט גאָרנישט ניט קעגן, אויב איך וועל ניט באַווײַזן צו זעקס אַזייגער אין קאָנטאָר?

וואָלאָדיע דער מערינאָס איז געווען אַנגענעם אופּגערעגט פֿון דער צערודערונג אַפֿן באַצירק.

— די וואַסער, זאָגסטו?

דער נאַטשקאַנצ האָט אַ זאָג געטאָן „המ״ און האָט אַ שפּאַן געטאָן צו דער שראַנק, וווּ ס׳איז געהאַנגען דער מאַנטל מיטן קאַפּיושאָן. ער האָט ערשט איצט פֿאַרשטאַנען, — וווּ־זשע איז באַ אים דער קאָפּ?

— וואַרט אויס אַביסעלע, איך וועל אַליין גיין!

2

וואַסער אַפֿן באַצירק איז געווען אַ געשעעניש פֿון ערשטן ראַנג. דאָס פֿאַראַיאָריקע געוויסער איז אָנגעקומען שפּעט, סאָפּ אַפּרעל, און איז געווען, ווי די פֿויערים האָבן געזאָגט, אַזאַ, וואָס קיין אַלטע לײַט פֿאַרגעדענקען עס ניט. מ׳האָט נאָך צוגעגעבן בעסאָד, אַז אינדערהייך אין טשיגדים, וווּ מ׳האָט זיך גענוצט

מיט צוויי באוואסערונג־קאנאלן, האָט מען ניט אין דער צײַט אראָפּגעלאָזן דאָס וואסער, — מעגלעך, אז ס׳איז געווען א מיין דערבײַ, נאָר די מיזינקע האָט אראָפּגעטראָגן די ערשטע איבערצוימונג פאר דעם אָפּפיר־טונעל און האָט אונטן צעשעדיקט די אײַזנבאָן־דאמבע. גראָד דאָס פאראיאָריקע געוויסער האָט בארויִקט מיקויִעב, — דעם בריק, די הידראווליקער זײַנען זיך צונויפגעגאנגען אף דעם, אז נאָכאמאָל אף אזא וואסער, וואָס כאזוערט זיך איבער איינמאָל אין הונדערט יאָר, איז אין דער גיכער צוקונפט שוין ניט צו ווארטן, און אז דער בריק מיט דער אויסרעכענונג אף צוויי הונדערט פופציק קובאָמעטער וועט זײַן צײַט אויסשטיין. און דער פרילינג איז דערווײַל געגאנגען קאפריז, און אָט איז שוין דרײַ מאָל געווען אן אליארם, דאָס דריטע מאָל האָבן די ליבהאָבער פון שארפע פארווײַלונגען געיאָגט העמדום־פענדום צום טײַך, וואָס האָט זיך אופגעבלאָזן העכער דער נאָרמע. נאָר קיין עמעס געוויסער, אזא, וואָס קומט, קען מען זאָגן, נאָר איינמאָל, ווי א קרענק מיט אן אימוניטעט, מאָזלען אָדער פּאָקן, און וואָס א טאָעס האָבן וועגן דעם קען מען ניט, — אזא געוויסער איז נאָך ניט געווען. דער רעגן און דער שניי די לעצטע טעג, דער איבערגאנג פון ווארעם אף קעלט, די עסיקע באנאכטיקע טויען האָבן ארײַנגעבראכט אין פארלעגנהײַט די פויערים. ניט נאָר איין מעסראָפּ האָט געכאפּט א קוק אף די פײַכטע בערג, געדויכערט א ציגנפּיסל און אויסגעשפּיגן דורך די סקאָרבוטע ציין א דינינק שטראָמעלע, — נאָר שוין פון א געוויסער צײַט איז אפּגאנצן באצירק אָנגענומען געווען צו האלטן דאָס מויל. שיבקאָ מיט זײַן ארטעל, וואָס מ׳האָט אים פארהאלטן אף קליינער טעסלער־ארבעט, אפילע ער האָט אופגעהערט זיך צו ווערטלען וועגן דעם בריק און האָט אפילע אליין, צו אלעקסאנדר אלעקסאנדראָוויטשעס באהאלטענער שרעק, מיט זײַנע אייגענע הענט באפּוצט דעם בריק צום איבערנעמען אים מיצאד דער קאָמיסיע פון פארוואלטונג, און בא דעם איבערנעמען אליין האָט ער מיט דעם גאנצן ארטעל געשיקערט און געהוליעט. פונדעסטוועגן האָט דער „אומשעדלעכער“, דורכגייענדיק שפּעט אפדער־נאכט פארבײַ דעם אָרטקאָם, געזען שיבקאָס איקאָנע־קאָפּ, שיבקאָס עפּעס שעפּטשענדיקע רויטע ליפּן, דעם צעקעמטן שרונט, א גלײַכן ווי בא נעסטעראָווס יונגלינגען, — אָנגעבויגן צו אגאבעקס בלאָסן פּראָפיל, האָט דער טעסלער אויספירלעך אים עפּעס ארײַנגעשעפּטשעט, און אגאבעקס בלײַפעדער האָט זיך באוועגט איבערן פּאפיר. נאָר דאָס איז

געווענ נעכטנ, אונ הײַנט, בא דער ערשטער וואסער, האָט זיכ דער גאנצער ארטעל צונויפגעקליבנ אונטנ.

אינ דעמ שווײַגנ, מיט וועלכנ דער ארטעל האָט אָפּגעטראָטנ דעמ וועג פאר דעמ שעפּ פונ באצירק, איז עפּעס געווענ אומיסטנדיקס. דער שעפּ פונ באצירק איז געגאנ ניט אליינ. אויבנ האָט אימ ענדלעכ דערייאָגט דער ספּעציאליסט אפּ בעטאָנ, דער כאווער צעלאדזע, אונ קעדיי קיינ צײַט ניט צו פארלירנ, איז ער, אזויווי ער איז געווענ, מיטנ באנדאזש אוועק באזײַט מיט אימ, שטילנדיק אביסל מיט זײַנ נאָענטקײַט לעוואָנ דאווידאָוויטשעס נערוועזיטעט. באקוקנ דעמ בריק האָט מענ נאָכ ניט געקענט, דער שאָסיי איז אונטערנ רעגנ צעקראָכנ געוואָרנ. דער שעפּ פונ באצירק האָט געפירט מיט דער האנט, ווײַזנדיק צעלאדזענ דאָס אונ יענצ. ער האָט עס געטאָנ צעשטרייט, זײַנ העכטענער פּראָפיל, ווענ די שײַנ איז געפאלנ, איז געווענ טויט־בלאס: ניט דערפאר, וואָס ער זאָל מוירע האָבנ פארנ בריק, — נאָכ קיינ איינמאָל ניט, פונ דעמ ערשטנ טאָג פונ דער בויונג, האָט ער ניט געצווייפלט אינ דער ארבעט, נאָר אינ דער לופט איז עפּעס געווענ אזוינס, וואָס האָט פארשאפט שאָפלדיקײַט. אפּאָנעמ, אז ס'קומט אָנ א ענדערונג אינעמ וועטער.

— בא אונדז איז אזוי: די וואסער גייט דורכ, אונ מיטאמאָל שטעלט זיכ אײַנ א גוטער וועטער. ס'איז גוט, וואָס דער בוי־סעזאָנ...

ער האָט געוואָלט זאָגנ: מיר וועלנ ניט פארלירנ דעמ בוי־סעזאָנ, ווײַל דער נײַער פּראָעקט, וואָס איז נאָכ ניט דערגאנגענ מיט אלע דעטאלנ צומ באצירק, נאָר אינ אלגעמיינע דעטאלנ שוינ א קלאָרער, איז באשטעטיקט אינ אלע דיסטאנצנ, — נאָר דאָ, אינ בלענדנדיקער שײַנ פונ זיכ הוידענדיקע לאמטערנס, הינטער דעמ פארקערעווע פונ שאָסיי, ארומגערינגלט מיט א זשוזשענ פונ שטימענ, וואָס זײַנענ ענלעכ געווענ אפּ א בינטל פליגנ איבער עסנווארג, — איז זיי אנטקעגנ ארויסגעשווומענ דער גרויסער, פונדאנענ אפּ דרײַ פערטל ארויסגעזעענער פּראָפיל פונ בריק. דער מיליציע־שעפּ אוואק איז געשטאנענ אפּנ סאמע ארופאָר פונעמ בריק־אָנדעק מיט צענומענע הענט. זײַנ קײַלעכיק פּאָנעמ, רויט פונ זידלענ זיכ מיטנ האמויג, איז געווענ אָנגעשטרענגט; בא א געוויסער פארדעכטלעכקײַט וואָלט דאָס פּאָנעמ אפילע אויסגעוויזנ ווי ניט צו דער צײַט שיקער, אָדער ווי ס'וואָלט פעסט, ווי א ניס, אײַנגעהאלטנ א שמייכל. די מיליציאָנערנ האָבנ זיכ געפּאָרקעט

נידעריקער, באַ די דאמבעס. אפנ בריק האָט מענ דעמ אוילעמ ניט געלאָזט. אוואק האָט זיכ געזידלט: קײַקלט זיכ אָפּ! עמעצער אינ א מײַקע, א בלויער אונ א פריילעכער פונ קעלט, האָט אויסגעשריגנ פאר די, וואָס אינטערעסירנ זיכ:—ווידער א שטיינ האָט אונטערגעשווענקט!

— די רעכטע דאמבע איז נישקאָשע, זי איז גאנצ, אונ די לינקע שווענקט אונטער,—האָט געזאָגט, צוגייענדיק צו לעוואָנ דאווידאָוויטשנ, דער דעסיאטניק.

נאָר לעוואָנ דאווידאָוויטש האָט ניט דערהערט.

שטעלט זיכ פאָר, אז ס'גייט אנטקעגנ אײַכ א מענטש. שטעלט זיכ פאָר אזא גראָבינקנ אינ א רעגלאנ, מיט א שטעקעלע, מיט נײַע שטיוועלעטלעכ, אינ א אויסלענדישנ הוט, מיט יענעמ גוטברודערישנ צווישנפעלקערלעכנ אונטערווינקנ, מיט וועלכנ א שיקער זעט א שיקער אינ יעדער לעבעדיקנ וועזנ,—דעמ גראָבינקנס פיס פלאָנטענ זיכ, דאָס שטעקעלע אינ זײַנע פארקלעמטע פינגער, באצויגענע מיט זאמש, צייכנט שפילעוודיק, ווי אפ א דועל א ראפירע, די אומגעריכטסטע זיגזאגנ אינדערלופטנ, צונעמענדיק באַ אימ פלוצלינג די אָנשפאר־פונקטנ,—אָט פונקט ווי אזא גראָבינקער, א אימפאָזאנט־קאָמישער, א זעלבסט־זיכערער, ווי א שיקער, איז מיט זײַנ גאנצער שווערקײַט אָנגעשווומענ דער געשפענסט פונעמ בריק אפ דעמ שטיינ געבליבענעמ שעפ פונ באצירק. דאָס איז געווענ זײַנ קינד, וואָס איז אימ באקענט אפ אויסנווייניק. ס'האָט זיכ גאָרנישט ניט געענדערט. צוויי אָנגעבויגענע נארישע דרוקנס אפ דער פארענטש האָבנ דערמאָנט דאָס ניט־לאנגע איבערנעמענ פונעמ בריק,—טראנטעס פונ רויטע פלאגנ, צעבראָכענע לעמפלעכ פונ דער איליומינאציע האָבנ קלאָגעדיק געשטעקט אפ די דרוקעס. נאָר דער געשפענסט האָט איצט געלעבט. וואקלדיק, שטרויכלענדיק זיכ, קימאט פלאָנטערנדיק, האָבנ זיכ אויסגעדאכט זײַנע פיר ריאושנ, וואָס זײַנענ איצט געשטאנענ ניט אפ פײַכטע שטיינדלעכ, ווי לעוואָנ דאווידאָוויטש איז געווינט געווענ זיי צו זענ, נאָר אינ א ווילד שלאָגנדיקער, אָנלויפנדיקער אונ שטראָמיקער מאסע וואסער. ווי א שטעקעלע אינ די הענט פונ א שיקער, האָבנ זיכ געבראָכנ אינ דער וואקלדיקער שײַנ פונעמ אָוונט אונ אינ די קאסקאדנ רעגנ, וואָס האָבנ איבערגעבראָכנ די שײַנ, די קאָנטורנ פונ די פערמעס, וואָס האָבנ זיכ געטאָפּלט אינ די אויגנ,—דער אויסגעבויטער בריק איז געווענ אינ טאט, נאָר ווענ ער זאָל קענענ ריידנ, דער בריק, האָט זיכ געדוכט, אז ער וואָלט,

שטרויכלענדיק זיך מיט אַלע פיר ריאַזשנ, ווילדריש ארויסגעלאָזנ די קלאַסישע ווערטער פונ אַלע צײַטנ אונ פעלקער:

„ביסט ש־ש־שיקער, בר־ר־רודערל!“

לעוואָנ דאווידאָוויטש האָט זיך אַ וואָרפ געטאָנ אַפ צוריק אונ האָט אופגעהערט צו קוקנ. דאָס האָט, איבעריקנס, געדויערט אײנ רעגע. שפּעטער, דערמאָנענדיק די מינוט, האָט לעוואָנ דאווידאָוויטש בעשומויפנ זיך ניט געקענט דערקלערנ, וואָס איז אײגנטלעכ מיט אימ געווענ. דער גרוזינ, וואָס איז רויִק געשטאנענ לעבנ אימ, האָט מיט אופמערקזאמע אויגנ אויכ געקוקט אהינ אונ האָט געזענ אַ גרויסנ הילצערנעמ, לעפיש־אויסגעבויטנ בריק* איבערנ טײַכ—אונ דאָס גאָר. ער האָט נימ ליב געהאט אונ האָט ניט געקענט קײנ האָלצ, אונ אימ איז אײנ קאָפּ ניט ארײַנ צו קריטיקירנ. נאָר דער ספּעציאַליסט אַפּ בעטאָנ האָט זיך ארויסגעוויזנ אינ דעמ בליק, מיט וועלכנ ער האָט פריִער פונ אַלצ ארומגעטאפּט די דאמבע. אָט דאָ האָט זיך באוויזנ מיכאיל סאמסאָנאָוווס ארבעט. די לינקע דאמבע, באלייגט צוליב שײנקײַט מיט שווערע, אויבנ פונ קאריער ארויסגעקריגענע שטײנער, האָט איצט אויסגעזענ, ווי אַ גראָבער ציגאר, וואָס איז ארײַנגעשטעקט אינ אַ אשבעכער מיטנ עק אראָפּ; דער ניט־פּארטישקעוועטער רויכ אַפנ עק האָט געטליִעט אונ זיך אָפּגעשטופּט פונ דעמ ציגאר,—פּונקט אזוי בארעכטיקנדיק דעמ פארגלײַכ, האָבנ פונונטנ פונ דער דאמבע, צו וויסנ געבנדיק וועגנ זיך מיט לײַכטע געדרייטע רינגעלעכ, מיט קײַלעכיקע אומקרײַזנ, זיך אָפּגעשווענקט פונ דער דאמבע לאנגזאמע שטײנערנע פליטעס.

— איר האָט געפּעסטיקט די דאמבע ניט אַפּ צעמענט?—האָט געפרעגט דער גרוזינ.

לעוואָנ דאווידאָוויטש איז געקומענ צו זיך:

— נײנ, נאָר ס'איז גאָרניט, ס'וועט אויסהאלטנ. קײנ גרויס געוויסער קענ ניט זײַנ. וואָס פאר אַ צעמענט... אַלעקסאנדר אַלעקסאנדראָוויטש, מ'פירט צו שטײנער? גיט אַ פאראָרדענונג, מ'זאָל פארשיטנ פונ רעכטס, אַ טייל מענטשנ זאָלנ איבערגײנ איבערנ בריק... וואָס? איכ וועל באלד! אהיג, אהינ זאָל מענ אָנוואַרפנ... אכ, זאָל אימ עמעצער, דער רועכ זאָל דאָס נעמענ, איבערגעבנ אַפנ אויער! אנטשולדיקט, וואכטאנג ניקאָלײַעוויטש, איר האָט געפרעגט וועגנ צעמענט. מיר האָבנ געבויט מאקסימאל ביליק, אַפּ אַ ווידערשטאנד פונ צוויי הונדערט אונ פופציק קובאָמעטער...

א טייל ארבעטער האָט אָפּגעשטויסן אוואַקן און איז אוועקגעלאָפן איבערן בריק אויף יענער זייט, לעצעווענדיק און טאַנצנדיק, ווי זיי וואָלטן געפּרוּווט מיט די פיס דעם עלאַסטישן ווידערשטאַנד פון די ברעטער אונטער זיך. נאָך זיי איז לאַנגזאַם, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָלנער אַוועק דער שעף פון באַצירק, אַנטשולדיקנדיק זיך פאַר זיין באַגלייטער. דער גרוזין, אַ נייער מענטש אין באַצירק, איז געבליבן שטיין און געקוקט אויפן בריק, וואָס האָט, דעם עמעס זאָגנדיק, זיך אים אויסגעוויזן ניט קיין שיינער. נאָר מ'זאָל אים פרעגן, פאַרוואָס ניט קיין שיינער, איז אַ ספק, צי ער וואָלט געקענט ענטפערן, ווייל דער אינזשענער וואַכטאַנג צעלאַדזע איז געווען ניט קיין בויער, נאָר אַ מענטש פון מאַטעריאַל, און די טעכנאָלאָגיע, ניט די פאָרמע, — אָט וואָס ס'האָט זיך אים אַנטדעקט אין יעדער זאַך. די ריאַזשן, צונויפגעקלאַפּטע פון באַלקנס, די דינ־העגטיקע אויפליען פון די פערמעס, דערדאָזיקער גאַנצער קוויטש פון שאַרפווינקלדיקע, ליניישע, אין זייער סקעלעט אַנטבלויזטע פאָרמעס האָבן בײַ אים קיין קאָפּ ניט אויסגענומען פון דער קאָנסטרוקטיווער זייט, און ער האָט אין אים קיין שום זין ניט געזען, ווייל ער האָט ניט געפילט אין דעם בריק די איבערגעבונג פון קראַפט, די קאָסע באַוועגונג, דעם איינציקן געזעץ אין דער וועלט, לויט זיין געניאַלער אוניווערסאַלקייט, דעם געזעץ פון דעם הייבער, — דאָס, וואָס אַ מעכאַניק וואָלט פריער פון אַלץ דערזען און דערפילט, — און נאָר אַן אויסגעוויקטע, לעפּישע, ניט־פעסטע זאַך. ס'האָבן זיך אים דערמאָנט די קלאָרע ליניעס פון די בויונגען פון בעטאָן און דער צויבער פון די גרינגע בויגנאַרטיקע בריקן, ווו דער אייזן־בעטאָן איז געווען קימאַט אַ לעבעדיקער קערפער, ווו דער סאָד פון באַוועגונג איז געווען באַהאַלטן, ווי בײַ אַ מענטשן דער סקעלעט, און ווי עס שטייט זיך פּאַשעט איבערן טייך, באַצויבערנדיק אייך, די האַלבקײַלעכיקע עפענונג פון עם שנייווײַסן בריק, פונקט ווי אַ רעגנבויגן אין הימל, איבערגאַרטלענדיק דעם ברעג פון איין עק ביזן צווייטן, — אָט דאָס זײַנען בריקן, יאָ! איבעריקנס, איז קאָמיש אפילע צו פאַרגלײַכן די עכטע, ערנסטע, גרויסע בריקן, וואָס האָבן געקאָסט מיליאָנען, מיט דערדאָזיקער הילצערנער אומגעלומפּערטקייט איבער דעם קליינעם טײַכל, וואָס איז געמאַכט געווען... דאָ האָט ער זיך אַרומגעקוקט און האָט געשעפּטשעט אַ מאַרקיר געטאָן, צוליב וואָס איגינטלעך איז נייטיק געווען אָט דערדאָזיקער צײַטווײַליקער בריק:

אפ איבערצופירנ מאשינעס אונ מאטעריאלנ אפ יענעמ ברעג, ווו ס'וועט, אפאָנעמ, גייַנ די הויפּט־ארבעט: דער קאָטלאָוואנ, דער ארייַנגאנג אינ טונעל...

„אונ מייַנ לאבאָראטאָריע דארפ דאָכ אויכ זייַנ פונ יענער זייַט!"

3

יענע זייַט פונעמ באציר, וואָס איז געווענ אָפּגעטיילט דורכ דער מיזינקע, איז נאָר די לעצטע דרייַ טעג געווענ פארבונדנ מיטנ באראַקשטעטל מיט דער הילפ פונ א שטענדיקער אונ אומגעפערלעכער פארבינדונג, נאָר ביזנ עפענענ די באוועגונג איבערנ בריק זייַנענ די פויערשע ארבעס מיט מאטעריאל אונ מאשינעס, אָפּהענגיק פונעמ וועטער, איבערגעפאָרנ דעמ טייַכ איבערנ וואסער; די ארבעטער זייַנענ אנדערש מאָל אויכ געגאנגענ מיטנ וואסער העכער אביסל, ווו דער טייַכ האָט געשטראָמט ניט אזוי האסטיק, אָדער זיי האָבנ זיכ באנוצט מיט דעמ הידראָמעטערס וואקלדיקנ הענג־בריק. די קאָמפּליצירטקייַט פונעמ איבערגייַנ האָט ארופגעלייגט אפ יענער זייַט, ווו עס זייַנענ געשטאנענ א צוויי, דרייַ באראקנ אונ צוויי גרויסע סקלאדגעבייַדעס, א באזונדער שטעמפל, וואָס איז פאראנ אינ די גרויסע שטעט אינ די פאבריק־פאָרשטעט. די הויפּט־ארבעטנ זייַנענ אויסגערעכנט געוואָרנ גראָד דאָ, אונ צוליב זיי האָט מענ געבויט סקלאדנ אונ מ'האָט געגרייט א שמידערייַ אונ א מעכאנישנ ווארשטאט אונ אויסגערייניקט אנ אָרט פאר וווינונגענ. גראָד דאָ ניט ווייַט זייַנענ געווענ די שטייג־קאריערנ, פונוואנענ מ'האָט גערעכנט פירנ שטיינער פאר דער קינפטיקער הרעבליע, ווענ דער פראָעקט איז נאָכ ניט געווענ פארבראקעוועט. דאָ, אינ אייַנזאמקייַט, ארומגעצוימט מיט הויכע ווענט פונ רויט־ציגל, באהאלטנ אינ א טאָלעכל אונ שטענדיק באהיט דורכ א בייזנ, מיט האָר באוואָקסענעמ מיליציאָנער, איז אויכ געשטאנענ, ווי א מינ פלעשל מיט א שארבנ אינ א ווייַטער שאפע בא אנ אפטייקער, דער פינצטערער אונ אייַנזאמער פולווער־סקלאד. אהער קומענ האָט געהייסנ מיטאמאָל א שמעק טונ די ארבעט, ווי זי איז אונ ווי זי איז אויסגערעכנט, אונ דאָ האָבנ די ארבעטער זיכ מערער געפילט באלעבאטימ ווי אפ יענער זייַט.

דער אינזשענער צעלאדזע האָט ווידער דעריאָגט דעם שעף פון באצירק און איז מיט אים איבערגעגאנגען איבערן בריק — ער האָט געוואָלט א קוק טאָן דאָס אָרט, ווו ס'וועט זײַן די פעלד־לאבאָראטאָריע אפ בעטאָן, כאָטש ס'איז לאכלוטן איצט ניט געווען די צײַט פאר דעם. בא דער לינקער דאמבע, וואָס איז אפ א היפשער שטיק געווען אָפגעשווענקט, האָבן זיך געפאָרקעט און ס'זײַנען אראָפגעהאנגען אפ שטריק ארבעטער. א גרופּע מיט טאטשקעס איז געקראָכן אונטערן רעגן ארופ צו נעמען שטיינער פונעם קאריער. אפ דער אנדערער זײַט זײַנען ליבהאָבער הייזעריק געוואָרן פון קריטיק.

וואָלאָדיע דער מערינאָס, אונטער א גרויסן פארצײַטיקן שווארצן רעגנשירם, האָט געהאלטן אונטער דער האנט זײַן אייגענע מאמע, וואָס האָט געקוקט מיט אומדערוואַרט קלוגע, זקייניש פארשטאנדיקע אויגן אפ דעם בילד פאר זיך. די אלטע פלעג ארויסגייען זעלטן און ניט אומזיסט. מיט קנאָכיקע, ניט־קרעפטיקע פינגער האָט זי געוויזן פאָרויס, און מיטן קאָפּ האָט זי געטרייסלט,—דער בריק איז איר ניט געפעלן. אפ ארמעניש, מיט א זשעסטישער אויסשפּראך, האָט זי געשאָטן מיט באמערקונגען, ווי פון א זיפּ: טשע, טשע, טשע (ניין, ניין, ניין), ס'געפעלט איר ניט, און ס'וועט ניט אײַנשטיין דער בריק.

— איך כידעש זיך, וואָס פאר א ניט קיין שיינער ער איז אונטערן רעגן,—האָט געזאָגט מארקאריאנס ווײַב.

— אָט, נאָר אײַער ווײַבערשע קריטיק פעלט נאָך טאקע.

דער צעבייזערטער זאכאר פעטראָוויטש איז פארבײַגעגאנגען פארבײַ זיי צו אוואקן, און אין אוואקס קײַלעכיקן פּאָנעם און אין זײַנע אויסווײַכנדיקן בליק איז עפּעס געווען. דער בריק איז ארויס אפן עקזאמען. דער בריק איז ארויס אפן עקזאמען ניט אליין. דער נאטשקאנצ האָט געוווּסט, אז מיט אים עקזאמענירט זיך די גאנצע סיסטעם פון פארוואלטונג אפן באצירק, דער גאנצער צוגרייטונג־פּעריאָד פון דער ארבעט, זעקס כאדאָשים, קען מען זאָגן, ניט נאָר פון לעוואָנס דאווידאָוויטשעס, נאָר דערהויפּט פון זײַנער, פון דעם נאטשקאנצס פּאָליטישער סיסטעם, וואָס אין איר אָנפעלעדיקײַט האָט ער געגלויבט. זאכאר פעטראָוויטש האָט זיך אויסגעקערעוועט צו די עקזאמענאטערס און פארזשמורעט זײַן האָריק און זיכער אויג: די עקזאמענאטערס, דער רועך זאָל זיי נעמען, האָבן זיך געסטארעט. א בייזער ווארעמער ווינט האָט געבלאָזן פון די גאסע בערג, ענלעך אפ דער פרייד פון א הינטיש בילן, ווען דער הונט

יאָגט זיכ נאָכ אנ אווטאָמאָביל. שווארצע נידעריקע קנוילנ רויכ זײַנענ געהאנגענ פונויבנ, קוועלנדיק שיטערנ שווערנ רעגנ. די מיזינקע האָט זיכ געטראָגנ פונונטנ אָנ איינ קרײַזעלע שוימ, און אפילע דער גע־רויש פונ איר איז אזויווי קלענער געוואָרנ, — די מיזינקע איז געווענ שרעקלעכ. איר גלאטער, אופגעלאָפענער, ווי מיט וואסער אָנגעפרעסענער קערפער האָט ווייכ זיכ געקײַקלט פונונטנ, ווי ס'קײַקלט זיכ אפ גומענע שינעס איבער אספאלט א דראָזשקע.

ב־יאָ—, האָט געזאָגט דער נאטשקאנצ און האָט ווידער דערהערט לעבנ זיכ א ווײַבערשנ קוויטש, און עמעצער האָט מיט א געלעכטערל א געשריי געטאָנ.

— און פריִער איז ער געווענ אסאכ שענער!

ס'איז געזאָגט געוואָרנ מיט דער אויסשפראכ, וואָס נאָר דער דאָנער אוילעמ האָט אזוי גערעדט אפנ באציִרק — ס'איז מאריאנע די ראָמערנ אָדער די ארטעלישע וועשערנ. נאָר דער אויסגעשריי האָט זיכ באצויגנ צומ בריק. דער אויסגעשריי האָט אויסגעדריקט די אלגעמיינע מיינונג: ווער ס'זאָל ניט האָבנ געזענ בא דער באטאָגעדיקער שײַנ דעמ זיכ בויענדיקנ, רייניקנ מאָנומענטאלנ בריק אפ דעמ שטילנ טײַכל, האָט אומבאדינגט איבערגעכאזערט: „ס'ארא שיינער!” און דער אויסגעשריי „שענער” אינ דער באציִונג צו דער פארגאנגענהײַט האָט באוויזנ, אז דערדאָזיקער גאנצער אוילעמ זעט באנאכט, אינ דער עפעקטער באנאכ־טיקער אומגעבונג, אינ גלאנצ פונ טויזנטליכטענע אהער געוואָרפענע כוואליעס שײַנ, אינ וויִענ פונ ווינט און אינ שפריצנ פונ רעגנ, מיט איינ וואָרט, אינ דער ראָמאנטישער מינוט פונעמ עקזאמענ, — דאָסזעלבע, וואָס ס'האָט געזענ דער ספעציאַליסט אפ בעטאָנ — א קאטעגאָריע אנ עסטעטישע, און פאַשעט רעדנדיק: די מיִעסע, ניט־שיינע, אומגעלומ־פערטע זײַט פונ דעמ בריק, גלײַכ ווי פאר די עטלעכע שאָ וואָלט דאָס געבײַ זיכ געקאָנט ענדערנ אָדער זיכ איבערבויענ.

— נו, א נאר, גאָט זאָל ניט שטראָפנ פאר די רייד, — האָט געזאָגט אפ א קאָל זאכאר פעטראָוויטש, — שענער, ניט שענער, דיכ וואָלט מענ גע־דארפט פאר אנ אינזשענער אוועקשטעלנ! צוליב שיינקײַט בויט מענ דענ בריקנ? איידער אומזיסט דאָ פלאפלענ, וואָלסטו בעסער געגאנגענ זיכ פאר־נעמענ מיט דײַנע אייגענע געשעפטנ. אָט וועל איכ נעמענ און וועל שטראפירנ פאר פאניקע, ווארומ — האָב פארשטאנד וועגנ וואָס דו רעדסט, — בא אזא וואסער, און פונדעסטוועגנ האלט ער אויס, — אָט וואָס מע דארפ זאָגנ

וועגן דעם בריק. האַלט זיך, דאַרף מען זאָגן דעם בריק. איינשטעלן זיך דאַרף מען פאַר אַן אייגענעם געבוי, האָסטו פאַרשטאַנען?

נאָר עמעצער איז דורכגעגאַנגען אין דער פינצטער פאַרביי דעם באַטשקאַנץ, פאַרטשעפּענדיק אים מיטן אַרבל, און האָט אָפּגעענטפערט מיט איין וואָרט: „טינעפ״. דאָס וואָרט האָט זיך אויך באַצויגן צום בריק. געשווינד זיך אויסגעדרייט, קעדיי צו דערזען דעם זשימער, האָט זאַכאַר פּעטראָוויטש זיך אויסגעגליטשט אין אַ קאַליושע, און אַז ער האָט זיך אופגעהויבן, איז דאָס ערשטע, וואָס ער האָט דערזען פאַר זיך, איז געווען דער בריק. ווינציקער פון אַלץ האָט דער נאַטשקאַנץ פאַרשטאַנען שיינקייט אָדער געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער פאַרשטייט. נאָר דער נאַטירלעכער געשמאַק, דאָס באַהאַלטענע געפיל, וואָס לעבט אומבאַוווסט אין דעם מענטשן, אַפילע אין דעם סאַמע פּראָזאַישסטן, האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ אַריין, און דער נאַטשקאַנץ האָט זיך ניט איינגעהאַלטן.

— אַך, דו, אין דער מאַמען אין דיינער, — האָט ער זיך אויסגעזידלט מיט רעציכע, צי אָפּן אַדרעס פון דער קאַליושע, וואָס האָט אים אויסגעשמירט, צי נאָכגעשיקט דעם זשימער, און זיכערער פון אַלץ — אין דער ריכטונג פון דעם בריק, דעם שולדיקן פאַר אַלע אומאַנגענעמלעכקייטן, — דער בריק איז טאַקע געווען... ניט דאָסיק. מיט וואָס און וויאַזוי דערקלערן די ניט־שיינקייט פון דעם בריק, האָט זאַכאַר פּעטראַוויטש ניט געוווסט, און אויב דער טעכאָנלאָג צעלאַדזע האָט זי אופגענומען, ווי שלעכטע קוואַליטעט פון דעם מאַטעריאַל, וואָס איז ניט היינטצייטיק, האָט דער נאַטשקאַנץ, און מיט אים דער גאַנצער פרייער אוילעם אָפּן באַצירק, — די קאָנטאָרשטשיקעס, זייערע דאַמעס, די מישפּאָכעס פון די אַרבעטער, דער קלענערער באַדינ־עלעמענט, — זיי אַלע האָבן ביז היינטיקן טאָג אופגענומען און האָבן אים אויך איצט אופגענומען פּאָשעט, ווי אַ באַשטאַנד־טייל פון דעם פּייזאַזש. און אינדערעמעסן, אין אַ שיינעם טאָג, אָפּן ליידיקן שטיינדלדיקן טייך־בעט, איבער די דינינקע שטרעמעלעך פון דעם טומלדיקן, ווי אַ פּאָכער שלאָגנדיקן טייכל, אונטער די וואָלקנס, גרינג, ווי אַ מין איי־ווייסל, אופגעשלאָגן אָפּן בלויען הימל, צווישן די ווענט פון דעם קאַניאָן, וואָס האָבן געהאַט דעם קאָליר פון אַלטער אָכרע, — איז זיך דער בריק געשטאַנען נישקאָשעדיק און האָט זיך אַפילע אויסגעוויזן אַ שיינער אין דער זיך דערווייטערנדיקער רו פון זיינע פיר ריאַזשן.

נאָר וווהין און פאַרוואָס איז פאַרפאַלן געוואָרן זייַן שיינקייַט? צוגעגאַנגען נעענטער, האָט דער נאַטשקאַנצ דערזען זייַן זשימער: דאָס איז געווען דאָס רוסל, דער אַרבעטער, א באַשיידענער און א שטילינקער, וואָס האָט פון דעם אָנהייב אַרבעטן ניט באַקומען קיין איין באַמערקונג. ער איז געשטאַנען צווישן א גרופּע אַרבעטער, וואָס האָבן, ניט אַראָפּנעמענדיק די אויגן, געקוקט גיט אַהין, ווו די לינקע דאַמבע און וווהין אַלע האָבן געקוקט, — דאָרט איז דער גאַנצער שיפּוע קימאַט געווען אָפּגעהוילט פון שטיינער, און מענטשן האָבן פּונויבן זיך געשלאָגן אָפּצושטעלן דאָס צעשווענקען. זיי האָבן געקוקט נעענטער, אַפן דעם עקסטן ריאַזש פון לינקס. אַפן אויסזען איז דער ריאַזש געווען אַזא ווי די איבעריקע.

די אַרבעטער האָבן צווישן זיך זיך איבערגעשמועסט וועגן פּראַקטישע זאַכן: וויאַזוי האָט מען פאַרקלאַפּט די ריאַזשן און וואָס פאַר א שטיין האָט מען אין זיי געשאָטן, צי טרוקן געשאָטן, צי אַפּ א צעלאָז, — נאָר יעדערער האָט געוווסט, אַז קיין צעמענט איז אַפּ דער בויונג גיט אַוועק אַפילע קיין פּונט ניט. אַלע זייַנען זיי געווען איינשטימיק צווישן זיך וועגן דעם בריק, נאָר אויב דער טעכנאָלאָג האָט אים גענומען אַפן אויג, ווי א מאַטעריאַל, און די פּרויען האָבן אים גענומען אויך אַפן אויג, ווי א טייל פונעם פּייזאַזש, האָבן דידאָזיקע אַרבעטער, ערדגרעבער, גרוזשטויסער און שטיינברעכער, — זיי אַלע האָבן גענומען דעם בריק ניט אַפן אויג, און זיי האָבן אים אַפילע ניט געזען אין זייַן גאַנצער גאַנצקייַט, נאָר זיי האָבן געוורטיילט לויטן זיבעטן כוש פון מענטשן, וואָס מאַכן זאַכן: „צי דען איז דאָס אין אונדזערע ערטער א בריק?” ווען עמעצער וואָלט געוואָלט אַרויסציִען פון זיי אַביסל טאָכיקערע באַמערקונגען, וואָלט ער זיך דערשלאָגן עפּשער נאָר איינס. יעדערער וואָלט לויט דער אָרדענונג פאַרפירט א קריטיקע, וואָס איז נעגייע א דעטאַל, וועלכע איז אים פאַרשטענדלעך: דאָס אָרט אונטערן בריק איז ניט קיין געהעריקס, — אונטערן סאַמע וואַסערדרוק, די ברעגן זייַנען דאָ ניט קיין פעסטע, די דאַמבעס זייַנען געמאַכט געוואָרן פאַר שיינקייַט וועגן, און קיין מאַכט האָבן זיי ניט, די ריאַזשן זייַנען צו געדיכט, א גרויס וואַסער איז ענג צו דורכגיין, ס'איז ניט גענוג קרעפּטיקונג פאַראַן, און די הויפּט־זאַך — ס'אַנטשפּרעכט ניט דער בריק „אונדזערע ערטער” — דעם קאַפּריזן כאַראַקטער פון די באַרג־טייַכלעך, וועלכן — דעמדאָזיקן כאַראַקטער — די אַרבעטער האָבן גוט אויסגעלערנט:

„ס׳געמאכט אבי פון דער האנט״.

— און אז אונדזערער אן ארבעטער מאכט עפעס אבי פון דער האנט, זאָלסטו שוין אפ קיין גוטס זיך ניט ריכטן. אויב דו ווילסט דעם גאנצן עמעס, טאָ נעם קוק, וואָס פאר א גוטס איז ארויס: א בריק שטייט, נ אָ ר ע ר א ר ב ע ט נ י ט.

אז דער נאטשקאנצ האָט דערהערט דעם ארבעטערס הויכע און דרויקע פראזע, וואָס האָט סומירט אלץ, וואָס ס׳איז היינט געוועדט געוואָרן ארום דעם בריק, האָט ער דערפילט א לייכטע און א אומדערווארטע אומרויִקייט דאָס ערשטע מאָל פארן גאנצן טאָג. ניט דערפאר, וואָס ער זאָל האָבן אָנגעהויבן צווייפלען אין דעם בריק, — דער בריק איז געוועזן פעסט, ווי זיין סיסטעם, און ניט דערפאר, וואָס דידאָזיקע גראָבע מוזשיקעס זאָלן האָבן ארויסגעלייגט פאר אים כאָטש אפ איין מאָמענט זייער רעזאָן: „א שפיי אפ זייערע באמערקונגען״ — האָט זאכאר פעטראָוויטש א זאָג געטאָן אין די געדאנקען, — גלייך ווי אן ארבעטער וואָלט געקענט בעסער וויסן פון אן אינזשענער און טיפער פון אים אורטיילן!

— וואָס פארשטייסטו, דו ראָד ניט געשמירטע, — האָט ער ארויסגערעדט, ווען ער איז דורכגעגאנגען פארביי אים, מיט א גרויסער און איבערצייגטער פאראכטונג, — עמעס, ניט זייער הויך. און פונדעסטוועגן האָט ער די אומרויִקייט דערפילט אזוי שטארק, אז ער האָט געפונען פאר נייטיק איבערצייגן אפ יענער זייט צום שעפ פון באצירק: ס׳זאָל זיך נאָך ניט טרעפן עפעס וואָס ס׳ניט איז קיין צאָרע. די אלגעמיינע שטימונג האָט אים אויסגעוויזן געפערלעך: ס׳פעלט נאָר א שוועבעלע. כאָטש מ׳האָט אָפגערייניקט אביסל דעם באצירק פונעם אומרויִקן עלעמענט, נאָר דער ארבעטער — אָט א וועלכער ער איז: ס׳איז גענוג די סאמע קלענסטע אופרודערונג, אז ער זאָל אייך מיט א מעסער אין רוקן. גיי בוי מיט אזוינע — בא־לע־בא־טים!

פול מיט פארביטערטקייט און פאראכטונג, האָט ער אָפגעשטופּט אוואקס האנט, און ניט הערנדיק, וואָס מ׳שרייט צו אים, איז ער געשווינד אריבער מיט דעמזעלבן וועג, וואָס פריִער מיט א האלבער שאָ פאר אים האָט דורכגעמאכט לעוואָן דאווידאָוויטש.

דער שעפ פון באצירק, א הייזעריק געוואָרענער פון שרייען, איז געווען אונטן אונטערן בריק, ווו מ׳האָט געפעסטיקט די דאמבע. נאָר ווען זאכאר פעטראָוויטש, א מענטש א שטוביקער, האָט מיט גרויס מי זיך צו אים דערקליבן און האָט געוואָלט אָנהייבן ריידן צו אים,

האלטנדיק זיכ פונ פאָרזיכטיקײַט װעגנ פאר אנ ארבעטערס אקסל, האָט ער דערזענ, אז לעװאָנ דאװידאָװיטש שטייט עפּעס מאָדנע, הילצערנ, אָנ דער מינדסטער אופלעבונג, אונ אז ער איז צוגעגאנ נעענטער, האָט ער דערזענ זײַנ פּאָנעמ. מיט אנ אָפּװעזנדיקנ אומבאװעגלעכנ בליק האָט דער שעפּ פונ באצירק געקוקט גלײַכ אינ װאסער ארײַנ, אהינ װוהינ ס'האָבנ געקוקט די ארבעטער פונ דעמ צװייטנ ברעג, אפּ דעמ נאָענטסטנ ריאזש, אונ ער האָט געקוקט װונדערלעכ,—דעמ נאַטשקאנצ האָט זיכ דערמאנט זײַנ מוטער איבער זײַנ קראנקנ ברודער,—אזוי קוקט נאָר א מוטער, װיסנדיק, אז דאָס קינד װעט שטארבנ. נאָר ס'איז דאָכ, דאכט זיכ, גאָרנישט, דער ריאזש שטייט. ניט־װילנדיק אונטערגעבנ־דיק זיכ דער אומבאװעגלעכקײַט פונ דעמדאָזיקנ בליק, האָט זאכאר פּעט־ראָװיטש מיט א דריקנדיקנ געפיל אויכ גענומענ קוקנ אונ האָט ענד־לעכ עפּעס דערזענ, גאָר א קלייניקײַט. די װאסער האָט שוינ לאנג ארויפגערוקט אונ פארשװענקט די שטיינער, װאָס זײַנענ אינ א הויפנ געװענ אָנגעשאָטנ ארומ די ריאזשנ. די װאסער האָט זיכ איצט אופגע־הויבנ העכער, אונ די װאסער האָט לאנגזאמ צעשאָקלט דעמ ריאזש, װי א קראנקנ צאָנ אינ מויל מיט אנ אומבאמערקטער, גלאטער אונ קרעפּטיקער באװעגונג הינ אונ צוריק, װי ס'שטיקט איר קאָרבנ די שרעקלעכע קאָנװולסיע פונ טויט.

ערשט אינ דער מינוט איז דער עמעס דערגאנ צו זאכאר פּעטראָ־װיטשעס באװוסטזײַנ. גאָרנישט ניט געזאָגט אונ ניט געפרעגט, האָט ער געשװינד, װי א קאצ, װו איבער פלייצעס אונ װו זיכ אָנכאפּנדיק מיט דער האנט פאר א פרעמדנ גארטל, זיכ ארופגעקאראבקעט צומ בריק אונ האָט דערהערט א װאָרענונג: שוינ ניט פונ־יענער זײַט אפּ דער זײַט אונ ניט פונ דער אפּ יענער זײַט איז דער אוילעמ אָנ קיינ װיכ־טיקנ פונ דעמ שעפּ פונ באצירק געגעבענעמ באפעל ניט אריבערגעגאנ־ גענ. אנשטאָט אװעקנ האָבנ באמ בריק־אָנדעק זיכ אויסגעשטעלט פינפּ מענטשנ פונ יענער זײַט, אונ א קייט איז געװענ פונ דער זײַט.

— א, לאָז צו, דער רוּעכ זאָל דיכ!—האָט זיכ צעהאריקעט דער נאטש־קאנצ אונ זיכ ארײַנגעשניטנ אינ דער קייט, א קלאפּ געבנדיק מיטנ פויסט איבער א פרעמדער האנט,—לאָז, זאָגט מענ דיר.—זיכ ארויסגעריסנ, איז ער אװעקגעלאָפנ מיטנ בריק, פילנדיק אָדער פאָרשטעלנדיק זיכ א מאָדנע שװאכקײַט אונטער די פיס. נאָר קיינ שומ געפאר װאָלט אינ דער מינוט ניט פארהאלטנ זאכאר פּעטראָװיטשנ. שװער דורכגעשפּרונגענ

פאַרבײַ דעם מיליציאָנערל, האָט ער אינ גאנג א געשריי געטאָנ:

— וואָלאָדקע איכ לויפ צום הידראָמעטער... שטיי דאָ, גיי ניט אָפּ פונעם אָרט, האלט דעם זייגער. אז דער ערשטער ריאזש וועט זיכ רירנ, פאַרשרײַב די צײַט!

4

דער הידראָמעטער ארעולסקי, א נאטור א רעטעני־שדיקע פאַר די ארומיקע, איז פונ אינדערפרי געווענ זייער אינ א מאָדנער שטימונג. די מאָדנע שטימונג האָט זיכ אויסגעדריקט בא אימ דערהויפּט אינ שווײַגנ, נאָר אזא שווײַגנ, וואָס האָט געצווונגענ די ארומיקע אָנצונעמענ מיטלענ, — אפילע דער טאמ מקרטיטש האָט געפילט אומבאשטימטע אימפּולסנ צו טונ, רעכענענדיק זיכ שולדיק אינ דעם פּאַטראָנס שווײַגנ. פאַרקרומט דאָס מויל אינ א גיפטיק שמייכעלע, האָט ארעולסקי א גאנצנ טאָג פאַרצייכנט די קאָמפּליצירטע געגעבענע פונ זײַנ וויסנשאפט פונעם בלאָקנאָטל זײַנעמ אינ דער אָפּיציעלער, צוליב דעם צוגעגרייטער גראפיק. נאָר געטאָנ האָט ער עס, ווי ער וואָלט אונטערגעפירט מיט דער וועלט די לעצטע כעזשבוינעס. א מאָל צוויי פארנ גאנצנ טאָג האָט ער געעפנט דאָס מויל אונ האָט דערעכאגעוו ארויסגעלאָזט א פראזע: „איכ קלײַב זיכ אוועקגיינ", אָדער „מירנ זיכ גיכ געזעגענענ", צווינגענדיק דעם הערער, אפילע א זײַטיקנ מענטשנ, ער זאָל שטארק אונ מיט אומענדלעכער איבערצײַגונג אימ אײַנבעטנ „בלײַבנ", „ניט ווארפנ די ארבעט", „א ביסעלע צולײַדנ". נאָר איינ פּאָקינ, אז ער האָט דערהערט די פראזע, האָט לײַכטזיניק א זאָג געטאָנ: „איז וואָס, וועלנ מיר באלייטנ" — וואָס אנדערש דענ קענ מענ זיכ ריכטנ פונ פּאָקינענ?

דעם הידראָמעטערס מאָדנע שטימונג איז ארויסגערופנ געוואָרנ דורכ מענטשלעכער אומגערעכטיקײַט. ס'איז באוווסט, אז דער וואסער־רעזשים, די וויסנשאפט, וואָס געהערט צו אימ, אפילע מ'זאָל באגראָבנ די פּראקטיק, ניט נעמענ אינ אכט די עפּאָכע, ווענ פונ אונדזערע, פונ די הידראָמעטרישע געגעבענע הענגט אָפּ, קענ מענ זאָגנ, די גאנצע אינדוסטריאליזאציע, נאָר מ'זאָל נעמענ די פראגע פונ דער וויסנשאפטלעכער זײַט, אָנ פּניעס, — איז צי קענ די הידראָמעטריע זיכ שטעלנ אינ איינ ריי מיט א וועלכער ס'ניט איז דאָרט געאָדעזיע אָדער פעלדמעסטונג? א פעלדמעסטער איז פונ זינט די וועלט שטייט אינ דער ליטע־

ראטור באשריבן געוואָרן, ווי א אומבאדײַטנדיקע ספּעציאליטעט. און ער, דער הידראָמעטער, האָט פאר זײַנע פאָראַרבעטן ניט געקענט זיך דערבעטן קיין מענטשן! אים, דעם הידראָמעטער, האָט מען געגעבן פאר א געהילף א דעפעקטיווע פערזענלעכקײַט, מקרטיטשן, און דעם טעכניקער גרישינען האָט מען פאר די פּאָשעטסטע ארבעטן, גלאט אין דער וועלט ארײַן, דערלאנגט אן אינטעליגענט מיט א דײַטשישן דיפּלאָם־טראָגן די ווײַזירשטאנגען!

פארוויקלט דעם קאשנע, אין א מאקינטאָש, איז דער הידראָמעטער ארעוולסקי געגאַנגען אונטערן רעגן אפן זײַן פּאָסטן, און מקרטיטש, וואָס האָט מיטן גאנצן וועזן געפילט זײַן אייגענע דעפעקטיווקײַט און האָט געפונען א טרייסט נאָר אינעם שטיינדל אף קײַען, וואָס ער האָט פון אינדערפרי צוגעגרייט אין מויל אונטערן צונג, האָט נאָכגעמאָסטן מיט הינטישע טריט דעמזעלבן מעהאלעך, נאָר פונדערווײַטנס. אינעם שמאָלן אָרט פונעם קאניאָן בא איין לאמטערן האָט זיך געהויבן, ענלעך אף א פינישן שניי־שוך, דער בריק. די שטיינער, וואָס די מיזינקע האָט אָנגעקאטשעט, האָבן זיך געווײַזט, ווי שארבנס, פארבײַ דעם ברעג. די ענגע פעלדזן דאָ האָבן קימאט זיך אָנגערירט איינער אינעם אנדערן, זיך געצויגן איינער צום אנדערן, ווי א קינד צו א מוטער. די גרויזאמע פראכט פון דעמדאָזיקן אָרט, וואָס איז געווען ליב ארעוולסקיס שפּאנישער נעשאָמע, איז אָבער איצט פארשוועכט געוואָרן דורך עמעצנס אָנוועזנהײַט. צוגעגאנגען נעענטער, האָט דער הידראָמעטער דערזען צוויי כעוורע מיט אָנגעוואָרפענע זעק אף די קעפּ, פונעם רעגן, וואָס האָבן ווילדעריש זיך געהוידעט אפן בריק, — דאָס איז געווען דער ארבקאָר ווארטאן און זײַן געטרײַער כאווער גורגען, וואָס נאָך דעם ניצאָכן איבער דער קאץ האָבן זיי זיך גערעכנט פאר „געזעלשאפטלעכע". וואָלט ארעוולסקי ניט געווען אזוי פארנומען מיטן פארדראָס, וואָלט אים פארוואונדערט די אָנוועזנהײַט פון די יאטן דאָ, ניט אף זייער אָרט. נאָר איצט האָט ער נאָר מיט דער האנט א מאך געטאָן, זיי זאָלן זיך ניט באלעווען, און האָט זיך געלאָזט גיין צום טײַך. אָבער אין דעם, ווי די מיזינקע איז געלאָפן, איז הײַנט געווען עפּעס נײַס. זי איז אנשוויגן געוואָרן, פארביסן דעם צונג, — דעם גערויש פונעם טײַך האָט מען פונויבן קימאט ניט געהערט, מ'זאָל קוקן פונדאנען, איז דאָס טײַכל ענלעך אף א קאָנווייער פון א גלאטער, אופגעבלאָזענער, אָנגעצויגענער שווארצער קישקע, וואָס מע דערלאנגט שטילערהייט פון לינקס אף רעכטס,

אָדער אַף אַ שמאָלן קערפּער פון אַ וואַסער־שטשור, אַ כײַע קימאַט אַ מיפּישע. אין דער מיזינקעס שווײַגן איז געווען ווי אַן אָפּקלאַנג פון דעם הידראָמעטערס שווײַגן. דאָס שווײַגן איז געווען אָנגעגאָסן מיט אַ שווערן און שרעקנדיקן זין. די שטיפערישע דזשאַנ־אַכטשיק, דעם קוטשער פּיילאַקס שיינהייט, די ציטעריקע גריגוויגיקע ליפּערקע — וווּ איז זי? ווי אַ געשפּענסט פון די נאַסע בערג, ווי אַן אומפאַרמײַדלעכקייט, ווי אַ פּאַרקע, ווי אַ ניט־זעענדיקער קאָפּ פון אַ מוילוואָרף האָט זיך אַף אַ מינוט אופגעהויבן דער שוואַרצער קערפּער פונעם טײַך און האָט זיך אָנגעשטעלט מיט אַ קײַלעכיקן, טונקעלן, טעמפּן פּליעסק פון דער כוואַליע אַפן בריק, — און די בלינדקייט פון דער סטיכיע האָט אַפילע אַף ארעולסקען געווירקט. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַ ברום געטאָן: „אַ געוויסער“. ס'איז קיין סאָפּעק ניט, ס'גייט דאָס עמעסע געוויסער, אַ גרויס וואַסער, דעם טײַכס פרילינגדיק בלוט, מ'האָט ניט געטאָרט דורכלאָזן די צײַט. אין יעדער זאַך — בײַ דער מאַשין, בײַ אַ דאַמפּקעסל, אין דער שפּיל פון אַ פּיאַניסט, בײַ אַ רײַטערן, וואָס שפּרינגט דורך אַ רייף, בײַ אַ קראַנקן מיט בויך־טיפוס — איז פאַראַן אזא מאָמענט, ווען מע טאָר ניט דורכלאָזן קיין רעגע, נאָר צופּאַסן די גאַנצע אופּאַסונגס־קראַפט פּונקט צו דערדאָזיקער קולמינאַציע. אַז דער פּונקט זאָל זיך ניט ארויסגליטשן. פאַרבינדן באַצײַטנס דעם פּאָדעם, אָדער קאַמפּער ארײַנשפּריצן, אָדער צוגיין צום צענטראַלן פּונקט פונעם ווערק, באַהעפטנדיק די העכסטע הויצאָע פון ענערגיע מיט דעם מאָמענט פון העכסטן נאָכפרעג אַף איר; — אין דעם ליגט אין טאָך דער סאָד פון יעדער ארבעט. פאַר דעם הידראָמעטער ארעולסקי איז אזא פּונקט געווען דאָס געוויסער, און טראַכטן איצט וועגן מקרטיטשעס מײַלעס איז שוין איצט געווען צו שפּעט. בײַ זײַן גאַנצן שפּאַנישן סטיל איז ארעולסקי געווען אַן אָרנטלעכער פּראָפעסיאָנאַל, וואָס האָט באַלד דערפילט אין זיך, ווי אַ גוט פערד בײַ דעם ערשטן ריר מיט די לייצעס, דעם באַקאַנטן צופלוס פון ענערגיע. ער איז אליין אוועקגעלאָפן מיט דעם דריידל צום טײַך, וווּ ס'איז שוין ניט מעגלעך געווען צו שטיין ניט צוהאַלטנדיק זיך, — דער ווינט האָט אים געריסן פון די טראָסן. די נאַכט איז אהער געגאַנגען צוזאַמען מיטן ווינט, און מיט דער נאַכט איז, ניט אָפּטרעטנדיק, געגאַנגען דאָס וואַסער, און מ'האָט געדאַרפט באַגעגענען דאָס וואַסער, — יעדער רעגע האָט איצט געהאַט אַ באַדײַטונג, ווײַל אין יעדער רעגע האָט די הויצאָע פון וואַסער זיך

פארגרעסערט, ס'איז שוינ ניט אינ מיזינקעס ווילנ געווענ ניט אנגעשוואלנ צו ווערנ און ניט צו גיינ צו דער קולמינאציע, און ארעולסקי האט געדארפט כאפנ די קולמינאציע, ניט דורכלאזנ דעם העכסטנ מאמענט פון דעם געוויסער. ער האט גענומענ אויסרעכענענ מיט א זייגער אינ האנט, א פארקלעפטער מיט שטייפנ און שטארקנ רעגנ, ווי מיט ליים, — די הויצאע פון וואסער, פונקט ווי א דאקטער, וואס האלט פארנ קריזיס דעם קראנקנס פולס. די אויסרעכענונג פון די טעארעטיקער האט געפלאצט! וואס פאר א איינמאל אינ הונדערט יאר! אויב נאר אפנ אויג רעכענענ, איז די נייע הויצאע שוינ אויסגעוואקסנ דריי מאל אזויפיל, און מ'האט געזענ, אז דער הייאריקער וועט ניט אפשטיינ פארנעמ פאראיאריקנ...

גורגענ און ווארטאנ, וואס זיינענ געווענ אפגעגאנ ווייטער אביסל, זיינענ ווידער צוגעגאנגענ און האבנ זיכ צוגעהערט. דריי מאל אזויפיל האט שוינ געהייסנ צוויי הונדערט פינפ און צוואנציק קובאמעטער א רעגע. נאר אויב פארנ הידראמעטער איז די ווירקונג פון דער ציפער געווענ נאר די ווירקונג פון דער וואסער אפ דעם דריידל, און אלצ איניינעמ — א אינטעלעקטועל יאגעניש נאכ דער קולמינאציע, האבנ גורגענ און ווארטאנ זיכ איינגעקלאמערט אינ דער ציפער מיט די אויערנ, ווי געריכט־אויספארשער, די ציפער האט זיי, אפאגעם, ניט איינגעארדנט, זיי האבנ א קראצ געטאנ דעמ קאפ אונטערנ זאק און זיכ איבערגעקוקט: „צוויי הונדערט פינפ און צוואנציק"...

— קאנטראליר נאר איבער, ב' ארעולסקי, צי איז עס עפעס ניט צופיל אביסל? ס'איז דאכ ערשט א האלבע שעה אז די וואסער גייט.

ווארטאנס שטימ האט געקלונגענ קימאט מיט כניפע. ער איז צוגעגאנ צומ בריק, — א נאס גרוי בלאקנאטל אינ דער דלאניע. זיינ געטרייער כאווער גורגענ האט געקוקט אפ א גרויסנ קיילעכיקנ, אלט־פרענקישנ זייגער, וואס איז געהאנגענ בא אימ איבערנ האלדז אפ א שווארצ טאשמעלע. נאר ווארטאנענ האט געענטפערט ניט ארעולסקי: דער הידראמעטער איז געלעגנ מיטנ בויכ אפ די נאסע שליטקלעצלעכ פונעמ בריק, וואס האט זיכ געטראגנ אינ דער נאכט אריינ מיט דער געשווינדקייט פונ א קינדערש שליטעלע, און האט געזידלט אינ דער מאמענ אריינ אינ דער זייט פונ דעמ טאמ מקרטיטש. און ווארטאנענ האבנ פונ דער פינצטער אפגעענטפערט דעמ נאטשקאנצעס, זאכאר פעטראוויטשעס, פראסטפאלקישע ריידעלעכ.

— ס'איז ניט קיין קאָלבאס וועגט מען דיר, באָכערעצל. „קאָנטראָליר איבער“. באָטש דיר גלוסט זיך ניט, נאָר ס'איז געזאָגט זייער קלאָר: צוויי הונדערט פינף און צוואנציק.

זאכאר פעטראָוויטש איז צוגעגאנגען לאנגזאם, כאָטש געלאָפן איז ער אהער אָן אן אָטעם. פונקט אף אזויפיל, אף וויפל עס האָבן אויסגעזען ניט צופרידן און צערודערט די קאָמיוגיסטן, אף אזויפיל איז זאכאר פעטראָוויטש געווען צופרידן און בארויִקט. די ציפער האָט, אפאָנעם, פולקאָם איינגעאָרדנט דעם נאטשקאנץ. פריִער, אז ער איז געלאָפן אהער, האָט ער געהאט דערמאָנט דעם טייוול, ווען ער האָט דערזען די „געזעלשאפטלער“. גורגען און ווארטאנ—אין זעק, זייערע שאָטנס—צעשויבערטע פון ווינט,—„זע נאָר, וואָס פאר א אויסשפירערס ס'האָבן זיך געפונען“. נאָר זיין מארך, ווי אין שווערע מינוטן פון לעבן, האָט נאָך דעם אינדערפריִעדיקן שטילשטאנד איצט געארבעט בלענדנדיק, אין פולן גאנג: „ס'איז גאָר זייער וויל אפילע“—האָט ער באלד באגיטיקט זייער אָנוועזנהייט. אויסשפירער ניט אויסשפירער, אָבער איידעס אין דערדאָזיקער שווערער שאָ שאדט ניט צו האָבן. זאָלן זיי זיך קראצן! צוויי הונדערט פינף און צוואנציק—פונקט די ציפער, וואָס מ'דארף. ווארפ ארופ נאָך פינף מינוט.

— די וואסער וואקסט!—האָט ער א געשריי געטאָן, אָנבלאָזנדיק זיך אנטקעגן דעם ווינט און ארויסשפייענדיק פון מויל דעם רעגן,—שוין געוויס איבער צווייהונדערט מיט פופציק אריבערגעשטיגן.

נו, ווער וועמען וועט איבערזיצן! אָפּמעסטנדיק פון שפיץ קאָפּ ביז די פלודערן די צוויי אנשטילט געוואָרענע יאטלעך, האָט זאכאר פעטראָוויטש זיך איינגעמאָסטעט אף צו זיצן דאָ אין דעמדאָזיקן טייוולשן אָרט, ווו ס'האָט אפילע דעם געווינטן מקרטיטשן געהאָדעט פון שרעק. זעצן זיך, פארשטייט זיך, איז ניט געווען ווו, נאָר א קלוגער מענטש קען זיך שטעלן מיט פארשטאנד, פארשטעלט פון ווינט און פון רעגן און האָבנדיק, אגעוו, פאר זיך דעם גאנצן לאנדשאפט—ס'איז אויך ניט קיין אבי וואָס. ער איז שוין געשטאנען אין דער בעסטער נאָענטקייט צו דעם הידראָמעטרישן פאָסט, געהערט דורכן ווינט דאָס גלעקל און ארעולסקעס ברומען, און זערעכאגעוו האָט ער פארגעבן מקרטיטשן זייטיקע פראגעס, און גורגען מיט ווארטאנען, וואָס האָבן ניט געוואָלט זיך אונטערגעבן, האָבן ווייטער גענומען קריכן אפן בריק. דאָ, אין דער ווייט פון דעם הויפט־פראָנט, ווו עס שטייט איצט, נורענדיק זיך

פונ קעלט, דער באַצירק־אוילעמ, אונ אַזויווי אַ גרויע מויז, מיט אַנ אויפגעהויבענעמ קאָלנער אונ מיט די הענט אינ די קעשענעס, איז פאַרגליווערט געוואָרנ לעוואָנ דאַווידאָוויטש,— דאָ איז געווענ, דעמ עמעס זאָגנדיק, רויִקער, כאָטש דער סייכלדיקער, דער פונ אַ העכערנ קלאַס ענדגילטיקער קאַמפּ האָט זיכ געלייזט גראָד דאָ. „זיי האָבנ געמיינט, נאַראָנימ זיצנ... אונ נאָר, טראַכט עפּעס אויס!״ — האָט מיט דער גאַנצער קאַלטבלוטיקייַט, וואָס ס'האָט זיכ צו אימ אומגעקערט, געטראַכט דער נאַטשקאַנצ. דער געדאַנק וועגנ דעמ אומקומענדיקנ בריק האָט אימ מער ניט גערירט. דער בריק איז אומגעקומענ לויטנ געזעצ, אַפ דעמ סאַמע געזעצלעכסטנ גרונט אינ דער וועלט. ווירטשאַפטלעכ, מיט אַ שאַרפ אויג, אײַנקוקנדיק זיכ אינ דער פינצטער, האָט זאַכאַר פּעטראָוויטש דאָ אויכ ניט פאַרלאָרנ קיינ צײַט אומזיסט, נאָר האָט איבערגעקליבנ אינ קאָפּ די פאַרשיידנע גראַטעס פונ הויצאָעס אַפנ בריק: מאַטעריאַל — דאָס איז דאָס הויפּט־אַרטיקל, נאָר דער מאַטעריאַל וועט ניט פאַרפאַלנ ווערנ, מ'וועט צענעמענ אונ מ'וועט אַרויסכאַפּנ פונ וואַסער, — מיט איינ וואָרט, די זאַכ איז גאָרניט אַזוי שרעקלעכ. די זעקס כאַדאָשימ סיסטעמ פונ פאַרוואַלטונג אַפנ באַצירק האָט זיכ שוינ גאָרניט אַזוי דורכגעוואַלגערט אַפנ עקזאַמענ. זאַכאַר פּעטראָוויטש האָט מיט נעקאָמע־געפיל פאַרגעדענקט פאַר זיכ, ווער ס'האָט דעמ טאָג זיכ געפרייט אָדער געזידלט דעמ בריק, אונ האָט נאָכאַמאָל פאַר זיכ צוגעזאָגט אינ דער צוקונפט מיט אייניקע זייערע זיכ אָפּצורעכענענ. נאָר איבעריקנס האָט ער דעמדאָזיקנ קאָמפּליצירטנ בוקעט געדאַנקענ באַהאַלטנ ביז אַ צײַט פאַר זיכ.

5

אינ דער ערשטער מינוט האָט קיינער אַקוראַט ניט פאַרשטאַנענ זאַכאַר פּעטראָוויטשעס געשריי, מיט וועלכנ ער האָט זיכ געווענדעט צו וואָלאָדקע דעמ קאָנטאָרשטשיק: וואָס איז דאָ שײַעכ דער הידראָמעטער מיטנ זייגער? אַזוי פאַרשטייט מענ ניט דאָס דעליקאַטע אַרײַנקומענ אינ טיר אַרײַנ פונ אַנ אָנשטענדיקנ מענטשנ מיט אַנ אַרשינ אינ האַנט, וואָס טוט אַ פרעג מיט אַ ווונק פונ דער ברעמ אונ מיט אַ סוידעסדיקנ שעפּטשענ: „פונ דעמב צי פונ פאַניערע אינ דעמב־קאָליר?״, בעשאַס ס'ליגט נאָכ דער קראַנקער אינ בעט, אַרומגערינגלט מיט די קרויווימ;

ס׳איז נאָך געווען יענער איבערגאַנג־מאָמענט אין דער קרענק, ווען דו
ווייסט ניט וווהין נויגט ער, — קיין איין מענטש אינעם אוילעם, אויסער,
איבעריקנס, איין־איינציקן, — נאָר וועגן דעם שפּעטער, — האָט ניט כוי־
שעד געווען, אַז דער בריק קומט אום, שטאַרבט, אַז ער דערלעבט שוין
די לעצטע שאָ.

דער בריק איז געשטאַנען, ווי ער איז געשטאַנען פריִער, א מאָד־
נער, א אומבאַוועגלעכער, נאָר א פּולקאָם באַקענטער און ווי ניט קיין
געענדערטער אינעם אויסזען, מיט דעמזעלבן אויסדרוק פון גלייַכגילט־
טיקייט און אונטערטעניקייט. ער האָט ניט געאַרבעט. ניט דערפאַר,
וואָס די לעצטע זיינען איבער אים איבערגעגאַנגען דער שעף פון באַ־
צירק און דער ספּעציִאַליסט אַפּ בעטאָן, און ניט דערפאַר, וואָס פון
רעכטס און פון לינקס האָט א קייט פון לעבעדיקע מענטשישע הענט
אים ענדגילטיק אָפּגעצוימט פון טעטיקייט, ווי מ׳צוימט אָפּ אין א מוזיי־
מיט א מעטאַליש קייטעלע עפּעס א פּאָטער־שטול, וואָס איז געוואָרן
א דענקמאָל פאַר זיך אַליין און אן אָפּשפּעטונג איבער דעם זינען פון
דער אייגענער עקזיסטענץ, בא וועלכער מ׳האָט אָפּגענומען די מענטש־
לעכע אָנלאָדונג. ניין, דער בריק האָט „ניט געאַרבעט" אין דעם באַ־
זונדערן, ניט צו דערקלערנדיקן באַטייַט, וואָס ס׳האָט אַרייַנגעלייגט אין
די צוויי ווערטער דאָס רוסל, דער אַרבעטער. ער האָט ניט געגעבן
קיין ווידערשטאַנד. אין דער מאָלערישער פּאָזע איבער דער שלאָנגדי־
קער וואַסער איז דער בריק געהאַנגען אין טאָך נאָר ווי א מאַטעריעלע
מעניִע, וואָס מ׳האָט זי אוועקגעשטעלט פאַר א שפּיל, — און זייַנע ריאַזשן
האָבן דערמאָנט קעגליעס. דער ריאַזש, וואָס האָט לאַנגזאַם זיך צעשאָטן
אונטער די קלעפּ פון דער וואַסער, איז איצט געווען א זאַך פון אַל־
געמיינער אופמערקזאַמקייַט. ער איז ענלעך געווען אַפּ איינעם, וואָס
טרינקט זיך, וואָס די פיס זייַנע האַלט צו א הייַפּיש אָדער די טאַפּערס
פון א ספּרוט, — א קראַפּט, וואָס איז שטאַרקער פון אַלע זייַנע קרעפטן,
וואָס די האָפענונגסלאָזיקייַט אירע ווירקט אַפּן מענטשלעכן געדאַנק און
מאַכט אים דול, און א קעמפּער פאַרוואַנדלט זי אין א מאַניאַק, וואָס
שפּרינגט ווי א האַלעשקע אין מויל אַרייַן אַנטקעגן דעם אומקום, — אָט
פּונקט ווי אַזא איינער, וואָס טרינקט זיך, האָט זיך געשאָקלט דער ריאַזש
פאַר די צושויערס אויגן.

זייַן פאַרווטיילטקייַט האָט זיך קימאַט אָפּגערופן בא די מענטשן
אַפּ די ציין: מיט יעדן שטויס פון דער וואַסער האָבן די מענטשן אין

די געדאַנקען אים אויך געשטויסן, קעדיי ענדלעך אים צעשאָקלען און אײַנוואַלגערן אים, אַזוי־ווי דאָס וואָלט געווען ניט קיין ריאוש, נאָר א צאָן, וואָס מ׳רײַסט אים אַרויס. אַז ער האָט זיך א טוק געטאָן און זיך פלוצלינג אַרײַנגעצויגן אין דער שוואַרצער גלאַטער וואַסער, האָט זיך באַם אויבערשטן אַרויסגעריסן א זיפץ פון דערלײַכטערונג. נאָר אויפן בריק אַליין האָט זײַן אומקום אויך אָפּגערופן מיט עפּעס א פרייד און דערלײַכטערונג: ס׳האָט נאָך ניט באַוויזן צו אײַנפאַלן דער ריאוש, ווי ס׳האָבן געהינג און מאָמענטאַל, ווי ס׳וואָלטן זיך צעשאָטן מיט גרינגע ראַדיוסן פּאָכערס, צעפּענטע פון קינדערשע הענט, מיט א קנאַק פון אָנקומענדיקער באַפרײַונג איינס נאָכן אַנדערן זיך צעוויקלט פאַר די צושויער די געשעענישן: איבערן אײַנגעפאַלענעם ריאוש האָט דער בריק־אָנדעק פלוצלינג ווייך, מיט אַלע פונקטן פון דער ברוקירונג, געמאַכט א בייגל, זיך אַראָפּגעלאָזט מיט אַן אויסשטאַרץ, וואָס האָט דערמאָנט א פּאַנג מיט א הענטל אָדער די גרויסע בעריכע. און באַלד האָט די לענגערע טייל פונעם אָנדעק לאַנגזאַם, ווי די האָר אויף א קאַץ, אָנגעהויבן זיך אויפהייבן איבער די דרײַ גאַנץ געבליבענע ריאושן. נאָר די צעשטערונג האָט זיך בײַ דעם נאָך ניט אָפּגעשטעלט, כאָטש זי איז שוין געוואָרן אומבאַמערקט. זי איז איבערגעגאַנגען אין די אומבאַמערקטע באַוועגונגען פון די פערמעס, וואָס האָבן שטאַרצנדיק אַרויסגעשפּאַרט איבער דעם אויסגעבויגענעם אָנדעק, אין דער אָפּגעשוואַכטער פאַרלאָזנקײַט פון די ריאושן און אינעם צערוקן זיך פון באַלקנס און ברעטער, אין דער אומופהערלעכער צעלייגונג פון דער פאָרמע, אין איר צעפאַלן, אין דער פאַרקערטער אַרבעט, וואָס איז ענלעך אויף דעם, ווי אַן אָפּעראַטער דרייט אויף צוריק א פילמע. און דערפאַר, וואָס דידאָזיקע אַרבעט האָט דער בריק דורכגעמאַכט מער פלײַסיק און אָנשוילעך און, נאָך ריכטיקער, דערפאַר, וואָס דידאָזיקע אַרבעט האָט דער בריק אָן ספק יאָ דורכגעמאַכט, פונקט ווי ס׳איז קיין ספק ניט, אַז דער בריק האָט ניט דורכגעמאַכט די נייטיקע אַרבעט פון ווידערשטאַנד, — האָט דער בריק איצט אויסגעוויזן א סך שענער ווי פריער.

זײַן אומקום האָט אויף די מענטשן זיך אויך אָפּגעשפּיגלט קאַפּויער. פריער האָט מען געגלאָצט אין פולער אומבאַוועגלעכקײַט, פאַרלאָרן דעם ווילן צו טאָט, און איצט, דער ריאוש האָט נאָך ניט באַוויזן אָוועקצושווימען, זײַנען די אַרבעטער זעלבשטענדיק, ניט וואַרטנדיק אויף קיין באַפעל, אַוועקגעלאָפן ראַטעווען דעם מאַטעריאַל. אויף וויפל —

מאָדנע מענטשלעכע לאָגיק—קײנ אײנעמ פונ זײ האָט ניט באַנק געטאָנ דער בריק, אַפ אַזױפיל זײַנענ איצט געװענ אַלע האַסטיק פאַרזאָרגט מיט אַ ראַכמאָנעס צי די באַלקנס אונ צו די ברעטער.

דער דעסיאַטניק איז אַװעק צו סאַנ סאַניטשנ זיכ צונױפרעדנ װעגנ צענעמענ דעמ בריק. אַ פרײַװיליקער פונ די אַרבעטער האָט אַראָפגעװאָרפנ דאָס אָנטונ, האָט אינ דער פינצטער אַפנ ברעג זיכ אַ שפיגל געטאָנ מיט דער װײַסקײַט פונ זײַנ לײַב אונ האָט אַביסל אַפילע אַ שפרונג געטאָנ פאַרנ קריכנ אינ װאַסער אַרײַנ. פונױבנ האָבנ אימ אײַנשטעלערס, װאָס זײַנענ דורכגעקראָכנ ביז דעמ אױסשטאַרצ פונעמ בריק, אַראָפגעװאָרפנ אַנ עק פונ אַ קאַנאַט,—דאָס זײַנענ אַרבעטער מיט סאַקאָנע פאַרנ לעבנ, פרײלעכ אונ קימאַט מיט לידער,—אונ זײ װאָלטנ געװיס געזונגענ, װענ זײ װאָלטנ זיכ ניט געשעמט,—פרײַ, װי דידאָזיקע װאַסער, מיטאַמאָל קרעפטיק געװאָרנ, פרײלעכ פילנדיק זײער פיזישע קראַפט, װי אַפ אַ שפיל אָדער װי אַפ ספּאָרט געקראָכנ װאַלגערנ אונ צענעמענ פערמעס אונ אײַנבינדנ ברעטער אַפ ראַטעװענ די אומקומענדיקע טײל פונעמ בריק־אָנדעק. צוזאַמענ מיט זײ, מיט אַנ אופגעהױבענעמ קאָלנער, האָט דער אומגעזעענער לעװאָנ דאַװידאָװיטש, לױט דער שטימ אַזױװי גאָרנישט, אָנ פאַניק, אָנגעפירט מיטנ צענעמענ, אונ אינ דערזעלבער צײַט האָט דער אַלטינקער סאַנ סאַניטש, קרעכצנדיק פונ פאָדאַגרע, צעשטעלט איבערנ טײַכ פיקעטנ, קעדײ ניט דורכצולאָזנ דאָס געהילצ אַראָפ מיטנ שטראָמ.

פונקט אינ דערזעלבער מינוט האָט װאָלאָדיע דער מערינאָס דערמאַנט זאַכאַר פעטראָװיטשעס געשרײ װעגנ דעמ זײגער אונ דעמ הידראָמעטער. דאָס געשרײ האָט, איבעריקנס, זיכ דערמאַנט יעדערנ אײנציַטיק, פונקט װי ס'װאָלט טאַקע אינדערעמעסנ אַרײַנגעקומענ אינ טיר אַרײַנ, װי אַ מענטש פונ אָנשטענדיקער אױסערלעכקײַט מיט אַנ אַרשינדל אינ האַנט אינ מיט אַ פראַגע מיקױעכ זעמב אָדער פאַניערע אינ דעמב־קאָליר. אונ אינדערעמעסנ: װיפל־זשע האָט געהאַלטנ דער זײגער װענ ס'האָט אַראָפגעשװענקט דעמ ערשטנ ריאַזש? געשװינדער פונ אַ מױז אַ רוק געטאָנ די פינגער אונטערנ פידזשאַק, האָט װאָלאָדיע דער מערינאָס צוגעטראָגנ דעמ קײַלעכיקנ זײגער־ציפערבלאַט צו די אױגנ, אַרױסגײענדיק פריער אַהינ, װו ס'איז ליכטיקער. זײַנע פונ קעלט געשװאָלענע פינגער זײַנענ ניט געבליבנ אַפנ ציפערבלאַט גלײַכגילטיק. זיבנ אַזײגער פינפ אונ צװאַנציק

מינוט... רעכנ אָפּ פינפ מינוט אפ דעמ פאָרקענ זיכ, אפ שמועסנ אונ ענלעכס, איז איינעמ זיבנ מיט צוואנציק. וואָלאָדיעס גרויסער פינגער האָט צוגעדעקט דעמ מינוט־ווײַזער, ווי ער וואָלט א פליי געכאפּט, נאָר באַלד האָבנ שטימענ ארומ אונ ארומ באַוויזנ וואָלאָדיענ, אז דער נומער וועט ניט דורכגיינ, אז די ארומיקע זײַנענ אויכ פארינטערעסירט אינ דער פראגע אונ אז ארומ די פינפ וועט זיכ צעשפּילנ א דינגעניש, — אינ איינ רעגע, ווו פּולווער וואָלט אופגעריסנ געוואָרנ, האָט דער גאנצער אוילעמ צושויער, וואָס איז גלײַכגילטיק געווענ צומ אומקומ, ארויסגעוויזנ צו דער פראגע וועגנ צײַט, אזויווי די ארבעטער צומ ראטעווענ דעמ מאטעריאל, א ברענענדיקנ אינטערעס. שטייענדיק אינ צענטער פונ דער זיכ שפּארנדיקער קופּע מענטשנ, ווו צווישנ דעמ פרויענאוילעמ האָבנ שוינ אָנגעהויבנ איבערוועגנ מאנצבלענ, אונ די פרויענ, ניט אָנשטויסנדיק זיכ אינ וואָס באשטייט דאָ די שארפקײַט פונ דער פראגע, האָבנ זיכ אָפּגערוקט אינ א זײַט, — האָט וואָלאָדיע פארצווייפלט אונ מיטנ זייגער אינ דער האנט זשעסטיקולירט. די קריג איז געגאנ וועגנ פינפ מינוט. וואָס פאר א פינפ מינוט? דער אומקומ פונעמ בריק אונ אלצ, וואָס איז פאָרגעקומענ נאָכנ אומקומ, דארפ זיכ אויסרעכענענ מיט האלבע שאָענ, מאכ זיכ ניט טאמעוואטע, וואָלאָדקע! גראָד זיבנ אונ פינפ מינוט איז אומגעקומענ דער בריק. לאקכענ ניט אוועק פאר דער אדמיניסטראציע קיינ פינפ אונ צוואנציק מינוט, דו, האָזענע נעשאָמע, אונ לאקכענ יאָ אוועק, וועט אײַכ ניט העלפנ, ווײַל דײַנ געשעפט איז אפ קאפּאָרעס, קריכ אראָפּ פונ דער הייכ! די קאָמיוגיסטנ האָבנ לאכנדיק, אזוי ווײַט צופרידנ, אז זייער קאס האָט זיכ אפילע צוגעטעמפּט, געקוקט, שטופּנדיק וואָלאָדיענ, אפ זיינ קײַלעכיקנ רויטנ פרעכלעכנ פּאָנעמ מיט א קוטשערל אפנ שטערנ אונ אפ זײַנ אפנ זייגער ארופגעפליוכעטנ גרויסנ פינגער, — די קאָמיוגיסטנ זײַנענ געווענ זיכער, אז ס'איז געקומענ זייער צײַט.

נאָר וואָלאָדיע איז אויכ געווענ זיכער, אז קיינ שומ צײַט זייערע איז ניט געקומענ. דער בריק איז אומגעקומענ ווי ס'געהער צו זײַנ, אונ ער האָט ניט געקענט ניט אומקומענ לויטנ געזעצ. פּונקט אזויווי דער לערער זײַנער, דער נאטשקאנצ, האָט וואָלאָדיע דער קאָנטאָרשטשיק אינ פאראנטוואָרטלעכע מינוטנ געפילט אונ פארשטאנענ זאכנ פּונקט אזוי, ווי ס'האָט אומבאדינגט געדארפט זײַנ צומ הארצנ אונ לויטנ באגער פונ נאטשאלסטווע: „ס'וועט אײַכ באדאנקענ, אזוינע אונ אזוינע, די נאטשאלסטווע פארנ ארויסשפּרונג", — האָט ער געטראכט ניט אָנ

צופֿרידנקײַט אפֿן אדרעס פֿון די קאָמיוגיסטן. „ניט איר וועט דאָך ענטפֿערן פֿארן בריק?" כאָטש ניט לאנג נאָך איז געווען זײַן לערע, וואָלאָדיעס, באם נאטשקאנץ, נאָר די אומשטערבלעכע דאָגמאטן זאכאר פֿעטראָוויטשעס האָבן געלעבט, ווי א מין קאָנטאָרישע פֿאָרהאנאָכע, אײַנגעזויגן מיט דער טיי און בולקע פֿון קאנצעליאריע און ארײַנגעאָטעמט מיט דער לופֿט פֿון נאטשאלסטוועס שכײנעסדיקן צימער, וואָס האָט זיך ניט דורכגעלופֿטערט פֿון די צארישע צײַטן אָן,—דידאָזיקע אומשטערבלעכע דאָגמאטן האָבן איצט געמאכט וואָלאָדיען פֿון א נארישעוואטן פֿרעכן יינגל א מיטגליד פֿון א גרויסער קאָרפּאָראציע. ער האָט געוווסט, אז די רעוויזיע וועט אָנפֿאָרן, אומאנגענעמלעכקײַטן וועט זײַן אָן שיר, אומאנגענעמלעכקײַטן פֿארן כאווער מאנוק פֿאָקריקאָוו, און הינטער אים פֿאר א פֿערזאָן א העכער שטייענדיקער, און הינטער יענעם פֿאר א פֿערזאָן נאָך א העכער שטייענדיקער צום אלעם ערשטן, און אז אויב אפֿילע דידאָזיקע פֿערזאָנען וועלן מאכן אן אנדער אָנשטעל, וועט וואָלאָדיעס פֿלײַס צו פֿארלעשן אָדער ווייכער צו מאכן אומאנגענעמלעכקײַטן,—זיי זײַנען נאָר צום הארצן, ווײַל אזא איז דער טאָך פֿון יעדער מין דינסט.

די פֿרייד פֿון די מענטשן, וואָס האָבן זיך געשטופּט ארום וואָלאָדיען, איז געווען פּאָשעטער,—צוזאמען מיטן בריק האָבן זיי, ווי די מײַסע זאָל ניט זײַן, באקומען א געווער אין האנט. דער בריק האָט זיך דאָך, ווי די מײַסע זאָל ניט זײַן, דורכגעוואלגערט, זיך דורכגעוואלגערט דער בריק! אין ניט־ווילנדיקער פֿרייד האָבן זיי געהאלטן די קאָרטן מיטן קאָזיר ארויף. זייערע יונגע פּענעמער,—און געווען איז דאָ אלץ יוגנט: ארמענישע באָכערים פֿון מעכאנישן, קלוב־ארבעטער, מיטגלידער פֿון שיבקאָס ארטעל, מיטגלידער פֿון דער פֿײַערלעשער־קאָמאנדע,—זייערע יונגע פּענעמער האָבן לאכנדיק ניט באהאלטן קיין סוידעס: האָסטו דיר דעם קאָזיר! זיי האָט זיך די זאך אויסגעוויזן פּאָשעטער פֿון פּאָשעט: זעקס כאדאָשים פֿארשטאָפּן דאָס מויל אפֿן באצירק, צעטרײַבן די בעסטע געזעלשאפֿטלער, זעלבסטהערשונג מיצאד דעם דעספּאָטישן נאטשקאנץ, מעשוגאסן פֿון דעם פֿרעמדן און אין דער מערהײַט פֿארהאסטן אינזשענער לעוואָן דאווידאָוויטשן, זעקס כאדאָשים איזדעקעווען זיך איבער די שטימען פֿון ארבעטער, מענטשן דערפֿארענע, וואָס האָבן ניט איין בריק אפֿ זייער לעבן אויסגעבויט,—נאָר צוליב וואָס איבערעכענען? ס'איז גענוג צו זאָגן איינס: זעקס כאדאָשים אָן א פּראָדוציר־באראטונג! פֿאר זיי איז אויך דער בריק אומגע־

קומענ געזעצלעכ, ער האָט ניט געקענט ניט אומקומענ. נאָר דער געזעצ איז געווענ אינעמ ניט ריכטיק אוועקשטעלנ די ארבעט, ניט אינ דעמ געוויסער, ניט אינ דער ציפער פונ דעמ געוויסער, ניט אינ די איבעריקע פינפ אונ צוואנציק מינוט, כאָטש איצט האָבנ זיי אויכ, אזויווי וואָלאָדיע, זיכ אײַנגעקלאמערט אינ די פינפ אונ צוואנציק. ניט פאר אונ ניט נאָכנ אומקומ האָט דער, וואָס איז איצט געזעסנ אינדערהייכ אונ האָט סומירט די פאקטנ, דער, וואָס האָט ענדלעכ באקומענ דעמ קאָזיר אינ דער האנט, — זיכ ניט אראָפגעלאָזט אראָפ אונ איז ניט געווענ אפנ טײַכ, ווײַל ער האָט ניט געהאט קיינ פרײַע צײַט. נאָר גראָד פאר דעמדאָזיקנ מענטשנ, וואָס איז געוואָרנ דער פירער פונ דער אומצופרידנקײַט, וואָס איז באלעסטיקט געווענ מיטנ וואקסנדיקנ באגאזש פונ פאקטנ, האָבנ זיי איצט געדארפט אָפקעמפנ פינפ אונ צוואנציק מינוט, אָפשפאָרנ פינפ אונ צוואנציק מינוט, ברענגענ פינפ אונ צוואנציק מינוט, קעדיי צו געבנ אימ אינ די הענט ארײַנ נאָכ אנ איבערוואָג.

דער הויקער אגאבעק האָט געהאט יעדיִעס וועגנ די געשעענישנ אפנ טײַכ שיר ניט יעדער רעגע. ער איז געזעסנ אינ דעמ קליינעמ אָנגערויכערטנ צימער פונעמ אָרטקאָמ אונטער דעמ שמוציקנ גרינעמ אבאזשור פונעמ לאָמפ, ריכטיקער — ניט געזעסנ, נאָר געשטאנענ, אָנשפארנדיק זיכ אינ שטול מיט דער קני, אונ די אנדערע קני אָנ אופהער פארבויגנ אונ צעבויגנ אונטערנ טיש, אזויווי ער וואָלט זי געהאט פארזעסנ. אגאבעקס גרינ פאָנעמ מיט די פונ מידקײַט אָנגעבראקנעטע וויִעס איז, ניט קוקנדיק אפ די גוטע נײַעס, געווענ ווי ניט פריילעכ. ס'איז שוינ עטלעכע טעג, אז אגאבעק האָט געלעבט, אונ נאָכ מער האָט ער זיכ אײַנגעשמועסט, אז ער לעבט אינ א וואקסנדיקער אטמאָספער פונ אומקומ אונ פונ נאָענטער קאטאסטראָפע. דער געפיל פונ סאָפ איז געשטאנענ אינ דעמדאָזיקנ צימער צוזאמענ מיט דער אָפגעריסענער אונ דורכ קיינעמ ניט פאריכטער טיר, וואָס איז געשטאנענ צוגעשפארט צו דער אויסערלעכער וואנט, — טאָג אונ נאכט האָט אינ דער אָפענער טיר זיכ אָנגעגאָסנ קעלט, נעצ, ס'האָט זיכ אָנגעגאָסנ מענטשלעכע אומצופרידנקײַט, וואָס האָט געגנוואדזעט מיט נאסע פאָדעשוועס, געפלעקט מיט בלאָטע, מיט ליימ, מיט מיסט די שוינ אינגאנצנ ניט ארויסצוזעענדיקע ברעטער פונעמ דיל. דער געפיל איז ארײַנ אהער מיט די צעשטערטע טאקאָנעס פונעמ ארבעטס־טאָג, וואָס האָט זיכ פאר דעמ צימער ניט געענדיקט ניט צו מיטאָג אונ ניט צו אָוונט־

בּרויט, און דער סאָף איז געווען אזא, אז די אופראמערן האָט אויסגעמיטן דעמדאָזיקן צימער, רעכענענדיק דאָס אופראמען דאָ פאר אומנוצלעך און איבעריק! „וועסט אָפּוואשן, וואָדען, — האָט געשריִען מאריאנע די אופראמערן, — דו אַליין דארפסט באשיצן מײַנע ארבעט־אינטערעסן, אויב דו זיצסט אין די אָרטקאָמען!"

דעמדאָזיקן געפיל פון סאָף, וואָס האָט פארקלעמט און צונויפגעדריקט אגאבעקס געדאנקען און האנדלונגען, אזויווי ס׳דריקט זיך צונויף צום סאָף די באוועגונג וואָס לויט א פּאראבאָלע, — האָט די געבראכטע יעדיִע געדארפט ברענגען דעם לעצטן און אנטשיידנדיקן שטויס. אזוי האָט לעכאָלאפּאָכעס געטראכט דער פארסאָפּעטער גורגען, וואָס האָט זיך אליין געיאָגט פון אונטן אונטער דעם נאסן זאק פון רעגן, א רויטער פון לויפן, א צופרידענער מיט זײַן בירגערלעכער העלדישקײַט: ער איז דערזעסן ביזן פינאל, כאָטש ער איז ניט איבערגעזעסן דעם באטשקאנץ. ער האָט גענומען אונטערן נאָגל זייער פארשווערונג, ער האָט מיט ווארטאנען פּינקטלעך פארשריבן די ציפער, — זעקס פערציק האָט אראָפּגעטראָגן דעם ריאזש, און דענסטמאָל איז דאָס געוויסער געווען צוויי הונדערט קובאָמעטער... איבעריקנס, זײַנען גורגענס ציפערן געווען ניט שטארק פּינקטלעך, ווי אַלע איבעריקע ציפערן אין דעמדאָזיקן אָוונט. ריכטנדיק זיך צו באגעגענען א פולקאָמע צופרידנקײַט מיצאד אגאבעקן, האָט גורגען דערזען נאָר א ניט־פרײלעכן און מאָדנעם בליק פונעם הויקער, וואָס איז געווען אָנגעגאָסן מיט עפּעס מערערס איידער מידקײַט. אנטקעגן טיש, אויסקערעווענדיק צו אגאבעקן זײַן רײַנינקן און ווייניק אויסדריקלעכן פּראָפיל, איז איצט געזעסן דער סעקרעטאר פון קעמערל און האָט זיך געשפּילט מיט דעם ווירעלע, וואָס איז געווען אויסגעשמירט מיט טינט, דרייענדיק עס אזוי און אזוי און פּאטשנדיק מיט דעם איבערן דער קני. די עקן פונעם סעקרעטארס מאנטל, וואָס זײַנען אראָפּגעהאנגען ביזן דיל, זײַנען געווען אויסגעשמירט מיט ערד און מיט לײַם, באווײַזנדיק אַפ דעם סעקרעטארס ניט לאנגן ארומרײַזן איבער דעם אָרט פון דער ארבעט. אז גורגען האָט געענדיקט מיט א פארסאָפּעט קאָל צו ראפּאָרטירן, האָט דער סעקרעטאר, אַלץ נאָך אין פּראָפיל, ניט אופהייבנדיק די אויגן, שטיל געזאָגט, אנידערלייגנדיק דאָס ווירעלע צוריק אפן טיש:

— און דאָס איז נאָרמאל, וואָס די ארבעטער פרייען זיך מיטן אומקום פונעם בריק? ווי מיינסטו, אגאבעק?

קאפיטל XIII

די פאָרארבעט־פּארטיע

1

פערציק יאָר איז א שרעקלעכער עלטער. פון דער יוגנט, אראָפּ־וואַרפנדיק הינטער דער פּלייצע האנדלונגען און מייַסים, ווערטער און געדאנקען, טראכסטו, אז די צייַט—דאָרט, הינטער דער פּלייצע,—שלינגט זיי אייַן און ציט זיי אריַין, ווי די פארגעסונג אָדער ווי א ליידיק אָרט. נאָר צו פערציק יאָר דערפילט פּלוצלינג דער מענטש די הינטער זיך פארגעסענע פארגאנגענהייַט אין איר מאָדנער, זיך פארשטארקנדיקער קלאָמעריקער שטאנדהאפטיקייַט, אין דער פארשטיינערונג פון אלע אוועקגעגאנגענע און פארגעסענע, אומבאטראכט געטאָנענע און אפן ווינט ארויסגעזאָגטע ווערטער און מייַסים,—דאָס איז געקומען די צייַט פון „פארשטייַפונג", דער שרעקלעכער טערמין פון פארשטייַפונג פארן מענטשלעכן לעבן, ווי ער איז פאר בעטאָן,—און איצט איז שוין שפּעט. וועסט ניט צעשארן, וועסט ניט אָפּרייַסן, צוריק ניט נעמען דאָס, וואָס נעכטן איז נאָך געווען עלאסטיש, נאָכגיביק, גרייט צו פאָרמירונג: די צייַט—„דער צעמענטענער פאקטער"—האלט איצט די גאנצע פארגאנגענהייַט, יעדער קליינינקייַט אין פּראָצעס פון פארהארטעוועט ווערן—און זי איז איינגאנצן דאָ, און וויפל נידעריקייַט און פאלשקייַט, מאָרד פון נאָענטע מענטשן, אכזאָריעסן ניט צו פאריכטן, נידעריקע פּוסטקייַטן עס הייבט אָן טראָגן נאָך זיך דער שווער ווערנדיקער טראָט פון דעם מענטשן!

נאָר אויב מיר האָבן געארבעט אין לעבן, אויב מיר האָבן געשאפן אין דעם א זאך אָדער א פאָרמע, אָדער א באציִונג,—מיט דער אָנשטרענגונג פון דער האנט, וואָס איז געוואָרן קראנק, ניט־פילבאר פון מי, רעוומאטיש, פארגרעבט; מיט דער אָנשטרענגונג פון דעם מארך, וואָס איז געוואָרן בלוט־אָרעם, אָנגעזעטיקט מיט מידקייַט, וואָס האָט אָפּגעגעבן דעם גאנצן פאָספאָר זייַנעם און איז פארהארטעוועט געוואָרן

פון סקלעראָז; מיט דער אָנשטרענגונג פון געפיל, וואָס האָט געפונען אין דער נייטיקער צײַט א וואָרט און א בליק פון זעלבסטפאַרגעסונג, וואָס גייען אויס אין זאפטן פון גוטסקײַט און ליידן,—איז עס אלץ אַרײַנגעוואָרפן,—מעג זײַן, אז ס׳האָט אפילע קיינער ניט געוווסט און ניט געזען אײַער פּײַן און אײַער ארבעט,—אינעם מעכטיקן צעלאָז, ווו אלץ וועט פארשטײַפט און פארהארטעוועט ווערן אין דעם אומצעשטערלעכן בעטאָן פון דער פארגאנגענהײַט. דאן, שלעפנדיק זיך צו סאָף אָדער דערזיצנדיק דאָס לעבן אין פּאָטערשטול, וועט איר זקייניש זיך אָנשפּארן מיטן רוקן צו דערדאָזיקער פארגאנגענהײַט, ווי צו אן אָנלען און צו א מאָנומענט, און וועט צו זיך אליין א שמייכל טון. וויל אָפּגעלעבט!

קיין איינע פון די מיידלעך, וואָס זײַנען איצט געזעסן צוזאמען בא דעם לאנגן קלוב־טיש, איז נאָך איצט ניט געווען קיין פערציק יאָר, און קיין איינע האָט נאָך ניט געפילט דידאָזיקע ערשטע מינוטן פון פארשטײַפונג, נאָר אלע דרײַ האָבן געארבעט אפ אן עפּאָכע, ווען א מענטש איז גענומען ווי א רודע ערד אפ א לאָפּעטע אין זײַן העכסטער מאָס פון אָנשטרענגונג און ווען די אָנשטרענגונג, די מי ביז אײַנגעבראָכן צו ווערן, ביז אומקום, פארעכנט זיך דעם מענטשן פּאָשעט, ווי א נאָרמע,—אזוי ווײַט זײַנען זיי געוואָרן וואָכעדיק. בא מארדזשאנען, ווי בא איר מומען אנוש מאלכאזיאן, איז אויך געווען איר ארמיי,—דאָס איז געווען אן ארמיי פון מאָגערע און בלוט־אָרעמע פארוואלטערנס פון פרויען־אָפּטיילונגען, וואָס זײַנען געווען צעוואָרפן אין העקן און אין די ווילדסטע פונקטן פון ראיאָן. די מאָגערע מיידלעך האָבן אפ גיך געענדיקט אין שטאָט קורצטערמיניקע קורסן. זיי האָבן געטראָגן אין די העקן די שטאָטישע מעטאָדן פון ארבעט, וואָס מארדזשיק אליין האָט זיך זיי אײַנגעייגנט. דער מעטאָד האָט געפאָדערט בא זיי, ווי די וואסער פאָדערט בא א שווימער, אז ארײַנפאלנדיק אין א פרעמדער סטיכיע, זאָלן זיי זיך קענען האלטן אין איר, זיך אויסקעמפן א לאגע, באקומען שטימרעכט, און דאָס אלץ איז געווען געבויט אפ צוויי, דרײַ גרונט־פּרינציפּן, ווי די צוויי, דרײַ גרונט־זשעסטן בא א שווימער. שעצן דאָס דאָרף—דאָס איז געווען דער ערשטער פּרינציפּ, צווינגען מ׳זאָל דיך שעצן—דער צווייטער, און ביידע צוזאמען האָבן געפאָדערט בא די פרויען־פארוואלטערנס, אז די מאָגערע שטאָטישע פרוי, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אפ זיצן און כאזערן מיט פארשטעלטע אויערן

אונטער אַ לעמפּל פונ פינפ אונ צוואַנציק ליכט, — אַז די דאָזיקע דאַרע אָרעמענערנ מיט געשווינדע אײנגעלעכ, וואָס זיצנ נאָענט בײַ דעמ דינעמ, פונ בלוטאָרעמקײַט בלײַלעבנ נאָזבײנ, מיט אַ לאַנגער דינער נאָז אונ מיט אַ קעלעכל אַ הויכ, פונ דער געווינשאַפט צו האַלטנ רעדעס, מיט פאַרבנ, וואָס וואַרפט זיכ אינ די באַקנ, מיט דער מאַניר אָפּצו־פאָבענ זיכ דאָס פאָנעמ מיט אַ טיכעלע, — אַז זי זאָל קענענ דערזענ אינ דאָרפ געזעלשאַפט, אַרײַנגײנ אינ דאָרפ. ווי מ׳גײט אַרײַנ אינ געזעלשאַפט, ווי ס׳גײט אַרײַנ אַ מענטש פונ זײַנ קלאַס צו אַ מענטשנ פונ זײַנ קלאַס, אונ ניט מיט אַ טרעפּל אַראָפּ אונ ניט מיט אַ טרעפּל אַרופּ.

דאָס דאָרפ איז איצט געזעסנ פאַר זײ, — דאָס איז געווענ אַ דעלע־גאַטנ־פאַרזאַמלונג פונ לאַרישע פויערטעס. פרויענ פונ אַלערלײ עלטערס, זקײנעס, אַרומגעבונדענע, ווי מיט אַ מוילבאַנד, מיט אַ שמוציק טיכל פונ אויער צו אויער, — באַלעבאָסטעס מיט אַ רײעכ פונ אויוונ אונ זויערער מילכ פונ די פּאָלעס, מיט אַסאַכ פאַלדנ אויפ די קלײדלעכ, אַזוינע פאַרשמאַלצעוועטע אונ געדיכטע, אַז אינעמ פאַלנ פונ די פאַלדנ איז געווענ עפּעס שטײענדיקס, ווי אַ סקולפּטור; יונגע ווײַבלעכ מיט אַ פאַרויטלטקײַט, ווי מיט אַנגעריבענעמ ציגל אויפנ באַק, וואָס ווערט געדיכטער פונ יעדער וואָרט. די פויערטעס זײַנענ געזעסנ אויפגעהויבנ די פיס צו זיכ אויפנ באַנק אונ לאָזנדיק די טופליעס, זעלבסטגעמאַכטענ סאַנדאַליעס, גראָב אויפגעשטשאָבעטע טשוויאַקעס, ליגנ אויפנ דיל, — זײ זײַנענ נאָכ אַלץ ניט געווינט געווענ צו זיצנ, האַלטנדיק הענט אונ פיס אָנ אַרבעט, אונ אויפ די דעלעגאַטנ־פאַרזאַמלונגענ האָבנ זײ אָפּגערוט פונ די שיכ. די פרויענ האָבנ שוינ באַמערקט אויפ מאַרדושאַנענ יעדער קלײניקײַט פונ אירע מאַלבושימ, ווי זײ וואָלטנ אויכ באַמערקט די אָפּגעלאָזנקײַט פונ יענעמ שטאָטישנ גאַסט, וואָס וואָלט אינ דאָרפּ־שער שמוצ זיכ געפונענ אַ שוצ־קאָליר פאַר זײַנ אײגענער פוילקײַט אונ אומציפטיקײַט אונ וואָלט געטראַכט פאַר זיכ: „ניִשקאָשע, ס׳וועט אַזוי אויכ זײַנ גוט, דאָ איז ניט קײנ שטאָט”. אײנער פונ די ערשטע באַדינגונגענ צו „שעצנ דאָס דאָרפ” איז געווענ אויסגעפוצטקײַט. מאַרד־זשיק, ווי אויכ איר גאַנצע אַרמײ, פלעג קומענ אַהער אינ בלענדנדיקער רײנקײַט פונ בלוזקעס, מיט אַ בראָשקע אויפ דער בלוזע, אינ רײנע שטאָטישע טופליעס.

הײַנט, ווי ס׳איז געווענ צו זענ אויפ די פּנעמער, האָט זיכ אײַנ־געגעבנ אַ טאָג אַ באַזונדערער. די ריכטערנ אַרוסיאַק האָט מיט אַנ

אויסדרוק קימאַט פֿון עקל געשניצט אַפֿן טיש מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן קוּבּן און דריַיעקן, אַבי ווי ניט איז צו געבן אַן אַרויסגאַנג דער ריכטערישער ליבע אירער צו גריבלעניש און צו סימעטריע. די ריכטערן אַרוסיאַק איז אַריַינגעפֿאַלן אין ערן־פּרעזידיום אויך ניט אומזיסט,— דער טאָג האָט געפֿאָדערט אומגעוויינלעכע מאָסמיטלען און אַ פֿולן מענטשלעכן בעכער. מאַרדזשאַנע האָט ניט גאָר קיין רויִקע פֿאַרמאַכט די פֿאַרזאַמלונג, וויַיל די פֿויערטעס האָבן אומגעדולדיק געוואַרט אַפֿן סאָף. ווי נאָר ס'זיַינען געזאָגט געוואָרן די לעצטע ווערטער, איז מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן, אַז די זאַך איז ניט אין דער פֿאַרזאַמלונג, נאָר אין דעם, וואָס ס'וועט באַלד נאָך דער פֿאַרזאַמלונג גערעדט ווערן,— און פֿריִער פֿון אַלץ איז מיט אומגעוויינלעכער גיכקיַיט פֿון זאַל פֿאַרשוווּנדן געוואָרן די דריטע פֿון די מיידלעך, וואָס זיַינען געזעסן אין פּרעזידיום, די טשיגדימער פּרויען־פֿאַרוואַלטערן גינאָ. זי איז אויפֿגעשטאַנען און איז אַרויס צוזאַמען מיטן פּרעזידיום. נאָר דער שמאָלער דורכגאַנג, וואָס האָט זיך צעעפֿנט פֿאַר איר, האָט זיך באַלד הינטער איר צונויפֿגעשלאָסן. באַ דער סאַמע טיר האָבן זי אונטערגעכאַפּט אונטער די הענט צוויי קאָמיוגיסטקעס. פֿלוידערנדיק וועגן דעם און וועגן יענעם, האָבן זיי זי אַוועקגעפֿירט וואָס וויַיטער פֿון קלוב, און זיי האָבן זי איצט געהאַלטן אונטערן ראָג פֿוןביידע זיַיטן אונטער די הענט, ווי מ'פֿירט און מ'האַלט הינטער נאָך אַ מיטע דעם באַרמענענס אַ נאָענטע קרויווע. אַזאַ איז געווען דער אינגעוויניקסטער טאַקט פֿון דער געזעלשאַפֿט, ווו די פּרויען־פֿאַרוואַלטערן גינאָ האָט געלעבט און געאַרבעט העכער אַ יאָר. און ס'איז איר אויסגעצייכנט באַוווּסט געווען, צוליב וואָס דאָס טוט זיך. מיט אַ הויכער שטים האָט די פּרויען־פֿאַרוואַלטערן נערווייִש אונטערגעהאַלטן דעם שמועס אונטער דעם בליק פֿון די מיידלעך, וואָס האָבן קיַילעכדיק און מיטפֿילנדיק געגלאָצט אַף אירע פּיַיכטע און נייַגיריקע אויגן.

און אין זאַל איז זיך דערוויַיל דער איניִער געגאַנגען מיט זיַין וועג. אַרוסן און מאַרדזשאַנע, וואָס זיַינען געגאַנגען הינטער גינאָ, האָבן אין דורכגאַנג אַרומגעכאַפּט די קלאָמעריקע און ניט־פֿעסטע הענט פֿון די פֿויערטעס. די הענט, וואָס האָבן שוין לאַנג פֿאַרלוירן אין דער אַרבעט זייער פֿילבאַרקיַיט, זיַינען שערסטקע, צוהילף זייערע רייד, געגאַנגען איבער מאַרדזשאַנעס בלוזקע און איבער די קנעפּלעך, באַטאַפּנדיק יעדערן, ווי זיי וואָלטן יאַגעדעס געקליבן. די אויגן גערירט

פון טראָכאָמע און די מײַלער געווינטע צו מוילבאַנדן זײַנע געווען פײַכט, — די פויערטעס האָבן זיך געקלאָגט דער ריכטערן און מאַרדזשאַנען אַף די שלעכטע מײַסים פון דער פרויען־פאַרוואַלטערן. זיך אַראָפּגעלאָזט אַף אַ באַנק צווישן די פויערטעס, האָבן ביידע מיידלעך געהערט דאָס, וואָס איז זיי שוין לאַנג געווען באַוווּסט און וואָס וועגן דעם איז בא מאַרדזשאַנען אין קעשענע געלעגן אַ מעסירע, וואָס מ'האָט איר איבערגעשיקט פון ראַיאָן אין צענטער. די מעסירע, וואָס איז געווען אונטערגעשריבן פון אַ קאָמיוגיסט, האָט פונקט ווי די רייד פון די פויערטעס און ווי דידאָזיקע גאַנצע ווירקלעכקײַט פון עם גרויסן דאָרף טשיגדים ניט געהאַט קיין „יורידישן״ קאַזוס. קיינער האָט ניט געהעצט, ניט געהאַרגעט קיינעם, ניט פאַרגוואַלטיקט און ניט געפאָדערט קיין עלעמענטן, נאָר אַפילע מיט דער גאַנצער פײַנקײַט פון אירע טאַלאַנטן און מיט איר הויכער קוואַליפיקאַציע איז אַ סאָפעק, צי די ריכטערן אַרוסיאַק וואָלט מיטאַמאָל זיך פאַנאַנדערגעקליבן, וואָס דאַרף מען דאָ טון.

איצט האָט לעבן זיי מיט אופגעהויבענע צוויי ברוינע פינגער אַן אַלטע לאָריערן, דעם קאָמיוגיסטס מוטער, גיך־גיך גערעכנט אַף די פינגער דעם זונס עלטער. נאָך דעם זונס עלטער האָט זי לאַנגזאַם און באַדײַטנדיק אויסגערעכנט אַן אַנדער עלטער, — דער פרויען־פאַרוואַלטערנס עלטער. און נאָך דער מוטער, איבערבויגנדיק זיך צו איר, האָט דעם קאָמיוגיסטס יונגינקע שוועסטער געצויגן מאַרדזשאַנען פאַרן אַרבל: „האַגיק וועט פון עם דאָרף אַוועקגיין, אָט וואָס!״ און די פויערטעס, אָנגעשראָקן פון האַגיקס כאַרפע און טײַלנדיק דער מיידלס לײַדנשאַפטלעכקײַט, האָבן גענומען שאָקלען מיטן קאָפ צו מאַרדזשאַנען: איע, איע (יאָ, יאָ).

ווען אַרוס און מאַרדזשאַנע האָבן זיך ענדלעך אופגעהויבן, איז אַן זייער קערפער אַריבערגעגאַנגען די וואַרעמקײַט פון די פרויען, וואָס האָבן אַרומגעזעצט די באַנק, זייערע מאַלבושים האָבן זיך דורכגעזאַפט מיטן רייעך פון זויערער מילך און פון אויוון. קיין יורידישער קאַזוס איז דאָ ניט געווען, נאָר אַ סאָלדאַט פון דער נאָמענלאָזער אַרמיי פרויען־פאַרוואַלטערנס, אַ פאָשעטער סאָלדאַט פון דערדאָזיקער אַרמיי, ווו ס'האָבן זיך געבויט אַלע יאָר קאָלאָנקעס ציפערן, ווו ס'האָט זיך געזאַמלט דער שניט פון קרומע ליניעס און ווו דער וווּקס פון קרומע ליניעס הייבט דעם פּראָצענט פון פרויען־דעלעגאַטנס, פון פרויען־מיטגלידער פון די דאָרף־

ראטנ, פונ פרויענ, וואָס האָבנ זיכ באקענט מיט גראמאָטע, אונ די בוקעטנ פונ די קרומע ליניעס גייענ קאלטבלוטיק אינ צענטער, ניט זאָגנדיק גאָרנישט וועגנ אָנשטרענגונג, וועגנ באמיסטיקונג אונטער דעמ שניט, וועגנ פארלאָרענער מוטערלעכקייט, וועגנ פארווילדעוועטע פעלדי וועגנ באזעצ, וועגנ קרענק פונעמ אייערשטאָק, וועגנ הונדערטער שלאפקייטנ פונ די קליינינקע אונ מאָגערע פרויענ־פארוואלטערנס,— א סאָלדאט פונ דערדאָזיקער ארמיי האָט זיכ דערלויבט א פעלער.

פארלאָרענער אווטאָריטעט! מארדושאנע האָט געדארפט אופהייבנ דעמ פארלאָרענעמ אווטאָריטעט. ארויסגייענדיק מיט די פויערטעס פונעמ קלוב, האָבנ זיי ביידע באלד באמערקט גינאָ, וואָס איז געשטאנענ צווישנ ביידע קאָמיוגיסטקעס,— די פרויענ־פארוואלטערנ גינאָ האָט געשמייכלט צו זיי מיט א נעבעכדיקנ שמייכל, אנטפלעקנדיק צוויי קאליע ציינ. נאָר צוזאמענ מיט די פרויענ־פארוואלטערנס איז דאָ געווענ נאָכ עפעס: ארויסגייענדיק פונעמ פארשטיקטנ קלוב, ווו דער שטויב איז ווי א זײַל געשטאנענ אפ דער זונ, האָבנ זיי דערזענ דידאָזיקע ריינע זונ אינ איר גאנצער רומ, אָנ שטויב, אפנ דאָרפ־פלאצ. וויפל מאָל זעענ מענטשנ דעמ פרילינג אונ קענענ אלצ פאר זייער גאנצנ לעבנ זיכ ניט צוגעווינענ צו אימ! פרילינג איז געווענ אינעמ פעטנ גלאנצ פונ דער בלאָטע, איבערוועלכער עס זײַנענ מיט אונטערגעבויגענע לאפקעס, אָנגעפיקעוועט מיט פייגלשער ליבע אונ האלב־שיקער פונ ווארעמקײַט, ארומגעגאנגענ הינער; אינ די קערנדלעכ גערשטנ, וואָס האָבנ געגלאנצט אינ דער בלאָטע,— זיי האָבנ זיכ אָנגעגאָסנ, זײַנענ געלעגנ אונ געאָטעמט מיט לעבנ,— אָט, אָט וועלנ זיי דורכוואקסנ; אינ עמעצנס אנ אלטער אונ שמוציקער ראָד, וואָס איז געווענ פונדאָסניי ארויסגעשמירט אונ צוגעשפארט צומ טויער; אינ דער ווארעמקײַט פונ רעגנבויגנדיקע, אפ דער זונ פארשימלטע פאָמעביעס.

א קוימ באמערקטער מאליאריע־רייעכ פונ פרילינג האָט ארומגעכאפט דאָס גאנצע דאָרפ, האָט געמאכט לאנגזאמ מענטשלעכע טריט אונ צוגעזשמורעט זייערע אויגנ, אונ די קעפ, ווי מיט גלאָז אָנגעשלאָגנ, צעשפארט אונטער די היטלענ מיט פרילינגדיקער אונ גלעזערנער פארטויבטקײַט. דאָס גרויסע דאָרפ טשיגדימ, כאָטש עס האָט געצילט אפ א שטאָט מיט דער הויפט־גאס, מיט די צוויישטאָקיקע געבײַדעס, מיט א פאבריק, מיט קעזערײַענ, מיט פאריקמאכערסקעס, מיט אסאך שילדנ, מיט אנ אפטייק, מיט דעמ אײַנפאָר־הויפ, ווו איצט שטייט דאָס הויכע

אײַזערנע װעגעלע פּײַלאַקס, — האָט נאָך אַלץ פֿאַרהיט אױף זײַנע הינטערהױפֿן דעם גאַנצן סטיל פֿון אַן אָרעמען אַרמענישן דאָרף, װוּ אַזױװי מױלװורף־בערגלעך שטײען די װױנונגען, און דער רױך קריכט אַרױס פֿון אַ אומגעזעענער לאָך אין סטעליע, אַ מאָגערער און אַ פֿאַרװילדעװעטער, װי אַ קאָטער פֿון אַ בױדעם־פֿענצטער.

שױן אין דער ערשטער עפֿענונג פֿון דעם דאָרף־פּלאַץ, הינטער די צװײשטאָקיקע הײַזער, האָט מען געקענט דערזען אַ שטיק פֿון דעם־דאָזיקן אָרעמען דאָרף, אַ העלן אױף דער בלױקײַט פֿון הימל, און דאָרט איז אױך אױפֿגעשטאַנען דער פֿרילינג אין דעם צאַרטן רופֿנדיקן מעקען פֿון די מאַמעס־שאָף, װאָס האָט זיך דערטראָגן פֿון דער װײַטער פּאַשע צוזאַמען מיט אַ צעצױגענעם סקריפּ פֿון אַן אַרבע, מיט עמעצנס אומעטיקן און װײַטן געשרײ, אַן אױסגעצױגענעם װידערקאָל פֿון פֿרילינג, — באַ דעם פֿרילינג קענסטו הערן נאָר אַזױנע ניט־צונױפֿגעזונגענע און ניט־האַרמאָנישע קלאַנגען, װאָס רעגן דאָס בלוט און װאָס קײנער װײסט ניט, פֿונװאַנען זײ האָבן זיך גענומען!

די פֿרױען־פֿאַרװאַלטערן גינאָ איז װי אַ האָז פֿאַרלאָפֿן אַפֿריער פֿאַר מאַרדזשאַנען און פֿאַר דער ריכטערן אַרוסיאַק, האָט אַלע מינוט זיך אומגעקוקט אױף זײ מיט איר לאַנגן און ניט־נאַטירלעך אױפֿגעלעבטן פּאָנעם און האָט אװעקגעפֿירט איבער דעמדאָזיקן פֿרילינג און איבער דער בלאָטע בײדע מײדלעך צו זיך אין צימער, װאָס איז געװען אין דער שול־געבײַדע, װײַט אַראָפּ פֿונעם פּלאַץ, אױף דעם סאַמע עק דאָרף.

2

אױף דעמזעלבן עק דאָרף האָט דער אַלטער לאָריער אגאסי־[illegible]גא, לױט אַ באַקאַנטשאַפֿט, װאָס ער האָט פֿאַרבונדן נאָך פֿון פֿאַראַיאָרן זומער, אױפֿגענומען באַ זיך כאָשעװע געסט — גרישינען און אײַראַפּעטיאַנצן. גרישין און אײַראַפּעטיאַנץ האָבן פֿאַרבלאָנדזשעט אַהער איבער אַסאַך סיבעס, — ס׳האָט זײ דעריאָגט די יעדיע װעגן דעם אומקום פֿון בריק און װעגן דער מעגלעכקײַט פֿון אַ רעװיזיע, ס׳האָט זײ דעריאָגט אַפֿילע אַ צונױפֿגעקנײטשט יעדיע־צעטל, װאָס אַן אָרטיקער אַראַבניק האָט איבערגעגעבן אַרנאָ אַרעװױאַנען, נאָכדעם װי דער אַראַבניק האָט צעװיקלט אַ טוץ שמאַטקעלעך און האָט מיט נאַסע פֿינגער צװישן פּיאַטאַקלעך און גריװעניקעס אָנגעטאַפּט דאָס צעטל. מ׳האָט אַרױסגערופֿן אַרנאָ אַרע־

וויאנענ אינ טשיגדימער אוגראָזיסק. גרישינ האָט זיכ באַלד דערמאַנט אינ אגאַסי־אגנ, אונ קעדיי דער געלער זאָל אליינ ניט דאַרפנ גיינ אינ טשיגדימ, טיילוויַיז פונ נייַגיריקייַט,—וואָס קער עס דאָרט זייַנ,—טיילוויַיז אונ דעריקער פונ ניט וועלנ פאַרמישט זייַנ אינ דער רעוויזיע, האָבנ ביידע טעכניקער געפונענ פאַר בעסער אומצוקערנ זיכ אפנ באַצירק מיט אנ ארומיקנ וועג. זיי האָבנ געמאַכט א גרויסנ קרייַז, אונ איצט, אראָפּגעַנומענ אונ אוועקגעשטעלט די שטיוול זיכ טריקענענ באַמ אויוונ, זיצנ זיי אינ איינע שקאַרפּעטקעס אפ א טאַכטע בא אגאַסי־אגנ אינ דער אויבערשטער קאַמער פונ זייַנ גרויסנ הויז.

גרישינ, אייַדאַפּעטיאַנצ... נאָר פריִער: וואָס זייַנענ דאָס פאַר א מענטשנ, גרישינ אונ אייַדאַפּעטיאַנצ? אינ דער מישפּאָכע טעכניקער, וואָס האָבנ געלעבט פרייַנטלעכ, אויב ניט רעכענענ קליינע רייַבונגענ צווישנ זיי אונ ארעוולסקענ, האָט מענ גרישינענ געשעצט ווי אנ עלטסטנ. גרישינ, דער שעפ פונ דער פאָדאַרבעט־פּאַרטיע, האָט געקענט דידאָזיקע ערטער אפ אויסנווייניק, די פריִערשע הויפנ אונ די אומגעגנטנ האָט ער געדענקט פינקטלעכ, ער האָט געקענט געבנ אנ אינפאָרמאַציע ווו, בא וועמענ וואָס איז פאַראַנ, פונוואַנענ איז ראַיעלער צו נעמענ ארבעטער אָדער טאַרע, מיט וועמענ איז בעסער זיכ ניט צו פאַרבינדנ.

רעדנ האָט גרישינ גערעדט ווינציק, נאָר זייַנ קייַלעכדיקער שטערנ אונ דער קינבאַק, אנ אנטוויקלטער ווי בירורגישע אָפּצוועגעס, זייַנע באַקנ אריינגעצויגענע אינעווייניק אונ די פּוט ווינט אונ פונ געווינשאַפט צו פּייַפנ אופגעבלאָזענע ליפנ האָבנ ארויסבאַוויזנ סימאָנימ פונ כאַראַקטער. ער האָט זיכ אליינ גערופנ דער לעצטער פונ די פּאָראַרבעטער. דעמ קליינינקנ אייַדאַפּעטיאַנצנ מיט זייַנ אָפנאַרגדיק־אינטעליגענטישנ אויסזענ, מיטנ גאָלד פונ דער פלאָמבע אינ די ציינ אונ מיט די פענסנע אפ א שנירעלע, וואָס האָט געטרוימט זיכ צו לערנענ פאַר א אינזשענער, פלעג ער זאָגנ: „דו ביסט א טיפּשע‟. אונ אינדערעמעסנ, אויב מ׳זאָל קוקנ אינ וואָרצל, איז אז מע זאָל א אינזשענער א זוכ טונ, וואָלט מענ געפונענ, אפילע א גוטנ שלאָסער א זוכ טונ—וואָלט מענ געפונענ, אונ אנ עכטנ פּאָראַרבעטער—נישט! ס׳ענדיקט זיכ די פּראָפעסיע. א פּאָראַרבעטער, פונקט ווי א וואַלטאָרניסט אָדער א פלייטיסט, איז א דעפיציטע פּראָפעסיע. א שול,—אוא מינ שול, אז ס׳זאָל אויסקרמענ דאָס גאַנצע לאַנד אויסקריכנ, ארבעטנ מיט די בעסטע מייַסטערס פונעמ בוי־פאַכ באַמ דורכלייגנ גרויסע וועגנ אונטער מיליטערישער

אָדער דײַטשישער נאַטשאַלסטווע, ווי ס'איז געווענ נאָכ פאר דער רעוואָליוציע,—אזא מינ שול ווייסט ניט די יוגנט. אונ אנ אָרגאניזמ איז אויכ נייטיק פאר א פאָראַרבעטער, אָט ווי פאר א וואַלטאָרניסט לונגענ. גרישינ האָט זײַנ אָרגאניזמ געמאָסטנ אפ ליטערס. נאָכ א פלעשל קאָניאַק פלעג ער זיכ אונטערנעמענ אויסצוווּיזירנ וועלכע ליניע דו ווילסט—אונ. האָט ווּיזירט. דער דרײַפוס האָט געקענט פלאָנטערנ מיט די פיס, דעמ עקערס שוואַרצאַפּל האָט געקענט קאָסאָקע ווערנ, אונ ער, גרישינ, איז מיליטעריש געשטאַנענ פעסט אונ געקוקט פּערפּענדיקוליער. ביכלאַל, פאר דרײַסיק יאָר נעכטיקנ אונטערנ הימל, גיינ איבער זומפּנ, שפּרינגענ איבער פעלדזנ איז ער אינגאַנצנ נאָר איינמאָל קראַנק געווענ, אי דאָס, ווי ער האָט מיט קאָנפוז זיכ מודה געווענ, „ניט פונ יענער אָפּערע: מיט טריפּער".

באַ אגאַסי־אגנ איז געווענ א צווייִשטאָקיק הויז געדעקט מיט דאַכ־ציגל, אונ אונטנ אפ דער וועראַנדע, צווישנ קרומע אָפּגעטעסעוועטע סטויפּעס, וואָס האָבנ אונטערגעהאַלטנ דעמ קאַרניז פונעמ דאַכ, וועלכער איז ענלעכ געווענ אפ׳ א קאַנט פונ א היטל, האָט געלעבט זײַנ גאַנצע מישפּאָכע,—אגאַסי האָט געהאַט אכט ברידער מיט קינדער אונ מיט ווײַבער אונ זיבעצנ נעפּאַשעס זײַנ אייגענע מישפּאָכע. צווייענ פונ זיי האָט אגאַסי־אגא אײַנגעאָרדנט אפ ארבעט אפנ מיזינגעס נאָכ יענעמ זומער, ווענ ס'האָט באַ אימ געווּינט גרישינ אונ האָט אינעמ אויבערשטנ פאַראַדנעמ צימער אײַנגעאָרדנט די קאָנטאָר, אונ איצט האָט ער ניט אָנ קיינ באַהאַלטענעמ מיינ געוואָלט גוט אָנהאָדעווענ גרישינענ. מיט דעמ שאַרפנ אויג פונ א לאָריער, וואָס איז געווּינט צו דערקענענ זאַכנ אונ צו באַשטימענ פאר זיי א פּרײַז, האָט ער איצט פונ דער גאַנצער מישפּאָכע אָנגעצייכנט זײַנ פּלימעניצע, ווי ער וואָלט אָנגעצייכנט א שוואַרצע טעליצע אָדער א לאַנגפוסיקע הונ: פונ דער הינקענדיקער קארינע האָט געקענט ארויס א לײַט. שטייענדיק פּאַרטראַכט לעבנ דעמ ווײַב, וואָס האָט זיכ געפּאָרעט מיט ערשט געבוירענע לעמעלעכ, האָט אגאַסי געטראַכט, אז אזא דאַרפ מענ נאָר לאָזנ וועג, אונ דערנאָכ וועט זי שוינ אליינ אוועקגיינ. אפנ וואַנט איז געהאַנגענ א רייפ,—ער האָט געכאַפּט א קוק אפנ ענגנ שטייגער־לעבנ פונ דער וועראַנדע, וואָס איז געווענ אויסגעשטאַט, ווי א שיפ פאר ווײַטנ אונ אינ טאָכ טשערעפּאַכענעמ שווימענ, מיט פּעסלעכ, קיילים מיט שאַרפע דנאָענ, מעשענע קעסלענ אפ קאָכנ, מיט שטריק פונ וואַנט צו וואַנט, מיט טרוקענע צווײַגנ, מיט

קרענץ ציבעלע און דויטן פעפער, מיט א בײַטש פון אָרטיקער אויסאַרבעטונג — פון א פיסל פון א דזשייראַן, מיט פאַרב־מאַכשירים, מיט אן אָנגעהויבענעם גראָבלעכן טעפּיך אויף אן אָנגעצויגענער ראַם, און אין ווינקל אויף הײַ אן ערשט־געבוירענע מישפּאָכע לעמעלעך, — צו ענג איז געווען דער הויף פאַר דער פלימעניצע! זײַן אַלטע, אן אָדערדיקע און נאָך ניט אויסגעקינדלטע, האָט זיך אָנגעבויגן און אויפגעהויבן דעם אונטן. מיט הונדערטער אַראָפּהענגענדיקע פעלדעלעך האָט זיך אויסגעלייגט דער שטאָף, וואָס איז געווען פעט פון שמוץ און שווייס, נאָר צווישן די פעלדעלעך אין דער ליניע פון די היפטן און פון די אויסגעהאָרעוועטע פיס, וואָס זײַנען געשטאַנען אונטערטעניק און מאָנומענטאַל, איז געווען א שרעקנדיקע ענלעכקײַט מיט דעם מוטער'לעכן אונטן פון א שאָף.

די אַלטע האָט זיך אויסגעגלײַכט, האַלטנדיק פאַר די פיס צוויי לעמעלעך, — זייער וואָל איז נאָך נאַס פון די ניט־אויסגעטרוקנטע געבירט־וואַסערן און זייערע מאָגערע, פײַכטע קרײַזלדיקע קערפּערלעך וועלן זיך שלעפן מיטן קאָפּ אַראָפּ, — פּונקט ווי א בילדל פון דער ביבל, — ווען די אַלטע וועט זיי אוועקטראָגן אונטערצולייגן אונטער דער מוטער, וואָס מעקעט דריבנע און צאַרט פון דער פּאַשע. מעגלעך, אז עמעצן דאָרט א ספּעציאַליסט אויף כומעש־מײַסעס געפעלט אָט דאָס אַלץ, נאָר אגאַסי־אגא האָט פײַנט געהאַט דאָס פויערשע לעבן, ווי צענדליקער ענלעכע צו אים, און ווען אין דער מינוט וואָלט מען אגאַסי־אגאן איבערגעלייענט די באַרימטע ווערטער פונעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", וואָלט ער, שטופּנדיק די הענט אין קעשענע נאָך די ברילן, געזאָגט: „ווײַז, כ'וועל זיך אונטערשרײַבן!"

אין דעם אויבערשטן ניט־באַוווינטן צימער, וווּ די פענצטער האָבן זיך ניט געעפנט ניט ווינטער, ניט זומער — איבער פליגן — און פאַרבײַ די ווענט אויף הילצערנע טאַכטעס זײַנען געלעגן און געהאַנגען פּאַלאַסן, וווּ דער דיל האָט געסקריפּעט אונטער די פיס און פליי האָבן געטאַנצט איבער די טאַבורעטקעס, — איז שוין אַלץ געווען צוגעגרייט פאַר די געסט. שאָפן־קעז און גרויסע שטיקער אָנגעשניטענע ציבעלעס אויף ליימענע טעלער, גלעזער פון פאַרשיידענע פאָרמעס מיט הערעלעך פונעם האַנטעך אויפן טריבן גלאָז, טונקעלער מיט וואַסער באַשפּריצטער לאַוואַש אויף דער האַלב מיט זאַמד...

אגאַסיס טאָכטער וואַרדוש, מיט פאַרדראָס אין אירע קײַלעכדיקע, אויסגעלופּעטע, פאַרשמאַכטע אויגן, האָט שטאַרקער ווי שטענדיק

געקלאפט מיט די טעלער. פארנאכט וועלנ די אויסגעלופעטע אויגנ זיכ אָנגיסנ מיט טרערנ, אונ אינ די טרערנ וועט אָפגיינ ווארדושס פארדראָס. נאָר הייַנט ווארפט זי זיכ מיט די טעלער, הייַנט וועט זי, ניט אָנ דער מוטערס פארבאָרגענעמ מיטגעפיל, אָפענטפערנ דעמ פאָטער מיט א דינעמ אונ אופנעהויבענעמ קאָל, מיט וועלכנ עס בילט אנ אנדערש מאָל א באליידיקטער הונט. דאָס אייגנ בלוט האָט זיכ נויקעמ געווענ אינ פאָטער פאר זייַנע פארבאָרגענע געדאנקענ,—פאר קיינעמ אינ שטוב איז קיינ סאָד ניט געווענ דעמ אלטנס פלענער מיקויעכ קארינענ,—די הינקענדיקע קארינע זיצט אויכ איצט אינ קלוב מיט א קעמעלע אינ די האָר, אונ זי, ווארדוש, צערייַסט זיכ צוליב איר.

מ'זאָל אויסוואשנ אָדער מיט א פייַכטנ האנטעכ אויסווישנ די פענצטער, וואָלט אינ זיי אויכ 'ארייַנגעקוקט דער פרילינג, וואָס האָט זיכ געריסנ אינדרויסנ אינעמ צעצויגענעמ האָנענ־קריי; נאָר דעמ פרילינג איז געווענ שווער זיכ צו ראנגלענ מיט דעמ קאלעמוטנעמ היימישנ לאָרישנ בראָנפנ, שווער זיכ צו ראנגלענ מיט אגאסי־אגעס העלנ פליכ אינ טראָפנדלעכ שוויס,—א שטארק געדיכטע יויכ פונ שאָפנ־פלייש איז צעגאָסנ אינ בלויע טעלער, דער רייעכ פונ קנאָבל הייבט זיכ אינ דער פארע, רייצנדיק דעמ אפעטיט. נאָכ א קעלישעקל קריכנ די פינגער נאָכ א ווייכ שטיקעלע קעז, פונ וועלכנ עס שיטנ זיכ ברעקעלעכ אפנ סערוועט, די ציינ קייַענ לאנגזאמ, די געדאנקענ קריכנ נאָכ לאנגזאמער. אגאסי־אגא איז א גוטער באלעבאָס, וואָס האָט אויסגעזענ א וועלט! ווי אלע לאָריער, קענ ער זייַנ קאנט. זאָלסט אימ פונ שלאָפ אופוועקנ, וואָלט ער אויסגערעכנט בא די נעמענ אלע בארימטע לאָריער, ווו ווער ס'איז געבוירנ געוואָרנ, פונ וועלכנ דאָרפ איז ער ארויס,—איבעריקנס, ווייסט ער ניט נאָר דאָס. מיט דער כיטרעקייַט פונ אנ עמעסנ לאָריער ווייסט ער די צייַט, ווענ דער גאסט וועט, ניט רעדנדיק קיינ וואָרט, דאָס דריטע מאָל דערלאנגענ זייַנ ליידיקנ טעלער, אונ דעמ גאסטס פינגער גייענ שוינ ניט אינ דער האפסאָקע נאָכ ציבעלע, נאָר נאָכ א צעצויגענעמ אייַנאָטעמ אונ אויסאָטעמ טאפנ זיי די ברוסט, צי איז דאָ אגעוו דער טוטינ צי די ציגארנ־פושקע, אונ ניט געפינענדיק, הייבנ זיי אָנ לויפנ איבער די הויזנ־קעשענעס. דידאָזיקע מינוט, וואָס איז באשאפנ געוואָרנ פארנ רויִקסטנ אָפכאפנ דעמ אָטעמ, האָבנ אנדערע ליב צו פארברענגענ פארטיפט אינ זיכ, קעדיי צו לאָזנ דער שפייַז זיכ אָפצורוענ, אונ זיי קאָרפענ אינ די ציינ לענגער ווי מ'באדארפ מיט א שוועבעלע,

און אפּ קיינ פראגע ענטפערנ זיי ניט. א ווייניקער געניטער מענטש וועט אומבאַדינגט זיך באַנארישנ אינ אזא מינוט, וועט ארויסווײַזנ איידלקײַט, וועט וואַרטנ ביז דער גאסט וועט אָפּעסנ דאָס דריטע, — נאָר דער עמעסער לאָריער אגאסי־אגא האָט גוט געוווּסט: אז דו וועסט דורכלאָזנ, וועסטו צוריק שוינ ניט כאַפּנ. נאָכ דעמ דריטנ וועט דער גאסט ווערנ אָפּגעשוואַכט און פארגליוועט, כאָטש ער וועט נאָכ פארזוכנ אַנדערע געריכטנ, וואָס מ׳וועט דערלאַנגענ נאָכ דער יויכ: א צעקאָכטנ שאָפּנ־קאָפּ, שטיקעלעכ דריבנע געבראָטענע שאָפּנ־פלייש אָדער א ריזיקע שיסל מאצונ, צו וועלכער וואַרדוש וועט צוריקנ בורשטינענעמ לאָרישנ האָניק; סײַווי וועט שוינ דער איניענ זיך צעציִענ מיט נאָכמיטאָגדיקער וויכקײַט פונ קישנס, וואָס מ׳וועט ארויסנעמענ פונ קאסטנ, מיט דעמ באַלעבאָס קאָלדרע, וואָס מ׳וועט ברענגענ פונ אונטנ ארופּ. אָט פארוואָס, ווי נאָר וואַרדוש האָט, קלאַפּנדיק שטאַרקער ווי שטענדיק מיטנ געפּעס, דאָס דריטע מאָל געגומענ באַ גרישינענ דעמ טעלער, האָט אגאסי־אגא פארפירט א שמועס, וואָס און וויאַזוי איז אַפּ דער בויונג און צי איז ניטאָ קיינ באַדערפעניש — די ארעבניקעס האָבנ גערעדט דערפונ — אינ א יונגנ שטארק פּעיִקנ און צו גראַמאָטע דאָרשטיקנ מענטשנ.

גרישינ האָט ניט מיטאמאָל געענטפערט דעמ באַלעבאָס. ער האָט מיט פארגעניגנ געהערט, ווי ס׳בורטשעט באַ אימ אינ בויכ די שפּײַז. איבערופנדיק זיך מיט די לעצטע קויכעס, האָבנ אינ דרויסנ זיך געריסנ די פריליִנגדיקע הענער. וואַרדוש האָט פארסאָפּעט געטראָגנ פונ די טרעפּ דעמ דריטנ טעלער, א פולנ מיט אנ אויג. דאָס אלצ איז געווענ גוט.

— אַפּ דער בויונג איז דער מאָמענט נישט קיינ פאסיקער, ס׳איז א רעוויזיע, — האָט ענדלעכ געענטפערט גרישינ, אופהייבנדיק פולבאַדײַטנדיק זײַנ ברעמ איבערנ טעלער, — אָט נאָכ דער רעוויזיע, גוטער־ברודער, איז גאָר אנ אנדער זאכ, נאָכ דער רעוויזיע, גוטער־ברודער, וועלנ מיר ניט איינ מענטשנ דארפנ.

דער געדאַנק וועגנ דער רעוויזיע האָט אימ דערמאָנט וועגנ געלג. שוינ עפּעס אַפּ צו לאַנג איז פארפאלנ געוואָרנ דער געלער! און אז ס׳הייבט זיך אָנ אזא מינ שמועס, געפינט מיר אזא מענטשנ אינ דער געזעלשאפט, וואָס זאָל זיך ניט דערמאנענ אינ עפּעס, וואָס איז ענלעכ צו דעמ פאל. אראָפּגעלאָזט די שטימ, א קוק געגעבנ אַפּ דער טיר, האָט דער אלטער אגאסי מיטגעטיילט דעמ טעכניקער וועגנ די אָרטיקע

טשיגדימער נײַס: אין טשיגדים איז בא זיי אומרויִק געוואָרן,—ערשט די טעג האָט מען ארעסטירט צוויי פאריקמאכערס, אָט אזוי ארעסטירט: גענומען זיי באנאכט, און אינדערפרי, טוסט א קוק, ערשט ס'איז פארשטעמפּלט די טיר אין פאריקמאכערסקע און ס'הענגט א שלאָס. אָט אזוי, ס'הענגט א שלאָס!

—פאריקמאכערס?—האָט זיך פארכידעשט גרישין, זופנדיק די יויך.

3

ווו־זשע איז געווען און וואָס האָט געטאָן דער געלער? צי האָט ער געוווּסט, וואָס ס'האָט זיך גערעדט וועגן אים אפן באצירק? צי האָט לויטן זיכערן סימען, זיך אים געשלוקערצט פון קלאוואָטשקעס לאָשנהאָרע? דער דאָקומענט, וואָס קלאוואָטשקע האָט מיט איר האנט גענומען און וווהינ מ'דארף אוועקגעטראָגן, איז איצט געלעגן פאר אים אפן טיש פון אוגראָזיסק, ווו ער איז געזעסן אנטקעגן א צערודערטן באָכער אין ברילן. דער געלער איז נאָר־וואָס אנשוויגן געוואָרן, און אין צימער האָט נאָך געקלונגען דאָס ווידערקאָל פון זײַן יוגנטלעכער שטים, ס'איז נאָך געשטאנען דער צויבער פונעם געלנס פארקלערטע הענט, וואָס האָבן געמישט דעם דאָקומענט, און פון די צעבראָכענע אופמערקזאמע גלעזלעך, וואָס ער האָט אופגעהויבן פונעם דאָקומענט אפן צערודערטן באָכער. דער געלער איז היימלעך געזעסן אפן שטול ווי בא זיך אינדערהיים, און ווען ניט די צונויפגעקלעמטע דינע ליפּן, וואָס האָבן איידעס געזאָגט, אז ס'איז אים א ביזויען,—דעם געלן איז ניט פאר זיך געווען א ביזויען,—און ווען ניט דער זשעסט, מיט וועלכן ער האָט איבערגעמישט און אָפּגערוקט פון זיך דעם בויגן פאפיר מיט דעם נאטשקאנצס גרויסן און זייער באנאלן קסאוו, וואָס איז אים גוט באקאנט געווען, וואָלט מען געקענט מיינען, אז דער געלער איז זייער צופרידן און ער וועט באלד טרינקען טיי. נאָר אין דעם אנשטאלט, ווו ער איז איצט געזעסן, איז ניט געקראָכן אין קאָפּ קיין טיי, דער צערודערטער באָכער האָט די גאנצע צײַט געדרייט א פאפיראָס אין האנט און האָט אים פאָרט ניט פארויכערט, ביז ער האָט געשטעלט דאָס לעצטע אָס, טונקענדיק אָפּט די פּען אין טינטער. ניט קיין טיי און ניט קיין אָפּשטעלצייכנס זײַנען ניט געקראָכן דעם באָכער אין קאָפּ ארײַן, און דער אופמערקזאמער געלער האָט לאנגזאם איבערגעלייענט אלץ, וואָס דער

באָכער אין ברילן האָט פאַרשריבן אַף אַרמעניש פון זײַן מויל, און האָט ווו מ׳דאַרף געשטעלט אַ פונקט, וווּ מ׳דאַרף אַ קאָמע, האָט נאָכאַמאָל איבערגעלייענט, פאַרזשמורעט די אויגן און זיך אונטערגעשריבן.

— איר ווילט באַקומען די זאַכן? — האָט געפרעגט דער באָכער.

אַף די שטולן זײַנען געווען צעלייגט: אַ גרויער פּידזשאַק, אַן אַלפּיניש שטעקל, אַ לעדערנער דײַטשישער פּאָרטמאָנע מיט אַ מאָנאָגראַם, צוויי־דרײַ דײַטשישע ביכער, אַ געאַרבעטער קאַשנע. אָפּגענוצט און פּײַנטלעך האָבן די זאַכן געקוקט פון די שטולן, ווי זיי וואָלטן פאַר אַ האַלב יאָר אָנגענומענע פרעמד לעבן, — אַזוי קוקט אַ געכאַפּטער הונט, וואָס איז ווילד געוואָרן און האָט זיך אָפּגעוווינט פון עם באַלעבאָס.

— איר ווייסט וואָס? איך וועל ניט נעמען די זאַכן. גיט זיי אָפּ די אײדעס.

ער איז אַרויס אַפן גאַנעק פונעם אַנשטאַלט, האַלטנדיק אין האַנט זײַן היטל. דער, וואָס וואָלט איצט געוואָרפן אַ קוק אַפן געלן, ווי ער שטייט אַזוי קרעפּטיק פאַרקלעמט די ליפּן, אויפגעהויבן אַרויף דעם האַרטן, בוילעט געצייכנטן קין און קוקט פאַרקלערט פאַר זיך, אײדער ער מאַכט אַ טריט פון די טרעפּ, און די זון שײַנט אין דעם רויטן גאָלד פון זײַנע קרײַזלדיקע, ווייכע און ווי שפּינוועבס דינע האָר, — דער, וואָס וואָלט אין דעם מאָמענט דערזען דעם געלן, וואָלט אים מינאַסטאַם אין קאָפּ ניט געקומען צו כידעשן זיך אָדער אַפילע פּאָשעט צו באַמערקן, ווי מאָדנע דערדאָזיקער פאַרטראַכטער מענטש איז אָנגעטאָן. ניט די בופלאַקסענע סאַנדאַליעס, ניט די דאַמען־אַמאַזאָנקע, מיט די פעלדעלעך אַף די היפּטן, ניט די הוילע ברוסט אונטער דער צעריסענער, שוין ניט גאָר רײנער העמד וואָלט דער צושויער ניט באַמערקט, פונקט ווי דער געלער האָט זיי ניט באַמערקט אַף זיך. ער איז געשטאַנען אַביסל און האָט זיך געלאָזט גיין. ער איז געגאַנגען אַ קוק טון אין דער שול־סטאַניע, וווּ ער האָט געלאָזן די וויזירשטאַנגען און דעם טעאָדאָליט. סטאַרענדיק זיך פעסט צו פאַרגעסן, וואָס מיט אים האָט זיך געטראָפן, האָט דער געלער זיך אַרײַנגעלאָזט אין געדאַנקען וועגן זײַן נײַעם פאַך, — פאַר די פינף טעג האָט ער זיך צוגעוווינט צו גרישינען און צו אײַראַפּעטיאַנצן, זיך צער־געווינט צו די אינסטרומענטן, די מענטשן זײַנען געווען פּראָסטע און פאַרגרעבטע, אָן פּסיכאָלאָגישע פײַנקייטן. אַפילע אײַראַפּעטיאַנצס מאָגערער גוף, אַז מ׳זאָל קוקן אַף אים ניט פונפאָרנט, נאָר אין רוקן, איז

געווען אַ פֿאַרגרעבטער גוף, וואָס האָט גענוג איבערגעהאַט אָפּ זיך, וואָס האָט געטראָגן לאַסטן, — זײַנע פֿיס אין די שטיוול זײַנען געגאַן אונטער אַ טעמפּן ווינקל, קאַטשענדיק זיך, ווי ס׳גייט אַ מענטש, וואָס איז נאָענט צו דער נאַטור, וואָס איז צוגעוווינט, אויב ס׳קריכט אַרויס אַ הויז פֿונעם שטיוול, זאָל ער אים אײַן גאַנג אַ שטעק טון צוריק אָדער פֿאַרשטופּן אין כאָליעווע אַ פּעקל פּאַפּיראָס־פּאַפּיר. די מענטשן זײַנען געווען פּראָסט און פֿאַרגרעבט, און נאָך פּראָסטער זײַנען געווען די אינסטרומענטן. מ׳האָט זיי געקענט טראָגן אין אַ זאַק, מ׳האָט מיט זיי ניט געמאַכט קיין גרויסע צערעמאָניעס אין וועג, און דער וועג אַליין איז אָט דאָ און אָט דאָרט געווען אַרומגעשטעקט מיט פּראָסטע און גראָבע שפּורן פֿון זייער פּראָפֿעסיע. אָפּ אַ בערגל האָט איינזאַם געסטאַרטשעט אַ ווײַזירשטאַנג. פֿון אים, אַראָפּלויפֿנדיק צום טאָל מיט יענער פּראָסטקײַט פֿון אַריפֿמעטיק, מיט וועלכער ס׳גייט טרינקען אַ בײַע אומבאַדינגט צום נידעראָרט און מיט וועלכער ס׳גייט מעסטן דער פּאָראַרבעטער, אויך ווי צום וואַסער, האַלטנדיק די ריכטונג צום נידעראָרט, — זײַנען געשטאַנען אַנדערע דינע סילועטן, וואָס האָבן דערמאָנט, אַז דאָס אָרט איז אויסגעפּאָרשט און אויסגעמאָסטן. אין דערדאָזיקער פּאָשעטקײַט פֿון דער פּראָפֿעסיע און פֿון די מענטשן איז געווען עפּעס באַרויִקנדיקס. די לעצטע צײַט האָט דער באַצירק — דער געלער צוזאַמען מיטן באַצירק — געלעבט מיט אַן אומגעזונט לעבן, און אַרום און אַרום, לויט דעם נאַטשקאַנצס טערמינאָלאָגיע, האָט זיך „אַזוינס פֿאַרדרייט“, אַז ס׳האָט זיך אַרנאָ אַרעוויאַנען אויסגעוויזן פֿאַר אַ גליק אַרויסצורײַסן זיך מיטן קאָפּ פֿון דער קאָמפּליצירטקײַט, זיך אָפּגעבן דער פּאָשעטקײַט און דער אַרכאַיִשקײַט פֿון דער זייער אַלטער, מעגלעך אַן־אַלטסטער פּראָפֿעסיע און זײַן מיט די ניט־איבערגעשפּיצטע און פּאָשעטע מײַסטערס פֿון דערדאָזיקער אַרבעט. אַרנאָ אַרעוויאַן איז אין טאָג געווען אַ מענטש אַ נערוועזער, כאָטש זייער ווינציק מענטשן האָבן דאָס באַמערקט אָפּ אים.

צוריק אָפּן באַצירק האָט זיך אים ניט געגלוסט, — באַגעגענען דעם נאַטשקאַנצ אָדער, ריכטיקער, לאָזן דעמדאָזיקן מענטשן יענער זאָל אים באַגעגענען — איז פֿאַר דעם געלן געווען, ווי ער האָט עס באַשיידן באַשטימט פֿאַר זיך, „ניט זייער באַקוועם“. אונטערפֿײַפֿנדיק, קעדיי ענדגילטיק צו פֿאַריאָגן דעם בײַטאַם פֿון דעם נאַטשקאַנצ, איז ער צוגעגאַן צו דער סטאַניע. דער קליינער שולהויף, וווּ זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט,

איז געווען פארלאָזט, נאָר אפילע אינ הערדאָזיקער פארלאָזנקייט האָט
געשיינט דער פרילינג. א שווארצע פיראמידע פונ קיזיקעס האָט אינ
ווינקל הויפ זיכ געטרערט פונ דער זונ, האָט זיכ געשמאָלצנ מיט גע-
לער יושקע פונ האשטאָנע, ווי ס׳שמעלצט זיכ א שניי-שטיק, אונ אינ
דער יושקע האָבנ געפאדעט שפערלעכ, ארויסכאפנדיק פייפטע קערנער.
א ווילער רייעכ איז געגאנגענ פונ דער סטאניע,—דאָרט זיינענ
געשטאנענ פערדלעכ אונ, איבערטרעטנדיק פונ איינ פוס אפנ צווייטנ,
האָבנ זיי ארײנגעצויגנ מיט די גאָזלעכער אונ מיט די ווייכע ליפנ דעם
גערשטנ פונ דער קאָרעטע.
דער געלער האָט זיכ אופגעהויבנ אינ שולצימער אונ האָט צונויפ-
געקליבנ פונ די פענצטער אונ פונ די מאבורעטקעס דאָס, וואָס גרישינ
אונ איראפעטיאנצ האָבנ דאָ צעוואָרפנ—די גאנצע פאָשטע וועג-קאנצע-
ליאריע זייערע, די ראָליקעס קאלקע, אנ ארומגעריזעטנ בוקעט בלייערס,
פלויע בויגנס מיט ווייסע סטרונעס פונ די טראנסווערסאלנ: גרישינ
האָט געלערנט דעם געלנ, וויאזוי צו מאכנ א פראָפיל, וויאזוי איבער-
צוטראָגנ א פונקט,—די קונסט ווי דורכצולייגנ א אומגעגנט. ער האָט
אופגעהויבנ פונעם דיל א דינ קריידל, א פלעשעלע טוש, פארשיידענע
קעשענע-קלייניקייטנ אונ האָט מיט פארגעניגנ אויסגעבראכט צייט אונ
אקוראט איינגעבונדנ דאָס וועג-רענצל. ארנאָ ארעוויאנענ איז נאָכ ניט
נימעס געוואָרנ צו פילנ זיכ פאר א דעסיאטניק, ווי ס׳איז אימ, איבע-
ריקנס, קיינמאָל קיינ פראָפעסיע ניט נימעס געוואָרנ. אז ער האָט אלצ
צונויפגעקליבנ, האָט ער זיכ נאָכאמאָל אומגעקוקט, צי האָט ער גאָרניט
פארגעסנ, אונ איז אראָפגעגאנגענ אראָפ. אונטער די טרעפ איז געווענ
א הילצערנע טיר אינ דעמ צימער, ווו ס׳האָט געווינט די טשיגדימער
פרויענ-פארוואלטערנ גינאָ. ער האָט דורכגייענדיק אויכ אהינ ארײנ-
געקוקט, גיכער פונ אלצ—פאָשעט אומגערנ, ווייל דערדאָזיקער צימער
האָט מיט קיינ זאכ ניט אינטערעסירט דעמ געלנ. נאָר אז ער האָט
ארײנגעקוקט, האָט ער זיכ אָפגעשטעלט. דערדאָזיקער נאכלעסיק אופ-
געראמטער צימער, ווי הונדערט אנדערע אזויגע, האָט *געהאט דעמ בא-
קאנטנ סטיל פונ מארדזשאנעס נאָמענלאָזער ארמיי, אונ זייג אסקעטיזמ
האָט דערציילט וועגנ מאנגל אינ צייט בא דער באלעבאָסטע פאר זיכ
אליינ,—אינמיטנ איז געווענ אנ איינזערנ אייוועלע, וואָס האָט זיכ קיינ-
מאָל ניט געהייצט, אונ אפ דעמ איז געשטאנענ א צעבראָכענער פרימוס.
א בעט אינ ווינקל, פארהאנגענ פונ רעכטס אונ לינקס מיט וועש, מיט

זאָקנ אפ טריקענע, מיט אויסגעטונענע מאלבושים. אפנ אויסשליסער לעבנ דער טיר — א ביליק מולטנ כאלאטל אינ קעסטעלעכ באנייט מיט א פיאָלעטער טאשמע, זייפ אינ א צעבראָכענעמ ליימענעמ שערבל — גלייַכ אפנ דיל לעבנ אנ עמער מיט וואסער. גאָר דער געלער האָט געקוקט ניט אפ דעמ אונ אפילע ניט אפ די צוויי איַינגעבונדענע, מיט עפעס אימ באקאנטע טשעמאָדאנעס אינמיטנ צימער, — אמאָל שוינ, גאָר ניט אזוי לאנג, האָט ער זיי מיט זייַנע הענט געטראָגנ, — דער געלער האָט געקוקט אפ א בריוו אונ אפ א טעלעגראמ: די בריוו אונ די טעלעגראמ, וואָס מ'האָט זיי, אפאָנעמ, אונטערגעשטעקט אונטער דער טיר, ווענ די באלעבאָסטע איז ניט געווענ אינדערהיימ, זייַנענ געלעגנ גאָר נאָענט אפנ דיל, אונ זיי זייַנענ געווענ אדרעסירט צו מארדזשאנענ.

אז דער געלער האָט איבערגעלייענט דעמ אדרעס, האָט ער קימאט א געשריי געטאָנ פונ אומגעריכטקייַט, — ער האָט פלוצלינג מיטאמאָל אויכ דערקענט די טשעמאָדאנעס, מארדזשאנע איז געווענ דאָ, זי האָט געדארפט קומענ אהער, — ס'האָט אימ ארומגעכאפט א באדערפעניש צו ריידנ מיט איר. ער האָט זיכ א לאָז געטאָנ צומ טויער, נאָר דאָ האָט ער זיכ דערמאנט, אז גרישינ ווארט אפ אימ בא אגאסינ, אונ מ'וואָלט געדארפט פריִער אָנזאָגנ גרישינענ. ניט וויסנדיק וואָס צו טונ, האָט ער זיכ אביסל פארהאלטנ באמ טויער, אונ דאָ האָט ער דערזענ דרייַ מיידלעכ. זיי האָבנ זיכ דערנעענטערט איינע נאָכ דער אנדערער איבער דער בלאָטיקער דאָרפישער גאס.

4

מארדזשאנע איז געגאנ די לעצטע, באלד נאָכ דער ריכטערנ, — גייַנ האָט מענ געדארפט לאנגזאמ, איבער שטיינער, קעדיי ניט צו פאריזנעט ווערנ איבער די קנעכל אינ בלאָטע. קוקנ האָט מענ געדארפט צו זיכ אונטער די פיס, — אנ ארבעט, וואָס רעגט אופ, אונ א פאָזע, ווענ דו טראכטסט שוינ ניט פונ קיינ זאכ אינ דער וועלט ניט, אפילע פונ זיכ אליינ ניט, נאָר פאָשעט, מיט קאס אפ די אומשטענדנ אונ אפ צייַט־פארלוסט, באלאנסירסטו פונ שטיינ אפ שטיינ, — ניט קיינ געוווּנטשענע פאָזע, פארשטייט זיכ. זעלטנ־ווער וואָלט געקענט מויכל זייַנ, ווענ מ'וואָלט אימ געטראָפנ אינ אזא פאָזע בא אזא ארבעט, נאָר מארדזשאנע מיט אָנגערוקטע ברעמענ, א פארמאטערטע פונ דער פארזאמלונג, אונ

פאר דעמ—פונ דער ווײַטער פײַנלעכער רײַזע, רײַטנדיק פונ א ווײַטנ דערפל פונ ראיאָנ קיינ טשיגדים, איז אויסער דעמ געגאנגענ א צעקאסטע אונ אנ אלט געוואָרענע. מארדזשאנע איז געווענ צעטראָגנ פונעמ פארלאָרענעמ אווטאָריטעט, אינ מארדזשאנענ האָט זיכ געראנגלט עפעס,—זי האָט אליינ ניט געוווסט וואָס,—עפעס האָט זיכ געראנגלט קעגנ דער נויטווענדיקייט צו הייבנ דעמ אווטאָריטעט, א בונט איז פאָרגעקומענ אינ מארדזשאנענ. גינאָס נעבעכדיקער שמייכל... זי האָט ווייטעקדיק זיכ דערמאנט אינ דעמדאָזיקנ שמייכל, האָט א הייב געטאָנ דעמ קאָפ אונ האָט פלוצלינג באגעגנט די צעבראָכענע גלעזלעכ, וואָס האָבנ א גלאנצ געטאָנ פונ אונטער דעמ טויער.

אפ א נארישקייט, פונקט ווי אפ א העלדנטאט, דארפ מענ ווינציקער ווי א רעגע צייט. פארכאפט אומגעריכט, מיט א קלאפנדיק הארצ, איז איידער זי האָט נאָכ באקלערט, וואָס זי טוט, איז זי פלוצלינג, גלאט אינ דער וועלט ארײַנ, דורכגעגאנגענ פארבײַ דעמ געלנ אונ זיכ ניט באגריסט. זי האָט אפילע קיינ אָנשטעל ניט געמאכט, אז זי האָט אימ ניט דערקענט,—די רעכטע באק, וואָס איז געווענ געווענדט צו אימ, איז געדיכט רויט געוואָרנ.

ארנאָ ארעוויאנ איז געבליבנ שטיינ באמ טויער. ער איז געווענ גע־פלעפט. ארנאָ ארעוויאנ איז געווענ אנ איירנאָפייער אונ א קלוגער מענטש. דערפאר, אפאָנעמ, האָט ער ניט געקענט אונ ניט געוואָלט גלויבנ, ניט געוואָלט אונ ניט געקענט גלויבנ אינ דער לאנגזאמער שוואכמאכנדיקער פרייד, וואָס האָט זיכ אינ אימ צעברענט. ער איז געשטאנענ אונ געשמייכלט קימאט ווי פונ בלינדקייט, אזויווי ער וואָלט פונ א שטארק פינצטערנ צימער ארויס אפ דער שײַנ. נאָר מארדזשאנע איז אויכ געווענ א קלוגע פרוי. זי האָט פארשטאנענ, וואָס זי האָט אָפגעטאָנ: באוועגנדיק זיכ אונ רעדנדיק מיט דער פרויענ־פארוואלטערנ, אופהייבנדיק פונעמ דיל די בריוו אונ די טעלעגראמע אונ לייענענדיק זיי, איז איר דורכגעגאנגענ א קעלט פונ ביזויענ פאר זיכ. שולדיק איז אינ אלצ געווענ די נארישע גינאָ,—זי איז געווענ אופגעטראָגנ אפ גינאָ, זי האָט די רעכטע באק געפילט באזונדער פונעמ פאָנעמ. די באק איז איר אינ דער מינוט געווענ פארהאסט, ווי גינאָ, ווי ארנאָ ארעוויאנ. ס׳וואָלט זיכ געגלוסט נעמענ אונ א זעצ טאָנ איבער דער באק. אונ דער בליק אירער איז געוואָרנ אזא ,פארלאָרנ־שולדיקער, אז די ריכטערנ ארוסיאק האָט זיכ געמאכט אירע אייגענע אויספירנ.

די בריוו און די טעלעגראַם צו איר כאַווערטע איז געווען פון דער שטאַט מאַסיס. די גאַנצע וועלט האָט איצט געוווסט וועגן וואָס מ'קען איר שרײַבן פון דער שטאַט מאַסיס! דער מענטש איז אַוועקגעגאַנגען, און „ווי זי ליבט אים נאָך!"—האָט אײַפערזיכטיק אַ טראַכט געטאָן אַרדוסיאַק.

— וועגן וואָס טעלעגראַפירט דיר די מומע?

מאַרדושיק איז געקומען צו זיך און האָט זיך אַרומגעקוקט. אַ לײַכטע אַנוואַגיקע גלײַכגילטיקײַט איז אָפּגעקומען אין איר צו דעם דאָזיקן צימער און צו אַלע, וואָס דאָ איז געווען, אַ לײַכטע אַנוואַגיקע גלײַכגילטיקײַט צו דער כאַווערטעס פראַגע און צו דער בריוו אויף די קני.

— דו האָסט אַנגערויכערט אין צימער!—האָט זי געזאָגט קאַפּריז ס'איז איר געוואָרן אומדערטרעגלעך צו זיצן ווײַטער. זי איז אויפגעשטאַנען, ווי זי וואָלט געוואָלט ערגעץ אַרויסגיין. אין דער דאָזיקער בעקיונדיקער אָדער אומבעקיונדיקער באַוועגונג איז געווען אַזויפיל אויסדריקלעכקײַט, אַז אַרוסיאַק האָט פון אומגעריכטקײַט אַפילו אויפגעהערט צו קאָפּען מיט די אויגן. מיט אַ פאַרכידעשטן בליק האָט זי זיך אײַנגעזויגן אין דער כאַווערטע. די כאַווערטע איז אַוועקגעגאַנגען, אַזוי ווי די ווענט פונעם צימער וואָלטן געווען קאַרדאָנענע, און זיי אַליין וואָלטן געווען פון פּאַפּיע־מאַשיע, און אַרום און אַרום איז גאָרנישט,—אַזוי גייט מען אַרויס אין כאָלעם אָדער אין פאַנטאַזיע. שענער ווערנדיק פון מינוט צו מינוט, איז מאַרדושאַנע געשטאַנען אינמיטן צימער און געדריקט די פינגער אין פויסטן.

— לאָז מיך אָפּ,—האָט זיך בא איר אַרויסגעריסן, כאָטש אַרוס האָט אַפילע ניט געטראַכט אײַנצוהאַלטן די כאַווערטע. גינאָ האָט זיך געהאַט אַ ריס געטאָן פאַרויס גרייט צו דינען, נאָר מאַרדושאַנע האָט פאַרהאַקט הינטער זיך די טיר. זי איז דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן הויף צום טויער און האָט זיך קיין קאָפּ ניט פאַרכידעשט, וואָס דער געלער איז געווען דאָ. דער געלער איז דאָ געשטאַנען אינגאַנצן ווי פריער, מיט די הענט אין די קעשעניעס, און האָט אינערגעץ ניט געקוקט, נאָר איז גאַס אַרויס. נאָר ער האָט דערהערט דעם קלאַפּ פון דער פאַרהאַקטער טיר. אַ שאַרפער אומגעדולד האָט אים פאַרקלעמט דעם האַלדז. דאָס פערטל שעה,—די מאַטעריעלע באַוועגונג פון צײַט,—ווען דאָס, וואָס ס'איז אַרײַן אין עם מענטשן, האָט פּלוצלינג זײַן אייגענעם, אויף קיין זאַך ניט ענלעכן, מעשוגענעם ריטם,—די באַוועגונג פון צײַט האָט זיך אָפּ־

געשטעלט. צוויי זייערע רויִקע מענטשן, וואָס זײַנען אַלציינס פאַרכאַפּט געווען מיט אומגעדולד, האָבן, באַהאַלטנדיק די אויגן איינער פונעם אַנדערן,—פּונקט ווי קעמפער אַף דער אַרענע,—זיך איצט געדאַרפט באַגעגענען באַם טויער. אַרנאָ אַרעוויאַן האָט נאָך ניט געגלויבט. מאַרדזשאַנע האָט ניט געוווּסט וואָס וועט זי זאָגן, איר איז וויכטיק געווען אָפּצונעמען באַם געלן—זי האָט פֿײַנט געהאַט דעם געלן—דעמדאָזיקן קליינעם צופאַל, די נאַרישקײַט, די קליינינקײַט, די נישטיקײַט, אין וועלכער זי האָט זיך אינגאַנצן אויסגעגעבן, אָט דעם נאַרישן קינדערשן דערשרעק אָן אַ גרוס, און וויִאַזוי אָפּנעמען האָט זי לאַכלוטן ניט געוווּסט, און זי איז געגאַנגען מיט צונויפגעדריקטע פויסטן. איידער ער האָט זיך צו איר אויסגעקערעוועט, האָט דער געלער אופגעהויבן צום פּאָנעם די פינגער—ער האָט אַראָפּגענומען די ברילן, ער האָט אויסגעקערעוועט צו מאַרדזשאַנען דאָס פּאָנעם מיט זײַנע הילפלאָזע קורצזיכטיקע, שטאַרק פאַרזשמורעטע און ניט־זיכערע אויגן, און צוליב וואָס האָט ער עס אַזוי געטאָן, האָט דער געלער אַליין ניט געוווּסט. דריקנדיק די ברילן, איז ער געשטאַנען און האָט גאָרנישט ניט גערעדט, דער מעשוגענער ריטם איז אײַנגעשטילט געוואָרן אין אים, און מאַרדזשאַנע, אַז זי איז צוגעגאַנגען, האָט פּלוצלינג דערפילט, אַז נאָר וועגן דעמדאָזיקן לעכערלעכן מענטשן האָט זי עס געטראַכט די גאַנצע וואָך, און מער וועגן גאָרנישט אויסער אים האָט זי ניט געטראַכט!

— איר וואָלט כאָטש אײַגעשטעלט דאָסדאָזיקע נאַרישע גלעזל—האָט זי געזאָגט אַרנאָ אַרעוויאַנען מיט דער שטים, מיט וועלכער זי האָט גערעדט מיט אים אין די געדאַנקען, און האָט אויסגעצויגן איר האַנט צו דער האַנט, ווו עס זײַנען געווען די ברילן.

5

נאָר אין דער מינוט האָט גרישין אויך דערזען דעם געלן, ער האָט אָנגעהויבן גיין גיכער און האָט אַ געשריי געטאָן איבער דער גאַנצער גאַס:

— אַרעוויאַן! ווו ביסטו עס פאַרפאַלן געוואָרן?

ער האָט זייער פֿײַן אָפּגעגעסן, ער האָט אויסגעטרונקען, מע קאָן ניט זאָגן, אַז זייער, נאָר אויסגעטרונקען. אײַראַפּעטיאַנץ דער גאַנעפעץ האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך אים און האָט ־געמאַכט

שווים־באוועגונגענ אָדער ענלעכס צו דעם, ווי מע גיט פריילנס טאפּנ די ביצעפּסנ. נאָר אייַראפּעטיאַנצ, ס'איז דאָך א באַוווסטע זאך, האָט לאַנג ניט געקענט אויסהאַלטנ. דער פריילעכ אופגערעגטער גרישינ האָט ביז גאָר זיך אינטערעסירט, וואָס האָט מענ דאָרט אינ אוגראָזיסק געפרעגט באַמ געלנ... נאָר!... ער האָט כיטרע אונטערגע־וווּנקענ אונ האָט מיט גאָרנישט ניט ארויסגעוויזנ זייַנ אינטערעס. ווי א מענטש, וואָס האָט אפּדערעמעסנ אויסגעטרונקענ, איז גרישינ גע־וואָרנ גוזמעדיק, ביז גאָר פּאָרזיכטיק. זייַנ פּאָרויס אויסגעצויגענער קינ־באַנק האָט געמאכט אזא גרימאַסע, אונ דאָס כיטרע שיקערע אויג מיט די אָפּגעריזעטע ברעמענ האָט אזוי אונטערגעוווּנקענ, ווי איינער רעדט: האַלט זיך, מיר ווייסנ, האָט זיך אזוי פארקרומט אפּ מארדזשאַנענ,— א פּאַרטייערנ, מינעסטאָמע?—אז דער געלער האָט ניט אויסגעהאַלטנ אונ האָט זיך צעלאַכט. דער געלעכטער איז אים נייטיק געוועג קעדיי אויסצולאָדנ זייַנ אופרעגונג.

— דו ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגנ,—האָט מיט גרויסקייַט גע־זאָגט גרישינ, ווענ ער איז צוגעגאַנג צו זיי אונ האָט זיך אָפּגעשטעלט, אביסל צעגומענ די פּיס אונ פארשטעלט מיט זיך דעם באַשייַמפּער־לעך פאַרדעכטיקנ אייַראפּעטיאַנצנ.— לינקס־אום, מארש! גיי, ברו־דער, אינ מילכפארבאַנד, דאָרט האָט מענ צוגעזאָגט געבנ אונדז א מאַשינ, זאָג: גרישינ האָט געשיקט, זאָג, אז ס'זאָל זייַנ איינס אונ צוויי, אונ פּאַרטיק, זי גייט א ליידיקע אפּ דער סטאַנציע.

— אָ, אויסגעצייכנט,—האָט זיך ארייַנגעמישט מארדזשאַנע. דעם געלנס געלעכטער האָט זי אויך אָנגעשטעקט. זי איז איצט געשטאַנענ אינ איר גאַנצנ געוויינלעכנ רויִקנ כיינ, אונ דאָס ליבע שטילע קאָל אירס איז ניט מעגלעכ געווענ ניט אויסצוהערנ. גרישינ האָט געמאכט אינ דעמ געלנס זייַט אנ אומגליקלעכע גרימאַסע.

— אָ, זייער גוט,—האָט איבערגעכאַזערט מארדזשאַנע,—איר וועט מיך אויך מיטנעמענ אפּ דער מאַשינ, איך האָב באַקומענ א טעלעגראַמע פונ דער מומענ,—דאָס האָט זי געזאָגט נאָר ארעוויאַנענ—די מומע איז מיט אנ עקסקורסיע אפּנ באַצירק, זי בעט זייער, איך זאָל אראָפּפאָרנ זיך זענ מיט איר. כ'וועל הייַנט פאָרנ, אונ מאָרגנ וועל איך ווי ס'ניט איז זיך אריבערכאַפּנ צוריק. איר וועט מיך מיטנעמענ, מ'קענ?

— אומבאַדינגט וועלנ מיר מיטנעמענ,—האָט דער געלער געזאָגט. ער האָט אונטערגעפּייַפט. ער האָט אָנגעטאָנ די ברילנ. ער איז ווידער

געוועג א דעסיאַטניק, אונ פּאַרויס איז געוועג אַנ אַוונט אינ דער מאַשינ, דער גלעזערנער הימל פונ אַפּרעל איז געוואָרנ ראָז, איבנ איז געהאַנגענ אַנ אומרעאַלע, לאַכלוטנ עפּעס א אומגלויבלעכע לעוואָנע, א מאָגערע אונ א רירנדיקע, וואָס האָט אויסגעזענ א נאַסע, ווי א ערשט געבוירנ לעמעלע, וואָס האָט אונטער זיכ אונטערגעבויגנ דעם עק. נאָר דאָס סאַמע אומדערטרעגלעכ קאָמישע איז געוועג אינ די צוויי שיקערע פריילעכע מענטשנ, וואָס האָבנ ביזנ טויט ראַכמאָנעס געהאַט אפנ געלנ. אייראַפּעטיאַנצ האָט אפילע א שלוקערצ געטאָנ פונ ראַכמאָנעס אונ האָט פאַריכט דעם שניפּס. ווילע יאַטנ אונ ניט קיינ נאַראָנים, האָבנ זיי עפּעס באַהאַלטנ פאַרנ געלנ אינ א פּאַפּירל, אונ דערהויפּט א גרינלעכ פלעשעלע, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט דאָס אָרנטלעכע קעפּל פונ קעשענע פונ גרישינס מאַנטל. ביידע האָבנ געטרוימט, אַז זיי וועלנ אינ וועג רעכט אָנפּאָמפּענ זייער פריינט אונ זיי וועלנ אַליינ אויכ מאַכנ א פּאָר מאָל לעכאַיִם. נאָר די פרוי... ריכטיקער, איז עס אפילע גאָר קיינ פרוי ניט, נאָר א פּאַרטייערנ, האָט קאַליע געמאַכט דעם געלנ די גאַנצע מוזיקע. גרישינ האָט געסמאָטשקעט מיט די ליפּנ, אונטערגעוווּנקענ, געמאַכט מוירעדיק ראַכמאָנעסדיקע האַווייעס, אונ מיט דער האַנט האָט ער באַוויזנ אַרנאָ אַרעוויאַנענ אפ דער געוויסער קעשענע אונ אפ דעם אומגעקומענעם גליק.

— איכ וועל גיינ ברענגענ די מאַשינ, — האָט דער געלער געזאָגט.

מאַרדזשאַנענ איז אויכ פלוצלינג געוואָרנ היסטעריש פריילעכ. אַרנאָ אַרעוויאַנ איז שוינ פאַרשווונדנ געוואָרנ אינ גאַס, אונ ביידע טעכנייקער האָבנ געציילט א טרעפּ נאָכ א טרעפּ אַרופּ־צו אינ שול־צימער אַריינ, אונ זי האָט נאָכ אַלצ געקייכט פונ געלעכטער אונ האָט אומזיסט זיכ באַמיט צו דערשטיקנ דעמ געלעכטער מיטנ טיכעלע. זי האָט זיכ פלוצלינג דערמאַנט אינ דעם שמאָלשטערנדיקנ גאַגיקנ, אינ דער מוטער גאַגיקס, אינ דער שוועסטער גאַגיקס, אינ דער ברידער גאַגיקס, ווי ער האָט זיכ באַשיצט פונ ביזויענ, אונ דער ביזויענ איז באַשטאַנענ אינ דער פרויענ־פאַרוואַלטערנס צאַרטער ליבע. די גאַנצע מייסע איז מינעסטאַמ באַשטאַנענ אינ דעם, וואָס די אָרעמע פרויענ־פאַרוואַלטערנ איז אַביסל אומגעגאַנגענ איבער די גאַסנ קעדיי צו באַגעגענענ גאַגיקנ אפ א ראָג, אָדער זי האָט א פּאָר מאָל, קלוימערשט צוליב עפּעס אַנ איניענ, געפרעגט אפ אים בא פויערטעס. דאָס טראַגישע איז דאָ אופגעקומענ אינ דער גאַנצער לעפּישקייט אונ האָט זיכ פאַר־

וואַנדלט אין קאָמיזם. לאַכנדיק איז זי אַרײַן אין צימער, ווו בײדע מײדלעך, וואָס זײַנען געווען פֿאַרזאָרגט פֿון איר אוועקגײן, האָבן גע־האַלטן אין אײן רעדן און טרעפֿן, וואָס איז פֿאָרגעקומען. און זאָל זי לאַכן, מאַרדזשאַנע! די עפּאָכע און די מי זײַנען איצט צו ערנסט, אַז מ'זאָל ניט טײַער האַלטן דיזאָזיקע פֿרײלעכקײַט, ווי אַ קאָסטבאַרן מיליגראַם ראַדי.

— קײן זאַכן האָט איר ניט? — האָט אין אַ האַלבער שאָ אַרום איר אָנגעקלאַפּט אין פֿענצטער אַרעוויאַן. — איר ווײסט, אַגעוו, ווער ס'וועט אונדז פֿירן? איר געדענקט דעם מעלאַנכאָלישן שאָפֿער, וואָס דאָס ווײַב איז בײַ אים געשטאָרבן?

מ'האָט זיך געדאַרפֿט זעצן. ס'האָט זיך איר געוואָלט רעדן מיט אַרעוויאַנען, אים דערצײלן וועגן דער מומע, נאָר גרישינען האָט זיך אױך געוואָלט רעדן מיט אַרעוויאַנען, זיך ענדלעך דערוויסן, וואָס איז דאָרט פֿאָרגעקומען. די ערשטע פֿינף מינוט בײַ דער מאַשין זײַנען דורכגעגאַנגען אין צעזעצן זיך, אין אײַנפּאַקעווען.

ס'איז שוין געוואָרן גאָר פֿינצטער, און ס'איז געווען ליכטיק נאָר פֿון דער שוואַכער שײַן פֿון דער לעוואָנע. דער פֿרילינג איז ניט אַוועק פֿון דער לופֿט, עס זײַנען ניט צוגעפֿרוירן געוואָרן די קאַליוזשעס, אינעם פֿרישן ווינט איז מיט אָטעם פֿון פֿיבער און פֿון גליווערדיקע קאַליוזשעס געשטאַנען דער פֿרילינג, אַזוי ווי ס'איז געשטאַנען די לעוואָנע אין הימל. ס'האָט פֿון אונטן געשמעקט מיטן רײעך פֿון הײסן לאַוואַש, וואָס אַ פֿלײַסיקע באַלעבאָסטע האָט אים ערגעץ געבאַקן אין אַ פּורנע. ווער ס'זאָל ניט וועלן רעדן מיטן געלן, נאָר ער האָט געדענקט און געוווּסט זײַן אַרבעט. ער האָט ניט־געכאַפּט געבראַכט און אַרײַנ־געלײגט די וויזירשטאַנגען, דאָס קעסטל מיטן טעאָדאָליט. ס'איז אַ פֿאַרגעניגן געווען צו קוקן, ווי ער טראָגט פֿון די טרעפּ די וועג־זעק, און ער האָט ניט פֿאַרגעסן צו פֿאַרכאַפּן מיט זיך אױך אײַראַפּעטיאַנצס היטל. אײַראַפּעטיאַנצ אַלײן איז זאָרגלאָז געשלאָפֿן. ער איז דער ער־שטער אַרײַנגעקראָכן אין מאַשין אױפֿן בעסטן פֿאָרנטיקן אָרט און איז באַלד אַנשלאָפֿן געוואָרן. מאַרדזשאַנע האָט זיך ניט געקענט אײַנהאַלטן פֿון אַ ווײנענדיקן שמײכל, — צי דען וועט איר אויסקומען צו זעצן זיך מיט אײַראַפּעטיאַנצן? נאָר דער געלער האָט געהאַלטן דאָס טיכל און האָט איר געהאָלפֿן זיך זעצן בײַזײַט מיט אײַראַפּעטיאַנצן. גרישין איז אַרופֿגעקראָכן צום שאָפֿער און האָט דערשלאָגן געגעזעגנט, — אַלע זײַנען

געווען ניט־צופֿרידן, אַפֿילו דער שאָפֿער איז געווען ניט־צופֿרידן, נאָר אַרעוויאַן אַליין איז נאָכאַמאָל אַרומגעגאַנגען אַרום דער מאַשין, האָט אַ קוק געטאָן, צי אַלץ איז אין אָרדענונג און צי זײַנען פֿעסט אײַנגעבונדענע די שטאַנגען. דערנאָך האָט ער אַראָפּגענומען דאָס היטל און האָט זיך אַ נייג געטאָן צו די צוויי מיידלעך, וואָס האָבן באַלייט מאַרדזשאַנען.

— כ׳וועל מאָרגן זיך אומקערן, — האָט מאַרדזשאַנע צו זיי אַ געשריי געטאָן.

ענדלעך, איז ער אַרײַן ניט־געײַלט אין דער מאַשין, האָט פֿאַרהאַקט נאָך זיך דאָס טירל, האָט אָפּגעוואָרפֿן דעם פֿעדערשטן געזעס און האָט זיך געזעצט מיטן פּנים צו מאַרדזשאַנען. זייערע קני האָבן זיך אָנגערירט. אַרנאָ אַרעוויאַן האָט אָפּגערוקט זײַנע קני. אַרנאָ אַרעוויאַנס איז אין יעדער באַוועגונג געווען אַ באַלעבאָס איבער זיך, כאָטש זײַנע באַוועגונגען זײַנען געווען ערלעכע. ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס שימערירן פֿון זײַנע צעבראָכענע גלעזלעך, וואָס די מאַשין האָט געוויגט, האָט איבערגעגעבן מאַרדזשאַנען דידאָזיקע ערלעכקײַט.

גרישין האָט זיך אויסגעקערעוועט און ענערגיש אים אַ שטויס געטאָן אין רוקן. אין זײַן הויכן שעפּטשען האָט מען געקענט פֿאַנאַנדערקלײַבן דאָס וואָרט „שאַמען".

— ניין, אַ דאַנק! — האָט געענטפֿערט דער געלער.

— און אויסטרינקען? — גרישינס קאָל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נאָך נידעריקער און איז געווען פֿול מיט אומעט.

— ס׳איז איבעריק!

— נו, נו! — דער טעכניקער האָט זיך אָפּגעקערעוועט און זיך פֿאַרנומען מיט בורטשען. שיקערערהייט האָט ער פֿײַנט געהאַט פּאָליטיק, פּאָליטיק איז ניט קיין גוטער־ברודער, פּאָליטיק און אַ ביסל בראָנפֿן — דאָס איז צוויי זאַכן, וואָס מ׳קען ניט פֿאַרייניקן. נו, און אַ פֿאַרטייערן אין באַנאַכטיקער שטילקײַט בײַ אַ יונגער לעוואָנע, זײַט בײַ זײַט מיט אײַך, — דאָס איז אַ פּאַקט אַ פּאָליטישער.

— איך האָב מיט אײַך געוואָלט ריידן, און איצט האָב איך אַלע ווערטער פֿאַרלאָרן, — האָט מאַרדזשאַנע געזאָגט. די שטים האָט געקלונגען אומעטיק, די אויגן האָבן געקוקט אומעטיק, די עק פֿינגער האָט זי אויסגעצויגן מערער ווי מ׳דאַרף, נאָר די פֿינגער זײַנען געלעגן ניט אופֿגענומענע פֿון דער פֿרעמדער האַנט, און קוקנדיק אויף אים, האָט מאַרדזשאַנע געטראַכט: דערדאָזיקער לעכערלעכער מענטש איז דאָך

אָבער א „טשוטשעלע"‚—זי האָט זיך דערמאנט, וויאַזוי אין וואגאָן האָט זי אים אָנגערופן „טשוטשעלע"‚—ער איז קיינמאָל אין קיין זאך ניט געווען לעכערלעך, ער איז געווען דער באַלעבאָס פון דער לאגע, אלץ, וואָס ער האָט געטאָן, האָט זיך געוואָלט מיט אים מאסקים זיין, אז ס'איז ריכטיק, נאָר אין דעמדאָזיקן אָוונט איז דער אווטאָמאָביל געפלויגן מיט דער וווּנדערלעכער סטענגע פונעם שאָסיי, די לעוואָנע האָט זיך געדרייט אין הימל, א ליבער ווינט האָט געשורשעט אין די האָר, אין דעם אָוונט, וואָס וועט, מעגלעך, שוין קיינמאָל זיך ניט איבערכאַזערן,—מאַרדזשאנע האָט מיט א זיפץ זיך דערמאנט, אז זי האָט ניט פארענדיקט שרייבן דעם באריכט צו מאָרגן צו,—דאָס לעבן מיט איר גאנצער האָפענונגסלאָזער ערנסטקייט, די זייַדענע טעג, ווי דער קאַלענדאר אפן וואנט,—זי האָט געזען, אז דאָס אלץ יאָגט נאָך אונז דעריאָגט, און מאָרגן וועט עס שוין דעריאָגן...

פארוואָס האָט זיך אָפּגערוקט דער געלער?

— איך האָב מיט אייַך אויך געוואָלט ריידן,—האָט געזאָגט דער געלער. ער האָט נאָך געוואָלט ריידן מיט איר דענסטמאָל פאר דער באגעגעניש אין טויער, ער האָט געוואָלט דערציילן וועגן דעם ארויסרוף אין אוגראָזיסק, וועגן דער ציקאווער אלטער זאנגעזורער געשיכטע מיט די פאבריקמאכערס, וועגן דעם נאטשקאנצס מעסירע, וועגן דער לאגע אפן באצירק, דער רעוויזיע, דעם אומקום פונעם בריק און וועגן אגאבעקן. מיט איר און מער מיט קיינעם ניט האָט ער געוואָלט ריידן ביז דער באגעגעניש באם טויער. איצט האָט ער עס וויאַזוי געשוויגן.

— ווען דאָס וואָלט געווען ניט איר,—דער מעכטיקער פרויענאינסטינקט האָט אונטערגעזאָגט מארדזשאנען ריכטיקע ווערטער,—וואָלט איך זיך דערשראָקן, וואָס איך בין באגאנגען א פעלער. נאָר מיט אייַך איז א פעלער באגיין אויך ניט שרעקלעך: ס'ווילט זיך קלאָרקייַט, א וועלכער דו ביסט, אזא ביסטו, און העכער פונעם קאָפּ קען מען ניט אריבערשפרינגען... נו, איז דארף מען ניט, אויב איר ווילט ניט!

ער האָט אנידערגעלייגט זייַן האנט אפ אירע פינגער, האָט זיי צונויפגעדריקט און האָט זיי ארויסגעלאָזט.

— וואָס האָט איר מיר געוואָלט דערציילן?

ס'איז אוועק א האלבע שעָ איידער מארדזשאנע האָט געענטפערט מיט מי און אראָפּגעלאָזט די שטים, זוכנדיק ווערטער און כאפנדיק

זיכ פאָרט וואָס גיכער צו רײדנ, האָט זי פלוצלינג אנטדעקט ארנאָ ארעוויאַנע דאָס, מיט וואָס זי האָט זיכ געשעמט אפילע פאַר זיכ אליינ.

— איר געדענקט דעמ ווייכנ וואגאָנ? דאָרט איז געפאָרנ א מענטש... דערדאָזיקער מענטש גייט איצט אוועק, איר קענט אימ. דעמדאָזיקנ מענטשנ האָב איכ געמיינט, אז איכ האָב ליב, אונ בינ זיכ צונויפגע־ גאנ מיט אימ; דאָס איז געווענ א דערנידערונג, ניט קיינ ליבע. ווארט נאָר צו, ענטפערט גאָרנישט,—ניט אינ דעמ איז די זאכ, וואָס די באציִונג צו אנ אייגענער פרוי, צו א פארטייערנ, זיכ צונויפגעגאנג אונ אָפגעגאנ, קיינ שום פליכטנ, נישט אינ דעמ איז די זאכ, וואָס ער האָט כאסענע געהאט,—אזוי אז איכ האָב אפילע ניט געוווסט,—נאָר אינ דעמ, וואָס דאָ איז ניט געווענ קיינ ליבע, ס'איז גאָרנישט ניט געווענ, אונ עקלדיק איז מיר די דערינערונג וועגנ דעמ, עקלדיק די דערינערונג וועגנ אזוינס, וואָס איז איבעריק אינ לעבנ, וואָס איז ניט נייטיק. ס'איז דערנידעריקנדיק צו נאָכשלעפנ אינעמ לעבנ דאָס, וואָס מ'האָט ניט געדארפט האָבנ. איכ פּײַניק זיכ מיט דעמ, אונ קיינער ווייסט ניט, מיט וואָס איכ פּײַניק זיכ.

— אָבער ס'איז דאָכ גאָרנישט ניטאָ, אויב ס'איז ניט געווענ!—די שטימ האָט געקלונגענ מיט צארטקײַט. מארדזשיק האָט זיכ צעלאכט פונ אומגעריכטקײַט,—די שטימ אונ די ווערטער זײַנענ געווענ אזוי פראָסט אונ אזוי טרייסטנדיק.

אײַראפּעטיאנצ האָט זיכ אופגעכאפּט פונ דעמ געלעכטער,—וואָס הייסט גאָרנישט ניט? אינ קעשענע, אינ א צײַטונג... איבעריקנס, איז אײַראפּעטיאנצ באלד ווידער אנשלאָפנ געוואָרנ.

— דאָס איינציקע, וואָס איז א שאָד, איז אויסברענגענ א מענטשנ אפ גאָרנישט,—האָט רויִק פאָרגעזעצט צו רײדנ דער געלער,—ס'איז זייער גרינג אויסצוברענגענ זיכ אפ גאָרנישט. אפ יעדער טריט אונ אינ אלצ, אינ דער ארבעט, אינ לעבנ טשאטעוועט עס אפ דיר,—אזוי גלאט אינ דער וועלט ארײַנ אופצופרעסנ. מ'קענ, פארשטייט זיכ, ניט אָפלעבנ אזוי, אז ס'זאָל גאָרנישט ניט אוועקגיינ אומזיסט אונ אומ־ נישט, דאָס איז א נײַער סאָרט פיליסטערישקײַט, איכ בינ אביסעלע א דײַטש, בא מיר אינ בלוט איז—איבערצופוציִעווענ... אונ איר, זאָל אײַכ ניט באנק טונ, נאָר אינ דער צוקונפט דארפ מענ מער ניט.

— אָ, אינ דער צוקונפט!

זי האָט זיך אָנגעבויגן און האָט פאָרויס דערזען שיַין און האָט מיט אַ זיפץ געזאָגט צום געלן:

— דער באַצירק!... איר האָט גוט געזאָגט. נאָר פונדעסטוועגן איז אַ שאָד... וויַיל אָט איר זעט דאָך — איז שוין אַ סאָף!

א. פּ. אי. אפנ באַצירק

1

די סטאנציע האָט אינ דער טיפ פונעם קאניאָנ זיכ גערויטלט מיט א הײַפל טשערעפּיצענע דעכער, אונטער וועלכע ס'איז ניט געווענ ניט קיינ לעבנ, ניט קיינ מער־ווייניק גרויסע באווענונג, וואָס זאָל באווײַזנ אפ דער נאָענטקײַט פונ א באוזסענעמ צענטער. רעכטס אונ לינקס איז געשטאנענ דער קאניאָנ, צעקריצט מיט א זיגזאג פונ דאָרפּישע שטע־געלעכ אונ מיטנ קרעפטיקנ דרוק פונ דעמ טשיגדימער שאָסיי. איבער די שטעגעלעכ האָט זיכ געהוידעט אייזלשע לאסט, אונ אונטער דער לאסט האָבנ געטופּעט די טרוקענע פיס פונ אנ אייזל. איבערנ שאָסיי האָבנ זיכ געקײַקלט די קײַלעכער פונ די מאָלאָקאנישע וועגענער מיט דעמ סילועט פונ בײַטשנ, ארײַנגעשטעקטע אינ זיי, ווי לעפל אינ א אופ־געגאנגענעמ קוכנ,—אונ דאָס גאָר. דאָס גאָר, ביז ס'איז מיט מאמאָנ־טישע טריט ניט ארופגעטראָטנ אפ דער סטאנציע דער הידראָבוי, גאָר דאָ דארפ מענ צוליב די אינטערעסנ פונ דעמ ווײַטערדיקנ אביסל זיכ אָפּשטעלנ. די סטאנציע, ווי זי איז אינ אונדזער דערציילונג, מיטנ אָפּקלאנג פונ אייביקער דערהויבענער שלאָפלאָזיקײַט פונ דער אײַזנבאנ־מעלוכע, מיטנ רייעכ פונ נאפט, וואָס רייצט ווי אלקאָהאָל, מיט די שלאָפנדיקע זעק פארבײַ דעמ פעראָנ, ביז מ'וועט לאנגזאמ, צומ צוג, ניט ארופוארפנ די זעק אפ די אקסלענ,—מיט שאָלעכצ אונ פאפיר, וואָס זעצנ זיכ אָפּ ווי אטמאָספער־אָפּזאצנ אפנ שמוציקנ אספאלט, אפ דעמ אויסגעטראָטענעמ זאל פונ בופעט, ווו ס'שלאָפט אויכ דער שלאָף אפ לאנגע בענק, וואָס זײַנענ דורכגעזאפט ביז האָפענונגסלאָזיקײַט מיט שווייס פונ די פיס; מיטנ געשווינדנ לאמטערנדל, וואָס לויפט פונקט ווי א וואנצעלע איבער דער ליניע, אונ מיט א שטימע, וואָס איז פול מיט פײַכטקײַט: דאָס טוט פלוצלינג א קלאפ דאָס צינגל איבערנ מעשענעמ גומענ פונ דעמ גלאָק, אָנזאָגנדיק א צוג,—די סטאנציע איז ניט זי

זאָל זיכ האָבנ דערוועקט „צו שײַנ אונ צו וויסנשאַפט" פונ דער באַגעגע־
ניש מיט הידראָבוי! ניט זי זאָל האָבנ זיכ אָנגעשטעקט מיט דעמ „פיבער
פונ גרויסע בויונגענ"! אַנ אופמערקזאַמער מענטש וואָלט, אַדעראַבע,
דאָ געפונענ ניט ווייניק מאָדנע זאַכנ. דורכלויפנדיק צוליב זײַנעמ אַנ
איניענ איבער די רעלסנ, וועט דאָ אַנ אײַזנבאַנ־אָנגעשטעלטער זיכ
אָפּשטעלנ אונ וועט אײַכ זאָגנ, וואָס איז די לעצטע אומאַנגענעמלעכ־
קײַט אפ הידראָבוי. בא דער שפּיל אינ פּאָקער וועט דער כשיוועסדיקער
שעפ פונ דער סטאַנציע זיכ צערעדנ, ניט אַרויסווײַזנדיק, איבעריקנס,
זײַנ אינעווייניקסטנ פאַרגעניגנ, וועגנ דעמ אָרדנטלעכנ הידראָבויִשנ
סקאַנדאַל. אפנ טעלעגראַפ, ווו די פענצטער־ברעט איז צעשניצט מיט
אַ טאַשנ־מעסערל, אַזויווי אַ קוראָרט־פעלדז, וואָס פאַרייביקט די טוריסטנ,
שרײַבט מענ אַ אופגעבראַכטע נאָטיצ וועגנ אַ טעמפּקעפּיקײַט אפ הידראָ־
בוי. דער הידראָבוי איז אַרויסגעקראָכנ אַהער מיט פאַרטפעלנ פונ קאָ־
מאַנדירטע, מיט דעמ געפילדער פונ הונדערטער מײַלער, מיט אַנ אומ־
גערנדיקנ אָנשרײַענ ניט אפ דעמ, וואָס מ׳דאַרפ, מיט אַנ אָנוואַלגער
פונ אָרדערס, מיט מאַסע פונ הונדערטער וואַגאָנעס, מיט אַ גרויסער
צאָל פאָסטעלעס אונ שטיוול, וואָס האָבנ דול אַרומגעשטעלט דעמ
לאַריאָק אונ דעמ אָרעמענ בופעט, ווו אונטער אַנ אָרעמ לעמפּעלע
הוידעט זיכ די שאָפלדיקײַט פונ אַ אײנעכטיקנ, פונ טרוקנקײַט צונויפ־
געקנייטשטנ שעפעלע,— אונ דעמ הידראָבוי האָט מענ דאָ באַגעגנט מיט
אַנ אויסווײַכנדיקנ שמייכעלע פונ אַנ אײַזנבאַנ־אָנגעשטעלטנ, וואָס האָט
פלוצלינג זיכ דערמאַנט, אַז ער איז אַ פּערזאָנ גאָר פונ אַנ אַנ־
דער אַנשטאַלט. בא יעדער אַנשטאַלט, ווי באַוווּסט, זײַנענ פאַראַנ
באַזונדערע אינטערעסנ: צווישנ דעמ וועג אונ דעמ הידראָבוי האָט
אופגעפלאַקערט אַ קאַמפ פונ אַנשטאַלט־אינטערעסנ. דער היטער פונעמ
סקלאַד, דער צוגעמער פונ פראַכט, דער אָרטעלשטשיק פלעגט אַלע טאָג
אַרײַנטרעטנ אינ שלאַכט מיט דער סטאַנציע, וואָס האָט אינ אירע באַ־
ציונגענ מיטנ הידראָבוי זיכ אַליינ אָנגערופנ „דער וועג". דער וועג האָט
זיכ אײַנגעקלאַמערט אינעמ איבערהאַלטנ וואַגאָנעס, אינ ניט־ריכטיקע
אָרדערס, אינ איבערגעריסענע דעפּעשעס, אינ פאַרנומענקײַט פונ דער
טעלעפאָנ־נעצ, אונ ניט דירעקט, נאָר דורכ ווײַסע קוואַדראַטנ פונ
קאַזיאָנע ווענדונגענ—שיר ניט יעדער טאָג האָט אַ קאַזיאָנער פּאַקעט
זיכ אַרײַנגערוקט אינעמ רענצל פונעמ טשיגדימער פּאָטשטאַליאָנ, קעדיי
איבערגעפּעקלט צו ווערנ אפנ באַצירק.

נאָר אין דעם פרימאָרגן, באגעגענענדיק דעם טיפליסער צוג, האָט דער וועג אזוי פארגעסן די אנשטאלט-אינטערעסן. ס'איז שוין צוויי טעג, אז אוועטיס אין א לעדערקע, און מיט אים דרייַ טעסלערס פון שיבקאָס ארטעל, האָבן געלעבט באם פרייַנטלעכן מיטגעפיל פון דעם וועג אפ דער סטאנציע און האָבן אומגעשטערט זיך ארייַנגעמישט אין דעם סטאנציע-לעבן. זיי האָבן באקלעפט דאָס טעלעפאָן-בייַדל און האָבן געפירט מיטן דירעקטן דראָט סוידעסדיקע געשפרעכן. מ'האָט זיי געזען אפן טעלעגראף, ווו זיי האָבן היימיש איבערן אקסל ארייַנגעקוקט דעם טעלעגראפיסט אונטער דעם פינגער, ווען דער פינגער האָט אופגענומען א פאפירענע סטענגע מיט פינטעלעך. דער בופעטשיק האָט אָן אופהער געוואשן די גלעזער און האָט אָפגעלאָזט טיי און פאפיראָסן „אפ כעוורע". דער שעף פון דער סטאנציע און דער געהילף-שעף פון אייַזנבאן-באציִרק, וואָס איז געקומען אהער אפ א מאָטאָר-דרעזינע, האָבן אופגערעגט זשעסטיקולירט און זייַנען אליין געגאנגען מיט די הידראָבויניקעס איבער די ליניעס און לאנג געקוקט אראָפּ, שאָקלענדיק מיט די קעפּ. אונטן, בא דער הויכער שטיינערנער דאמבע, וואָס האָט אָפגעצוימט די ליניע פון דער מיזינקעס קאפריזן, איז געלעגן דער סימוואָל פון דעם אומגעקומענעם בריק,—עטלעכע שטיקער באלקנס, וואָס דער טייַך האָט פארטראָגן און אהער צוגעשלאָגן. די דאמבע, וואָס איז טיילווייַז געווען צעגראָבן פון דער וואסער, און די קלעצער, וואָס זייַנען געבליבן שטעקן אין די לעכער פון דער דאמבע, ווי א זייכער פונעם בריק, האָבן זיך געהאלטן זייַט בא זייַט ווי א פרייַנטלעכע צונויפגערעדטקייַט צווישן דעם הידראָבוי און דעם וועג. איבער אן אומפארשטענדלעכער פאראָרדענונג האָט מען די באלקנס פונדאנען ניט צוגענומען, און די דאמבע האָט מען פארהיט אזוי ווי זי איז, אין דער גאנצער העסלעכער צעשוּוענקטקייַט פון איר גרויער, שטארק צעקלאפּטער זייַט.

דער טיפליסער צוג האָט פארשפעטיקט. דער נעפּל איז געווען אזוי שטארק, אז דער פרימאָרגן, דורכגעסילעטער מיט רויטע פינטעלעך פון לאמטערנדלעך, איז ענלעך געווען אפ נאכט. נאָר אין דער אייביקער און פארה וועטער שלאָפלאָזיקייַט האָט דאָס ברעקעלע וועלטעלע פון דער סטאנציע פאָרגעזעצט זייַן לעבן,—די סטאנציע איז געווען דער פאָרפּאָסט פון דער בויונג. אין דעם פרימאָרגן, ווי שטענדיק, האָט אן אלטער פארהאוועטער לאָקאָמאָטיוו מיט הינטישער קאָנוואלסיע

אָנגעצופּט פונ טונעל אנ אומענדלעכע צאָל פראכט־וואגאָנעס. פונ טונעל צו טונעל איז דער גאנצער צווייטער וועג געווענ מיט זיי פארנומענ. דאָס אָנקומענ אונ אוועקגיינ פונ פראכט־צוגנ, די אומבאשטימטקייַט פונ זייער שטיינ, דער ציטער פונ זייערע לאנגע וואגאָנ־באשטאנדנ אונ די אומענדלעכע אוואריעס זייערע,—דאָס אלצ איז געווענ דאָס סאמע קראנקסטע אָרט בא דעמ שעפ פונ דער סטאנציע. די וואגאָנעס האָבנ לאנג געסקריפּעט, זיכ געשטויסנ, ווי מענטשנ אינ א לעבעדיקער ריי, אונ ס'האָט זיכ געפאָדערט דער גאנצער געוויינלעכער מאָציאָנ פונ דער קאָנדוקטערישער בריגאדע, א פייַפעריי, א לויפעריי צומ מאשיניסט, אז דאָס צוקנ פונ דעמ באשטאנד זאָל ענדלעכ אופהערנ. דאנ איז ארויסגעטראָטנ דער פארוואלטער מיטנ סקלאד. פארגעסנ, אז ס'גייט שוינ צו דער לאנג־דערווארטער צוג, א מאכ געטאָנ מיט דער האנט אפ אלערליי דאָרט צוגנ אונ מענטשנ אינ זיי, האָט דער פונ קאס רויט געוואָרענער פארוואלטער געשטופּט א פאפירל דעמ שעפ פונ דער סטאנציע אינ פאָנעמ אריינ. דער שעפ פונ דער סטאנציע האָט מיט פאראכטונג אָפּגעשטופּט דאָס פאפירל, האָט מיט א מאסיוונ, נאָר ענערגישנ זשעסט פונדערווייַטנ געדרייט מיטנ קאָפּ צו דעמ וואגאָנ־באגלייטער אונ געפאָדערט באלד אויסליידיקנ דעמ וואגאָנ,—פארהאלטנ דעמ וואגאָנ איז ניט געווענ ווו, נאָר צונעמענ די פעסלעכ, וואָס זייַנענ איצט געפלויגנ אראָפּ אפ דער פייַכטער ערד, איז אויכ ניט געווענ ווו. די גערולדיקע פעסער מיט צעמענט האָבנ זיכ געלייגט אינ קאליזשע אריינ, דער גערולדיקער אלטער וואגאָנ מיט א קרייַד־צייכנ איז געשטאנענ אונ האָט געסקריפּעט, די גערולדיקע בלאָטיקע ערד מיט קאליזשעס האָט אונטערגעכאפּט די פעסלעכ,—זאכנ האָבנ געווארט, אז מ'זאָל זיי דערהערנ. אונ פונקט אינ דער מינוט האָבנ אפנ ערשטנ וועג א גלאנצ געטאָנ פונעמ טונעל צוויי העלע שנייַדנדיקע אויגנ. א זשוואווער בעריעשער לאָקאָמאָטיוו מיט אנ אויסגעפוצטנ עק פונ פאסאזשיר־וואגאָנעס איז פייַפנדיק אונ שיפנדיק ארויסגעפלויגנ פונעמ טונעל, האָט א טשאמקע געטאָנ מיט די קינבאקנ, אונ פארלאנגזאמערנדיק דעמ גאנג, אנ אומפארמייַדלעכער אונ א לאנגזאמער, ווי דער שיקזאל, איז ער צוגעפאָרנ צומ פעראָנ, וואָס האָט אָנגעהויבנ ציטערנ. אוועטיס האָט געפונענ מיט די אויגנ דעמ איינציקנ געלנ וואגאָנ אונ האָט פארסאָפּעט זיכ א וואָרפ געטאָנ צו אימ, נאָר די מינוט האָט ער זיכ אָפּגעשטעלט. א פלוצלינגדיקע שרעק האָט ארומגעכאפּט אוועטיסנ:

פונעם וואַגאָנ האָבנ אינדערעמעסנ טאַקע אָנגעהויבנ ארויסגייג מענטשנ. צי האָט אוועטיס געגלויבט, צי ער האָט ניט געגלויבט אינ זײַנ אייגענער מאַכט, וואָס האָט פּלוצלינג ארויסגערופנ פונעם נעפּל דעמדאָזיקנ צוג און די מענטשנ אינ אים, נאָר די מענטשנ זײַנעג געווענ א רעאַליטעט. גאַנצפרי, אינ א באַגינענדיקער שאָ, האָבנ זיי איינער נאָכנ אנדערנ זיכ אראָפּגעלאָזט פונעם וואַגאָנ, אונ מענטשנ זײַנעג געווענ אַסאַך,— מערער ווי מ'האָט זיכ געקענט פאָרשטעלנ. דער קאָנדוקטער מיטנ לאַמטערנדל איז געשטאַנענ אונ געוואַרט, אונ פונעם וואַגאָנ איז, אראָפּלאָזנדיק די אַקסלענ, אלצ אראָפּגעגאַנגענ א נײַער מענטש,—אינעם נעפּל האָבנ זיכ געהוידעט פאָרטפעלנ, ס'האָבנ זיכ געדרייט ביינערנע ברילנ, ס'האָט א גלאַנצ געטאָנ א קאָקאַרדע אפ א פוראַזשקע פונ א אײַזנבאַנ־אָנגעשטעלטנ; ס'איז פוכקע ארויסגעקראָכנ דער געוועזענער שעפ פונ דער בויונג, דער כאַווער מאַנוק פאַקריקאָוו; נאָכ אים דער סעקרעטאַר פונ רײַקאָם, א זשורנאַליסט מיט אנ אפּאַראַט; דער, אפ וועמענ מ'האָט אינגאַנצנ זיכ ניט געריכט, איז ארויסגעקראָכנ דער לעצטער: דער יאָדערדיקער מענטש מיטנ גרויסנ פּאָנעמ, דער הויפּט־אינזשענער, וואָס מ'האָט אימ פארכאַפּט גלײַכ פונעמ מאָסקווער צוג.

אוועטיס, וואָס איז אָנגעקומענ גלײַכ זיי אנטקעגנ, האָט א מאַכ געטאָנ איבערנ קאָפּ מיטנ היטל. נאָר די אָנגעקומענע זײַנענ געגאַנגענ פארבײַ אונ האָבנ ניט געווענדעט קיינ שומ אופמערקזאַמקײַט אפ אוועטיסנ; זיי זײַנעג געגאַנגענ פארבײַ, האַלטנדיק זיכ אָפּגעזונדערט, זיי זײַנענ געגאַנגענ פארבײַ, ווי עס מאַרשירט,—די גאַס אליינ פאַר זיכ אונ זיי אליינ פאַר זיכ,—א מיליטערישער טייל.

די ארבעטער פונ שיבקאָס ארטעל אונ אוועטיס זײַנענ געבליבנ שטיינ. זיי האָבנ נאָכגעקוקט די אָנגעקומענע מיט א מאָדנעמ אונ אומבאַשטימטנ געפיל. מעגלעכ, אז דאָ איז געווענ פארדראָס, אונ מעגלעכ אז עפּעס א מינ קאָנפוז, אונ שטאַרקער פונ פארדראָס אונ פונ קאָנפוז, האָט זיכ גערירט אנ אומקלאָרער באַוווסטזײַנ, אז איצט איז די זאַכ אוועק ערנסט, איצט איז די זאַכ אליינ אוועק, זי האָט זיכ געלאָזט קײַקלענ,—אונ וווהינ וועט זי זיכ דערקײַקלענ... אנ אומקלאָרע פראַגע וועגנ קוואַליטעט,—וועגנ קוואַליטעט פונ דער אלגעמיינער ארבעט, אונ אינ דער צאָל פונ זייער אייגענער ארבעט,—איז דאָס ערשטע מאָל אופגעשטאַנענ פאַר די ארבעטער אונ פאַר אוועטיסנ.

2

די אָנגעקומענע זײַנען אַרײַנ אינ דעם סטאַנציע־לאָקאַל, זײַנענ דאָרט אָפּגעווענ ניט לאַנג, אונ אַז זיי זײַנענ אַרויסגעגאַנ, האָבנ זיי זיכ צעטיילט: איינ גרופּע מיטנ הויפּט־אינזשענער איז אַוועק אַהינ, וווּ מ׳האָט אויסגעלאָדנ די פּעסלעכ מיט צעמענט, אונ דער אַלטער מיט דער קאָקאַרדע, געפירט פונ היטערס מיט לאַמטערנדלעכ, האָט לאַנגזאַמ פאַרקערעוועט צו דער דאַמבע. ער איז געווענ ניט הויכ אינ וווּקס, זײַנ גרויסער, אַלטער גרויער אויער, וואָס האָט געסטאַרטשעט איבערנ אָפּגעקראָכענעמ סאַמעט פונעמ קאָלנער, איז געווענ אָנגעהערט מיט אַנשטאַלט־קריגערײַענ. דער אויער איז געווויגט געווענ צו אַלערליי זאַכענישנ, מיטנ אויער. האָט ער איצט אופגעכאַפּט די נאָכײַלנדיקע טריט פונעמ געהילפ־שעפ פונ דעמ אײַזנבאַנ־באַצירק.

אײַנקנעטנדיק מיט דער האַנט דעמ ניט־פאָלגעוודיקנ, קימאַט פרוזשינענדיקנ אַרויסשפּאַרנ פונ זײַנע קודלעס, האָט דער שעפ־געהילפ ווילעריש געײַלט צו דער דאַמבע, נאָר פאַר דער סאַמע דאַמבע האָט ער אָנגעווירנ דעמ מוט. אינעמ בלאַסנ, שיטער ווערנדיקנ נעפּל איז דער צעגראָבענער קערפּער פונ דער דאַמבע פּלוצלינג אַרויסגעשוואומענ מיט זײַנ גאַנצער ווײַטער גרויסקײַט, ווי אַנ אָנקלאָגערנ אַפנ געריכט. אינ די צעקרומטע, אויסגעשווענקטע גריבער זײַנענ די מאָגערע באַלקנדלעכ געלעגנ אַזוי ווי פויגלשע פעדערנ. אומזיסט האָט דער געהילפ־שעפ געהוסט,— די זאַכנ האָבנ אָנגעהויבנ ריידנ פריער איידער די מענטשנ האָבנ אופגעעפנט דאָס מויל.

— אַ ראָל פונ אַ טאַראַנ,— האָט ענדלעכ אַרויסגערעדט דער געהילפ־שעפ פונעמ באַצירק, אומקוקנדיק זיכ מ׳זאָל אימ אונטערהאַלטנ,— אָט אַפּ אַזאַ מינ אויפנ...

ער האָט צוליב אָנשוילעכקײַט אַ מאַכ געטאָנ מיט די הענט פונ זײַט אַפּ זײַט, קעדיי אויסצומאָלנ די פאַרדאַרבערישע ראָל פונעמ בריק, איבער וועלכער די גאַנצע סטאַנציע האָט שוינ צוויי טעג דורכאַנאַנד רעפּעטירט אופגעבראַכטע געפילנ אונ דערפרייטע לאָגיק.

— דריי ניט קיינ מויעכ,— האָט לאַנגווײַליק געזאָגט דער אַלטער,— מ׳האָט אײַכ אָפּגעלאָזט מיטלענ אַפּ רעמאָנט. די דאַמבע האָט איר פונזינט דעמ פאַראײַאָריקנ געוויסער באַטראַכט? איר האָט רעמאָנטירט די דאַמבע?

ער איז שוינ אוועקגעגאנגענ, אונ דער געהילפ־שעפ האָט א קראַצ געטאָנ אונטער דער פּוראזשקע. דער געהילפ־שעפ האָט א שפּײַ געטאָנ אפ די דרײַ באלקנס פונונטנ, אונ אָנ א ציל, כאָטש אביסל באַרויִקט, ווי א מענטש, וואָס מ׳האָט אימ אראָפּגענומענ פונ א אקראָבאַטישנ דראַנג, איז ער אוועק איבערנ פעראָנ.

דער שאָפער פונ דער הידראָבוײַשער מאשינ האָט געוואַרט אפ די געסט דעמ פרימאָרגנ, האָט געוואַרט דעמ טאָג, האָט געוואַרט ביז טיפער נאכט,—די געסט זײַנענ געזעסנ אינ קאָנטאָר פונעמ סקלאַד, זיי זײַנענ געזעסנ אינ דער סטאנציע־געבײַדע, זיי זײַנענ אומגעגאנ איבער דער ליניע, אונ פארעטערישע זאכנ האָבנ אופגעהויבנ זיי אנטקעגנ געריסענע פענעמער פונ פאפירנ, מאָגערע פענעמער פונ די ביכער פונ ארויסגייענדיקע דאָקומענטנ, שלאבעריקע מײַלער פונ ריגלענ, נעבעכדיקע הענט פונ צעבראָכענע קעסטלעכ, פונ צעבראָכענע קײלימ, פונ פארלאָרענע אָרדערס. די זאכנ האָבנ זיכ געקלאמערט פאר די פאָלעס פונעמ סטאנציע־שעפ, האָבנ זיכ געקלאמערט פארנ אָנגעכמורעטנ פארוואלטער פונעמ סקלאַד, ווי וואסער־פלאנצנ אינ א מענטשנ, וואָס טרינקט זיכ. דער שאָפער, כאָטש ער איז ארײַנגעקומענ אינ בופעט, נאָר קעגנ זײַנ געוווינהײַט איז ער געווענ שווײַגנדיק, האָט געקוקט אינ א זײַט, אונ אז מ׳האָט אימ געפרעגט, האָט ער ניט־גערנ געבורטשעט ניט „יאָ״ אונ ניט „ניט״, נאָר אזוי אומפרײַנטלעכ, אז זײַנ אײסעק איז די מאשינ, זײַנ אײסעק איז, אז מ׳וועט זאָגנ פירנ, פיר איכ. אוועטיס אינ דער לעדערקע האָט לאנג עפּעס ארומגעשפּאצירט איבערנ פעראָנ, נאָר קײנער האָט ניט געהאט קײנ נויטווענדיקײַט ניט אינ זײַנע רייד, ניט אינ זײַנע נאָטיצנ, ניט אינ אוועטיסעס אָנווײַזונגענ. שווײַגנדיק אונ אָנ ספּײקעס, האָט ער אונ אנדערע ארבעטער זיכ געלאָזט צוריק אפנ באַצירק,—אָנזאָגנ אגאבעקנ.

ערשט ארומ דרײַ אזײגער באנאכט זײַנענ די מענטשנ, נערווײַש גענעצנדיק, ארויס פונעמ סקלאַד, נאָר דאָ האָבנ זיי זיכ אויכ צעטײלט,—דער סעקרעטאר פונ רײַקאָמ, א בלאסער מענטש אינ בײַנערנע ברילנ, איז געבליבנ קעדײ בײַצוזײַנ אפ א פארזאמלונג פונעמ קעמערל. די צײַט האָט זיכ אָפּגעשטעלט. פארבײַ די טונקעלע פעסער, פארבײַ דעמ שטילנ רעגנדל, פארבײַ דעמ בלײכנ סקעלעט פונ הילצערנע באַלקנס פונ דעמ ניט־דערבויטנ סקלאַד, פארבײַ דער צעשוואונקטער דאמבע זײַנענ מענטשנ מיט אראָפּגעלאָזענע קעפּ געגאנגענ צומ צימער פונ

דעם סטאנציע־קלוב, וווּ ס'האָט זיך געררויטלט פונעם ווינקל דער קומאטש,
און די מענטשן זייַנען געווען אַלץ דיזעלבע: דער טעלעגראפיסט, דער
שעף פון דער סטאנציע, דער געהילף־שעף פונעם אייַזנבאן־באצירק,
די ארבעטער פון דער באזע, דער פארוואלטער מיטן סקלאד, דער
געהילף־פארוואלטער מיט דער פּאָטשט... דעם ערשטן רינג פון דער
קייט, ווי א קארעל פון א בייַטש קארעלן, האָט די רעוויזיע אָנגעטאפּט,
און דער ערשטער רינג האָט זיך ארויסגעוויזן פאר גאָרניט קיין איבער־
געשפּיצטער היפּאָטעזע וועגן א „טאראן": נאכלעסיקייַט און ניט קיין
געזונטע אנשטאלט־באציִונגען אף דער סטאנציע,— אָט וואָס ס'האָבן פאר־
צייכנט די אָנגעקומענע.

3

יעדער יאָר ווערט אין באשטימטע טערמינען דורכגעפירט א פּלא־
ניקע רעוויזיע. זי איז געוואָרן א טייל פון דער ארבעט זעלבסט, מ'איז
צוגעוווינט געוואָרן צו איר און מ'ווארט אף איר. יעדער אָפּטייל בא־
געגנט זי מיט א דורכגעשפּילטן פּאָרטראג, די ציפערן ווערן צו דער
רעוויזיע צונויפגעיאָגט אין באריכטן, אזויווי צום סאָף פון א סעמעסטער.
זי האָט זיך איר מעטאָד: פריִער דרינגט זי ארייַן אין שטאב, קעדיי
אויסצולערנען די פארוואלטונג־פאפּקעס, דורכצוקאָנטראָלירן די בוך־
האלטעריע; דערנאָך רוקט זי זיך ארייַן אינעם לעבן פון דער אונטער־
נעמונג, פּאָרשט אויס די ארבעט אפן אָרט, רופט צונויף אן אלגעמיינע
פארזאמלונג, הערט אויס די שטימען פון מענטשן און לאָזט אליין
אויך הערן איר שטים. נאָר אן אויסערפּלאניקע רעוויזיע, בלויז דער
פאקט אליין— איז אומגעריכט פאר א ווירטשאפטלער. אן אויסערפּלאניקע
רעוויזיע איז אן אויסדרוק פון אומצוטרוי, אן אופגעהויבענער אליארם,
א מין „די הענט ארוף!"— זי טרעפט ווי א דונער, זי באזוכט אייַך.

ס'איז נאטירלעך, אז דער כאווער מאנוק פּאָקריקאָוו איז געווען
באליידיקט, איז געווען דערנידעריקט אין זייַנע בעסטע געפילן, איז
געווען נערוויייש צערודערט. די אונטערשטע ליפּ דעם כאווער מאנוק
פּאָקריקאָווס האָט זיך אָנגעבלאָזן, ווי ס'פלעג מיט אים טרעפן אין
נערוויייש מינוטן. די באדערפעניש ארויסצוזאָגן זיך האָט אים דעם
גאנצן טאָג געהאלטן אין א פיבער, און צו נאכט־צו האָט ער ניט
געפילט קיין שום מידקייַט,— צוגייענדיק געשווינד צום אווטאָמאָביל,
האָט ער געטראכט פאר זיך, אומקוקנדיק זיך אומרויִק אף די אָנגעקו־

מענע: „סערעדניאקלעך, א דריבנער אוילעם!“ קיין איינער פון זיי וואָלט זיך ניט געקענט פארגלײַכן מיטן סאמע קלענסטן אינזשענער פון זײַן פארוואלטונג.

די „סערעדניאקלעך“ האָבן, קרעכצנדיק און גענעצנדיק פון מידקײַט, זיך ארײַנגעזעצט לעבן אים. דער הויפּט־אינזשענער האָט פארנומען אן אָרט לעבן דעם שאָפער. די רעוויזיע איז דאָס ערשטע מאָל אהער געפאָרן. כאָטש דער פעריאָד צײַט איז געווען אלגעמיין און אלציינס פאר אלע בויונגען, און אין דעם פעריאָד האָבן די פעלערן און די זינד געהאט איינעם און דעמזעלבן סטיל, האָט דאָך קיין איינער פון די דרײַ אינספעקטאָרן ניט פאראלגעמיינערט אין דער ארבעט און ניט ארויסגעפירט קיין טעאָריע. ער האָט נאָר אויסגענוצט אין דער פּראקטיק דאָס וויסן די טיפּישע גרײַזן. אזוי האָבן זיי שוין קימאט געוווּסט דעם גאנצן בוקעט, וואָס ס'האָט געווארט אף זיי. אין די גרענעצן פון דעמדאָזיקן בוקעט האָט געקענט זײַן נאָר „מער אָדער וויינעקער“, און דאָסדאָזיקע מער אָדער וויינעקער איז געפאלן אף דער גוטער אָדער אף דער שלעכטער אָנפירונג, אף גרעסערער אָדער קלענערער פייִקײַט פון מענטשן. זיי האָבן שוין געוווּסט, אז דאָ, ווי אף אנדערע ענלעכע בויונגען, וועט זיי באגעגענען א ניט־דערארבעטער פּראָעקט, א ניט־באשטעטיקטע סמעטע, גרײַזן אין די ערשטע געגעבענע, א אין אײַלעניש צוגעצויגענע עקאָנאָמיק; זיי האָבן געוווּסט, אז די באראקעס וועלן רינען, קיין שטיוול וועט מען ניט ארויסגעבן, די קלוב־ארבעט וועט הינקען אָדער זי וועט אינגאנצן אויספעלן, זיי האָבן אויך געוווּסט, אז דאָס אלץ טאָר מען אין דער פולער מאָס ניט אָנרופן און ניט זען, קעדיי ניט אָפּצונעמען דעם צוטרוי בא דער בויונג אין צענטער און ניט שטערן צו באקומען די קרעדיטן, — נאָר דאָס וויסן איז געווען ניט קיין פּראָגראמישעס, נאָר גיכער א אינסטינקטיווס, א פּראקטישעס, פּונקט אזוי ווי אינסטינקטיוו ס'איז אין די פינגער אָדער אין די פיס איינע א רעגילעס צו איינער און דערזעלבער ארט באוועגונג.

דער הויפּט־אינזשענער האָט, זיצנדיק מיט דער פּלייצע צו זיי, געטראכט וועגן דעמזעלבן, נאָר גאָר אף אן אנדער אויפן. דער שאָסיי האָט שפאן נאָך שפאן זיך אויפגעהויבן, יעדער ווערשאָק פונעם בארג־ארוף האָט באצייכנט דאָס פאלן פונעם טײַכל, וואָס איז געלאָפן זייער נידעריק. דער בארג־ארוף איז געגאנגען א סטרימקער, און דאָס פאלן איז געווען א סטרימקע, — דאָס טײַכל, א קליינס און א קליינוואסערדיקס,

האָט אָנגענומענ אינעמ פאַלנ אַזויפיל, וויפל ס'קענ אָנעמענ מיט טאַלאַנט אָדער מיט דער קראַפט פונ כאַראַקטער א מענטש א שוואַכינקער, א קראַנקער, א כאַלעש. גאַנצ טראַנסקאַווקאַז האָט אַרויסגעוואָרפנ פונ די שפיצנ פונ די בערג, פונ די שיפּוּיִמ פונ די קאַניאָנענ, פונ די פאַשע־הייכנ פונ די הויכלענדער אַסאַכ אַזוינע טײַכלעכ, מאָגערע אונ ענערגי־שע, אפנ כעזשבנ פונעמ פאַלנ,—מיט דעמ פיבער פונ דערדאָזיקער ענער־גיע האָבנ זיכ אונטנ אַרומגעגאַרטלט שטעט אונ טאָלנ. די טײַכלעכ האָבנ זיכ געדרייט, געמאַכט קערנ, שפרונגענ, שוועלנ. די צייכענונגענ פונ דידאָזיקע שלייפנ אפנ פּלאַנ האָט מענ געקענט איבערהאַקנ מיט א בלײַשטיפט, אויסרעכענענ, ווו איז באַקוועמער צו נעמענ אונ וווהינ איז באַקוועמער צו וואַרפנ אנ אָפשניט פונ דעמדאָזיקנ פאַלנ,—שטענדיק זײַנענ געפונענ געוואָרנ גלענצנדיקע מעגלעכקײַטנ, אונ אָט האָט דער אינזשענער געטראַכט וועגנ דער פראַקטיק פונ די אָנגעהויבענע בויונ־גענ, וועגנ דער נעשאָמע פונ דידאָזיקע טײַכלעכ, וואָס זיידע פּאָ־קוסנ האָבנ געקאָסט געלט אונ צײַט; וועגנ דעמ סאָד פונ טײַכ־בעטנ, וואָס האָבנ געגעבנ די סאַמע פאַרשיידנאַרטיקסטע קאָמבינאַציע פונ גרונט, אַנ אַנדערש מאָל—א שפאַלט אפ א שפאַנ די ברייט צווישנ מאַ־סיווע ווענט פונ פאָרפיריט, אָדער גאָר ליימ אונטערנ טופ, אַזויווי ס'איז געווענ בא זיי, אָדער פאַרשיידענע צעברעקלטע מינימ אפ עטלע־כע צענדליקער מעטער; וועגנ פאָקוסנ מיט וואַלגערשטיינער, וואָס זײַנענ ענלעכ אפ פּילקעס פונ ריזנ,—ער האָט געטראַכט וועגנ דער סומע דערפאַרונג, וואָס וועט זיכ באַקומענ אינ דרײַ, אינ פינפ יאָר אַרומ, ווענ מיט זייער איינזאַמער אָנשטרענגונג, מיט דעמ שווייס פונ טויזנטער ניט־דערפאַרענע, ניט־געלערנטע אַרבעטער, מיט דער אוראַלטער אַרכאַיִש־קײַט פונ שטאַנגעס, מיט דער אָרעמקײַט פונ מאַשינעס אונ פונ אויס־שטאַטונג, מיט דער קאַפצאָנישקײַט פונעמ לעבנ, מיט דער שווערקײַט פונ די באַדינגונגענ אינ דידאָזיקע ווילדסטע פונקטנ, וווהינ ס'איז שווער צוצוקומענ אונ צו ברענגענ ברויט אונ ס'איז שווער א מענטשנ צו פאַרנאַרנ,—וועט דערגרייכט ווערנ וויסנ—קאָלעקטיוו וויסנ, ס'וועט אָנגעזאַמלט ווערנ דערפאַרונג—קאָלעקטיווע דערפאַרונג. מיט וויסנ, וואָס איז דערהויבנ אויפגעשטאַנענ אַנטקעגנ זיי, האָט געקוקט אפ אימ פונעמ דנאָ פונ דער מיזינקע די הערשערנ פונ דידאָזיקע ערטער, די צוקונפ־טיקע הידראָצענטראַל. ריידנ האָט ער זיכ געפוילט, אונ ער האָט נאָר געזאָגט אומגעריכט אונ ניט זייער הויכ:

— די פראָעקטירונג שטייט אָפ איבער אַ גאנצער ריי סיבעס... נאָר טאקע דערפאר איז נאָך מערקווירדיקער בא אונדז די פראָעקטירונג.

פונדעסטוועגן האָט מאנוק פּאָקריקאָוו ניט געלאָזט אים ענדיקן. דער כאווער מאנוק פּאָקריקאָוו, ווי זיי אלע, האָט אויך געטראכט וועגן דיזעלבע זאכן, נאָר געטראכט האָט ער ווידער אפ זײַן אויפן. קימאט מיט יעדער מעטער האָט דער שאָסיי געמאכט א זיגזאג, דער שאָפער האָט געפּאָרסקעט אין דער פינצטער ארײַן מיט דער סירענע און פארלאנגזאמערט די מאשין, און דער כאווער פּאָקריקאָוו האָט, אָפּוואַרפנדיק זיך בא יעדן פארקערעווע, זיך זעלבסט פאָרגעשטעלט אלס דער, וואָס האלט דעם רול. ער האָט געזען דעם דורכגעגאנגענעם וועג, ווי א קייט פון אייגענע אָנשטרענגונגען. „איך", וואָלט געקענט זאָגן דער כאווער מאנוק פּאָקריקאָוו. ווער, אויסער אים, וואָלט געקענט אין אזא צײַט, ווען פון אלע זײַטן זײַנען געגאנגען קלאנגען, אז דער פּראָעקט איז דורכגעפאלן, אז די סמעטע איז ניט באשטעטיקט, אין צענטער איז אפ ענדערונג פון דער פּאָליטיק, אפן אָרט בײַטן זיך מענטשן, ווען ס'איז געווען אזוינע מינוטן, אז אפילע דער קלײנבירגער האָט אונטערגעשמועסט, אז דער קורס אפ עלעקטריפיקאציע איז מיעס דורכגעפאלן און ס'איז געגעבן א לאָזונג זיך אײַנהאלטן אביסל, — ווער וואָלט געקענט אויספילן די אופגאבע ניט צו צעוואלגערן די בויונג? און געלט? פארזשמורעט די אויגן און אראָפּגעלאָזט די שטים, איז דער כאווער פּאָקריקאָוו גרייט געווען צו געבן אן אָנצוהערעניש אפ איינע קלײנינקע אומשטאנד — פארבינדונגען. א צופעליקער, נאָר א גליקלעכער אומשטאנד, — אויסער אים וואָלט קיין איין מענטש ניט געקענט קריגן קיין געלט, און קריגן געלט, ווען ס'איז ניט באשטעטיקט די סמעטע און מ'דארפ צאָלן ארבעטער, פאר מאטעריאלן דארפ מען באצאָלן, אָנגעשטעלטע דארפ מען באצאָלן, די אינזשענערן און דער פארוואלטונג דארפ מען באצאָלן, — דאָס איז אײַך ניט קיין אבי וואָס! ווען ניט ער, אָ־אָ, ווי וואָלטן שוין געווען אײַערע אינזשענערן. האלב וואָלט אָפּגערעדט טיפליס, קיין שלאָסערס וואָלט מען באטאָג מיט קיין ליכט ניט געפונען, די בעסטע ארבעטער וואָלטן זיך צעלאָפן. איר שטעלט זיך גאָרניט פאָר דעם פאקט, — אײַנהאלטן דאָס געשעפט בא א פולקאָם אומבאשטימטער צוקונפט. און די פאראנטוואָרטלעכקײַט!

— די גאנצע פאראנטוואָרטלעכקײַט האָב א י ך געטראָגן, — האָט א זאָג געטאָן פּאָקריקאָוו, און פונדערווײַטן האָט דער העלדנטאט אויסגעוויזן

קימאט גראנדיעז, כאָטש ער האָט זיך צונויפגעלייגט פון געשפּרעכן אין טעלעפאָן, פון דעם דורכשווינדלען פון די פולבלעכע פּיסעלעך, וואָס אין די קראגן,—איג אן אוטאָמאָביל, אָדער, ווען זיי פלעגן געשווינד ארופלויפן אפ טרעפּ, פון דריקן די הענט, פון א שטים, וואָס איז פול מיט וויכטיקע אינטאָנאציעס, פון אײַלעניש, פון דעם, מעגלעך, וואָס דער כאָווער מאנוק פּאָקריקאָוו אליין האָט זייער ווינציק געפרעגט זיך און אנדערע, וואָס איז דאָס אזוינס מיזינגעס און וויאזוי איז ער פארטראכט.

— איך האָב פינף קילאָ פארלוירן פאר די ערשטע דרײַ כאָדאָשים.

דאָס ארויסרופן די רעוויזיע האָט ער געהאלטן פאר אן אקט א בײַזווייליקן, ניט פארגינערס—איינס, אינטריגאנעס—צוויי.

— אינטריגאנעס זײַנען באַ אונדז וויפל איר ווילט...

דער שאָפער, וואָס האָט, מעגלעך, געהערט, האָט ניט אָפּגעקערעוועט פאר עפּעס א שטיין, און ס'האָט די מאשין שטארק א העצקע געטאָן.

— וועמען האלט איר פאַך אינטריגאנעס?—האָט געפרעגט איינער פון דער קאָמיסיע.

— איך קען אײַך פּערסאָנעל ניט אָנווײַזן, וועמען איך האלט פאר אינטריגאנעס,—ער האָט פון דער זײַט געכאפּט א קוק אפן שאָפער,—נאָר איר וועט זאָגן, אז ס'איז נאָרמאל, ווען אפ דער וויכטיקסטער בויונג פון דער רעפּובליק געפינט מען ניט קיין מער פּאסיקע פארשוינען, ווי, לאָמיר זאָגן, דעם אָרטקאָם,—א האלב־גראמאָטנער לעדערניק און נאָך אָן א פּראָפּסטאוש, גלײַך פון דער פאבריק פאר א פּאָרזיצער פון אָרטקאָם, אפ אזא קאָמפּליצירטער און פאראנטוואָרטלעכער בויונג, ווי מיזינגעס. און די רוסישע שפּראך ווי געהעריק קען ער נאָך ניט. איך האָב אליין געארבעט אין פּראָפּראט, איך בין צוויי יאָר געווען, אויב ס'איז אײַך ניט באוווסט, א פּאָלקאָמארבעט,—ס'איז מיר לעכערלעך געווען ווען מ'האָט אָנגעוויזן אונדז, דער פארוואלטונג, אפ כעסרוינעס. איך אליין וועל דאָך בעסער פון זיי, אויב מ'וועט דארפן, אָנווײַזן די כעסרוינעס! נאָר, איר ווייסט, אגיטירן, שטעקנס אין די רעדער אריינשטעלן, יעדער טאלאנטלאָזיקייט, יעדער טויגעניכטס און שווייצער אופהייבן פארן קאָלנער אפ אונדז,—איך וועל עס אײַך דאָקומענטאל באַווײַזן,—דאָס איז שעדיקערײַ!

זיי זײַנען שוין צוגעפאָרן צום באצירק, דער הויפּט־אינזשענער האָט אונטערגעהויבן די וויעס, און אפילע דער שאָפער האָט געכאפּט

א קוק אַראָפּ: יעדערער, וואָס האָט געזען דאָס אָרט צום ערשטן מאָל, און דער, וועמען עס איז שוין לאַנג באַקאַנט געווען, האָט ניט געקענט בלײַבן גלײַכגילטיק באַם אַרײַנפאָרן אַפן באַצירק.

דאָס איז געווען אַלץ דערזעלבער לאָרישער קאַניאָן, די ערד צענרמען ווי א פאָכער מיט א גאַנג אין איר, א דורכגעגראָבענעם פון דעם אומדערמידלעכן טײַכל; און איבער דער ערד, מיט לאָקן אַפ דעם אויסגעשטערנטן און שוין בלאַסן הימל, איז געשטאַנען א פאַרפלאָנטערט, שיטער, נאָך הויל װעלדל פון קליינוואוקסיקעביימער, אַרומגעפּרעסן פון ציגן.

מיט א מאָדנער אויסגעשטשירעטקײַט זײַנען געלאָפן אַראָפּ די שטיינער, שפּילנדיק ווי האָזן אין פעלד, אָן מוירע פאַר א מענטשן: זיך צוגעזעצט אַפ די אונטערשטע לאַפּעס, זיך אויסגעצויגן מיטן גאַנצן קערפּער און אויפגעהויבן אַן אויער. און אונטן, אַרויסשפּאַרנדיק פּאָרויס דעם אויסגעשטשירעטן פּיסק מיט די אָנגעשפּיצטע שטיינערנע וואָנצן, האָט שטאַרצנדיק זיך געהויבן צווישן זיי, ווי צוגעזעצט זיך פאַר א שפּרונג, דער באַרג ק א צ.

— און דאָס ווען האָט מען געמאַכט? — האָט א שמייכל געטאָן דער הויפּט־אינזשענער.

זיי אַנטקעגן האָט, בליצנדיק דורך דער פינצטערניש, געברענט אַפ דעם באַרג ק א צ א רויטער שטערן.

דער שאָפער האָט פאַרלאַנגזאַמט דעם גאַנג און האָט אָנגעהויבן אַפ אַרמעניש וועגן וואַרטאַנען און גורגענען, נאָר ער האָט נאָך ניט באַוויזן ווי געהעריק עס צו זאָגן, ווי די מאַשין האָט ווייך זיך אַרײַנגעקײַקלט אין דעם באַראַק־שטעטל. וווּ־ניט־וווּ האָט געברענט שײַן. רעכטס און לינקס זײַנען דורכגעפלויגן באַראַקן מיט פלעקן פון באַוויכטענע פענצטער, אַפ הויכע סטויפּעס האָט זיך געהוידעט שײַן, — נאָר די פינצטערע פענצטער פון דער קאָנטאָר און פון די אויבערשטע באַראַקן זײַנען געשלאָפן; כאָטש אַפ דעם באַצירק איז, ווי אומעטום אַפ דער ערד, געווען אַסאַך אָנגעלאָפענע הינט, וואָס האָבן געלעבט אין די פינצטערע ווינקלען לעבן די קאַסטנס מיט מיסט, זײַנען דידאָזיקע הינט ניט אַרויסגעשפּרונגען און האָבן ניט אָנגעהויבן בילן, — דעם דאָרפישן סטיל האָבן אין דעמדאָזיקן אָרט אָפּגעשאַפט אַפילע די הינט.

אַגאַבעק האָט זיך אײַנגעגאַנצן ניט געלייגט שלאָפֿן. זײַנע אויגן אין בלויע רעדער, רויט פֿון שלאָפֿלאָזיקייט, דער קראַנקער געביין, דעם הויקערס אומגעזונטער קערפּער מיט צעשטערטן שטאָפֿ־וועקסל,—מיטן שטאַרק בלויען אָוואַל, מיט דער געלקייט פֿונעם מויל, מיט דער אָנגעבראָקנעטער האַנט מיט קאַלטע, פֿײַכטע אומרויִקע פֿינגער איז געווען ביז גאָר אויסגעצערט. נאָר די עקזאַלטאַציע האַלט אַגאַבעקן, ער איז געוואָרן אַ הילצערנער, ער האָט זיך אינגאַנצן מאַקרעווו געווען,—יעדערער, ווער ס׳גייט אַרײַן אין דעם צימער, קוקט אויף אַגאַבעקן מיט דעם דאָרשטיקן בליק, מיט וועלכן די מענטשהייט קוקט אויף אירע פֿירערס אָדער אויף אַ פֿרײַען הענגער,— אַגאַבעק נעמט איבער די לאַסט פֿון פֿרעמדע אַקסלען. דער צימער, וווּ ער וווינט, שמעקט קימאַט ניט מיט קיין וווינונג. יעדערער אויפֿן באַציִרק, אַפֿילו אַ סעזאָניק, לעבט זיך אײַן אין זײַן ווינקל און פֿאַרפֿירט עפּעס ענלעכס אויף באַקוועמלעכקייטן: זאָל עס זײַן כאָטש אַ ציגל אין אײַוועלע אויף אונטערהאַלטן די וואַרעמקייט, אָדער מאַכאָרקע אין אַ צײַטונג, אונטערגעשטעקט אונטערן מאַטראַץ. נאָר דער אײַנזאַמער הויקער, באַהערשט פֿון דעם געפֿיל פֿון סאָף, האָט פֿון אַ געוויסער צײַט אײַנגאַנצן אויפֿגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם גאַנג פֿון לעבן. ער האָט ניט אַראָפּגענומען די שטיוול, זיך ניט געלייגט אויפֿן בעטל,—אַ גרויער קאָטער מיט אַן אָפּגעביסענעם אויער, וואָס איז אויסער דעם באַלעבאָס געווען דער איינציקער אײַנוווינער פֿון דעם דאָזיקן צימער און וואָס האָט זעלבשטענדיק זיך דערנערט, איז געווען באַהערשט פֿון אַ אומרויִקייט, ווי בײַ אַ מענטש. דער קאָטער, אַז ער פֿלעג אַנדרימלט ווערן, פֿלעג ער אויפֿציטערן, ער פֿלעג צעעפֿענען אין דער גאַנצער ברייט זײַנע בלויע אויגן, האָט געביטן דאָס אָרט און אויפֿגעהערט זיך וואַשן. דער קאָטער פֿלעג שפּרינגען, דאַכט זיך, אָן אַ שום נויטווענדיקייט פֿון פֿענצטער אַראָפּ, פֿון אונטן אויף דער טאַבורעטקע,—דאָס פֿענצטער און די טאַבורעטקע זײַנען געווען ליידיק, דער קופּליק און די טעלער זײַנען געשטאַנען ליידיק, דער קאַלענדאַר אויף דער וואַנט איז געהאַנגען מיט דאַטעס צוריק, דער צימער איז איצט געווען קעלטער און פֿאַרלאָזענער פֿונעם אָרטקאָם, וווּ מ׳האָט טאַקע ביז איצט ניט אויפֿגעהאַנגען די טיר. נאָר אינעם דאָזיקן צימער איז, ווי אין אָרטקאָם, געשטאַנען דערזעלבער דינער און שאַרפֿער רייעך, ער איז אַרויסגעגאַנגען פֿון אַגאַבעקן זעלבסט,

און נאָר ער אַליין איז געווען אַ רעאַלע זאַך. דער רײַך איז געווען אַזאַ, וואָס ס'איז בעשומויפֿן ניט מעגלעך אים צו באַשטימען. די, וואָס האָבן ליב געהאַט אַגאַבעקן, האָבן אים גוט געקענט, — אַזוי שמעקט, מעגלעך, טובערקוליאָז, אָדער אַזוי שמעקט אַן אויסגעצערטער קערפּער, וואָס איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז מער קען מען שוין ניט, ביז זיך זעלבסט פֿאַרגעסן, — אַ דינער, ווי ווײַרעך, אַ רײַך פֿון פֿעל, וואָס איז פֿאַרברענט געוואָרן פֿון אײַביקער אינעווייניקסטער היץ.

אויף דער פּאָלעצע האָבן מיט גרויען שטויב זיך באַדעקט די ביכער. אַגאַבעק האָט אויפֿגעהערט צו לייענען. ער האָט עס געטאָן ניט מיט אַמאָל: די אויסיעס זײַנען געגאַנגען לאַנגזאַם, האָבן געפֿאָדערט באַדינג־לעכקײַט, האָבן אָנגעבונדן מיינונגען און האָבן ניט געענטפֿערט. — ער האָט זיי צוגעמאַכט, האַלטנדיק דעם בוך אין די הענט מיט ביידע דלאָניעס, ווי ער וואָלט דערקוועטשט אַ פֿליג, און דערנאָך האָט ער מער ניט געלייענט. די צײַטונגען האָט ער פֿון קאָנטאָר ניט אָפּגענומען, זיי האָבן זיך אָנגעקליבן, און שטילערהייט האָט שוין יעדערער, ווער ס'האָט נאָר געהאַט אַ לאַנגע האַנט, געשלעפּט זײַנע צײַטונגען.

אַז ס'איז באַוווּסט געוואָרן וועגן דעם אָנקום פֿון דער רעוויזיע, האָבן מענטשן נאָך אָפֿטער אָנגעהויבן אַרײַנקוקן צו אים, און אין יע־נער נאַכט האָט אַהער אַרײַנגעקוקט שיר ניט דער גאַנצער באַצירק, לאָזנדיק נאָך זיך נײַע אָנקלאָגעס, — אין אַגאַבעקס פּאַפּקע זײַנען געווען באַזונדערע בויגנס, וווּהין ער פֿלעג אַרײַנשרײַבן מיט קרומע בוכשטאַבן אויף אַרמעניש די טײַנעס פֿון די אָנקלאָגערס, — דער בריק האָט געהאַט אַ באַזונדערן בויגן, דער קאָאָפּעראַטיוו — אַ באַזונדערן, דער קאָמפּרע־סער — אַ באַזונדערן, דער אָפּפֿיר־קאַנאַל... איבעריקנס, איז מיטן אָפּפֿיר־קאַנאַל אַרויס אַ גאַנצע געשיכטע. ווען פּאָקין האָט דערהערט, אַז אַגאַבעק פֿירט צעטלען פֿון אָנקלאָגעס, האָט ער זיך אַרײַנגעריסן צו אים מיט אַן אויפֿגעהויבענעם פֿויסט.

— דו זאָג מיר נאָר, וועמען הערסטו? אַריסטיד סאַמסאָנאָווס הערסטו? דו זאָג מיר בעסער, ווי האָט אַריסטיד סאַמסאָנאָוו זיך אַרומגעשלעפּט, ווען מיר האָבן געראַטעוועט די איבערצוימונג, דו באַווײַז מיר אַריס־טיד סאַמסאָנאָוון, ער זאָל מיר זיך קלאָגן, מיר זעלבסט, אָט וועל איך אויסהערן אַריסטיד סאַמסאָנאָוון!

פּאָקין איז שטיל געוואָרן, האָט זיך אַוועקגעזעצט און אויסגעווישט דעם שווייס. ער האָט געזאָגט אַגאַבעקן: „מעגסט זיך שעמען". ער האָט

קיינ צייַט ניט געהאַט זיכ פאַנאַנדערצוקלייַבנ, ווייַל די דרייַ טעג זינט ס'איז דורכגעגאַנגענ דאָס גרויסע וואַסער האָט פאָקינ געציטערט פאַר דעמ אָפּפיר־קאַנאַל, — צי וועט אויסהאַלטנ די איבערצוימונג. אינ די באַראַקנ האָט מענ אימ ניט אָנגעקוקט. נעכט אונ טעג איז פאָקינ ניט אָפּגעגאַנגענ מיט א גרופּע ארבעטער, באַשיצנדיק די איבערצוימונג. נאָר די ארבעט איז סייַווי געווענ א גוטע. קימאַט א פאַרענדיקטער, — דעמ לעצטנ פּאָרמע־רייפ האָט מענ הייַנט אראָפּגענומענ, — האָט דער טונעל, פאָקינס שטאָלצירונג, ניט געליטנ. ער איז געשטאַנענ, ווי א שייַנענדיק מויל פונ א האַרמאַט, — א קלייניקע, פונ געהילצ אָפּגערייניקטע שלאַנקע דעטאַל פונעמ גאַנצנ, איז זי אליינ, קענ מענ זאָגנ, געווענ א באַווייַז פאַר דער בויונג, אונ אינ א וואָכ ארומ מעגנ שוינ אלע וואַסערנ פונ די נאַסע בערג ארייַנגיינ אינ אימ. דער טונעל איז פאַרענדיקט! פריילעכ אונ מיט ווערטלעכ האָט א נייַער ארבעטער מיט אנ אומגעוויינלעכנ פאַר די היגע ערטער אונ מיט א זעלטענעמ נאָמענ „סאָפּלאָוושטשיק“ קונציק געארבעט מיט דער סאָפּלע, פאַרשיטנדיק פונ א צעמענט־האַרמאַט מיט א טרוקענעמ, אפ ארבעס ענלעכנ רעגנ די גלאַטע אייַנגעבויגענע זייַטנ אונ דעמ הימל פונעמ טונעל: ער האָט טאָרקרעטירט... דאָס איז געווענ די לעצטע אָפּעראַציע.

— בעסער וואָלסטו ארייַנגעגאַנ א קוק טונ, וואָס איז דאָס פאַר אזא זאַכ, טאָרקרעט. אונ וואָלסט געזענ, ווי די ארבעטער צעעפענענ די מייַלער, אונ וואָלסט א טראַכט געטאָנ וועגנ העכערנ די קוואַליפיקאַציע, — מיט א סאָפּלע, גוטער־ברודער, זיכ אויסלערנענ ארבעטנ איז ניט קיינ ציגאַר אויסרויכערנ. איכ אליינ לערנ זיכ, איכ... — דאָ האָט פאָקינ איבערגעבויגנ צומ אָרטקאָמ זייַנ קייַלעכיקנ, ווי בא א מיידעלע, קלייַענדיקנ פּאָנעמ אונ האָט הארציק אונ עטוואָס שעמעוודיק, ווי אנ אנדערער וועגנ ליבע, אונ מיט אנ אראָפּגעלאָזענער שטימ געפרעגט בא אגאַבעקנ מיקויעכ דער לאַבאָראַטאָריע אפ בעטאָנ, — צי האָט אגאַבעק געזענ די לאַבאָראַטאָריע אפ בעטאָנ.

— אנ אינטערעסאַנטע זאַכ דער בעטאָנ!.. גיי זיכ דורכ, הער אביסל דעמ־גרוזינ. אינ א יאָר צענ ארומ... עכ, אגאַבעק, ווענ דער בריק וואָלט אונדז ניט אָפּגעטאָנ. דו ווייסט, פאַרשאָלטנ זאָל דאָס זייַנ, וויאַזוי דער דאָזיקער בריק האָט אונדז דערלאַנגט! ווענ דער בריק וואָלט אונדז ניט אָפּגעטאָנ, וואָלטנ מיר שוינ איצט צעוויקלט די לאַבאָראַטאָריע, ס'וואָלט איצט שוינ פונקט געווענ צייַט צו גרייטנ זיכ צומ וואַסערדרוק־טונעל.

ווייסט, איכ האָב באשלאָסנ אינ דער צוקונפט זיכ ספּעציאליזירנ אפ בעטאָנ. אינ א יאָר צעג ארומ...

אגאבעק האָט אליינ ניט געוווסט, פארוואָס פּאָקינס וויזיט, סאמע פאר דער רעוויזיע, האָט אימ אזוי אופגערעגט. ער האָט געוואָלט אויסוואָרפנ פּאָקינענ, נאָר ער האָט ניט געפונענ קיינ ווערטער. אגאבעקס לעקסיקאָנ איז געווענ אָרעמ, „אפּאָליטישער“—אָט איז דאָס וואָרט. אינ אזא מינוט, ווענ ס'גייט א קאמפ, ווענ דער קלאס קעמפט פאר זיכ, ווענ דער סוינע האָט אָנגעשפּיגנ אינ פּאָנעמ דעמ ארבעטער־קלאס, אינ אזא מינוט זיכ אָנצינדנ מיקויעכ בעטאָנ,—נאָר זאָגנ אָט דאָס אלצ האָט ער ניט געקענט, ווייל דאָס וואָרט „אפּאָליטישער“ איז אימ געווענ ניט באקאנט ניט אפ רוסיש, ניט אפ ארמעניש.

— דאָס איז גוט, וואָס ס'וועט קומענ די ארבעטער־פּויערשע אינספּעקציע,—האָט פלוצלינג אומגעריכט געזאָגט פּאָקינ אונ זיכ אופגעהויבנ פונ דער טאבורעטקע,— זייער גוט! אויסגעצייכנט, זי וועט אונטערציענ דעמ אוילעמ, אונ דאָס צווייטע 'מאָל וועלנ זיי שוינ פארזאָגנ א צענטנ צו בויענ אזוינע בריקנ.

— א! אז ס'איז דערגאנג צו דיינ פעל, איז דו אויכ,— האָט פינצטער געזאָגט אגאבעק אונ א גלאנצ געטאָנ אפ אימ מיט זיינע רויטע אויגנ.—דער בריק, האלט איכ, איז די לעצטע זאכ, א דאנק אימ,—ער האָט אונדז געהאָלפנ...

נאָר פּאָקינ האָט ניט געהערט, ער איז אוועקגעגאנגענ. ער האָט איבערגעלאָזט אגאבעקנ אינ דער סאמע שארפסטער מינוט פונעמ שמועס,—אונ אלע פלעגנ אימ איבערלאָזנ זיכ ניט דערעדט. אראָפּגעלאָזט דעמ קאָפּ אראָפּ אפ זיינע פּאפּירנ, אפ דער פּאפּקע מיט אָנקלאָגעס, האָט אגאבעק פלוצלינג דערהערט א גרינגנ ריר אפנ אקסל,—דאָס האָט דער גרויסטער קאָטער, א צערודערטער, זיכ ארופגעקליבנ צו אימ אונ אומרויִק צעעפנט די שווארצאפּלענ. אגאבעק האָט אראָפּגענומענ דעמ קאָטער,—דער קאָטער איז געווענ א באזונדערער, ער האָט ניט ליב געהאט קיינ לאסקעס אונ איז ניט אָפט געגאנגענ צו מענטשנ, ער איז געווענ צעביסנ אינ שלאכט מיט שטשורעס, עטוואָס פליכעוואטע אינ דעמ אָרט, ווו ס'איז געווענ פארוווּנדעט דער אויער, זיינע האָר זיינענ קויטיק געוואָרנ, דער וויידל—דינ אונ אלט. נאָר איצט, איבערלעבנדיק אנ אומרויִקייט, איז דער קאָטער ניט אוועקגעגאנגענ אונ האָט געקראצט מיט די נעגל בא אגאבעקס פיס.

אפילע פאר זיכ אלײנ האָט דער הויקער ניט געוואָלט זיכ מוידע זײַנ, וואָס עס ריזעט אימ. אינעמ ערשטנ פעריאָד פונ קאמפ האָט ער געוווּסט, פארוואָס אונ קעגנ וואָס. ער האָט דערקלערט אזויװי אלע האָבנ דערקלערט. מאלע וואָס ערגעצ איז ניט ריכטיק אװעקגעשטעלט די ארבעט; נאָר אָט איז שוינ עטלעכע טעג, אז אגאבעק האָט פארלוירנ דעמ מוט. צי איז גאָר דאָ ערגעצ, ווו ס'איז בעסער? צי איז עפּשער אומעטומ ניטאָ קײנ וועג פאר דעמ ארבעטער־מענטש! אפּנ שילד ביסטו דער באלעבאָס, איז דאָכ דאָס אָבער נאָר א שילד, אונ אינדערעמעסנ איז דאָ פאר דיר נאָר אײנ וועג—ביסט גאָרנישט. דעמ גלויבנ, אז מ'וועט אימ דערהערנ, אונ די לאגע וועט זיכ איבערבײַטנ, האָט ער פארלאָרנ. שלאָפלאָזיקע נעכט, ניט דערעסנ, שוואכקײַט, דער הוסט, וואָס האָט זיכ אומגעקערט צו אימ אונ האָט אימ נעכטווײַז ניט געלאָזנ צורו, — ער איז געלעגנ, געקוקט אינ דער פינצטערניש ארײַנ, אָדער געזעסנ אָט אזוי מיטנ קאָפּ אינ די הענט אונ אָנ אופהער געקוקט פאר זיכ אינ אײנ פּונקט. אפילע קײנ פאקטנ זאָלנ ניט געווענ זײַנ, וואָלט ווי א פאקט פאר אימ אופגעשטאנענ זײַנ אײגענע אײנזאמקײַט, דער טונקעלער ווײטעק אינ קאָפּ, דער טונקעלער שטראָמ פונ געדאנקענ אונ דאָס ניט־פּאָלגנ פונ די הענט, די הילפלאָזיקײַט פונ די פינגער,—אכ, ער קענ אזוי ווינציק, יעדערער, ווער ס'וויל נאָר, קענ אימ אָפּנארנ, אָפּלאכנ פונ אימ, ער האָט ניט די מעגלעכקײַט אָנצושרײַבנ—אָדער אָנצורופנ, אָדער צערײַסנ דעמ שפּינוועבס, וואָס שטיקט אימ. ער איז א ווײניק־איווּרעדיקער, אָט אינ וואָס די צאָרע באשטײט. וויאזוי זײ ווילנ, אזוי דרײענ זײ, וואָס ס'קומט זײ אינ קאָפּ ארײַנ, דאָס טראָגנ זײ אונטער,—ווער קענ זײ קאָנטראָלירנ,—פריצימ, פריצימ, אָט ווער זײ זײַנענ! אונ די רעוויזיע, וואָס ער האָט אפּ איר געוואַרט, וואָס ער אלײנ האָט זי ארויסגערופנ, וואָס פאר א רעוויזיע צו אלדערוכעס! ווּעמענ מ'דארפ, וועלנ זײ באפוילנ, וועלנ א דרײ טונ מיט די קעפּ צווישנ זיכ, אונ אָט האָסטו דיר די גאנצע רעוויזיע.

מעגלעכ, אז אגאבעק איז קראנק געוואָרנ, מעגלעכ, אז ס'איז פאראנ אזא ארויסגעדרײטקײַט פונ געפילנ, אזא ראק־געשוויר פונ געדאנק, ווענ דאָס גאנצע וועזנ דעמ מענטשנס פארלירט די אקס, בײגט זיכ אָנ אינ אײנ זײַט, זעט אונ הערט נאָר אײנ האלבע,—דאנ כאפּט זיכ וואָס גיכער צו העלפנ דעמ מענטשנ, אז ער זאָל ניט פארפאָרנ אונ זיכ ניט צעקלאפּנ, דער יאט.

נאָר אלנפאלס איז ניט דער נאטשקאנצ זאכאר פעטראָוויטש דער, וואָס וועט זיכ כאפנ העלפנ דעמ מענטשנ! דער נאטשקאנצ איז אויכ ניט געשלאָפנ, כאָטש לעפאָנעמ, קעדיי צו באהאלטנ די שפורנ, האָט ער געטאָנ די ארבעט ניט אינ קאָנטאָר, ווו ס׳איז געווענ פינצטער, נאָר בא זיכ אינדערהיימ, מיט וואָלאָדיענ כאַר א געהילפ, בא געדיכט פארהאנגענע פענצטער. ער האָט געבראכט אינ אָרדענונג די כעזשבנביכער, ער האָט אפגיכ פארענדיקט די קאָמפליצירטע כעזשבנפירונג, פארגלייכנדיק די ציפער מיט א פריש בלעטעלע פונ בלאָקנאָט, ווו עס זיינענ געווענ אפדערגיכ פארשריבנ עפעס קונציק אויסגעמארקירטע צייכנס,—זאָל גאָט אָפהיטנ, עמעצער זאָל מיינענ, אז אויסגעמארקירט אונ פארשריבנ האָט זאכאר פעטראָוויטש פולקאָמ זעלבשטענדיק אונ אפ זיינ אייגענער איינשטעלעניש. ס׳וואָלט אויכ געווענ א זינד צו מיינענ, אז ער האָט עס געטאָנ, זיכער זייענדיק אינ זיינ ניצאָכנ. פארקערט, ער איז געווענ אומרויִק, ער איז געווענ מיִעס בלאס, ס׳האָט אימ געשטיקט א גרעבצ, כאָטש ער האָט ניט אופגעגעסנ די היימישע וועטשערע, וואָס קלאוואָטשקע האָט אימ פונ פארנאכט געלאָזנ אפנ פענצטער: דער גרעבצ, דארפ מענ רעכענענ, איז אימ געקומענ פונ נערוועזיטעט. נאָכ פונעמ וואָקזאל האָט דער כאווער מאנוק פאָקריקאָוו, וואָס האָט געשעצט דעמ נאטשקאנצ, אָנגעקלונגענ אונ האָט אימ געזאָגט, אז ער וועט קומענ, אונ דערווייל האָט ער אימ געפרעגט מיקויעכ דעמ אונ יענעמ. צו אינדערפרי האָט ער גערעכנט ענדיקנ די ארבעט. די קאָמפליצירטע אויסרעכענונגענ זיינענ שייעכ געווענ צו יענע גראפיקעס, אינ וועלכע ער האָט זיכ דערמאנט נאָכ באמ בריק, ווענ דער בריק איז אומגעקומענ,—דאָס אראָפרעכענענ די ווערט פונ דעמ געראטעוועטנ געהילצ, פארשיידענע אנדערע ניט־פאָרויסגעזעענע מאָמענטנ, א נייער פונקט, וואָס איז ניט איינגעשלאָסנ געוואָרנ אינעמ ערשטנ צעטל,—דער בריק, אויסגערעכנט אפ דער רעכנ־ברעט, האָט אראָפגעוואָרפנ פונ זיכ דעמ איבעריקנ לאסט פונ רובלענ אונ איז ארויסגעשווומענ אויב נישט גאָר ווי א זויג־קינד, איז דאָכ באדייטנדיק ביליקער.

— זאָלנ זיי דאָרט הייזעריק ווערנ, זאָלנ זיי טרייבנ רעכילעס,— האָט ער געזאָגט אינ פראָצעס פונ דער ארבעט צו זיינ געטרייענ געהילפ וואָלאָדיענ,—א פייג זיי אונטער דער נאָז, אונ דו געדענק מיינע ווערטער,—די רעוויזיע וועט נאָכ אָפדאנקענ די בויונג פאר ביליקייט!

אז די מאשינ איז צוגעפאָרן, האָט ער אונטערגעבויגן אן עק פונעם פאָרהענגל און האָט געקוקט אפ די אָנגעקומענע. זיי האָבן זיך אופגעהויבן אפ נאכלעגער אינעם באראַק פאר אָנגעקומענע,—און דאָרט האָט מאריאנקע אפ דעם נאטשקאנצס פאראָרדענונג נאָך פון פארנאכט הייס אָנגעהייצט, פארשפרייט די בעטן מיט ריינס, באשאָטן מיט א פראָשעק פון וואנצן, א סאמאָוואר און אלע איבעריקע זאכן,—זאכאר פעטראָוויטש האָט גאָרנישט ניט פארגעסן. די געסט וועלן זיך אויסשלאָפן, און אפ מאָרגן איז גאָט א פאָטער. ער האָט דערזען, אז דער כאווער מאנוק פאָקריקאָוו האָט נאָכדעם, ווי ער האָט זיי באלייט, אליינ פארקערעוועט אינ א זײַט,—נעכטיקן צום שעפ פונעם באצירק, האָט ער צונויפגענומענ אייניקע פאפירן, אָנ א גערויש ארופגעוואָרפן דעם מאנטל אפ די אקסלען און זיך אויך געלאָזט גיינ אהינ.

— וואָלאָדיע, טאָמער וואָס עפּעס, זאָלסטו פרעגן בא מיר. פאטער ניט קיינ פאפיר, כ'וועל אפ א מינוט צען, צוואנציק ארײַנגיינ צו לעוואָנ דאווידאָוויטשן,—און דו זאָלסט שוינ דאָ,—טו א טויווע...

— סײַווי זעט איר דאָך, זאכאר פעטראָוויטש, אינ שווייס פונ מײַנ פּאָנעם!

5

צוויי טעג איז די קאָמיסיע פון א. פּ. אי. ניט ארויס פון קאָנטאָר, און דאָ וואָלט א יוישער געווען צו דערמאנען דעם געלט, כאָטש דעם קאָוועד זײַנעם האָט איצט געגאָסן דער נאטשקאנצ. דער ארכיוו פון הידראָבוי, די ביכער פון ארויסגייענדיקע און ארײַנגייענדיקע פאפירן, די קאָרעספּאָנדענצ,—אלצ איז געווען אינ א מוסטערהאפטער אָרדענונג, באקוועם צו באקענען זיך. פון דער סמעטע איז, אויסער דעם בריק, די ארבעט ניט ארויס, און צום סאָף פונעם צווייטן טאָג איז קלאָר געוואָרן, אז דער שלאכט וועט גיינ אפ דערדאָזיקער ליניע. און מיקויעך דעם בריק האָט דער כאווער מאנוק פאָקריקאָוו קיינ דײַגעס ניט געהאט.

די דרײַ אינספּעקטאָרן האָבן געטאָן זייער זאך ניט־געכאפּט, מ'האָט זיי קימאט ניט געזען. אפן דריטן טאָג גאנצפרי איז די רעוויזיע ארויס פון קאָנטאָר.

די גרופּע מענטשן, ארומגערינגלט מיט ארבעטער—מיטן וועג האָבן זיך אָנגעקלעפּט אלצ נײַע און נײַע מיטגייער—האָט זיך געלאָזן גיינ אראָפּ צום בריק, אָדער, ריכטיקער, צו דעם אָרט, ווו ס'איז פריִער

געשטאנענ דער בריק. מיט דער אָנשטרענגונג פונ די לעצטע עטלעכע טעג איז דער בריק שוינ געווענ צענומענ ביז דעמ לעצטנ קלעצל, אונ דאָס געהילצ איז געווענ אקוראט צונויפגעלייגט. די וואסער איז נאָכ ניט אָפּגעפאלנ, די פארבינדונג מיט דער צווייטער זייט איז פאָרגעקומענ איבער דעמ הידראָמעטרישנ בריקל, אונ דער צעשטערטער גלייכגעוויכט פונ דער ארבעט האָט זיכ שוינ געלאָזט פילנ. אפ דער זייט האָט פאר די אָנגעקומענע מאטעריאלנ ניט געקלעקט קיינ סקלאדלאָקאלנ, די פעסלעכ מיט צעמענט, דיזעלבע, וואָס האָבנ זיכ געוויקט אפנ וואָקזאל, האָבנ אפאָנעמ דאָ אויכ ניט געקענט זיינ קיינ געוווינשענע געסט, אונ דער לינקברעגיקער סקלאד האָט געפוסטעוועט. אנטקעגנ דער רעוויזיע איז געגאנגענ דער ספעציאליסט אפ בעטאָנ, אונ אפ אימ האָט מענ אויכ דערקענט, ווי שטארק דער בריק האָט אימ אוועקגעקוילעט. די לאבאָראטאָריע אָדער, ריכטיקער, די געביידע פאר דער לאבאָראטאָריע איז געווענ אפ יענעמ ברעג, אונ די אָנגעקומענע אויסשטאטונג האָט זיכ געוואלגערט אפ דעמ ברעג אָנ א דאכ איבער דעמ, אונטער דער נישטיקער שוצ פונ א ברעזענט. מקרטיטש האָט, שמייכלענדיק מיטנ גאנצנ פּאָנעמ, אונטער דער געדולדיקער האנט פונעמ גרוזינ, וואָס האָט אימ אליינ געהאָלפנ, ארופגעוואָרפנ אפ דער פלייצע מיט שטריק צונויפגעבונדענע, איינער אינעמ אנדערנ אריינגעלייגטע קווארדאטלעכ פונ אָפענע קעסטלעכ מיט לעכעריקע דנאָען. בא מקרטיטשנ האָט זיכ ניט געקענט פּאָטופּען אינ קאָפּ, אפ וואָס דארפנ מענטשנ אָט דידאָזיקע כידעשלעכע זאכנ. מקרטיטש האָט מיט גרויס מי זיכ צוגעווינט צומ דריידל אונ צו דער באטארייקע דעמ הידראָמעטערס. דערנאָכ האָט ער כאדאָשימווייז זיכ צוגעווינט צומ שפאנענ פונ די דרייפוסנ אונ צו דעמ טעאָדאָליט, אונ איצט האָט מענ ווידעראמאָל אָנגעלאָדנ אפ מקרטיטשנ ווילדע אומגעהערטע זאכנ: הוידעלקעס אפ קייטנ, זיפּנ פונ ריזיקער גרייס אונ קוביקעס אזוינע, ווי די, וואָס קינדער קלעפּנ מיט זיי פּירעשקעס פונ זאמד. דער גרוזינ האָט מיט א שאָקל פונעמ קאָפּ זיכ באגרוסט מיט די אָנגעקומענע, אויסגעקערעוועט דעמ טאמ מקרטיטשנ מיטנ פּאָנעמ צומ טייכ אונ, צוהאלטנדיק מיט דער האנט זיינ לאסט, האָט ער גענומענ שפאנענ באזייט מיט אימ אפ צוריק: אזוי האָבנ זיי שוינ געמאכט דריי רייסנ.

אפ א פילבארנ מענטשנ האָט דער אויסזענ פונ דעמ צעוואלגערטנ גלייכגעוויכט, די ארכאישקייט פונ דערדאָזיקער פארבינדונג צווישנ איינ

ברעג און דעם אנדערנ, די געפערלעכקײט און לאנגזאמקײט פונעם איבערגײנ איבער דעם דינעמ בריקל אפ טראָסנ, וואָס האָט דערמאנט א פינישנ שנײ־שוכ און וואָס איז געווענ שטארק ווײט פונ דער ארבעט,— דאָס אלצ האָט געדארפט שטארק ווירקנ, שטארקער אײדער אלע בריוו און מיטײלונגענ, וואָס האָבנ זיכ אָנגעקליבנ אינ דער פאפקע פונ א. פ. אי. דער הויפט־אינזשענער האָט קימאט קרענקלעכ פארביסנ די ליפנ, אז ער האָט געכאפט א קוק אפ דעם. ער איז געגאנ אביסל אינ א זײט, די הענט פארלײגט אפנ רוקנ, און, אפאָנעם, א קרעפטיק וואָרט איז געבליבנ שטעקנ בא אים אינ גאָרגל. מיט א שטײנערנעמ פאָנעמ האָט פאר דער פראָצעסיע זיכ באוועגט לעוואָנ דאווידאָוויטש, וואָס איז פאר דער וואָכ דאר געוואָרנ. זײנ העכטענער פראָפיל איז געווענ פארפאנצערט פאר א פרעמד אויג, ער האָט געענטפערט אפ פראגנ און האָט געמאכט זשעסטנ; זײנ שטימ איז געווענ קוויטשיק. לעוואָנ דאווידאָוויטש איז, ווי א רעטעניש פאר די ארומיקע, פארוואנדלט געוואָרנ פאר די טעג אינ א שמאטענער ליאלקע, אינ א אווטאָמאט. ווי אָנגענײטע קארעלעכלעכ האָבנ אויסגעוויזנ זײנע אויגנ, אזוי ווײניק האָט מענ געקענט פארשטײנ זײער אומבאוועגלעכנ אויסדרוק. אינ א שמועס און אינ פולער שטילקײט האָט ער אזויווי זיכ צוגעהערט צו עפעס ענלעכס אפ אנ־אָפגערעדטנ סיגנאל,— און האָט אים ניט באקומענ. נאָר די ארבעטער, און אפילע סאנ סאניטש, וואָס זײנ האנט האָט אינ א זשמעניע איצט געסטארטשעט איבער זײנ טויבלעכנ אויער, האָבנ פאר זיכ גערופנ דעמדאָזיקנ אומפארשטענדלעכנ צושטאנד פונעמ שעפ פונ באצירק „גראָבע פעל".

— אָט איז אונדזער גאנצע ארבעט פאר א האלב יאָר, ווי איר זעט אלײנ,— האָט געזאָגט דער קאָמיוגיסט פונעמ דיזעלנעמ, פארכלינעט פונ זיכערנ ניצאָכנ, ווײל דאָס בילד האָט גערעדט פאר זיכ אלײנ. ער איז געגאנ אינ זײנ גרופע,— אוועטיס, דער שעפ פונ מיליציע אוואק, עטלעכע ארבעטער,— און דאָס מאָל האָבנ זײ זיכ געהאלטנ בא דער רעכטער האנט פונ דער רעוויזיע.

— זעקס כאדאָשימ האָט מענ זיכ געגרײט צו קאפיטאלער בויונג. פונקט איצט וואָלט מענ שוינ געדארפט צו דער בויונג צוטרעטנ, נאָר...

— פאר א סטיכײישנ אומגליק איז דער אינזשענער ניט פאראנטוואָרטלעכ!— האָט פלוצלינג אופגעהויבנ זײנ שטימ דער אלטינקער סאנ

סאניטש. ער האָט אומגעריכט פאר זיכ אליינ דערהערט דעמ קאָמירגיסטס ווערטער. שוינ דער פריילעכער פאקט אליינ פאר זיכ צו דערהערנ יענעמס רייד שרויפט אופ אזוינע, וואָס זײַנענ שוואכ אפנ אויער. אונ דאָ איז נאָכ, אויסער דעמ, געווענ דער נײַער שעפ פונ דער בויונג. סאנ סאניטש, דער שטילסטער אפנ באצירק, האָט אופגעהויבנ א פינגער ארופ אונ האָט אָנגעהויבנ רעדנ:

— אָט לייענט, יונגערמאנ, סיורענס ארבעט, א קלאסישע ארבעט, „Les ponts dans les Alpes"—דעמ פראנצויזישנ נאָמענ האָט ער ארויסגעזאָגט זייער יאָנטעוודיק אונ אונטער דער נאָז,—דאנ וועט איר זיכ דערוויסנ, אז בריקנ אפ בארג־טײַכלעכ איז די שווערסטע פראָבלעמ פארנ בויער. א בארג־טײַכל ווארפט אומ אלע זייערע אויסרעכענונגענ. איר האָט אליינ געהערט, אז א הויכ געוויסער טרעפט זיכ דאָ אינ הונדערט יאָר איינ מאָל. אונ איצט האָבנ מיר אימ צוויי יאָר נאָכאנאנד.

— מיקויעכ דעמ געוויסער...

דער קאָמיוגיסט האָט א פײַפ געטאָנ.

— דאָס געוויסער איז זיכ א געוויסער, אונ דער בריק איז א בריק!

— מיר זײַנענ אויכ ניט קיינ זויג־קינדער, מיר וויסנ, וואָס פאר א געוויסער ס'איז געווענ!..

— כאוויירימ, דערלויבט,—א באָכער אינ א מײַקע איז ארויסגעשפרונגענ פאָרויס. דעמ באָכער האָט מענ אונטערגעשטופט פונהינטנ אונטער די ריפנ,—דערלויבט צוויי ווערטער! מיר האָבנ אויכ גערעכנט, ווענ ס'איז דורכגעגאנ דאָס געוויסער.

— אונ דו, באָכערעצ, האָסט דעמ אקט אונטערגעשריבנ?

די סארקאסטישע שטימ האָט געהערט צומ נאטשקאנצ זאכאר פעטראָוויטשנ. ער איז אויכ געווענ דאָ. דער אומעטומיקער נאטשקאנצ האָט אומבאמערקט געשפאנט אונ האָט אלצ געהערט, אלצ געזענ, נאָר זײַנ מאלפיש פאָנעמ, וואָס איז פראָסטאקיש אונ אפילע גוטמוטיק געווענ צעשמייכלט, האָט שוינ אפ זיכ קיינ שפור ניט געהאט פונ קיינ אומרויִקײַט אונ פונ קיינ נערווונג:

— דעמ אקט, זאָג איכ, האָסטו אונטערגעשריבנ?

אונ אז ער האָט עס געזאָגט, האָט ער א ווונק געטאָנ צו די ארומיקע, ווי איינער רעדט: הערט, הערט, ס'ארא ביזויענ ס'וועט זײַנ. אונ אינ דעמ ווינקענ זײַנעמ איז געווענ די קרעפטיקסטע זיכערקײַט,

אַז אַלע אָנווענדיקע, באַ וועמען ס'איז נאָר דאָ מאַרך אין קאָפּ, דענקען וועגן דעם פֿאָרגעקומענעם פּונקט אַזויווי ער, זאַכאַר פּעטראָוויטש, — דער אַקט, אָט דערדאָזיקער הויפּט־באַווײַזער, דאָס אַלץ, וואָס איז געבליבן פֿונעם צענומענעם בריק, האָט געדאַרפֿט עפֿענען פֿאַר דער רעוויזיע דעם ריינעם עמעס, — ווי ער איז, — און דעם אַקט האָבן אונטערגעשריבן אַלע. יאָ, קלאָג זיך, קלאָג זיך ניט, מאַסער, מאַסער ניט, נאָר אַזוי איז דאָס אויסגעקומען, אַז דעם אַקט, וואָס איז צונויפֿגעשטעלט געוואָרן אינעם מאָמענט פֿונעם אומקום פֿון בריק, האָט אַדאַנק זאַכאַר פּעטראָוויטשעס קויכעס און אָנשטרענגונג אונטערגעשריבן שיִר ניט דער גאַנצער באַצירק און אַפֿילע די אָנקלאָגערס אַליין. וויסנדיק די ווערט פֿון דעם דאָקומענט, האָט זאַכאַר פּעטראָוויטש אונטערגעוווּנקען, נאָר באַ די אָנקלאָגערס האָט דערדאָזיקער דאָקומענט די ווערט ניט געהאַט פֿאַר קיין גראָשן.

— וואָס איז דערפֿון געדרונגען, נו, זאָג, וואָס איז דערפֿון געדרונגען?

— אָבער דו צום אַלעם ערשטן ענטפֿער, צי האָסטו אונטערגעשריבן צי ניין?

— און איך דערווידער דיר, בירגער: וואָס איז דערפֿון געדרונגען? — דער באָכער אין דער מײַקע האָט זיך צעלאָזט אין אַ שמייכל. — פֿאַראַן אַזוינע פֿאַרשיידענע אומשטענדן, באַ וועלכע דו שרײַבסט אונטער... ס'מאַכט זיך אַ דרוק אָדער אַן אַלגעמיינע צונויפֿגערעדטקײַט, און נאָך מאַכט זיך אַ „דיפּלאָמאַטישע נויטווענדיקײַט"... — ער האָט זיך אַביסל פֿאַרהאַקט, זײַנע אויגן־פֿלומענע האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט אָנשטרענגונג: צי אַזוי און צי אַפֿן אָרט איז דאָס וואָרט געזאָגט געוואָרן? זיי האָבן אונטערגעשריבן אַן אָפֿיציעלן אַקט, קעדיי צו געווינען צײַט. דער פֿאָרזיצער פֿונעם אָרטקאָם אַגאַבעק האָט, אַרײַנגייענדיק אין קאָנטאָר, אויך אונטערגעשריבן דעם אַקט. אַגאַבעקס אונטערשריפֿט — אַ גרויסער ניט־גלײַכער געמיש פֿון קראַפֿט און הילפֿלאָזיקײַט, ווו ער האָט, לויט דער אַלטער קאַראַבאַכישער געוווינהײַט, וואָס איז דערצויגן געוואָרן בישכיינעס מיטן מוסולמענישן מיזרעך, — אַגאַבעק איז געווען אַ קאַראַבאַכער, — געלאָזט נאָר די קאָנסאָנאַנטן און אַרויסגעוואָרפֿן די וואָקאַלן אַפֿן לעזערס באַראָט:

ג ב ק

דידאָזיקע אונטערשריפֿט איז ביז יעצט געווען דעם נאַטשקאַנצס גרעסטער טראָפּיי.

— נו, טײַבעלע, דאָס זאָלסטו אונדז בעסער ניט דערציילנ, האלט ס'מויל,—האָט לאנגזאמ זיכ אָפּגערופנ זאכאר פּעטראָוויטש, ווי ער וואָלט זיכ מיט א פויסט פּארמאָסטנ, קעדיי זיכערער אויסצוקלײַבנ דאָס אָרט,— פאר אזוינע זאכנ גיט מענ מענטשנ ארויסשיקונג, פאר אזוינע זאכנ מעלדעסטו וועגנ זיכ אליינ, ווי וועגנ א יורידישער פּירע. מיר שפּילנ זיכ דאָ ניט, זאָלסטו וויסנ, אפ דער בויונג אינ קיינ כאפּערלעכ. האָסט פארשטאנענ?

„מיר זײַנענ געצוווּנגענ געווענ אונטערצושרײַבנ א באַשײַמפּערלעכ געפעלשטנ אקט, קעדיי צו געווינענ צײַט אונ זיכ צוקוקנ, וווּהינ ציט די אדמיניסטראציע”—אזוי האָט, מיטנ קאָפּ אָנגעבויגנ אפ א זײַט, געשריבנ א קאָמיוגיסט אינעמ דיזעלנעמ בא דער שווײַגנדיקער מיטשטימונג פונ די כאווײרימ.—„מיר לייגנ צו דעמדאָזיקנ אקט מיט אונדזערע פּילצאָליקע אונטערשריפטנ, אז דער בריק האָט אפנ זייגער זיכ געריִרט זעקס פּערציק, אונ אינ דער צײַט האָט דאָס געוויסער געהאט א קראפט פונ צוויי הונדערט אונ דרײַסיק קובאָמעטער, וואָס עס קענ באשטעטיקנ זעלבסט דער הידראָמעטער ארעוולסקי”...

די רעוויזיע פונ א. פּ. אי. האָט געהיט דעמדאָזיקנ דאָקומענט, ווי אסאכ אנדערע, בא זיכ אינ פּאפּקע. קימאט ניט פארשטייענדיק, האָט דער הויפּט־אינזשענער אויסגעהערט דידאָזיקע גאנצע אמפּערײַ, כאָטש זײַנ ניט פארשטיינ איז געווענ געווענדט ניט אפ די, וואָס האָבנ זיכ געאמפּערט. ער האָט מיט אנ אָנגערוקטנ בליק געקוקט אפנ כאווער מאנוק פּאָקריקאָוו, ווארטנדיק אפ א וואָרט פונ זײַנ זײַט אָדער אפ א האנדלונג, וואָס די מינוט האָט געפאָדערט,—נאָר דער כאווער מאנוק פּאָקריקאָוו איז געווענ רויט ווי קומאטש, רויט ווי איינער, וואָס לײַדט פונ א קאטער, טרערנ פונ רעציכע האָבנ פארזאָטנ אינ זײַנע קײַלעכדיקע אויגנ, אונ אז ס'האָט אימ ענדלעכ אופגעריסנ, איז דאָס געווענ א פּאָרזעצונג פונ דער אמפּערײַ.

— זײַט זיכ מאטריעכ, לעוואָנ דאווידאָוויטש, עפּענענ דעמ פּאָרטפעל... דאָ האָבנ זיכ געפונענ מענטשנ...—פּאָקריקאָוו האָט זיכ געוואָרגנ. פארוואָס הערט די א. פּ. אי. אומבאגרינדעטע אָנפאלנ? אמעראצישקײַט נעמט זיכ אורטיילנ,— אמעראצישקײַט קענ מענ נאָכ מויכל זײַנ, נאָר אז ס'מישט זיכ ארײַנ א באַשײַמפּערלעכ בייזער ווילנ, א באַשײַמפּערלעכע אינטריגאנישקײַט, איר האָט געהערט — פאלש איידעס זאָגנ, א באשולדיקונג אינ פּאָנעמ דער גאנצער אדמיניסטראציע!..

...איכ דארפ זאָגנ, אז אפנ אדרעס פונעמ בריק איז דערלאָזט געוואָרנ אזוינע קינדערשע, אזוינע אמעראציִשע ארויסזאָגונגענ, אזוינע ווײַבערשע אויענ אונ ווייענ, — דער באצירק האָט ניט־קריטיש איבערגעכאזערט, וואָס ס׳פלוידערנ די טעסלערס אָדער די לאָרישע ארבאניקעס. מ׳וואָלט געדארפט...

זיי זײַנענ צוגעגאנגענ ביז דעמ מעכאנישנ ווארשטאט. דער שיינינקער ווארטאג איז ארויס אנטקעגנ דער קאָמיסיע. דאָ, אינעמ גרויסנ ליכטיקנ לאָקאל, איז קימאט ניט געווענ קיינ שטולנ, נאָר די קאָמיסיע האָט קעגנ אלע קלאָלימ זיכ צעזעצט אפ קעסטלעכ, אונ ארומ איר, שטופנדיק זיכ אלצ געדיכטער אונ געדיכטער, האָבנ זיכ אויסגעזעצט אונ אויסגעשטעלט צעהיצטע מענטשנ מיט רויטע צערודערטע פענעמער, מיט אויגנ אָנגעגאָסענע מיט בלוט.

לעוואָנ דאווידאָוויטש האָט מיט א זשעסט פונ א אווטאָמאט אני־דערגעלייגט דעמ פאָרטעל פאר דעמ געוועזענעמ שעפ. דעמ עמעס זאָגנדיק, האָט לעוואָנ דאווידאָוויטש מיט זײַנ מאָדנער אופירונג ארויסגעבראכט פונ די קיילימ אי דעמ נאטשקאנצ, אי דעמכאווער פאָקריקאָוו. אינ טאָכ איז דאָכ גראָד ער געווענ די הויפט־פערזאָנ, אנטקעגנ וועלכער ס׳זײַנענ געווענ געווענדט די באשולדיקונגענ. דער בריק איז געווענ זײַנ ארבעט, דער אומקומ פונ בריק — אפ זײַנ געוויסנ, די סינע פונ די ארבעטער — צו אימ. אונ אנשטאָט הילפ האָט לעוואָנ דאווידאָוויטש — ערגער פונ א קאָלפעק האָט אויסגעזענ לעוואָנ דאווידאָוויטש מיט זײַנע פאסיווע הילצערנע זשעסטנ, מיט דעמ קאשנע ארומ האלדז, מיט די הענט אינ די הענטשקעס, מיט דעמ העכטענעמ פאָנעמ, — דער מענטש איז אנשלאָפנ געוואָרנ שטייענדיק, א גוילעמ, ניט קיינ פערזענלעכקייט! שטיל, אינ זיכ האָט אי דער נאטשקאנצ, אי פאָקריקאָוו מעכאבעד געווענ דעמ שעפ פונ באצירק קימאט מיט איינע אונ דיזעלבע ווערטער.

אונ ס׳איז טאקע געווענ עפעס א רעטעניש די אופירונג פונ דעמדאָזיקנ מענטשנ, וואָס ביז איצט האָט מענ אימ געהאלטנ פאר אנ אקשנ אינ פרינציפיעלע טעכנישע פראגנ. מוירע האָבנ האָט ער זיכער ניט געהאט פארוואָס. דער כאווער פאָקריקאָוו האָט א קנאק געטאָנ מיטנ שלאָס אונ געעפנט דעמ פאָרטפעל. אויב דער שפאציר איבער דעמ אָרט פונ די ארבעטנ אונ די ווערטער, וואָס זײַנענ געוואָרפנ געוואָרנ אפנ ווינט, זײַנענ געווענ פאר דער רעוויזיע אָנמאמאָשעסדיקע גרייסנ,

וואָס האָבן גיכער געהאט א שייַכעס צו דעם באגריפ „אטמאָספער״, איז דאָ אינ פאָרטפעל געווענ צונויפגעקליבן פולקאָם מאמאָשעסדיקע, מערער נאָכ־וואָגיקע באווייַזנ, וואָס האָבן אָפגערייניקט דעם שעפ פונ באצירק אונ זייַנ שלימאזלדיקן בריק. דאָ איז פריִער פונ אלצ געווענ דער פראָעקט פונעם בריק, וואָס איז דורכגעגאנ פונ אווטאָריטעטע אינסטאנצנ,—פיר מאָל איז בארעכטיקט געוואָרנ דער אווטער פונעם פראָעקט. דאָ זייַנענ געווענ סאָלידע האנטביכער, מאָנומענטאלע ווערק, גרויסע אונ גוטע אויסגאבן מיט אסאכ איליוסטראציעס אונ צייכענונגענ, לערנביכער מיט דער דאטע פונ הייַנטיקס יאָר. נאָר אזוי שפּאצירנדיק, ווי א קליינבירגער איבער סטעזשקעלעכ, אונ הערנדיק אלערליי נארישקייַטנ, האָט מענ זיכ געקענט פאָרשטעלנ, אז אזא סאָליד געשעפט איז אָנגעהויבן גלאט אינ דער וועלט אריַינ, אָנ א גוואלדיקער טעכנישער קולטור, אָנ דעם, וואָס מ׳רופט טראדיציע, דערפארונג... אינ דעם כאווער פאָקריקאָווס פארוואלטונג האָבן ניט אומזיסט געארבעט די בעסטע ספּעציאַליסטנ.

— דער בריק־אינזשענ, — האָט אָנגעהויבן מיט גרינגשעצונג דער כאווער פאָקריקאָוו, נאָר דאָ האָט אימ איבערגעשלאָגנ דער פאָרזיצער פונ דער קאָמיסיע. ער האָט זיכ אומגעקוקט, עפעס געפרעגט אפנ אויער באמ שאָכנ, דערנאָכ האָט ער אופגעהויבן די האנט. ער האָט פאָרגעלייגט, אז מ׳זאָל פארנ אָנהייב פונעם שמועס שיקנ נאָכ דעם אָפּװעזנדיקנ, וואָס זייַנ נאָמענ איז הייַנט ניט איינמאָל דערמאנט געוואָרנ:

נאָכ דעם הידראָמעטער ארעולסקינ.

קאפיטל XV

דער בריק

1

די פערזנ און גראמענ, אָט דאָס, וואָס איז ענלעך אפ יענעמ שיטערנ און צונויפגעשמאָלצענעמ צושטאנד, אינ וועלכנ עס פאלנ אריַינ אָנגעוואָרעמטע קערפּערס, דאָס אלצ איז וויַיט ניט געווענ דער איינציקער סימענ פונ ארעולסקעס שלאָפקיַיט. א מענטש האלט ניט אויס אינ געוויסע מינוטנ, ווי ס׳האלטנ ניט אויס, לאָמיר זאָגנ, קעפּלעך פונ צוועכעס אָדער שטריק פונ א הוידעלקע. אָנגעהויבנ האָט זיך עס פונ מאָדנער ריטמישער פּראָזע,—דער הידראָמעטער האָט פּלוצלינג אָנגעהויבנ שריַיבנ מיט ריטמישער פּראָזע. ס׳וואָלט נאָך גוט זיַינ, ווענ ער וואָלט זיך באגרענעצט מיט דער בריוו צו דער מוטער: „מוטער טיַיערע, ס׳אדרעסירט דיר דיַינ זונ, דער אומגליקלעכער, וואָס איז אריַינגעוואָרפנ אינ א וויכער אנ אומענדלעכנ און אינ ספּייקעס פאר דעמ הארצנ פּיַינלעכע". נאָר דער ריטמישער סטיל איז פארקראָכנ אינ א סוידעסדיקנ, אינ דער העכסטער מאָס וויכטיקנ דאָקומענט, וואָס אפ אימ, אייגנטלעך, איז ארעולסקי קראנק געוואָרנ. צומ געדאנק וועגנ דעמדאָזיקנ דאָקומענט, צו דער נויטווענדיקיַיט צו שאפנ אזא מינ דאָקומענט איז ער געקומענ אינ רעזולטאט פונ אסאך פאטאלע אומשטענדנ. שוינ אָנהייבנ פונעמ אָוונט פונעמ געוויסער. אינ אָנהייב, ווי ארעולסקי אליינ האָט באצייכנט אינ דעמ אויבנ דערמאָנטנ דאָקומענט, איז ער:

„אומזיניק צוטרוילעך געווענ און האָט אָנ א צווייפל געענטפערט".

נאָר אפילע א מער קרעפטיקער מארך וואָלט ניט אויסגעהאלטנ דאָס, וואָס ארעולסקינ איז אויסגעקומענ צו איבערלעבנ אינ יענעמ אָוונט. די הידראָמעטריע, וואָס ביז איצט האָט זי קיינעמ ניט אינטערעסירט, די הידראָמעטריע, א דערנידעריקטע און א באליידיקטע אָדער, נאָך קרעפטיקער, א באשפּיגענע אינ זיַינ פּערזאָנ, ווענ,—ווי אינ דעמ דאָקומענט ווערט געזאָגט:

„עפּעס א נישטיקער פעלד־מעסטער האָט פּלוצלינג א געהילפ דערוואָרבן", און אים, ארעולסקין, האָט מען געלאָזט ארבעטן אין א סטיכיישער און אין א פאראנטוואָרטלעכער מינוט ניט מיט קיין אנדערן, ווי מיט דעם טאם מקרטיטשן,—גראָד דידאָזיקע דערנידעריקטע הידראָמעטריע איז פּלוצלינג פארוואנדלט געוואָרן אין דעם צענטער פון דעם וועלטאל. מעליצעדיק האָט ארעולסקי דערציילט אין זיין דאָקומענט, איבערנעמענדיק טיילווייז בא בייראָנען, טיילווייז בא בעזימענסקין עפּיטעטן און אויסדריקן, וויאזוי מאָדנע פיגורן האָבן אין דער פינצטער, אין שטורעם און אין בליץ זיך ארומגעשטעלט ארום זיין וואקלדיקן באנאכטיקן פּאָסטן און האָבן מיט פארביסנקייט זיך געשטעלט פאר א ציל ארויסצונארן בא אים די ציפער פונעם געוויסער. ערשט אין יענער מינוט האָט ארעולסקי פארשטאנען דעם גאנצן פאטאלישן באטייט פון זיינע אייגענע ענטפערן. גראָד דענסטמאָל האָט ער פארביטן זיין „אומזיניקע צוטרוילעכקייט" אפּ „טונקעלן אָנשטויסן זיך". אָדער, אנדערש גערעדט, ארעולסקי האָט פארשטאנען, אז די ציפער פון דעם געוויסער האָט עפּעס א באזונדערן און באשליסנדיקן באטייט פאר דעם גאנצן צוקונפטיקן מענטשלעכן גורל, מיט דער ציפער פונעם געוויסער וויל מען זיך באנוצן. דעם ריינעם וויסנשאפטלעכן פאקט וויל מען מאכן פאר א ביטש און פאר א געווער פון אלערליי סאָרטן „פארשווינען". אז ער האָט דאָס פארשטאנען, האָט ארעולסקי זיך איבערגעשראָקן פאר דער גרויסער און אומגעוויינלעכער פאראנטוואָרטלעכקייט, וואָס איז געפאלן אפּ אים, און אָט פונקט דאָ, לויט די ווערטער פון דעם ערשטן און איינציקן איידעס, פון דעם טאם מקרטיטשן, האָט ארעולסקי „זיך געריירט".

די מענטשהייט האָט ניט געדארפט בלייבן אָן קיין דאָקומענט, וואָס זאָל אופווייזן דעמדאָזיקן וויכטיקן מאָמענט, און אויך אָן קיין ציפער פון דעם געוויסער... ציפער פון דעם געוויסער...

באשטימען די פינקטלעכע ציפער פון דעם געוויסער איז, פארשטייט זיך, געווען ניט קיין שווערע זאך, אויב מ'זאָל האָבן פינקטלעכע געגעבענע, נאָר פינקטלעכע געגעבענע—ווער האָט געקאָנט אָרעוו זיין פאר דער פולער פינקטלעכקייט פון די געגעבענע? איר קאָנט אָרעוו זיין פאר דער פינקטלעכקייט פון אן אָפּגעוויגענעם פונט צוקער אין מאגאזין? איר קאָנט אָרעוו זיין פאר דער פינקטלעכקייט פון אן אָנגעקאָפּעטער גיפטיקער רעפּוע אין קעלישעקל? איצט דאכט זיך אייך—פינפ

אונ צוואנציק, אונ אינ א רעגע ארומ—פיר אינ צוואנציק, אונ ס'איז ניט פאראנ קיינ גאראנטיעס, אז ניט זעקס אונ צוואנציק,—פינקטלעכקײַט איז עפּעס אזוינס, וואָס איז אינ דער העכסטער מאָס אומפּינקטלעכ, באזונדערס אויב מ'שטייט איבער אײַכ, מ'שטעלט אײַכ צו א מעסער צומ האלדז. ארעולסקיס צעשאָקלטער מארכ האָט ניט אויסגעהאלטנ. באנאכט, נאָכדעמ ווי ס'איז געווענ אונטערגעשריבנ דער אקט, ווו די ציפער פונעמ געוויסער איז געווענ אָפּגעטראָגנ צו א בעערעכדיקנ פעריאָד צײַט אונ איז געווענ אָנגעוויזנ אינ א בעערעכדיקער וואקלונג פונ פיר הונדערט ביז פינפ הונדערט קובאָמעטער, אינ א רעגע, האָט ארעולסקי אינ א קאלטנ שווייס אָנגעקלאפּט צומ אָרטקאָמ. פארהיקענדיק זיכ אונ שטאמלענדיק האָט ער זיכ מודיע געווענ, אז קיינ אבסאָליוטע גאראנטיע קאָנ ער ניט געבנ. צי האָט ער גערעדט אינעמ אָוונט פונעמ געוויסער מיקויעכ צוויי הונדערט אונ צוואנציק קובאָמעטער? ער האָט גערעדט. צי איז דענסטמאָל געווענ זעקס פערציק? מעגלעכ, אז געווענ. ניט אינ דעמ איז דער טאָכ, וואָס איז גערעדט געוואָרנ, נאָר אינ די שפּעטערדיקע מער קאָמפּליצירטע אויסרעכענונגענ... די באוועגונג פונ דער וואסער, ווי ס'האָט איבערצײַגנדיק איבערגעכאזערט ארעולסקי, קומט פאָר אינ א פאראבאָלע, אונ אויב מ'זאָל אויסרעכענענ...

ער האָט זיכ אָנגענומענ מיט דער זשמעניע פּארנ שטערנ. ארעולסקיס אויגנ האָבנ אָנגענומענ א פּולקאָמ שפּאַנישנ סטיל. ער, א מענטש פונ וויסנשאפט, האָט ניט געוואָלט זײַנ קיינ אָנטיילנעמער אינ דער פארשווערונג, נאָר די אונטערשריפט אונטערנ אקט... צי האָט ער געקאָנט אָרעוו זײַנ? ניינ, ארעולסקי האָט ניט געקאָנט אָרעוו זײַנ.

פונ יענער צײַט האָט דער הידראָמעטער זיכ פארשפּארט אינדערהיימ אינ אנ אויסערגעוויינלעכער פארווילדעוועטער פארקלערטקײַט. ער האָט געוווסט, אז מ'וועט שיקנ נאָכ אימ, די אויסערלעכע וועלט האָט זיכ גענייטיקט אינ אימ, איז אָפּגעהאנגענ פונ ארעולסקעס מארכ־אָפּעראציעס. ניט געגאָלט אונ וואזשנע, מיט באזונדערע, העכער דער נאָרמע אויסגעוואקסענע הערעלעכ אינ די שווארצע ברעמענ,—פריִער פלעג ארעולסקי מיט א פינצעט ארויסרײַסנ דידאָזיקע הערעלעכ,—אינעמ רעגנמאנטל, וואָס ער האָט אפילע אינ צימער ניט אראָפּגענומענ, אנ אויסגעדארטער, האָט ער מיט א פײַערלעכער שטימ ארויסגערעדט: „ארײַנ", ווענ מ'האָט אָנגעקלאפּט צו אימ.

2

ווארטנדיק אפ ארעוולסקין, האָט די אמפעריי וועגן דעם בריק זיך צעבראָכן נאָך שטאַרקער. צו דעם כאוועד מאנוק פּאָקריקאָוו מיטן פּאָרטפעל האָט מען זיך צונויפגעשטופּט, — ער איז געשטאַנען אין דער ארומרינגלונג פון אופגערעגטע מענטשן. א שפּרונג געטאָן וווּהין מע דאַרף, האָט דער באָכער אין דער מייקע שוין געבראַכט צו שלעפּן זיין הויפּט־איידעס, דעם טעסלער שיבקאָ. דער איידעס האָט צעקעמט מיטן פינגער זיין איקאָנישע באָרד, א רויקער ווי א סטאטוע, און האָט געוואַרט אפ דער מינוט. נאָר דער נאטשקאנצ האָט עס אזוי ניט געקאָנט לאָזן. דער נאטשקאנצ האָט איראָניש א טרייסל געטאָן דעם איידעס און האָט באנוצט דעם אלטן פּאַרלאמענטארישן מיטל צו פּאַסלענען: ווער, ווער, נאָר דו וואָלסט געמעגט שווייגן! ווער האָט ווי א זשוליק אפ א קאָפּיע באקומען געלט?

דער טעסלער האָט רויק א פיר געטאָן מיט זיינע בלויע באהויכטע אויגן און האָט באפרייט זיין אקסל פונעם נאטשקאנצס הענט, — פאר אים האָט מען אָפּגעענטפערט פון ווינקל. און דאָ זיינען אזויק אזוינע ווערטער, אז אפילע זאכאר פּעטראָוויטש אליין האָט זיך פארקרומט, — ס'זיינען אזויק ווערטער וועגן קאָפּיעס און וועגן אָפּרייבן, ייעגן קאָזיאָנע געלט, וואָס ווינען, וועגן העוייקעס, און וועגן העוייקעס איז שוין אריינגעפלויגן אי אונדזערע, אי אייערע. איינדערלופטן האָבן ווי פילקעס אָנגעהויבן פליען קאָזיירים:

— נו, וואָס פאר א העזעק איז פונעם בריק? — און לאכנדיק מיט צופרידנקייט, האָט ער, קעדיי צו מעווייעש זיין דעם קעגנער, א וואָרף געטאָן די עמעסע ציפער, — נאָר דער קעגנער, וואָס איז שוין געווען באארבעט פון דעם באצירק־עקאָנאָמיסט, דעם קאָמיוגיסט פון דעם דיזעלנעם, האָט אָפּגעענטפערט:

— דו רעכן אויס דעם העזעק פליוס דער סומע פון ליידיק שטיין פון איצטיקער צעוואלגערטקייט אין דער ארבעט, פון דעם אָפּהאלט, צו וועלכן ס'האָט געבראַכט דער אומקום פונעם בריק...

ניט דערווארטנדיק זיך אפן הידראָמעטער, האָט דער כאוועד פּאָקריקאָוו אומגעדולדיק זיך אויסגעקערעוועט צו דער רעוויזיע. לויט זיין מיינונג, איז אויב מ'האָט שוין אָנגעהויבן ריידן, איז צייט שוין צו פארענדיקן מיט דער מיספארשטייעניש. ער האָט געבעטן, אז איינמאָל

פאר אלעמאָל זאָל מען אהער, פאר אים,—פּאָקריקאָװס פּויסט האָט זיך אראָפּגעלאָזט אפן פּאָרטפעל,—ארויסלייגן אלץ, וואָס די ארבעטער ריידן און טראכטן וועגן בריק. ניט הינטערן רוקן, נאָר זאָלן זיי זאָגן אין די אויגן,—מיט דער לינקער האנט האָט ער אָנגעטאפּט אין קעשעניע א פּאפּירל: אינעם פּאפּירל זיינען געווען נאָטיצן, ציפערן פון זייטלעך און נעמען פון ביכער. דער כאוועס פּאָקריקאָוו האָט געוווסט, אז ער וועט אין אלע פּונקטן מעווייעש זיין די אמעראצעס.

אומזיסט וואָלט מען איצט געפּרווט איינצוהאלטן דעם אוילעם, וואָס האָט סטיכייִש זיך צונויפגעזאמלט. אין א שאָ ארום האָט אין זאל געדארפט פּאָרקומען אן אלגעמיינע פארזאמלונג. נאָר אלע, דער גאנצער באצירק, מיט דעם אויסנאם פון די פּרויען, וואָס זיינען געווען פארנומען אין קיך און אף דער שטעלע, איז שוין געווען דאָ, האָט געשפּארט אין די טירן פון דעם מעכאנישן, האָט געוואַרט אונטער דער טיר. אפילע סטעפּאנאָס, וואָס האָט פּיבעריש געריבן זיינע לאנגע בלוט־אָרעמע דלאָניעס, האָט געאָטעמט מיט דער לופט פונעם אָנקומענדיקן שטורעם. ער איז לעפּאָנעם געווען אומרויִק, נאָר אינערלעך אין .אים האָט געשפּילט. דאָ איז אויך געווען דער סעקרעטאר פון קעמערל, וואָס קיינער האָט אים ביז איצט ניט באמערקט. פּאָקין אליין איז געקומען פון טונעל, די ארבעט האָט זיך אומעטום אָפּגעשטעלט. די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע האָבן זיך איבערגעקוקט, און זיי האָבן געטאָן דאָס, וואָס ס'איז שוין בעמיילע פון זיך אליין אָפּגעטאָן געוואָרן,—זיי האָבן געמאָלדן אין דעם מעכאנישן וואַרשטאט אן אלגעמיינע פארזאמלונג. די ראָל פון א טיש האָט אויסגעפילט א קעסטל, וואָס מ'האָט אוועקגעשטעלט אף א ווערסטאק. א ווייס פּאפּיר, וואָס איז דערשינען פון סטעפּאנאָסעס קעשענע, האָט זיך אני־דערגעלייגט אפן טיש. א העמערל האָט געדינט אנשטאָט א גלעקל. דער פּאָרזיצער פון דער קאָמיסיע פון א. פּ. אי., וואָס האָט ביז איצט, ווי די איבעריקע צוויי מיטגלידער פון דער קאָמיסיע, זיך מיט גאָרנישט ארויסגעוויזן, האָט זיך אופגעהויבן, נאָר אז ס'איז שוין געקומען צו רייד, איז איצט—וועגן די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע פון א. פּ. אי., וואָס דער כאווער פּאָקריקאָוו האָט זיי פאר זיך אָנגערופן „סערעד־ניאקלעך און דריבנער אוילעם".

די דערפארונג פון אסאך דורכגעפירטע רעוויזיעס האָט געגעבן די מענטשן יענע רויִקע קראפט פון האנדלונג, וואָס פילאָסאָפן רופן זי

„איינהײַט פֿון מעטאָד". קוקנדיק פֿון דער זײַט און נאָך מיט די ברילן פֿון א אייראָפּייער א װעלכן ס'ניט איז, מיט ברילן פֿון א בלינדן א װעלכן ס'ניט איז, װאָס איז דערצויגן געװאָרן אף גערירכט־איניאָנים און אף ביכלעך, װו גערירכט־פֿאָרשער קלײַבן פֿאנאנדער אלערליי שארפֿע און סוידעסדיקע פֿאלן,—קוקנדיק אזוי פֿון דער זײַט אף די װערטער און אף די מײַסים פֿון די דרײַ אינספּעקטאָרן, האָט מען בעעמעס טאקע געקאָנט א קװעטש טון מיט די אקסלען, װי איינער רעדט: נו, איז װאָס? נישטיק, כאװײרים,—פֿון אײַער זײַט װערן דאָ קיין שום טאלאנטן פֿון פֿארהער ניט ארויסבאװיזן, פֿון דרײַקעפּלדיקע שפּיצלעך, פֿון באהאלטענעם שמועס מיט דעם אָנגעשראָקענעם מענטשן אויג אף אויג, קעדײ ארויסצובאקומען אָנפּנ׳עסדיקע באװײַזן, װי איינער רעדט, קיינע שום קלוגע און כיטרע מאָמענטן אין דער רעװיזיע... אָבער דאָך װאָלט אזוי געקאָנט א טראכט טון נאָר א פֿרעמדער מענטש, און אן אייגענער אוילעם, אז ער װאָלט זיך צוגעקוקט, װאָלט ער אומפֿארמײַדלעך דערפֿילט אין דער גאנצער פּירעכץ פֿון דער קאָמיסיע דאָס, װאָס מיר האָבן אויבן אָנגערופֿן „איינהײַט פֿון מעטאָד". אין װאָס איז באשטאנען דער מעטאָד? אין קאָנען ל אָ ז ן ר יי ד ן די פֿ א ק ט ן. און גיי, זוך, נישטער אזא מין קענען, אויב דו װילסט זיך אויסלערנען. ניט אין די פֿארהערן, ניט אין איינעם גאנג פֿון דער אויספֿאָרשונג האָט עס זיך מיט קיין שום אומגעװײנלעכס ניט אנטפּלעקט, און דאָך האָבן מענטשן און ציפֿערן, זאכן און דערשײַנונגען, פּסיכאָלאָגיע און אומגעבונג פֿלוצלינג אָנגעהויבן ריידן אפֿן באצירק צעהיצט, מיט דער גאנצער שטים, איבערשלאָגנדיק איינס דאָס אנדערע, ארומשטעלנדיק װי א װאלד די דרײַ שװײַגנדיקע און, זייער מעגלעך, אויך אפֿילע קליינינקע מענטשן. און נאָר מיט איינע קלאָרע סימען האָט זיך, מעגלעך, אויסגעטײלט דער פּאָרזיצער פֿון דער קאָמיסיע. װער ס'איז געװוינט אָפּצװועגן זיך אף א מעדיצינישער װאָג, דער װייסט דעם זיכערן זשעסט, מיט װעלכן די געניטע האנט פֿונעם פֿעלדשער אָדער פֿון דער בארעמהערציקער שװעסטער געפֿינט,—נאָכדעם װי זי לאָזט די װאָג זיך אביסל א הוידע טון,—דעם זיכערן מאָמענט אף צו פֿארהאקן דעם פֿארוקער און אָפּשטעלן דאָס הוידען, קעדײ מיטצוטײלן אײַך װעגן אײַער װאָג. אָט דאָסדאָזיקע קאָנען, װאָס קומט פֿון לאנגער דערפֿארונג, צו פֿארהאקן באצײַטנס דעם פֿארוקער אף די אומענדלעך פֿײַנע, פֿײַנסטע, אָנצאָליקע ניט־גלײַכגעװיכטן פֿון דעם מאטעריאל, װאָס האָט אײַך

ארומגעשטעלט, דאָס קאָנען אָפּשטעלן דעם שטראָם פאקטן, זאָגן „געוּנוג”, ווען די וואָג פון דער דערשיינונג איז געפונען געוואָרן,— אָט דאָס איז געווען דער פּערזענלעכער פאַרדינסט פון דעם מענטשן, וואָס איז איצט געשטאַנען אויסגעגלײַכט מיט א פּאַפּירל אין האַנט און אויסגעקערעוועט דאָס אָנהאָריקע אופמערקזאַמע און פּאָשעטע, מיט קנײַטשן געריבנע פּאָנעם אין דער זײַט פון דער פאַרזאַמלונג. ער האָט איבערגעלייענט דעם טאָג־אָרדענונג און האָט געמאָלדן די אַלגעמײַנע פאַרזאַמלונג פאַר געעפנט.

3

— כאַווײַרים!

אין טאָג־אָרדענונג:

1) די פראַגע וועגן בריק.

2) א וואָרט פונעם פאָרזיצער פון אָרטקאָם.

3) א וואָרט פונעם סעקרעטאַר פון קעמערל.

4) א פאָרטראַג פונעם הויפּט־אינזשענער.

ארויסטרעטונגען, כאַווײַרים — אָן פאָרלויפיקן פאַרשרײַבן זיך, אין אָרדענונג פון א לעבעדיקער ריי. ווער ס'האָט וואָס צו זאָגן וועגן בריק, זאָל איבערגיין אַפ לינקס. גיב אַן איבערזעצונג, כאַווער!

ווען די צערודערטע שטים, וואָס האָט איבערגעזעצט די רעדע אַפ אַרמעניש, איז אַנשוויגן געוואָרן, איז אָנגעשטאַנען אַפ עטלעכע רעגעס א נערווײַשע און אופגערעגטע שטילקײַט, און אין איר האָט יעדערער שטאַרקער דערפילט די וויכטיקײַט פון דעם, וואָס ס'דאַרף דאָ געזאָגט ווערן. עטלעכע מאָל האָט א סקריפּע געטאָן די טיר,— ס'זײַנען אַרײַנגעגאַנגען פאַרשפּעטיקטע. אַגאַבעקס גרינבלעכ בלאַס פּאָנעם איז פאַרגליווערט געוואָרן בא דער סאַמע וואַנט. דער אָנקומענדיקער אַרעולסקי איז דורכ דעם גאַנצן אוילעם פינצטער דורכגעגאַנגען צום פּרעזידיום און האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווײַל זעצן זיך איז ניט געווען ווו.

— עכ,— האָט פּאָקין געזאָגט גאַנץ הויכ,— א שאָד, וואָס אַרעוויאַן איז ניטאָ!

אפילע אין דעם האָט זיך ארויסגעוויזן פּאָקינס זעלבשטענדיקער כאַראַקטער: אַז ס'זאָל באַנק טון דער געלער, אַפ אַזוינס האָט אַפּנ

באצירק קיינער ניט געוואגט. אדאנק די פארייניקטע אָנשטרענגונגענ פונ די באצירק־דאמעס איז דער געלער געווענ פארשעמט פאר עפּעס אנ אנטלאָפענעם, א געהיימער פארברעכער פונ אויסלענדישנ קאליבער. אייניקע האָבנ געזאָגט, אז ער איז איבערגעגאנ מיט א קוילנוואָרפער די פערסישע גרענעצ; אנדערע — אז זייענדיק א פאריקמאכער, האָט ער, לויט דער שליכעס פונעם אויסלענדישנ קאפּיטאל, בא א פאראנטוואָרטלעכער פערזאָנ צוזאמענ מיט די האָר אראָפּגענומענ דעם קאָפּ; די דריטע — אז אונטער דעם אויסזעונ פונ א ארכיוואריוס האָט ער געזאמלט שפּיאָנישע ידיעס. נאָר איבערצייגנדיקער פונ אלצ האָבנ גערעדט די פאקטנ: די פּאָוועסטקע פונעם טשיגדימער אוגראָזיסק און די אונטערזוכונג, וואָס מ׳האָט קלוימערשט געוואָלט מאכנ אינ דעם געלנס דירע. די אונטערזוכונג האָט זיכ ניט איינגעגעבנ נאָר דערפאר, וואָס ס׳האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז ניט קיינ דירע און ניט קיינ זאכנ איז בא ארנאָ ארעוויאנענ בעעמעס ניט פאראנ. און דאָס אליינ פאר זיכ האָט אָנגעפילט דעם באצירק־אוילעמ קימאט מיט א מיסטישער שרעק. נאָר איינ פאָקינ האָט געשפּיגנ אפ די קלאנגענ. א פאריקמאכער צי ניט קיינ פאריקמאכער, נאָכ זיינ מיינונג איז ארנאָ ארעוויאנ געווענ א ווילער יאט.

צוקוקנדיק זיכ איצט צו דער באוועגונג פונעם אוילעמ, איז פאָקינ פארזאָרגט אופגעשטאנענ און האָט זיכ אויכ געלאָזט גיינ: ער איז געגאנ אפ לינקס, ווו ס׳האָט זיכ אָנגעקליבנ אנ אייגענער אוילעמ. דאָ איז געווענ שיבקאָ מיט זיינ איקאָנע־פּאָנעם, מיטנ וויַיזפינגער אינ דער באָרד, ס׳איז געווענ דער מיליציע־שעפ אוואק, ס׳איז געווענ דאָס רוסל דער ארבעטער, דער סאמע שטילסטער אפנ באצירק, און ניט ווינציק אנדערע. יעדערער פונ זיי האָט געווארט אפ דער מינוט, ווענ ס׳וועט אויסקומענ צו זאָגנ וועגנ בריק.

— דאָס וואָרט געהער דעם כאווער שיבקאָ!

דער טעסלער איז לייכט ארויס אפ פאָרויס, שטעלנדיק די פיס און די שטיוול צעוויגט, לאנגזאמ, אפנ רוסישנ מאניר. פונדערווייטנ האָט ער אויסגעוויזנ וואזשנע. דעם טעסלערס פּאָנעם, א שטרענג און מאָלערישס, די אויגנ אופגעהויבנ צו אונטער דער סטעליע, א פינגער אינ באָרד — דער יאט וועט ניט פארשעמענ, מ׳זעט באלד, ער האָט גענוג סייכל. די פארזאמלונג איז אינ פאָרגעפיל פונ וואָגיקע און גרויסע געשעענישנ צערודערט געוואָרנ, ווער רעדט נאָכ, אז שיבקאָ האָט פאר דער רעדע זיכ אביסל נאָכ געהייעט, ווי ער וואָלט זיכ אָנגענומענ מיט לופט.

נאָר אָט איז דורכגעגאנ א מינוט, אונ שיבקאָ האָט נאָכ אלצ געשוויגנ. די שטילקייַט איז געוואָרנ אומרויִק. שיבקאָ האָט געשוויגנ, כאָטש אלע האָבנ געוווסט, אז וואָס שייַעכ דעמ בריק, האָט ער די ציינ אופגעגעסנ. שיבקאָ האָט געשוויגנ,—א סארקאסטיש שמייכעלע האָט א ריר געטאָנ די פּוכקע ליפּנ פונ מאנוק פּאָקריקאָוו, וואָס איז געזעסנ אינ פּרעזידיומ, אונ שיבקאָ האָט געשוויגנ ניט צופעליק. ניט דערפאר, וואָס ער האָט פארלוירנ די ווערטער אָדער ער האָט זיכ דערשראָקנ. ער האָט זייער גוט געדענקט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגנ, נאָר אינ דער מינוט האָט א גרויסע אונ ניט־פאָרויסגעזעענע שווערקייַט דערפילט דער טעסלער שיבקאָ. זייַנע ווערטער, וואָס זייַנענ באצייַטנס געווענ צוגעגרייט, האָבנ זיכ גענייטיקט אינ דעמ, וואָס ס'איז ניט געווענ—אינ זענ דעמ אומקומענדיקנ בריק. דער הויפּט־מאָטיוו פאר די, וואָס האָבנ געזענ דעמ אומקומ פונעמ בריק, איז געווענ דאָס זיבעטע געפיל; אונ איבערגעבנ דאָס, וואָס ער האָט דענסטמאָל געוווסט אונ האָט יעדערנ געקאָנט איבערגעבנ,—אינ דער אומגעבונג פונ א מעכאנישנ ווארשטאט, ווו ס'שמעקנ מיט שטויב אונ מיט בלעכ רויִקע סטרוזשקעס, ווו ס'שטייענ ווערסטאקנ, ווי ס'שמירט זיכ סאָליד מעטאלענער שטויב, ווו קיינ זאכ דערמאנט ניט יענע נאכט,—איבערכאזערנ דידאָזיקע מאָטיוונ האָט זיכ ארויסגעוויזנ פאר אומגעהייַער שווער. שיבקאָ האָט געשוויגנ אונ, פּלוצלינג אויסגעבנדיק זיכ, האָט דערדאָזיקער קרעפּטיקער אונ מייַעסטעטישער מענטש אָנגעהויבנ אינ פארלעגנהייַט זיכ טאָפּטשענ אפנ אָרט. אינ סאמע עק ווארשטאט האָט דער אָרטקאָמ אגאבעק נידעריק ארויפגעלאָזט זייַנ קאָפּ,—ער האָט איבערגעלעבט שיבקאָס כארפּע, ווי זייַנ אייגענע.

דער כאוועער מאנוק פּאָקריקאָוו איז אופגעשטאנענ. ער האָט א מאכ געטאָנ צו זיכ מיט דער האנט אונ צוגעווונקענ צו די איידעס, וואָס קעגנ דעמ בריק: נו־זשע, גיכער, גייט ארויס פאָרויס, גייט, ווער ס'האָט זיכ געקליבנ, נעענטער גייט! ער האָט אויסווארטנדיק אונ אפילע ליבלעכ זיכ אָנגעצילעוועט אפנ שטילנ רוסל, האָט שארפ, גלייַכ אינ די אויגנ א קוק געטאָנ אפ אוואקנ,—דער כאוועער מאנוק פּאָקריקאָוו איז אינ דער מינוט געווענ גרויסארטיק.

— געוואגטער, כאוויירימ! כאזערט איבער אייַערע טייַנעס. איכ ווייס אלע אייַערע טייַנעס,—ער האָט א קלאפּ געטאָנ איבערנ פּאָרטפעל,—אויב איר ווילט, קאָנ איכ זעלבסט אייַכ זיי איבערכאזערנ...

— פאַר אונדזערע ערטער איז דאָס ניט קיין בריק, — האָט מיט רויגעז געזאָגט שיבקאָ.

— פאַרוואָס־זשע?

אונטערגעהיצט פון פּאָקריקאָווס שמייכעלע און פון דעם, וואָס שיבקאָ האָט פאַרנומען דאָס אָרט פונעם אָראַטער, און זיי האָבן געקאָנט שרייען פונעם ווינקל, זײַנען איצט אַרויסגעטראָטן אויך די איבעריקע, וואָס האָבן זיך געקליבן. די באַמערקונגען זײַנען געווען דיזעלבע. אַ וואָך צוריק האָבן זיי געקלונגען איבערצײַגנדיק, זיי זײַנען געווען פול מיט פּאָשעטן זאַכלעכן עמעס, ס'האָט זיך געוואָלט זיך צוהערן צו זיי, פון זיי וואָלט ניספּאָעל געוואָרן אַ ליבהאָבער פון אַלץ, וואָס איז קלאָר און ניט באַנאַל און איז נאָענט צו עמעס, — נאָר איצט האָבן די רעדנערס אַליין זיי אַרויסגעזאָגט פאָרזיכטיק און מיט אַ בײַטאָן פון אומצוטרוי צו זיך זעלבסט. פּאָקין האָט אופגעהויבן די האַנט און איז אַרויס פאָרויס.

— דאָס אָרט פאַרן בריק איז נאָך מיר נאָך אויסגעקליבן ניט געלונגען, — האָט פּאָקין געזאָגט. — אין יעדער האַנטבוך לערנט מען אונדז, אַז די אַקס פונעם בריק דאַרף מען ווענדן נאָרמאַל צום שטראָם, און מע טאָר ניט שטעלן קיין בריקן ווו דער טײַך בײַט דאָס בעט. און גראָד אין דעם אָרט האַלט די מיזינקע אין אײַן בײַטן דאָס בעט, זי צעוואַרפט זיך אַפּ אָפּצווײַגונגען. ווען מ'האָט דורכגעאַרבעט די פראַגע וועגן דעם אָפּפיר־טונעל, איז דאָס פאַרצייכנט געוואָרן. אָבער אין דער פראַגע וועגן אָרט פון דעם צײַטווײַליקן בריק איז דאָס ניט גענוג גענומען געוואָרן אין אַכט. אָט, רעכן איך, איז די הויפּט־זינד. דער צווייטער אומשטאַנד: מ'טאָר ניט, כאַווייִרים, מיט פאַרבונדענע אויגן זיך פאַרלאָזן אַפּ טעאָריע. די טעאָריע איז טאַקע גוט, נאָר זי אַליין אויך ניט קיין נאַר. די טעאָריע זאָגט, אַז אַ געוויסער קומט פּאָר פּעריאָדיש איינמאָל אין אַ באַשטימטער צאָל יאָרן. אָבער אונדזערע אייגענע אויגן און אויערן, ווען מיר וואָלטן זיי געהאַלטן אָפן, וואָלטן זיי אונדז געזאָגט, אַז דער שנייפאַל איז דאָס יאָר געווען אַן אומנאָרמאַלער, אַז דאָס ברעכן זיך פונעם וועטער איז דאָס יאָר קאַטאַסטראָפאַל, אַז מ'דאַרף זיך ריכטן אַפּ אומפאַרמײַדלעכע רעזולטאַטן דערפון, דאָס הייסט, אַפּ אַ גרויס וואַסער... הייסט עס, אַז אָדער מ'האָט געדאַרפט אָפּלייגן בויען דעם בריק, אָדער מ'וואָלט געדאַרפט פאַרגרעסערן די ווידערשטאַנדפעיִקייט פונעם בריק כאָטש אַפּ אַ קובאָמעטער פּופציק...

— נו, וואָלט נאָך מער געלט קאַפּאָרע געוואָרן.

— ניין, ס'וואָלט ניט קאַפּאָרע געוואָרן, ווען מ'וואָלט גענומען אין אכט אַלץ מיטאַנאַנדער!

פּאָקריקאָוו האָט אויסגעהערט פּאָקינען, צייכענענדיק מיטן בלייער אין נאָטיץ־ביכעלע. אַז פּאָקין האָט געענדיקט, האָט ער זיך אופגעהויבן אויסערלעך רויִק. די ליפּ פּאָקריקאָווס איז שוין איינגעפאַלן. ער האָט ניט נאָר געהערשט איבער זיך, ער האָט געוווסט, אַז ער וועט צעקוועטשן די זשימערס. ער איז ניט געשטאַנען, — ער האָט געשוועבט איבער דער פאַרזאַמלונג און געפילט אַן אומגעוויינלעכע לייכטקייט אינעם גאַנצן קערפּער.

— הייסט עס, כאַווירים, אין רעזולטאַט פון אַלע אַדויסטרעטונגען האָבן מיר באַקומען אַזאַ מין סאַכאַקל (ער האָט אופגעהויבן דאָס פּאַפּירל): אָט האָבן מיר באַ אונדז איינע קריטישע באַמערקונג אָן וועלכן ס'ניט איז באַוויזן: „פאַר אונדזערע ערטער איז עס ניט קיין בריק". איר מוזט מאַסקים זיין, — דאָ האָט מאַנוק פּאָקריקאָוו צעגומען זיינע פּוכקע הענטלעך און האָט אַ קוק געטאָן אַף די אינספּעקטאָרן, — אַז אַזוי קאָן מען פון יעדער זאַך מאַכן אַש און פּאָרעך דיין קעפּקע, צום ביישפּיל, כאַווער, — איז ניט פאַר דיין קאָפּ אַ קעפּקע. פאַרוואָס? — דערפאַר! אָדער דערהאָזיקער ווערסטאַק איז ניט פאַר אַזאַ וואַרשטאַט. פאַרוואָס? אַזוי. מיט קיין אַזויענע און דערפאַרן קאָן מען זיך ניט רעכענען. אויב־זשע מ'זאָל איבערגיין צו די איבעריקע באַמערקונגען, איז וואָס נאָמענטלעך שטעלט מען אַרויס קעגן דעם בריק? ערשטנס (ער האָט אָנגעהויבן לייענען), ס'איז צופיל ריאַזשן, דעם טייכל איז ענג געווען דורכצוגיין; צווייטנס, די ריאַזשן האָט מען געשטעלט אַף טרוקן, ניט אַף קיין צעלאָז; דריטנס, די אָרטיקע איינוווינערס האָבן געזאָגט, אַז אַזאַ בריק טויג ניט; פערטנס — די לינקע דאַמבע האָט מען שלעכט געפּעסטיקט, מ'האָט זי געשטעלט פאַר שיינקייט וועגן; און ענדלעך, דאָס אַמערסטן וועזנטלעכסטע: די באַמערקונג פונעם פּראַקטיקאַנט פּאָקין מיקויעך דעם אויסוואַל פונעם אָרט פאַרן בריק, זי טייל איך אויס באַזונדער. אַף די אַלע באַמערקונגען, כאַווירים, וועל איך אייך אַפּן געגויסטן אויפן ענטפערן, און איר וועט זען, אַז גלאַט אין דער וועלט אַריין קריטיקירן איז גרינג און בויען איז שווער, און אַז אין דער פאַרוואַלטונג, כאַווירים, זיינען אויך ניט קיין שוטים געזעסן. כ'וועל אָנהייבן פון דעם פּראָעקט פונעם בריק. כאַווער פּאָקין, איר זייט גערעכט, דאָס אָרט

פארנ בריק איז ניט פונ די געלונגענע, נאָר אז איר זאָלט זיכ מאטריִעכ זיַינ איבערלייענע אָט דידאָזיקע מעמאָראנדומס, וואָלט איר געזענ, אז די פראגע האָט זיכ אופגעהויבנ אונ האָט זיכ געשטעלט אסאכ מאָל, מערער נאָכ: ס'איז אויסגעפאָרשט געוואָרנ אסאכ מאָל די אומגעגנט, קעדיי צו געפינענ א מער באקוועמער אָרט. נאָר פונ צוויי צאָרעס קליַיבט מענ אויס די קלענערע, אונ אז ס'איז ניטאָ, איז ניטאָ: קיינ בעסער אָרט האָט מענ ניט געקאָנט געפינענ. וויַיטער אינעם קאניאָנ וועט זיַינ די הרעבליע, אונ אינ דער הייכ מיטנ שטראָמ איז דאָס אָרט נאָכ ברייטער אונ אומבאקוועמער. דער פראָעקט פונעמ בריק (פאָקריקאָוו האָט ארויסגעשלעפט פונעמ פאָרטפעל דעמ פראָעקט) איז דורכגעגאנ, ווי איכ האָב איַיכ געזאָגט, פיר אינסטאנצנ. מער נאָכ—קאָנ מענ שוינ ניט. פאָרזיכטיקערע פונ אונדז פאר א קליינער דעטאל, פאר א ציַיטוויַיליקנ הילצערנעמ בריק איז א סאָפעק צי איר וועט געפינענ אזוינע מענטשנ. אָט, כאווײרימ, זיַינענ די גרעסטע אונ די בעסטע ספעציאליסטנ פונעמ בריק־פאכ, וואָס אפ זיי האָבנ זיכ געלערנט אונ ס'לערנענ זיכ אונדזערע אינזשענערנ...

ער האָט איינעמ נאָכנ אנדערנ ארויסגענומענ אונ געוויזנ דער פארזאמלונג גראָבע איַינגעבונדענע ביכער מיט פארלייגטע סימאָנימ אונ פאפירלעכ.

— פראָפעסער פערעדערי, א קורס וועגנ בריקנ, פאטאָנ, א ספעציאליסט אפ הילצערנע בריקנ, אינזשענער מיטראָפאָלסקי, פראָפעסער פראָקאָפיעוו, גניעדאָווסקי אונ אזוי וויַיטער אונ אזוי וויַיטער... מישט אופ אונ לייענט. וואָס זאָגנ זיי? אפ טיַיכנ מיט א גרויסער גיכקיַיט פונ שטראָמ שטעלנ זיכ בריקנ אפ ריאזשנ־אָנשפארנ,—איינס. בריק־עפענונגענ איז געוווּנשנ אנ אומ־צאָל, הייסט עס, אז ריאזשנ—א גראָדיקע צאָל, אונ מיר האָבנ געדארפט שטעלנ אָדער צוויי ריאזשנ אָדער פיר...

אינ דעמ אָרט, אינ דעמ זעניט פונ זיַינ ניצאָכנ האָט פאָקריקאָוו פלוצלינג דערהערט פונ יענער זיַיט, ווו אגאפעק איז געשטאנענ, א ניט־אָנשטענדיקנ, אנ אומגעהערטנ, ניט־דערלאָזבארנ אויסגעשריי: „אליע—באליע,—שיט, באליע־ליאקע"... שוינ ניט ריידנדיק וועגנ דער אומ־פארשעמטקיַיט, האָט דערדאָזיקער אמעראצישער, ניט־פאראנענער, אומזיניקער אויסדרוק דערנידעריקט מיט זיַינ אידיאָטיזמ דעמ הויכנ גיַיסט פונעמ כאווער פאָקריקאָוו, וואָס האָט געשוועבט אינ די געדיכטענישנ

פונ טעכנישע אויסרעכענונגענ. ער איז ניט געשלאָפנ די נאכט איבער די ביכער, ער איז צוגעגאנג צו דער פראגע ווי א באָלשעוויק, א פירער פונ דער בויונג... פארגאָסנ געוואָרנ מיט העלער פארב, דערציטערט פונ צאָרנ, האָט דער אָרעמער כאווער פאָקריקאָוו דינינקערהייט א געשריי געטאָנ אינ פרעזידיום:

— איכ פראָטעסטיר! איכ פאָדער אריינטראָגנ אינ פראָטאָקאָל, צונעמענ דאָס וואָרט.

נאָר דער אָרטקאָמ אגאבעק איז שווער דורכגעגאנגענ דורכ צענדליקער אויגנ צומ פרעזידיום און מיט אנ אראָפגעלאָזטנ קאָפ אפנ הויקער, א בלאסער, א שרעקלעכער פונ דעמ אויסדרוק פונ האָפענונגסלאָזער און זעלבסטמערדערישער איראָניע,—איצט האָט ער שוינ אינ גאָרנישט ניט געגלויבט,—האָט ער געטאָנ א זאכ, וואָס קיינער האָט פונ אימ ניט דערווארט. ער האָט געבעטנ, מ'זאָל אימ אויסמעקנ פונעמ צעטל, ער האָט זיכ אליינ אָפגעזאָגט פונעמ וואָרט.

פאָרט איז פאָקריקאָווס גלענצנדיקע רעדע געווענ אראָפגעריסנ. דעמ בעסטנ נומער אירנ, וואָס ער האָט פארהיט צומ סאָפ, איז ער געצוווּנגענ געווענ אָפצוכאפנ — מיקויעכ דעמ צעמענט,—וואָס פאר א שויטע פארגיסט דענ ריאזשנ מיט צעמענט? ווו איז דאָס געהערט געוואָרנ? איבעריקנס, וועט די א.פ.אי. זיכ אליינ פאנאנדערקלייבנ אינ דער פראגע. די ניט־געוויסנהאפטיקייט און די אמעראצישקייט פונ די אָנפאלנ אפנ בריק איז אזוי אויכ קלאָר.

ער האָט מיט ביידע הענט פארנומענ זיינע ביכער און פאפירנ, זיי צעשטעקט אינ פאָרטפעל, און דעמ פאָרטפעל האָט ער איבערגעגעבנ דעמ פאָרזיצער פונ דער קאָמיסיע... און האָט זיכ אנידערגעזעצט.

דאָס וואָרט האָט געהערט דעמ סעקרעטאר פונעמ קעמערל.

4

אפ דער ארויסטרעטונג פונ דעמ „אומשעדלעכנ" האָט קיינער באזונדערס ניט געווארט, און נאָכ וויניקער האָט מענ זיכ פאר איר געשראָקנ. דער נאטשקאנצ זאכאר פעטראָוויטש איז אזויווי פונ א באָד ארויס און האָט זיכ אליינ צוגעווונשנ „צו געזונט". ער האָט ארויסגענומענ א ריזיק נאָזטיכל און האָט אָפגעטוקט אינ דעמ זיינ צעהיצט פאָנעמ מיטנ גרעסטנ פארגעניגנ. ער האָט אָפגערוט מיט אלע אייוורימ. א גליקלעכע צע־

שטרייטקייט, ווי אַלע קנעפּלעך וואָלטן זײַן צעשפּיליעט, האָט אים ארומגעכאַפּט אַף אַ מינוט צוויי; אַ זייער געזעצלעכער, קען מען זאָגן, אָפּרו האָט פאַרצויגן זײַנע אויגן מיט טריבקייט, און ער האָט שוין אָן שום אינטערעס אַ קוק געטאָן פאַר זיך, דערוואַרטנדיק צו דערזען די רייניקע פיגור פונעם „אומשעדלעכן“, כאָטש זי שטים, וואָס האָט זיך דערטראָגן פון דעם טיש פונעם פּרעזידיום, איז עפּעס ניט ענלעך געווען אַף דער שטים פונעם „אומשעדלעכן“. אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם דרימל, האָט דער נאַטשקאַנצ זיך געכאַפּט, אַז דאָס רעדט ניט דער סעקרעטאַר פונעם קעמערל, נאָר דער נײַער שעף פון דער בויונג.

דער הויפּט־אינזשענער האָט מיקויעך דעם בריק זיך ניט געקליבן ארויסצוטרעטן. ס׳איז אין אים געווען שטאַרק דער קאַסטע־געפיל, ווי בא יעדערן, וואָס האָט באַקומען טעכנישע בילדונג. און כאָטש מ׳האָט וועגן אים געזאָגט: „דאָס איז אונדזערער אַ מענטש“—און דער הויפּט־אינזשענער איזווירקלעך געווען אונדזערער אַ מענטש, און דאַפקע ניט נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט „געבויט דעם סאָציאַליזם“, נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט געוואָלט בויען דעם סאָציאַליזם—נאָר ארויסטרעטן אַף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פונעם באַצירק מיט דער קריטיק פון אַ פּראָעקט, וואָס איז ארויס פון זײַן שטאַב, האָט ער געהאַלטן פאַר ניט אָנשטענדיק, פאַר פּראָפעסיאָנעל ניט־דערלאָזבאַר. דער פּראָעקט איז געמאַכט געוואָרן אין זײַן אָפּוועזנהייט, ער איז דורכגעגאַנגען פיר אינסטאַנצן, איינע אַ טעכנישע און דרײַ מעלוכישע. „אַ האָלץ“,—האָט דער הויפּט־אינזשענער אַ טראַכט געטאָן, ווען ער האָט דערזען די אונטערשריפט פון זײַן טעכנישן שטעלפאַרטרעטער, דעם פאָרזיצער פון דער ערשטער אינסטאַנץ. ס׳טרעפן זיך זאַכן, וואָס דער אַלטער אינטעליגענטישער טאַקט איז געוווינט געוואָרן זיי צו פאַרשמירן. מעגלעך, אַז דאָ וואָלט אויך דער אַלטער טאַקט זיך ארײַנגעריסן אין דעם איניען און וואָלט געזיגט, נאָר די מוזיק פון צוקונפט, צי דו ווילסט צי דו ווילסט ניט, שפּרינגט ארויס פון די אַלטע טאַקטן, און די מוזיק פון דער צוקונפט איז אופגעקומען אַף דער פאַרזאַמלונג, נישט געקוקט אַף דער הילפלאָזיקייט פון די אַרבעטערס ארויסטרעטונגען... פאַרדולן דעם קאָפּ מיט טעכנישע פראַגן—דאָס האָט דער הויפּט־אינזשענער ניט געקאָנט דערלאָזן.

— דערלויבט, איך וועל מאַכן אַ צוגאָב צום כאַווער פּאָקריקאָווס ווערטער.—ער האָט אָנגעהויבן ווייך. ער האָט אומבאַוווסטזיניק געזוכט, ווי

צו אויסמײַדן די שווועריקײַטן, נאָר דעם אינזשענערס שפּראַך איז גע־
ווען ניט נאָכגיביק.—מ'האָט זיך דאָ אײַך פאַרופן אפ דער מיינונג פון
די בריק־ספּעציאַליסטן, אַז אין טײַכן מיט באַדײַטנדיקע גיכקײַטן שטעלט
מען געוויינלעך ריאַזשן. איך דאַרף צוגעבן, אַז אין דידאָזיקע לערנ־
ביכער זאָגט זיך: שטעלן ריאַזשן באַ דעם באַדינג פון אַ פעל־
דזיקן דנאָ, ווען ס'איז ניט מעגלעך אַרײַנצושלאָגן קיין
פּאַליעס. איך דאַרף צוגעבן, אַז קיין ריאַזשן אַליין פאַר זיך, פאַר־
שטייט זיך, פעסטיקט מען ניט מיט קיין צעלאָז, נאָר אין פאַל פון ניט
קיין פעסטן גרונט איז אומבאַדינגט נייטיק אַרײַנצושלאָגן
און בעטאָנירן די ריאַזשן אַפ אַ באַשטימטער טיף אין
גרונט. ווײַטער דאַרף איך צוגעבן, אַז דאָרט, ווו ס'איז מעגלעך אַ
גיכקײַט באַם דנאָ פון העכער אַנדערהאַלבן קובאָמעטער, איז, האָבנדיק
אין זינען די אומפאַרמײַדלעכקײַט פון אונטערשווענ־
קען, רעכנט זיך פאַרניט דערלאָזבאַר צושטעלן ריאַזשן
ניט אַרײַנגעשלאָגענע אין גרונט... מ'האָט מיר געוואָרפן אַ
צעטעלע, און אין דעם צעטעלע פרעגן באַ מיר כאַווײרים, צי איז גע־
ווען אַ געפאַר פון אונטערשווענקען באַ אונדז אפ דער מיזינקע? איך בין
געשטעלט אין אַ זייער ניט־אַנגענעמער לאַגע. איך האָב דעם בריק ניט
געזען ווי אַזוי איז ער אומגעקומען, קען איך ניט אורטיילן. באַ מיר איז
אַ קלאַל ניט אורטיילן וועגן אַ בויונג, ביז איך וועל אַליין אין איר אַלץ
ניט דורכטאַפּן. אין דער פראַגע וועגן דעם בריק איז די הויפּט־אויפ־
גאַבע, וואָס איז געווען אין אונדזער פאַרוואַלטונג, אַז מ'זאָל אים
אופבויען וואָס ביליקער—ערשטנס, דערפאַר, וואָס געלט האָט מען אָפּ־
געלאָזט ביז גאָר ווייניק; צווייטנס—ווייסט איר אַליין די אומבאַשטימ־
טע לאַגע מיטן פּראָעקט; דריטנס—די בויונג איז אַ צײַטווײַליקע, אפ
דרײַ, פיר יאָר. באַ אַזוינע בויונגען איז דער איקער, וואָס מ'האָט אין־
זינען—אַ מעגלעכסטע ביליקײַט. איך זאָג דאָס אַלץ, קעדיי די אַרבעטער
זאָלן וויסן, וואָס אַזוינס האָט זיך געפאָדערט פונעם פּראָעקטירער...
איצט וועגן דעם אונטערשווענקען. איר זעט אַליין, אַז אין דעם אָרט
שלאָגט די מיזינקע אָט אין איין זײַט און אָט אין דער צווייטער.
ס'מאַכט זיך, אַז די בײַט עטלעכע מאָל אין מעסלעס דאָס בעט. נו,
און דער פאַקט פון בײַטן דאָס בעט אַליין פאַר זיך
זאָגט שוין, אַז ס'איז פאַראַן אַ פּראָצעס פון צעשווענ־
קען.

מער זאָגן האָט ער ניט געקאָנט. זײַן קורצן באַריכט האָט ער איבערגעגעבן אין דער זײַט פון דער רעוויזיע. דער אַלטער טאַקט האָט אופגעבראכט גערעדט אין אים: „ס'איז זייער נייטיק געווען ארויסצושפרינגען, א מעסירע, א כארפע!" און דער בויער, וואָס איז געזעסן אין אים, האָט פאַראַקשנט זיך אָפּגעוואָרט: „נו, איז זאָל זײַן, און פאַרדולן דעם קאָפּ וועל איך ניט לאָזן. מ'דאַרף ניט דעם קאָפּ פאַרדולן!"

איבעריקנס, איז די ווירקונג פון זײַן רעדע ארויסגעקומען זייער אָפּגעשוואַכט. אייניקע, וויסנדיק אפריער, וואָס נאַטשאַלסטווע וועט רעדן, האָבן אינגאנצן ניט געהערט; אַנדערע האָבן נישט פאַרשטאַנען; און די דריטע האָט ארײַנגעפירט אין טאָעס דער טרוקענער און געשעפטלעכער טאָן,—די ווערטער זײַנען אַפילע געווען פאַרשטענדלעך, נאָר פאַרבינדן זיי מיטן בריק און מאכן פון זיי דירעקטע אויספירן האָבן זיי בא זיך ניט געפּויעלט, שוין צו שטאַרק האָט ווידערגעשפּראָכן צו אַזוינע אויספירן דעם אינזשענערס געשעפטלעכע און רויִקע שטים. אַפילע דער כאַווער מאַנוק פּאָקריקאָוו אַליין האָט ניט מיטאמאָל זיך געכאַפּט, וואָס פאַר א וואָג ס'האָט געהאַט דערדאָזיקער באַשיידענער „צוגאָב" צו זײַנע ווערטער. און אַז דער אוילעם האָט זיך געכאַפּט, איז שוין געווען שפּעט: פאַר דעם קעסטל פון פּרעזידיום איז געשטאַנען און ס'האָט גערעדט דער סעקרעטאַר פון קאָמערל—„דער אומשעדלעכער".

ער איז געווען, ווי מ'איז געווינט געווען אים צו זען, אין א רייבעם פרענטש און אין אויסגעפּוצטע שטיוולעטן, וואָס האָבן געגלאַנצט. זײַנע אײַנגעשפּאַרטע אַרמענישע האָר זײַנען געווען פאַרגלעט מיט א בערשטל. האַלטנדיק פאַרקלעמט די פינגער פאַר זיך, אָן א שום פּאַפּירל, האָט דער סעקרעטאַר זײַן ארויסטרעטונג אָנגעהויבן שעמעוודיק און אַזוי שטיל, אַז פון די ווײַטע עקן וואַרשטאַט האָט מען א געשריי געטאָן: „העכער!" דאַן האָט ער אָנגעהויבן רעדן הויך. איבעריקנס, איז שוין פון די ערשטע ווערטער, כאָטש זיי זײַנען געווען שטיל, האָט דער נאַטשקאַנצ זאַכאַר פּעטראָוויטש זיך רעציכעדיק אָנגעשפּיצט. אין א רעגע אַרום האָט ער שוין אָנגעשפּאַרט ביידע הענט אין די קני און האָט זיך אָנגעבויגן מיטן גאַנצן קאָרפּוס צו דער זײַט פונעם אָראַטער. און אין א מינוט אַרום האָט ער געגעסן דעם אָראַטער מיט די אויגן, האָט אויסגעזען פּיאָלעט און ס'האָט אים אָנגעכאַפּט דער מאָגן־ציטער, וועלכער פלעג זיך מיט אים טרעפן אין מאָמענט פון העכסטער אומגעריכטקײַט.

— כאווײדרימ! מיקויעכ דעמ בריק: ווי ס׳האָבנ מיר געזאָגט ספּעציאַליסטנ, אונ איכ האָב דאָס אויכ איבערגעלייענט אינ א האַנטבוכ פונ מעכאַניק, קענ מענ די ווידערשטאַנדפייִקייַט זענ אפנ בריק אליינ, — אויב דער ריאַזש איז אַוועקגעשווומענ, ווענ די וואַסער האָט פאַרגאָסנ ביז דעמ סאַמע בריק־אָנדעק, איז, הייסט עס, דער אופהייב פונ וואַסער אינ טײַכ העכער פונ דעמ, אפ וועלכנ דער בריק איז אויסגערעכנט. אינ דעמ פאַל קענ מענ קיינעמ ניט באַשולדיקנ. נאָר בא אונדז איז דאָכ אָבער די וואַסער אפילע ביז דער האַלב פונ דעמ ריאַזש ניט דערגאַנגענ, ווענ דער ריאַזש האָט זיכ א ריר געטאָנ. דער גאַנצער באַציִרק האָט עס געזענ, כאָטש כאווײדרימ האָבנ זיכ צוליב עפּעס געוואָרפנ פונעמ בריק צומ הידראָמעטער. אפ דעמ צענומענעמ מאַטעריאַל קענ מענ זענ דעמ שפּור פונ דער וואַסער. האַלב פונ די אויבערשטע באַלקנס פונ די ריאַזשנ איז געבליבנ פולקאָמ טרוקנ. אונ אינ אַזא פאַל מוז מענ קאָנסטאַטירנ...

דעמ סעקרעטאַרס ביידע אויערנ האָבנ זיכ העליש אָנגעצונדנ, —

...אַז דער בריק איז אויסגעבויט געווענ, צומ באַדויערנ, ניט באַפרידיקנדיק. נאָר דאָכ רעדט זיכ איצט דעריקער ניט וועגנ דעמ. בא אסאַכ כאווײדרימ דאַרפ זיכ רירנ טיפ א געדאַנק, אַז ניט גוט, ניט נאָרמאַל איז די געשאַפענע לאַגע אפנ באַציִרק. מיר, כאווײדרימ, זײַנענ די באַלעבאַטימ פונ אונדזערע בויונגענ. מיט דידאָזיקע בריקנ, סטאַנציעס, וועגנ — באַוועגנ מיר דאָס לאַנד צו וויסנ, צו קראַפט, צו סאָציאַליזמ. אונדז דאַרפ יעדער בריק זײַנ טײַער, ווי אַנ אייגענע האַנט אָדער פוס... איז אָט, פרעג איכ אײַכ, אָרנטלעכ גערעדט, צי איז געווענ דער אַרבעטער אינ דער זאַכ אפ דער הייכ? צי איז דער פאַרטייער געווענ אפ זײַנ פּאָסט אינ דער זאַכ? דאָס קעמערל אינגאַנצנ גענומענ, צי האָט עס ריכטיק געהאַנדלט? איכ דאַרפ אײַכ זאָגנ, כאווײדרימ, אַז צו אונדזער גרויסנ ביזויענ איז אַזוינס ניט געווענ. דו, אַרבעטער, אונ דו, פאַרטייער, האָסט זיכ דערפרײַט אינ דער מינוט, וואָס דער בריק איז אומגעקומענ. די איינציקע האָפענונג, וואָס איז געווענ בא אײַכ, אַז ס׳זאָל גיכער אַראָפּטראָגנ, אונ אַז ס׳זאָל אַזוי אַראָפּטראָגנ, אַז ס׳זאָל זיכ אַנטפּלעקנ דער דעפעקט פונעמ בריק. איר זײַנט געוואָרנ אויסשפּירערס אפנ באַציִרק, פינקערטאָנס, איר זײַנט אַרומגעלאָפנ זוכנ פאַקטנ, דער סאַמע ערלעכסטער יאַט צווישנ אײַכ האָט זיכ אַזוי פאַרדרייט, פונקט ווי פאַר דער ראַטנמאַכט, פאַר אונדזער אָרדענונג וואָלט מענ געדאַרפט אינ א

פינצטערן ווינקל איינס אפ איינס מיט בורזשואזע שפיצלעך פאקן דעם סוינע,—פונדאנען, כעוורע, איז שוין דאָך איין שפאן ביז דער אונטערערד...

א לאַכן פון זאל האָט אָנגערירט דעם נאַטשקאנצס אויערן. די ארבעטער זײַנען אופגערודערט געוואָרן, ס'זײַנען פריילעך געוואָרן די ארבעטער, מ'האָט געזען, אז דעם סעקרעטארס רעדע, ניט זייער קיין גלאַטע, מיט א שטארקן ארמענישן אקצענט, מיט ארמענישע ווערטער איבערגעשאָטן, ווען דער סעקרעטאר האָט געזוכט א וואָרט, איז דערגאנגען צום הארצן און האָט אָנגערירט בא דער לעבער.

— און דו אליין וואָס האָסטו געטאָן? אסאך הילף האָט מען פון דיר געזען?—האָט דער קאָמיוגיסט פונעם דיזעלנעם א הארי קע געטאָן, אָבער אָן בייזקייט, נאָר גיכער קעדיי א רייצ טון, און מיט אופגעפלאַקערטן אינטערעס.

— אפ וויפל איך האָב אייך ניט געקענט אָפשטעלן, קומט מיר דעם ערשטן קלאפ,—האָט זיך אָפגערופן דער סעקרעטאר,—נאָר לאָזט, כאַווײרים, רעדן. איך ענדיק נאָך ניט, איך הייב ערשט אָן.

ער האָט געמאכט א פויזע און האָט באטראכט דעם וואָרשטאט. ער איז ניט געווען קיין אָראטער, און רעדן איז אים געווען שווער. נאָר דער רויטלעכער שפיצ פונעם אויער מיט זײַן פּראקשנטן אויסבויג האָט באוויזן, אז ווי שווער ס'זאָל ניט אָנקומען, נאָר דאָס נייטיקע וואָרט וועט ער ארויסקוועטשן פון זיך:

— אפ דעם פאקט, וואָס די געזעלשאפטלעכקײַט, ארבעטער און פּארטייער, זײַנען דערגאנגען צו אזא ניט-דערלאָזבארער אומנאָרמאלקײַט, איז איבעריק זיך אָפצושטעלן, ס'איז פאר אלעמען קלאָר. די ארבעטער-פויערשע אינספּעקציע האָט זיכער באמערקט דידאָזיקע דערשײַנונג, ס'איז, אָפן געזאָגט, שוין צו געדיכט די לופט. נאָר דאָס, וואָס די ארבעטער-פויערשע אינספּעקציע קען ניט וויסן, זײַנען מיר מעכויעוו אײַך צו כאראקטעריזירן. די ארבעטער-פויערשע אינספּעקציע קען ניט וויסן, איבער וועלכע סיבעס נאָמענטלעך זײַנען מיר, פּארטייער און ארבעטער, דערגאנגען צו אזא געדיכטן צושטאנד, זי קען עס ניט וויסן, און איך רעכן, אז זי פרעגט זיך, ווו-זשע זײַנען די וואָרצלען פון אזא לאַגע אפן באצירק. די וואָרצלען, כאווײרים אינספּעקציע, איז אין דער ניט-ריכטיק אוועקגעשטעלטער אָרגאניזאציע פון דער פאַרוואלטונג אפן באצירק, און איבער דעם איז דער ארבעטער אנטלאָפן אין אונטערערד.

פאר אלע זעקס כאדאָשימ איז אפנ באצירק ניט געווענ קיינ פראָדוצירבאראטונג. דעמ ארבעטערס שטימ איז, קענ זײַנ, געווענ א ריכטיקע, אונ ס'קענ אויכ זײַנ, אז זי האָט געגרײַזט, נאָר דעמ ארבעטערס שטימ האָט מענ ניט געלאָזט ניט אינ דעמ פאל, ניט אינעמ צווייטנ פאל זיכ ארויסזאָגנ, אז די גאנצע געזעלשאפטלעכקײַט זאָל זי אויסהערנ אונ מ'זאָל איר לאָזנ א וועג, אָדער מ'זאָל אופדעקנ דעמ גרײַז באלד אפנ אָרט. דעמ ארבעטער האָט מענ געהאלטנ ווײַט פונ דעמ פראָעקט, אונ די בויונג דארפ דאָכ אונדז לערנענ. פונ דעמ שווארצארבעטער ביז דעמ פראָפארײנ־טוער, ביז דעמ סעקרעטאר פונ קעמערל, — אלעמענ דארפ זי לערנענ, קעדײ, אפ דער פאָלגנדיקער ארבעט זאָלנ מיר שוינ זײַנ באלאָדנ פונ דערפארונג, באלאָדנ מיט וויסנ. דאָס לערנענ דארפנ מיר דאָכ באקומענ ניט נאָר פונ ביכער, נאָר אויכ אינעמ גאנצנ גאנג פונ דער ארבעט. אויב דער פראָעקט איז פארבראקעוועט, גיט א דערקלערונג פונ די סיבעס, גיט אונדז א מעגלעכקײַט צו וויסנ די אלגעמיינע עקאָנאָמיק, דעמ אלגעמיינעמ .צושטאנד פונ דער בויונג, בלינדערהייט איז דאָכ ניט קיינ ארבעט...

ער האָט אָפגעווישט דעמ שוויס פונעמ פּאָנעמ מיט א ריינ נאָזטיכל, ער האָט פארכידעשט דעמ זאל, ער האָט אימ דערפירט צו פולנ, אבסאָליוטנ שווײַגנ, צו א שטילקײַט, אינ וועלכער מ'האָט געהערט, ווי עס סאָפּעט הויכ דער נאטשקאנצ, וואָס האָט פארגעסנ ווו ער איז אינ דער וועלט.

— אונ וואָס שײַעכ דער ניט־ריכטיקײַט אינ דער אָרגאניזאציע, איז זאָל די ארבעטער־פויערשע אינספעקציע פרעגנ דעמ געוועזענעמ שעפ פונ דער פארוואלטונג: וועמענ איז אפנ באצירק פארטרויט געוואָרנ מער פונ אלע? ווער האָט מיט אונדזער אינזשענער, מיט לעוואָנ דאווידאָוויטשנ, איינפערזאָניק געפירט אלע געשעפטנ אי פאר א פארוואלטער פונ דערווירטשאפט, אי פאר א געהילפ אונ שעפ, אי פאר א נאטשקאנצ..

— וואָ—אָס?!

— יאָ, איכ כאזער איבער, ווער האָט געהאט אנ איינפערזאָניקע פונקציע אפנ באצירק? צי איז עס געווענ אונדזערער א מענטש? פונ אזוינע אומפארטייִשע, וואָס קענענ אנ אנדער פארטייִשנ איבעריאָגנ אינ דער ארבעט אפ צוויי קאָנ פאָרויס? צי איז עס געווענ אנ ארבעטער מיט א ריכטיקער אײַנשטעלונג, וואָס האָט געוווסט, צוליב וואָס איז די רעוואָליוציע געמאכט געוואָרנ? ניינ, כאוויירימ, דעמ נאטשקאנצ

זאַכאַר פּעטראָוויטשן רופֿ איך אָן אַזויווי ער איז, אַן אַלטער פֿאַררעוואָליוציאָנער, אַ צאַרישער פּריצישער דינסטמאַן, אַ פּריקאַשטשיק באַזײַן באַלעבאָס. אַזאַ מענטש איז אַ סוינע פֿון דער רעוואָליוציע, אַ סוינע פֿון די בעסטע לאָזונגען פֿון דער רעוואָליוציע, פֿון דעם גײַסט פֿון דער רעוואָלוציע און פֿון דער גאַנצער ריכטונג פֿון אונדזער פּאָליטיק, ווײַל אַזאַ מענטש...

— וואָס הייסט דאָס, אָנפֿאַלן אַף פּערזאָנען! כאַווער פּאָרזיצער!

— ... אַזאַ מענטש, ווי דו זאָלסט אים ניט אָוועקזעצן, וועט ער פֿריִער פֿון אַלץ אויסזוכן מיט די אויגן אַן עלטסטן, אַזאַ מענטש וועט פֿון נאַטשאַלסטווע זיך מאַכן אַ באַלעבאָס, ער וועט זיך לייגן פֿאַר אים אַפֿן בויך, ער וועט אַף זײַן אויפֿן, אויב איר ווילט, קריכן פֿון דער הויט, וועט ניט דערעסן, ניט דערשלאָפֿן, און צום גרויסן, צום גרעסטן ביזויען וועט אַזאַ מענטש אָנשעדיקן מער ווי מ'קען זיך פֿאָרשטעלן, ווײַל מ'וועט זיך צוגעוווינען צו אים, און צו דער באַקוועמלעכקײַט פֿון אַזאַ אַרט דינען וועט מען זיך צוגעוווינען, און מ'וועט פֿאַרגעסן דעם הויפּט־וואָרצל פֿון דער אַרבעט,— אַז ניט אין פּערזענלעכער זעלבסטליבע איז די זאַך באַ סאָציִאַליסטישער בויונג. אַזוינע „סלוזשאַקעס” מאַכן קאַליע פֿאַראַנטוואָרטלעכע אָנפֿירער. אַזוינע סלוזשאַקעס, מ'זאָל זיי לאָזן, ברענגען זיי צו דער אַלטער און ניט־דערלאָזבאַרער אַטטאָספּער, און מיר וואָלטן געוועזן די לעצטע בעק אָדער אויפּעלעך, ווען מיר וואָלטן ניט אַ געשריי טון אַזאַ פֿאַקט אין די אויגן אַרײַן: ס'איז ניטאָ פֿאַר דיר קיין אָרט, אַלטער פֿאַקט, אין דער נײַער וועלט!

— נו, דאָס וועלן מיר נאָך זען, פֿאַך וועמען איז אַן אָרט...— האָט אַ צישע געטאָן דער אַנשטילט געוואָרענער נאַטשקאַנץ, און איז אויפֿגעשטאַנען, קעדיי צו פֿאַרלאָזן די פֿאַרשאָלטענע פֿאַרזאַמלונג.

נאָר ס'איז ניט מעגלעך געווען דורכצוגיין: מענטשן זײַנען געקראָכן איינער אַפֿן אַנדערן אינעם וואַרשטאַט,— פּונוואַנען האָבן זיי זיך דאָס גענומען! אין די אויגן פֿונעם אָרטקאָם, וואָס האָט זיך אָנגעטראָפֿן זאַכאַר פּעטראָוויטשן אַפֿן וועג, איז געווען אַזאַ שײַן, אַז דער נאַטשקאַנץ האָט זיך אַזש פֿאַרזשמורעט און האָט זיך דורכגעשאַסטעט פֿאַרבײַ אים.

5

לעוואָן דאַווידאָוויטש האָט אין מעשעך פֿון דער גאַנצער פֿאַרזאַמלונג פֿאַרהיט אַלץ דעמזעלבן הילצערנעם אויסזען. ער איז געזעסן אַ

ניט־באַמערקטער בא דעמ סאַמע אַרויסגאַנג. ער איז געווענ גלײַכגילטיק, ווענ עס האָט געדרעדט פּאָקריקאָוו. נאָר בא די ווערטער פונעמ הויפּט־אינזשענער האָבנ זײַנע ברעמענ זיכ גענומענ באַוועגנ, דער שטערנ האָט זיכ אויסגעקנייטשט, אונ זײַנ אופגעהויבענער העכטענער בליק האָט איידעס געזאָגט אפ באַשײַמפּערלעכנ אינטערעס. ער האָט זיכ אַפּילע עטוואָס אופגעהויבנ. לעוואָנ דאַווידאָוויטש איז געווענ א בויער. ער איז געווענ דער איינציקער מענטש אינ יענער שלימאַזלדיקער נאַכט, וואָס האָט צווישנ דעמ גאַנצנ אוילעמ אַרומ בריק געוווּסט אפ זיכער, אַז דער בריק וועט אומקומענ.

אינ אונטערשייד צו צעלאָדזענ, וואָס האָט אופגענומענ דעמ בריק ווי א טעכנאָלאָג, צו דעמ אוילעמ, וואָס האָט געזענ אינ אימ א טייל פונ דעמ פּייזאַזש, אונ צו די אַרבעטער, וואָס האָבנ פאַרשטאַנענ יעדער זאַכ ווי זיכ אַליינ,—צי איז עס אנ אַרבעט־זאַכ, צי נײַנ,—האָט לעוואָנ דאַווידאָוויטש פונ דער ערשטער מינוט אינ דער זעונג פונעמ שיקערנ בריק דערפילט, אַז דער בריק איז שלעכט אויסגעבויט. שלעכט אויסגעבויט—אינ דעמ איז געווענ דער סאָד. א שרעקלעכ געפיל, א קעלט ענלעכ אפ א קראַמפּ, א געפיל פונ צו שפּעט געקומענער דערפאַרונג האָט געליימט געמאַכט דעמ שעפ פונעמ באַצירק. זײַנ טרוקענער אונ באַגרענעצטער פאַרשטאַנד, וואָס האָט ניט פאַרמאָגט קיינ פייִקײַט פונ אַנאַלאָגיע, איז פאָרט געווענ טיפ פאָדערנדיק צו זיכ אַליינ, איז געווענ אָרנטלעכ מיט א באַזונדער מינ פאַרמאַצעווטישער אָרנטלעכקײַט,—אָט די אַלע טעג, שפּאַנענדיק אונ האַנדלענדיק הילצערנ, האָט ער דורכגעטראַכט אינ געדאַנק, וויאַזוי זאָל ער פאָרמולירנ זײַנ דערפאַרונג: אינ דער זעונג פונעמ אומקומענדיקנ בריק האָט לעוואָנ דאַווידאָוויטש דאָס ערשטע מאָל פאַר זײַנ גאַנצער פּראַקטיק דערפילט קימאַט מוסקוליש, אפ זיכ אַליינ, די באַדײַטונג פונ פ א ר מ ע ווי א זעלבשטענדיקער פאַקטער... פונ ליבע צו איבערטרײַבנ האָט ער שוינ געטײַנעט צו זיכ אַליינ, אַז דאָס געוויסער האָט דאָ ביכלאַל קיינ אַנטשיידנדיקע ראָל ניט געשפּילט: „אינ אונדזער פּראַקטיק בויט מענ שטענדיק אפ א ווידערשטאַנדפייִקײַט נידעריקער פונעמ דורכשניט, אונ דער בריק האַלט אויס א דורכשניטלעכ געוויסער... איכ האָב ניט דיסקאָנטירט די אומשטענדנ, ניט דיסקאָנטירט דאָס אונטערשווענקענ, אונ איכ האָב געדאַרפט זוכנ א מער עלאַסטישערע פאָרמע, בא אנ אַנדער פאָרמע וואָלט דיזעלבע אויסרעכענונג געגעבנ אנ אַנדער עפעקט!"

די צעווילדעוועטע מיזינקע האָט אים נאָך דענסטמאָל אונטערגעזאָגט אנדערע, מער עלאַסטישע פֿאָרמעס,—פֿאַליעס באַ די ברעגן, דעם וועג אַף פֿאָרנ—אונטן, די פֿערמעס, ווי באַ הענגענדיקע בריקן, אופֿגעהויבן פֿונויבן,—ארומגייענדיק ווי א סאָמנאַבול איבערן באַצירק די אַלע טעג, האָט ער געוואַרט אַף א סיגנאַל, און ענדלעך האָט ער דעמדאָזיקן סיגנאַל דערהערט. ווי נאָר עס זײַנען אַנשוויגן געוואָרן דעם הויפּט־אינזשענערס ווערטער, האָט לעוואָן דאַווידאָוויטש זיך א וואָרף געטאָן פֿונעם וואַרשטאַט, קעדיי צו באַוויזן אָנשרײַבן און דערלאַנגען דער אַרבעטער־פֿויערשער אינספּעקציע זײַן ראַפּאָרט. א באַזונדער מין טײַנעג, א טײַנעג פֿון געשענדעטקײַט האָט אים פֿאַרשיקערט.

פֿון די טירן פֿון וואַרשטאַט האָבן מיט א געשריי זיך א וואָרף געטאָן צוויי טונקעלע פֿרויען־פֿיגורן,—זיי האָבן אונטערגעהערט; ער האָט זיי דעריאָגט,—דער פֿײַן דערצויגענער און מאַנירלעכער שעף פֿון באַצירק האָט פֿלוצלינג, ווי א כוליגאַן, א כאַפּ געטאָן פֿונהינטן די נאָענטסטע צו אים פֿרוי און האָט זי באַלד ארויסגעלאָזט. זי האָט זיך אויסגעקערעוועט און האָט אַף א מינוט דערזען דעם אַטאַוויסטישן, אַראָפּ־צו־אַראָפּגעצויגענעם, קימאַט אומזיניקן אָנבליק פֿון א באַקאַנטן פּראָפֿיל, אין דער צײַט ווען פֿאַר אים איז דאָס קײַלעכיקע בלאַסע פֿרויענפּאָנעם מיט קרײַזעלעך און מיט נאָזלעכעלעך, ווי באַ א הילצערן פֿערדל, מיט דעם נידעריקן דיאָניסישן שטערן, געווען לאַכלוטנ אומבאַקאַנט: „אַפּאָנעם, דאָס איז זי, מאַלקאָס ווײַב",—האָט אומקלאָר, ווי א פּאַטום, זיך דערמאָנט לעוואָן דאַווידאָוויטשן.

— פֿו, נא דיר גאָר אַזוי! — האָט צעשאָטן און מיט אַן ארויסרופֿ געזאָגט א פֿרויען־שטים.

נאָר לעוואָן דאַווידאָוויטש האָט געשפּאַנט, געשפּאַנט ווײַטער און האָט גיפֿטיק געלאַכט צו זיך אַליין, געלאַכט אין זיך פֿון זײַן ווײַב, אָנבויגנדיק אַף א זײַט זײַן פּראָפֿיל. אינדערהייך האָט געוואַרט אַף אים נאָך א באַגעגעניש. אונטער דער אַרקע, סאַמע לעבן דער קאָנטאָר, האָבן א צוויי טוץ קינדערלעך, האַלטנדיק זיך פֿאַר די הענט, אים פֿאַרצוימט דעם וועג און האָבן זיך אָנגעשטעלט אַף אים מיט נײַגיריקע אויגן. די קינדער זײַנען געווען אָנגעטאָן ווי עמעצער, נאָר סאָליד,— אין טיכלעך, שאַלעכלעך, שטיוועלעך, און יעדערער האָט געהאַלטן א פּעקעלע אָדער א זאַק. מ'האָט געזען, אַז די קינדער זײַנען געקומען צו פֿאָרן פֿון דער ווײַט. דאָ טאַקע איז געשטאַנען דער גרויסער הידראָ־

בויִשער לאסט־אווטאָמאָביל, און צו לעוואָנ דאווידאָוויטשנ איז מיט א ברייטנ שמייכל אפנ קוואדראטנ שאָטלענדישנ פאָנעם, מיט אנ אָפגעקראָכענער מופטע אפנ בויכ צוגעגאנגענ אנ אומבאקאנטע גרויע פרוי.

דער שעפ פונ באצירק האָט זיכ דערמאנט אינעם גרויענ קאָנווערט מיטנ שטעמפל. ער האָט זיכ דערמאנט, ווי אינדערפרי האָט ער פאראָרדנט ארויסצושיקנ דעמ לאסט־אווטאָמאָביל און האָט אינ זיכ מעכאבעד געווענ דעמ פאָלקאָמבילד מיט קרעפטיקע ווערטער,—אויכ מיר געפונענ א צײַט פאר שול־עקסקורסיעס!

— אנטשולדיקט, מאדאם, בא אונדז אפנ באצירק איז אַ רעוויזיע. פארשטייט זיכ, אז איר זײַנט שוינ געקומענ,—נאָר בעסער וואָלט געווענ פריִער זיכ צונויפשרײַבנ. א לאָקאל אפ נאכט איז פאר אײַכ צוגעגרייט... און...—לעוואָנ דאווידאָוויטש האָט פײַנלעכ פארקנייטשט דעמ שטערנ:—אי דער פארוואלטער מיט דער ווירטשאפט, אי דער קאָמענדאנט, אי דער נאטשקאנצ זײַנענ אלע אפ דער פארזאמלונג. מעגלעכ, אז ס'וועט זײַנ בעסער, איר זאָלט באלד זיכ אראָפלאָזנ גלײַכ אראָפ אָט מיט דעמדאָזיקנ וועג,—א מינוט פופצנ, צענ, איר וועט פרעגנ דעמ מעכאנישנ ווארשטאט,—דאָרט...—ער האָט ניט פארענדיקט און געמאכט א בארויִקנדיקנ ושעסט,—דאָרט וועט מענ זיכ פאנאנדערקלײַבנ, וואָס צו טונ מיט זיי.

ער איז שוינ ווידער געגאנגענ, שפרינגענדיק איבער א טרעפל אפ די קאָנטאָרישע טרעפ.

קאפיטל XVI

הידראָצענטראל

1

אנוש מאלכאזיאנ האָט קיינ שום באזונדערע באגעגענישנ אפילע ניט געדארפט. אנוש מאלכאזיאנ האָט אָנגעקוואָלנ, איר ברייט בלאס פּאָנעמ האָט באוויזנ אָפּגעבערענט צו ווערנ פונ ווינט, די האָר זייַנענ ארויסגעקראָכנ פונ אונטער דער אלטער שליאפקע, זי האָט געפירט איר ארמיי ווי א פעלדמארשאל אונ האָט ברייט געשפאנט מיט אירע פיס אינ קאלאָשנ. אָט האָבנ זיי געטראָפנ אפ א עכטער בוינג, אונ ניט קיינ מענטשנ, ניט קיינ לאָקאל אפ אריינפירנ די קינדער, ניט קיינ טיי מיט פוטער מיט ברויט אונ אפילע ניט קיינ פירער איבער די ערטער, קיינ זאכ ניט, — די הידראָסטאנציע — אָט וואָס זיי האָבנ זיכ געכאפט וואָס גיכער צו דערזענ. די הידראָסטאנציע אינ דער קינדערשער פאנטאזיע אונ פאר אנוש מאלכאזיאנ אליינ איז אופגעשטאנענ, ווי עפעס אזוינס, וואָס איז באגערט אונ וואָס ציט צו זיכ מיט עפעס, אזוי ווי פאר אנ אנדער פראָווינציאל — פאריזש אָדער לאָנדאָנ. דעמ גאנצנ וועג אינ צוג האָבנ זיי געקלעפט די נעזער צו די שויבנ, די קנעפעלעכ פונ די קינדערשע נעזער, די ברייט צעעפנטע אויגנ האָבנ אנטציקט געקוקט, אונ אנושעס אלטע ליפנ האָבנ דערציילט, וויאזוי דער ברייטער שיראק פויזעט לאנגזאמ אראָפ, ווי איינ טייל ארמעניע, די דאָרעמדיקע, מיט אירע הויכלענדער, מיט דער גלאטער ראכוועס, מיט די קאנאווקעס, מיט די אָנוואסערדיקע ניט-פארזייטע פוסט-פעלדער רוקט זיכ ארויס פונ אונטערנ צוג, אזויווי א דורכגעווייטע שטיק שטאָפ פונ אונטער א ניי-מאשינ; די צווייטע טייל, די צאָפנדיקע, די בערגיקע, די רוישיק-טייַכיקע, מיט וואלד פארוואָקסענע הייבט זיכ אופ צו זיי אנטקעגנ, אונ דער צוג דראפעט זיכ צו איר איבער טונעלנ, — פונונטנ אונטער דער ליניע האָט געזונגענ דער גרינער באמבאק, דער קאניאָנ האָט פאר די פארצויבערטע קינדער זיכ אויסגעקערעוועט אָט מיטנ פאָנעמ אונ אָט אינ פראָ-

פיל, רויטע פענעצנ באַזאַלט האָבנ אינ גלייַכע פילעקנ, אינ א קישעפ־דיקער קאָלאָנאַדע זיכ אופגעהויבנ אונ געפאַלנ, אונ ווענ ס'וואָלט נאָר געווענ זומער! זומער וואָלטנ קווייטעלעכ געווענ!

נאָר די קלוגע אנוש מאַלכאַזיאַנ האָט באַלד פארבראַקעוועט דעמ אידייענלאָזנ פייזאַזש. זי האָט צעעפנט פאַר די קינדער די סטאַלאַקטי־טענע סוידעס פונ די הייל, זי האָט צעלייגט ווי בוטערבראָדנ געשמאַ־קע געאָלאָגישע פלאַסטנ, זי האָט צעשטעלט אפ טייַכלעכ אָנצאָליקע הרעבליעס, אונ די קינדער האָבנ געלייזט מיט די אויגנ: אונ אויב מ'זאָל דאָ פארהאַטענ דאָס טייַכל,— ווו דאַרפ מענ אראָפוואַרפנ די וואַ־סער אפ דער טורבינע? דערנאָכ זייַנענ זיי איינער נאָכ דעמ אנדערנ ארויסגעקראָכנ אפנ נאַסנ פעראָנ אונטער דעמ צייַלנדיקנ אונ זאָרגעוו־דיקנ בליק פונ דער לערערנ. די לופט איז געווענ קרעפטיק: זי האָט זיי פארשיקערט. דאָס פאָרנ אפנ אווטאָבאָביל—דער העכסטער פארגע־ניגנ, דער געפילדער אונ דער געלעכטער, דאָס העצקענ, די געפאַר ארויסצופאַלנ,—„מומע אנוש, סורענ האָט זיכ געזעצט אפ מייַנ אָנבייַסנ”, „מומע אנוש, אָליע קנייַפט זיכ”, אונ „דאָס וואָס איז? אונ דאָס וואָס איז?”,—דער זילבערנער קלאַנג פונ די שטימענ האָט זיכ געהויבנ, ווי דער שוימ פונ שאַמפּאַניער, וואָס הייבט זיכ איבערנ באָקאַל, אונ האָט געדראָט ארויסצוגיסנ זיכ אַלע מינוט פונ דעמ אווטאָמאָביל אפ אַלע זייַטנ. אפילע דער שאָפער האָט ניט־ווילנדיק זיכ צייַטנווייַז אויסגעקע־רעוועט צו דער גאַנצער קאָמפאַניע אונ האָט מעקאַנע געווענ דער אָנ־סיבעסדיקער פרייד פונ לעבנ, דעמ איבערפלוס פונ ענערגיע אונ די מוטערס מיט די פאָטערס, וואָס זיי האָבנ קינדער. ווי א קישעפמאַכערנ מיט א מופטע איז געווענ די אַלמעכטיקע אנוש מאַלכאַזיאַנ. ס'איז ניט זייער גרינג צו דערשלאָגנ זיכ אנ עקסקורסיע, צו מישטאַדל זייַנ זיכ בא דער באַנ, באַמ פאָלקאָמבילד, בא די עלטערנ. נאָר סאָפקאָלסאָפ גייענ זיי איצט פאָרט, ניט פילנדיק קיינ מידקייַט, איבער א ברייטנ נייַעמ וועג, פארבייַ פרישע אויסגעבויטע באַראַקנ, ווו אַלצ דערמאַנט וועגנ צייַטווייַליקייַט אונ וועגנ דער וויכטיקייַט פונ מענטשישער ווויִ־נונג. פונונטנ הייבט זיכ א נעפל,— דאָרט לויפט דאָס טייַכל מיזינקע, די העלדנ פונ הידראָצענטראַל.

מיט וואָס האָט אנוש געהאַלטנ די קינדער, האָט זי אַליינ אויכ ניט פארשטאַנענ: דערמיט, וואָס די באַיאָרטע גרויסע פרוי מיט די גרויע וואָנצעלעכ איבער דער ליפ איז אַליינ ווי א קינד די ערשטע מער

פֿון אַלץ געווען פֿאַרכאַפּט מיט דער „לעקציע וועגן וואַסער“, וואָס זי האָט געהאַט בעדייע צו באַקומען און צו געבן די קינדער. אָפּשטעלנדיק זיך אויף יעדן טריט, באַטראַכטנדיק די בעקערײַ, דאָס בעדל, דעם פּאַשעטן וואַסערלייטונג־קראַן, די געבײַדע פֿאַר מיליציע, די סטאַנציע, די שמידערײַ, זײַנען זיי געגאַנגען ניט קיין פֿופֿצן מינוט, נאָר אַ גוטע האַלבע שעה, ביז ס׳האָט זיי ענדלעך אַן אַרבעטער ניט באַוויזן דעם מעכאַנישן וואַרשטאַט. ס׳האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן ניט פֿאַר קיין גרינגער זאַך אַרויסצורופֿן דעם פֿאַרוואַלטער מיט דער ווירטשאַפֿט און זיך דערשלאָגן בײַ אים עפּעס. פֿאַר דערדאָזיקער צײַט איז אין דעם מעכאַנישן זייער אַסאַך פֿאָרגעקומען. נאָך דעם סעקרעטאַרס רעדע האָט מען ניט געקענט אָפּשטעלן דעם שטראָם פֿון די, וואָס האָבן זיך געוואָלט אַרויסזאָגן מיקויעך דעם רעזשים אויפֿן באַצירק,— אײַנעם טאַבאַק־רויך איז כּאַווער פּאָקריקאָווס קײַלעכיק געזיכט זיך צעשוווּמען, אַזוי־ווי ער וואָלט גאָר אויף דער וועלט ניט געווען. קיינעם איז ניט אײַנגעפֿאַלן צו שוינען דעם כּאַווער פּאָקריקאָווס אויערן און נערוון. אַפֿילו דער אַלטער פֿלאַפֿלער, דער שפּיטאָל־דאָקטער, איז אויך אַרויסגעקראָכן מיט פּאָלעמיק, פּאָכענדיק מיטן אָרעמען רייסטער פֿונעם נישטיקן אינווענטאַר און קלאָגנדיק זיך אויף קאַרגקייט. אַפֿילו דער מיליציע־שעף אַוואַק האָט דערמאַנט זײַן באַליידיקונג, נאָר אַרעולסקי האָט ניט־פֿאַרשטייענדיק זיך אומגעקוקט און איז אַלץ געשטאַנען צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט און האָט געוואַרט, ווען וועט מען אים אַרויסרופֿן. נאָר אַרעולסקין האָט מען פֿאַרגעסן. ענדלעך איז געקומען די מינוט, ווען ס׳איז אופֿגעשטאַנען דער פֿאָרזיצער פֿון דער קאָמיסיע פֿון א.פּ.אי. זײַן רויִקע האַנט, ענלעך אויף דער האַנט פֿון אַ געניטן פֿעלדשער אָדער פֿון אַ באַרעמהערציקער שוועסטער, האָט אַ קנאַק געטאָן מיטן פֿאַרוקער אויף דער דאָקטערשער וואָג. איבערהאַקנדיק די דריבנע כוואַליעס פֿון די דעבאַטן, דאָס הוידן זיך פֿון די דינסטע ניט־גלײַכגעוויכטן, האָט ער אײַנגעשטעלט די פּינקטלעכע וואָג פֿון דער דערשײַנונג:

— און איצט...— האָט געזאָגט דער פֿאָרזיצער פֿון דער קאָמיסיע.

מ׳האָט באַשלאָסן, אַז די אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג זאָל פֿון זיך זעלבסט זיך פֿאַרוואַנדלען אין דער ערשטער פֿאַר דעם האַלבן יאָר פּראָדוצירבאַראַטונג, און אָנהייבן זאָל זי זיך מיט דעם צוגעזאָגטן גרויסן פֿאָרטראַג פֿון דעם נײַעם שעף פֿון מיזינגעס, דעם הויפּט־אינזשענער. די צעהיצטע און מידע מענטשן האָבן זיך אָפּגעזאָגט פֿון אַן איבעררײַס.

אויף בײַ עמעצן איז די אָנשטרענגונג יאָ איבערגעגאַנגען אין אַ דריבנעם ניט־ווילנדיקן, געגנעץ, האָט אַ נײַער אומשטאַנד אים צוגעגעבן מונטערקײַט. דער נײַער אומשטאַנד אין דער פּערזאָן פֿונעם קליינינקן סורענען האָט זיך דורכגעשאָסטעט אין טיר אַרײַן. בײַ סורענען האָט שוין לאַנג זיך אָפּגעריסן דאָס זאָקנבענדל און ס׳איז אַראָפּגעפֿאַלן דאָס זעקל. ער האָט מיט ביידע אויגן געקוקט אויף די ווערסטאַקעס און אויף די מענטשן, וואָס אונטער די קעסטלעך. נאָר סורענען איז איינזאַם ניט געבליבן. די טיר פֿונעם מעכאַנישן האָט זיך צעפּראַלט, די דערלויבעניש איז געגעבן געוואָרן, און די מענטשעלעך האָבן זיך אַרײַנגעקײַקלט ווי אַ לעבעדיקער שטראָם פֿון קליינע ענערגיעס און האָבן איבערגעשלאָגן די מידקײַט פֿון די גרויסע מענטשן. זיי האָבן זיך צעזעצט אויף די הענט און אויף די קני, זיך אַרופֿגעקראַבקעט אויף די פֿענצטער און באַזאָטלט די מעכאַנישע ווערסטאַקעס. די לערערן, אַ צופֿרידענע ביז דער טיף פֿון דער נשמה, איז אַרײַנגעגאַנגען נאָך די קינדער און האָט מיט ווירדע זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ טאַבורעטקע, וואָס מ׳האָט איר איבערגעוואָרפֿן איבער די קעפּ; זי האָט זיך אַפֿילו ניט געקענט ריכטן, אַז ס׳וועט אַלץ אַזוי גוט אַרויסקומען, אַז זיי וועלן טרעפֿן גלײַך אויף דעם הויפּט־פּאַרטראָג און זיי וועלן הערן — איר ווייסט וועמען, קינדער? — זי האָט שטילערהייט באַוויזן אויף דעם ניט־אָנזיכטיקן שוואַרצן בוי־אינזשענער, וואָס איז געווען באַקאַנט פֿון די פֿאָטאָגראַפֿיעס.

די געשעענישן און די שמועסן פֿון די דרײַ טעג האָבן אָפּגערוקט די הויפּט־טעמע. דער בוי־אינזשענער האָט, זיצנדיק אינעם מאָסקווער האָטעל, איבערגעלעבט די דאָזיקע הויפּט־טעמע, ווי די איינציקע רעאַלע זאַך. ער האָט אַ האַלב יאָר געלעבט מיט דעם הידראָצענטראַל, און דער באַציִרק, וווּ עס זײַנען פֿאַרלייגט געוואָרן די ערשטע שטיינער פֿון הידראָצענטראַל, האָט ווייניקער פֿון אַלץ וועגן איר געטראַכט, — אַזאַ איז אין טאָג געווען דער עמעס, וואָס דעם בויערס מידע אויגן האָבן איצט געזען פֿאַר זיך. נאָר דאָ איז קיינעמס שולד ניט געווען. אַפֿילו פּאָקריקאַוון האָט ער ניט באַשולדיקט, — פּאָקריקאָוו איז געווען אַ פּראָדוקט פֿון דעם גאַנצן פּעריאָד פֿון פּלאָנטעריניש און פּאַניק, פֿון אומבאַשטימטקײַט, פֿון אויסווײַכנדיקע דירעקטיוון, ער האָט געטאָן וואָס ער האָט געקאָנט. „אַ יונגערמאַן, — האָט מיט אַ פֿאַרענטפֿערונג אַ טראַכט געטאָן דער הויפּט־אינזשענער, קוקנדיק אין דער זײַט, ווו פּאָקריקאָוו איז געזעסן, — אַזוי־ווי אין דער יוגנט אַליין וואָלט שוין געווען גענוג פֿאַרענט־

פערנדיקע אומשטאנדן. נאָר איצט האָט ער מיט א האסטיקער באוועגונג אָפּגערוקט די פּאפּירן. ער האָט געדארפט ארײַנלאָזן אפן באצירק די הויפּט־פּערזאָן פון דער האנדלונג.

2

דער פּאָרטראג פון דעם בויער.

— אין דעם ערשטן פּראָעקט, ווי איך איז באוווסט, איז פארטראכט געווען א הערבליע פון הויכן דרוק אף זיבן און דרײַסיק מעטער די הייך. ווען דער פּראָעקט איז אָפּגעפאלן, ווײַל דער גרונט האָט זיך ארויסגעוויזן א צו שיטערער, און אף אזא גרונט איז געפערלעך צו שטעלן א הויכע הערבליע, איז פאר אונדז אופגעקומען אן אופגאבע: אף וואָס פאר אן אויפן זיך דערשלאָגן א גרויסן דרוק אָן א הויכער הערבליע. נאָר פריער, כאווײַרים, עטלעכע ווערטער מיקויעך דעם פריערדיקן פּראָעקט—ער האָט ערשט איצט זיך געכאפּט, אז פאר אים זיצן קינדער, וואָס האָבן צוטרויִלעך זיך צעזעצט בא די ארבעטער אף די קני, און אפילע גאָר קליינע קינדער. די ארבעטערס פּענעמער זײַנען ניט אף קיין סאך אוועק פון דידאָזיקע קײַלעכיקע אופמערקזאמע קינדערשע פּענעמער. דער הויפּט־אינזשענער איז געווען א קלוגער מענטש, ער האָט געשעמט פאר אן „אָריגינאל”. דער טראפּארעט האָט איבער אים קיין מאכט ניט געהאט. זײַן פּאָרטראג, ווי אלע אזוינע פּאָרטראגן, איז געווען א שטרענגער באריכט־פּאָרטראג, איז געווען טרוקן, כאָטש צוגעפּאסט צו דעם ניוואָ פונעם צוהערער. אין אן אנדער מינוט וואָלט דער פּאָרטראג אראָפּ, ווי א שפּאָנע אין דער האנט פון א זעצער, נאָר איצט,—דער אינזשענער האָט עס געפילט,—איז נייטיק עפּעס אנדערש, עפּעס ציווילס, ווי ס'וואָלט זיך אויסגעדריקט א מיליטער־מאן, באשטימענדיק דערמיט א פרעמדע, צו זיך קעגנזעצלעכע וועלט. ווי אן אָפּקלאנג פון דעמדאָזיקן „ציווילן”, האָט נאָך אין דעם בויער אליין געברענט דער ניט־איבערגעגאנגענער פּאפּאָס, ער איז געווען פול מיט פּריוואטע אייגענע געדאנקען, מיט ברייטע, אין דער ארבעט געפונענע פּאראלגעמיינערונגען, ער איז געווען פול מיט זעונגען פון דער צוקונפט, וועגן וועלכער ער האָט מיט קיינעם ניט גערעדט און האָט קיין מעמוראנדומס ניט אָנגעגעבן, און דידאָזיקע זעונגען האָבן זיך ארומגעטראָגן אין אים אין דער פרײַהײַט פון פּאָשעטע געדאנקען אָן ציפערן און

טעכנישע טערמינעס. ווי א ייִנגל האָט ער זיכ פּלוצלינג דערפילט, דער הויפּט־אינזשענער, און אנשטאָט דעם געוויינלעכנ געפּרעסט פאָרמולירטנ פאָרטראג האָט זיכ אימ פארוואָלט צו זײַנ פארשטענדלעכ, ס׳האָט זיכ אימ פארוואָלט געבנ א מעגלעכקײַט איבערצולעבנ אלעמענ, וואָס זײַנענ דאָ פאראנ,—פּאָקינענ, וואָס זיצט אינ דער ערשטער ריי מיט א מיידעלע אפּ די הענט, און דעמ מיידעלע אליינ, און דעמ זשורליק שיבקאָ, און יענער אלטער פרוי דאָרט,—די ארבעטער און די קינדער, און דעמדאָזיקנ מאָדנעמ געלנ מענטשנ, וואָס איז נאָר־וואָס שטילינקערהייט ארײַנ אינעמ ווארשטאט,—געבנ א מעגלעכקײַט איבערצולעבנ דאָס, וואָס ער אליינ ווייסט טיפּ אינ קאָפּ און לעבט עס איבער, דאָס, מיט וואָס ס׳איז אָנגעצונדנ זײַנ מארכ. און פארטראכט און געטאָנ. ניט ארויסנעמענדיק דעמ שמייכל פונ פּאָנעמ, איז דער הויפּט־אינזשענער אופּגעשטאנענ פונ הינטערנ קעסטל און איז צוגעגאנ נעענטער צו די צוהערער:

— אָט וואָס וועל איכ אײַכ זאָגנ מיקויעכ דעמ פריערדיקנ פּראָעקט. ס׳איז געווענ שמועסנ, און מעגלעכ, אז איר האָט זיי אויכ געהערט, ווער רעדט נאָכ, אז ניט נאָר מיט אונדזער הידראָסטאנציע, נאָר מיט אסאכ אנדערע איז ארויס פּונקט אזא קאָנפוז,—זײַנענ געווענ שמועסנ, אז ביכלאל טאָר מענ נישט שטעלנ קיינ הויכע הערבליעס. פונ הויכע הערבליעס האָט מענ אָפּגעלאכט. מ׳האָט געזאָגט, אז מיר קלײַבנ זיכ אינ טראנסקאווקאז אָנשטעלנ דידאָזיקע הויכע הערבליעס ווו איר ווילט נאָר. און מעגלעכ, אז דידאָזיקע שמועסנ האָבנ באשאפנ בא אײַכ אזא אײַנדרוק, אז די אינזשענערנ, וואָס פארטראכטנ הויכע הערבליעס, זײַנענ מענטשנ מיט פּוסטע קעפּ, און אונדזער ערשטער פּראָעקט איז פּונקט געווענ אזא—אנ אויסגעטראכטער, א פּוסטקעפּיקער פּראָעקט. נאָר דאָס וועט זײַנ א גרײַז, כאווײרימ.

אויב איר ווילט פארשטיינ, וואָס איז אזוינס א הידראָסטאנציע, טאָ הערט מיכ אויס אופמערקזאמ. דער סאמע ערשטער און סאמע נאטירלעכסטער באגער בא בויענ א הידראָסטאנציע—אפילע ניט קיינ געדאנק, כאווײרימ, נאָר מאמעש טאקע א געפיל,—טאקע מיט דעמדאָזיקנ געפיל שיידט זיכ אונטער א אינזשענער אינ זײַנ ארבעט פונ אנ אנדער מענטשנ אינ אנ אנדער ארבעט,—דאָס איז דער פארלאנג צו שטעלנ א וואָס מעגלעכ העכערע הערבליע. איכ וועל דאָס דערקלערנ מיט א בײַשפיל. אָט איז א כאווער אנ ערדגראָבער. ווענ ער הייבט אָנ ארבעטנ

שטעלט ער זיך צום אלעם ערשטן פאר א ציל, אומבאוווסטזיניק צי באוווסטזיניק, אָנצונעמען מיט זײַן לאָפּעטע וואָס מערער ערד, פּונקט אזויפיל, וויפל ער איז בעקויעך פאר איין מאָל, אָן שאָדן פאר זיך, אופֿצוהייבן. פאַרוואָס שטרעבט ער צו אזא צאָל? קעדיי אויסצושפּילן, אַן איבעריקן מאָל ניט מאכן דיזעלבע באַוועגונג, ניט קריכן דאָס צווייטע און דאָס דריטע מאָל נאָך דערזעלבער פּאָרציע, וואָס ער קען זי צונעמען מיטאמאָל. אויב ער הייבט אָן פון דעם די ארבעט, וועל איך אײַך גלײַך זאָגן, אז דאָס איז אַן עכטער ערדגראָבער. אין יעדער זאַך איז פאראַן אזא אָנהייב, ווו דער ארבעטער — אָדער ער באַווײַזט זיך פאר אַן עכטן ארבעטער, ווײַל ער זוכט די בעסטע מאָס פון אָנשטרענגונג, אָדער ער באַווײַזט, אז ער איז פאר דער ארבעט ניט געבוירן, אויב ער זוכט ניט דידאָזיקע מאָס.

איצט וועלן מיר איבערגיין צום אינזשענער. איך זאָג, אז דער וועט קיינמאָל קיין גוטער הידראָטעכניקער ניט זײַן, ווער ס'צילעוועט זיך ניט אָן פון סאמע אָנהייב אפ א הרעבליע אַן אמעגלעכסט העכסטער אין די געגעבענע באַדינגונגען. פאַרוואָס? ווײַל באַקומען א דרוק אזא, וואָס מיר זײַנען בעקויעך צו באַקומען, דאָס איז די ערשטע מאָס פון אָנשטרענגונג פאר א הידראָטעכניקער באַם בויען א הידראָסטאנציע. אָט, הייסט עס, איז ניטאָ וואָס צו זידלען דעם אלטן פּראָעקט. ער איז אָפּגעפאלן ניט דערפאַר, וואָס ס'איז געווען א הויכע הרעבליע, נאָר דערפאר, וואָס ס'זײַנען ניט גענוג געמאכט געוואָרן קיין פּאָרארבעטן איבער דעם גרונט. און דידאָזיקע פּאָרארבעטן האָבן פארפירט דעם פּראָעקטירער.

איצט לאָמיר זיך אומקערן צו דער העכסטער מאָס פון אָנשטרענגונג, ווי איך האָב געזאָגט, צו דעם פארלאַנג צו באַקומען דעם העכסטן דרוק. איר פארשטייט, מינאסטאם, וואָס הייסט עס אזוינס דרוק? דער טײַך שטראָמט פונויבן אראָפּ, און אפ א מעהאלעך, לאָמיר זאָגן, פון צוויי טויזנט מעטער גיט ער זייער א גרויסע פאלונג, לאָמיר זאָגן, הונדערט מיט צוואנציק מעטער. נאָר אזויווי דידאָזיקע הונדערט און צוואנציק מעטער זײַנען צעצויגן אפ צוויי טויזנט מעטער, איז פון זיי קיין שום נוצן ניטאָ; שטעלט אונטער א טורבינע גלײַך אונטערן שטראָם פון אזא טײַכל, — וועט זי זיך קוים איבערדרייען. נאָר אויב מיר וועלן אין א געהעריקן פּונקט איבערצוימען דעם טײַך מיט א הויכער הרעבליע, מיר וועלן שאפן א גרויסן דרוק, און דערנאָך וועלן מיר אָפּפירן

דידאָזיקע אָנגעזאַמלטע וואַסער קימאַט לויט אַ גלײַכער ליניע, קעדיי ניט צו פֿאַרלירן אפֿן שיפּוע,—צו דעם אָרט, ווו דאָס טײַכל איז שוין דורכגעפֿלאָסן צוויי טויזנט מעטער, און אויב מיר וועלן דידאָזיקע וואַסער מיט דער הילף פֿון באַזונדערע טרויבן אַראָפּוואַרפֿן אַראָפּ, וועט זי אַראָפּ־פֿליִען אויף דער טורבינע מיט אַ שרעקלעכער קראַפֿט און וועט אונדז געבן אַ גרויסע ענערגיע. איך האָב גענומען איין טיפּ טײַכן, אונדזערע קאַווקאַזישע. ס'איז פֿאַראַן אַנדערע טיפּן, ס'איז פֿאַראַן אַזוינע, ווו וואַסער איז דאָ אַסאַך, נאָך די פֿאַלונג איז אַ קליינע. דערפֿאַר הענגט אָפּ די קראַפֿט פֿון ענערגיע ניט נאָר פֿונעם דרוק, נאָר אויך פֿון דער צאָל, פֿון דער אַזוי־אָנגערופֿענער הויצאָע,—אין אַלגעמיינעם פֿאַרגעדענקט, דאָס איז די פֿאָרמולע פֿאַר יעדער הידראָסטאַנציע: איר מעכטיקייט איז גלײַך צו דער צאָל צען געקייפּלט אויף דער צאָל פֿון דער וואַסער־הויצאָע, געקייפּלט אויף דער צאָל פֿונעם דרוק.

איך זאָג אײַך ניט אומזיסט די פֿאָרמולע,—אַ פֿאָרמולע איז גוט פֿאַר אַ גוטן דענקער פּונקט אַזוי ווי אַ קוישל פֿאַר אַ באַלעבאָסטע, וואָס גייט אין מאַרק: די פֿאָרמולע האַלט אײַן מיטאַמאָל אַלע פּראָדוקטן פֿאַרן מיטאָג אָדער אַלע באַשטאַנד־טיילן פֿון דער דערשײַנונג.

בײַ אונדז מיט אײַך איז דאָס טײַכל אַ קליין־וואַסערדיקס, וואַסער איז אין דעם ווינציק, דערפֿאַר איז די פֿאַלונג אַ גרויסע. איז קלאָר, אַז די מעכטיקייט פֿון דער הידראָסטאַנציע הענגט אָפּ אויף אונדזער טײַכל פֿון דער פֿאַלונג. און ווען מיר זאָלן קענען אויסנוצן דידאָזיקע פֿאַלונג מיט זייער אַ הויכער הערבליע, פֿאַרהאַטען דאָס טײַכל אויף פֿערציק מעטער די הייך, וועט זיך בײַ אונדז באַקומען זייער אַ מעכטיקע הידראָ־סטאַנציע. ס'דאַרף נאָר באַנק טון, וואָס בײַ אונדז איז געפֿערלעך צו שטעלן אַ הויכע הערבליע. איר האָט אַלץ פֿאַרשטאַנען? צי ס'קען זײַן, אַז איך רעד שוין צו פֿאַרשטענדלעך?

פֿאַר אייניקע איז דעם אינזשענערס רעדע אינדערעמעסן געווען צו פֿאַרשטענדלעך. נאָר דידאָזיקע זײַנען געווען באַצויבערט מיט עפּעס, וואָס האָט געקלונגען אינעם אינזשענערס טאָן: טאַקע מיט יענער „צי־ווילקײַט", מיט דער אומגעוויינלעכער פֿאָרמע פֿונעם פֿאָרטראַג, אויף וועלכן ער האָט זיך באַשלאָסן, און זיי האָבן מיט אינטערעס געוואַרט, וווהין ציט ער, דער נײַער שעף. די איבעריקע... שטיל איז בײַ פֿאָקינען אויפֿן אַקסל אַנשלאָפֿן געוואָרן דאָס קליינע שוואַרצהאָריקע מיידעלע מיט אַ צעעפֿנט מויל. אָבער די מערהײַט קינדער איז ניט געשלאָפֿן,

האָבנ געדולדיק געהערט, זיי האָבנ אופגעכאפּט אינ דער רעדע עפּעס באקאנטס און זיי זייַנען אופגעלעבט געוואָרנ בא די פּאָשעטע בייַשפּילנ. די קינדער בא אנוש מאַלכאַזיאנ זייַנען געווענ ניט קיינ פארגלייַכ צו אנדערע. סוריק איז שוינ לאַנג איבערגעגאנגענ פונ פערד צו דער סוידעסדיקער „פערד־קראפט“, סוריק האָט פעסט באשלאָסנ צו ווערנ א אינזשענער.

— ...איכ וועל אביסל אָפּטרעטנ אינ א זייַט. ווענ ס'איז קלאָר געוואָרנ, אז בא אונדז איז מיטנ גרונט נישט ווי געהעריק, און שטעלנ א הרעבליע פונ הויכנ דרוק איז ניט מעגלעכ, איז ווי שטענדיק קומט פאָר לויט דעמ שפּריכוואָרט — אז ס'גייט, גייט פונ טיר און פונ פענצטער, איינ צאָרע קומט קיינמאָל ניט אליינ, — האָבנ מענטשנ אָנגעהויבנ, און ניט פונ בייזנ ווילנ, נאָר פּאָשעט פונ דעמ געפיל פונ פּאניק, וואָס איז אינ דער טעווע פונ מענטשנ, — ארופצוּוואלגערנ אפ אונדזער אָרעמענ מיזינגעס אלע קלעצער. מ'האָט אָנגעהויבנ רעדנ: צי לוינט גאָר אינגאנצנ בויענ דעמ מיזינגעס? צוליב וואָס דארפ מענ די ענערגיע, וואָס דער מיזינגעס וועט געבנ? דער זאוואָד איז נאָכ ניט אויסגעבויט, און די איבעריקע געברויכער הענגענ נאָכ אויכ אינדערלופטנ. די סטאנציע וועט זייַנ צו א טייַערע, מיט דער סטאנציע איז שוינ דאָ אזויפיל אומאנגענעמלעכקייַטנ, און שפּעטער וועט זייַנ נאָכ מערער. דער גרונט איז געפערלעכ ניט נאָר פאר דער הרעבליע, נאָר אויכ פאר דעמ וואסער־דרוק־טונעל, פאר יענעמ טונעל, וואָס דארפ אמעגלעכסטנ מיט דעמ סאמע נישטיקסטנ שיפּוע אָפּפירנ דאָס וואסער, וואָס איז גענומענ באמ טייַכ, צו די דרוק־טרויבנ. דער גרונט איז פאר דעמדאָזיקנ טונעל אויכ געפערלעכ, ווייַל מ'וועט אימ מוזנ זייער שטארק פעסטיקנ. הייסט עס, אז ס'איז אי שווער, אי טייַער, אי געפערלעכ, אי ריזיקאליש, און ס'איז ניט זייער נייטיק צו בויענ... אָט וואָס פאר א מינוט ס'איז געווענ! איכ בינ זיכ מוידע פאר אייַכ, איכ בינ אויכ געווענ ניט קיינ גרויסער אָנהענגער פונ מיזינגעס.

מיר קלייַבנ מיט אייַכ הייַנט פאנאנדער די ניט־געזונטע אטמאָספער אפנ באצירק. איכ מיינ, אז איר פארשטייט איצט, אז ניט נאָר איר אליינ זייַנט געווענ שולדיק אינ דערדאָזיקער אומגעזונטער אטמאָספער. וואָס פאר א גוט־יאָר ס'איז געווענ אינ צענטער, אזא גוט־מאָרגנ איז אפנ באצירק. די אלגעמיינע לאַגע איז אויכ געווענ שולדיק. דאָס, פארשטייט זיכ, פארענטפערט ניט קיינ מענטשנ, נאָר דאָס דערקלערט, פארוואָס

האָבנ מענטשנ זיכ פאַריסנ. איצט איז די מינוט פאַרביי, מיזינגעס האָט באַקומענ א פולע אנערקענונג. מ׳וועט אימ בויענ. נאָר צי איז גענוג פאַר אונדז צו דערהערנ דעמ באַשלוס אונ זיכ באַרויִקנ אפ דעמ? ניינ, ניט גענוג. מיר ווילנ וויסנ, פאַרוואָס דאַרפ דער מיזינגעס געבויט ווערנ.

יעדערער פונ אונדז, באַוויירימ, אפילע דער לעצטער שווארצארבעטער דאַרפ זיינ אביסעלע אנ עקאָנאָמיסט, ווייל מיר זיינענ די באַלעבאַטימ פונ אונדזער לאַנד אונ פונ אונדזערע בויונגענ. אפילע די קינדער לערנענ זיכ באַ אונדז זיינ עקאָנאָמיסטנ: יעדער קינד לערנט זיכ אינ שול ניט אפ וועלכע ס׳ניט איז ניט-פאַראַנענע קעגנשטאַנדנ, נאָר אפ לעבעדיקע זאַכנ פונ אונדזערווירטשאַפט, אפ דער לעבעדיקער באַפעלקערונג פונ אונדזער לאַנד, וואָס איז אזוינס א דיאַגראַמע, וואָס איז אזוינס פאַרגלייכ-ווערט, וואָס איז אזוינס א קרומע, פּראָצענטנ א. אז. וו. מיט דעמ שיידט זיכ אונטער זייער לערנענ פונעמ אמאָליקנ לערנענ. איז אָט, זייענדיק עקאָנאָמיסטנ, פאָדערנ מיר, אז מ׳זאָל אונדז דערקלערנ, צי איז אינגאַנצנ קעדיי דער אייסעק, צי לוינט אונדז צו בויענ דעמ מיזינגעס. אפ דעמ איז פאַראַנ אנ אלגעמיינער ענטפער אונ ס׳איז פאַראַנ א באַזונדערער, א פּראַט-ענטפער. יעדער בויונג, וואָס האָט א זינ, איז פאַר אונדז געוווּנשנ דערפאַר, וואָס זי גיט מענטשנ ארבעט, זי לערנט, זי דערציט איבער, זי שאַפט נייע מענטשנ. איר זעט אפ זיכ אליינ, וויפל, אינ אלע הינזיכטנ, איר האָט זיכ אויסגעלערנט פאַר דעמדאָזיקנ קורצנ האַלבנ יאָר אפ דער בויונג, וואָס האָט זיכ נאָכ ווי געהעריק ניט אָנגעהויבנ, אונ ווי איר האָט אָנגעהויבנ מערער צו פאָדערנ. יעדער בויונג, וואָס האָט א זינ, הייבט אופ די ספּעציפישע וואָג פונ דער עקאָנאָמיק אונ פונ אונדזער מאַכט אונ דערנעענטערט אונדז צומ סאָציאַליזמ. דאָס איז דער אלגעמיינער ענטפער. אפ דעמ איז פאַראַנ א דערווידערונג: געלט האָבנ מיר ניט קיינ סאַכ, אונ פונ די בויונגענ דאַרפנ מיר אויסקלייבנ אזוינע, וואָס זיינענ אונדז נייטיק אינ דער ערשטער ריי. דאָ דאַרפנ מיר זיכ דערמאָנענ, אז דער איקער פונ אלע איקערס אינ אונדזער לאַנד איז עלעקטריפיקאַציע. אָנ ברויט קענ מענ ניט ארבעטנ, אונ פאַר א מאַשינ ברויט דאָס איז ענערגיע, וואָרעמ ענערגיע, עלעקטרישע, הידראָעלעקטרישע, וואַסער-ענערגיע קאָסט ביליקער פונ אלע. איבערכאַזערנ דעמדאָזיקנ אלעפּבייז איז שוינ זיכער איבעריק. איר ווייסט אליינ, אז אינ טראַנסקאַווקאַז זיינענ דאָ גרויסע

רעזערוונ הידראָענערגיע, מ׳דארפ זיי אלע אויסנוצנ אונ אָפּגעבנ דעמ לאנד, ווײַל זיי זײַנענ דער גרונט פונ דער קינפטיקער אינדוסטריע. צווישנ דידאָזיקע טײַכ־רעזערוונ פארנעמט אונדזער זשוואווע מיזינקע ניט דאָס לעצטע אָרט. בײַקומענ זי טעכניש — דאָס איז אנ אופגאבע א דאנקבארע, ווײַל די מיזינקע וועט געבנ ביליקע ענערגיע. מיקויעכ געברויכערס לוינט אפילע ניט צו רעדנ. איר ווייסט, וויאזוי עס קומט פאָר אינ אונדזערע פלאנ־אויסרעכענונגענ, ווי אפ א באלקאָנ אָנ פייגלענ. פרוווט אָנשיטנ גערשטנ אפ דעמדאָזיקנ באלקאָנ, וועט אָנפליענ אזויפיל פייגל, אז איר וועט אפילע ניט פארשטיינ, פונוואנענ נעמענ זיי זיכ. קוימ וואָס מיר באווײַזנ צו פלאנירנ א הידראָסטאנציע, אונ די געברויכערס דרייענ זיכ שוינ איבער אונדזער פלאנ ווי א טשאטע פייגל. ס׳איז פאראנ זייער וויכטיקע געברויכערס אויכ בא דעמ מיזינגעס, אונ דער סאמע וויכטיקער איז דער זאוואָד פונ אזאָט־באגיטיקונגענ, דער ערשטער אינ פארבאנד. וואָס שײַעכ באגיטיקונגענ, שטייענ מיר שיר ניט אפנ לעצטנ אָרט צווישנ די איבעריקע לענדער, אינ דער צײַט, ווענ מיר ווילנ אופהייבנ אונדזער לאנדווירטשאפט, מיר ווילנ פאראלגעמיינערנ די מעטאָדנ פונ באארבעטנ די ערד, מיר ווילנ באקומענ פונ דער ערד פיל מאָל מערער ווי איצט, אונ דאָס קענ מענ אָנ קיינ באגיטיקונגענ ניט דערגרייכנ, אונ קיינ באגיטיקונגענ איז בא אונדז ניטאָ. איז אָט נעמענ מיר וואסער, דידאָזיקע וואסער צווינגענ מיר צו ארבעטנ; זי גיט ענערגיע, מיט דער הילפ פונ דער ענערגיע וועלנ מיר אויסארבעטנ פונ דער לופט אזאָטישע פראָדוקטנ, אונ דערדאָזיקער אזאָטישער פראָדוקט וועט גיינ אינ דער ערד, קעדיי צו געבנ איר מערער דערנערונג־זאפטנ. דידאָזיקע זאפטנ וועלנ אונדז געבנ מערער ברויט, אונ דעמ ברויט...

— וועלנ מיר אופעסנ, — האָט אופכאפנדיק זיכ, הויכ אונטערגעזאָגט דאָס שווארצהאָריק מיידעלע: זי האָט דערפילט הונגער.

אינ זאל האָט מענ זיכ צעלאכט. דער געלעכטער האָט ווי אנ אריינשפריצונג פונ קאמפער אופגעהויבנ די אופמערקזאמקײַט בא דעמ, וועמ ס׳איז מיד געוואָרנ. גראָד אינ דעמ מאָמענט האָט דער הויפט־אינזשענער פארשטאנענ, אז אלגעמיינע פראזעס, אפילע ווענ זיי זײַנענ בייטיק אונ זיי זײַנענ אמגרינגסטנ צומ פארשטיינ, — מידנ זיי אײַנ אסאכ שטארקער איידער דאָס, וואָס ס׳האָט פאר אימ אויכ פאָרגעשטעלט דעמ גרעסטנ אינטערעס.

— איך וועל איבערגיין צו דעם פראַט־ענטפער־פּאַרוואָס דאַרפן מיר בויען דעם מיזינגעס,— האָט ער געזאָגט, ווען ס'איז שטיל געוואָרן דער געלעכטער.

3

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און האָט בײַ אַ מינוט געזוכט, פון וואָס איז בעסער אָנצוהייבן. ס'האָט אים אַרומגעכאַפּט זײַן אייגענע פאַרבאָרגענע אופרעגונג, ווי ס'טרעפט זיך, ווען מ'רעדט וועגן אַ געליבטן מענטשן.

— שטעלט זיך פאָר, אַז פאַר אײַך ליגט די מאַפּע פון אַרמעניע...— האָט ער אָנגעהויבן, און די אַלטע לערערן האָט אַ ציטער געטאָן בײַ זיך אויף דער טאַבורעטקע.— איר קענט לײַכט אונטערשיידן צוויי ראַיאָנען— צאָפן און דאָרעם. אויף צאָפן זיצן מיר איצט, און אויף דאָרעם איז יעדערער פון אײַך זיכער געווען, ער ווייסט דאָס הויכלאַנד מאַסיס, די גרויסע, ליידיקע, אָנוואַסערדיקע שטרעקעס, די רײַכסטע וואולקאַנישע ערד, אויף וועלכער ס'קאָן זײַן אַ גערעטעניש, אויב מ'זאָל זי גוט באַגיסן, ממש אַן אומנאַטירלעכע. די פראַגע וועגן באַוואַסערונג איז געוואָרן די הויפּט־אויפגאַבע פון דאָרעם. נאָך מערער, אויף דאָרעם פאַרנעמט מען זיך זינט די וועלט שטייט מיט באַוואַסערונג. דאָרט וועט איר אומעטום געפינען שפּורן פון קאַנאַלן, און ס'איז פאַראַן אַזוינע פאַרצײַטיקע קאַנאַלן, מיט וועלכע מ'באַנוצט זיך נאָך ביז איצט. נאָר דאָרט, ווו ס'איז פאַראַן אַ הערבליע, דאָרט קענען מיר אויך האָבן הידראָענערגיע. אין אויסלאַנד, צום בײַשפּיל, אין דער שווייץ, אין שוועדן, דאָרט האָט מען שוין לאַנג פאַרבונדן די באַוואַסערונג־אויפגאַבע מיט דער ענערגעטישער. און איינע און דיזעלבע וואַסער גייט אי אויף די פעלדער, אי אויף דער טורבינע. אַ נוצן באַקומט זיך דערפון אַ ריזיקער: אַ טייל פון די קאַפּיטאַלע אײַנריכטונגען איז אַן אַלגעמיינע. ס'איז אַלציינס, ווי אַז מ'דינגט אין צווייען איין פורל. פאַרשטענדלעך? אי ס'איז ביליקער, אי צײַט גייט אַוועק ווינציקער. נאָר: ס'איז פאַראַן איין „נאָר". די ענערגיע, וואָס איר באַקומט פון אַזאַ קאָמבינאַציע, איז זייער ניט קיין גלײַכמעסיקע, זי האָט אַ סעזאָן־כאַראַקטער. אינדערעמעסן: אָט שטייט אַ הערבליע, פון איר גייט אַ קאַנאַל, בײַם עק פונעם קאַנאַל, לאָמיר זיך פאָרשטעלן, איז אַ סטאַנציע, פונעם קאַנאַל צעגייען

זיכ אסאכ שליוזירטע קאנאווקעס אָדער אנ אנדער קאנאל. דידאָזיקע קאנאווקעס אָדער דערדאָזיקער קאנאל נעמענ אונ צעגיבנ וואסער יעדער דעסיאטינע ערד, וואָס ליגט אפנ וועג. וואָס קומט אָנ די טורבינעס? קימאט גאָרנישט. נאָר אָט איז דער פרילינג אונ דער זומער אוועק, די ערד האָט אָפגעהאט, קיינ שום באגיסונג קומט שוינ מער ניט פאָר, די גאנצע וואסער לויפט איבערנ הויפט־קאנאל אונ ווערט אינגאנצנ ארויסגעוואָרפנ אפ דער טורבינע: אינ רעזולטאט: פרילינג אונ זומער האָבנ מיר קימאט גאָרניט קיינ ענערגיע, אונ ווינטער האָבנ מיר אסאכ. דאָ מאכט נאָכ אונדזער ענערגיע דעמ מענטשנ, אוג מ׳קענ זי אָנרופנ א פויערטע, א סעזאָנ־ארבעטערנ: זומער גיט זי אָפ איר קראפט די פעלדער, אונ ווינטער פאַרדינגט זי זיכ צו ארבעטנ אפ דער פאבריק.

נאָר איר ווייסט אליינ, אז סעזאָנ־ארבעטער זײַנענ ניט קיינ זיכערע אוילעמ. אפ קיינ סעזאָנ־ארבעטער וועסטו ווײַט ניט פארפאָרנ. אפ סעזאָנ־ענערגיע וועסטו אויכ ווײַט ניט פארפאָרנ. פאר זאוואָדנ, פאר פאבריקנ, פאר באלײַכטונג אונ פאר באהייצונג אונ פארנ טראנספאָרט איז נייטיק באשטענדיקע ענערגיע. וואָס־זשע טוט מענ דאָ? אָט וואָס: לאָמיר א קוק טונ, וואָה פאר א ענערגיע וועט אונדז געבנ די מיזינקע...

— זומערדיקע,— האָט מענ געענטפערט פונעמ אוילעמ.

— נו, פארשטייט זיכ, זומערדיקע, אפילע פרילינגדיקע. גראָד אינ דער צײַט, ווענ אונדזערע פעלדער זײַנענ אומ פרילינג אמערסטנ דאָרשטיק נאָכ וואסער, אינ דער צײַט טראָגט דורכ די מיזינקע איר העכסטנ געוויסער, אזא ווי איר האָט ערשט ניט לאנג געזענ. דערפאר ווערט זי ווינטער אויסגעמאָגערט, אונ ווי מיר זאָלנ ניט רעגולירנ אונדזערע סטאנציעס מיט דער הילפ פונ פארגרייטע רעזערוווארנ וואסער, וועט פאָרט בא אונדז ווינטער זײַנ ווייניקער ענערגיע איידער זומער. איז אָט באקומט זיכ א נויטווענדיקײַט: קעדיי צו באקומענ גלײַכמעסיקע הידראָענערגיע, דארפ מענ אויסבויענ א ריי סטאנציעס אפ די צאָפנדיקע טײַכלעכ, אפ דער מיזינקע אונ אפ דעמ באמבאקטשײַ, וואָס פילנ ניט אויס קיינ באוואסערונג־ארבעט, קעדיי צו ברענגענ אינ גלײַכגעוויכט די דאָרעמדיקע אונ די צאָפנדיקע ענערגיע מיטנ שאפנ א גוט פאנאנדערגעארבעטנ ריכטיקנ ארמענישנ קושטש. נאָר אזויוי ניט נאָר ארמעניע אליינ, נאָר גאנצ טראנסקאווקאז האָט ראיאָנענ לאנדווירטשאפט־

לעכע און הויכבערגיקע, האָט באַוואַסערונג־קניפּנ און ענערגעטישע קניפּנ, קענ דער אַרמענישער קושטש זיכ אַרײַנגיסנ אָרגאַניזירט אינ דעמ טראַנסקאַווקאַזישנ קושטש, און דאָ שטייט פאַר פאַר אונדז אַלעמענ — פאַר טעכניקער און פאַר אינזשענערנ, פאַר עקאָנאָמיסטנ און פאַר אַרבעטער און פאַר אײַכ, קינדער, קינפטיקע בויער, אַזויפיל אַרבעט, אַז ס'וועט קלעקנ אַפנ לעבנ פונ עטלעכע מענטשלעכע דורות. קומט אויס, אַז די הידראָסטאַנציע איז ווי אַ מענטש. קאָלזמאַנ זי אַרבעט אַליינ, איז איר ווערט ניט קיינ גרויסע, און איר זינ איז אַ שמאָלער, און ווענ זי שליסט זיכ צונויפּ מיט אַנ אַנדערער, גיסט זיכ אַרײַנ אינ אַ קאָלעקטיוו, איז פונ איר מער נוצנ פאַר אַנדערע, און זי אַליינ באַקומט פונ די אַנדערע אויכ מער נוצנ. און אויסער דעמ...

דאָ האָט ער זיכ צעלאָזט מיט לירישער דערהויבונג.

— אויסער דעמ, כאַווײרימ, איז דאָס קושטשעווענ אינ די גרענעצנ פונ דעמ סאָוועטנלאַנד, אינ די ראַמענ פונ דער סאָוועטישער געזעצגעבונג, וואָס גיט אונדז די מעגלעכקײַט צו בויענ אַ געבונדענעמ פּלאַנ פונ דער גאַנצערווירטשאַפט, — אַזאַ מינ קושטשעווענ איז צוציִענדיק, אינטערעסאַנט, איז נאָכ לאַכלוטנ ניט אויסגעלערנט און האַלט פאַרבאָרגנ אינ זיכ קאָלאָסאַלע אַנטדעקונגענ אַפנ טעכנישנ און עקאָנאָמישנ געביט, און וועט אונדז געבנ אינ די הענט אַזאַ קראַפט, וואָס קיינ ענלעכע צו איר איז באַ קיינעמ אינ דער אַלטער וועלט ניט געווענ. ס'לוינט אַ האָרעווע צו טונ צוליב דעמ, אַ?... ס'לוינט זיכ נעמענ פאַרנ מיזינגעס, אַראָפּרײַסנ אַ צווײַגל פאַר דעמ צוקונפטיקנ קושטש, — ניט ריכטיק?

די קינדער זײַנענ שוינ מיד געוואָרנ און זײַנענ אײַנגעשלאָפנ. מיט אַ זיפּצ איז אַנוש אופגעשטאַנענ פונ דער טאַבורעטקע און האָט אָנגעטאַפּט לעבנ זיכ מיט דער דלאָניע דאָס ערשטע צעקאָשמעטע קעפּל, — די קינדער האָבנ זיכ צונויפגעצויגנ ווי הינדעלעכ צו דער לערערנס פּאָלע. דעמ עמעס זאָגנדיק, איז איר, דעמ גרויסנ קינד, אַ שאָד געווענ אָוועקצוגיינ פונ דעמ אָנציִענדיקנ פאָרטראַג, ווײַל באַלד וועט זײַנ די סאַמע ספּעציִעלע טייל, דער נײַער פּראָעקט. נאָר די קלענערע קינדער האָבנ געפאָדערט איר האַשגאָכע, און הינטער דער טיר האָט געוואַרט אַפּ איר מאַרדזשיק. זי האָט זיכ אַ סוידע געטאָנ מיטנ קאָמענדאַנט און איז אַדויס פונעמ וואַרשטאַט אינ דער באַגלייטונג פונ איר גאַנצער אײַנגעמידטער אַרמיי. דאַנ האָט דער הויפּט־אינזשענער

איבערגעביטנ דעמ טאָנ אונ דעמ מעטאָד אונ האָט פארענדיקט דעמ פאָרטראג.

דער לעזער איז, קענ זײַנ, מיד געוואָרנ, ווי אנוש מאלכאזיאַנס קינדער. אונ דער אווטער, פונקט ווי די אלטע לערערנ, פילט מיט א פארדראָס אינ הארצנ, ווי עס טריקנט דעמ לעזערס אופמערקזאמקײַט, ווי ס'קלעפנ זיכ די אויגנ אונ זאָגנ דעמ בוכ „געגנוג״,—ניט פאר יעדערנ איז דאָכ טעכנישער אינזשענער ענלעכ אפ א זשמעניע טײַערע שטיינער, וואָס דו קלײַבסט זיי איבער אונ קענסט זיכ זאט מיט זיי ניט אָנקוקנ! נאָר מ'דארפ פונדעסטוועגנ דערמאנענ פאָקינענ: אינגאנצנ שײַנענדיק, קוקט ער דעמ שעפ פונ דער בויונג אינ מויל ארײַנ, ווענ יענער באשרײַבט דעמ קאָמפליצירטנ אונ שארפזיניקנ פראָעקט, דעמ אײנציקנ אפנ גאנצנ פארבאנד. אינגאנצנ שײַנענדיק וועט ער אומגעריכט באגעגענענ נאָכ דעמ פאָרטראג די באקאנטע ליבע, צעבראָכענע ברילנ פונעמ געלנ אונ וועט אומבאדינגט פונ סימכע אונטערכאפנ דעמ געלנ, קעדיי אוועקצולויפנ מיט אימ צוזאמענ אפ יענעמ ברעג צו צעלאדזענ. א שאָד, צעלאדזע האָט ניט געהערט:

— א גרויסארטיקער וואסערדרוק־טונעל! מיר וועלנ אימ נעמענ מיטאמאָל אינ זעקס ארבעט־ערטער—אונ אנשטאָט דער הרעבליע,—א וואלצנשליוז, א פעמפעק אזא פונ זעקס מיט א האלבנ מעטער אפ א בעטאָנענעמ בעט... בעטאָנ־ארבעט אליינ וועט זײַנ ביז דרײַסיק טויזנט קובאָמעטער. פײַנ פאר אונדזערע ערטער, צעלאדזע, א ?...

אונ דער אפ ווערטער קארגער גרוזינ וועט מיט זײַנ שטילער שטימ ענטפערנ פאָקינענ:

— זעסטו, פאָקינ, א ריכטיקער אָנהייב איז אינ טאָכ די ערשטע זאכ פאר אנ איניענ. אונ פאקטיש אָבער קומסטו צומ ריכטיקנ אָנהייב שטענדיק שפעטער, פאקטיש לערנט אונדז דעמ ריכטיקנ אָנהייב ערשט די מיט אונ אפילע דער סאָפ פונ דער זאכ. נעמ בעטאָנ, מיר האָבנ געדארפט דורכגייִנ דורכ דער פראקטיק, שאפנ א ווּיסנשאפט וועגנ פראָעקטירנ בעטאָנ, אונ ערשט איצט ווייסנ מיר פונ וואָס אָנצוהייבנ בא בעטאָנ... אזוי איז דאָס אויכ מיטנ פראָעקט. אזוי איז דאָס אויכ מיט אונדזער גאנצנ לעבנ!

1928—1931

דזאָראגעס

אינהאלט

זײַט

מאריעטע שאגיניאן (פון א. סטארטשאקאָוו)

I. די ארבעט־בירזשע ... 15

II. א וועטשערע מיט א פארקניפ ... 35

III. פרימאָרגנ ... 56

IV. די אײַזנבאנ ... 84

V. הידראָבוי ... 112

VI. דער געריכט איבערנ ארבעטער ... 141

VII. פאפירלעכ ... 172

VIII. די העלדנ פונעמ ראָמאנ ... 201

IX. דער בארג קאצ ... 234

X. דער פראָעקט פונ מיזינגעס ... 265

XI. מארקס אונ ווײטלינג ... 301

XII. דאָס געוויסער ... 332

XIII. די פאָרארבעט־פארטיע ... 364

XIV. א. פ. אי. אפנ באציִרק ... 391

XV. דער בריק ... 418

XVI. הידראָצענטראל ... 441